STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08640

MASOES BINYOMIN HASHLISHI; FISHKE DER KRUMER

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מענדעלע מויכער-ספאָרים

מאַסאָעס בּיניאָמין האַשלישי

•

פּישקע דער קרומער

•

מעלוכע-פאַרלאַג
פון קינסטלערישער ליטעראַטור
מאָסקווע 1959

צונויפגעשטעלט

ל. יודקעוויטש

פּאָרטרעט, געמעלנ

פונ קינסטלער מ. גאָרשמאנ

הילע, טעקסט=צייכענונגענ

פונ קינסטלער ג. קראווצאָוו

מיט מענדעלעס נאָמענ איז פארבונדנ דער אָנהײב פונ דער נײַער יִדישער ליטעראַטור. מענדעלע מוכער-ספָרים איז אויכ דער גרונטלייגער פונ דער ליטעראַרישער יִדישער שפּראַכ. ער האָט אומגעהײַער פארברייטערט די נאַציאָנאַלע ראַמענ אונ מעגלעכקײַטנ פונ דער ליטעראַטור אונ פונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ. שוינ דאָס אַלײנ וואָלט גענוג געווענ, אז זײַנ היסטאָרישער באַטײַט זאָל פארהיט ווערנ אפ שטענדיק.

מענדעלע איז געוואָרנ דער גרונטלייגער פונ א ליטעראַטור, ווײַל ער איז דער ערשטער אינ דער יִדישער ליטעראַטור געקומענ אַלס גרויסער קינסטלער פונעמ פאָלק, פונ די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע מאַסנ, וואָס האָבנ געליטנ פונ ווילדע רעשטנ פונ מיטלאַלטער, פונ שוידערלעכנ ווילקיר פונ גזוירימ אונ קלע-ריקאַלנ, פונ פינצטערקײַט אונ אומוויסנ, פונ נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט אונ רעליגיעזע פאָרורטײלנ. אינ זײַנע קלאַסישע ווערק „דאָס קלײנע מענטשעלע“, „פישקע דער קרומער“, „מאַסאָעס בינימינ האַשלישי“, „דאָס ווינטשפינגערל“, „די קליאַטשע“, „שלומע רעב כאַימס“ אונ אַנדערע האָט ער געשאַפנ דאָס בילד פונעמ יִדישנ פאָלקס-לעבנ אינ רוסלאַנד אינ דער מיט פונ XIX יאָר-הונדערט. אינ נאָמענ פונעמ פאָלק האָט ער שאַרפ אונ אומבעראַכמאָנעסדיק פא-רורטײלט די אונטערדריקער פונ די פאָלקס-מאַסנ; ער האָט פארשטעמפּלט אונ צוגענאָגלט צומ שאַנד-סלופּ די רעדלפירער פונ יִדישנ קאָהאָל, האָט גערופנ די מאַסנ פּראָטעסטירנ אונ קעמפנ קעגנ אונטערדריקונג.

גרויס אונ טיפ איז געווענ מענדעלעס ליבע צו די פאָלקס-מאַסנ. מיטנ גאַנצנ האַרצנ האָט ער געשטרעבט צו זענ זיי גליקלעכע. נאָר ער האָט גוט פאר-

שטאַנען, אַז דער וועג צו גליק איז ניט קיין לײַכטער און ניט קיין גלאַטער. מענדעלע האָט געוווסט, אַז מע טאָר ניט פאַרשווײַגן די פאַרקריפּלטע דערשײַנונגען פונעם סאָציאַלן לעבן, מע טאָר ניט פוצן די ווירקלעכקײַט, מאָלן זי אידיליש און ראָמאַנטיש, פאַרגלעטן און פאַרשמירן די ווידערשפּרוכן, אָדער אָפּווענדן זיך פון דער ביטערער ווירקלעכקײַט, אָפּקערן זיך פון איר און אַוועקפליִען אין ווײַטע הימלען, זוכן פאַנטאַסטישע גליקן. מענדעלע האָט אויסגעלאַכט די העברעיִשע מעליצע-שרײַבער, וועלכע זײַנען געווען אָפּגעריסן פונעם לעבן. ער האָט בייז קריטיקירט ניט בלויז די אונטערדריקער פון פאָלק, נאָר אויך די פאָרורטיילן פון די מאַסן גופא, זייער דערשלאָגנקײַט און האַכנאָעדיקײַט. דערמיט האָט ער געוועקט בא זיי דאָס געפיל פון פּראָטעסט, דאָס שטרעבן צו בילדונג, דאָס געפיל פון מענטשלעכער זעלבסטווירדע און דאָס באַוווסטזײַן פון קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

מענדעלע איז אַזוי־אַרום דער גרונטלייגער פון אונדזער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, דער באַשעפער פונעם סאַטירישן סטיל פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור. די יִדישע שרײַבער האָט ער גערופן צו פאַרבינדן זייער שאַפונג מיטן לעבן און מיטן גורל פונעם פאָלק. „ווירקן אויף אַ פאָלק מענטשן — האָט מענדעלע געשריבן אין 1888 — קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פליש פון זייער פליש, וואָס האָט געליטן אייגענע צאָרעס, געפילט אייגענע ווייטיקן מיט זיי". און אין זײַן פּראָגראַם-ווערק „עין משפט" („מיט אַ קריטישן אויג", 1867) לייענען מיר:

„...אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שײַכעס צום פאָלק און צו זײַן נויט און וואָס ווערט פון דעם ניט באַווירקט, — קאָן אויף קיינעם ניט ווירקן. זי האָט ניט קיין אינטערעס פאַרן פאָלק און זי איז איבעריק פאַרן לעבן. די פאָלקס-מאַסע ניִדעשט זיך, וואָס אַזאַ ליטעראַטור איז גאָר פאַראַן, און פרעגט: צו וואָס איז זי, וואָס וויל זי? וואָסער הילף ברענגט זי? וואָס טוט אויף און וואָס נוצט אַזאַ שרײַבער? וואָס טויג אַזאַ סטיליסט? און די דאָזיקע שרײַבער ווערן צעטומלט און ווייסן ניט צו ענטפערן עפּעס רעכטס... ווי איז צו אַזאַ געערטן שרײַבער, מיט אָן אַן עק ביכער, אויב עס באַגעגנט אים אַ מענטש פונעם פאָלק און פרעגט אים פּראָסט, אָן כאָכמעס, די דאָזיקע פראַגע!"

מענדעלעס רעאַליסטישע שאַפונג איז קיינמאָל ניט געווען קיין קונסט צוליב קונסט. מענדעלע מויכער-ספאָרים איז ניט בלויז אַ קינסטלער, אַ מאָלער פון שיינע בילדער, פון פאַראַלגעמיינערטע און אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן, פון לעבנס-קאָליזיעס, פּייזאַזשן, שטויגער-פאַרצייכענונגען און דעטאַלן-מאָלערײַ;

מענדעלע איז אינ אלע זײַנע קינסטלערישע ווערק אויכ א דענקער, א היסטאָריקער, ער ווײַזט אונדז ניט בלויז די פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויכ די געשיכטע אונ די סאָציאַלע עקאָנאָמיע פונעמ פאָלקס־לעבנ פונ זײַנ עפּאָכע.

מענדעלע מוכער־ספאָרימ איז געווענ א טיפּישער פאָרשטייער פונ דער ליטעראַטור פונ די זעכציקער אונ זיבעציקער יאָרנ פונעמ XIX יאָרהונדערט אינ רוסלאַנד. די אידייענ פונ דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, די אידייענ פונ בעלינסקינ, טשערנישעווסקינ, שטשעדרינענ האָט מענדעלע קינסטלעריש טראַנספאָרמירט אינ די קאָנקרעטע היסטאָרישע אונ נאַציאָנאַלע אומשטענדנ פונעמ ייִדישנ פאָלקס־לעבנ. שטשעדרינס אונ גאָגאָלס סאַטירישער מעטאָד איז אויכ געווענ מענדעלעס קינסטלערישער מעטאָד. טשערנישעווסקיס מאַטעריאַליסטישע עסטעטיק וועגנ דער לערערישער אונ דערציִערישער ראָל פונ דער ליטעראַטור איז אויכ געווענ מענדעלעס עסטעטיק. ווי שטשעדרינ, וואָס האָט געשאַפנ א פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פונ דער שטאָט גלופּאָוו, האָט אויכ מענדעלע געשאַפנ דאָס געשטאַלט פונ דער שטאָט גלופּסק. לייענענדיק מענדעלעס „קליאַטשע“, דערמאָנענ מיר זיכ אינ שטשעדרינס „קאָניאַגאַ“.

מענדעלעס אויפקלערערישע, דעמאָקראַטישע אונ פּראָגרעסיווע אָנשויונגענ, זײַנ פּלעבייִשער טעמפּעראַמענט אונ שטורמישע לײַדנשאַפט אינעמ פאַרניכטנדיקנ אַנטבלויזנ דאָס בייז, די פאָלקסטימלעכקײַט פונ זײַנ סטיל אונ די גרויסע ליבע צו די אונטערדריקטע מאַסנ זײַנענ ווערטפול אונ טײַער אויכ אינ אונדזער צײַט. מענדעלעס בעסטע פאָרגעשריטענע ווערק, זײַנ ליטעראַריש־קינסטלערישע ירושה גייענ אַרײַנ אינעמ פאָנד פונ די קולטור־ווערטנ פונ דער גאַנצער וועלט.

מענדעלעס ווירקונג אפ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער ייִדישער ליטעראַטור איז קאָלאָסאַל אונ דויערט ביז הײַנטיקנ טאָג. זײַנע פאָרגעשריטענע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס זײַנענ ווי אנ עסטאַפעטע איבערגעגעבנ געוואָרנ פונ איינ דור צומ צווייטנ. שאָלעמ־אַלייכעמ אונ פּערעצ האָבנ נאָכ באַמ לעבנ פונעמ „זיידנ“ פאָרגעזעצט די דאָזיקע טראַדיציעס. די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור זעט אינ מענדעלענ אונ אינ זײַנ ליטעראַרישער ירושה איר גרויסנ לערער, וואָס האָט געשאַפנ דעמ אָנהייב פונ דער קלאַסישער ליטעראַטור אפ דער ייִדישער שפּראַכ.

ה. רעמעניק

קיצער

מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי

דאָס הייסט

די נעסיע אָדער א רייזע-באשרייבונג פונ ביניאָמינ דעמ דריטנ:

וואָס ער איז אפ זיינע נעסיעס פארגאנגענ העט ווייט, אזש אונטער די הארע-כווישעכ, אונ האָט זיכ גענוג אָנגעזענ אונ אָנגעהערט בידושימ, שיינע זאכנ, וואָס זיי זיינענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ אינ אלע שיווימ לעשוינעס אונ היינט אויכ איכ אונדזער לאָשנ

פונ

מענדעלע מויכער־ספאָרימ

האקדאָמאס מענדעלע מויכער־ספאָרימ

א מאר מענדעלע מויכער-ספאָרים, זאָגט מענדעלע מויכער-ספאָרים, געלויבט איז דער בוירע, וואָס באשטימט דעמ גאנג פונ די גאלגאלימ אינ די הימל אויבנ אונ דעמ גאנג פונ אלע זיינע באשעפעניש אפ דער ערד אונטנ. אפילע א

גרעזעלע קריכט נישט ארויס פון דער ערד, ביזוואַנען אַ מאַלעך שלאָגט עס ניט און זאָגט: וואַקס! קריך ארויס! מיקאָלשעקיין אַ מענטש, ער האָט אַוואַדע אַ מאַלעך, וואָס שלאָגט אים און זאָגט: גיי, גיי, קריך ארויס! און מיקאָלשעקיין נאָך מער די פֿײַנע מענטשעלעך, שיינע ייִדעלעך. זיי האָבן דאָך בעוואַדע לעכאָלאַפּאָכעם אַ מייע קיטעם מאַלאָכים, וואָס שלאָגן איטלעכן פון זיי באַזונדער און זאָגן אַשטייגער אַזוי: כײַקעלע, טײַערע נעשאָמע, גיי אַנטלײַ געלט, וויפֿל דו קענסט! גיי, גיי נעם אָן דאָרט בײַ די דײַטשן סכוירע, וויפֿל דו ווילסט! שפּראָץ, וואַקס, כײַקעלע, קריך ארויס, שקאָץ איינער, פון דער בלאָטע! גיי, גיי גאַנווע שטילערהייט ארויס די גאַנצע סכוירע דײַנע, פון דײַן קלייט טאַקע, און ענטפֿער דערנאָך דעם אוילעם קוימע-מיִעס!... גיי, גיי, איציקל קאָלבויניק, זײַ זיך מאַטריעך צו דײַן פּאַרעצל, מאַך עפּעס אַ מאַניפּאַרגעלע, און רוים אים דאָרט אײַן אין אויער עפּעס אַ פּיזמען אַף דעם, אַף יענעם און אַף וועמען דו ווילסט... אָדער די מאַלאָכים זאָגן אַזוי: וואַקסט, שפּראָצט, קאַפּצאָנים, אין דער שטאָט, ווי גראָז, ווי קראָפּעווע! גייט, גייט, ייִדישע קינדער, און שלעפּט זיך ארום איבער די הײַזער!.. גייט, באַלעבאַטים, איר זיצט דאָך בלויז לײדיק און האָט נישט וואָס צו טאָן, גייט זשע, גייט, באַלעבאַטים, און באַד אַרײַן!..

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסן. איך בין אויסן צו דערציילן דאָ אײַך, ראַבויסים, ווי איינער פון אונדזערע ברידער איז פאַרגאַנגען העט-העט אין די ווײַטע מעקוימעס און האָט דערמיט קוינע-שעם געווען.

אַלע ענגלישע און דײַטשישע גאַזעטן זײַנען פאַראַיאָרן פֿול געווען מיט דער וווּנדערלעכער געשיכטע, וואָס בינעאָמין, אַ פּויליש ייִדל, האָט געמאַכט אין די אַרצעס-האַמייוכאָס עריגעץ. „סטײַטש, סטײַטש, האָבן זיי זיך געווּנדערט, אַ ייִד, אַ פּוילישער ייִד, אָן קלייזײַען, אָן מאַשינעס,

נאָר מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ טאַלעסל און טפֿילין־זאַק אומעטום אַרום זאָל אָנשפּאַרן אין אַזעלכע ערטער, וווּ גרויסע באַרימטע ענגלישע רײַזנדע האָבן אַהין ניט געקענט צוקומען? ניט אַנדערש, אַז דאָס איז געשען ניט מיט קיין מענטשלעכן קויעך עפּעס, נאָר מיט אַזאַ קויעך, וועלכן דער סייכל קאָן קלאָר ניט מאַסיג זײַן, דאָס הייסט דער סייכל איז פּונקט ניט אַזוי מעקויעך, אַזוי ווי דער דאָזיקער קויעך איז ניט מעסייכל. נאָר מעבאַל־האָויפּאַנים, ווי די מײַסע איז שוין דאָרט געווען, ביניאָמינען האָט די וועלט צו דאַנקען פאַר די כידושים, גרויסע זאַכן, וואָס זײַנען דורך אים אַנטפּלעקט געוואָרן, און פון איצט אָן וועט די מאַפּע, אָדער די לאַנדקאַרטע, באַקומען גאָר אַן אַנדער פּאָנעם. ביניאָמין פֿאַרדינט מיט רעכט דעם מעדאַל, וואָס די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אין לאָנדאָן האָט אים געגעבן״...

די ייִדישע גאַזעטן האָבן די דאָזיקע רייד אויפֿגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און געהאַט דערמיט צו זינגען און צו זאָגן דעם גאַנצן פֿאַראיאָרעדיקן זומער, אַזוי ווי איטלעכן, וואָס לייענט די דאָזיקע גאַזעטן, איז באַקאַנט. זיי האָבן אויסגערעכנט אַלע כאַכאָמים, וואָס זײַנען בײַ ייִדן געווען פון אָדאָם־האָרישן אָן ביז אַצינד, ביכדיי צו באַווײַזן, וואָס פאַר אַ קלוגע פֿאָלק ייִדן זײַנען. האָבן אויך אויסגעשטעלט אַ צעטל פֿון די נויסים (רײַזנדע) אין אַלע צײַטן, פון ביניאָמינען דעם ערשטן, מיט אַ זיבן הונדערט יאָר צוריק, און ביניאָמינען דעם צווייטן מיט דער גאַנצער כעווראַ נויסים, וואָס וואַנדערן הײַנט בײַ אונדז אַרום. און ביכדיי מאַפּליג צו זײַן די נעסיעס פֿון אונדזער איצטיקן ביניאָמינען, האָבן זיי, ווי דער שטייגער איז פֿון ייִדן, דערווײַל פֿון יענע בלאָטע געמאַכט און געזאָגט, אַז די גאַנצע קנופּיע הײַנטיקע נויסים זײַנען טאַקע נאָר פּראָסטע שלעפּערס, ווייסן ניט פֿון זייער כײַעס. די גאַנצע נעסיעס זייערע, מישטיינסגעזאָגט, באַשטייט נאָר דערינען, אַרומצושלעפּן זיך ווי מעקאַבלים איבער די הײַזער, זיי האָבן אַלע אַ פּאָנעם ווי מאַלפּעס אַקעגן

איצטיקנ בינימינ, אקעגנ ביניאָמינ דעם דריטנ, דעם עכטנ עמעסנ נויסייע. זיי האָבנ אפ אימ אונ אפ די ספאָרימ, וואָס מע האָט געמאכט פונ זײַנ נעסיע, געזאָגט, ווי געווײנטלעכ, דעם געוויסנ פּאָסעק: „לא בא כבושם הזה“, דאָס טײַטש: ס'איז נאָכ אזעלכע פּסאָמימ, אזעלכע שמעקנדיקע געווירצ בא יידנ קיינמאָל נישט געווענ. געבענטשט און אײַנגעוויקלט מיט דימענטנ זאָל ווערנ דער דאָזיקער, — האָבנ זיי אלע פּע־עכאָד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעמ טײַערנ אוצער פונ ביניאָמינס נעסיע, וואָס געפינט זיכ אינ אלע פרעמדע לעשוינעס, איבערטראָגנ אויכ אינ לאָשנ־האקוידעש. נעבעכ לאָזנ יידנ, נעבעכ, אויכ פאַרזוכנ די פּאטעקע, וואָס רינט פונ יידישנ בינשטאָק, און זאָל זיי דערפונ ליכטיק ווערנ אינ די אויגנ.

וואָאני מענדעלע, און איכ מענדעלע, וואָס מײַנ קאַוואָנע איז טאָמער נוצנ צו ברענגענ אונדזערע יידעלעכ, קעפּי מײַנ מעגליעכקײַט, האָב איכ מיכ נישט געקענט אײַנהאלטנ און געזאָגט: איידער די יידישע מעכאַבערימ, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פונ מײַנע לענדנ, איידער זיי וועלנ זיכ אויסשלאָפנ ארויסגעבנ די ספאָרימ פונ ביניאָמינס נעסיע אינ לאָשנקוידעש, וועל איכ דערווײַל מיכ פּרוּווּנ כאָטש א קיצער פונ זיי ארויסגעבנ אפ פּראָסט יידיש. איכ האָב אָנגעגורט מײַנע לענדנ, ווי א גיבער, און, ווי אלט און שלאָפ איכ בינ, לוי־אלייכעמ, האָב איכ מיר פאָרט שטארקע מי געגעבנ ארויסצובאקומענ פונעמ גרויסנ אוצער אזעלכע אינייאָנימ, וואָס טויגנ פאר די קינדער יִסראָעל, און צו דערציילנ זיי פרײַ, קעפּי מײַנ שטייגער. איכ האָב עפּעס געפילט, ווי מע שלאָגט מיכ פונ אויבנ מיט די ווערטער: האָקיצא, מענדעלע, כאַפּ זיכ אויפ, מענדעלע, און קריכ ארויס פונ אונטער אויוונ! גיי, נעמ זײַנ פולע הויפנס געווירצ פונ ביניאָמינס אוצער און מאכ דערפונ פּאַטראַווע צו דײַנע ברידער, אזוי ווי זיי האָבנ ליב. איכ בינ מיט גאָטס הילפ ארויסגעקראָכנ און צוגעברייט די געשמאקע

שפּײַז, וואָס איכ שטעל איצט דאָ פאַר אײַכ אנידער. עסט, ראַבויסימ, לאָז אײַכ ווויל באַקומענ! אוביזוכום דער געסיע לאָמיר גיכ אײַנ אלע זײַטנ זיכ ווונדערנ אונ קערנ, איטלעכער קעפּי זײַנ גאַנג אונ קעפּי זײַנ באַגערנ, אונ ווענ כאַלילע איינער באַגייט עפּעס א פעלער, לאָז ער זיכ אויסדרייענ גלאַט ווי אפּ א טעלער, אונ בלײַבנ טאָמער גוט אונ פרומ אי גערעכט, אזוי ווי עס ווינטשט אײַכ אײַער געטרײַער קנעכט

האַקאַטנ מענדעלע מ״ס

דאָס ערשטע קאפּיטל

ווער דער ביניאָמינ איז, פונוואנענ ער איז, אונ ווי די נעסיִע האָט פלוצלימ צו אימ זיכ גענומענ

קאָל יאָמַי, אזוי זאָגט ביניאָמינ דער דריטער אליינ, קאָל יאָמַי ניסגאדאלטי בעטונעיאדעווקע, מַינ גאנצ לעבנ, דאָס הייסט ביז מַינ גרויסער נעסיִע, בינ איכ ניסגאדל געוואָרנ אינ טונעיאדעווקע. דאָרט בינ איכ געבוירנ גע-וואָרנ, דאָרט בינ איכ דערצויגנ געוואָרנ, אונ דאָרט האָב איכ לעמאזל באסענע געהאט אימ אישטי, מיט מַינ פלוינעסטע האצ-נוע מאָראס זעלדע טיכיע״.

טוניעיאַדערוקע, דאָס קליינע שטעטל, איז אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אַן דער זייט פונעם פּאָטשטאָווען טראַקט, קימאַט אָפּגעריסן פון דער וועלט. אַזוי, אַז ווען אַמאָל מאַכט זיך, איינער קומט אַהין צו פאָרן, עפנט מען די פענצטער, די טירן און מע קוקט פאַרוווּנדערט אָן דעם פרישן פאַר־שוין, שכיינים פרעגן איינער באַם אַנדערן, אַרויסקוקנדיק פון די אָפענע פענצטער, אַ סאַך מער ווי פיר קאַשעס: הא, ווער זאָל עס אַזוינס זיין? פון וואַנען האָט ער פּלוצלים פון דער העלער הויט אַהער זיך גענומען? וואָס קען אַזעלכער באַדאַרפן? האָט ער עפּעס נישט אַ מיין? עפּעס אַזוי גלאַט קען עס ניט זיין, גלאַט אַזוי דען נעמט מען און מע קומט! מיסטאָמע ליגט דאָך דאָ עפּעס, וואָס מע מוז עס דערגיין... דערביי וויל איטלעכער אַרויסווייזן זיין כאָכמע, זיין געניטשאַפט, און בויך-סוואַרעס פאַלן ווי מיסט. אַלטע לייט דערציילן מייסעס און ברענגען מעשאָלים פון אָרכים, וואָס זיינען אין דעם און אין דעם יאָר געקומען אַהער צו פאָרן. באַלע-האַמצאָעס זאָגן מיקוייעך דעם ווערטל, אַ ביסל עפּעס נישט קיין שיינע, מאַנצביל האַלטן זיך בא די בערדלעך און שמייכלען, אַלטע ווייבער זידלען אָפּ די באַלע-האַמצאָעס אַפּ קאַטאָוועס, מיט אַ בייזער אַי מיט אַ לאַכן אינייכעם. יונגע ווייבלעך דערלאַנגען פון די אָראָפּגעלאָזענע אויגן אַ געבויגענעם קוק פון אונטן אַרויף, האַלטן די האַנט אַפּן מויל און שטיקן זיך לאַכנדיק אין קולאַק. דער שמועס מי־קויעך דעם דאָזיקן איניען קויקלט זיך פון שטוב צו שטוב, ווי אַ קויל פון שניי, און ווערט, קויקלענדיק זיך, אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז ער קויקלט זיך אַריין אין בעסמעדרעש סאַמע אונטערן אויוון, אין דעם אָרט, וואָס אַהין פאַרקויקלען זיך אַלע שמועסן פון אַלערליי איניאָנים, הען סוידעס פון שטוב-זאַכן, הען פּאָליטיקע מיקוייעך סטאַמבול, מיקוייעך דעם טויגער אומיקוייעך קירען, הען געלט-געשעפטן, מיקוייעך ראָטשילדס פאַר-מעגן און פאַרגלייך מיט די גרויסע פּריצים און די אַנדערע געוויסע נעגידים, וועלכע פּאָטשטע מיקוייעך די נייעס אומיקוייעך די רויטע

ייִדלעכ אוקרוימע, אונ וואָס דאָרט ראַזבירנעט זיי קעסיידער א באַ-זונדער קאָמיטעט פונ שיינע באַטאָגטע ייִדנ, וואָס זיצנ שטענדיק א גאַנצנ טאָג ביז שפּעט אינ דער נאַכט, זײַנענ מאַפּקיר ווײַב אי קינדער אונ גיבנ זיכ מיט די אַלע געשעפטנ טאַקע עמעס געטרײַ אָפּ, טוענ זייער זאַכ בי-שלימעס גלאַט אַזוי, לעשעם-שאָמאַיִמ, נישט צו נעמענ פאַר זייער מי, פאַר זייער פּראַצע אפילע א צעבראָכענעמ העלער. פונ דעמ דאָזיקנ קאָ-מיטעט גייענ אָפּ די איניאָנימ אַוועק אינ באָד אָפּ דער אייבערשטער באַנק, אונ אינ א פאָלנער סאָבראַניע פונ שטאָט-באַלעבאַטימ ווערנ זיי דאָרט אויסוויערדעט וועהאַקל שאָריר וועקאַיאָמ, אז דערנאָכ זאָלנ אפילע קומענ קאָל מאַלכע מיהורעכ אונ מיירעוו, זיכ שטעלנ מיט דעמ קאָפּ אַראָפּ אונ מיט די פיס אַרופ, וועלנ זיי גאָרנישט פויעלנ. דער טויגער איז שיר איינמאָל נישט אומגליקלעכ געוואָרנ אינ אַזאַ סאָבראַניע אָפּ דער אייבערשטער באַנק, ווענ עטלעכע יוסטע באַלעבאַטימ זאָלנ נישט געווענ האַלטנ מיט אימ בלאַט, ווער ווייסט, ווו ער וואָלט איצט אָנגע-שפּאַרט. ראָטשילד, נעבעכ, האָט שיר נית פאַרלוירנ דאָרט עפּעס א צענ-פופצנ מיליאָנ. דערפאַר האָט אימ גאָט געהאָלפנ אינ א פּאָר וואָכנ אַרומ, דער אוילעמ איז געווענ, ווי מע זאָגט, בעגילופּנ, אָפּ דער איי-בערשטער באַנק איז גראָד געווענ א ביסל לעבלעכ, די בעזעמלעכ האָבנ זיכ געהויבנ, אונ מע האָט אימ מיטאַמאָל צוגעלאָזט ריינ פאַרדינסט אקעגנ א קאָנ מיליאָנ קערבלעכ!

די אײַנוווינער אַליינ אינ טונעיאַדעווקע זײַנענ, נעבעכ, קימאַט אַלע לוי-אַלייכעמ, גרויסע עוויוינימ, שטאַרקע דאַלפאָנימ. נאָר דעמ עמעס מוז מענ זאָגנ, זיי זײַנענ פריילעכע עוויוינימ, לוסטיקע קאַפּצאָנימ, ווילדע באַלע-ביטאָכנס. אז מע זאָל, אשטייגער, פלוצלימ א פרעג געבנ א טונעיאַ-דעווקער ייִדנ: פונוואַנענ אונ וויאַזוי ער איז זיכ מעפאַרנעס? בלײַבט ער טבילעמ שטיינ ווי צעמישט, ווייסט, נעבעכ, נישט וואָס צו ענטפערנ. נאָר שפּעטער א ביסל אָבער קומט ער צו-זיכ אונ ענטפערט ביטמימעס:

— איך, וואָרום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ א גאָט, זאָג איך אײַך אַ־טאַ, וואָס פאַרלאָזט נישט אַלע זײַנע באַשעפעניש. ער שיקט צו, און וועט מיסטאָמע ווײַטער צושיקן. זאָג איך אײַך אַט־אַ.

— פאָרט וואָס טוט איר אַזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס'איז פאַר א מעלאָכע אָדער א פּאַרנאָסע אין דער האַנט?

— געלויבט איז האַשעם־יִסבאָרעך! איך האָב, באָרעכאַשעם, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַט־אַ, א מאַטאָנע פון זײַן ליבן נאָמען, א קײַלע, א קאָל־נעגינע און דאַווען מוסאָפים יאָמים־נויראָים אין דער סוויווע. איך בין א מוייעל און א מאַצע־רעדלער איינער אין דער וועלט. איך פיר אַמאָל אויס א שידעך פיר איך אויס; איך האָב א שטאָט, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַט־אַ, אין דער שול. הײַנט האַלט איך אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, א שענקל, וואָס מעלקט זיך צוביסלעך, איך האָב א ציג, וואָס מעלקט זיך, אָן אײַנאָרע, זייער גוט, און האָב נישט ווײַט פונדאַנען א רײַכן קאָרעוו אַט־אַ, וואָס לאָזט זיך אונטער א שלעכטער צײַט אויך א ביסל מעלקן. הײַנט כוץ די אַלע זאַכן, זאָג איך אײַך אַט־אַ, איז גאָט א טאַטע און די יִסראָעל זײַנען ראַכמאָנים בנֵי ראַכמאָנים, זאָג איך אײַך אַט־אַ, נישט צו פאַרזינדיקן!..

אויך מוז מען די טונעיאַדעווקער אײַנוווינער דעם שוואַך נאָכזאָגן, אַז זיי זײַנען צופרידן מיט וואָס גאָט גיט און קלײַבן כאָלילע אין דער האַלבאַשע און אין דעם עסן שטאַרק נישט איבער. אַז די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, אַשטייגער, איז צעהאַקט, צעפאַלן, צעריסן, א ביסל פאַרשלומפּערט און עפּעס נישט אַזוי ריין, מאַכט אויך ניט אויס, אַבי זי איז פאָרט פון אַטלעס און גלאַנצט. אײַ, ערטערווײַז קוקט ווי פון א רעשעטע אַרויס דאָס הוילע לײַב, מיילע, וואָס אַרט עס וועמען, ווער וועט זיך דאָ אַזוי שטעלן צוקוקן? לעמײַ פּיאַטעס, מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויסגעריסענע פּיאַטעס? פּיאַטעס איז דען נישט קיין לײַב, קיין מענטשן־פלייש?.. א שטיקל ברויט מיט א קאָליש, אַבי ס'איז נאָר דאָ,

איז זייער אַ גוטער מיטיק. ווער שמועסט אַ בולקע מיט אַ ראָסלפּלייש פּריזמטיק, ווער עס האָט נאָר, דאָס איז טאַקע אַ מיכל־מעלאָכים, קיינ בעסערס דערפונ איז שוינ, האַכט זיכ, אַפ דער וועלט נישטאָ. לאָז מענ זיי דערציילנ, אַשטייגער, פונ אַנדערע מינע פּאַטראַוועס, כוצ פיש־יויכ, געבראָטנס אונ אַ מערנ- אָדער אַ פּאַסטערנאַק-צימעס, קומט זיי דאָס אויס עפּעס מעשונע-ווילד, אונ זאָגנ דערופ אָפּ פאַרשיידענע ווערטלעכ מיט דעם גרעסטנ געלעכטער, גלייכ ווי דער, וואָס זאָגט עס, איז נאַריש, מעשוגע, אונ וויל זיי אויכ מאַכנ מעשוגע, אײַנריידנ זיי אַ קינד אינ בויכ, אַ קו איז געפלויגנ איבערנ דאַכ אונ געלייגט אַנ איי. אַ שטיקל באָקסער אינ כאַמישעאָסער, דאָס איז אַזאַ פּיירע, וואָס מעכייע-נעפאָשעס. קוקנדיק דערופ, דערמאָנט מענ זיכ אינ ערעציסראָעל. נישט איינ מאָל פאַרגלאָצט מענ דערבײַ די אויגנ מיט אַ קרעכצ: אכ, וועסויליכייגו קוימעמיעס, זאָלסט אונדז, האַרצעדיקער פאָטער, פירנ קוימעמיעס טאַקע וואָס קוימעמיעס הייסט, לעאַרצײַנו, צו אונדזער לאַנד, וואָס ציגנ עסנ דאָרט באָקסערנ!.. אַלפּי מיקרע האָט איינער אַמאָל אינ דעם שטעטל געבראַכט אַ טייטל, האָט איר באַדאַרפט זענ, וויאַזוי מענ איז דאָס געלאָפנ אָנקוקנ אַפ כידושים. מע האָט אופגעמיישט אַ כורמעש אונ געוויזנ, אַז „טאָמאָר”, דער טייטל, שטייט אינ כומעש! סטײַטש, דער טייטל אָט-דער טייטל וואַקסט דאָכ פונ ערעציסראָעל!.. קוקנדיק אפנ טייטל, האָט זיכ אויסגעדאַכט, ערעציסראָעל איז פאַר די אויגנ. אָט גייט מענ איבער דעם יאַרדנ, אָט איז די מעאָרעס-האַמאַכפּיילע, דער מוטער ראָכלס קייווער, דאָס קויסל-מאַראָווי; אָט באָדט מענ זיכ אינ כאַמיי-טעוואַריע, מע קריכט אַרופ אפנ האַר-האַזייסים, מע עסט זיכ אָנ מיט באָקסערנ, מיט טייטלענ, אונ מע לייגט אָנ פולע קעשענעס מיט ערעציסראָעל-ערד. אכ! האָט מענ געקרעכצט, אונ אינ די אויגנ האָבנ איטלעכנ זיכ געשטעלט טרערנ. „יענע צײַט, אַזוי זאָגט ביניאָמינ, איז גאַנצ טונעיאַדעווקע, ווי גרויס זי איז, געווענ אינ ערעציסראָעל.

מע האָט געשמאק גערעדט פונ מאָשיִעכנ, אָט-אָט איז שוינ גאָטס פרײַטיק נאָכ האלבנ טאָג. דער נײַער פריסטאוו, וואָס איז נישט לאנג אָנגעקומענ, האָט גראָד בעיאד ראָמאָ דענסטמאָל געפירט דאָס שטעטל, בא א פּאָר ייִדנ האָט ער אראָפּגעריסנ די יארמלקעס, איינעמ אָפּגעשניטנ א פּייע, עטלעכע, נעבעכ, געכאפּט שפּעט בא דער נאכט אינ א געסל אָנ פּאספּאָרטנ, בא נאָכ איינעמ פארנומענ א ציג, וואָס האָט אופגעגעסנ א נײַעמ שטרויענעמ דאכ, אונ ער איז דערמיט אויכ געווענ די סיבע דערפונ, וואָס דער קאָמיטעט אונטערנ אייוונ האָט זיכ שטארק געדורעט מיט דעמ טויגער. אד מאָסײַ וועט דער סאר שעל ייִשמאָעל אזוי שוילעט זײַנ? מע האָט אופגעמישט דעמ געוויינטלעכנ שמועס מיקויעכ די אסערעס-האשוואָטימ, ווי גליקלעכ זיי לעבנ דאָרט אינ יענע ווײַטע מעקוימעס, אינ גדולע, אוישער אונ קאָווער. מע האָט אפירגענומענ די רויטע ייִדלעכ, די בניי-מוישע, מיט גוזמאָעס מײַסעס פונ זייערע גוואורעס אוקעדוימע. עלדאָד האדאָני, עס פארשטייט זיכ, האָט אויכ געטאנצט אינדערמיט. יענער צײַט צומייסטנ האָב איכ צו פארדאנקענ די נעסיִע מײַנע, וואָס איכ האָב דערנאָכ געמאכט״.

פריִער איז ביניאָמינ געווענ ווי א הינדעלע, וואָס ליגט אינ איי, אָדער ווי א וואָרעמ, וואָס ליגט אינ כריינ, ער האָט געמיינט, אז אפּ יענער זײַט טונעיאדעווקע עקט זיכ די וועלט, קיינ זיסער, קיינ בעסער לעבנ, ווי דאָ, איז גאָר נישטאָ.

„איכ האָב געמיינט, זאָגט ביניאָמינ ערגעצ אינ איינ אָרט, אז רײַכער פונ אונדזער ארענדאר באדארפ מענ שוינ נישט זײַנ. א קלייניקײַט, עפּעס אזא שטוב מיט באלעבאטישקײַט: פיר פּאָר מעשענע לײַכטער, א זעקסרערנדיקער הענגלײַכטער, אויבנ מיט אנ אָדלער, צוויי קופּערנע פּארעווע טעפּ, מיט א פינפ קופּערנע פּענדלעכ, א פּאָליצע צינערנע טעלער, אונ אוואדע אקעגנ א טוצ טעמבעקאָווע לעפל, צוויי זילבערנע בעכערלעכ, א האָדעסל, א כאנעקע-לעמפּל, א ציבעלע-זייגער

און צוויי קופּערטעס מיט א גראָב קייטל פון זאמד-פּאטשערקעס, צוויי
קי מיטאמאָל, און א טעלעצע אפ דער צייט, צוויי שאבעסדיקע קאפּאָ-
טעס אוקעדוימע נאָך און נאָך אזא גוטס. איך האָב געמיינט, א כּאָכעם
איז טאקע נאָר איינ רעב אייזיק-דאָוויד רעב ארנ-יאָסעלעס סאָרע-זלא-
טעס. א קאטאָוועס! מע זאָגט, אז ער האָט אמאָל אינ דיער יוגנט געהאט
א יעדיע אינ טישבוירעס. ער האָט געמעגט זיינ מיניסטער, ווענ דאָס
שטיקעלע מאזל זאָל אים נאָר דינענ. ווער האָט נאָך, האָב איך געמיינט,
אזא האדראַס-פּאָנעמ, אזא בינימעסדיק שמועסל ווי אונדזער כּייקל
זאיקע, אָדער ווער איז אזא מומכע, אזא דאָקטער, וואָס מאכט פונ טויט
לעבעדיק, ווי אונדזער רויפע, וואָס ער האט, קעפּי האשמוע, די כּאָכ-
מאס-האדאָקטאָריע געלערנט בא א ציגיינער פונ די כאַרטומע מיצ-
ראָימ".

האקלאל, דאָס לעבנ אינ זיינ שטעטל האָט ביניאָמינענ זיך אויס-
געוויזנ זייער שיינ, זייער גוט. ער האָט אפילע געלעבט אינ דאכקעס,
ער מיט זיינ ווייב און קינדער זיינענ געגאנגענ קריע-בליע. נאָר האָט
דענ אָדאָמ-האָרישנ און זיינ ווייב, בעשאס זיי זיינענ געווענ אינ גאַ-
נײדנ, פאַרשטאנענ זיך צו שעמענ, וואָס זיי זיינענ נאקעט און באָר-
וועס? די וווּנדערלעכע מייסעס אָבער פונ די „רויטע יידעלעך" און די
„אסערעס-האשוואָטימ" זיינענ אימ ארייינ טיפ אינ הארצ, און פונ
יענער צייט אָנ איז אימ עפּעס ווי ענג געוואָרנ אינ זיינ שטעטל. עס
האָט אימ עפּעס געצויגנ אלצ אהינ, אהינ דאָרט אינ די ווייטע מעקוי-
מעס אריינ. דאָס הארצ האָט אינ אימ זיך געצויגנ, אזויווי קליינע קינ-
דער ציענ זיך מיט די הענטלעך אקעגנ דער לעוואָנע. דאכט זיך, אינ
פלוג, וואָס איז אזוינס א טייטל, א פּריסטאוו, א יארמולקע, א פּייע, א
ייִד נעבעך, וואָס ווערט ניליקעד אינ א געסל שפּעט בא דער נאכט, א ציג
און א שטרויענער דאך? נאָר דאָס אלצדינג האָט אָנגעמאכט אינ אימ א
גרויסע פאַרענדערונג. עס האָט געפּירט הערצ, אז ער זאָל באגלייקנ די

וועלט מיט זײַנ באַרימטער נעסיִע. אינ דער וועלט וועט מענ נישט איינ מאָל, ווי פונ קליינע סיבעם קומענ ארויס גרויסע, זייער גרויסע זאכנ. דיערפונ, וואָס דער מוזשיק האָט געזייט ווייץ און קאָרנ, וואָס דער מילנער האָט עס געמאָלנ, וואָס דערפונ איז א טייל אריינ אינ דער גאָראָלניע און געוואָרנ בראָנפנ, און א ביסל פונעם מעל איז אריינ אינ גיטל דער שענקערנס הענט, וואָס זי האָט עס געראָשטשינעט, געקנאָטנ, געקאָטשעט און געמאכט קנישעס, מעצורעפ לאָזיע, וואָס די פעניציִער האָבנ מיט טויזנטער יאָר צוריק אנטדעקט די האַמצאָע, ווי מע מאכט גלאָז, און דורכ דעמ איז ארויסגעקומענ קויסעס אי קעלישקעס, — אָט פונ די דאָזיקע אלע קליינע סיבעם זײַנענ בא אונדז אינ א סאכ שטעט ארויסגעשפּרונגענ יענע ווילדע קאָהאָלס־לײַט, יענע מעשונע־באַרימטע פײַנע־בעריעס...

מעגלעכ איז, אינ ביניאָמינענ איז געלעגנ א ניצוצ פונ א נויסייע, נאָר דער ניצוצ וואָלט פארלאָשנ געוואָרנ, ווענ די סיבעס און די מײַסעס פונ יענער צײַט וואָלטנ אימ נישט אופגעבלאָזנ. און ווענ אפילע דער ניצוצ וואָלט נישט פארלאָשנ געוואָרנ אינגאנצנ, וואָלט ער, ווענ נישט די דאָזיקע סיבעס אינ יענער צײַט, געהאט אזא קליינעמ קויעכ, אז פונ ביניאָמינענ וואָלט מיט דער צײַט אויסגעוואָקסנ א וואסערפירער, אָדער, ווענ פיל — א באַלעגאָלע.

איכ האָב אינ מײַנ לעבנ באגעגנט זייער פיל באַלעגאָלעס און שמײַסערס, וואָס זיי זײַנענ מעסוגל געווענ צו זײַנ אזעלכע נויסימ גלײַכ, כלעבנ, ווי יענע, וואָס וואנדרעווענ הײַנט ארומ צווישנ יידנ... נישט דאָס אָבער בינ איכ אויסנ.

פונ יענער צײַט אָנ פלעגט ביניאָמינ מיט גרויס כיישעק זיכ פארטיפנ אינ ראבע-באר-באר-כאָנעס נעסיִעס אפנ יאמ און אינ דער מידבער. ער האָט אויכ דערטאַפּט שפּעטער דעמ סייפער „עלדאָד האדאָני“, דעמ סייפער „מאַסאָעס ביניאָמינ“, וואָס ער האָט מיט א זיבנ הונדערט יאָר

צוריק געריזט ביז עק וועלט, דעם סייפער „שוואַרצע ירושאַלאַים" מיט הויסאַפּעס, און דעם סייפער „צייל-אוילאָם", וואָס אין זיבן קליינע בלעטלעך איז יער קוילעל אַלע שעווא-כאָכמעס און דערציילט בידו-שים-וועניפלאָעס פון דער גאַנצער וועלט און פון אירע מעשונע ווילדע באַשעפעניש. די דאָזיקע ספאָרים האָבן איים געעפנט די אויגן און איים איבערגעקערט באַשעט גאָר פאר אַן אַנדער מענטשן.

„פון די ווונדער-שיינע מייסעס דאָרט, — דריקט זיך אַזוי בינייאָמין אויס אין זיין סייפער, — פלעג איך שטאַרק ניספּאָעל ווערן. אוי, אוי! פלעג איך נישט איין מאָל פאַר גרויס היספּאַלעס אַ געשריי טאָן, ווי העלפט מיר גאָט כאָטש אַ הונדערטל דערפון צו זען מיט מיינע אויגן! דער קאָפּ מיינער האָט געטראָגן ווייט-ווייט"...

פון דענסטמאָל אָן איז איים טונעיאַדעווקע שוין טאַקע געוואָרן צו ענג, ער האָט בײַ זיך גוימער געווען אַרויסצוכאַפּן זיך פון דאָרט מיט אַלע קוויכעס, גלייך ווי אַ הינדעליע, וואָס הייבט זיך אָן אויסצופּיקן און אַרויסקריכן פונעם איי אויף דער ליכטיקער וועלט.

ד אָ ס צ ו ו ײ ט ע ק א פּ י ט ל

ווי ביניאָמינ ווערט א קאָדעש
אונ זעלדע אנ אגונע

בעטעווע איז אונדזער ביניאָמינ, דער נויסייע, געווענ א ווילדער באַל-פּאכדנ, הײנע בא דער נאכט פלעגט ער מוי-רע האָבנ צו גײנ אפ דער גאס; שלאָפנ אײנער אלײנ אינ שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט, מע זאָל אים אָפּגילטנ. ארויסצוגײנ א ביסל ווײט פונ דער שטאָט האָט בא אים געהײסנ פאַ-שעט זיכ אײנשטעלנ דאָס לעבנ, מאלע וואָס קענ, כאָלילע, געשענ. פאר א ליאד הינטל האָט ער געציטערט אײמאס-מאָוועס.

„איינמאָל, אזוי דערציילט ביניאָמינ, איינמאָל, איכ געדענק עס ווי הײַנט, דאָס איז געווענ טאמעז, אינ א שרעקלעכ הייסנ טאָג, איז אונדזער ראָוו מיט איינעמ פונ זײַנע לײַט געגאַנגענ זיכ אָפּטויוולענ אינ דעמ טײַכל, וואָס אונטער דער שטאָט. איכ מיט א פּאָר יינגלעכ, מײַנע כאווייריִמ, זײַנענ מיט גרויס דערהעכערטע נאָכגעגאַנגענ פונ הינטנ, און געווענ בא זיכ זייער זיכער, אז מיר וועלנ נישט האָבנ קיינ שום שלעכטע באַגעגעניש און, אימירהצעשעמ, קומענ צוריק בעשאָלעמ אהיימ, געדופעט אפ דעמ ראָוו. עפּעס א קאַטאָוועס, א ראָוו, וואָס פאר אימ האָט דערעכערעצ א וועלט, וואָס קיינ עלטערס פאר אימ איז שוינ גאָר נישטאָ! וואָס דער טיטל זײַנער פארנעמט א בלעטל פּאַפּיר... דער ראָוו, אונדזער באַשיצער, איז מיט ברייטקײַט געגאַנגענ היפּש פריִער פאר אונדז, און אז ער האָט געהאַלטנ אינ אויסטאָנ זיכ, איז אינמיטנ דערינענ אָנגעקומענ עפּעס א שייגעצ און אפ אימ אָנגעריצט זײַנ הונט. אונדזער באַשיצער איז נישט טויט-לעבעדיק אנטלאָפֿנ, צוגעהאַלטנ, מעכילע, די אָפּגעשפּיליעטע טאַכטויניִמ מיט איינ האַנט און מיט דער אַנדערער דאָס קײַלעכדיקע געשטעפּטע פעלפּענע היטל. מיר, יינגלעכ, זײַנענ יאוואדע מעוווּלוול געוואָרנ. דענ, אז דער ליוויאָסנ ווערט אפ דער וועלטקע געכאַפּט, וואָס זשע, נעבעכ, זאָלנ שוינ טאָנ די פלאָטקעס אינ דער בלאָטע? מיר האָבנ אָנגעגורט אונדזערע לענדנ און געשווינד, ווי די הירשנ, געלאָפֿנ פּאָרויס מיט א גוואַלד, מיט א ביטער געשריי, ביז מיר זײַנענ אזוי הענדומ-פּענדומ אָנ א נעשאָמע אינײַנעמ מיט אונדזער גיבער ארײַנגעלאָפֿנ אינ דער שטאָט. ס'איז געוואָרנ א מעהומע, א צונויפלויפעניש, א ליאַרעמ: עס ברענט! מע האַרגעט, מע שלאָגט! איינער פונעמ אנדערנ האָט נישט געוווּסט”.

אז ביניאָמינ האָט פירגעכומענ די נעסיִע אינ די ווײַטע מעקוימעס, איז בא אימ געבליבנ קוידעמקאָל זיכ צו שטארקנ אוועקצוואַרפֿנ דעמ פּאַכעד. ער האָט זיכ געצוווּנגענ דאַפקע גיינ אַליינ שפּעט בא דער

נאכט, דאפקע שלאָפנ איינער אליינ אינ א כיידער אונ דאפקע ארויס-
גיינ אָפט אונטער דער שטאָט, כאָטשע דאָס האָט אים געקאָסט געזונט,
אונ איז פאר שרעק, נעבעכ, פונעם פּאָנעם אראָפּ. די נײַע האנהאָגע
זײַנע אינ דער היימ אונ אינ בעסמעדרעש, זײַנ פארטראכט בלייב
פּענעמל אונ זײַנ פארפאלנ ווערנ אָפט אפ עטלעכע שעה פונ דער שטאָט
איז איטלעכנ געוואָרנ עפּעס א פּליע. מע האָט אים גענומענ אינ מויל
ארײַנ אונ פונ אים געשמאק גערעדט. א טייל האָבנ געזאָגט: נישט אנ-
דערש ער איז מעשוגע, כאָסערדייע. איינ מאָל, אזוי האָבנ זיי געדרונ-
גענ, איז ביניאָמינ טאקע געווענ טאָמער א ביסל שוויטעוואטע, עס האָט
אים געפעלט אינ קאָפּ א קלעפּקע; צווייטנס, איז שוינ טאקע אינ טו-
נעיאדעווקע לעבנ עטלעכע יאָר נישט געווענ קיינ מעשוגענער, אונ
ווי שיקט זיכ עס עפּעס? מיר האָבנ דאָכ א קײַמעלאָנ, הא, ווי זאָגט מענ
עפּעס: עיר ועיר וחכמיה, עיר ועיר ומשוגעיה, איטלעכע שטאָט מיט איר
כאָכעם אי מיט איר מעשוגענעם. ביפראט נאָכ הײַנט אינ אזעלכע גרוי-
סע היצנ. פּאָשעט איז פּאָשעט, ביניאָמינ איז מעשוגע. ווידער א טייל,
אונ בעראָש פונ זיי רעב אײַזיק-דאָוויד רעב ארנ-יאָסעלעס סאָרע-זלא-
טעס, האָבנ געמאכט: עט, עט!.. טאקע נאָכאמאָל עט! עמעס טאקע,
ביניאָמינ איז שוויטעוואטע, טאקע שטארק שוויטעוואטע, נאָר דערפונ
איז נאָכ קלאָל נישט געדרונגענ, אז ער מוז ווערנ אי מעשוגע, ווארעמ,
זעלט עס אנדערש זײַנ אזוי, איז דאָכ די קאשע, פארוואָס גראָד אצינד
אונ נישט פריער? אדעראבע וועאדעראבע, דערצו האָט ער געהאט צײַט
אי פארצווייאָרנ אי פאראיאָרנ זומער, וואָס די היצנ זײַנענ דיענסטמאָל
געווענ א גוזמע גרעסער. אײַ וואָס, איר זאָגט, טונעיאדעווקע איז,
וועדליק דעמ קײַמעלאָנ, נישט ערגער פונ אנדערע שטעט, מיילע
בלײַבט דאָכ טאקע אלץ די קאשע, פארוואָס איז עטלעכע יאָר לעבנ
נישט געווענ דאָ קיינ מעשוגענער? אײַ, וואָס טוט מענ ווידער צוריק
מיט דעמ קײַמעלאָנ? דער טערעצ איז אָבער — אונדזער טײַכ. דער

טײַכ אונדזערער, האָבנ מיר דאָכ א קײמעלאָנ, נעמט זיכער צו פונ אײביק אָנ א מענטשנ אלע יאָר, און פונדעסטוועגנ האָט ער שוינ א פּאָר יאָר קײנעם נישט צוגענומענ! פאַרקערט, ער אַלײנ איז אינ די פּאָר יאָר אָפּגעפאלנ, און ערטערווײַז קענ מענ מאמעש אים איבערגײנ טרוקנ=פוס... און, ביניאָמינ? וואָס טוט מענ מיט ביניאָמינענ? בלײַבט טײקו, א קאשע. דער גרעסטער טײל אָבער, און צווישנ זײ די ווײַבער, האָבנ געזאָגט: ער מוז האָבנ צו טאָנ מיט זײ... ער פּאָרעט זיכ אוואדע מיט אים... מיט דעם באלדאָװער... וואָס דענ זשע בראָדזעט ער אלײנ באנאכט אינ דער פינצטער? וואָס דענ זשע ווערט ער אמאָל פארפאלנ אפּ עטלעכע שאָ? וואָס דענ זשע שלאָפט ער אײנער אלײנ אינ ספּיזשאר-נע? זעלדע, זײַנ אײגנ ווײַב, דערצײלט אויכ, אז זי האָרכט בא דער נאכט, ווי מע קלאפּט בא אים אינ ספּיזשארנע, זי האָרכט א קלאפּערײַ, ווי מע גײט דאָרט מיט פּיס...

דער דאָזיקער שמועס מיקויעכ דעם איניען האָט, ווי געווײנטלעכ, זיכ אוועקגעקוקלט אהינ אונטערנ אויוונ. פונ דאָרט אינ דער סאָבראניע אפּ דער אײבערשטער באנק. מענ איז איבער ביניאָמינענ דאָרט צווישנ זיכ נאָכ נישט פארטיק געוואָרנ. נאָר דערווײַל איז געבליבנ מוסקעם בא אלע, מע זאָל צונויפשטעלנ א קאָמפּאניע פונ א פּאָר שײנע ייִדנ מיט דעם סויפער, וואָס זײ אײנײנעמ זאָלנ ארומגײנ אינ אלע הײַזער, קעסײדער נאָכנ צעטל, און אומעטום בוידעק זײַנ, רעווידירנ די מעזוזעס. און ווײַל די סאָבראניע האָט אפּ דעם איניען געקוקט ווי אפּ א קאָהאלשער זאכ, א פּ א ל ז ע פאר דער שטאָט, לאָכײנ איז געבליבנ, אז בײַדײ אויסצושטײנ די הויצאָעס, וואָס אזא קאָמפּאניע באַדארפּ קאָסטנ, זאָל מענ ארופּציִענ דעם מעקעכ פונ פלײש... אינ טונעיאָדעווקע איז דאָ א ווערטל: פונ וואָס מע זאָל ניט שמועסנ, מוז ארויס=קומענ אפּנ טויט, און פונ וואָס מע זאָל נישט רײדנ אפּ אנ אסיפע, מוז מענ אויסלאָזנ מיט דער טאקסע פונ פלײש. און בעעמעס איז יעס טאקע

אלפי דערעכ־האטעווע, אנדערש קען עס טאקע גאר נישט זײַן. דער ס ײ כ ל איז אויך אזוי מיסכּימעו, ווארעם: סוף כל אָדם למות, וסוף יהודי לטאקסע, דאָס טײַטש: דער סאָף פון א מענטשן איז צו שטארבן און דער סאָף פון א ייִדן — צו צאָלן טאקסע! דער טויט און די טאקסע — דאָס זײַנען בעטעווע אזעלכע צוויי זאכן, וואָס מע קען פון זיי בשום־אופן נישט פּטור ווערן. אזוי האָט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, און ווי ער האָט זי באשאפן, אזוי איז גוט, אזוי געהער עס זיכער צו זײַן. קאשעס פרעגן נאָר אפּיקורסים...

שפּעטער א ביסל האָט מיט בינימינען זיך פּאסירט א מעשׂה, וואָס ער האָט מיט איר קוינע־שעמ געווען. ארויסגייענדיק איינמאָל פון דער שטאָט, טאמעז אין א הייסן טאָג, צוועלף אזייגער אינדערפרי, סאמע ווען די זון האָט געבראָטן, איז ער פארגאנגען טיפליעכ אין א וואלד, אקעגן א דרײַ מכומ־שאבעסן פון דער שטאָט. מיט זיך אין דער קעשענע האָט ער געהאט זײַנע ספאָרים, וואָס אָן זיי פלעגט ער נישט גיין קיין טריט. ער איז געזעסן אין וואלד אונטערגעלעגט אונטער א בוים און האָט געשמאק געטראכט. צו טראכטן האָט ער געהאט זייער פיל. באלד איז אים דער קאָפּ פארפלויגן ווײַט אהין אין יענע לענדער אין עק וועלט. ער איז געגאנגען איבער בערג, איבער טאָלן, איבער מידבאריעס און אלע ערטער, וואָס שטייט אין זײַנע ספאָרים. ער האָט געוואנדערעוועט פּוסטעריט נאָך אלעקסאנדער מוקדען, נאָך עלדאָד האדאָני אוקעדוימע, ער האָט געזען דעם שרעקלעכן פּיפּערנאָטער, דעם לינדענוואָרעם, שלאנגען, עגדעשן און אלע מינע שלעק מעשולאכעסן. ער האָט זיך צוגעשלאָגן צו די רויטע ייִדלעך און גערעדט מיט די בנײ־מוישע. דערנאָך איז ער בעשאָלעם צוריקגעקומען צו זיך און האָט גע־טראכט, וויאזוי און ווען וועט ער שוין טאקע מאכן די נעסיע.

אין מאכשאָוועסן איז דערווײַל צוגעפאלן די נאכט. ער איז אופגע־שטאנען, אויסגעגלײַכט די ביינער און זיך געלאָזט גיין אהיים. ער גייט

און גייט — נאָך אַלץ נישט פונעם וואַלד אַרויס. ער גייט אַ שאָ, צוויי, דרײַ, פיר שאָ, ס'איז קיין סאָף, קיין עק. ער האָט נאָך טיפער אין וואַלד זיך פאַרשלאָגנ, און דאָ איז פינצטער, כאָטש אַנ אויג אַרויסצונעמענ. פלוצלים איז נאָך געוואָרנ אַ שטורעמווינט מיט אַ שלאַקסרעגנ, עס האָט געבליצט, געדונערט, און די ביימער האָבנ גערוישט — אַ שרעק! ביניאָמינ איז געבליבנ שטיינ. דער רעגנ האָט אים געוואַשנ, אַ צאָנ אָנ אַ צאָנ האָט אים געקלאַפּט פאַר קעלט, פאַר נעץ און פאַר גרויס פּאַכעד. עס האָט אים זיך געדאַכט, אָט פאַלט אָפּ אים אָנ אַ בער, אָט פאַרצוקט אים אַ לייב, אַ לעמפּערט, אָט גייט דער מאַטול, וואָס קעפּי עס שטייט אינ „צייל-אוילאָמ", איז ער אַ גרויסער, אַ לאַנגער מינ באַשעפעניש, מיט צוויי לאַנגע הענט, מיט וועלכע ער וואַרפט אַנידער אַ העלפאַנד. אַנגסטנ האָבנ אים באַשלאָגנ, נעבעכ, און דאָ איז ער נאָך טויט־הונ= געריק, כוץ אַ רעטשנ קיכל איז דעם גאַנצנ טאָג אינ זײַנ מויל נישט געקומענ. ער האָט פאַר אַלע צאָרעס זיך גענומענ דאַווענ מײַרעוו, און געדאַוונט מיט היסלײַוועס פונעם גאַנצנ האַרצ.

גאָט האָט געהאָלפנ, ס'איז טאָג געוואָרנ. אונדזער ביניאָמינ נעמט זיך ווײַטער צום גיינ אָפּ גאָטס באַראָט. ער גייט, ער גייט, ביז ער שלאָגט זיך צום סאָפ אַרופ אָפּ עפּעס אַ שמאָלנ וועג. מיט דעם וועג איז ער געגאַנגענ אַקעגנ אַ שאָ צוויי — און פלוצלים דערהערט ער פונ- דערווײַטנס אַ קאָל פונ אַ מענטשנ. אַנשטאָט ער זאָל מיט דעם קאָל זיך דערפרייענ, איז ער, סאָנע־צײַענ, פאַרצאַפּלט געוואָרנ. אים האָט זיך נישט אַנדערש געדאַכט, אַז דאָס איז אַוודע אַ גאַזלענ. מאַכמעס שרעק האָט ער זיך געלאָזט לויפנ צוריק אָנ אָטעמ. אַקוראַט ווי ער איז אַמאָל, נישט פאַר אונדז געדאַכט, געלאָפנ פאַרנ ראָוו. באַלד אָבער האָט ער זיך באַטראַכט: פע, ביניאָמינ! דו ווילסט וואַנדרעווענ אַזוי ווײַט איבער יאַמימ און מידבאָריעס, וואָס דאָרט שווימלט און גרימלט פונ עגדעשנ, פונ כײַעס-ראָעס און ווילדע אומעס, און דאָ האָסטו מוירע

פארנ גערדאנק, טאָמער באגעגנסטו א גאזלענ! אי, פע, מעגסט, כלעבנ, זיכ שעמענ, ביניאָמינ. איז דענ אַלעקסאנדער מוקדענ אויכ אנטלאָפנ אזוי ווי דו? האָט דענ אַלעקסאנדער מוקדענ אויכ אזוי ווי דו זיכ מעיאעש געווענ, בעשאס ער איז געפלויגנ רײַטנדיק אפ זײַנ אָדלער אונ ס׳איז אויסגעגאנגענ דאָס פלייש פונעמ שפּיצ שפּיז, וואָס דער אָדלער פלעגט עס פּיקנ אונ פליִענ דורכ דעמ אלצ העכער? נײנ, אַלעקסאנדער מוקדענ איז נישט אנטלאָפנ, אַלעקסאנדער מוקדענ האָט בא זיכ אליינ אויסגעשניטנ א שטיק פלייש אונ ארופגעשטאָכנ אפנ שפּיז! אדעראבע, שטארק זיכ, ביניאָמינ, דאָס וויל גאָט דערמיט דיכ נאָר אויספּרוונ. האַלטסטו אויס די פּראָבע, אז וויל אונ גוט איז דיר דוענסטמאָל! דענסטמאָל, ביניאָמינ, ביסטו א מענטש אונ וועסט טאקע ווערט זײַנ צו האָבנ די זכיִע פונ האשעמ־יִסבאָרעכ צו דערגרייכנ דײַנ ווונטש וועגנ די בניי־מױשע אונ מיט זיי איבערשמועסנ מיקויִעכ דעמ קלאַל־יִסראָעל אינ אונדזער ווינקל, דערציילנ זיי גאנצ פּאָדראָבנע די האנהאָגעס פונ אונדזערע יִדעלעכ דאָ, וואָס זיי טוענ אונ וואָס זיי מאכנ. וועסטו איצט אויסשטיינ נאָכ אי די דאָזיקע פּראָבע אונ גייִנ צוריק אקעגנ דעמ קאָל, דענסטמאָל ביסטו מענאצייעכ אלע פּכאָדימ אונ שרעקענישנ, וועסט ווערנ א קיילע שליימע, א בראָכע, א בענטשונג צווישנ די קינדער יִסראָעל, אונ אָנטאָנ קאָוועד גאנצ טונעיאדעווקע. טונעיאדעווקע אונ מוקדענ — דאָס וועלנ זײַנ צוויי ערטער גלײַכ באקאנט אינ דער גאנצער וועלט דורכ אַלעקסאנדער טונעיאדעווקער אונ ביניאָמינ מוקדענ!..

אונדזער ביניאָמינ האָט זיכ אומגעקערט טאקע צוריק אונ איז געגאנגענ באהארצט ווי א גיבער מיט גרויס ביטאָכנ, ביז ער האָט פאר זיכ דערזענ דעמ גאזלענ. דאָס איז געווענ א מוזשיק, וואָס איז געפאָרנ אפ א פּאָר אָקסנ מיט אָנגעלאָדענע זעק אינ וואָגנ.

— האָברי דיענ! — האָט ביניאָמינ צוגייענדיק א זאָג געטאָנ ראַפּטאָמ אַפּ א מעשונע קאָל, וואָס ער האָט אינ זיכ געהאַט אַלע טנומימ: אַי געשריי, אַי געבעט, אַי ווי איינער זאָגט: נאַ, נאַ, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט! אַי עפּעס ווי א באַקאָשע: גוואַלד, האָב ראַכמאָנעס אַפּ מיר, אַפּ מײַנ ווײַב אונ קינדער, נעבעכ!..

אַפּזאָגנדיק אָדער אָפּשרײַענדיק אַי אָפּווייַנענדיק דעמ „האָברי דיענ“, איז ביניאָמינ געבליבנ אָנ לאָשנ, ווי דערוואָרגנ. דער קאָפּ האָט אימ זיכ פאַרדרייט, אינ די אויגנ איז אימ געוואָרנ פינצטער, די פיס האָבנ אימ אופגעהערט צו דינענ, אונ ער איז טויט אנידערגעפאַלנ אַפּנ אָרט.

אַז ער האָט אופגעעפנט די אויגנ אונ איז צו-זיכ געקומענ, האָט ער זיכ געפונענ ליגנדיק אינ וואָגנ אַפּ א גרויסנ זאַק קאַרטאָפליעס, איבערגעדעקט מיט א גראָבער סוויטע. צוקאָפּנס איז אימ געלעגנ א געבונדענער האָנ, וואָס האָט אַפּ אימ געקוקט אינ דער זײַט מיט איינ אייגל אונ אימ געגראַבלט מיט די נעגל. צופוסנ איז געשטאַנענ אָנגעשטעלט קאָראָבקעלעכ מיט יונגנ קנאָבל אי ציבעלעס אונ שעאָר-יעראָקעס. אייער, אַפּאָנעמ, איז דאָרט אויכ געלעגנ, וואָרעמ פּאָלאָווע זײַנענ געפלויגנ אונ אימ פאַרשאָטנ די אויגנ. דער מוזשיק איז געזעסנ, געגרייבערט גאַנצ רויִק דאָס ליולקעלע אונ איטלעכע רעגע אַפּ די אָקסנ אונטערגעשריגנ: סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ! די אָקסנ קוימ וואָס זיי האָבנ זיכ געריכט, אונ די רעדלעכ פונעמ וואָגנ האָבנ מעשונע געסקריפּעט איטלעכס אַפּ אַנ אנדער קאָל, אינײינעמ איז אויסגעקומענ עפּעס א סקריפּנדיקער קאָנצערט, וואָס האָט געגריליצט אינ די אויערנ. דעמ האָנ, אַפּאַנעמ, ווי עס האָט אויסגעזענ, איז אזא סקריפּערײַ אויכ נישט געווענ לערהאַצנ, וואָרעמ איטלעכס מאָל בעשאַס די רעדלעכ פלעגנ אינגאַנצנ זיכ אומדרייענ אונ אויסלאָזנ אַפּ א סווישטש מיט א שאַלשעלעס, פלעגט ער ביניאָמינענ א שטאַרקנ גראַבל טאָנ מיט די נעגל אונ א

קריי געבנ קוקוריקו מיט קאס, מיט אימפּעט, אז עטלעכע רעגע דערנאָכ פלעגט בא אים כאָרכלענ פאַרדומפּנ אינווייניק אינ האלדז. ביניאָמינ האָט אינ זיכ נישט געפילט קיינ גאנצ אייווער און איז געלעגנ א היפּשע צײַט שטארק פארדולט: א שפּאס וואָס ער איז אויסגעשטאנענ: שרעק, הונגער, נעצ אונ קעלט! עס האָט אים זיכ געדאכט, אז א טערק האָט אים געפאנגענ אינ דער מידבער אונ פירט אים פארקויפנ ערגעצ פאר א קנעכט. נעכײַ, האָט ער געטראכט, נעכײַ זאָל ער מיכ כאָטש פארקויפנ צו א ייִדנ, וואָלט איכ נאָכ געקענט פאָרט עפּעס אופגעריכט ווערנ, אונ בעזמ אָבער, ער וועט מיכ פארקויפנ צו א פּרינצ אָדער כאָלילע גאָר צו א פּרינצעסנ פונ די אומעס-האָוילעמ, בינ איכ דאָכ פארלוירנ אפ אייביק. דערצו נאָכ האָט ער זיכ גראָד דערמאָנט די מײַסע פונ יויסעפ האצאדיק מיט זליכע, אונ האָט מאכמעס יעסורימ א שטארקנ קרעכצ געטאָנ.

דער מוזשיק האָט זיכ אומגעקוקט, אז ער האָט דערהערט ביניאָמינס קרעכצ, זיכ צוגערוקט נעענטער אונ אים א פרעג געטאָנ:

— נו, זשידקאָ, א שטשאָ, טראָשקע ליפּשע?

דער קאָפּ איז ביניאָמינענ בעעמעס געוואָרנ א ביסל פרײַער, אונ ער האָט זיכ דערמאָנט אינגאנצנ, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומענ. ער האָט אָבער זיכ געפילט אינ זייער א שלעכטער לאגע: גוייִש קענ ער קימאט נישט קיינ וואָרט, הײַנט וואָס זשע טוט מענ דאָ? ווי ענטפערט מענ דעמ אָרל אונ ווי טײַנעט מענ מיט אים זיכ דאָ אויס, צו וויסנ אקוראט, וווהינ ער פירט מיכ?

ביניאָמינ האָט געפּרוווט זיכ אופזעצנ, נאָר אומזיסט, די פיס האָבנ אים שטארק געבראָכנ.

— טראָשקע טעבע ליפּשע? — האָט אים דער מוזשיק וויַטער אמאָל געפרעגט אונ טאקע בינשימע אכאס א מאכ געטאָנ:

— סאָפּ, הײַטא, סאָפּ!

— ליפשע. ראק ריבי מאָ! אײַ, אײַ, אײַ! — האָט בינִיאָמין געענטפערט ווי ער האָט נעבעך געקענט און אים געוויזן אַף די פּיס.

— איזווידקי טי, זשידקאָ?

— איזווידקי טי, זשיטקע?! — האָט בינִיאָמין געמאַכט מיט א ניגון, ווי א מאהעפאַך-פּאשטאָ. — יא ניאָמקא, בינִיאָמקא אוו טונע-יאַדרעווקו!

— טי איז טונעיאַדרעווקי? קאָזשי זשע, שטשאָ טי וויטאַראַשטשיל נא מעני אָטשי אי גליאַדיש יאַק שאַליאָני? אַלי מאָזשע טי טאַקי אי שאַליאָני? טראַסצא טוואָ! מאַטערי! סאָפּ, הײַטאַ, סאָפּ!

— יא, סטײַטש, יא טעבי לעבאַטשילע קאַזאַטע, יא ניאָמקע טאַם אוו טונעיאַדרעווקו! — האָט בינִיאָמין געענטפערט, געמאַכט דערבײַ א ראַכמאָנעס-פּאָנעם, א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט און געבעטן ראַכ-מים: — גוואַלד אוו טונעיאַדרעווקי זשינקא טעבי דאַם טשאַרקע שליש אי שאַבאַשקאָווע בולקע, אי דאָברע דאַנקויעט טעבי.

דער מוזשיק, אַפּאָנעם, האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס בינִיאָמין מיינט.

— דאָברע, זשידקאָ! — האָט ער געזאָגט, זיך געזעצט אַף זײַן אָרט מיט דעם פּאָנעם צו די אָקסן און געמאַכט: סאָפּ, הײַטאַ!

אַקעגן א פּאָר שעה אַרום איז דער וואָגן אַרופגעפאָרן גלײַך אַפן מאַרק אין טונעיאַדרעווקע, ווײַבער און מאַנצביל האָבן זיך א שאָט גע-נעבן אַקעגן מיט פאַרשיידענע שײַלעס.

דער שרײַט:

— טשויעש, סקילקע כאָטשעש זא פּיוועָנ? זא ציבולי?

יענער פרעגט:

— מאָזשע מאַיעש קאַרטאָפּלי, יאַיצי?

בעסויך האָבאָם קומט איינער מיט א שײַלע:

— טשויעש, מאַזשע טי באַטשיל נאַ דאָראָגי זשידקאָ? או נאַם יעדינ זשידקאָ, ביניאָמקאַ, ווטשאַראַ פּראָפּאַל יאַק אַווו וואָדו.

און איידער דער מוזשיק האָט אויספּייעט איטלעכן צו ענטפערן, זיינען די אַלע ווייבער, ווי די הייזשעריקן, איבערגעפאַלן דעם וואָגן, האָבן אויפגעדעקט די סוויטקע און אין איין קאָל אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— ביניאָמינ!.. ער איז דאָ! ציפּע־קרוינע! באַסשעווע־בריינדל, לויפט גיכער צו זעלדען מיט דער גוטער בשורה, אַז איר שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט! זי וועט שוין נישט זיין קיין וויסטע אַגונע.

ס'איז געוואָרן אַ ראַש, אַ צונויפלויפעניש. גאַנץ טונעיאַדעווקע האָט זיך געוויגט, קינד און קייט זיינען געלאָפן אָנקוקן ביניאָמינען. מע האָט אים פאַרוואָרפן מיט רייד, מיט שיילעס, מיט ווערטלעך, מע האָט דערציילט, אַז דעם גאַנצן נעכטיקן טאָג מיט דער נאַכט האָט מען אים געזוכט, געזאָקערט, מע האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ קאַ־דעש און זיין ווייב פאַר אַ וויסטע אַגונע.

פלוצלים אינמיטן געטומל איז דאָס ווייב זיינס צוגעלאָפן מיט אַ געוויין. זי האָט געבראָכן די הענט, אָנקוקנדיק איר באַשערטן, ווי ער ליגט בלייך און טויט און קען קיין ריר זיך נישט טאָן. זי האָט, נעבעך, אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי אים שעלטן, אויסלאָזן צו אים איר שווער ביטער געמיט, צי זאָל זי אַרויסווייזן איר פרייד, איר שימחע, וואָס גאָט האָט זי, וויסטע אַגונע, אויפגעריכט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען ביניאָמינען, אַזוי טאַקע ווי ער איז געלעגן אויפן זאַק קאַרטאָפּליעס, געפירט צו זיך אַהיים איבער דעם מאַרק מיט אַ גרויסער פּאַראַדע. דער גאַנצער טונעיאַדעווקער עולם פון קליין ביז גרויס האָט אים אָפּגעגעבן קאָוועד, קיינער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, און אים באַגלייט מיט אַ ראַש, מיט אַ געשריי: קאַדעש! קאַדעש! קאַדעש!

דער נאָמענ קאָדעש איז ביניאָמינענ פונ דענסטמאָל אָנ טאקע אפ טאָמעד געבליבנ, ער האָט געהייסנ ביניאָמינ דער קאָדעש אונ זייַנ ווייַב — זעלדע די אגוניע.

דער טונעיאדעווקער מומכע איז נאָכ דעמ טאָג טאקע צו ביניאָמינענ געקומענ אונ האָט אימ געגעבנ ראטונעק מיט אלע טאבבולעס, וואָס איז נאָר מעגלעכ געווענ. ער האָט אימ געשטעלט באנקעס אי פיאווקעס, אויכ אינגאנצנ אימ אָפּגעגאָלט אונ געזאָגט פארנ אוועקגאנג, אז נאָכ די אלע מיטל, וועט ער, אימירצעשעמ, גענעזנ ווערנ אונ וועט נאָכ מאָרגנ קענענ, אויב ער וועט קוייעכ האָבנ, גיינ גוימל בענטשנ אינ בעסמעדרעש ארייַנ.

דאָס דריטע קאַפּיטל

ווי ביניאָמינ סקאָמפּאַנייעט זיכ מיט סענדערל דער יידענע

די דאָזיקע מײַסע, וואָס מיט ביניאָמינענ האָט זיכ גע־טראָפנ, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזויפיל יעסורימ זײַנ ווײַב, אַזויפיל לײַטישע רייד, אי אינ דער שטאָט, אי דאָרט אונטערנ אויוונ, אי אפ דער אייבערשטער באנק, האָט אינ פלוג, דאכט זיכ, באדארפט אפ אייביק פונ אימ ארויסשלאָגנ דעמ געדאנק פונ זײַנ נעסיע אינ די ווײַטע מעקוימעס. נאָר אָבער א טאָעס, פארקערט, עס האָט נאָכ אינ אימ דעמ דאָזיקנ געדאנק ערשט

בעסער ארײַנגעשלאָגנ. ער האָט פונ דענסטמאָל אָנ אפ זיכ געקוקט מיט דערכערעצ, ווי אפ א מענטשנ א געניטנ, וואָס איז גענוג אינ זײַנ לעבנ אויסגעשטאַנענ. ער איז בא זיכ געווענ צענ מאָל טײַערער פאַר זײַנ באַהאַרצטקײַט, פאַר זײַנ שטאַרקײַט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאַנענ אַזויפיל שווערע פּראָבעס אונ גויוועער געווענ אינגאַנצנ די טעווע זײַנע. ער האָט אָנגעהויבנ זיכ צו האַלטנ פאַר א גיבער, פאַר א כאַקרענ, וואָס האָט א יעדנ אינ אַלע שעווא-כאָכמעס, וועלכע עס געפינענ זיכ נאָר אינ דעמ „צייל-אוילאָמ״, וואָס האָט זיכ אָנגעלייענט ווי א פּויק אינ אַזעלכע מינע ספאָרימ אונ ווייסט, וואָס אפ דער גאַנצער וועלט טוט זיכ. ער האָט אָנגעהויבנ אַלײנ אפ זיכ א מייונ צו ווערנ אונ זיכ אַלײנ צו באַדויערנ, וואָס ער, אַזא מענטש ווי ער, געפינט זיכ, נעבעכ, כשושנה בינ החוחים, ווי א רויז צווישנ דערנער. ווו? אינ טונעיאַדעווקע, אינ אַזא העק, צווישנ פּראָסטע מענטשנ, וואָס פאַרשטייענ נישט אונ ווייסנ נישט פונ זייער לעבנ צו זאָגנ! די לײַטישע רייד אונ די ווערטלעכ, וואָס זײַנענ איבער אים געפאַלנ, זיי האָבנ, אַדעראַבע, אימ ערשט געטריבנ אינ וועג אַרײַנ. עס האָט אימ זיכ געגלוסט ווי צומ גיכסטנ אַוועק פונ טונעיאַדעווקע. ווי דערלעב איכ שוינ, פלעגט ער אַלצ טראַכטנ, זיכ אַוועקצולאָזנ אַהינ, ווײַט, אונ קומענ בעשאָלעמ צוריק מיט יעשועס אונ נעכאָמעס אפ יידנ, מיט קאָוועד אונ מיט א גוטנ נאָמענ אינ דער וועלט! אונ דענסטמאָל וועט גאַנצ טונעיאַדעווקע ווייסנ, פונ קליינ ביז גרויס, וואָס איכ, ביניאָמינ, בינ, וואָס איכ, ביניאָמינ, באַטײַט...

ביניאָמינענ האָט לעסאַטע אָפּגעהאַלטנ פונ דער נעסיע נאָר די האַזיקע קליינע מעניעס: ערשטנס, ווו נעמט מענ אפ הויצאָעס? בא אימ אַלײנ האָט קיינמאָל זיכ נישט געפונענ קיינ גראָשנ אינ קעשענע. ער פלעגט טאָמער זיצנ ליידיק אינ בעסמעדרעש אונ זײַנ פּלוינעסטע איז

געוועז די אײשעס-כײַעל, די פּאַרנאָסע-געבערן פון אַ נאָס אַפּטײקל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט באַלד נאָכן קעסט אַראָפּגײענדיק, און, מישטײנסגעזאָגט, וואָס דאָס גאַנצע קלײטל האָט אָנגעטראָפן: ווען זי זאָל דערבײַ נישט געווען אַרבעטן זאָקן, נישט פּליקן ווינטער ביז שפּעט אין דער נאַכט פעדערן, נישט פּרעגלען אַפּ צו פּאַרקויפן פּייסעכדיק שמאַלץ, נישט אײַנהאַנדלען אַמאָל אין אַ מאַרק־טאָג בײַ איר באַקאַנטע מוזשיקעס קײן מעציִעס, וואָלט נישט געווען מיט וואָס די נעשאָמע צו דערהאַלטן. פּאַרקויפן עפּעס פון שטוב־זאַכן? נאָר וואָס אָבער האָט דאָרט זיך געפונען? אַ פּאָר מעשענע לײַכטער, וואָס זײַנען זעלדען געבליבן ירושע פון אירע עלטערן, אין וועלכע זי בענטשט ליכט, שײַערט עס טאָמעד און זיך דערמיט שטאַרק מעהאַנע. קײן צירונג האָט זי נישט, כוץ אַ זילבערן רײַפּעלע מיט אַ פּערל פון איר מאַמעס שטערנטיכל, וואָס דאָס ליגט בײַ איר פאַרשלאָסן און טוט עס אָן נאָר אַמאָל בעשאַס אַ גרויסע סימכע אָדער בעשאַס אַ מאַזלטאָוו אָפּגעבן. פּאַרקויפן זשע עפּעס פון זײַנע כפייצים? נאָר אינגאַנצן האָט ער געהאַט אַ שאַבעסדיקע אַטלעסענע קאַפּאָטע נאָך פון דער כאַסענע אָן, צעהאַקט, צעפאַלן פּאָרנט אי הינטן און דער געלער אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט. ער האָט געהאַט, פּראַוודע, אַי אַ טולעפּל, נאָר אונטן איז ער געווען אינגאַנצן אָפּגעבאַרעט, דער קאָלנער מיט גאָרנישט באַלײגט. בעשאַס זײַן כאַסענע האָט דער טאַטע זײַנער, אים צו לאַנגע יאָר, געהײסן נישט זשאַלעווען, אַדעראַבע, מאַכן אַ לאַנגן קאָלנער פון דער פולער האַנט און אָפּשטעפּן אים לעסאַטע פון אױבן מיט אַ שטיק אונטערשלאַק. וואָס איז געבליבן יעטער פון זײַן קאַפּאָטע, און האָט דערבײַ זיך מיסכײַעוו געווען צו באַלײגן דעם קאָלנער מיט פּיי, אימירצעשעם, שפּעטער באַם סילעקן דעם מויסער פונעם נאַדן. דעם נאַדן אָבער האָט ער ניט געסילעקט און דער קאָלנער איז געבליבן אַזוי ווי ער איז געווען ביז דעם הײַנטיקן טאָג...

צווייטנס, האָט בינִיאָמין נישט געוווּסט, ווי מע רײַסט זיך אַרויס פֿון דער היים.

איבערשמועסן מיקויעך דער נסיעה מיט זײַן פּלוינעסטע און אַרויסזאָגן איר די גאַנצע זאַך בעפֿייִרעש? כאָלילע ווענכאָס! עס וואָלט געוואָרן אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, זי וואָלט אים אָפּגעוויינט מיט טרערן און אים געהאַלטן זיכער פֿאַר ריין משוגע. וואָרעם, ווי האָט אַ ייִדענע סייכל אַזעלכע איניאָנים מאַסיג צו זײַן? אַ ייִדענע, אַז זי איז שוין אַפֿילע גאָר די איישעס-כײַל, איז זי דאָך פֿאָרט נישט מער ווי אַ ייִדענע. וואָס דער מינדסטער מאַנצביל האָט אין נאָגל, האָט עס נישט און קען עס גאָר נישט האָבן די פֿײַנסטע און קליגסטע ייִדענע אַפֿילע אין איר קאָפּ...

אַוועקגיין זשע בישטיקע און דעם זײַ־געזונט פֿאַרגעסן? איז עפּעס אויך פּריקרע. דאָס איז אַ ביסל מיִעסע ליטוואַק. ווידער זשע בלײַבן זיצן אין דער היים און אָפּזאָגן זיך פֿון דער גאַנצער נסיִעה? דאָס איז ריין אומעגלעך. עס הייסט אַזויפֿיל ווי אָפּזאָגן זיך צו לעבן.

די נסיִעה איז בינִיאָמינען געוואָרן די צווייטע נאַטור. ווי אַ ייִד מוז דרײַ מאָל אין טאָג דאַוונען, אַזוי האָט ער געמוזט איטלעכע רעגע אין דער נסיִעה טראַכטן. אַפֿילע אין שלאָף איז זי אים פֿון זינען נישט אַרויס, און האָט אים זיך שטענדיק געכאָלעמט. זי האָט טיף זיך אײַנגעוואָרצלט אים אין האַרצן און זיך באַשעפֿטיקט געמאַכט מיט זײַנע אויגן און אויערן אַזוי, אַז ער האָט אופגעהערט צו זען אי צו הערן דאָס אַלצדינג, וואָס פֿאַר אים. ער האָט נאָר געזען אי געהערט דאָס, וואָס טוט זיך דאָרט, דאָרט העט ווײַט אין יענע מעקוימעס. נישט איין מאָל פֿלעגט ער אין אַ שמועס מיט עמעצן פּלוצלים אַרײַנמישן: הינדזאַ, סאַמבאַטיען, אַנטיקודאַ, פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם, אײַזל, מויל-אײַזל, באָקסער, קעצאַפּיכים, טערק, טאָטער, גאַזלען אוקעדוימע נאָך אַזעלכע ווערטער.

די נעסיע האָט געמוזט געמאַכט ווערן, נאָר וואָס טוט מען מיט די מעניעס? דאָס האָט ער זיך קיין אייצע נישט געקענט געבן. ער האָט געפילט, אַז ער באַדאַרף האָבן איינעם, מיט וועמען ער זאָל קענען מיקויעך דעם זיך מעיאַשעוו זײַן.

איש אחד היה בטוניאדעוקע, איין מענטש איז געווען אין טוניאדעוקע, ושמו סענדערל, און ער האָט געהייסן סענדערל, נאָך זײַן עלטערזיידן ר׳ ע ב ס ע נ ד ע ר ל, זה האַסענדערל, דער סענדערל, היה איש פשוט, איז געווען אַ פּאָשעטע מענטשל, דאָס הייסט אַ פּראָסטער אָן כאָכמעס. אין בעסמעדרעש האָט ער געהאַט אַ שטאָט אונטער דעם בעלמעמער, און דאָס אליין איז שוין דער בעסטער סימען, אַז ער איז ניט געווען פון די טוניעאַדעווקער פײַנעבעריעס, פונעם דאָרטיקן צימעס און דער גילדענער פּאָן. די שמועסן אין בעסמעדרעש אָדער ערגעץ אַנדערש פלעגט ער דאָסראָוו צוהערן שטיל, ווי אַ זײַטיקער פּאַרשוין אָדער אַ וואָלנע סלושאַטעל. נאָר פלעגט ער אַמאָל זיך אָנרופן אַ וואָרט, האָט עס אָנגעמאַכט אַ גרויס געלעכטער, נישט מאַכמעס דערינען איז געלעגן עפּעס אַ ווילדע כאָכמע אָדער אַ גרויסע האַמצאָע, ניין, גאָר גלאַט זײַנס אַ וואָרט האָט עפּעס געמאַכט לאַכנדיק, כאָטשע ער האָט עס נעבעך געזאָגט גאַנץ פּאָשעט ביטמימעס און האָט קלאָל גאָר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאַכנדיק צו מאַכן. אַדערבע, אַז מע פלעגט לאַכן, פלעגט ער אויסשטעלן אַ פּאָר אויגן און אָנקוקן, פאַרוואָס מע לאַכט. פאַריבל האָבן דערפאַר פלעגט ער קיינמאָל נישט, וואָרעם ער איז בעטעווע געווען אַ גוטער, אַ פּאָקאָרנער, ווי עס גיט זיך אַמאָל אויס אַ פּאָקאָרנע קי; ער האָט גאָר נישט געוווסט, אַז מע באַדאַרף פאַריבל האָבן. יענער לאַכט, נו, מיילע, לאָז ער זיך לאַכן. מיסטאָמע האָט ער דאָך האַנאָע.

דאָך מוז מען מודע זײַן, אַז אין סענדערלס אַ וואָרט איז אַמאָל געלעגן טאַקע אַן עמעס גלײַכער אײַנפאַל, כאָטש ער אַליין האָט עס

גאָר אַזוי ווײַט נישט געמיינט און דאָס געזאָגט גלאַט ביטמימעס. מיט אים פלעגט מען ליב האָבן קאַטאָוועס צו טרײַבן. דער גרעסטער טייל בערלעך אין טישעבאָוו זײַנען אין זײַנע פּייעס אײַנגעפלאָנטעט גע־ווען. דער בעסטער בײילעך קישעלעך, וועלכע מע וואַרפט הוישײַנערעבע בא דער נאַכט באַם אופזײַן, איז אים אָנגעקו־מען. אַקעגן זשע דער קלענסטער בײילעך רעטשן קיכל און בראַנפן פון טיקן אָדער גלאַט אַזוי בראַנפן — איז ווידער טאַקע אים אָנ־געקומען.

האַקלאַל, סענדערל איז טאָמער און אומעטום געווען דאָס קאַפּאָרע־הינדל, און מאַכמעס דעם האָט ער טאַקע באַקומען אַ צונעמעניש: סענדערל דאָס קאַפּאָרע־הינדל. סענדערל איז בעטעווע נישט געווען, ווי אַנדערע, קיין אַקשן; האָט איינער געזאָגט אַזוי, איז פונזײַנטוועגן רעכט געווען אַזוי. סענדערל האָט געטאָן יענעמס ראָצן, נישט מאַכ־מעס מעוואַטל צו זײַן זײַן ראָצן, קעדיי יענער זאָל דערפאַר מעוואַטל זײַן זײַן ראָצן פאַר זײַן ראָצן, נאָר גלאַט פּראָסטע איז מאָסטע, ער האָט געטאָן יענעמס ראָצן.

— וואָס אַרט עס מיך? — איז זײַן שטייגער געווען צו זאָגן. — וואָס פאַר אַ דײַגע איך האָב? דו ווילסט דאַפקע אַזוי, נו, זאָל זײַן אַזוי.

צווישן יינגלעך איז סענדערל געווען אַ יינגל. ער פלעגט עפּטערם גיין, שמועסן, זיך שפּילן מיט זיי אײַנײנעם און האָבן דערפון טײַנעג. צווישן זיי איז סענדערל בעעמעס געווען ווי אַ פּאַקאָרנע בעהיימע, וואָס לאָזט צו זיך צו קינדער, זיי זאָלן אַפּ איר רײַטן און איר קראַצן די מאָרדע. קונדייסים פלעגן אים קריכן אַפן קאָפּ און צופּן אים באַם בערדל. אַנדערע פלעגט עס אַמאָל אַרן און פלעגן אָנשרײַען: טאַרבעס, שקאָציום, פאַר אַן עלטערן, פאַר אַ יידן מיט אַ באָרד! וואָס צופּט איר אים דאָס בערדל?!

— נישקאָשע, נישקאָשע, — פלעגט סענדערל זיך אָנרופן, — וואָס אַרט עס מיך? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? זאָלן זיי מיך אַ ביסל קראַצן.

באַ זיך אין דער היים האָט סענדערל נעבעך קיין האָניק נישט געלעקט. זײַן ווײַב איז געגאַנגען אין ספּאָדעק, און ער האָט באַ איר געהאַט אַ ווייסטע, ביטערע דאָליע. זי פלעגט אים האַלטן אין דער מוירע, אַמאָל דערלאַנגען אַ זעץ, און ער, נעבעך, האָט עס געמוזט מעקאַבל בעאַהאַווע זײַן. אונטער אַ יאָמטעוו פלעגט זי אים אָנידער־שטעלן אויסװאַשן די שטוב און אונטערבינדן אים דאָס בערדל מיט אַ טיכל. ער פלעגט איר שיילן קאַרטאָפליעס, קאַטשען און בראָטן לאַקשן, אָנפילן פיש, אָנטראָגן אַ אַרײַנלייגן אין אויוון האָלץ און אונטערהייצן, אַקוראַט ווי אַ ייִדענע. דעריבער האָט מען אים טאַקע אויך גערופן „סענדערל די ייִדענע".

אָט דעם סענדערל די ייִדענע האָט אונדזער ביניאָמין אויסגעקליבן אים צו עפענען דאָס האַרץ און מיט אים זיך שוועל־בעייצע זײַן, וואָס ער זאָל טאָן. דער טאַם דערפון, פאַרוואָס גראָד סענדערל? איז דער: ווײַל ביניאָמין האָט טאָמער געפילט צו אים עפּעס אַ שטיקל ליבשאַפט. סענדערל איז אין פיל זאַכן אים זייער געפעלן. ער האָט אין אַ סאַך איניאָנים זיך מיט אים אויסגעגלײַכט, און פלעגט אַמאָל אין אַ שמועס מיט אים זיך פּאָשעט מעכבע זײַן. מעגלעך עפּשער נאָך אַ צוליב דעם אויך, וואָס ביניאָמין האָט גערעכנט דערוף, וואָס סענ־דערל איז קיין לאָקשן נישט. ער, סענדערל, וועט זײַן פּלאַן אָנעמען און אים נאָכגעבן אַלצדינג, וואָס ער וועט אים זאָגן. און אויב סענדערל וועט עפּשער אין עטלעכע פּונקטן זיך אײַנשפּאַרן, וועט ער אים מיט גאָטס הילף און מיט זײַן בעלקאָם־האַלאָשן גוויווער זײַן...

ויהי כבוא בנימין לסענדערל, און אַז ביניאָמין איז געקומען צו סענדערלען, האָט ער אים געטראָפן כשהוא יושב על ספסל החלב וקולה

קאַרטאָפּליעס, ווי ער זיצט אַפּ דער מילכעדיקער באַנק און שיילט קאַרטאָפּליעס. אײַך באַק האָט אים שטאַרק געפּלאַמט און אונטערן אויג איז אים געווען בלוי מיט אַ גראַבל, עפּעס ווי מע דערלאַנגט אַ קרעל מיט אַ נאָגל. ער איז געזעסן ווי אַ נעבעטיקער, באַטריבט און פֿאַרומערט ווי אַ יוגנט, וואָס דער מאַן איר האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן און איז אַוועקגעגאַנגען לימדינאָס־האַיאָם, אָדער ווי אַן אישע, וואָס דער מאַן האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַטש...

סענדערלס ווײַב איז ניט געווען אין דער הײם.

— גוט־מאָרגן, סענדערל! וואָס ביסטו, סערדצע, אַזוי באַטריבט? — האָט בנימין געזאָגט אַרײַנקומענדיק, און געוויזן סענדערלען מיט אַ פֿינגער אַפּ דער באַק. — האַ, ווײַטער זי? ווו איז זי, די באַכערטע?

— אין מאַרק.

— גאַנץ גוט! — האָט בנימין קימאַט אַ געשריי געטאָן פֿאַר גרויס שימכע. — לייג אַוועק, נעשאָמע מײַנע, דײַנע קאַרטאָפּליעס און קום מיט מיר אין אַלקער אַרײַן. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שום מער מיט דיר באַדאַרף איך איצט נישט האָבן, איך וויל דיר אַנטפּלעקן מײַן האַרץ. איך קען מיר שוין נישט אײַנהאַלטן, עס קאָכט אין מיר די געבליטן. אַך, גיכער, סערדצע, גיכער, זי קען נאָך אָנקומען און אונדז שטערן איידער מיר וועלן פֿאַרטיק ווערן.

— וואָס אַרט עס מיך? דו ווילסט טאַקע גיך, זאָל זײַן גיך, וואָס פֿאַר אַ דײַגע איך האָב? — האָט סענדערל זיך אָנגערופֿן און איז אַרײַן אין אַלקער.

— סענדערל! — האָט בנימין אָנגעהויבן מיט אַזאַ שמועס. — זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אַפּ יענער זײַט טונעיאַדעווקע איז?

— איך ווייס, דאָרט איז די פּריטשעפּע, ווו מע באַקומט אַמאָל אַ גוט ביסל בראַנפֿן.

— דו ביסט אַ נאַר, איך מיין ווײַטער, אַ סאַך ווײַטער.

— נאָכ וויַטער פונ דער פּריטשעפּע? — האָט סענדערל פאַרוואונדערט זיכ אָנגערופנ. — ניינ, וויַטער דערפונ ווייס איכ ניט. אונ דו, ביניאָמינ, ווייסט?

— אויב איכ ווייס? א שײַלע א ביסל, אויב איכ ווייס? דאָ איז ערשט דאָ א וועלט! — האָט ביניאָמינ א זאָג געטאָנ מיט היסלײַוועס, גלײַכ ווי קאָלומבוס בעשאַס ער האָט אנטדעקט אמעריקע.

— וואָס זשע איז אזוינס דאָרטנ?

— דאָרטנ, דאָרטנ, — האָט ביניאָמינ זיכ צעפלאַקערט, — פּיפּער־נאָטער! לינדענוואָרעמ!..

— דער לינדענוואָרעמ, מיט וועלכנ שלוימע האמעלעכ האָט געשניטנ די שטיינער צומ ביימ־האמיקדעש? — האָט סענדערל אריַנגערוקט זיַנ וואָרט ביטמימעס.

— יאָ, נעשאָמע מיַנע, יאָ, דאָרט איז ערעציסראָעל, דאָרט איז יענע מעקוימעס... הא, דו וואָלסט געוואָלט זיַנ דאָרט?

— אונ דו וואָלסט געוואָלט?

— א שײַלע א ביסל! איכ וויל, סענדערל, איכ וויל אונ וועל טאַקע דאָרט באַלד זיַנ.

— איכ בינ דיר מעקאַנע, ביניאָמינ. דו וועסט עס דאָרט זיכ אָנעסנ א ביסל מיט באָקסערנ אונ מיט טייטלענ, האַ־האַ!

— דו, סענדערל, קענסט עס אויכ עסנ, ווי איכ. דו האָסט אינ ערעציסראָעל אזא ביילעק, ווי איכ.

— ביילעק האָב איכ טאַקע. נאָר ווי קומט מענ אָבער אהינ? דאָרט איז דאָכ דער טויגער.

— דערהצו, סענדערל, איז דאָ א טרופּע. זאָג מיר, סערדצע, דו ווייסט עפּעס פונ די רויטע יידעלעכ?

— איכ האָב זיכ אָנגעהערט גענוג מיַסעס איבער זיי אונטערנ אויוונ, נאָר וויסנ אקוראַט, וווּ זיי זיצנ אונ ווי מע קומט צו זיי, דאָס

ווייס איך נישט. איך זאָל וויסן, מיסטאָמע וואָלט איך דיר מוידיע געווען. פאַרוואָס ניט? וואָס אַרט עס מיך?

— העהע! זעסטו, און איך ווייס, — האָט בִּנְיָמִין געזאָגט מיט גאַדלעס און אַרויסדערטאַפּט פון קעשענע דעם „שוואַכיי-יערושאָלאַיִם״. — זעסטו, וואָס דאָ שטייט. איך וועל דיר עס לייענען.

„אַז איך בין געקומען קיין ברוטי, אַזוי שטייט געשריבן, האָב איך געפונען פיר ייִדן פון באַוול. האָב איך גערעדט מיט איינעם פון זיי, וואָס האָט פאַרשטאַנען לאַשנקוידעש און האָט געהייסן רעב מוישע, האָט ער מיר דערציילט גאַנץ עמעסע האַכן פונעם טײַך סאַמבאַטיען, אַז ער האָט געהאָרכט פון ישמעיילים, וואָס האָבן אים געזען, און אַז האָרט זײַנען דאָ די בניי־מוישע״.

אויך זאָגט ער ווײַטער — „אַז דער נאָגיד האָט מיר דערציילט, אַז א יאָר דרײַסיק אין דעם איז בא אים אײַנגעשטאַנען איינער, וואָס ער איז געווען פון שיוועט שימען, און ער האָט געזאָגט, אַז אין זײַן מאָקעם זײַנען דאָ פיר שוואָטים. איינער פון זיי איז דער שיוועט יִסאָסכער, וואָס איז זיך אויסעק אין טוירע, און פון דעם שיוועט איז דאָ א מעלעך איבער זיי״.

כוץ דעם שטייט נאָך בעפיירעש אי אין דעם דאָזיקן סייפער „מאַסאָעס בִּנְיָמִין״ אָט די ווערטער: „פון דאָרט איז א מעהאַלעך פון צוואַנציק טעג צו די בערג ניסבוין, וואָס אף דעם טײַך ג ו י ז אָ ן. אין די בערג ניסבויג זײַנען דאָ פיר שוואָטים: דער שיוועט דאָן, דער שיוועט זוולן, דער שיוועט אָשער און דער שיוועט נאפטאָלי, זיי האָבן מעדינעס און קראַכים אין די בערג. פון איין זײַט נעמט זיי אַרום דער טײַך גויזאָן. זיי האָבן ניט אף זיך קיין יאָך פון די אומעס, נאָר איין מעלעך איז דאָ איבער זיי און ער הייסט רעב יויסעף אַמאַרקעלאָ האַלייווי. און זיי האָבן א בריס, א בונד מיט דער קויפער

אַל-טוּרעכ. אכוץ דעם שטייט נאָך און נאָך זאכנ וועגנ די בניי רייכאָוו אינ דעם לאַנד טיימאָ, וואָס זיי האָבנ איבער זיך אַ ייִדישנ מעלעכ און פאסטנ און בעטנ גאָט טאָמער אַפ גאָלעס-יִסראָעל. נו, וואָס דענקסטו, סערהצע, אַז זיי וואָלטנ אשטייגער פּלוצלים דערזענ מיך, מיך, זייער ברודער בינִיאָמינ פונ טונעיאַדעווקע, קומט צו זיי צוגאַסט? הא, וואָס דענקסטו, סענדערל? אדעראבע, זאָג, איך בעט דיך, וואָס זאָגסטו דערצו?

— זיי וועלנ פּאָשעט זיך מעכײַע זײַנ, זאָג איך דיר, בינִיאָמינ, א קאַטאָוועס אזא גאסט, אזא טײַערער גאסט? איטלעכער וועט דיך פאַר-בעטנ צו זיך אַפ אַ מאָלצײַט. דער מעלעכ אמארקעלאָ מיסטאמע אויך, לאָז זיי דאָרט כאָטש פונ מיר גאָר פרײַנטלעכ גריסנ. איך זאָל קענענ, וואָלט איך, כלעבנ, אויך מיט דיר אהינ געגאנגענ.

— הא! — האָט בינִיאָמינ א מאַכ געטאָנ פאַרפלאַמט פונ אַ נײַעם געדאנק, וואָס איז אים אײַנגעפאַלנ. — הא! טאָמער בעעמעס טאַקע, סענדערל, סערדצע, וואָלסטו מיט מיר אינײנעם געמאַכט די נעסיִע. נארעלע, אצינד, כלעבנ, האָסטו זייער א גוטע געלעגנהײַט. איך גיי א בלויז אהינ, וועל איך דיך מיטנעמענ. נארעלע איינער, אינ צווייענ איז היימלעכער. טאָמער וועל איך דאָרט, אַ קאַשע אַפ אַ מײַסע, ווערנ מעלעכ, וועל איך דיך מאכנ, כלעבנ, פאַר אַ מישנע-לעמעלעכ. נא דיר מײַנ האַנט טקִיעס־קאַפּ. וואָס ווּעסטו, נארעלע, דאָ זיצנ און לײַדנ גאָלעס, נעבעכ, פונ דײַנ פּלוינעסטע, די ראָשעטע. קוק אָנ, וואָס פאַר א באַק, נעבעכ, דו האָסט. דו האָסט דאָך בא איר א וויסטע, פינצטערע דאָליע. כלעבנ, סענדערל, קום, וועסט נישקאָשע קיינ כאראָטע נישט האָבנ.

— טא, — האָט געזאָגט סענדערל, — אויב דו ווילסט דאפקע אזוי, זאָל זײַנ אזוי. אײַ זי? וואָס פאַר א דײַגע איך האָב? א נאַר וואָלט איך באַדאַרפט זײַנ, איר זאָגנ, וואוהינ איך לאָז מיך אוועק.

— נעשאָמע מײַנע, לאָמיכ דיכ א קוש טאָנ! — האָט ביניאָמינ ארויסגעלאָזט מיט גרויס סימכע, אונ פאר ליבשאפט ארומגענומענ סענדערל די יִדענע. — דו האָסט מיר, סערדיצע, מיט איינ וואָרט פאר־ ענטפערט א קאשע, א קלאָצ-קאשע! איכ זאָג איצט אויכ אזוי, ווי דו: אַני זי? מײַנע, מיינ איכ, וואָס פאר א דאַגע איכ האָב? ס'איז אָבער דאָ נאָכ א קאשע: ווו נעמט מענ אפ הויצאָעס?

— אפ הויצאָעס? דו ווילסט דענ זיכ אויסקליידנ, ביניאָמינ, אָדער איבערניצעווענ דײַנ קאפאָטע? הערסטו, אונ איכ וואָלט געזאָגט, מע באדארפ, כלעבנ, נישט, אינ וועג איז אדערעבע גלײַכער אלטע קליידער. דאָרט וועלנ מיר מיסטאמע באקומענ נײַע שיינע קאפאָטעס.

— יאָ, טאקע עמעס, דאָרט האָב איכ שוינ קיינ דאַגע נישט. מע באדארפ דאָכ אָבער לעסאטע ביז דאָרט האָבנ עפּעס געלט פראָסט אפ צו עסנ?

— וואָס הייסט, ביניאָמינ, אפ צו עסנ? דו האָסט דענ בעדייע מיטפירנ מיט זיכ א קיכ? צי וואָס? נישטאָ דענ אפנ וועג קיינ קרעטש־ מעס, קיינ הײַזער?

— איכ פארשטיי דיכ, סענדערל, נישט, וואָס דו מיינסט, — האָט ביניאָמינ פארווונדערט זיכ אָנגערופנ.

— איכ מיינ, — האָט סענדערל געענטפערט בישמימעס, — אבי ס'איז נאָר דאָ הײַזער, קענ מענ אינ איינ וועג טאקע גיינ איבער די הײַזער. וואָס טוענ דענ אלע אנדערע יִדנ? היינט גייענ א טייל צו יענע אינ די הײַזער, דערנאָכ גייענ יענע פונ זייער זײַט צו אנדערע אינ די הײַזער. ס'איז דאָכ א יִדישע זאכ, נאָר א גמילעסכעסעד...

— דו ביסט, כלעבנ, גערעכט! — האָט ביניאָמינ א זאָג געטאָנ בעסימכע. — אצינד איז מיר ליכטיק געוואָרנ אינ די אויגנ. אויב אזוי, בינ איכ, באָרעכאשעם, אינגאנצנ פארטיק אונ פארזאָרגט מיט אלצ־ דינג. נאָכ מאָרגנ טאקע, גאָנצפרי, אז דער אוילעם וועט נאָכ שלאָפנ,

קענען מיר אוועקגיין. פארלירן צייט איז, כלעבן, אן אווייRע. דו ביסט מוסקעם?

— דו ווילסט מארגן? זאל זיין מארגן. וואס פאר א דייגע איך האב?

— מארגן גאנצפרי, הערסטו, סענדערל? ווייל איך שטילערהייט ארויסגיין פון דער היים. לעבן דער פוסטער ווינטמיל דארט וועל איך אפ דיר ווארטן. געדענק זשע, סענדערל, מארגן גאנצפרי זאלסטו אהין ארויסקומען. געדענק זשע! — האט בינימין נאכאמאל איבערגעכאזערט און שוין געוואלט אוועקגיין.

— ווארט נאר, בינימין, ווארט א ביסל! — האט סענדערל געזאגט, זיך געכאפט איבער דער בוזעם־קעשענע פון זיין ליבל און ארויסדערטאפט פון דארט עפעס אן אלט פארשוויצט שטיקל שמאטע, ארומגעוויקלט מיט בענדלעך עטלעכע מאל הין און צוריק און פארקניפט אוועק מיט א צוואנציק קניפלעך. — זעסטו, בינימין, אט דאס קניפל האב איך אוספייעט אנזאמלען אונטער מיין ווייב פאר דער גאנצער צייט, וואס איך האב פאר איר באסענע געהאט. עס וועט אונדז אין דער האסבאלע צוניצקומען, הא?

— אצינד, סערדצע, ביסטו ווערט, מע זאל דיר אויסקושן איטלעכס אייווער, איטלעכס גליד באזונדער, — האט בינימין געזאגט הויך, לעבעדיק און ארומגעכאפט סענדערל די ידענע.

— א, פארכאפט זאלסטו ווערן! קוקט נאר אן, איך בעט אייך, דאס גרויסע ליבשאפט, ווי מע נעמט זיך אזוי ארום, און דא אין שטוב שטייט א ציג און עסט די קארטאפליעס! — האט זיך פלוצלים געהערט א געשריי.

דאס געשריי איז געווען פון סענדערלס פלוניעסטע. זי איז געשטאנען אנגעצונדן אין א פייער, מיט איין האנט געוויזן אפ דער ציג און מיט דער אנדערער געריפן צו זיך סענדערלען. סענדערל האט מיט

און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך געלאָזט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַרײַנגײן אין שטוב, גלײַך ווי אַ פֿאַרזינדיקט קינד, וואָס מע וויל אים מעקײַעם־פּסק זײַן.

— שטאַרק זיך, נעשאָמע מײַנע, דאָס איז איר שוין דאָס לעצטע מאָל, געדענק זשע, מאָרגן... — האָט ביניאָמינס שטילערהייט אײַנגערוימט סענדערלען אין אויער און ווי אַ קעצעלע זיך אַרויסגערוקט פֿונעם שטוב.

3—3500

דאָס פערטע קאפיטל

ווי ביניאָמינ מיט סענדערלענ פארלאָזנ טונעיאדעווקע

א פרימאָרגנ גאנצ פרי, איידער דער פאסטעכ האָט נאָכ פאר-נומענ די בעהיימעס אינ דער טשערעדע ארײַנ, איז אונדזער ביניאָמינ שוינ געשטאנענ גרייט לעבנ דער ווינטמיל מיט א פעקל אונטערנ אָרעמ. אינווייניק, אינ דעמ פעקל, איז געלעגנ אלע זאכנ, וואָס זײַנענ נייטיק געווענ צו דער נעסיִע, הײַנע: טאלעס-אונ-טפילנ, א סידער „דערעכ האכאיִמ", א כאָמעש, א טילימ אונ יענע אלע ספאָרימ, אָנ וועלכע ער האָט זיכ נישט געקענט רירנ, אזוי ווי א באלמעלאָכע אָנ זײַנ געצײַג. די שאבעסדיקע קאפאָטע זײַנע

איז אויב דאָרט געלעגן, — מע מוז דאָך פאַר דער וועלט א פּאָנעם האָבן און יויצע זײַן פאַר לײַט. אין קעשענע האָט ער געהאט א פּופּ־צנטהאַלבן גראָשן, וואָס ער האָט פאַרן אוועקגאַנג אַרויסבאַקומען בא זײַן פּלוינעסטע אונטער דעם קישן.

האַקלאַל, ער איז געווען, באַרעכאַשעם, פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג, און שוין געקענט זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

די זון איז דערווײַל אופגעגאַנגען זייער שיין און האָט אַראָפּגע־קוקט מיט איר ליכטיקן פּאָנעם אַפּ דער וועלט. איין קוק אירער האָט צוגעגעבן א שטיק געזונט, מעכײַע געווען איטלעכע זאַך באַזונדער. ביימער און גראָז האָבן עפּעס ווי זיך געשמייכלט איידער די גרויסע טרערן טוי פון באַנאַכט זײַנען זיי נאָך נישט אויסגעטריקנט, אַקוראַט ווי קליינע קינדער צעלאַכן זיך פּלוצלים פרײַלעך אינמיטן געוויין פון א בלישטשענדיק טשאַטשקעלע, בעשאַס טרערן ווי די באָבן שטייען זיי נאָך אין די אויגן. די פעלד־פּייגעלעך האָבן געשווינד זיך געטראָגן אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום בינײאָמינען, גלײַך ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען אי שאַלן און דערפרייען דעם פּײַנעם פאַרשוין לעבן דער ווינטמיל! דאָס איז בינײאָמין אַליין, דאָס איז בינײאָמין דער טונעיאַדעווקער, דער אַלעקסאַנדער מוקדען פון זײַן צײַט, וואָס ער פאַרלאָזט זײַן פאָטערלאַנד, וואַרפט אַוועק ווײַב און קינדער און גייט אין גאָטס שליכעס, וווהין די אויגן טראָגן! אָט שטייט דער גרויסער בינײאָמין, וואָס ער איז, ווי די זון, אַרויס פון זײַן געצעלט, און פרייט זיך, ווי א גיבער, צו לויפן אין וועג מיט זײַן פּעקל אין דער האַנט! ער איז שטאַרק, ווי א לעמפּערט, און גרינג, ווי אן אָדלער, צו טאָן דעם ראָצן פון אונדזער פאָטער אין הימל! זינגט, שפּילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרייט זײַן האַרץ!..

ביניאָמינענ איז טאַקע בעמעס פֿרײלעכ געווענ אפֿנ האַרצ, ער האָט בא זיכ געטראַכט: „איכ בינ דאָכ דער גליקלעכסטער מענטש אפֿ דער וועלט. וואָס פֿעלט מיר, אַנ אײנאָרע? וואָס גײט מיר אָפּ? מײַנ ווײַב האָב איכ, געלויבט איז האַשעמ־יִסבאָרעכ, פֿאַרזאָרגט. זי האָט א שטיקל פּאַרנאָסע. איכ אַלײנ בינ א פֿרײַער פֿויגל, גלײַכ ווי די אַלע פֿעלד־פֿײגעלעכ דאָ. די גאַנצע וועלט איז פֿאַר מיר אָפֿנ. מיט מײַנ גע־ניטשאַפֿט, מיט מײַנ באַהאַרצטיקײַט און מיט מײַנ שטיקל ידיִע אינ די שעוואַ־באָכמעס וועל איכ נישקאָשע ערגעצ נישט פֿאַרפֿאַלנ ווערנ. הײַנט דערבײַ בינ איכ דאָכ עפּעס א ייִד, א שטיקל באַל־ביטאָכנ. אוועקגעלײגט שוינ אַלע מײַלעס אינ דער זײַט, לעבנ דאָכ ייִדנ אָפּ א וועלט מיט ביטאָכנ אַלײנ און גאָט פֿירט זײ אויס.

ביניאָמינענ איז עפּעס זײער גוט געווענ אפֿנ האַרצנ, אַזוי, אַז די לעפּצנ זײַנע האָבנ זיכ געעפֿנט, און ער האָט בינימעסדיק אפֿנ בײַקאָל אונטערגעזונגענ א מאַרש פֿונעמ מעלעכ־עליונ. זײַנ מאַרש האָט זיכ פֿאַרמישט מיט דעמ געזאַנג פֿונ די פֿײגעלעכ, מיט דעמ זוזשענ פֿונ די פֿליגלענ, מיט דעמ שמועצערנ פֿונ די גרילנ, און האָבנ אינ א קאָנ־צערט זיכ דערהויבנ ביז צומ קיסע־האַקאָוועד פֿונ זײַנ ליבנ נאָמענ, הויכ־הויכ אפֿ דעמ אײבערשטנ הימל!

דערווײַל איז אוועק א היפּשע צײַט און סענדערל איז נאָכ נישטאָ. דאָס האָט אָנגעהויבנ ביניאָמינענ א ביסל צו אַרנ און צעשטערט זײַנ סימכע. ער האָט געקוקט אינ אַלע זײַטנ, זיכ אַרויסגענומענ די אויגנ קוקנדיק. נאָר אומזיסט די מי. מע הערט נישט, מע זעט נישט. ניטאָ סענדערל!

האָט אימ עפּשער דענ די ראָשעטע זײַנע מעכאַבעד געווענ מיט עפּעס א מעלאָכע? נאָר דערצו איז נאָכ אָבער איצט נישט די צײַט. גאַנצ טונעיאַדעווקע שלאָפֿט נאָכ איצינד געשמאַק. קאַרטאָפֿליעס הײבט מענ אָנ צו שײלנ העט שפּעטער, ייִדענעס נעמענ זיכ צומ וואַרמעס

ערשט נאָכנ אָפּקריגנ און אָפּשעלטנ זיכ מיט די מאַנענ, ערשט דער־נאָכ ווענ מע שמײַסט שוינ אָפּ קינדער און מע הענגט אויס טריקענענ די בעבעכעס...

אונדזער בינ־אָמינ האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָנ, און אים איז געוואָרנ נישט פֿרײלעכ. שטאַרק ניט פֿרײלעכ. אומקערנ זיכ אַהײמ? פע, דאָס איז מיִעס! אַלעקסאַנדער מוקדענ האָט צעבראָכנ די בריק, איבער וועלכער ער איז אַריבער קײנ הינדיִאַ, בכדי ער זאָל נישט קענענ צוריקגײנ. לאָזנ זשע זיכ אַלײנ אָנ סענדערלענ? נײנ, דאָס איז פֿריקרע, זײער פֿריקרע! סענדערל איז אים געווענ שטאַרק נײטיק. זינט ער האָט מיט אים זיכ סקאָמפּאַנײעט איז אים עפּעס ליכטיק געוואָרנ אינ די אויגנ. אָנ סענדערלענ זיכ אַוועקצולאָזנ וואָלט אויס־געקומענ עפּעס מעשונע־ווילד, עס וואָלט נאָר אַ פּאָנעמ געהאַט ווי אַ שיפ אָנ אַ רודער, אָדער ווי אַ מעלוכע אָנ אַ מיניסטער.

פּלוצלימ האָט זיכ געלאָזט זענ פונדערווײַטנס עפּעס ווי אַ מענטשנ־געשטאַלט. דאַכט זיכ, סענדערל, און פּאָרט נישט סענדערל. דאַכט זיכ, גאָר אײנע אינ אַ ציצנ קלײדל און מיט אַ טיכל אפנ קאָפּ.

בינ־אָמינענ האָט אַ טיאָכקע געגעבנ דאָס הארצ, און איז געוואָרנ טויט, בלײכ ווי די וואַנט. אים האָט זיכ געדאַכט, אַז דאָס גײט זײַנ ווײַב. נײנ, זי גײט נישט, זי לויפֿט, זי יאָגט. אָט קומט זי צו לויפֿנ, כאַפּט זיכ אָפּ אימ אַרופּ מיט גרויס קאַס, לאָזט צו אים אויס איר שווער־ביטער הארצ און שלעפּט אים אַהײמ מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג.

„אײנ גאָט נאָר ווײסט, — אַזוי דערצײלט בינ־אָמינ אַלײנ, — ווי איכ בינ דענסטמאָל געשטאַנענ אינ אײנע צאָרעס, אינ געהאַקטע וווּנדנ, הונדערט פּיפּערנאָטערנ וואָלט מיר דענסטמאָל ליבער געווענ צו באַגעגענענ, ווי מײַנ ווײַב, וואָרעמ אַ פּיפּערנאָטער בײַסט נאָר דאָס לײַב, דעמ גופ, און אַ ווײַב בעשאַס קאַס גריזעט און בײַסט די נע־שאָמע. האשעמ־יִסבאָרעכ אָבער האָט מיכ געשטאַרקט, איכ בינ באַלד

טאקע באהארצט אנטלאָפן, זיך פארבאָרגן הינטער דער ווינטמיל און געלוגט דאָרט, ווי א לייב לויגט אפ זיין פארצוקונג".

אין עטלעכע מינוט ארום איז בינימינען ארויסגעשפרונגען פון זיין פארבאָרגעניש מיט א שרעקלעכן שפרונג און מיט א געשריי ווי א ריינער משוגענער:

— הא, סענדערל!

סענדערל איז געגאנגען אָנגעטאָן אין א ציצן כאלאט, אונטער־געבונדן ביידע באקן מיט א פארשמאָלצענעם טיכל. אונטער ביידע אויגן בלוי, צעגראבלט. א שטעקן אין דער האנט, און אפ די פלייצעס א היפש פעקל.

ער האָט אין בינימינס אויגן געהאט דענסטמאָל דעם זיבעטן חיין, ווי א שיינע אויסגעפוצטע קאלע אין די אויגן פונעם כאָסן.

בינימין שילדערט זיין סימכע דענסטמאָל מיט די ווערטער: „ווי א אינד, וואָס גלוסט אפ קוואלן וואסער, ווי א דאָרשטיקער אין דער מידבער, וואָס געפינט לעבעדיקע, קוועלנדיקע וואסער, וואָס רינט אראָפ פון שפיץ סקאלע, אזוי האָט מיין גלוסטיקע לייב זיך געטאָן טאָן דערפרייען אפ סענדערלען מיין באשערטן, מיין געטריען געזעלן".

— וואָס איז די מייסע, סענדערל? וואָס האָסטו געלאָזט אפ זיך אזוי לאנג ווארטן?

— סטייטש, איך בין דאָך געגאנגען צו דיר אהיים, — האָט סענ־דערל ביטמימעס געענטפערט, — ביזוואנען איך בין דערגאנגען, און ביזוואנען איך האָב אופגעוועקט דיין זעלדען, איז דערווייל אוועק א היפשע צייט.

— אופגעוועקט זעלדען! — האָט בינימין א געשריי געגעבן מע־שונע־ווילד, נישט מיט זיין קאָל. — סענדערל, לעמיי, משוגענער, האָסטו אזוינס געטאָן?

— וואָס טײַטש לעמבי?! — האָט סענדערל פאַרוווּנדערט זיך אָנגערופן. — לעמבי, אַז איך האָב דיר פריִער אָנגעקלאַפּט אין דער ספּיזשאַרנע און דו האָסט זיך נישט אָנגערופן, האָב איך מיך גענומען קלאַפּן אין דער שטוב-טיר: סטוק, סטוק, סטוק. נו, איז זעלדע, נישט-טויט נישט-לעבעדיק, אופגעשטאַנען, און איך האָב זי געפרעגט מיקויעכ דיר.

— סענדערל, מיר זײַנען פאַרבײַ! דו האָסט פאַרקאָכט אַ גוטע קאַשע. סטײַטש, זעלדע וועט נאָכלויפן, זעלדע, און וועט...

— אַי, שרעק זיך נישט, בינימינן! זי האָט מיך אָפּגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר מיט אַזאַ קאָס, גלײַך ווי איך וואָלט איר געקוילעט די קאַפּאָטע. „גיי מיט מײַנעם אײַנײַעם, אין דער ערד אַרײַן ביידע!“ האָט זי געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר. איך בין אַ היפּשע צײַט געבליבן שטיין אינדרויסן ווי צעמישט. דערנאָך ערשט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער ווינטמיל און זיך געשטויסן, דו מוזט שוין אָפּאָנעם זײַן דאָ. און דעריבער טאַקע האָט אָפּאַנעם דײַנע געזאָגט: „גיי מיט מײַנעם אײַנײַנעם, אין דער ערד אַרײַן ביידע!“ זי האָט אָפּאָנעם, מוז געדרונגען זײַן, געזען, ווי דו ביסט אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס, וואָס, סענדערל! זי האָט געזען? עפּשער גייט זי, גייט זי עפּשער?

— כאָלילע, בינימינן! זי האָט גאָר פאַרקײַטלט די טיר. אַז איך האָב פאַרן אַוועקגיין ווידער אָנגעקלאַפּט און געפרעגט: זעלדע! זעלדע! וואָס זאָגסטו עפּעס אָן צו דײַן מאַן, זעלדע? אָדער האָסטו עפּשער, אַ קאַשע אָפּ אַ מײַסע, וואָס אים מיטצוגעבן, זעלדע? האָט זי נישט געענטפערט קיין גוט וואָרט. אָפּאַנעם זי האָט זייער אַ האַרטן שלאָף, און שלאָפט געשמאַק, אָן אײַנאָרע. נו, האָב איך געזאָגט: זעלדע, דו שלאָפסט, שלאָף זשע, שלאָף געזונטערהייט! זײַ מיר געזונט, זעלדע! האָב איך געזאָגט און בין מיר אַוועקגעגאַנגען.

סענדערלס לעצטע ווערטער האָבן אַזוי ווי טראָפּנס אָפּגעמינטערט בּיניאָמינען. ער האָט אָנגעהויבּן פרײַ צו אָטעמען, און געסאָפּעט, גלײַך ווי אַ שטיין איז אים פונעם האַרצ אַראָפּ. דאָס פּאָנעם האָט אים געשײַנט, און זײַנע אויגן האָבּן געפלאַקערט פאַר גרויס פרייד.

— אַצינד, סענדערל! — האָט ער עפּעס ווילד אַ קוויטש געגעבן, — אַצינד מיט דער רעכטער פוס!

אין דער צײַט האָט פון אַ לוזשע אין דער זײַט זיך אַרויסגעלאָזט אַ קאָל פון זשאַבּעס, גלײַך ווי זיי האָבּן זיך געזעגנט מיט אונדזערע פאַרשווינען און זיי צוגעקוואַקעט אַ מאַרש. טונעיאַדעווקער זשאַבעס שרײַען מעשונע־שטאַרק אין זייערע פאַרשימלטע בּלאָטעס. זיי זײַנען באַרימט אין דער וועלט גלײַך מיט דניעפּראָוויצער וואַנצן און טאַראַקאַנעס...

דאָס פינפטע קאַפּיטל

וואָס מיט אונדזערע פאַרשוינענע פּאַסירט זיכ באַלד באַמ ערשטנ אַרויספאָר

אונדזערע פאַרשוינענע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ ראַפּטאָמ און גענאַנגענ געשמאַק גיכ, גלײַכ ווי זיי וואָלטנ זיכ אָפּגעריסנ פונ א קייט, אָדער גלײַכ ווי איינער וואָלט זיי פונ הינטנ געטריבנ מיט א בײַטש. מיט זייערע ברייטע פּאָלעס, וואָס האָבנ געשוועבט אפנ ווינט, האָבנ זיי זיכ געמעגט גלײַכנ צו א שיפֿ, וואָס גייט געשווינד אפ אירע אויסגעשפּרייטע זעגלענ. די קאָנדוקטערס פונ געוויסע דיליזשאַנסנ אינ אונדזער ווינקל וואָלטנ זיכ, כלעבנ,

געמעגט ווינטשן: האַלעווײַ דער גאַנג פֿון אונדזערע וואַנדערער — אַף זייערע פֿערד געזאָגט געוואָרן! סאַראַקעס און וואָראָנעס, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט אַף דער ערד, האָבן מיט דערעכערעץ אָפּגעטראָטן דעם וועג, און זײַנען שרײַענדיק זיך צעפֿלויגן אין אַלע זײַטן, מאַכ־מעס גרויס פּאַכעד פֿאַר די צווייפֿיסיקע מינע באַשעפֿענישן, וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט גרויס כיישעק און היסלײַוועס.

קיין פּעם איז נישט בעיעכוילעס צו באַשרײַבן, ווי גליקלעך, אײַבערגליקלעך זיי זײַנען דענסטמאָל געווען. עס האָט זיי עפּעס מעשונע האַנאָע געטאָן, און זײַנען געווען שטאַרק צופֿרידן — צופֿרידן פֿון זיך אַליין, צופֿרידן איינער פֿונעם אַנדערן און צופֿרידן פֿון דער גאַנצער וועלט.

סענדערל, ווי עס האָט אויסגעזען, איז זייער פֿריילעך געווען, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון זײַן ווײַבס הענט און איז פּאַטער געוואָרן אַזאַ שווערן, ביטערן גאָלעס. נעכטיקער טאָג באַזונדערס איז פֿאַר אים, נעבעך, געווען זייער אַ שווערער, אַ ביטערער, אַ טאָג פֿון צאָרעס און יעסורים, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ סליער פֿון סיניאַקעס אַף זײַן לײַב, וואָס האָט מיט שטורעם אויסגעוואָרצלט אַ סאַך האָר פֿון זײַן בערדל און וואָס האָט גאַנץ פֿרײַ פֿאַר דער גאַנצער וועלט זיך געכאַסמעט מיט ברוין-בלויע צייכנס אונטער זײַנעביידע אויגן. נישט פֿאַר איבל, פּאַנטאָפֿל־מענער, געזאָגט געוואָרן אַזאַ וויסטן פֿינצטערן פּעטשאַטאָק, וועלכן סענדערל, נעבעך, האָט נעכטן פֿרי געכאַפּט פֿון זײַן באַכערטע!

אַ היפּשע צײַט זײַנען אונדזערע פּאַרשוינען געלאָפֿן קימאַט אָן אַ נעשאָמע, שאַ, שטיל, נישט צו רײדן איינער מיט דעם אַנדערן אַ וואָרט. זיי האָבן זיך שטאַרק דערוואָרעמט, און גרויסע טראָפּן שווייס האָבן זיי אַרויסגעטראָטן אַפֿן פּאָנעם. סענדערל האָט אָנגעהויבן ביס־לעכווײַז זיך אָפּצושטעלן און געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז.

— גיכער, גיכער, סענדערל! — האָט בינִיאָמין אים אַלץ אונטער־געגעבן קוראַזש און איז געלאָפן מיט אימפּעט פאָרויס, ווי אַ גיבער, וואָס גורט אָן זײַנע לענדן און לויפט מיט פּיל־און־בויגן אין דער מילכאָמע.

— גוואַלד, בינִיאָמין, האָב ראַכמאָנעס אף מײַן נעשאָמע! — האָט סענדערל געבעטן וראַכמים. — איך האָב מער קיין קויעך נישט דיר נאָכצולויפן. דו לויפסט, אָן אײַנאָרע, ווי אַ הירש אף די בערג און ווי אַ צאַפּ פאַר דער טשערעדע.

— גיכער, גיכער, סענדערל! — האָט בינִיאָמין אים אַלץ געשריגן און געלאָפן פאָרויס מיט גאַדלעס אף זײַן בעריִשקײט. — זעסטו, סענדערל, איך וואָלט אַזוי געלאָפן, געלאָפן ביז עק וועלט!

— נאָר צו וואָס, בינִיאָמין, איך בעט דיך, לויפסטו אַזוי? — האָט סענדערל געפרעגט. — מיר וועלן, כלעבן, גאָרנישט פאַרזאַמען. אַז מיר וועלן אָנקומען אהין שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער אפילע מיט עט־לעכע טעג, איז אויך, כלעבן, קיין סאַקאָנע נישט. די וועלט וועט נאָך אַזוי גיך נישט אונטערגיין. זי האָט נאָך צו שטיין, קעפּי איך האָב געהאָרכט, ביז דעם עלעף האַשוויִו, שמאַרקע עטלעכע הונדערט יאָר.

— גיכער, סענדערל, גיכער, אָן אוויירע די צײַט! וואָס גיכער אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען איז אַלץ בעסער. האָרעווע, סענדערל, קנעל אַ ביסל צו, גישקאָשע! דערפאַר, קומענדיק אהין, וועסטו אויסגלײַכן דיר די ביינער, וועסט עטעמען און לעבן ווי אַ סראָרע.

— דו ביסט, בינִיאָמין, זייער גערעכט. דו ווילסט גיכער, וואָס פאַר אַ דײַגע איך האָב, זאָל זײַן גיכער, באַ מיר האָסטו געפּועלט, נאָר וואָס טוט מען מיט די פיס, מיט מײַנע פיס?

איין ברייִרע, בינִיאָמין האָט געמוזט צוליב טאָג סענדערלען און אײַנהאַלטן אַ ביסל דעם גאַנג.

אַז די זון איז אַרויס פון איר פוטערפאַס און האָט געשמאַס גע־

וואַרעמט, געבראָטן מיט אירע ליכטיקע שטראַלן, זײַנען אונדזערע וואַנדערער אַנידערגעפאַלן לעבן אַ וועלדעלע, בײַ דער זײַט פֿונעם וועג. זיי זײַנען געלעגן אין אײַנאײן שוויים און האָבן שטאַרק געסאָפּעט, געמאַכט מיט די זײַטן, די פֿרישע סיניאַקעס האָבן בײַ סענדערלען זיך צעפֿרײעט, און ער האָט געפֿילט אַ ווייטעק, ווי מע שטעכט מיט שפּילקעס.

נאָך דעם, אַז זיי האָבן אַ ביסל אָפּגערוט, איז די ערשטע זאַך זייערע געווען אַרויסצונעמען טאַלעס־און־טפֿילין און דאַוונען. בינ־יאָמין האָט זיך געשאָקלט, געדאַוונט לעבעדיק, מיט אַ ברען. ער איז וואָרט געווען דערנאָך אַ ביסל בראַנפֿן. נאָר ווי האָט ער עס אָבער געקענט דאָ אויספֿירן? ער וואָלט געגרן געווען, ער זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל ברויט. דאָס האַרץ האָט אים געבאַלעשט, דער אַפּעטיט זײַנער איז געווען זייער גרויס נאָך אַזאַ געשמאַקן גאַנג. ער וואָלט געקענט אופּעסן אַ וועלט, און דאָ האָט בײַ אים, מײַסע־סאָטן, זיך נישט געפֿונען אַפֿילע אַ ברעקל ברויט ווי אַ קאַזאַיעס.

ער האָט געוואָרפֿן מיט די אויגן אַהין און אַהער, אויסגעקנאַקט די פֿינגער, געגענעצט, זיך געקראַצט, פּאַסמאַקעוועט, געמאַכט אַלץ טאַ־טאַ, געגלעט, געצויגן די פּייעס, דאָס בערדל, נאָכאַמאָל אַ קראַץ און נאָכאַמאָל טאַ, — ביז ער האָט זיך מעיאַשעװ געווען און אַרויס־דערטאַפּט פֿונעם קלומעקל עפּעס אַ פּערטעלדיקן סייפֿער, ווי אַ מאַכ־זערל, אין וועלכן ער האָט אַרײַנגעקוקט און אונטערגעברומט מיט אַן אַקדאָמעס־ניגנדל.

— סענדערל! — האָט בינ־יאָמין אינדערמיט מאַפּסיק געווען. — דו ווייסט, וואָס איך זאָג דאָ איצט אַזוינס? דו ווייסט, פֿאַרוואָס איך זאָג עס איצט מיט דעם ניגנדל?

— דו מוזט אַוואַדע הונגעריק זײַן, — האָט סענדערל געענטפֿערט ביטמימעס.

— גראַמשטראַם, — האָט בינ׳אָמינ זיכ אָנגערופנ, — אונ אַז איכ בינ הונגעריק, מיילע?!

— מיילע, מיילע, דעריבער זינגסטו, — האָט סענדערל געענט־פערט, — ס׳איז דאָכ דאָ אַ בעפיירעש ווערטל: קאָלי זשיד ספּיוואַיעט, קאָלי ווינ גאָלאָדני. דו, בינ׳אָמינ, מעגסט דיר זינגענ, זינג דיר, זינג, אונ איכ וועל מיר דערווײַל עפּעס אנדערש טאָנ.

אינ דעם, ווי סענדערל האָט גערעדט, האָט ער טאַקע אַרײַנגע־שטעקט די האַנט זײַנע צו זיכ אינ פּעקל אונ אַרויסבאַקומענ פונ דאָרט אַ טאָרבע.

— עט, דו ווייסט נישט, דו פאַרשטייסט נישט, אַקעגנ וואָס איכ טו עס, — האָט בינ׳אָמינ געזאָגט. — סענדערל, נאַרעלע, איכ וועל דיר מעפּוירעש זײַנ דעם טאַם דערפונ.

נאָר סענדערל אָבער האָט דערווײַל זיכ זײַנס געטאָנ אונ פּאַמע־לעכ אופגעבונדנ די טאָרבע. אַז בינ׳אָמינ האָט אַ קוק געטאָנ, איז אים ליכטיק געוואָרנ אינ אַלע ראַמאַכ איווורים. אינ טאָרבע איז געלעגנ פונ קאָלטווו: ברויט, שטיקלעכ קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבנ פונ שאַבעס, אוגערקעס, רעטעכלעכ, ציבעלעס אונ קנאָבל! סענ־דערל האָט איצינער געהאַט אַלצדינג אָנצוגרייטנ ווי אַ גוטע באַ־לעבאָסטע, אונ ער איז באַ בינ׳אָמינענ דערפאַר געהויכט, געקרוינט געוואָרנ נאָכ אַ סאַכ מער ווי פריִער. בינ׳אָמינ האָט אינ האַרצ זיכ שטאַרק געפרייט, וואָס האַשעמיִסבאָרעכ האָט אים באַשערט אַזאַ טײַערנ כאַווער אַפ דער נעסיִע. סענדערלענ האָט מיר גאָט צוגע־שיקט, אַזוי האָט ער געטראַכט, ווי די קינדער יִסראָעל מאַנ אינ דער מידבער.

נאָכ דעם, אַז זיי האָבנ אונטערגעלענט זייער האַרצ, האָט סענדערל אײַנגעוויקלט דאָס ביסל שפּײַז, וואָס איז איבערגעבליבנ, צוריק אינ טאָרבעלע, מיט די ווערטער:

— דאָס ביסל שפּײַז װעט אונדז צוניצקומען נאָך אַף אַ מאָל און דאָס טאָרבעלע אַף טויזנט מאָל, אַף אונדזער גאַנצן לעבן. דערמיט װעלן מיר, אימירצעשעם, איבער די הײַזער אַרומגיין. ניסקאָשע, גאָט באָרעכ-הו װעט אונדז העלפֿן!

דאָס װוּנדערלעכע טישטעכל אין די מײַסע-ביכלעך, װאָס מע זאָגט: טישטעכל, טישטעכל, גיב מיר עסן! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ! און דאָס טישטעכל גיט, — אָט דאָס דאָזיקע כידושים-װוּנדערלעכע טישטעכל איז בא אונדז, ײִדן, די טאָרבע. פֿיל נעפּאַשעס, זייער פֿיל, שפּײַזן זיך כידעשלעך-גרינג זייער גאַנץ לעבן נאָר פֿון דער טאָרבע און לאָזן זי איבער בעיערושע קינדס-קינדער. די טאָרבע איז, אין טאָך אַרײַן, אַלץ איינע, נאָר בא פֿאַרשיידענע קלאַסן מענטשן באַקומט זי אַן אַנדער מין פֿאָרמע און אַן אַנדער מין נאָמען. באַם פֿראָסטן אוילעם איז זי פּאָשעט אַ טאָרבע, אַ פּראָסטע לײַװנטענע טאָרבע; באַם געהויבענעם אוילעם נעמט זי אָן אַלערליי מינע געשטאַלטן, װי אַשטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאָראָבקעלע, אַ קלייקוידעשל, אַ כעװרעלע, אַ פּושקעלע, אַ קאָהעלש בײַטעלע, אַ גמילעסכעסעד-באַנקעלע, אַ מעכאַברישער פּלוידערזעקעלע אוקעדוימע. די אַלע זײַנען בעעמעס טאַקע נאָר טאָרבעס, עכטע ײִדישע טאָרבעס!..

— סענדערל! — האָט ביניאָמין זיך אָנגערופֿן, געשטאַרקט פֿון סענדערלס װערטער. — מיר ביידע זײַנען אַ זיװעג מין האַשאָמאַ׳ים. מיר ביידע זײַנען װי אַ גוף מיט דער נעשאָמע. װען דו זאָרגסט אין גאַשמי׳עס מיקויעך עסן און טרינקען אַף אונדזער נעסי׳ע, אַקעגן זשע זאָרג איך אין רוכני׳עס-זאַכן. נאָכאַמאָל פֿרעג איך דיך, סענדערל, דו װייסט, פֿאַרװאָס איך זאָג אַקדאָמעס? איך האָב דערמיט אַ גרויסן קיװן. איך זאָרג מיך איצט, אַז האַשעמי׳סבאָרעך װעט אונדז בעשאָלעם ברענגען אַהין, צו די בניי-מוישע, זאָלן מיר קענען אַ מויל עפֿענען און מיט זיי זיך אויסטײַנען. זיי ריידן עפּעס האָליב-טאַרגעם, צו-

מיסטנ ריידנ זיי דאָרט אקדאָמעס-לאָשנ. עלדאָד=האַדאָני, וואָס איז פונ יענעמ ווינקל צו אונדז געקומענ, ער האָט דאָכ דאָס דעמ אקדאָ-מעס געמאכט. ושריות שותא, סענדערל, איז דער טײַטש — איכ הייב אָנ צו שפּרעכנ, געדענק זשע, סענדערל! דאָ אינ כוזל-לאָארעצ קענ מענ זיכ באגיינ מיט אונדזער לאָשנ, מיט דײַטש, אָבער דאָרט מוזנ זיי קיינ דײַטש אוואדע נישט קענענ.

— איכ פארלאָז מיכ אינ די זאכנ אינגאנצנ אפ דיר, — האָט סענ-דערל געזאָגט בעהאכנאָע. — דו ביסט א געלערנטער מענטש אונ קוקסט ארײַנ אינ דײַנע ספאָרימ, מיסטאָמע ווייסטו וואָס דו טוסט, וווהינ דו גייסט. א סימענ, איכ האָב דיכ אפילע נישט איבערגעפרעגט, צי גייענ מיר מיט דעמ גלײַכנ וועג. דו גייסט, וואָס פאר א דײַגע איכ האָב, גיי, איכ גיי דיר נאָכ, ווי א קו נאָכ א קעלבל.

בינ'אָמינענ האָט מעשונע האנאָע געטאָנ סענדערלס גרויסער בי-טאָכנ אפ זײַנ כאָכמע. ער האָט בא זיכ איג די אויגנ אויסגעזענ ווי א שיפּסקאפּיטאנ, וואָס ער אליינ פירט די שיפ אפנ יאמ. דאָס, פונ-דעסטוועגנ, האָט אימ נישט אָפּגעהאלטנ זיכ באלד טאקע צו באַ-טראכטנ, אז ער ווייסט בעעמעס נישט, ווו ער געפינט זיכ, מעגלעכ עפשער בלאָנדזעט ער אונ איז גאָר אראָפּ פונעמ וועג.

דערוויַל, ווי ער האָט געטראכט, האָט גאָט אָנגעטראָגנ א מוזשיק, וואָס ער איז געפאָרנ פארבײַ אפ א פולנ, אָנגעטאסעוועטנ וואָגנ מיט היי.

— סענדערל, — האָט בינ'אָמינ געזאָגט, — עס שאדט קלאל נישט א פרעג צו געבנ דעמ אָרל מיקויעכ דעמ וועג. גיי אפ ציקאוועשטש, גיב א פרעג. דאָ אינ כוזל-לאָארעצ ווייסטו בעסער פונ מיר זיכ קענענ אויסטײַנענ מיט די מוזשיקעס אפ זייער גראָבנ לאָשנ. דײַנ פלוינעסטע פלעגט דאָכ עפּטערס דיכ מיטנעמענ מיט זיכ אפנ מארק.

סענדערל האָט זיכ אופגעהויבנ פונ זײַנ אָרט, צוגעגאנגענ מיט גרויס דערכערעצ צומ מוזשיק אונ געזאָגט קעהײַ לישנאָ:

— דאָברי דיענ! קאזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאראָגי אפ ערעציִסראָעל?

— שטשאָ?! — האָט דער מוזשיק פארוואונדערט געמאכט אונ אויסגעשטעלט א פאָר אויגנ. — יאקי סרול? ני באטשיל יא סרוליא!

— ני, ני! — האָט ביניאָמינ זיכ נישט געקענט אײַנהאלטנ אונ זיכ ארײַנגעמישט פונדערווײַטנ. — עטאָ ווי סרול, א ווינ, לעהאוודיל, ערעציִסראָעל קאזאטע וױנ. סענדערל, זאָג אימ נאָכאמאָל בעפיירעש ארויס. ער האָט א פויערש קעפעלע. שארפער, שארפער, סענדערל!

— אפ ערערעציִסראָעל קודי דאראָגי? — האָט סענדערל נאָכאמאָל שארפ איבערגעכאזערט.

— א פיעס וואס, זשידקי, זנײַעט, שטשאָ ווי מאָראָטשעטע מעני גאָלאָווי, עטאָ דאָראָגי דאָ פיעווקי, א וואָני עלעסלאָעל! עלעסלאָעל! — האָט דער מוזשיק זיכ נאָכגעקרימט, א שפײַ געטאָנ אונ אוועקגעפאָרנ ווײַטער.

אונדזערע פארשוינענ האָבנ זיכ געלאָזט ווײַטער אינ וועג.

ביניאָמינ האָט געפילט א ווייטעק אינ די ליטקעס, די פיס זײַנענ אימ געווענ, לוי־אלייכעמ, ווי אָפגעשניטנ. דאָכ האָט ער, נעבעכ, זיכ נישט ווייסנדיק געמאכט, זיכ געמאכט הארצ, אלצ אונטערגעגעבנ קוראזש. אונ מאכמעס אימ איז, נישט פאר קיינ יידנ געדאכט, זייער שווער געווענ צו גיינ גלײַכ אונ געשווינד, האָט ער געמוזט אלצ אונטערשפרינגענ. אוואדע איז דאָס נישט געווענ אזא גאנג ווי פריִער. עס איז געווענ געמוטשעט. נאָר פונדעסטוועגנ האָט ער געטאָג זײַנס אונ איז געגאנגענ, ווארעמ די קאשע איז דאָכ, וואָס האָט ער דענ געקענט מאכנ? אנידערלייגנ זיכ, סאָנע־צוזענ, אפנ וועג? מיילע, וואָס וואָלט דערפונ דער טאכלעס געווענ? הײַנט ווי ליגט עס זיכ א ייִד אינמיטנ

וועג גלאט אנידער? ער וואָלט נאָר מעצאער געווען סענדערלען, און די נעסיע וואָלט, כאָלילע, אופגעהאלטנ געוואָרנ. האקלאל, זיי זײַנען געגאנגענ, געגאנגענ אזוי א גאנצנ טאָג, ביז גאָט האָט זיי בעשאָלעמ געבראכט קיינ פיעווקי אפ נאכטלעגער.

ארײַנקומענדיק אינ פיעווקער קרעטשמע, איז ביניאָמינס ערשטע זאכ געווענ, זיכ א וואָרפ צו טאָג ווי גרויס ער איז אינ א ווינקעלע, אויסצורוען די פיס אונ כאפנ דעמ אָטעמ.

סענדערל איז, ווי אנ אלטע באלעבאָסטע, געגאנגענ צו באשעפ־טיקנ זיכ אינ דעמ באלעבאטישקײַט אונ שמועסנ מיקויעכ וועטשערע.

דער ארענדאר האָט אָנגעקוקט סענדערלען פונ קאָפ ביז די פיס אונ האָט פונ זײַנ גאנצנ הילעכ ארויסגעזענ, אז דאָס איז עפּעס נישט גלאט אזא פארשוינ, ווי אנדערע, וואָס פאָרנ געוויינטלעכ דורכ. ער האָט אימ אָפגעשטעקט א שאָלעמ-אליינעמ, אונ אפ דער שײַלע: מא שמייכעמ? פונוואנענ איז א ייד? האָט סענדערל געענטפערט ביטמי-מעס, ער הייסט סענדערל, ער איז א שטיקל ערעציסראָעל-ייד, ער איז מעשאמעש בא רעב ביניאָמינ, וואָס ליגט איצט מיט זײַנ קאָווער דאָ אינ א ווינקל. דער ארענדאר האָט געמאכט א פרומ פּענעמל, זיכ א ביסל פארטראכט אונ געבעטנ סענדערלענ זיצנ.

לאָמיר לאָזנ די באסמאלקע, דאָס הייסט סענדערלענ, שמועסנ מיט דעמ ארענדאר, אונ זיכ אומקערנ צומ בעגמעלעכ, צו ביניאָמי-נענ, זענ, וואָס ער מאכט און וואָס ער טוט.

אונדזער ביניאָמינ, אז ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ ווינקל, איז געבליבנ ליגנ, ווי א שטיינ, אונ נישט געוווסט, אפ וועלכנ אוילעמ ער איז. די אָדערנ פונ די פיס זײַנענ געווענ שטארק אָנגעקוואָלנ, דאָס בלוט האָט אינ זיי זיכ צעשפּילט, געזעצט אונ געשטשיפּעט, גלײַכ ווי מוראשקעס וואָלטנ דאָרט הויפנסווײַז ארומגעלאָפנ אונ געביסנ, גע־שטאָכנ. די שלייפנ האָבנ געהאקט, געקלאפּט ווי האמערס. אינ די

אויערנ האָט פאַרדומפּנ גערוישט, און דאָס רוישנ פלעגט זיכ אַלץ אויסלאָזנ צום סאָפ מיט א הילכעדיקנ לאַנגנ קלונג, ווי א טקיִע-גדוילע, אָדער מיט א שאַרפנ שום, ווי בעשאַס מע לאָזט ראַקעטנ. בא איטלעכנ אַרויספּליִענדיקנ ראַקעט פונעמ קאָפּ האָט מיטאַמאָל אימ א בלישטשע געגעבנ אינ די אויגנ טויזנטערליי פײַערווערק: געלע, גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פּאַמסענע, נאָכ אי נאָכ קאָלירנ אָנ אַנ עק, אָנ א סאָפּ. אינ א מינוט אַרומ ווערנ די פײַערווערק אויסגעלאָשנ, כוישעכ-פינצטער ווערט אימ אינ די אויגנ, און אינ די אויערנ רוישט ווידער ווי אינ א מיל.

ליגנדיק פאַרטראַגנ אַזוי א היפּשע צײַט, הערט ביניאָמינ א קאָל פונ גלעקלעכ קלינגענ אינדרויסנ פונדערווײַטנ. מיט איטלעכער מינוט קומט דער קאָל צו אַלצ נעענטער, נעענטער, ווערט אַלצ העלער אי שטאַרקער, און פּלוצלינג גיט א סקריפּ, ווי א וואָגנ האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ טויער. פונעמ וואָגנ לאָזנ זיכ הערנ אַלערליי מינע קוילעס: בײַקעלכלעכ, פּיסטלעכ, געמבעס, הייזעריקע, כאָרכלענדיקע אי צוגעלעגערטע שטימעס, גלײַכ ווי א גאַנצ שטעטל האָט דאָרט זיכ פאַרקליבנ אפ א וויכטיקער, וואַזשנער אַסיפע. אַלע ריידנ, שרײַענ מיטאַמאָל און מע הערט נישט איינ וואָרט. פונ קעצ, וואָס פאַרזאַמלענ זיכ צײַטנווײַז אפ די דעכער, הערט מענ כאָטש א מיאַוקענ, דאָס הייסט ווענ אפילע קאַצנ-לאָשנ איז נישט צומ פאַרשטיינ, דאָכ, אויסהערנדיק א סאָבראַניע קעצ, קענ מענ, וויניקסטנס, זאָגנ גאַנצ באַשטימט: יאָ, די קעצ מיאַוקענ. נאָר דאָ אָבער איז ריינ אומעגלעכ צו באַשטימענ אי דאָס אויכ, וואָס פאַר א מינ איז דאָס געשריי פונ די פאַרשויִנע, ווײַל דערינענ איז אויסגעמישט אי געלעכטער, אי א געקרעכצערײַ, געזיפצערײַ, אי א שושקערײַ, אי א קוויטשערײַ, אי א טאָנ פונ א שיִגעץ, אי דאָס זיסע כאַניפע-קעלכל, אי א הוסטערײַ, אי נאָזשנײַצערײַ, א געקלאַפּערײַ און א געפּאַטשערײַ. הײַנט גיי פאַרשטיי, וואָס

דאָס אַלצדינג אינײַנעם איז, וואָס דאָס באַטײַט? באַלד דערופֿ עפֿנט זיכ די טיר און אַ כאַפּטע מענטשנ שיטנ זיכ אַרײַנ אינ שטוב מיט אימפּעט.

בינימינ רוקט זיכ ווײַטער, ווײַטער אינ ווינקל און נורעט זיכ שטאַרק אײַנ.

דערווײַל ווערט אינ שטוב זייער ליכטיק פונ אַ סאַכ ליכט, וואָס ברענענ אינ שאַבעסדיקע מעשענע לײַכטער; אַ טייל זײַנענ פאַרשטאָפּט מיט שנויצנ און די ליכט שטייענ אפ זיי צוגעשמאָלצנ, נאָר אפ מישקוילעס, אַ טייל זײַנענ מיט צו גרויסע, ברייטע, נישט קיינ טיפע לעכער, און די ליכט שטייענ אינ זיי קרום, אינ דער זײַט פאַרשטעקט פונ אונטנ מיט אַ קויל.

באַם עק פונ אַ לאַנגנ דעמבענעמ טיש זיצט אַ כעווריע קלעזמער און סטרויענ, שטעלנ אָנ זייערע קייליִמ. דער פידלער פּאָרעט זיכ מיט דער פידל, קיצלט זי מיט פינגער און איטלעכע סטרונע רופט זיכ אָפּ: זימ, זימ, זימ אפ איר קאָל, גלײַכ ווי זיי רייִדנ: נישקאָשע, מעגסט אונדז קיצלענ, פונ אונדזערטוועגנ זײַנענ מיר פאַרטיק, אַבי פונ דײַנ סמיטשעק זאָל נאָר קיינ מעניִע נישט זײַנ. ער כאַפּט זיכ צומ סמיטשעק, גלעט אימ און האַלט אימ גרייט צומ שפּיל. דער פלייטער שמועסט איבער שטיל מיט דער פלייט. זי פּײַפּט אימ שטילערהייט אָנ, און דער צימבלער לויפט זיכ דורכ איבער דעמ צימבל און קלאַפּט זיכ פּאַמעלעכ מיט די העמערלעכ. נאָר דער בלינדער פּויקער זיצט אָנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער די אויגנ און כאַפּט אַ דרעמל.

לעבנ די קלעזמער שטייט אפ אַ בענקל עפּעס אַ מינ פּאַרשוינ, וואָס קוימ רעדט ער אויס אַ וואָרט שטיקט מענ זיכ פאַר געלעכטער, אַפילע קינדער, וואָס שטייענ אָנגעשטופּט און קוקנ אַרײַנ פונ די פענצטער, לאַכנ מעשונע און קרימענ זיכ נאָכ. דער פּאַרשוינ גיט דערנאָכ אַ גע־

שרײַ: האריי! ליכווויד די מעכוטאָנים אוליכווויד דעם באַלעבאָס ולכבוד כל המסובים בכאן שפּילט אָפּ אַ לעבעדיקס, אַ פריילעכס! און די קלעזמער צעלאָזן זיך באַלד אָפּ די קיילים, פריילעך, לעבעדיק, ווײַבער מיט מאַנצבילן נעמען זיך צונויף און טאַנצן אַ ראָד — האָצ, האָצ.

אַלצדינג האָט זיך באַוועגט, אַפילו וואַנצן אי טאַראַקאַנעס זײַנען אַרויס פון די שפּאַלטן, און זיך צעקראָכן איבער די ווענט.

טאַנצנדיק פאַלט איינער אַרופ אָפּ בינימינען אין ווינקל. דער טענצער קוקט אים אין פּאָנעם אַרײַן און לאָזט אַרויס אַ געשריי:

— אַ, בינימין! איך האָב אים דערטאַפּט, כלעבן, די קאָשערע מעציע, ער איז דאָ, ער איז דאָ!

אָפּ דעם געשריי לויפן צו נאָך מענטשן. בינימין דערקענט צווישן זיי טונעיאַדעווקער פּנים־בעריעס און דעם דאָרטיקן רעוול.

איין קאָל, איין געשריי:

— בינימין, קום טאַנצן! בינימין, קום טאַנצן!

— איך קען, אָסער, ניט — בעט זיך בינימין ראַכמים, — איך קען זיך נישט רירן פונעם אָרט.

— נישקאָשע, נישקאָשע! — ענטפערט מען אים. — קום, זאָגט מען דיר, דו וועסט קענען. וואָס האָט מען דאָ צו קענען? אָדאָם אַ מענטש, קאַטשקע רוק זיך! ריר זיך, בעהיימע, מיר וועלן נישקאָשע דערציילן.

— זעלדענן! — גיט בינימין אַ געשריי אין איין אָטעם. — איך בעט אײַך, דערציילט נישט זעלדענן!

— ריר זיך זשע, בעהיימע! — שרײַט מען אים. — ריר זיך, בע־היימע, שטעל זיך שוין אָפּ די פיס!

— דערבאַרעמט זיך, ייִדישע קינדער! — בעט זיך בינימין. — איך קען, כלעבן, זיך איצט נישט רירן. איך האָב אַ טאַם, פאַרוואָס

איכ קענ נישט. ס'איז א סאר, וואס איכ וועל אימ מעגאלע זײַנ דעמ ראוו.

אונ ווי ער כאפט ארומ דעמ ראוו פעסט מיט ביידע הענט אײַנצורוימענ אימ אינ אויער א סאר, פילט ער פלוצלימ א שרעקלעכנ זעצ אינ דער זײַט, אזש ס'איז אימ פארגאנגענ אינ דער נאז ווי פונ כריינ. ער גיט זיכ פאר ווייטעק אווארפ, רײַבט די אויגנ אונ זעט, אינ שטוב איז גאר טונקל, די לעוואנע שײַנט ארײַנ פונ די פענצטער. ער ליגט לעבנ א קעלבל אונ האלט זי ארומגענומענ שטײַפ מיט ביידע הענט.

וואס טוט זיכ דא אזוינס?! פונוואנענ נעמט זיכ דא פלוצלימ א קעלבל? האט זיכ דענ ביניאמינ געקעלבט? נאר ווי שיקט זיכ עס? אנגענומענ די סווארע — ביניאמינ איז א בעהיימע, צענ מאל, הונדערט מאל א בעהיימע, נאר ער איז דאכ אבער א צווייפיסיקע בעהיימע, אונ ווו איז דאס געהערט אי געזענ געווארנ, אז א צווייפיסיקע בעהיימע זאל האבנ א קעלבל?! עמעס, בא אונדז איז דא א סאכ קעלבלעכ, אונ דאסראוו דאפקע אינ לײַטישע הײַזער, אבער דאס זײַנענ דאכ פארט נישט מער ווי קעלבלעכ אינ א מענטשנס געשטאלט. זיי זײַנענ נאכ דאסראוו גראד זייער שיינ, מיט א שיינ פענעמל אונ מיט כיינגריבעלעכ. אבער דאס קעלבל, וועלכע ביניאמינ האלדזט דא אונ נעמט זי שטארק ארומ, איז דאכ טאקע פאשעט אנ עמעס קעלבל. הײַנט פונוואנענ, איז די קאשע, האט זי זיכ אהער גענומענ? א כידעש-ניפלע. נישט אנדערש זי איז פונעמ הימל אראפגעפאלנ?..

ניינ, ראבויסײַ, גלייבט נישט אינ הימלישע קעלבלעכ. צווישנ אלע אונדזערע קעלבער איז אפילע נישט אי איינ קעלבל פונעמ הימל אראפגעשיקט געווארנ. עס איז גאר נישט אזא כידעש-ניפלע, ווי איר מיינט. איר האט זיכ אפ דעמ קעלבל גארנישט אזוי צו וווּנדערנ אונ פונ אימ אזא פײַרעש צו מאכנ. פראסטע איז מאסטע, גאר אנ קונצנ. די מײַסע דערפונ איז אזוי געשענ.

אַז בּיניאָמין איז, נישט טויט ניט לעבעדיק, אַנידערגעפֿאַלן אין ווינקל, האָט ער פֿאַר גרויס מידקייַט נישט באַמערקט, אַז דאָרט ליגט אַ קעלבל. בעשאַס אים האָבן זיך צעשפּילט די געבליטן, איז ער אַנשלאָפֿן געוואָרן און אים האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אין כאָלעם די גאַנצע באַסענע מיט די מעכוטאָנים און מיט די קלעזמער. ער איז געווען שרעקלעך אומרויִק, זיך אַלץ געריקט, געריקט אין ווינקל. און בעשאַס ער האָט אין כאָלעם אַרומגענומען דעם טונעיאַדעווקער רעוול, האָט ער גאָר אַרומגעכאַפּט פֿעסט דעם פּיעווקער אַרענדאַרס קעלבל, און אים אײַנגערוימט אין אויער דעם סאָד פֿון זײַן נעסיִע. דאָס קעלבל אָבער האָט עס נישט גוירעס געווען, נישט געוואָלט לײַדן, מע זאָל אים אַזוי האַלדזן און שטיקן. עס האָט אויסגעשטרעקט דאָס פּיסל, אָנגערירט בּיניאָמינען אין דער דיך, און בּיניאָמין האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

אַז בּיניאָמין האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אַרומגענומען דאָס קעלבל מיט ביידע הענט זייער פֿאַרדולט און צעמישט. ערשט אין אַ רעגע שפּעטער האָט ער פֿון זיך אַ שטופּ געטאָן דאָס קעלבל, זיך אויפֿגעהויבן דערשראָקן און זיך געלאָזט גיין געשווינד. דאָס קעלבל, פֿון זײַן זײַט, וויבאַלד עס איז לייז געוואָרן פֿון פֿרעמדע הענט, איז אויך אויפֿגעשטאַנען געשווינד און זיך געלאָזט מאַכן אַ פּלייטע, איז, לויפֿנדיק, אַרויף ראַפּטאָם אַף בּיניאָמינען און ביידע זײַנען געפֿאַלן איבער אַ גרויסן צעבער וואַסער, טראַך מיט אַ שרעקלעכן קלאַפּ!

שטאַרק דערשראָקן פֿון אַזאַ טראַך, איז סענדערל און דער אַרענדאַר מיט אַ ליכטל אין האַנט אַרויסגעלאָפֿן פֿונעם אַנדערן כיידער אין שטוב אַרײַן. זיי גיבן אַ בליק: אָ־וואַ, אַ שרעק! בּיניאָמין מיט דעם קעלבל ליגן ביידע אויסגעצויגן אַף דער ערד און שווימען פּאַשעט אין אַ לוזשע וואַסער, עפּעס נישט אַזוי פֿריש שמעקנדיק!

ווענ א לידל־מאַכער זאָל געווענ דענסטמאָל זיי ביידע אָנקוקנ, וואָלט ער אזוי געמאַכט: „ליבהאַרצעדיקע אונ זיסע, אי אינ ווינקל אי אינ דער לוזשע זײַנענ זיי ניט צעשיידט געוואָרנ!"

נאָר דער אַרענדאַר אונ סענדערל זײַנענ געווענ פּראָסטע באָסער־וועדאָמ, נישט קיינ לידל־מאַכער, אונ האָבנ די ליבהאַרצעדיקע אי זיסע באַלד צעשיידט. דאָס קעלבל האָט מענ אָפּגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעכווערטלעכ פאַר איר שלעכטער אופירונג. אונ ביניאָמינענ האָט מענ פונ דער טווילע אַרײַנגעפירט אינ א באַזונדערנ אַלקער אונ באַלייגט אַפּ עטלעכע קוליקלעכ שטרוי מיט א קישנ צוקאָפּנ.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

ווי אונדזערע פאַרשוינען פאַרשלעפּן זיך קיין טעטעריווקע און ביניאָמין כאַפּט אַ פּאַטש

ביניאָמינס איוורים זײַנען אַ ביסל אָפּגעגאַנגען אין דער לייל טווילע, נאָך דעם אָפּשווענקען זיך מיט אַ גאַנצן צעבער קאַלטע וואַסער, און, אופשטייענדיק אינדערפרי, האָט ער זיך געפילט פרישער אי געזינטער. ער האָט באַשײַמפּערלעך אַרויסגעזען אַ פינגער פון וואונדער אין נעכטיקער מײַסע מיט דעם קעלבל, וואָס דורך אים גראָד איז געקומען די רעפואה צו זײַנע ווייטעקן. ער האָט באַוויזן סענדערלען דערמיט, ווי אומגערעכט

דער זינדיקער מענטש איז, וואָס באקלאָגט זיכ בעשאס עפּעס אנ אומגליק אונ פאַרשטייט נישט, אז דאָס אומגליק, קענ זײַנ, פּירט גאָר צומ גליק, אונ פונ דער ראָע קומט ארויס א טויווע; ווי דער אייבערשטער מאכט פאַר א שאָליעכ אלע זײַנע באשעפעניש, אפילע א בעהיימע; ווי א דאָקטער קענ אמאָל גאָר זײַנ א קעלבל; ווי א מיק אפילע קענ אמאָל פּיקנ אינ קאָפּ, שטארק דאקוטשענ אונ שטייננ אינ דער גארגערעמ.

פאַר א רײַע דערצו דינט די מיק מיט טיטוס האָראָשע אינ די אלטע, אלטע צײַטנ. דאָס נעכטיקע באגעגעניש איז אימ איצט געווענ א גוטער סימענ, אז די נעסיִע זײַנע איז אינ א גוטער מאזלדיקער שאָ, אונ ער וועט אימירצעשעמ מאצליעכ זײַנ, צו דערגרייכנ וואָס ער ווינטשט.

— א וואסערטרעגער, וואָס גייט איבער מיט פולנ, איז פונ אייביק אָנ א גוטער סימענ, אפּשיטע שוינ א גרויסער, א פולער צעבער! — האָט סענדערל זיכ אָנגערופנ אונ צוגעבאסעוועט מיט די רייד.

נאָר מאכמעס דעמ ווייטעק, וואָס ביניאָמינ האָט נאָכ געפילט אינ די פּיס, אונ מאכמעס די קוליקלעכ שטרוי, וואָס דערופ איז אימ ווייכ געווענ צו ליגנ, איז ביניאָמינ פארבליבנ דעמ גאנצנ טאָג אינ פּיעווקע. ער איז געגליכנ געווענ צו א שיפ אינ יאמ, וואָס האָט זיכ געזעצט אפ א זאמד אונ קיינ גוטער ווינט איז נישטאָ ארויפצוטרײַבנ פונ דאָרט.

אפ מאָרגנ גאנצפרי האָט ביניאָמינ זיכ אופגעהויבנ פונ זײַנ געלעגער אונ זיכ געלאָזט ווײַטער אינ וועג ארײַנ.

א היפּשע צײַט איז ביניאָמינ געגאנגענ עפּעס ווי מאָרעשכוירעדיק, שטיל פארטראכט, נישט צו ריידנ קיינ וואָרט. דערנאָכ האָט ער א פּאטש געגעבנ זיכ אינ שטערנ אונ געבליבנ שטיינ שטארק באטריבט. ערשט אינ א פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער געעפנט א מויל אונ ארויסגעלאָזט מיט א קרעכצ די ווערטער:

— אַך, סענדערל, איך האָב פֿאַרגעסן!

— ווּ פֿאַרגעסן? וואָס פֿאַרגעסן? — האָט סענדערל זיך אָנגערופֿן און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער טאָרבע.

— אין דער היים, סענדערל, אין דער היים האָב איך פֿאַרגעסן!

— אײַ, בנימין, וואָס פֿעלט דיר איינס? — האָט סענדערל גע־מאַכט. — מיר האָבן, דאַכט זיך, מיטגענומען אַלצדינג, וואָס נייטיק איז מענטשן אין וועג אַרײַן: אַ טאָרבע, נישט צו פֿאַרזינדיקן, איז דאָ, טאַלעס־און־טפֿילין מיט סידורים איז אויך דאָ, שאַבעסדיקע קאַפּאָ־טעס — אויך דאָ. דאַכט זיך, אַלצדינג, באַרעכאַשעם, איז דאָ, אַלצדינג האָבן מיר פֿאַרנומען. וואָס גייט אונדז דען אָפּ? און וואָס האָבן מיר אַזוינס געקענט פֿאַרגעסן?

— די זאַך, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן, סענדערל, איז זייער וויכ־טיק, נייטיק אין לעבן אַרײַן, האַלעווײַ אַלצדינג זאָל אָפּלויפֿן בעשאָ־לעם, נאָר בעזים, כאַלילע, לוי יאַאַלע וועלוי יאָווי, גאָט זאָל שוימער־אומאַצל זײַן, אויב אין וועג וועט עפּעס מײַסע־סאָטן געשען, דענסטמאָל וועלן מיר ערשט דערפֿילן דעם גרויסן ווערט פֿון דער טײַערער זאַך, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן. אַרויסגייענדיק פֿון דער היים, האָב איך אין אײַלעניש פֿאַרגעסן צו זאָגן אַ שפּרוך, וואָס שטייט געשריבן אין אַ סייפֿער, אַרויסגענומען פֿון אַ גאַנץ אַלטן קסאַוויאַר. דער שפּרוך מוז געזאָגט ווערן פֿאַר אַ נעסיע, אַרויסגייענדיק פֿון דער היים, בײַ דער ראָגאַטקע, און מען איז אָרעוו, אַז ער איז אַ זיכערע שמירע אין וועג פֿאַר קאָלאַמינע סאַקאָנעס און שלעכטע באַגעגעניש, — אָט וואָס איך האָב פֿאַרגעסן!

— עפּשער איז דײַן גוטער ווילן זיך אומקערן אַהיים? — האָט סענדערל געזאָגט בײַטמימעס.

— דו ביסט מעשוגע, צי כאַסערדייע! — האָט בנימין אַ געשריי געטאָן, און דאָס גאַנצע בלוט איז אים אין פּאָנעם אַרײַן. — סטײַטש.

וואָס הייסט, זיך אומקערן אהיים? נאָך אזויפיל מי און אָנגיין זיך אזא וועג — פּלוצלים אומקערן זיך! סטײַטש, און די וועלט? וואָס וועט זאָגן די וועלט?

— וואָס הערן מיר, בּיניאָמין, די וועלט? — האָט סענדערל זיך אָנגערופן. — די וועלט האָט דען דיך געבעטן מאכן אזא נסיעה? האָט זי דען מיט דיר א קאָנטראַקט געמאכט און דיר אף הויצאָעס געגעבן, דו זאָלסט גיין וואנדערווען?

— גאַנץ סייכלדיק! — האָט בּיניאָמין זיך נאָכגעקרימט. — און אַלעקסאַנדער מוקדען, אים האָט דען די וועלט געבעטן, ער זאָל גיין קיין הינדיאָ און מילכאָמע האַלטן דאָרט? און די אַלע וואַנדערער בא אונדז ייִדן האָט דען די וועלט געבעטן ארומצוּוואַנדערוּוען פון שטאָט צו שטאָט?

— ווייס איך? — האָט סענדערל געמאַכט מיט א שמייכעלע. — פונמײַנטוועגן האָבן זיי אַלע געמעגט, כלעבן, זיצן אין דער היים. עס וואָלט, דאַכט זיך, בעסער און גלײַכער געווען פאַר איטלעכן. אַך, נאַרעלע, נאַרעלע, דו, אַלעקסאַנדערל מוקדען, דו האָסט אין דער היים פון קאָלטוּוו, זיצ, לעב דיר צופרידן און גלעט דיר דאָס בײַכל. צו וואָס טויג דיר נאָך, נאַרעלע, הינדיען? סידי דאָמא דא ני ריפּײַסא, איז דאָ אַ אוילעמס ווערטל. און דער אוילעם זאָגט: אַ אוילעמס ווערטל איז, לעהאַווידל, א געמאָרע. מער כידעש איז אף אונדזערע ייִדעלעך. זיי האָבן דאָך טאַקע יאָ געמעגט האַלטן פון דער געמאָרע, זיצן אף זייער אָרט און באַשעפטיקן זיך איטלעכער מיט זײַן זאַך. צו וואָס טויג דאָס ארומוואַנדערוּוען, דאָס ארומבלאָנקען זיך ווי א דולער הו-האַ-האַ, נישט צו וויסן אליין פונעם געזונט, פונעם לעבן, און נאָר אומזיסט-אומנישט רײַסן שטיוול? ווי איך בין א ייִד, בּיניאָמין! איך זאָל אזא פאַרשוין באַגעגענען, וואָלט איך אים גלײַך אפן אָרט אָפּגע־זאָגט דעם אוילעמס ווערטל, לעהאַווידל, — די געמאָרע מיין איך.

א היפּשע צײַט האָבן אונדזערע פֿאַרשוינען זיך אוועקגעאַמפּערט. סענדערל האָט געפֿרעגט קאַשעס, און בּיניאָמין האָט אים אַלץ אויס־געוויזן, אַז ער איז א נאַר און האָט קײן פּיצל יעדיע גײשט אין אַזעלכע זאַכן.

סענדערל איז דעמסטמאָל געגליכן געווען צו א פֿערדל, וואָס טאָמער דינט עס זײַן האַר געטרײַ און פֿאָלגט אים אין פֿײַער, אין וואַסער אַרײַן, פּלוצלים מאַכט זיך אַמאָל, פֿאַלט אַף אים אָן פֿון דער העלער הויט עפּעס א מאַנקאָליע, עס שפּאַרט זיך אײַן, שטעלט זיך דיבאָם און וויל זיך נישט רירן פֿונעם אָרט, כאָטש טו זיך דאָ, סאָנע-צינען, א מײַסע אָן. און ווען בּיניאָמין האָט דעמסטמאָל ניט געשמיסן דעם אײַנ־געשפּאַרטן סענדערלען מיט א בּײַטש, דערפֿאַר האָט ער אים דורכ־געבויקערט מיט זײַן זיס צינגל און אים אָפּגעשאָטן מיט רייד, בּיז סענדערל איז געוואָרן ווייך ווי א טייג, א גוט פֿערדל, ווי פֿריִער. ער האָט אופגעשטעלט די אויערן, הערנדיק בּיניאָמינס רייד, וואָס האָבן געבראָכן דעם מויעך, און לעסאָף האָט ער זיך אָנגערופֿן, ווי זײַן שטײ־גער איז געווײנטלעך, מיט די ווערטער:

— אויב דו ווילסט דאַפקע אַזוי, זאָל זײַן אַזוי. וואָס פֿאַר א דײַגע איך האָב?

אַז בּיניאָמין איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט סענדערלען, האָבן זיי זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן, און נאָך דעם, אַז זיי זײַנען זיך אָנ־געגאַנגען אַף וועגן און זײַטנוועגעלעך, זײַנען זיי נישט-טויט נישט־לעבעדיק אָנגעקומען קײן טעטעריוווקע.

טעטעריוווקע איז די ערשטע גרויסע שטאָט, וואָס אונדזערע וואַנ־דערער האָבן געזען אין זייער לעבן. דעריבּער איז קײן וווּנדער נישט, וואָס זיי האָבן געקוקט אַף די גלײַכע אויסגעבּרוקירטע גאַסן אי אַף די גרויסע הויכע מויערן און נישט געקאָנט זיך זאַט אָנקוקן. קימאַט אַף די שפּיץ פֿינגער זײַנען זיי געגאַנגען אַף די טראָטואַרן און געהויבּן

די פיש עפּעס מעשונע, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך געהיט צו שטאַרק נישט צו באַרירן די גלאַטע שטיינער און נישט אָנמאַכן, כאָלילע, קיין שאָדן. פיש, וואָס האָבן נישט עפּעס אזא גוטע דאָליע בא זייערע באַלעבאַטים אין די קליינע שטעטלעך און וואָס מע מאַכט דאָרט פאַר זיי נישט עפּעס גרויסע צערעמאָניעס! קליינשטעטלדיקע פיש, וואָס וויסן, נעבעך, נישט פון קיין פאַדלאָגע צו זאָגן אפילע אין שטוב, וואָס קריכן, נעבעך, ווי די כאַזיירים אין בלאָטע, וואָס זייערע באַלעבאַטים שטעקן זיי גייענדיק טיף אהינצו אַרײַן און דראָלן מיט זיי פראָסטע־מאָסטע, גאָר אָן שום מעלאָכעס, — אזעלכע פיש מוזן בעעמעס מעוווּלוול ווערן, ווי די שיקערע, אז זיי דערפילן פלוצלים אונטער זיך א בריק פון שטיינער, און מוזן פאַר גרויס קאָוועד טאַקע א ביסל אונטער־שפּרינגען און נישט וויסן א צײַט זיך וווּהין־צו־טאָן. פרישע ערשט אָנגעקומענע קליינשטעטלדיקע פיש וועט איר באַלד דערקענען אף די אויסגעברוקירטע גאַסן אין די גרויסע שטעט.

אונדזערע טונעיאדעווקער פאַרשוינען זײַנען געגאַנגען ווי מיט א פאַרקלעמט האַרץ און בעהאַכנאָע אָפּגעטראָטן פאַר איטלעכן דעם וועג. סענדערל פלעגט אין אזא פאַל אָנעמען ביניאָמינען פאַר דער פּאָלע און אים א שלעפּ טאָן אין דער זײַט. אמאָל איז דורכדעם סענדערלען אויסגעקומען צו כאַפּן א שטיקל טענצל מיט עמעצן, וואָס איז געקו־מען אקעגן. יענער איז זיך געגאַנגען גלײַך זײַן וועג און האָט זיך אָנ־געשלאָגן מיט סענדערלען, וואָס מאַכמעס דעם אָפּטרעטן האָט ער אים פּונקט גאָר פאַרשטעלט דעם וועג. יענער כאַפּט זיך רעכטס, אָבער אונ־דזער סענדערל האָט אים מאַקדים געווען און שטייט שוין גרייט. ביידע וואַרפן זיך לינקס און ווײַטער רעכטס, ביז יענעם גערעט לעסאָף אויסצומײַדן זיך. איינער, וואָס איז גראַד נישט אופגעלייגט געווען צו טאַנצן מיט סענדערלען, האָט אים פראָסט אָנגענומען און א וואָרף גע־טאָן אין דער זײַט, אז די ציין זײַנען אים שיר נישט אַרויסגעפאַלן.

אלצדינג זײַנען פֿאַר אונדזערע פֿאַרשװינענע געװען נײַ, אלצדינג, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, טײַט אַפ זיי מיט די פֿינגער. די דראָשקעס שרײַען, די פאַטעאָנען פילדערן, די מויערן שטייען האָפעדריק, קוקן שטאָלץ מיט זײערע גרויסע גלעזערנע טאַפּליעס, און די מענטשן קרימען זיך. אלצדינג שרײַט זיי נאָך: טאַרבעס, קאַפּצאָנימלעך! טאַר-בעס, קלײנשטעטלדיקע ייִדעלעך! טאַרבעס, טאַרבעס!

— הערסטו, בינימין! — האָט סענדערל געזאָגט, נאָך דעם, אַז ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ און געקוקט אַפ די מויערן מיט דערע-כערעץ. — איך מיין, בינימין, דאָס איז סטאַמבול.

— גיי שוין, גיי, נאַרעלע, ווי קומט עס צו סטאַמבול? — האָט בינימין געמאַכט מיט אַזאַ מינע, גלײַך ווי ער איז אַ סטאַמבולער אַ געבוירטיקער. — סטאַמבול, נאַרעלע, האָט טאָק מאָל טאָק גאַסן, איטלעכע גאַס האָט טאָק מאָל טאָק פּופצן-, צוואַנציק- אָדער עפּשער דרײַסיקגאָרנדיקע הײַזער, און אין איטלעכן הויז וווינען טאָק מאָל טאָק מענטשן! דו מיינסט, אַז דו ביסט שוין פאַרטיק? ניין, וואַרט נאָר, וואַרט, נאַרעלע איינער, הײַנט איז נאָך דאָ קליינע גאַסן, יור-דיקעס, קאַטשעניוקעס, מאַטשעניוקעס, פּיסקעס, יאַרן און פּאָדאָלן קעכויל האיאַם!

— אײַ, אײַ, אײַ! — האָט סענדערל געמאַכט פאַר גרויס וווּנ-דער. — ס'איז דאָך עפּעס גאָר אַ שרעק, כלעבן, אַזאַ גרויסע שטאָט! נאָר איך בעט דיך, בינימין, פונוואַנען קומט עס אָט-די אַלע גרויסע שטעט? מענטשן זאָלן זיך צונויפשטיקן אין איין אָרט און ליגן איי-נער איבער דעם אַנדערן, גלײַך ווי די וועלט איז ווייניק און נישטאָ מער קיין ערד! עס מוז דאָך אַוודאי דערינען עפּעס זײַן, וואָס מענטשן דערווײַטערן זיך פון דער ערד און ווילן אַלץ פליִען אין הימל, אין די הויכע פענצטער. זאָל עס עפּשער זײַן דעריבער, וואָס דעם מענטשנס נעשאָמע וואַקסט פון הימל און מאַכמעס דעם

ציט עס אים, נעבעכ, אלצ ארופ, אונ ער האָט זייער שטארק כיישעק אויסצושפרייטנ די פליגעלעכ אונ זײַנ אלצ פונויבנ? וואָס זאָגנ דערצו עפעס דײַנע כאקראָנים, ביניאָמינ? האָסטו נישט באַ־ געגנט מיקויעכ דעמ עפעס א שמועס אינ דײַנע כקירע-ספאָרים?

— אלפי כקירע, — האָט ביניאָמינ געמאכט מיט א קנייטשל, — איז וועגנ דעמ איניענ דאָ א גאנצ ווײַטער שמועס. איכ האָב שוינ דערפונ אפילע געהאט אמאָל צו טאָנ באַ אונדז אינ בעסמעדרעש אונ־ טערנ אויווּנ, אונ דורכ דעמ איז פארענטפערט געוואָרנ די געמאָרע פונ די צענ טעפ אָרעמקײַט, וואָס זײַנען אראָפּגעשיקט געוואָרנ אפ דער וועלט, ווי אויכ דער פּאָסעק: כי מלאה הארץ חמס, די וועלט איז פול געוואָרנ מיט רויב. נאָר איכ וועל עס דיר א ביסל מאסביר זײַנ, אלפי אונדזער טוירע. כומעש האָסטו דאָכ געלערנט, סענדערל. לויט ווי עס שטייט אינ כומעש, האָבנ אונדזערע עלטערנ גאָר טכילעס, אינ די פריִערדיקע דוירעס, געוווינט אינ געצעלטנ, נאָר בעשאַס דעמ דאָר-האפלאָגע האָבנ אלע מענטשנ זיכ פארקליבנ אינ איינ אָרט, זיכ גענומענ מאכנ ציגל אונ אויסבויענ א שטאָט מיט הויכע מויערנ אינ הימל. אינ דער מיט אָרבעט טאקע איז שוינ אפ זיי אָנגעפאלנ א בייזע מעהומע, א געטומל. איינער האָט נישט פארשטאנענ דעמ אנ־ דערנ, אונ די גאנצע פירונג דאָרט איז עפעס אויסגעקומענ קאפויר. א נעס, וואָס גאָט האָט זיי באלד צעטריבנ, האָבנ מענטשנ ווידער אָנ־ געהויבנ צו לעבנ, עטעמענ פרײַער, אונ די וועלט איז ווײַטער אופגע־ ריכט געוואָרנ. נאָר דער כעט פונעמ דאָר-האפלאָגע האָט נאָכ אינ־ גאנצנ נישט אופגעהערט. פונ יענער צײַט אָנ ציט זיכ נאָכ אלצ, באאווינויסיינו-האָראבימ, די טײַווע בא מענטשנ צו שטיקנ אונ צונויפשטיקנ זיכ, אויסצומויערנ זיכ הויכ, צו מאכנ זיכ א שעמ אונ פליִענ אינ הימל. — וואָס האָסטו אינ מיר זיכ אָנגעטשעפעט, ווי א זלידניע? — זאָגט אווראָמ צו לאָטנ. — לעמײַ זאָלנ דײַנע

מענטשנ זיכ קריגנ מיט מײַנע איבער א שפּאנ ערד? די גאנצע וועלט שטייט דאָכ פאר דיר פרײַ, גיי דיר וווּהינ דו ווילסט אונ לאָז מיכ געמאכ!

נאָר איידער נאָכ ביניאָמינ האָט געענדיקט דעם שמועס, האָט זיכ געלאָזט הערנ א שטארק געשריי פינ א פּארטשיק, וואָס איז אונדזערע פּארשוינענ אָנגעפאָרנ פונ הינטנ אונ האָט זיי שיר ניט מאזיק געווענ מיט דעם דישל.

— אוכניאָקעס! — האָט דער פּארטשיק געשריגנ איג איינ אָטעמ אונ געמאכט אפ זיי מיט דער בײַטש. — וואָס קריכט איר, צו אלדי שווארצע יאָר, ווי די ראקעס, אונ פארשטעלט דעם וועג! היי, היי, יאָלדנ! היי, היי, פלאָכטנ!

אונדזערע פּארשוינענ, נעבעכ, האָבנ געהויבנ פיס אונ געלאָפנ פאר שרעק ווי די פארסאמטע מײַז, דער אהינ אונ דער אהער.

לויפנדיק האָט סענדערל זיכ א זעצ געטאָנ אינ א סטופּ אונ זיכ אויסגעצויגנ, נעבעכ, ווי גרויס ער איז, אפ דער ערד.

ביניאָמינ האָט אינ אײַלעניש זיכ אָנגעשלאָגנ אינ א קויש מיט אייער, וואָס א קורעלאפּניטשקע האָט געטראָגנ. די אייער האָבנ זיכ צעבראָכנ, אונ אפ אימ האָט זיכ געעפנט א גענעמ, א פּיסק, א פײַער, א געשריי. יענע פונ די צעבראָכענע אייער, נעבעכ, האָט אימ אָפּגעשאָטנ מיט טויטע קלאָלעס, זי האָט אימ געוואָלט אָפּשטעקנ אָדער זי האָט אימ שוינ טאקע אָפּגעשטעקט א פּאטש אונ שטארק כיישעק געהאט אײַנצופּלאָנטענ זיכ אינ זײַנע האָר. קורצ, ביניאָמינ האָט גענוג געלייזט ביז ער איז קוימ מיט צאָרעס לעבעדיק ארויס פונ אירע הענט אונ געמאכט א פּלייטע אינ א הינטערגעסל, וואָס אהינצו איז אויכ סענדערל באלד צוגעקומענ.

— אָט האָסטו דיר א גרויסע שטאָט! — האָט סענדערל געזאָגט אונ אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע דעם שוויס פונ זײַנ פּאָנעמ, — דאָ

גיי נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ רו נישט. ווייסט זיי אלע דער שווארציאָר!

— דאָס ציט זיך נאָך אלצ פונעם דאָר-האפלאָגע, — האָט געענטפערט ביניאָמינ, וואָס האָט געסאָפּעט ווי א גאנדז, — דאָס אלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אלצ דאָר־האפלאָגע, מיט זיינ בייזער מעהומע, זיינ געטומל, גנייווע, גזיילע אונ רעציכע!

— א, אינ דער ערד ארײַנ מיטנ קאָפּ! — האָט סענדערל א מאַכ געטאָנ. — קום, ביניאָמינ, לאָמיר זיך אויסרוענ! דו זעסט עפּעס שרעקלעכ אויס, עס פּײַערט דיר עפּעס א באַק, א ירועכ אינ דער בצורפעס טאטנ ארײַנ! וויש נאָר אָפּ, זײַ מויכל, דעמ פּאָנעמ. די בצופּע האָט, אפּאָנעמ, בעשאס־מײַסע דיך אויסגעשמירט מיט געלכנ פונ אייער.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

ווי צוליב בינאָמינען ווערט אַן איבערקערעניש אין דער פּאָליטיק

אין איינעמ פונ די טעטעריוועקער קלויזלעכ האָט שטאַרק געקאָכט פונ דער דענסטמאָליקער קרימער מילכאָמע. דער אונטער-אויוונ איז צעפאַלנ אַפ פאַרשיידענע קיטעס. איטלעכע קיטע מיט איר פּרעזידענט אונ מיט איר גאַנג אינ דער פּאָליטיקע.

כייקל באַלמויעכ אונ זיינ קאָמפּאַניע איז זייער באַשעפּ-טיקט געווענ מיט דער מומע וויטענ, פלעגט זי צעלייגנ אַפ טע-

לערלעכ און באוויַזנ די האסבאָרעס אי די שפּיצלעכ, וואָס אינ איר שטעקט.

כײַקל איז געוועזנ אמאָל א שטיקל זייגערמאכער, ער האָט געהאט א גרינגע האנט צו מאצע-רעדלעכ, קיינער האָט ניט געקענט אזוי ווי ער א סוקע מאכנ. דאָס לאָקשנבערעט, די לאָפּעטע, די מילכעדיקע באנק, דאָס טשאָלנטבערעטל און די צעבראָכענע שטײַג פונ אויפעס זײַענ אינ קיינעמס סוקע נישט געוועזנ אזוי גוט צוגעפּאסט ווי אינ זײַנער. דעריבער, ווענ עס פלעגט נאָר אויסקומענ עפּעס א רייד אינ מאשינענ-זאכנ, פלעגט דער אוילעם האָבנ פאר אים אָפּשײַ און זאָגנ:

— דאָס געהער זיכ אָנ מיט כײַקלענ, כײַקל ווייסט.

כײַקל פלעגט אליצ דערציילנ וואונדערלעכע זאכנ פונ מעשונע-ווילדע ענגלישע מאשינעס, אזש די האָר פלעגנ זיכ שטעלנ פּאָשעט קאפּויער הערנדיק. און אז איינער האָט אים אמאָל מאפּסיק געווענ די רייד מיט עפּעס א קאשע און אים געפרעגט דעמ סייכל דערפונ, פלעגט כײַקל דערקלערנ דאָס אינגאנצנ קורצ און פּראָסט מיט עפּעס אזא מינ שפּרינזשינקעלע און דערבײַ מאכנ אזא מינע מיט א זיס שמייכעלע, גלײַכ ווי ער וואָלט פארענטפערט א קלאָצ-קאשע און יע-נעמ געעפנט די אויגנ. האקלאל, מיט א שפּרינזשינע האָט כײַקל דערקלערט אלצדינג: אי דעמ זייגער, אי דעמ טעלעגראפ, אי א שפּיל-פּושקעלע און אלע אנדערע מינע האמצאָעס אפ דער וועלט. איציק פאשטנ אָבער איז קיינמאָל נישט צופרידנ געווענ מיט כײַקלס שפּרינזשינקעס. ער פלעגט קוקנ דערופ עפּעס ווי אפ אפּיקאָרסעס און מאכנ מיט א געשפּעט:

— באלד וועט שוינ כײַקל זאָגנ, אז א גוילעמ אוקעדוימע אזעל-כע מאָפּסימ זײַנענ אויכ דורכ א שפּרינזשינקעלע!.. פּע, פּע, כלעבנ! זײַנע אלע זאכענישנ זײַנענ, פּאָשעט איז פּאָשעט, איכ בעט אײַכ איבער, גאָרנישט, טאקע עמעסע נארישקײַטנ.

און ווײַל כײַקל באַלמויעכ איז געווענ פאַרקאָכט אינ וויטענ, דעריבער האָט איציק פאַשטנ, כײַקלס באַשטענדיקער מיסנאַגעד אינ אַלע זאַכנ, זיכ אָנגעטשעפּעט אינ דער מומע ראָסיע און זיכ אַרויסגעשטעלט פאַר איר מיט אַלע קרעפטנ. איטלעכער פונ ביידע צדאָדים האָט שטאַרק געאַרבעט צו בייגנ אַפּ זײַנ זײַט די איבעריקע קאָמפּאַניעס. איז כײַקל שוינ געשטאַנענ אַפּ א שטיקל שטייגער מיט שמוליק באָקסער, דעמ פּרעזידענט פונעמ פעטער ישמאָעלס קנופּיע, און האָט שוינ קימאַט ווי האַלב זיכ אויסגעגלײַכט מיט בערל פּראַנצויז, נאַפּאָלעאָנס א הייסער כאָסיד, האָט איציק אָנגעמאַכט א האַרמידער און צוגעצויגנ צו זיכ טעוויע מאָק, קירעס מענטש. פּאָטשטנ זײַנענ געפלויגנ פונ אַלע זײַטנ. איטלעכער האָט געלאָזט זײַנע ראַציעס, די וועלט האָט זיכ געקערט און דאָס קלײַזל האָט זיכ פּאָשעט געוויגט!

אָט אינ דער דאָזיקער צײַט בעשאַס דער גרויסער מעהומע זײַנענ אונדזערע פאַרשווינענע אָנגעקומענ קיינ טעטעריווקע און זיכ אָפּגעשטעלט אינ דעמ דאָזיקנ קלײַזל אַפּ סטאַנציע.

סענדערל מיט זײַנ כאַראַקטער איטלעכנ נאָכצוגעבנ האָט אינ די איניאָנע-האַפּאָליטיקע אויכ זיכ נישט אײַנגעשפּאַרט און איטלעכנ צוליב געטאָנ אַזוי ווי ער וויל. דו ווילסט אַזוי, פלעגט ער זאָגנ, וואָס פאַר א דײַגע איכ האָב, זאָל זײַנ אַזוי. און דעריבער טאַקע האָט ער שטאַרק נויסע־כיינ געווענ און איז באַלד איטלעכנ געפעלנ. באַם ערשטנ שאָלעמ=אַליכעמ איז בא דעמ אוילעמ געבליבנ, אַז סענדערל איז אָנ א גאַל, א ייִד אָנ כאָכמעס, וואָס האָט אינ זיכ נישט די מידע פונ אַקשאָנעס. און ווענ סענדערל איז געווענ אופגעטראָגנ מיט אַלע גלײַכ גאָר אָנ א שומ כילעק, אַקעגנ זשע איז בינימינ געווענ אַנ איבערקלײַבער און גאָר צומ ערשטנ איז אימ מער פונ אַלע עפּעס געפעלנ שמוליק באָקסער, צו וועלכנ ער האָט ביסלעכווײַז זיכ צוגע-

לאָזט, ביז ער איז מיט אימ געוואָרנ שטארק כאווער. בינִיאָמינ האָט אימ מעגאלע געווענ דעמ גאנצנ פלאנ פונ זײַנ נעסיִע, אונ שמוליקנ איז די זאכ זייער שטארק געפעלנ. ער האָט מיקויעכ דעמ איבערגע־שמועסט מיט בײַקלענ, בײַקל האָט דאָס גענומענ אפ זײַנ מויעכ; אונ האגאמ די זאכ איז אימ אויסגעקומענ א ביסל שווערלעכ, דאָכ איז דאָס אימ געגאנגענ אינ קאָפּ, ער האָט באלד טאקע אינ א סעסיע מיט בערל פראנצויז אונ טעוויע מאָק אפירגענומענ דעמ דאָזיקנ איניענ אונ זיי האָבנ זיכ דערופ שטארק פארכידעשט.

— בינִיאָמינ — האָבנ זיי געזאָגט — זעט טאקע עפּעס ניט אויס ווי א געוויינטלעכער מענטש, ער איז עפּעס ווי צעטראָגנ, נישט אפ דעמ אוילעמ. אז ער רעדט, איז שווער צו פארשטיינ, וואָס ער מיינט, ער פארטראכט זיכ אמאָל, שטעלט אויס א פּאָר גלעזערנע אויגנ אונ שמייכלט. זײַנ הילעכ אונ זײַנע אלע פּאָסטעמקעס זײַנענ עפּעס מעשונע. דאָס אלצדינג באווײַזט, אז ער איז העט־העט גאָר פונ אנ אנדערער מאדרייגע, נישט גלאט א מענטש. אינ אימ מוז בעוואדע עפּעס שטעקנ, גלאט פּאָשעט קענ עס לעגאמרע נישט זײַנ. ווער ווייסט, עפשער איז דער בינִיאָמינ גאָר נישט קיינ בינִיאָמינ, א קאשע אפ א מײַסע!..

אז בינִיאָמינ אונ סענדערל זײַנענ פארסאָפּעט ארײַנגעקומענ אינ קלײַזל נאָכ דער מײַסע מיט דער יידענע פונ די אייער, איז דאָרט געווענ א שרעקלעכער געפּילדער. די סעסיע פונ אונדזערע פּאָליטיקער האָט שטארק זיכ מעפאלפּל געווענ מיט איציק פּאשטנ, וואָס ער האָט זיכ געריסנ אפנ גאָרגל אונ איטלעכנ אריבערגעשריגנ.

— נאט זעט, וואָס שטייט אינ יויסיפונ, — האָט איציק געשריִענ אינ איינ אָטעמ אונ געטײַט מיטנ פינגער אינ א סייפערל, — אינ יויסיפונ שטייט, אז אלעקסאנדער מוקדענ האָט געוואָלט גיינ צו די קינדער יוינאָדאָוו בענ רייכאָוו. איז ער דערגאנגענ ביז צו די האָ־

ריי-כוישעכ, און ער מיט זײַנע גיבוירימ האָבנ דאָרט נישט געקענט לאַכלוטנ גיינ, זייערע פיס זײַנענ געזונקענ אינ בלאָטע ביז איבער די קני. מאַכמעס די זונ שײַנט דאָרט נישט, איז די ערד אינ יענעמ אָרט שטארק זומפּיק. הײַנט פארשטייט איר שוינ: אלעקסאנדער מוקדענ, דער גרויסער אלעקסאנדער מוקדענ, וואָס איז געפלויגנ אפ אנ אָדלער און וואָס איז שוינ געווענ בא די טירנ פונעמ גאנ־עידנ, ער האָט נישט געקענט אריבער די האָריי־כוישעכ, מיקאָלשעקיינ אײַער פארשוינ, אזא נעפעש ווי ער! עס וועט אימ נישט העלפנ דערצו אפילע כײַקל מיט אלע זײַנע שפּרינזשינקעס.

— דו גראָבער קאָפּ איינער! — האָט כײַקל זיכ צעלאָזט אפ א קאָל און געטיטשעט איציקנ מיטנ גראָבנ פינגער. — ווו זײַנענ דײַנע אויגנ? אדעראבע, זע טאקע, וואָס דאָ שטייט ווײַטער. ער זאָגט: אז אלעקסאנדער מוקדענ האָט דאָרט געהערט אויפעס, פייגלעכ ריידנ יעוואָנים. איינ פויגל האָט אימ געזאָגט בעזע האלאָשנ: דײַנ מי איז אומזיסט, ווײַל דו ווילסט קומענ אינ גאָטס הויז און אינ דעמ הויז פונ זײַנע קנעכט, די בניי אווראָהאָמ יִיצכאָק וועיאקאָוו — הײַנט פארשטייסטו שוינ, גראָבער קאָפּ איינער, פארוואָס אלעקסאנדער מוק־דענ האָט אהינצו נישט געקענט גיינ?

— מיילע, וואָס וועסטו אָבער טאָנ, מײַנ גרויסער באלמויעכ, אויב עס קומט נאָר אויס ווי די יעש־אוימרימ דאָרט, אז די אסע־רעס-האשוואָטימ מיט די רויטע יִדלעכ, אָדער די בניי-מוישע, וווי־נענ גאָר דאָרט ערגעצ לעבנ דעמ לאנד פונעמ פּריסטער יאָנ? נו, הײַנט לאָז דײַנ נעפעש מויכל זײַנ געפינענ ערגעצ דאָס לאנד פונעמ פּריסטער יאָנ! מאָרגנ נאָכנ קאלטנ קוגל!

— עט, נארישקײַטנ, איציק! כלעבנ, נארישקײַטנ.

— ווארט נאָר, ווארט, מײַנ באלמויעכ! עס איז עפּעס נאָכ דאָ א סאמבאטיענ אויכ! וואָס וועט ער טאָנ מיט דעמ סאמבאטיענ, וואָס

ער שלײַדערט אַ גאַנצע װאָך שטײנער? לאָמיר שױן אָנעמען אַז אין דער סװאָרע, אַז ער איז שױן אַריבער די האַרײ־כױשעך, ער האָט שױן געפֿונען דאָס לאַנד פֿונעם פּריסטער יאָן. נו, קומט ער צו צום סאַמבאַטיען, טפּררו! עס רעגנט מיט שטײנער, אומעגלעך צו שטעלן אַ פֿוס, דאָס דאָ װעט דאָך אים נישט העלפֿן אַפֿילע דײַן װיטע. זי זאָל זיך אַפֿילע שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרױף.

— הע, הע, דו טשעפּעסט שױן זיך אין װיטען! אָט װוהין דו ביסט פֿאַרקראָכן.

— װאָס איז דאָס אינעמעסן פֿאַר אַ גאַנג, איציק, אומזיסט־אומנישט שפּעטן פֿון די מאַלכיעס, — האָט בערל פּראַנצװיז זיך אַרײַנגעמישט מיט פֿאַרדראָס. — מיר רײדן דאָך איצט פֿון ביניאָמינען, זידל דיר ביניאָמינען און מיש ניט אַרײַן די מאַלכיעס, איך בעט דיך!

— פֿאַרװאָס זידלען ביניאָמינען? — האָט זיך אָנגערופֿן ט'עװיע מאָק. — ביניאָמין גײט, דאַכט זיך, אַפּ אַ דערעך. דורך אים קען ניצמאַך װערן ייִדן אַ יעשועה.

— אײַ, מאָק, מאָק! — האָט איציק געמאַכט מיט טאַרומעס און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אַפּ דיר, מאָקעניו, האָב איך מיך, כלעבן, נישט געריכט, אַז דו זאָלסט האַלטן מיט זײ און מאַכן אַזאַ פֿײַערעש פֿון ביניאָמינען. װאָס האָסטו אין אים אַזױנס דערזען?

— הערט נאָר, איך בעט אײַך, אַ גאַנג פֿון אַ מענטשן: װאָס האָסטו אין אים אַזױנס דערזען?! — האָט שמוליק באָקסער זיך נאָכגעקרימט מיט אַ געשפּעט. — מעשוגע ביסטו הײַנט, איציק, צי װאָס? זײַן אָפּגעלאָזנקײַט, זײַן צעטראָגנקײַט, זײַן קוקן, זײַן רײדן מיט זײַן גאַנץ באַנעמען באַװײַזן, דאַכט זיך, זײער גוט, װער ער איז אַזױנס. דאָס פּאָנעם איז דער בעסטער שפּיגל. אױב דאָס אַלצדינג איז בײַ דיר קײן באַװײַז נישט, װײס איך שױן ניט, װאָס הײסט בײַ דיר אַזױנס אַ מענטש. אדערעבע, איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אַלײן אָנגעקומען. קוק אים,

זײַ מוחל, אָנ, אונ זאָג, אויב דו ביסט נישט משוגע, טאקע ריינ כאַ־ סערדייע... איר זעט, עפּעס פּלאָמט אים דאָרט א באק, אונ דרײַ געלע פּאסקעלעכ ציִען זיכ אים ווי א שינ אפנ פּאָנעם! נו, איציק, וואָס פאר א פּאָנעם האָסטו איצט?

איציק איז צוגעגאנגענ נעענטער צו ביניאָמינענ, האָט אים אָנגע־ קוקט פונ קאָפּ ביז די פיס, אים א שפּײַ געטאָנ קימאט אינ פּאָנעם אַרײַנ אונ איז אוועקגעגאנגענ אינ איינ קאם.

פונ דעם דאָזיקנ שמועס אָנ וועגנ ביניאָמינענ האָט באקומענ די פּאָליטיקע אנ אנדער פּאָנעם. שמוליק באָקסער מיט בעריל פראנצויז האָבנ געשלאָסנ בלאט מיט כײַקלענ. וויטע האָט ארויסגעשיקט אינ יאמ טויזנט גרויסע אָקרענטנ מיט שרעקלעכ ווילדע מאשינעס, דער פעטער ישמאָעל איז אריבער דעמ פּרוט אונ נאפּאָלעאָנ האָט געשאָסנ מיט באָמבעס אפ סעוואסטאָפּאָל, טעוויע מאָק איז געשטאנענ אפ מישקוי־ לעס, נישט אהינ נישט אהער, געדרייט מיט דער צונג, נישט צו וויסנ, מישטיינסגעזאָגט, אפ וועלכער וועלט ער איז. אונ איציק פּאשטנ איז געבליבנ איינער אליינ, ווי אפנ וואסער. ער האָט, נעבעכ, געארבעט אפ אלע קיילימ, אונ שיר נישט געשפּרונגענ ארויס פונ דער הויט. א קאַ־ טאָוועס, איינער אקעגנ אזא כעווורע! דערפאר האָט ער זיכ פארעסנ אפ ביניאָמינענ, ער האָט פונ יענער צײַט אָנ זיכ אלץ צו אים געזוכט אונ אים געטאָנ אינ דער גאל ארײַנ.

„גאָט איז מײַנ איידעס,— דערציילט ביניאָמינ אינ איינ אָרט, — אז איכ האָב מיכ נישט געמישט אינ דער פּאָליטיקע, וואָרעמ איינמאָל, צו וואָס טויג עס? צווייטנס, וואָס געהער זיכ עס מיט א ייִדנ אָנ? פונ־ מײַנטוועגנ האָט געמעגט זײַנ אזוי אָדער אזוי, אלץ גלײַכ. סענדערל מײַנער האָט אינ אזעלכע זאכענישנ זיכ אויכ, אָסער, נישט געמישט. אונ פונדעסטוועגנ האָט מיכ איציק נישט געלאָזט רוענ, איכ האָב פונ אימ נישט געהאט קיינ טאָג אונ קיינ נאכט. אמאָל פלעגט ער מיכ ארומ־

שטעקן הינטן מיט פעדערן, אָדער ווארפן אף מיר שטילערהייט א קי־שעלע, אָדער פארשלײדערן ערגעץ מײַנס א שוך, אז איך האָב מיר דעם קאָפּ פארדרייט זוכנדיק. בין איך בא דער נאכט אנשלאָפן געוואָרן אף מײַן געלעגער, פלעגט ער מיט א שטרויעלע מיר קיצלען די פּיאטעס, אז איך פלעג אזש אונטערשפּרינגען, אָדער ער פלעגט מיר לאָזן א פּאָמפּע אונטער דער נאָז. איך פלעג זיך אופכאפּן נישט־טויט נישט־לעבעדיק און קײַכן, הוסטן מאכמעס דעם רויך עפשער א שאָ קעסיי־דער, גלײַב ווי איך בין שולדיק געווען אין דעם, וואָס די דרײַ קאָמפּא־ניעס האָבן געמאכט יאדאכעס".

דאָס אכטע קאַפּיטל

ווי אונדזערע פארשוינענ זײַנענ ארומגעגאנגענ איבער די הײַזער

דעמ גרעסטנ טייל טאָג זײַנענ אונדזערע פארשוינענ טאָרעד געווענ מיט דער פארנאָסע. זיי האָבנ גע-מאַכט וויזיטנ אינ די טעטעריווקער הײַזער אונ האָבנ אינ א קורצער צײַט קוינע-שעמ געווענ, אזוי אז מע פלעגט אפ זיי נאָכטײַטנ מיט די פינגער אונ באגעגענענ זיי — דער מיט א גלײַכווערטל, דער מיט א שמייכעלע. אנ אנדערער אפ זייער אָרט וואָלט זיכ שטארק איבערגענומענ פונ אזא קאָוועד אונ צעפּויקט

אומעטומ פונ זײַנ גרויסקײַט, אַנ אײַנאָרע, אינ דער וועלט, ווי מע האָט זיכ געשמאָלצנ, פּאָשעט, אַניקוקנדיק אימ, ווי מע האָט זיכ געלאָבט מיט איטלעכ זײַנס א וואָרט, אונ מיט וואָס פאַר א שמייכעלע מע פלעגט אימ אופנעמענ אונ ארויסבאַלייטנ פונ דער טיר. נאָר אונדזערע פּאַרשווינענ אָבער זײַנענ בא זיכ געווענ פּראָסטע מענטשלעכ אונ האָבנ פונ אזא קאָוועד זיכ גאָר נישט געמאכט. ביניאָמינ איז געווענ פארטראָגנ אינ זײַנע זאכנ, אונ סענדערלענ איז געלעגנ אינזינענ, די טאָרבע זאָל זײַנ פול אונ אינ דער קעשענע זאָל זײַנ עטלעכע גראָשנ אָפּ הויצאָעס. צי גיסטו מיט א שמייכעלע צי מיט א קרימ — וואָס מאכט עס א ייִדנ אויס? אבי גיב.

הײַנט איז פּורימ, מאָרגנ איז אויס —
גיב מיר א גראָשנ אונ טרײַב מיכ ארויס.

אָט דאָס איז דאָס באקאנטע ייִדישע לידל, וואָס שילדערט זייער גוט זייער פּראָסטקײַט, זייער אניוועס, אונ וואָס סענדערל פלעגט עס, גייענדיק אפנ וועג, זייער אָפט שטילערהייט אונטערזינגענ.

— א גוט-מאָרגנ, גאָט-העלפ! — פלעגט סענדערל זאָגנ באַמ ארײַנקומענ ערגעצ אינ א שטוב, נאָכשלעפּנדיק הינטער זיכ ביניאָמינענ פּאַר דער פּאָלע. דערנאָכ פלעגט ער אימ דערלאנגענ א שטופּ פאָרויס, אימ אײַנרוימענ אינ אויער, ער זאָל זיכ ניט שעמענ אונ אַלייג אנידערשטעלנ זיכ אינ דער זײַט מיט גרויס דערעכערעץ.

ארומגייענדיק אפּ אזא שטייגער, זײַנענ אונדזערע פּאַרשוינענ איינמאָל ארײַנ אינ א שטוב, אינ וועלכער זיי האָבנ געטראָפנ עפּעס א יונגנמאנ טײַנענדיק מיט דעמ באַלעבאָס. עס האָט אויסגעזענ פונ די רייד, ווי דער יונגערמאנ גיט דעמ באַלעבאָס צו פארשטיינ די וויכטיקײַט פונ עפּעס אנ איניענ, וואָס דורכ דעמ קלינגט מיט אימ איצט די וועלט, ווי ער לויבט זיכ פאַר אימ אָפּ, ווײַזט פּאַפּירנ אונ פארלאנגט פונ אימ

עפּעס אַ זאַך. נאָר דער באַלעבאָס קרימט זיך אָבער, טײַנעט ווי ער קאָן און צאַפּלט פּאָשעט זיך אויסצודרייען פונעם יונגנמאַנס הענט. דער באַלעבאָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אונדזערע פאַרשוינען, אַזוי ווי אַ דערטרונקענער אין אַ שטרוי. ער האָט געשווינד זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפענונג, עפּשער האָבן זיי צו אים אַ נייטיק געשעפט און וועלן אים דערווײַל באַפרײַען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט, ווער זיי זײַנען און וואָס זיי ווילן, איז ער געבליבן שטיין צעמישט, שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווי איינער בעשאַס דאָס אָנשיקעניש טרעט אים פּלוצלים צו פון אַלע זײַטן.

— אָט האָט איר נאָך נויסים! — האָט דער באַלעבאָס זיך אָנגע־רופן נאָך דעם, אַז ער איז צו־זיך געקומען, און זיך געווענדט צו דעם יונגנמאַן. — די דאָזיקע ייִדן, זעט איר, זײַנען אייך נויסים! נאָט אײַך נײַס, נויסים אַף אונדזער קאָפּ!

דער יונגערמאַן מיט אונדזערע פאַרשוינען האָבן איינער דעם אַנ־דערן זיך אָנגעקוקט.

— הערסטו, — האָט סענדערל אַ צי געטאָן בינימינען פאַר דער פּאָלע און אים אײַנגערוימט אין אויער, — מעגלעך, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן וואַנדערוועט אויך אַהינצו... ער קען נאָך, כאָלילע, פאַר־לויפן פריִער און אונדז אָפּטאָן אַף טערקיש.

— עפּשער זײַנט איר טאַקע אַלע אייך קאָמפּאַניע? — האָט דער באַ־לעבאָס זיך ווײַטער אָנגערופן.

— כאָלילע, כאָלילע! — האָט בינימין מיט סענדערלען ביידע אײַ אײן קאָל געשריגן. מיר גייען באַזונדער, גייען מיר!

— גייט אײַך געזונטערהייט באַזונדער, באַ מיר אָבער הייסט איר איין קאָמפּאַניע, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט און אַרויסגענומען אַ מאַטבייע פון דער קעשענע.

— גיט, זײַט מויכל, אונדז, אונדז גיט — האָט סענדערל געבעטן

און אויסגעשטרעקט די האנט,— מיר וועלן שוין דעם יונגנמאן ארויס־געבן זיין בײלעק. קומט, יונגערמאן, מיר וועלן אײַך ארויסגעבן. איך האָב מינץ.

אינמיטן דעריגען האָט זיך געעפנט די טיר פון דער קיך, און א שרעקלעכער קאָל האָט זיך געלאָזט פון דאָרט הערן מעשונע־ווילד:

— דאָס איז ער, ער! אָט דער, וואָס שטייט לעבן דעם קליינעם דארן יינגל. זיי האָבן דענסטמאָל אויך ביידע זיך ארומגעשלעפט. איך האָב אים דערקענט, דעם שיינעם נעפעש, אין זיין פענעטל, אין זיין געל בערדל, אויסגעצופט זאָל עס אים ווערן! אין זיין צעבראָסטעט הער־צעלע,— א, פארכאפט, ריבוינעשעלוילעם, לאָז ער ווערן! לאָז עס מיט אים קויקלען, מאָרדעווען און אויסרינען דאָס מארך פון זיינע טרייפע־נע ביינער... אויסרינען!

— קום, בינימין, אוועק! — האָט סענדעריל געזאָגט, שלעפנדיק בינימינען פאר דער פאָלע.— א רועך אין דער כצופעס טאטן ארײַן! זי האָט נאָך אלץ צו טאָן מיט די צעבראָכענע אייער!

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

ווי זכוס־אָוועס האָבן פֿאַר אונדזערע פֿאַרשוינענע זיך געלייגט

זיפצן און קרעכצן מוז מען, אַז מע לייענט די געשיכטן פֿון די גרויסע באַרימטע קאָפּ-מענטשן, ווי זיי האָבן נעבעך, גע-ליטן שטאַרק זייער גאַנץ לעבן פֿון דער וועלט, פֿאַר וועלכער זיי האָבן מאַקריוו געווען זייערע טעג און יאָרן און זי באַ־גליקט מיט זייער נוצלעכע זאַכן, וואָס זיי האָבן מיט זייער סייכל דער־גאַנגען. די וועלט איז בעטעווע א קינד, וואָס האָט ליב זיך צו האַלטן נאָר אין דער מאַמעס פֿאַרטעך, נישט אָפּצוטרעטן פֿון איר אַפֿ א האָר;

וואָס האָט ליב אַלץ די אַלטע נאַרישע מייסעס, וועלכע די ניאַנקעס און אַלטע באָבעס כאַזערן זיי איבער הונדערט מאָל אין טאָג; וואָס מיינט, אַז בעסערס פון זיינע שפּילכעלעך איז טאַקע גאָר נישטאָ, אין דערינען שטעקט די גאַנצע כאָכמע, וואָס קען נאָר זיין, און אַז דער באַהעלפער קומט אים נעמען אין כיידער אַריין, אויסצולערנען אים עפּעס, שריַיט ער גוואַלד, גלייך ווי מע וואָלט אים געקוילעט. די וועלט האָט ליב צו לעבן אַזוי ווי זי איז געוווינט, עפּעס אַ נייס קומט איר אויס מעשונע־ווילד, זי שריַיט דערופ מייסים און זידלט, מאַכט מיט דער בלאָטע גלייך דעם, וואָס טראַכט אַזוינס אויס. ערשט דערנאָך, אַז דאָס נייס איז שוין נוילעד געוואָרן, עס האָט זיך איינגעלעבט און וויַיזט באַשיימפּערלעך אַרויס דעם גרויסן נוצן, וואָס אין אים ליגט, ערשט דענסטמאָל כאַפּט מען זיך אין דעם שטאַרק אָן, מע האָט דערופּ גרויס האַנאָע און פאַרגעסט קלאָל יענעם, נעבעך, וואָס האָט עס מיט נויט־שוויים מאַמצי געווען. נאָך זייער שיין פון דער וועלט, אַז זי האָט זיך זיינער דערמאָנט אים צו מאַכן כאָטשע אַ מאָלע און צו שטעלן אים אַ מאַצייווע. מיליאָנען מענטשן לעבן היינט גליקלעך און עטעמען פריַי אין אַמעריקע, און קאָלומבוס בעשאַס אים איז אַריין דער געדאַנק צו אַנטדעקן אַמעריקע האָט, נעבעך, שטאַרק געליטן, די וועלט האָט אים געהאַלטן פאַר מעשוגע און אויס אים כויזעק געמאַכט.

דעסגלייכן איז אויך געווען מיט אונדזער בינימינען פון טונעיאַ־דעווקע. נאָר אַניקוקנדיק אים, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מעשו־געגעם, און, הערנדיק זיינע רייד איבער דער נעסיִע, האָט מען זיך געשטיקט פאַר געלעכטער, מע האָט מיט אים געטריבן קאַטאָוועס, איטלעכער האָט מיט אים געהאַט צו טאָן און אויס אים געמאַכט אַ קאַטער. אַ נעס, וואָס בינימין האָט עס אַזויפיל נישט פאַרשטאַנען. זיסט וואָלט ער זיך פאַרעסן, כאַסוועשאָלעם, קראַנק געוואָרן און אַ שפּײַ געטאָן אָפּ דער גאַנצער נעסיִע!

מיר היפּערנ איבער א סאכ זאכנ פונ דעמ אוילעמס האמצאָעלעכ אי-
בער ביניאָמינענ, ביכדיי דאָס זאָל אפ אונדז אלע נישט פאלנ פאר קיינ
אייביקנ פלעק אונ דאָס זאָל אונדז נישט זײַנ צו קיינ כארפּע, צו קיינ
בושע אינ דער געשיכטע פאר די שפּעטערדיקע דוירעס. מיר מאכנ זיכ
נישט ווּיסנדיק פונ די אלע זאכנ, כאטע-פּאָקרישקע! אונ נעמענ זיכ ווײַ-
טער צו אונדזער דערציילונג.

„אינ טעטעריווקע — זאָגט ביניאָמינ — איז דאָ א גרויסע קעהילע
יִדנ, זאָלנ זיכ פּרוכפּערנ אונ מערנ. ווער זיי זײַנענ, וואָס פאר א מינע
מענטשנ זיי זײַנענ אונ פונוואנענ זיי האָבנ זיכ גענומענ, דאָס, פרעגט
זיי בעסיירעס, ווייסנ זיי אליינ נישט, זיי האָבנ נאָר בעקאבאָלע פונ
טאטעס, זיידעס אונ עלטער-עלטער-זיידעס, אז זיי וואקסנ פונ יִדנ, אונ
ווי עס זעט אויס פונ א טייל זייערע מינהאָגימ, פונ זייער האלבאָשע,
פונ זייער לאָשנ אונ פונ זייער האנדל אוקעדוימע, זײַנענ זיי, אפּאָנעמ,
טאקע מעכויעוו צו זײַנ יִדנ, נאָר צונויפגעלאָפענע, אָפּגעריסענע פונ
פארשיידענע שוואָטימ. וואָרעמ איינער מיט דעמ אנדערנ געהער זיכ
קימאט נישט אָנ, לאָז, אשטייגער, איינער פאלנ, וועט דער אנדערער
אימ נישט אופהייבנ, כאָטש ער זאָל, סאָנע-ציענ, די קאפּאָרע ווערנ, די
מיסע-מעשונע אײַנעמענ דאָ אפנ אָרט...

צווישנ זיי איז דאָ א טייל, וואָס פארשטייענ זייער גוט מאניפארגע-
לאָשנ. מאניפארגע איז פונ דעמ שוירעש מאניפארגיסימוס, דאָס
הייסט: מאני — לאָשנ, פארגי — ציגײַנעריש, מאניפארגע-יִדנ קענענ
כאָכמעס-האיאד, קוקנ יענעמ אינ דער האנט אַרײַנ אונ ציענ געווינט-
לעכ דערפונ זייער פּארנאָסע. דערצו נאָכ קענענ זיי אנדערע מעלאָכעס,
לעמפּלעכ-מאכערס אונ טאָקערס זײַנענ זיי טאקע איינע אינ דער
וועלט, כידעשנ נאָר מוז מענ זיכ, ווי זיי מאכנ אמאָל יענעמ א לעמפּל
אונ טאָקנ אָפּ זאכנ עפּעס גאָר שעלוי-קעדערעכ-האטעווע. אויכ האָבנ
זיי א מאטאָנע פונ זײַנ ליבנ נאָמענ אָפּצוזאָגנ אמאָל א פּיזמענ, אונ

דאפקע שטילערהייט, מיט אזעלכע מינע טנועס, אזש טרערנ שטעלנ זיכ דורכ דעמ אינ די אויגנ, אונ זיי נעמענ דערמיט בא יענעמ פּאָשעט צו דאָס כיעס... מע זאָגט, יאקבי זיי שטאמענ פונ די ערעוראוו פונ דער געזע קאפטויִרימ.

ביכלאל, זאָגט ביניאָמינ, זײַנענ די אײַנוווינער דאָרט ערלעכע לײַט, גוטע מענטשנ. זיי פלעגנ מיכ אופנעמענ טאָמער מיט א שמייבעלע אונ מעשונע האנאָע האָבנ מיט מיר זיכ אָפּצוגעבנ. מע האָט געזענ באַשײַמפּערלעכ, אז זיי זײַנענ מיט מיר שטארק צופרידנ. איכ ווינטש זיי פונעמ גאנצנ הארצנ, אז גאָט אונ לײַט זאָלנ פונ זיי אייביק אויכ אזוי צופרידנ זײַנ. אָמיינ!”

א בידעש=ניפלע,— דערציילט ווײַטער ביניאָמינ.— דאָרט אינ דער סוויווע באגעגנט מענ אמאָל פּארשוינענ, וואָס זײַנענ א ביסל ווי באזערוואטע. מע דערקענט עס זיי באלד אינ דעמ אָנבליק. א טייל זאָגנ, אז דאָס איז אזא פּאָראָדע, ווידער א טייל ווילנ האָבנ, אז דאָס אָרט איז דערצו מעסוגל. ביניאָמינ וויל דערינענ נישט מאכריע זײַנ. דאָס געהער זיכ אָנ מיט די געלערנטע. זיי זאָלנ די זאכ פאָרשנ אונ אונדז דערקלערנ אקוראט, וואָס דאָס באטײַט. נאָר ווי די מײַסע איז, זאָגט ביניאָמינ, אזוי צי אזוי, די זאכ אליינ איז קיינ נײַעס נישט אפ דער וועלט. נאָכ דער אלטער מאטיסיאָהו דעלעקארטי העט־העט אינ די פריִערדיקע יאָרנ ברענגט אינ זײַנ סייפער „צייל־אוילאָמ” בעזע=האלאָשנ:

„אינ בריטאניאָ איז דאָ א פאָלק מיט אנ עק פונ הינטנ, ווי בא בעהיימעס. אויכ זײַנענ נאָכ דאָ ווײַבער, הויכע, גרויסע, ווי די ריזנ, אונ זיי זײַנענ באוואקסנ מיט שטשעטינעס (כאזער-האָר), ווי די באזיירימ. אינ צאָרפאס האָט זיכ געוויזנ א פאָלק מיט הערנער. אפ יענע בערג זײַנענ דאָ קרומע ווײַבער, אונ די, וואָס איז מער קרומ, איז אלצ שענער”. טאקע מאמעש ווי מע באגעגנט נאָכ בא אונדז הײַנטיקע צײַטנ זייער פיל ווײַבער, וואָס קומענ אויס קרומ, שטארק

בוילעט, מעבילע, פונ הינטנ, מיט א לאנגנ עק, וואס באמבלט זיב אונ שלעפט זיב זיי נאב אפ דער ערד. „דאס, וואס איז געווענ, זאגט דער פא־סעק, דאס וועט אויב זיינ, אונ ס׳איז נישטא קיינ נייס אונטער דער זונ״.

טעטעריוקע — זאגט ביניאמינ — איז גרויס, מיט שיינע מויערנ אונ לאנגע גאסנ. אנקוקנדיק זי באם ערשטנ מאל, דאבט זיב אויס, זי לעבט, עס קאבט דארט אונ רוישט. נאר דערנאב, אז מע ווערט א ביסל איינגעווינט, זעט מענ, אז זי איז אינ טאב ארייננ א מינ גרויסע טונעיאדעווקע. די איינוווינער דארט עסנ, לייגנ זיב שלאפנ, שטייענ אופ ווי געווײנלעב אלע טאג אינ איינ צייט. די צייט ווערט גערעבנט דארט נאב דעמ עסנ. פונעמ אנבייסנ, אשטייגער, ביז וואר־מעס; אונ פונ וואַרמעס ביז וועטשערע. מאבמעס אנבייסנ, וואַרמעס אונ וועטשערע זיינענ דריי קרעטשמעס אינ זייער לעבנ, וואס אהינ־צו גארט מענ זיב צו דערשלעפנ אפ א פאפאס אונ עפעס טאנ נאב דעמ, אז מע האט פארבראבט א שטיק צייט מיט גארנישט אינ א פוסטנ סטעפ. מע זאגט, יאקבי טעטעריווקער לופט מאבט בעטעווע פויל, אפהענטיק אונ שלעפעריק. ווענ עס פאלט אהינצו ארייננ עפעס א מענטש מיט א קוראזש, מיט א ביישעק עפעס צו ווירקנ, נעמט עס אינ א קורצער צייט בא אימ צו אי דעמ קוראזש אי דעמ ביישעק, אונ עס בלייבט אימ מער נישט איבער ווי דער ביישעק צו עסנ, צו שלאפנ אונ אופצושטיינ, בּיכדיי ווייטער צו עסנ אונ צו שלאפנ.

ביניאמינ האט דארט געזענ די סטאנציעס פונ די קליינשטעטל־דיקע סבארשטשיקעס אונ פאווירעגעס. אוועקפארנדיק פונ דער היימ, האבנ זיי ארויסגעוויזנ קוראזש אונ שטארקייט נאב פיל מער ווי מע באדארפ. מע מוז פארנ, האבנ זיי אלצ געדרונגענ אונ איינגעשמועסט דעמ אוילעמ, מע מוז פארנ, זיב סטארענ, ארבעטנ אונ איינלאדעווענ מיקויעב דעמ געלט פונ געוויסע קאהעלשע היצטארבעס אונ מיקויעב נאב אנדערע שטאטישע זאבנ, באטש זייער סטארענ זיב, ארבעטנ

און טאָן וועגן דעם איז אינגאנצן אן איבעריקע זאך, טאקע נאָר ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן, ווײַל דערופ איז דאָ א סמעטע, און אלצדינג וועט געמאכט ווערן גאָר אָן זייער הילפ. נאָר זיי האָבן אָבער פאָרט באקומענ שטארק ביישעק, עס האָט זיך זיי מעשונע פארגלוסט, האָבן זיי גענומענ באם אוילעם געלט פאר זייערע ווײַבער און קינדער אי פאר זיך אפ הויצאָעס און מארש אינ וועג ארײַנ אינ א גוטער, אינ א מאזלדיקער שאָ. אינ טעטעריווקע קומענדיק, איז זיי, מײַסע-סאָטנ, באלד פארגאנגענ דער ביישעק,— ווי בערײַשקײַט, ווענ בערײַשקײַט! האָבנ זיך אנידערגעזעצט אפ דער סטאנציע פויל, אפּהענטיק, נאָר געגעסנ, נעבעך, געטרונקענ און געשלאָפנ, גלײַך מע האָט זיי א קישעפ אָנגעטאָנ. אינ דעם צושטאנד פארברענגענ זיי, נעבעך, דאָרט זייערע טעג און יאָרנ, דער אוילעמ שיקט זיי אלצ צו, אפ זייער באקאָשע, געלט און ווײַטער געלט, און זיי הינענ טאקע אלצ, געענעצנ, עסנ, שלאָפנ, נעבעך, ווי די פארצויבערטע פרינצנ, און ס'איז פּאָשעט אומעגלעך זיי פונ דאָרט ארויסצורײַסנ, אפילע קיינ באלשעמ און קיינ טאָטער קענענ דערצו אויך נישט העלפנ.

בינימינענ האָט אָנגענומענ א יעיצערהאָרע זיך צו באקענענ מיט די בארימטע געלערנטע און שריפטשטעלער, וואָס אינ טעטעריווקע. עפּעס איז ער דאָך אויך א שטיקל קענער, א כאקרענ, וואָס קוקט ארײַנ אינ די קליינע אויסיעלעך און ווייסט, וואָס איז אזוינס א יידישער כקירע-סייפער, פונוואנענ די דאָזיקע לײַט האָבנ געשעפּט זייער טוירע, זייער יעדיִע אינ די שעווא-כאָכמעס. הײַנט ווי שיקט זיך עס, קומענ אהער און זיך נישט זענ מיט זײַנ סאָרט מענטשנ?! כוץ דעם האָט זיך אים געוואָלט טאקע איבערשמועסנ מיט זיי וועגנ זײַנ נעסיִע. אזעלכע לײַט ווען אים דאָך פארשטיינ און קענענ אָפּשאצנ דעם ווערט זײַנעם. ער האָט געהאָפט, זיי וועלנ אים נאָך געבנ האסקאָמעס און אים הייבנ ווי אפ דרוקעס. זיי האָבנ דאָך ליב ארויס-

צוגיינ מיט זייערע האסקאמעס אפ קליניקעטנ, שמאכטעליעג, ביפראט נאכ אפ אזא זאכ, אפ אזא וויכטיקע זאכ, דא וועט דאכ די פעג זייערע זיכ צעלאזנ גאלאפ, גאלאפ ווי א פערד.

נאר צו וועלכנ פונ זיי בינימינ איז געקומענ, האט ער אימ אלצ געטראפנ — אדער ער עסט אדער ער שלאפט! איינמאל איז אימ געראטנ צו טרעפנ איינעמ פונ די לייט — א ווילדער שרייבער, מעשונע א באריממטער בעריע — ווי ער איז געזעסנ אנגעלענט אפ א באנקבעטל אינ אנ אפגעזונדערט ביידערל.

— גוט-מארגנ!..

— גוט-יאר! וואס וויל א ייד?

— עט, אזוי, א ביסל שמועסנ!

אהינ-אהער, עפעס פלאטשיק דער אייסעק. דער בעריע איז עפעס ווי צעקראכנ, קוימ וואס ער רירט מיט די ליפנ, די נעשאמע ליגט אימ אפ דעמ שפיצ נאז און עס קלעפנ זיכ אימ די אויגנ. בינימינ מינטערט אימ, רעדט איבער אימ, ווי ער קענ, נאר אומזיסט די מי, ער איז קאלט ווי אייז. ערשט דערנאכ האט ער זיכ א ביסל אויסגעמשוכעט, א שטארקנ געגעצ געטאנ און ארייגערופנ דאס ווייב.

— ווענ וועט מענ שוינ גיינ עסנ? — האט ער זי א פרעג געגעבנ און אויסגעקנאקט די ביינער מיט א געשמאקנ געגעצ.

— לאז מענ שוינ געבנ עסנ, ווארעמ איכ וויל, — האט ער געזאגט, — איכ וויל א ביסל צולייגנ מיכ שלאפנ...

האקלאל, טעטעריוקע איז א גוטע ספאלניע, אלצדינג שלאפט דארט רויק, אי דאס געלערנטקייט, אי דער האנדל, אי די בענק, אי די פראצעסנ (לאדענישנ) און אלע מינע געשעפטנ. ווי מע זאל זיי נישט פרווונ וועקנ, קענ מענ זיי אלצ נישט דערוועקנ. אפילע ווענ עטלעכע מענטשנ פארקלייבנ זיכ אמאל אינייִנעמ, נעמט זיי באלד אפ דאס לאשנ, זיצנ, גענעצנ און קוקנ איינער דעמ אנדערנ אנ ווי

די גוילעמס, אונ די גאנצע געזעלשאפט ווערט אנשלאפנ. ערשט ווענ מע דערלאנגט די וועטשערע, רירט זיכ אינ זיי אנ אייווער, זיי ווערנ לעבעדיק, נעמענ זיכ געשמאק צו דער אכילע, עסנ אפ — אונ א גוטע-נאכט! זיי גייענ אהיימ שלאפנ...

אונדזער ביניאמינ האט עס געפילט שפעטער אפ זיכ אליינ. ער האט דערנאכ אינ טעטעריווקע נישט מער געטאנ ווי געגעסנ אונ געשלאפנ, אונ דער כיישעק פונ דער נעסיע איז אימ עפעס ווי פארגאנגענ. ער איז געווענ אינ א גרויסער סאקאנע פארפאלנ צו ווערנ דארט, אזוי ווי א שיפ, וואס כאפט זיכ ארײַנ אינ דעמ שטילנ יאמ, אונ אפשלאפנ דארט זײַנ לעבנ ביז אצינד,— ווענ מיט אימ זאל זיכ נישט געווענ מאכנ א מײַסע, וואס האט, ווי א שטורעמווינט, אפ זײַנ גליק אונ אפ דער וועלטס גליק, אימ מיט גוואלד ארויסגעטריבנ פונדאנענ ווײַטער צו זײַנ נעסיע.

די כינע פונ איציק פאשטנ צו ביניאמינענ האט וואס א טאג אלצ מער געוואקסנ. ער האט די לעצטע צײַט ווי א זלידניע זיכ אײַנגעגעסנ אינ ביניאמינענ אונ זיכ גענומענ שטארק מעפאלפל צו זײַנ מיט אימ איבער זײַנ נעסיע, אימ לייגנ שטיינער אפנ הארצנ, אז דערנסטמאל, ווענ דא אפ דער דאלאניע וועט וואקסנ האר, וועט ער קומענ צומ סאמבאטיענ, אונ זענ די רויטע יידלעכ, ווי ער זעט זײַנ אויער.

ביניאמינ אבער האט זיכ נישט געלאזט שפײַענ אינ דער קאשע אונ אויסגעדרונגענ, אז ס'איז דא אינ דער וועלט א בוירע, וואס פארלאזט נישט די, וואס האבנ אינ אימ א ביטאכנ. נישקאשע, ער וועט, אימירצעשעמ, מיט גאטס קויעכ דערגיינ אהינצו, סאנימ אפ צעשפרינגעניש. אונ אז ביניאמינענ פלעגט טײַנענדיק זיכ צעשפילנ די געבליטנ, פלעגט ער ווערנ פלאמ-פײַער אונ אינ דער מיט שמועס ארײַנווארפנ אפ א קאל: פיפערנאטער, לינדענווארעמ, אייזל, מויל-אייזל אוקעדוימע! דאס האט געהייסנ אזויפיל ווי: בילט אפ די ציינ,

אַט בין איך שוין העט-ווײַט, אַט בין איך שוין דאָרט אין דער מידבער, און גיי און גיי!..

איציק פלעגט דרײַ מאָל אויסשפּײַען און זאָגן: ער איז פּאַשעט מעשוגע, כאַסערדייע, מע באַדאַרף אים פירן צום טאַטער. און האָט צום סאָף אַזוי ווײַט געבראַכט, אַז קוים האָט בינִיאָמין זיך געוויזן אַף דער גאַס, זײַנען אים ווײַסע-כעוורע נאָכגעלאָפן, ווי נאָך אַ מעשוגענעם, מיט שטייגער, אים געמאַכט אַ הורא און געשריגן: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם!

איינמאָל, אַז בינִיאָמין מיט סענדערלען זײַנען פאַרנאַכט געגאַנגען ביידע אין גאַס, איז כעוורע זיי באַפאַלן ווי די הייִשעריקן און זיי שטאַרק דערקוטשעט, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן מיט הינטערגעסלעך. אין איינעם פון די ענגע געסלעך האָבן זיי, לויפנדיק באַרג-אַראָפּ איבער אַ לאַנגער, שמאָלער קלאַדקע, זיך באַגעגנט דאָרט סאַמע אַף דער מיט מיט אַ מענטשן, וואָס איז זיי געקומען אַקעגן. אויסמײַדן זיך דאָרט איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקײַט, סײַדן אַראָפּשפּרינגען און צעשלאָגן דעם קאָפּ, אָדער ווייניקסטנס זיך אויסברעכן אַ פוס. די ביידע זאַכן אָבער האָבן אונדזערע פאַרשוינען באַדאַרפט האָבן נייטיק אין לעבן אַרײַן. אָן אַ קאָפּ אָדער אָן אַ פוס וואָלט דאָך קיין סוואָרע נישט געווען צו מאַכן זייער נעסיִע. און בינִיאָמין מיט סענדערלען זײַנען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזענע כעזער.

— אַ-אַ, שאָלעם-אַליינכעם, בינִיאָמין! — האָט יענער פאַרשוין, וואָס איז געקומען אַקעגן, אַ זאָג געגעבן מיט אַ פאַרדראָס אי מיט אַ געלעכטער אינעינעם. — אַ גוטע באַגעגעניש, כלעבן, אַזוי ווי געווונטשן!

— שאָלעם-אַליינכעם, אַליינכעם-שאָלעם, רעב אײַזיק-דאָוויד! — האָט בינִיאָמין געענטפערט נישט מיט זײַן קאָל שטאַרק צעמישט.

דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען רעב אײַזיק-דאָוויד רעב אַרניאָסעלעס סאָרע-זלאַטעס, דער כאָכעם פון טונעיאַדעווקע.

— שיינע מענטשנ! — האָט רעב אײַזיק־דאָוויד געמאַכט מיט טאַ־
רומעס. — מע פאָרט אוועק פונ דער היימ ביגנייווע, גלאַט אוועק,
פאַר וואָס, פאַר ווענ? ווייס איכ? אַלצדינג מוז דאָכ זײַנ עפּעס מיט
א גאַנג, מיט א דערעכ־האַטעווע. וואָס הייסט גלאַט אוועק אונ מאַכנ
ווײַבער, נעבעכ, אָנ א שומ גאַנג פאַר וויסטע אַגונעס, מאַכנ ווײַ־
בער! ווייס איכ? סטײַטש, אַדעראַבע, שוינ אוועקגעשטעלט אַלצדינג
אינ דער זײַט, פרעג איכ אײַכ נישט מער, נאָכאַמאָל טאַקע, אַדעראַ־
בע, סטײַטש, סטײַטש?! פאַרקערט, זאָגט, וואָס טוט איר דאָ? איכ
מיינ טאַקע דיכ אויכ, סענדערל. נישקאָשע, איכ זע דיכ ווי דו שטייסט
פונ הינטנ. דײַנ ווײַב, סענדערל, וועט דיר, נישקאָשע, געבנ, גוט מע־
כאַבעד זײַנ וועט זי דיכ, דײַנ ווײַב. ווי א הערינג, אַזוי אינ קאַס איז
זי, וואָלט זי דיכ צעריסנ, דײַנ ווײַב. דאָס האַרצ אָבער האָט איר
געזאָגט, אַז דאָ מוזט איר אַוואַדע זײַנ, האָט איר געזאָגט דאָס האַרצ,
דײַנ ווײַב, אונ זי האָט געוואָלט, נישט אַנדערש פאָרנ נאָר אַהער,
האָט זי געוואָלט, נאָר מיט מיר, דײַנ ווײַב.

— האַ, ער איז דאָ! — האָט א געשריי געטאָנ א ייִדענע, וואָס
איז אונטערגעקומענ פונ הינטנ צו רעב אײַזיק־דאָווידנ.

סענדערל האָט אינ קאָל דערקענט זײַנ באָבערטע. ער איז געוואָרנ
טויט ווי די וואַנט אונ געבליבנ אָנ א נעשאָמע פאַר שרעק. ער האָט
מיט ביידע הענט זיכ אָנגעכאַפּט אינ ביניאָמינס פּאָלע, ער זאָל נישט
אַראָפּפאַלנ פונ דער קלאַדקע, אַזוי האָט אימ זיכ דער קאָפּ פאַר־
דרייט. עס האָט אימ זיכ געדאַכט, אָט נעמט אימ שוינ אָנ זײַנ ווײַב
אונ פּעטש שיטנ זיכ אימ ווי האָלצ.

— קוקט נאָר אָנ די נעפּאַשעס, די שיינע נעפּאַשעס. אָ, די קאַ־
פּאָרע זאָלנ זיי ביידע ווערנ! האַ, ווו איז ער דאָרט ערגעצ, מײַנ
יִמאַכשמוניק? לאָזט מיכ נאָר צו אימ צו א ביסל, לאָזט מיכ, איכ
וועל אימ ווײַזנ, וואָס פאַר א גאָט מיר האָבנ!

אזוי האָט אין איין אָטעם געשריגן סענדערלס ווייב און גע-שטופּט רעב איציק-דאַווידן.

— גאָר אָן געשריי, אָן ראַש, — האָט רעב איציק-דאַוויד זי גע-בעטן, — האָט נאָר צייט. אז איר האָט אזויפיל געוואַרט, וואַרט זשע נאָך א ביסל. קיין אַגונע, מיט גאָטס הילף, וועט איר דאָך שוין קיין אַגונע נישט זיין. און ווייטער, ווי זאָגט מען עפּעס, האַ? אויך די אייגענע מייסע, א ייִדענע בלייבט טאַקע א ייִדענע. דאַכט זיך, א קלו-גע, און פאַרט א ייִדענע. לאָמיר שמועסן די אייגענע זאַך פאַרקערט. מיילע, מאַ ראַש? ס'איז נישט מער, גלאַט פאַרדראָסיק: גלאַט אוועק, פאַר וואָס, פאַר וועגן? אַלצדינג מוז דאָך זיין עפּעס מיט א גאַנג, פאַרשטייט איר מיך? נאָר אז ס'איז שוין אזוי, איז דאָך שוין טאַקע אזוי, היינט וויבאַלד ס'איז אזוי, איז דאָך טאַקע די קאַשע: צו וואָס נאָך שרייען? דער טערעץ איז אָבער, איך בעט אייך איבער ווי אַן אייגענע מוטער: א ייִדענע, מעכילע, בלייבט טאַקע א ייִדענע.

רעב איציק-דאַוויד האָט זיך ערשט צעוויגט און געוואָלט, ווי זיין שטייגער איז, דעם שמועס זיינעם איבערשמועסן ווידער פאַר-קערט, דערנאָך ווייטעראַמאָל פאַרקערט, און אראַנגעבן דערינען א ביסל פעפער מיט ציבעלע. נאָר פון ביידע זייטן קלאַדקע זיינען גע-שטאַנען א סאַך מענטשן, וואָס זיינען דערוויילע אָנגעקומען. זיי האָבן פונדערווייטן זיך שטאַרק געבייזערט דערויף, וואָס ייִדן האָבן זיך אוועקגעשטעלט דאָ שמועסן, גלייך ווי עס גייט זיי נישט אָן די גאַנצע וועלט, און לאָזן קיינעם נישט אריבערגיין.

די קלאַדקע איז אזוי שמאָל געווען, אז צוויי מענטשן האָבן דאָרט זיך נישט געקענט מיידן. די, וואָס פון איין זייט, האָבן טאָמער געמוזט וואַרטן, ביז יענע פון דער אנדערער זייט וועלן פריער אריי-בער. דעריבער האָט סענדערלס ווייב מיט רעב איציק-דאַווידן גע-מוזט צוריק גיין צו יענער זייט קלאַדקע, פונוואַנען זיי זיינען אָנגע-

קומען. דעסגלײַכן סענדערל מיט בּיניאָמינען האָבּן אויך צוריקגע־קערט זיך צו דער אנדערער זײַט, און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיקער זײַט טאַקע, דער אוילעם אָנגעהויבן איבּערצוגיין די קלאַדקע.

— איך בּעט דיך, סענדערל, וואָס שטייען מיר דאָ אזוי און וואַרטן? — האָט זיך אָנגערופן בּיניאָמין, וואָס איז פריִער צו־זיך געקומען. — עפּעס שטייען מיר דאָ, אזוי גלײַך ווי מע בּינדט צו א יִינגל מיט איין עק פאָדעם אין מויל און מיט דעם אנדערן צום פיסל פון טיש. נאַרעלע, איצט האָבּן מיר צײַט גיצל צו ווערן.

— גערעכט, ווי איך בּין א ייִד! — האָט סענדערל א זאָג געטאָן פרייליך, ווי איינער, וואָס רײַסט זיך ארויס פון דער קלעם. — גיכער, גיכער, בּיניאָמין! אויב דו ווילסט, איך זאָל נישט ארײַנפאַלן אין אירע הענט. דאָס איז נישט קיין קלאַדקע, נאָר זכוס־אָוועס האָבּן דאָ פאַר אונדז זיך געלייגט...

אונדזערע פאַרשוינען האָבּן געמאַכט געשווינד א פּלייטע, און אין עטלעכע מינוט זײַנען זיי שוין געווען ווײַט ערגעץ אין אן אנדער עק שטאָט. זיי האָבּן נישט געמאַכט לאַנג שיִעס, פאַרנומען באַלד זייערע פּעקלעך און זיך געזעגנט מיט טעטעריווקע.

דאָס צענטע קאַפּיטל

הורא, רויטע ייִדלעכ!

היי, וויאָ, וויאָ! — האָט אפ דער קעלניע פונ א בויד היי-
זעריק געשריגנ א שמײַסער אונ איז שיר מיטנ דישל
נישט ארופגעפאָרנ אפ צוויי ווײַבלעכ, וואָס זײַנענ גע-
שטאַנענ אינ דער מיט גאס, סאַמע די לעבעדיקסטע פונ
גלופסקער גאסנ, ביידע מיט טאָרבעלעכ שפּײַז: פלייש, רעטעכלעכ,
ציבעלע, קנאָבל אונטערנ אָרעמ, אונ האָבנ איינע דער אנדערער אײַנ-
געטרוימט סוידעס אי אויסגעגאָסנ דאָס האַרצ, שרײַענדיק אפ א קעלבל,
אַז מע האָט אימ געקענט הערנ ווײַט פאַר א מײַל.

די וויבלעכ זיינענ אינמיטנ שמועס זיכ צעלאָפנ, איטלעכע איינ אנ אנדער זייט גאס, אונ זיכ געשטעלט פונדערווייטנס צו ענדיקנ זייער שמועס, אריבערשרייענדיק מיט א ניגנ איבער בוידנ, דראָשקעס, טעליגעס אונ פורלעכ האַלצ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ איינער הינטער דער אנדערער אינ א גאנצ לאַנגער שורע, אזוי אז א היפשע צייט איז רייג אומעגלעכ געווענ די גאס איבערצוגיינ.

— כאסיע-ביילע! נו, ווערסטו היינט בא דער נאכט קומענ אהינצו — צו דער קאָרטנוואַרפערנ? איכ וועל דאָרט זיינ מיט מיינעמ... דיינער וועט אויכ אהינצו קומענ, ער האָט מיכ געבעטנ, איכ זאָל דיר זאָגנ, עס וועט דאָרט זיינ פריילעכ. קומ, נארעלע, ווערסט, כלעבנ, האנאָע האָבנ! נו, כאסיע-ביילע, ווערסטו קומענ?

— מיינ באַלעבאָסטע, ברענענ זאָל זי, וויל מיכ היינט מעכאבער זיינ מיט ראָשטשינע ברויט אונ איבערייבנ גרייפלעכ. איכ וועל מיכ אָבער אויסדרייענ אונ קומענ. נאָר איכ בעט דיכ, דאָבריש, לאָז עס זיינ בעסאָד, זאָג נישט קיינעמ!

— וואַרט נאָר, כאסיע-ביילע, וואַרט! דער רועכ וועט דיינ באַלעבאָסטע נישט נעמענ, אז דער וואָרמעס וועט שפעטער מיט א שאָ ארויסקומענ. זי וויל פרעסנ? נו, לאָז זי עסנ ווערעמ, קרענק! איכ האָב גאָר פארגעסנ, כאסיע-ביילע! זיפ נישט איבער אזוי די מעל. די מיטשניטשקע איז ניט צופרידנ פונ דיינע קליינע. וויפל איז דיר געבליבנ היינט פונעמ אָנקויפנ?

— שייגעצ, שייגעצ! כאפט אימ נאָר, דעמ שייגעצ! וואָס איז עס פאר א מאָדע כאפנ? א, פארכאפט זאָל ער ווערנ!

— וואָס איז דאָרט, כאסיע-ביילע? וואָס שרייסטו אזוי?

— א קארמאנשטשיק, דאָבריש! ער האָט בא מיר שיר-שיר נישט ארויסגעשלעפט דאָס טאָרבעלע שפייז פונ אונטערנ אָרעמ. א מאראָבע, וואָס איכ האָב באצייטנס מיכ ארומגעקוקט.

— זע נאָר, זע, כאַסיע־בײלע! וואָס איז דאָרט אַזאַ צונױפֿלױפֿעניש? עס מוז שױנ װײַטער עפּעס ברענענ. ס'איז שױנ הײַנט די צװײטע סרײפֿע. ביז נאַכט קענ זײַנ נאָכ עטלעכע סרײפֿעס.

— מע הערט נישט קלינגענ, דאָבריש. אַ סרײפֿע װאָלט מענ דאָכ געקלונגענ.

— שאַ, אָט גײט די מעקלערנ. איכ װעל זי אַ פֿרעג טאָנ. סימע־דוואָסיע! סימע־דוואָסיע! וואָס לױפֿט מענ דאָרט עפּעס אַזױ?

— איכ װײס נישט, קײנ צאָר! עפּשער װײסט נעכאַמע־גיטע. נעכאַמע־גיטע! וואָס איז דאָרט פֿאַר אַ רעדל, סערדצע? אײַערע קאַטשקעס שרײַענ עפּעס, אַז מע הערט נישט וואָס מע רעדט. האָדל איז הײַנט געלעגנ געוואָרנ, זי װעט באַ אײַכ צונעמענ די קאַטשקעס. הינער האָט איר אױכ? זײער פֿעטע קאַטשקעס! אײער איז הײַנט נישט געװענ זיכ צו דערקױפֿנ. וואָס איז דאָרט אַזאַ מעהומע?

— װײס איכ? עפּעס רױטע ייִדלעכ. עפּעס האָב איכ געהערט שרײַענדיק: רױטע ייִדלעכ.

— וואָס, עס זײַנענ אָנגעקומענ רױטע ייִדלעכ? אײַ־אײַ־אײַ! מע מוז דאָכ גײנ אָנקוקנ אַפֿ בידושים, — האָבנ אַלע מיטאַמאָל אַ געשרײ געטאָנ אונ זיכ געלאָזט לױפֿנ הענדום־פּענדום צום רעדל מענטשנ.

— הוראַ, פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם! הוראַ, רױטע ייִדלעכ! — האָבנ צװישנ דעם רעדל מענטשנ געשריִענ אַ גאַנצע כאָפּטע װײַסע־בעװרע.

די דאָזיקע רױטע ייִדלעכ — דאָס זײַנענ געװענ אונדזערע פֿאַרשװינענ, בינײאָמינ מיט סענדערלענ, וואָס אינ אַ קורצער צײַט נאָכ יענער מײַסע, װעלכע עס האָט מיט זײ זיכ געטראָפֿנ אַפֿ דער קלאַדקע, זײַנענ זײ אָנגעקומענ קײנ גלופּסק אונ האָבנ דאָרט בעמעשעכ פֿונ אַ פּאָר װאָכנ שטאַרק קוינע־שעמ געװענ. עס האָבנ זיכ געפֿונענ

א סאַכ ערלעכע ייִדנ, וואָס האָבנ פונ זיי פּאַשעט אָנגעקוואָלנ, מאַמעש אַזוי ווי פונ דעמ שוסטערל, וואָס ער איז אינ יענער צײַט דורכ זײַנע מאָפּסימ אינ גלופּסק פּלוצלימ ניסגאַלע געוואָרנ.

טאָלצע אונ טרײַנע, צוויי געוויסע אַלטע ייִדענעס, קאָשערע נעשאָמעס, וואָס פלעגנ, ווי איטלעכנ איז באַקאַנט, אַלע טאָג פאַרנאַכט שאַבעסדיק זיכ אָנטאָנ מיט דער יופּע אַי מיט דעמ שטערנטיכל אונ אַרויסגיינ אונטער דער שטאָט באַגעגענענ מאַשיִעכנ, אָט זיי זײַנענ דאָס געווענ די גליקלעכע איג איינ פאַרנאַכט צו ווסטרעציענ אַפּ יענער זײַט האַגאַטקע אונדזערע פּאַרשוינענ באַמ אָנקומענ זייערנ פונ טעטעריווקע אונ אינ א גוטע שאָ אַרײַנצופירנ זיי אינ גלופּסק. באַלד טאַקע באַ דעמ ערשטנ באַגעגעניש האָבנ שוינ די ביידע יופּעס זיכ דערוווסט אַלצדינג, וועמענ גאָט האָט זיי דאָ באַשערט, טאָלצע מיט טרײַנע האָבנ פאַרווונדערט זיכ אָנגעקוקט, איינע די אַנדערע זיכ געשטאָרכעט: — נו, טרײַנע? — נו, טאָלצע? — האָבנ זיי זיכ געשושקעט: — דאָס האַרצ אָבער האָט אונדז גלײַכ געזאָגט, אַז דאָס זײַנענ עפּעס ניט גלאַט קייג מענטשנ. טאָלצע אונ טרײַנע האָבנ זיכ געשמאָלצנ אינ אונדזערע פּאַרשוינענ. זיי זײַנענ עפּעס ווי ייִנגער געוואָרנ, עס האָט זיי זיכ געפרייט דאָס האַרצ הערנדיק פונ דער נעסיע, זיי האָבנ געקוקט אַפּ זייערע באַשערטע אונ זיכ אַלצ געשטורכעט מיט א שמייכעלע: — נו, טרײַנע? — נו, טאָלצע?.. טאָלצע האָט זיי אונטערגעאַרבעט זאָקנ, טרײַנע האָט זיי פאַרלאַטעט העמדער, צוגענייט בענדלעכ, אונ זײַנענ געווענ גליקלעכ, איבערגליקלעכ, אקוראַט ווי קאַלעווײַז, אַמאָל אינ די יונגע יאָרנ. האַקלאַל, אונדזערע פּאַרשוינענ האָבנ אינ גלופּסק אַפּ זיכ געפּונענ מעווינימ. אַזעלכע לײַט, ווי זיי, קענ טאַקע נאָר איינ גלופּסק שאַצנ אונ פאַרשטיינ זייער טײַערנ ווערט.

אהינ, אינ גלופּסק אַרײַנ, איר, ייִדישע קינדער! וואָס וואַלגערט

איר זיך, נעפּאַשעס, שיינע מענטשן, און ווערט ווי באַטלאָנים פאַר־ פאַלן אין די קליינע שטעטלעך אונטערן אויוון?! אין גלופּסק אַרײַן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! דאָרט וועט איר געפינען אײַער גלײַכן, דאָרט וואַרטן אַף אײַך אײַערע טאָלצעס, אײַערע טרײַנעס און טויזנטער ערלעכע ייִדן און קאָשערע נעשאָמעס, דאָרט קענט איר וואַקסן, דאָרט קענט איר אופגעריכט ווערן, דאָרט קענט איר געפעלן, שטאַרק גילטן, אַ פּאָנעם האָבן און ערשט לעבן!..

אין גלופּסק, אַ רועך אין אײַער טאַטן אַרײַן!

אָט ווי־אַזוי אונדזער ביניאָמין שילדערט די שטאָט גלופּסק:

„אַז איר קומט אָן קיין גלופּסק דורך דער טעטעריווקער גאַס, זאָלט איר מויכל זײַן איבערשפּרינגען דאָרט איין בלאָטע, ווײַטער אַ ביסל די צווייטע, נאָך ווײַטער אַ ביסל די דריטע, סאַמע די גרעסטע, וואָס אַהינצו לויפן אַרײַן, מעכילע, רינשטעקלעך אי באַלעבאַטישע פּאָמוניצעס און ברענגען מיט זיך אָן פון קאָלטווו, איטלעכן טאָג עפּעס אַן אַנדער מין סכוירע, אַנדערע סאָרטן כפייצים פון אַלערליי קאָלירן און פאַרשיידענע מינע רייכעס, ווי עס פּאַסט צום איניען, און דורך דעם איז זייער גרינג צו טרעפן דעם טאָג. גיסן זיך אַהין, אַשטייגער, געלע לוזשקעלעך פון זאַמד, מיט וועלכן מע וואַשט די פּאָלן, און טראָגן מיט זיך אָן ליסקעס פון פיש, דרויב־פּיסלעך, קעפּ־ לעך פון הינער, אַ ביסל האָר מיט פאַרברענטע שטיקלעך קאַפּיטעס — זאָלט איר האָבן אַ סימען: הײַנט איז פרײַטיק, נעמט אַ בעזעם מיט אַ ראַשקע און לויפט, זײַט מויכל, אין מערכעץ אַרײַן. טראָגן זיך אַהינצו אָן שאָלעכץ פון אייער, פון ציבעלעס, פון רעטעך, סובע־ זשילעס פון לעבער מיט עקן פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע מאַרכביינער, — אַהאַ! גוט־שאַבעס אײַך, ייִדישע קינדער! זאָל אײַך וויל באַקומען נאָכן קוגל. זעט איר אָבער די רינשטעקלעך קוים־קוים וואָס זיי רירן זיך, עס שלעפּן זיך דאָרט פאַרברענטע שטיקלעך קאַ־

שע, פאַרדאַרטע שטיקלעך טייג, אַ צעריסענע שמאַטע מיט אַ צעפּאַלענעם וויכעטש, איז אַ סימענ: דאָס איז הײַנט זונטיק. דער וואַסערפירער האָט נאָך נישט געבראַכט קיינ וואַסער, קוים וואָס מע האָט אויסגעזויגנ אַ ביסל פונ דער פאַס אַפ אויסצוואַשנ ווי ס'איז כאָטש די טשאָלנט־טעפּ מיט די מאַקערטעס. און אַזוי אינ אַלע איבעריקע טעג פונ דער וואָך האָט איטלעכע לוזשע איר באַזונדער פּאָנעם, איר באַזונדער געשטאַלט מיט איר באַזונדער רייעך.

און אַז איר זײַט בעשאָלעם איבערגעקומענ אי די דאָזיקע בלאָטע אויך, וועט איר, ראַבויסים, גיינ פאַרבײַ אַ היפּשנ בערגל מיסט. דאָס איז אַנ איבערגעבליבענער זייכער פונ אַנ אָפּגעברענט הײַזל, וואָס אויבנ שטייט געוויינטלעך אַ בעהיימע, גלײַך ווי אַ קעלביקער מאַגיד, איז גאַנצ רויק זיך מאַלעגיירע, מאַכט מיט דעם מויל און קוקט טאַמעוואַטע אַפ דעם גאַנצנ אוילעם יידנ, וואָס לויפנ אונטנ, ווי די פאַרסאַמטע, מיט אַלערהאַנט שטעקנס, שטעקלעך אי פּאַראַסאָנעס, טוט דערבײַ אַמאָל אַ סאָפּע, אָדער אַ קוישנ זיפּצ, טאַקע נאָר גלײַך ווי זי וואָלט געזיפּצט און געקרעכצט, מישטיינסגעזאָגט, אַפ דעם דאָזיקנ אוילעם, אויך אַפ איר שלימאַזל, וואָס זי איז, נעבעך, אַרײַנגעפאַלנ אינ יידישע הענט... איבערקומענדיק אי דעם בערגל, וועט איר גיינ גלײַך, גלײַך, אַלצ גלײַך. עפּשער וועט איר, לוי יאַלע וועלוי יאַוווי, זיך אַ זעצ געבנ אינ די שפּיצעכדיקע שטיינער פונעם ברוק, וואָס ליגנ צעזייט, צעשפּרייט, מעשונע־ווילד, און, כאָס־וועשאָלעם, פאַלנ, זאָלט איר מויכל זײַנ אופשטייג, אויב איר וועט קענענ, און אַלצ טאַקע גיינ, גיינ, בעזים איר האָט נישט אויסגעבראָכנ קיינ פוס, כאָלילע, ביז איר וועט קומענ אַפ עפּעס אַ מינ פּלאַצ. דאָרט אַפ דעם פּלאַצ וועט איר געפינענ דעם טאַמציים פונ גלופּסק.

און ווענ ס'איז נאָר אַ סוואָרע טעטעריוועקער גאַס אָנצורופנ דער מ אָ ג נ פונ גלופּסק, קענ מענ נאָכדעם שוינ מיט רעכט זאָגנ, אַז דער

האַזיקער פּלאַץ איז איר האַרץ, וואָס דאָרט קלאַפּט זיך טאָמעד, טאָג אי נאַכט, און וואָס דאָרט איז איר כיעס, דאָס גאַנצע לעבן. דאָרט שטייען קלייטן, קלייטעלעך, שאַפּקעס און די באַקאַנטע גנייווע- שאַפּקעלעך, ווו באַלמעלאָכעס זעצן דאָרט אָפּ דעם יִטער — שטיקלעך מאַטעריע, טאַסמעס, בענדלעך, סאַמעט און שטיקלעך פּעלץ. דאָרט רודעוועט זיך זייער שטאַרק. עס שוויבלט און גריבלט, אַ געדיכטער אוילעם, אָן אַ שיִער: יִדן שטופּן זיך און כאַפּן, נעבעך, פון איט- לעכער זייט דישלעס, פון טעליגעס און פאַרקעס. דאָקטוירים זאָגן, באַשער אַז מע פּאַלמעסט אַ גלופּסקער יִדן, געפינט מען דאָסראָוו בא אים אין לייב שטעקט אַ דישל. נאָר אַפּ גלופּסקער דאָקטוירים קען מען זיך נאָך נישט סוימעך זיין. די רויפים שפּילן דאָרט אַ סאַך אַ גרעסערע ראָליע. דאָרט הערט מען טאָמעד אַ קאָל: הייסע באַבקעס, יִדעלעך! אהער, הייסע רעטשאַניקעס, קנאָבל, ציבעלעס, יִדישע קינ- דער! פון אָפּגעריסענע יִנגעלעך, וואָס גייען אַרום און שרייען מיט עפּעס אַ מעשונע ניגן. דאָרט כאַפּט מען אַמאָל פאַרנאַכט אַ דאַוון, מען איז מעכאַדעש גאַנץ הויך די לעוואָנע און מע שרייט דערביי צו איטלעכן, וואָס גייט נאָר פאַרביי: שאָלעם-אַלייכעם, פעטער! דאָרט שטייען טרעגערס אַרומגעגאַרטלט מיט גראָבע שטריק, אָפּסטאַווגע סאָלדאַטן מיט אַלטע כאָלעוועס און אויסגעריבענע שינעלן, טאַנ- דעטניקעס מיט אַלטע טאַכטוינים, קאַפּטנס, לייבלעך און נאָך אַלערליי שמאַטעס. אינמיטן שטייט דער פאַני סטאַראָזש און עסט געשמאַק אַ שטיק יִדישן קוילעטש, וואָס ער באַקומט שאַבעס פאַר די ליכט אָפּשנייצן, און היט זיך, לעהאַוודל, ווי אַ שמורעניק, בעשאַס ער גיט אַ ביס, עס זאָל, כאָלילע, קיין ברעקל נישט אַראָפּפאַלן. קאַרמאַנ- שטשיקעס דרייען זיך דאָרט אַרום צו מאַכן די קונץ. עפּעס אַ פאַר- שמירט מיידל מיט צעשויבערטע צעפּאַטלטע האָר שפּרינגט פּלוצלים פון דער העלער הויט אַרויס, רעוועט, בעט אַ נעדאָווע אַפּ אַ צערי-

פּעטנ קאָל, כאַפּט אָנ פאַר דער פּאָלע אונ שרײַט, כאָרבלט ווײנענ־
דיק, גלײַכ ווי איר וואָלט זי געקוילעט אונ צוגענומענ בא איר געלט.
א פּעקל ווײַסע־כעוורע לויפט דאָרט מיט א הורא נאָכ עפּעס א מע־
שוגענעם, וואָס זינגט טרויערדיקע לידלעכ, האלב יידיש, האלב פּוי־
ליש, אונ טראָגט אפנ קאָפּ א צעקנייטשט קאפּעלישל. דאָרט שטייט
א באָכער מיט עפּעס א מינ קעסטעלע, יידנ קוקנ אהינצו אינ לאָכ,
אונ ער רעדט דערבײַ מיט פּיסקעס זײַנ געוויינטלעכנ פּיזמענ: דאָס
איז לאָנדאָנ, דער פּויפּסט פּאָרט דאָ רײַטנדיק אינ רויטע הויזנ, אונ
אלע שטייענ פאר אימ אָנ א היטל! איצט זעט איר, ווי נאפּאָלעאָנ
מיט זײַנע פראנצויזלעכ שלאָגנ זיכ מיט דעמ פּרײַס, אונ די פּרײַסנ
צעלויפנ זיכ ווי די טאראקאנעס! אָט אצינד קומט פיר, ווי איינע
פּאָרט איינינעמ מיט דעמ טויגער אינ אייג קארעטע. דער גראָספּעציר
האלט די בײַטש אונ טרײַבט אָנ. די פערד האָבנ זיכ ראספּאָלאָשעט,
אויסגעקערט די קארעטע, דער טויגער, נעבעכ, איז געפאלנ, זיכ א
גוטנ זעצ געטאָנ, אונ זי זוכט אינ אײַלעניש ווי זיכ אויסצודרייענ!
נו, א סאָפּ, גענוג שויג צו קוקנ פאר א הארטנ גראָשנ. דאָרט זיצנ
שורעסווײַז אויסגעזעצט יידענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלייגט מיט
בינטלעכ קנאָבל, מיט אוגערקעס, קארשנ, אגרעסנ, ווײַמפּערלעכ,
ערעציִיסראָעל־עפּעלעכ, קאָלנידרע־בארלעכ אונ מיט נאָכ אנדערע
זאכנ. אינ דער זײַט שטייט אפּ הינערשע פּיסלעכ אנ אלטע אײַנגע־
הויקערטע בודקע אָנ טיר אונ פענצטער, וואָס, קעפּי אלטע גרײַז־
גרויע יידנ דערציילנ, איז אמאָל דאָרט געשטאנענ א בודאָטשניק, אונ
די גאנצע שטאָט איז דענסטמאָל געלאָפנ אָנקוקנ די בודקע מיט דעמ
סאָלדאט אפּ בידושים. לעבנ דער אלטער בודקע, מיט וועלכער גאנצ
גלופּסק איז זיכ מעיאכעס, ווי מיט עפּעס אנ אלטנ קרעפּאָסט, דאָרט
אונטער עפּעס א מינ דעכל, באדעקט מיט עטלעכע פארשימלטע
ברעטלעכ, מיט איבערגעפוילטע שטרוי אונ ראגאָזשעס, אָנגעשפּארט

אפ פיר קרומע אויסגעבויגענע סלופעס, זיצט דוואסיע די סעדעכע, ארומגערינגלט פונ אלע זײטנ מיט מולטערס. בא איר געפינט זיכ טאמעד איר גרויסער פײערטאפ, וואס וויגטער זיצט זי אפ אימ, ווי א קוואטשקע אפ די אייער, דעמ גאנצנ טאג קעסיידער, נאר וואס זי כאפט אימ אמאל פונ אונטער איר ארויס, אונטערצובלאזנ די קוילנ אונ ארויסצונעמענ פונעמ אש געבראטענע קארטאפליעס.

פונ יענע יידנ, אזוי גייט ארומ צווישנ אוילעמ א גאנצ אלטע אגאדעטע, פונ יענע יידנ, וואס שלוימע-האמעלעכ האט געשיקט אפ שיפנ קיינ אויפיר נאכ גאלד אונ אנדערע מינע אויסלענדיישע סכוירעס, זײנענ א סאכ, מאכמעס קאמע טײמימ, איבערגעבליבנ דארט. זיי האבנ מיט דער צײט געעפנט אינ אינדיעני זייער טײערע קלייטנ אי גרויסע קאנטארנ, האבנ געהויבנ בא די דארטיקע דײטשנ שטארקע האקאפעס אונ אלערליי קאמיסיעס, אונ דאס מאזל האט זיי א לאנגע צײט שטארק געדינט. דערנאכ אבער האט זיכ איבערגעדרייט דאס רעדל אונ אונדזערע סאכרימ האבנ זיכ געשטעלט אונ געמוזט אויקער זײנ. א טייל פונ זיי זײנענ פארפאלנ געווארנ אינ דער מידבער, א טייל זײנענ בעשאלעמ אריבער די גרענעצ, האבנ זיכ געזעצט אינ אקרעטנ אונ געזעגלט אפ דער פיאטיגנילעווקע, וואס איז אינ יענער צײט ארײנגעפאלנ גלײכ אינ יאמ ארײנ. אזוי האבנ זיי געזעגלט, געזעגלט, ביז פלוצלימ איז אופגעשטאנענ א שרעקלעכער שטורעמווינט, די כוואליעס האבנ זיכ אופגעהויבנ ביז דעמ הימל, האבנ צעשלאגנ די אקרעטנ אונ ארופגעווארפנ די מענטשנ אפנ ברעג. דארט האבנ זיי אויסגעבויט א שטאט אונ זי א נאמענ געגעבנ גלופסק.

די כויקרע־קאדמוינ!עס, וואס קענענ מיט זייער גרויס כאכמע מאכנ פונ א גארנישט א מושקאטקויל, האבנ פונ דער דאזיקער אגאדעטע געמאכט א גאנצנ פיירעש אונ אויסגעדרונגענ מיט טויזנטער

שאַרפּע שפּיצלעכ, ווי זייער שטייגער איז, אַז דערינענ ליגט אַ שטיק עמעס. די רײַעס, וואָס זיי ברענגענ דערופ, זײַנענ:

ערשטנס, דער פאַסאָנ פונ די הײַזער, וואָס איז עפּעס מעשונע־ווילד, גאָר אַפּ דעמ אַלטנ שניט, ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק, אַז מענטשנ זײַנענ נאָכ געזעסנ אינ געצעלטנ אונ זיכ געוואַלגערט אינ לעכער. פיל הײַזער זײַנענ דאָ אינ גלופּסק, וואָס זעענ בעעמעס אויס נאָר ווי לעכער, אונ אַ סאַכ האָבנ אַ פּאָנעמ ווי די געצעלטנ פונעמ טאָטער. פונ זייער אָנבליק אונ פונ זייער שטיינ זעט אויס, ווי זיי זײַנענ איינער מיט דעמ אַנדערנ עפּעס נישט שאָווע־בעשאָווע. דו שטייסט אַרײַנגערוקט, ווײַל איכ מיר שטיינ, דיר אַפּצעלאָכעס, אַרויסגערוקט; דו שטייסט פּאַפּערעק, אונ איכ וויל מיר שטיינ קאַפּויר; דו ווילסט אינ דרויסנ אַ טרעפּל, אונ איכ דאַרפּ אַ לייטערל, ווער עס באַדאַרפ, וועט נישט קראַנק זײַנ קלעטערנ. אונ אַז דו האָסט שוינ יאָ עפּעס מעשונע הויכ פאַריסנ דײַנ פאַרלאַטעט דעכל, נו, האַלט איכ מיר מײַנ דעכל דאַפּקע אַראָפּגערוקט. געסמאַהע דיר פאַרפול! וועמענ עס געפעלט נישט, לאָז זיכ צומאַכנ די אויגנ... קורצ, דאָס אַלצדינג איז מעראַמעז אַפּ אַלטע, גאַנצ אַלטע צײַטנ. צווייטנס, די מינהאָגימ פונ די אײַנוווינער. צווישנ זיי זעט מענ נאָכ אַדאַיעמ אַזעלכע מינהאָגימ, וואָס קומענ אַרויס פונ די הײדנ, צווישנ וועלכע זיי האָבנ אינ פריערדיקע צײַטנ זיכ אופגעהאַלטנ. דער קסאַוו אונ כאָכמעס־האַכעזשבנ איז דאָרט נישט שעכיעכ, אַזוי, אַז אַלע אינ־יאָנע־האַקעהילע אונ אַלע כעוורעס דאָרט ווערנ געפירט אָנ ביכער, אונ די פירער גיבנ קיינעמ נישט אָפּ קיינ כעזשבנ.

דריטנס, די קיטעס, די מענטשנ טיילנ זיכ דאָ אויכ אינ פאַרשיידענע קיטעס, ווי אַמאָל בײַ די אינדיאַנער. ווי, אַשטייגער, די קיטע כאַפּלאַפּער, סאַמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקנ בעיאַד ראַמאָ; די קיטע בלאַטהאַלטער, זאַשטשיטניקעס, וואָס האַלטנ שטאָל אונ

אײַזנ, קריגנ אונ שלאָגנ זיכ פאַר די באַפלאַפּער מיט דעם סוינע אונ נעמענ דערפאַר בא זיי געווישע זשאַלאָוואַניעס אונ אומזיסט פלייש; די קיטע וואַכלאַקלאַקער, אַרופירער אפ א גליטש, אונ וואָס אַלײנ דרייענ זיי זיכ אוים גלאַט ווי אפ טעלער. די דאָזיקע לײַט צעפאַלנ אפ קוימעמיעס-זאָגער, וועלטלעכע מענטשנ, וואָס האָבנ צו זאָגנ אינ איניאָנע-האַמיסכער, אונ אפ צוואַקאַנער, קלייקוידעש, וואָס האָבנ צו זאָגנ אינ איניאָניי-האָעמונע; די קיטע גלופּאָ-טרוסאָ-בעזיאַזיקאָ-קאַפּ=צאַנער, דער פּראָסטער אָרעמער אוילעם, וואָס איז שטאַרק ניבנע די אַלע איבעריקע קיטעס אונ באַקומט פאַר זיי דאָס נײַניאָריקע קאַ=דאָכעס.

הײַנט, פערטנס, די מאַטבייע, וואָס מע האָט אַמאָל, בעשאַס גראָבנדיק די גרעבליע, דאָרט געפונענ. פונ איינ זײַט איז זי געווענ שטאַרק אָפּגעריבנ, קוימ-קוימ וואָס מע האָט אַרויסגעזענ עפּעס ווי א שטיקל פאַרטעכ צוגעטשעפּעט צו א שטעקנ, אונטנ עפּעס פּאַכאָזשע אפ א מולטערל, פונוואַנענ עס האָבנ אַרויסגעשטעקט שטיקלעכ קעפּ. פונ דער אַנדערער זײַט איז די מאַטבייע געווענ קימאַט גלאַט, נאָר אַז מע האָט זיכ גוט צוגעקוקט, האָט מע דערקענט אַלטמאָדישע קסיוועטע אויסיעס: „י א ש ל ג ו ע נ פ". די געלערנטע האָבנ אפ דער דאָזיקער אופשריפט זיכ געבראָכנ די קעפּ אונ אַרײַנגעלייגט דערינענ פּשאָטימ, איטלעכער אפ זײַנ גאַנג. א טייל האָבנ געהאַלטנ אינ דער סוואָרע, אַז די „י" אונ די „ג" באַמ אָנהייב אונ סאָפ וואָרט „י א ש ל ג" זײַנענ גאָר נישט קיינ אויסיעס, נאָר שטיקלעכ פונ טשאַטשקעלעכ, וואָס זײַנענ פונ דער צײַט אָפּגעריבנ געוואָרנ. בעכיינ מאַכט עס: א ש ל — א בוימ, ו ע נ פ — אונ א צווײַג. אונ דאָס איז דער שטעקנ מיט דעמ פאַרטעכ. ווידער א טייל האָבנ עס דער-קלערט גאָר אַנדערש, אונ די געלערנטע האָבנ דערמיט מאַריש-אוילעמ געווענ. ביז דערנאָכ איז געקומענ איינער מיט אָפּעטע אויגנ

אונ האָט דערינענ דערזענ גאָר ראָשע-טייוועס, וואָס זיי מאכנ: יעהודיי אויפיר (אָדער אינדזאָ) שעבאָו לעקאָנ (אָדער לק"ק) גלופּסק ווענעסיאש-ווו אל נעהאר פיאטיגניליעווקע. דער שמעקנ מיט דעמ פארטעכ אונ מולטערל מיט די קעפ, דאָס באטייט: אג אָקרענט מיטנ זעגל אונ מיט פארשווינענ. דער דאָזיקער געלערנטער האָט איבער דעמ געמאכט זייער א דיקנ סייפער אונ ווענדט זיכ דאָרט צומ אוילעמ מיט א בא-קאָשע, אז מע זאָל רייניקנ דעמ טייכ, וועט מענ דאָרט זיכער געפינענ א סאכ אלטע זאכנ, וואָס וואָלטנ געעפנט די אויגנ אינ דער כקירע מיקויעכ גלופּסקער יידנ. נאָר די דאָרטיקע איינוווינער שייענ זיכ אָבער אויסצורייניקנ די בלאָטע אונ זאָגנ: דאָס, וואָס מע האָט פונ אלטע צייטנ אָנגעמאכט, דאָס מוז בלייבנ, קיינ מענטשנס אויג טאָר אינ דעמ פארבאָרגעניש נישט ארייננקוקנ...

אינ דער שטאָט אליינ געפינענ זיכ וואקעגנ א דרייסיק-פערציק לוזשעס, שוינ מיט לעוואָדעס איניינעמ. זיי פארייניקנ זיכ דורכ הייַלנ מיט די אָפּגרונטנ פונ דער פיאטיגניליעווקע, אונ אינ געוויסע צייטנ, ביפראט נאָכ פאר א פאר-פייסעכ, צעשפּילנ זיי זיכ שרעק-לעכ שטארק אונ פארפלייצנ די גאסנ מיט אזא טיפער, שיטערער בלאָטע, אז בא די הויכגעוואקסענע מענטשנ אפילע ווערט גייענדיק פארשלומפּערט דאָס היטל. גלופּסק ווערט אינ די פינצטערע נעכט באלייכט פונ איינ קליינער לאמטערנע, זי ווערט אויכ באוואכט פונ א פּאָר בודאָטשניקעס. פונדעסטוועגנ פאלט מענ דאָרטנ פאָרט בא דער נאכט אונ מע ברעכט האלדז אי לייב. אונ גנייוועס טרעפנ זיכ דאָרט אויכ זייער אָפּט, כאָטש ס'איז דאָ אזא שמירע. דערפונ איז טאקע געדרונגענ, אז מע קענ זיכ קלאל נישט איינהיטנ, מע קענ זיכ נישט באוואָרענענ, וואָס ס'איז באשערט, דאָס איז בא-ווערט. עס העלפנ גאָרנישט דעמ מענטשנס כאָכמעס מיט זיינע אלע טאכבולעס.

„דערום, — זאָגט ביניאָמינ, — באדארפנ מיר צומאכנ די אויגנ אונ גיינ טאָמער אפ גאָטס באראָט, מיט דעמ ביטאָכנ, מיסטאָמע וועט ער זײַנע מאלאָכימ געביטנ אונדז צו היטנ אונ אפ די הענט אונדז צו טראָגנ. עס פאלט נישט דער שפּאָנ ביז ס'איז עפּעס דראָנ. באדארפ מענ מער, — זאָגט ער, — ווי איכ האָב באוואָרנט מײַנ טאלעס- אונ טפילנ-זאק. איכ האָב אימ אנידערגעלייגט אינ בעסמעד-רעש אפ דער פּאָליצע. וואָס קענ שוינ, דאכט זיכ, זײַנ מער א זיכער אָרט, ווי דאָ? פונדעסטוועגנ, אז גאָט האָט נישט געוואָלט אָפּהיטנ, האָט מענ אימ איניינעמ מיט די איבעריקע אונדזערע זאכנ פונדאנענ אויכ אוועקגעגאנוועט".

דאָס עלפטע קאַפּיטל

כידושים וועניפלאָעס אַפּ דער פּיאַטיגנילעווקע

אַפּ דעם טײַך פּיאַטיגנילעווקע, אַז אונדזערע פּאַרשווינער האָבן דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געגעבן, זײַנען זיי ניוורהעל־אונישטוימעם געוואָרן. זיי האָבן אַזאַ מין טײַך נאָך קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען. סענדערל האָט געזאָגט, דאָס מוז זײַן אַוואַדע דער גרעסטער טײַך אין דער גאַנצער וועלט. וואָרעם אַנדעריש האָט אים גאָר אין קאָפּ זיך נישט געלייגט. אַ קאַטאָוועס אַזאַ טײַך, וואָס איז עפּשער אַ הונדערט מאָל גרעסער פון טונעיאַדעווקער. נאָר סענדערל איז געווען אַ פּראָסט מענטש,

מער פונ טונעיאַדעווקע האָט ער נישט געוווּסט. אינ די קלײנע אױ־
געלעכ ארײַנקוקנ האָט ער נישט געקענט, דעריבער איז אַלצדינג,
וואָס נאָר עפּעס נישט אזוי, ווי אינ טונעיאַדעווקע, באַ אימ געווענ
א כידעש ניפלע, אונ פלעגט מײנענ, אז דערמיט עקט זיכ שוינ טאַקע
די וועלט. בִּיניאָמינ אָבער, וואָס פיל געלערנטער פונ אימ, וואָס האָט
אינ זײַנע מינע בקירע־ספּאָרימלעכ שוינ געכאַפּט, ווי מע זאָגט, א
לעק פונ די שעווא־כאָכמעס, וואָס האָט געוווּסט א ביסל די באַשרײַ־
בונג פונ דעמ גאַנײדנ־האַטאַכטנ, פונ די מעשונע־ווילדע באַשעפע־
ניש אינ הינדזאָ, אוקעדווימע נאָכ אזעלכע מינע זאַכנ, האָט ער
פלעגט באַמ ערשטנ מאָל אָנקוקנדיק עפּעס נײַס זיכ אויכ שטאַרק
כידעשנ אינ האַרצ, נאָר ער פלעגט דערבײַ מאַכנ אזא מינע מיט א
שמײכעלע, גלײַכ ווי אײנער רעדט: עט, נאַרישקײַטנ, דאָס איז נאָכ
גאָרנישט אקעגנ יענע, וואָס איז נאָכ דאָ... ער האָט כענדערלענ באַ־
וויזנ, אז די פּיאַטיגנילעווקע איז פּאָשעט בלאָטע, איכ בעט אײַכ אי־
בער, טינעפ אקעגנ דעמ יאַרדנ, וואָס איז פיל מאָל גרעסער פונ
איר, זי וואָלט דעמ שויר־האַבאָר נישט געקלעקט אפילע אפ אײנ צאָנ,
אונ פונעמ נאָמענ יאַרדנ טאַקע איז אויכ אזוי די מאַשמאָעס, וואָ־
רעמ יאַרדנ איז דאָכ דער טײַטש: א גוזמע, א סאַכ, א יאַרדנ!

— ווײסטו, סענדערל, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלנ? — האָט בינ־
יאָמינ געזאָגט נאָכ דעמ, אז ער איז געשטאַנענ אײנמאָל שטאַרק
פאַרטראַכט לעבנ דער פּיאַטיגנילעווקע. — מיר איז אײַנגעפאַלנ צו
לאָזנ זיכ פונדאַנענ מיט דעמ וואַסער.

— גאָט איז מיט דיר! — האָט סענדערל זיכ א כאַפּ געטאָנ פאַר
גרויס שרעק. — דערמאָנ זיכ נאָר, בִּיניאָמינ, אז אונדזער טײַכ נעמט
אַלע יאָר צו א מענטשנ, הײַנט מי־יעדייע וויפל מענטשנ מוז דער דאָ־
זיקער טײַכ א יאָר צונעמענ. האָב ראַכמאָנעס אפ אונדזער לעבנ, אפ
דײַנ ווײַב אונ קינדער, בִּיניאָמינ!

—ביטאָכנ, ביטאָכנ, סענדערל! ביטאָכנ איז א יִדישע זאכ, מיט ביטאָכנ איז יאנקעוו-אָווינו מיט זײַנ שטעקל דעמ יארדנ איבערגעגאנגענ. מיט ביטאָכנ, זעסטו, עפּענען דאָ יִדישע קינדער אופ גרויסע געוועלבנ, אלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אלצ לויטער ביטאָכנ. אפילע טרעפ אונ סטעליעס, ווי אויכ פיל גרויסע הײַזער, האלטנ זיכ דאָ נאָר אפ ביטאָכנ...

— נאָר פארוואָס ווילסטו דאפקע מיט דעמ וואסער, — האָט סענדערל געפרעגט, — אז מיר קענענ דאָס אייגענע אויכ מיט דער יאבאָשע?

— איכ האָב דערופ א סאכ טײַמימ, — האָט ביניאָמינ געענטפערט. — איינ מאָל, וועט, ווי מיר דאכט זיכ, די נעסיִע מיט דעמ וואָסער זײַנ אי נעענטער אי גיכער. מיר באדארפנ זענ אָנקומענ אהינ ווי צומ גיכסטנ. וואָס פריִער איז אלצ בעסער. פארוואָס? דאָס ווייס איכ שוינ, דאָס איז שוינ מײַנ זאכ! מיכ קוועטשט, סענדערל, מיכ קוועטשט זייער שטארק, עס פּיקט מיכ אָט דאָ, דאָ אינ קאָפּ. איכ וואָלט שוינ געוואָלט דאָרט זײַנ מיט לײַב אונ לעבנ. ווענ עס זאָל מעגלעכ זײַנ, וואָלט איכ ווי א פויגל אינ דער לופט אהינצו געפלויגנ... צווייטנס, אז ביניאָמינ פונ ט ו ד ע ל א האָט בעיאָמאָוו זיכ געלאָזט אפ זײַנ נעסיִע, איז ער טכילעס אויכ געפאָרנ מיט דעמ טײַכ ע ב ר אָ, אזוי שטייט בעפּיירעש געשריבנ אינ זײַנ סייפער. מיסטאָמע, אז ער איז פארצײַטנ געפאָרנ מיט דעמ טײַכ אונ נישט מיט דער יאבאָשע, באדארפ דאָכ מאקע זײַנ דאפקע אזוי אונ נישט אנדערש. מיסטאָמע האָט ער געוווּסט, וואָס ער טוט, אונ איז אזויפיל קלוג געווענ ווי מיר אלע, כלעבנ. רעב ביניאָמינ איז א קאדמענ, א פריִערדיקער פאר אונדז, מוזנ מיר אימ הערנ גאָר אָנ קאשעס...

— אויב אזוי, — האָט סענדערל געמאכט, — איז שוינ מאקע רעכט. בא מײַנ יִדישקײַט, ביניאָמינ! נישט נאָר אפנ טײַכ, אפילע ווענ

רעב ביניאָמינ וואָלט פאַרצײַטנ געפאָרנ רײַטנדיק אפ א קאָטשערע, וואָלטנ מיר דאָ נישט באדארפט לאנג טראכטנ, זיכ גענומענ אופגעזעצט אונ אויכ געפאָרנ אפ א קאָטשערע.

— אונ דריטנס, — איז ביניאָמינ ארײַנגעפאלנ סענדערלענ אינ די רייד, — שאַדט טאקע קלאל נישט, מיר זאָלנ זיכ געוווינענ צו פאָרנ מיט דעמ וואסער איידער נאָכ עס וועט אונדז שפעטער אויסקומענ צו פאָרנ אפנ יאַמ אָקיאָנוס. איכ וואָלט נאָכ אפילע געזאָגט, אז איידער מיר וועלנ זיכ אָפּפּארטיקנ דאָ אינ גלופּסק, וואָלט, אָסער, גאָר נישט קרומ געווענ צו פרווונ גלאט אזוי דורכצופאָרנ זיכ א ביסל אפנ טײַכ. דאָרטנ, דאָרטנ, זעסטו, שטייט איינער מיט א לאָדקע, אָט, כלעבנ, לאָמיר צוגיינ אונ אימ עפעס געבנ, וועט ער מיט אונדז א ביסל פאָרנ.

אינ עטלעכע מינוט ארומ זײַנענ אונדזערע וואנדערער באהארצט ארײַנ אינ א לאָדקע אונ האָבנ זיכ געשיפט איבער די פיאטיגנילעווקע. טכילעס האָבנ זיי אפילע זיכ געשראָקנ. סענדערלענ האָט זיכ פארדרייט דער קאָפ, אונ ער האָט געצאפּלט מיט הענט אונ פיס. אָט־אָט, האָט ער געמיינט, קערט זיכ די לאָדקע אומ, אונ ער פאלט ארײַנ אינ די טיפע אָפּגרונטנ פונעמ טײַכ. ס'איז אנ עק פונ זײַנ לעבנ, אונ זײַנ ווײַב בלײַבט אנ אייביקע אגונע. נאָר דערנאָכ איז אימ געוואָרנ א ביסל בעסער.

— נישקאָשע,סענדערל, — האָט ביניאָמינ אימ געטרייסט, אז זיי זײַנענ ארויס אפנ ברעג. — זאָל דיכ נישט ארנ, וואָס דער קאָפ דרייט זיכ אונ עס ווערט עפעס נישט גוט. דאָס איז די יאמ-קראנקײַט, וואָס איטלעכער מוז זי לײַדנ, אז ער פאָרט דעמ ערשטנ מאָל אפנ יאמ. דעמ צווייטנ מאָל, וועסטו זענ, וועט זײַנ בעסער אונ דו וועסט שוינ גאָר נישט פילנ.

פונ יענער צײַט אָנ פלעגנ אונדזערע פארשוינענ זייער אָפט פאָרנ אפנ טײַכ אונ דערפונ גרויס טײַנעג געהאט. זיי זײַנענ בא זיכ געוואָרנ

אזוי שטארק, אז איבערשיפנ זיכ דעמ יאמ, האָט זיכ זיי געדאכט, איז א שפּיל.

ביניאָמינ פלעגט דורכ סענדערלענ זיכ ארײַנלאָזנ אינ א שמועס מיט דעמ לאָדאָטשניק אונ אימ פארוואַרפנ מיט שײַלעס, ווי אַשטײַגער: פרעג נאָר, סענדערל, דעמ קאַפּיטאנ, וויפל מײַל האָבנ מיר פונ דאנענ ביז דעמ יאמ? פרעג אימ, אויב ס'איז דאָ עפּעס וויסטעס? וואָס פאר א מינע לײַט וווינענ דאָרט? צי וווינענ צווישנ זיי ייִדנ? וועמענ צאָלנ זיי מאס אונ צי ווייסנ זיי פונ א גאָלעס? אָדער אַשטײַגער אזוי: פרעג, סענדערל, אפּ א ציקאַוועשטש, דעמ אָרל וועגנ די בערג ניסבוינ אונ דעמ קויפער אַל-טורעכ? צי ווייסט ער עפּעס מיקויעכ די אסערעס=האַשוואָטימ? א קאַשע אפּ א מײַסע, עפּשער האָט ער עפּעס געהערט — אוקעדוימע נאָכ אונ נאָכ אזעלכע שײַלעס פלעגט אלצ ביניאָמינ הייסנ פרעגנ.

נאָר דאָס ביסל גויִש, וואָס סענדערל האָט זיכ אויסגעלערנט ריידנ גייענדיק מיט זײַנ ווײַב טאָמער אפּנ מארק, איז קארג געווענ פאר אזעלכע הויכע איניאָנימ. דינגענ זיכ פאר אייער, ציבעלעס, קארטאָפל — דאָס האָט ער נאָכ ווי ס'איז געקענט; אָבער אויסטײַנענ זיכ מיט א קאַפּיטאנ איבער געלערנטע זאכנ, דאָס האָט ער לאַכלוטנ נישט געקענט. ס'איז געווענ א צאַר-באַלעבאַיִמ, ווי סענדערל, נעבעכ, פלעגט זיכ מוטשענ אינ אזא שמועס. ער פלעגט ריידנ מיט הענט אונ מיט פיס, אַרבעטנ אפּ אלע קיילימ, אונ אָפּגיינ מיט שווייס, אז איינ גאָט האָט געמעגט אפּ אימ ראַכמאָנעס האָבנ. זײַנ קאַפּיטאנ פלעגט שפּײַענ, טײַנענ, אָנקוקנ אימ בייז פונ איינ זײַט, אונ ביניאָמינ פלעגט אימ דורענ א קריזש, שטורכענ אונ קוקנ אימ אינ מויל אַרײַנ פונ דער אנדערער זײַט.

— ווינ טשערוואָניע זשידקי, ווינ פּיטאיע, — פלעגט סענדערל ארויסגיינ מיט אזא שפּראַכע אַשטייגער.

— איז טשערוואָני זשידקווו יא זגא לייבקו, שמולקו, באָגאַטיע זשידקי, — אזא טשוווע פלעגט סענדערל באַקומענ פונ זײַנ קאַפּיטאנ.

— ני לייבקאָ, ני, ני! ווינ טשערוואָני זשידקי פּיטאיע, טאַמאָטשקאַ, ווי זאָגט מענ עפּעס, ני טאַמאָטשקאַ, לעבנ בערגעלע ניסבוינ.

— ניסבאָנא, זשידקאָ ניסבאָנא?

— זאָג אימ, סענדערל, — פלעגט ביניאָמינ שרײַענ, — זאָגנ זאָלסטו אימ, א בארג! מאָל אימ אויס ווי דו קענסט.

סענדערל פלעגט צונויפשטעלנ הויכ די הענט, אויסצומאָלנ דערמיט א בערגעלע, אונ שרײַענ דערבײַ: העט, העט וויסאָקאַ!

— טפו! — פלעגט דער אָרל אויסשפּײַענ, אויסבאַטלענ אפ סענדערלענ כאַלוימעס אונ אימ אָפּשיקנ צו אלדי שווארצע יאָר.

פונ זײַנע נעסיעס אפ דער פּיאַטיגאַנילעווקע דערציילט ביניאָמינ כידושימ, וואונדערלעכע זאכנ, וואָס האָבנ אינ דער וועלט א ראַש אָנגעמאַכט. מיר וועלנ דערפונ דאָ נאָר א מיקצעס ארויסשטעלנ.

שיפנדיק זיכ איינמאָל אפ דער פּיאַטיגאַנילעווקע, האָט ביניאָמינ דאָרט דערזענ אינ דער מיט טײַכ א גאַנצ גרויסנ אָרט, וואָס איז געווענ גרינ באַוואָקסנ אונ מיט זײַנ גרינקײַט די אויגנ פארגומענ. ער האָט געמיינט, דאָס איז א וויספּע, באַוואקסנ מיט גראָז אָי מיט שמעקנדיקע קרײַטעכצער. אז ער האָט ארויסגעשטעלט א פוס אונ שוינ געוואָלט א שפּרונג געבנ אפ דער וויספּע, האָט דער קאַפּיטאנ פונ דער לאָדקע אימ פּלוצלימ א כאַפּ געטאָנ פונ הינטנ מיט א געשריי אונ א שלײַדער געגעבנ אימ צוריק אינ דעמ שיפעלע מיט דעמ גאַנצנ קויעכ, אזוי, אז ער איז א היפּשע צײַט געבליבנ ליגנ שטאַרק פארדולט. ער האָט מער נישט געהערט ווי ארומ דעמ שיפעלע קאָכט, ראשט זיכ, גלײַכ ווי עס ראַנגלט זיכ מיט עפּעס, אונ עס גייט מיט גרויס מי זײַנ וועג. אונ אז ער איז שפּעטער צו־זיכ געקומענ, האָט אימ דער־

אָרל געזאָגט, ער איז געווען אין א גרויסער סאַקאָנע דערטרונקען צו ווערן אין דעם גרינקייט. וואָרעם דאָס גרינקייט איז נישט קיין וויספּע, ווי ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז גאָר דער צוויט, וואָס די פּיאַטי־גנילעווקע צוויטעט אלע יאָר.

„איך אָבער, אזוי שרייבט בּיניאָמין, האָב מיך נישט געקענט לאָזן איינריידן, אז דאָס זאָל זיין צוויט. עמעס טאקע, א רייעך עפּעס האָט עס געהאט, נאָר זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט און אויך אין מיינע ספאָרים נישט באגעגנט, אז וואסער זאָל צוויטען. ווען עס זאָל צוויטען, וואָלט דאָך דערויף באדארפט וואקסן דערנאָך עפּעס א מין פּיירע. איך האלט גאָר אין דער סוואָרע, אז דאָס איז דער מעשונע גרויסער יאם־פיש כ י ל יי נ אָ, פון וועלכן ס'איז דאָ זייער א שיי־נער שמועס אין דעם סייפער „צייל־אוילאָם" מיט די דאָזיקע ווער־טער: „דער שרעקלעך גרויסער פיש באדעקט זיך מיט גראָז און מיט ערד, ביז ער זעט אויס ווי א גרויסע וויספּע, און אמאָל מיינען די, וואָס זעגלען אין יאם, אז דאָס איז א שיינער בארג, זיי שטעלן זיך דערויף, טוען וואָס זיי באדארפן, קאָכן מייכאָלים, און אז דעם פיש ווערטווארעם פון דעם פייער, טוקט ער זיך אונטער אין די אָפּגרונטן, און אלע, וואָס האָבן אף אים געלאגערט, ווערן דערטרונקען". דער־מיט טאקע איז א שטארקע אייזערנע רייע צו יענע ווילדע כאקראָנים, וואָס האלטן, אז די גלופּסקער איינוווינער וואקסן פון הינדזאָ. זעג־לענדיק פון דאָרט איבער דער פּיאטיגנילעווקע אין די אלטע יאָרן, האָבן זיי מיט זיך פארשלעפּט דעם כ י ל יי נ אָ, וואָס האלט זיך אוף בעעמעס אין הינדזאָ און וואָס זיין טעווע איז נאָכצולויפן נאָך די שיפן".

אז בּיניאָמין האָט איינמאָל ארייננגעקוקט אין טייך, האָט ער דאָרט דערזען טיף אין וואסער עפּעס מינע באשעפעניש, אקוראט גלייך צו די געשטאלטן פון ווייבער.

„נאָכ גאנצ לאנג, זאָגט ביניאָמינ, האָב איכ געלייענט אינ ספּאָרימ, אז אינ וואסער זײַנענ דאָ יאמ-מענטשנ. פונ אלטע עמעסע מענטשנ, וואָס מע מעג זיי גלייבנ אפנ וואָרט, האָב איכ אויכ געהערט דערציילנדיק, אז זיי האָבנ אליינ געזענ אזעלכע יאמ-מענטשנ בא קאָמעדיאנטנ, וואָס פלעגנ געוויינטלעכ נאָכ דער קאָמעדיע זיי ווײַזנ יעדערנ פאר עטלעכע גראָשנ. נאָר הײַנט האָב איכ עס דערלעבט צו זענ מיט מײַנע אייגענע אויגנ. איכ האָב מיט גרויס וווּנדער געוויזנ דערויפ דעמ אָרל, אונ ער האָט מיר געוויזנ אפ עפּעס פּראטשקעס, וואָס זײַנענ געשטאנענ באמ ברעג טײַכ אונ געוואשנ גרעט. איכ ווײַז אימ אונטנ אינ וואסער, אונ ער ווײַזט מיר אויבנ אפנ ברעג. אונ ווײַל מיר האָבנ איינער דעמ אנדערנס לאָשנ ניט פארשטאנענ, האָט ער ניט געוווּסט, וואָס איכ ווײַז אימ, אונ איכ האָב ניט געוווּסט, וואָס ער ווײַזט מיר, אונ איכ האָב פונ אימ מיקויעכ דעמ גאָרנישט געקענט דערגיינ".

נישט ווײַט פונעמ ברעג לעבנ דער שטאָט האָט ביניאָמינ געזענ אזא אָרט אינ טײַכ, ווּ דאָס וואסער איז מעשונע געדיכט, ערטערווײַז איז עס פארגליווערט, עפּעס כאָר ווי דרילעס, אונ ערטערווײַז איז דאָס וואסער נאָכ געדיכטער. פונ דעמ דאָזיקנ וואסער פירנ די וואסערפירער צו די באלעבאטימ אינ די הײַזער. דאָרט ווערנ די געדיכטע דרילעס צעפירט מיט פּראָסט וואסער אינ דער פאס אונ מע קאָכט דערמיט אלע מײַכאָלימ.

„איכ אליינ, זאָגט ביניאָמינ, האָב דאָס געקעכצ פונ אזא וואסער געגעסנ, איכ זאָל אזוי עסנ פונ דער סודע-שעל-ליוויאָסנ. עס האָט געהאט דעמ זיבעטנ טאמ. א ראָסלפלייש דערפונ איז א מײַכל-מעלאָכימ. איכ האָב אָנגעלייגט מיט דעמ וואסער פולע קעשענעס אונ געהייסנ סענדערלענ מאכנ דערפונ א פּעקל, מאכמעס אפ אונדזער ווײַטער נעסיע אינ יאמימ אונ אינ מידבאָריעס קענ עס זייער גוט צוניצקומענ".

לוסטיק אונ פריילעכ זײַנענ איינמאָל נאָכמיטיק אונדזערע פאר-

שוינענ געגאנגענ נישט ווײַט פונ דער שטאָט, האָבנ געלאכט, גע-
שפּאסט, געקוקט איינער דעמ אנדערנ אינ די אויגנ ארײַנ אונ עפּעס
זייער שטארק האנאָע געהאט. עס האָט אויסגעזענ נאָר ווי א פארליבט
פּאָרפאָלק באלד נאָכ דער כאסענע, וואָס שפּאצירט זיכ פרײַ אפ דעמ
גרינעמ גראָז אונ קוויקט זיכ מיט איטלעכס וואָרט, מיט איטלעכנ קוק.
נאָר וואָס זשע איז מיט אונדזערע פארשוינענ עפּעס אזוי די סימכע
געווענ? פאָרט, וואָס האָט זיי עפּעס אזוינס מעשונע האנאָע געטאָנ,
אז זיי האָבנ געשפּרונגענ, אונטערגעזונגענ אונ געמאכט אָנשטעלנ
ווי די ריינע מעשוגענע? אָט וואָס, ראבויסימ: בעלי-נעדער מאָרגנ איז
בא זיי בײדע געבליבנ, צו פארלאָזנ גלופּסק, אונ אינ א גוטער שאָ צו
זעגלענ העט אהינ...

אונ ווי זיי גייענ זיכ דאָ אזוי לעבעדיק-פריילעכ, קומט זיי אונטער
פּלוצלימ א פורל. אפנ וואָגנ זיצנ צוויי ייִדלעכ, איינער טרײַבט אָנ
אונ דער אנדערער זיצט אָנגעבויגנ אפ דער זײַט. דאָס היטל איז אימ
פארוקט, אונ האלט אינ מויל א שטרייעלע, — זייער גוטע סימאָנימ,
אז דאָס ייִדיש קעפּל טראכט דענסטמאָל עפּעס אנ אויבער-האסבאָרעלע
אונ דרייט זיכ מעשונע שטארק.

די צוויי ייִדנ האָבנ אָנגעקוקט אונדזערע לוסטיקע פּארשוינענ,
זיי באטראכט פונ קאָפּ ביז די פיס אונ זיכ ארײַנגעלאָזט דערנאָכ מיט
זיי אינ א שמועס. די ערשטע שײַלע איז, ווי דער שטייגער איז, גע-
ווענ: פונוואנענ זײַנענ עס ייִדנ? דערנאָכ — מא שמייכעמ? אונ דער-
נאָכ דאָס איבעריקע צעטל שײַלעס, וואָס ייִדנ פרעגנ געוויינטלעכ איי-
נער דעמ אנדערנ באמ ערשטנ באגעגעניש. מער האָבנ אונדזערע פאר-
שוינענ נישט באדארפט. זיי האָבנ געעפנט א מויל אונ זיכ גענומענ
דערציילנ אלצדינג, ווי מע זאָגט: וואָס אפ דער לונג — דאָס אפ דער
צונג. די ייִדנ האָבנ זיכ אָנגעקוקט מיט א שמייכעלע, זיכ געשושקעט
א ביסל, אונ דער ייִד מיטנ פארוקט היטל אי מיט דעמ שטרייעלע אינ

מויל האָט דערבײַ געמאַכט: — עט, נישקאָשע, עס וועט אָפּלויפֿנ, גאָר אינ ערגסטנ פאַל איז נאָכ עטלעכע מאַמטאַקימ...

— ווייסט איר וואָס? — האָבנ די ייִדנ צומ סאָפ זיכ אָנגערופֿנ. — אונדזער שטאָט מעג, כלעבנ, אויכ די זיבעטע האָבנ צו זעג בײַ זיכ אַזעלכע צוויי פֿײַנע מענטשנ. מיר בעטנ אײַכ זייער שיינ, אָט, כלעבנ, טוט אונדז אָנ דעמ קאָוועד און זעצט זיכ, זײַט מויכל, באַלד טאַקע מיט אונדז אויפֿ, נישט לאַנג געטײַנעט, מיר זײַנעכ אײַכ אָרעוו, אַז מע וועט אײַכ בײַ אונדז זייער שיינ צונעמענ, מיט עסנ, מיט טרינקענ און מיט וואָס נאָר מעגלעכ.

— מיר וואָלטנ עס אײַכ, בענעמאָנעס, צוליב געטאָנ, — האָט בינ־יאָמינ געענטפֿערט, — נאָר בײַ אונדז איז געבליבנ, מאָרגנ, בעלי־נע־דער, פֿונדאַנענ זיכ צו לאָזנ מיט דעמ וואַסער.

— האָט נישט קיינ פֿאַריבל, — האָבנ די ייִדנ געזאָגט, — איר רעדט, כלעבנ, נאַרישקײַטנ. אויכ מיר א וואַסער די פּיאַטיגנילעווקע; זי איז, מעבילע, א פּישגריבל, א טינעפּ, א פֿאַרשטונקענע בלאָטע, א פֿאַרצוויטעטע, פֿאַרשימלטע לוזשע. בײַ אונדז האָט איר דעמ דניעפּער, וואָס פֿאַלט גלײַכ אינ יאַמ אַרײַנ. פֿונ אונדז וועט איר טאַקע, אימירצעשעמ, גיכ און געשווינד קומענ אַהינ אינ אײַער רו אַרײַנ. אַקשנט זיכ נישט, כלעבנ, הײַדאַ אַרופֿ אויפֿנ וואָגנ.

— וואָס זאָגסטו, סענדערל? — האָט בינ־יאָמינ זיכ אָנגערופֿנ, — לאָמיר עפּשער טאַקע די ייִדנ צוליב טאָנ און פֿאָרנ?

— וואָס פֿאַר א דײַגע איכ האָב, — האָט סענדערל געענטפֿערט, — אַז דו ווילסט פֿאָרנ, זאָל זײַנ פֿאָרנ.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג, זײַנענ אונדזערע פֿאַרשוינענע שוינ געזעסנ אינ וואָגנ שטאַרק צופֿרידנ אויפֿ דעמ קאָוועד, וואָס מע פֿאַרבעט זיי צוגאַסט, און האָבנ זיכ פֿירגעשטעלט גדולעס. א וועג האָבנ זיי גע־האַט זייער א פֿריילעכנ. די ייִדנ האָבנ אויפֿ זיי געהאַט אַנ אויג און פֿאָ־

שעט געהיט זייער טריט, האָבנ זיי צוגעפילעוועט מיט עסנ און טרינ-קענ אזוי ווי א קימפעטאָרנ. אונדזערע פארשוינענ האָט זיכ אזוינס אינ זייער לעבנ נישט געכאָלעמט.

אפ דעם צווייטנ טאָג פארנאכט זײַנענ זיי אָנגעקומענ בעשאָלעמ קיינ דנעפּראָוויצ. די יידנ זײַנענ מיט זיי פארפאָרנ אפ א סטאנציע אונ געמאכט פאר זיי א גוטע וועטשערע.

— הײַנט זײַנט איר פונ וועג מיד, שלעפעריק, — האָבנ די יידנ געזאָגט, — בעכיינ איז גלײַכער, איר זאָלט זיכ לייגנ פארפרי אויס-רוענ. מאָרגנ, אימירצעשעם, אז איר וועט אופשטיינ געזונט, פריש אונ שטארק, וועלנ מיר אײַכ פירנ צו עטלעכע גרויסע לײַט, פארוואָרפנ פאר אײַכ א גוט וואָרט, אונ אז זיי וועלנ אײַכ אופנעמענ, זײַנט איר שוינ פארזאָרגט מיט אלע אײַערע היצטארכעס אונ וועט קענענ גיכ אונ באלד מאכנ אײַער ווײַטע נעסיע. א גוטע-נאכט!

— א גוטע-נאכט, א גוט-יאָר! — האָבנ אונדזערע פארשוינענ גע-ענטפערט, באלד טאקע האָבנ זיי אָפּגעלייענט קרישמע, זיכ געגלעט א ביסל דעם בײַכל, געגענעצט, געקראצט זיכ, ווי דער שטייגער איז, אונ זיכ געלייגט מיט א פריילעכ געמיט שלאָפנ.

8—3300

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

ווי מע פירט אונדזערע פאַרשוינען אינ באָד

ג-וואלד, ווידע, כאָטש אָפּזאָגנ ווידע! — האָט סענדערל פונעם שלאָף נישט מיט זיינ קאָל געשריגנ אונ אופגע־וועקט מיט זיינ געשריי ביניאָמינענ.

ביניאָמינ איז נישט־טויט ניט־לעבעדיק אַראָפּגע־שפּרונגענ פונ זיינ געלעגער, האָט אינ דער גיכ אָפּגעגאָסנ נעגלוואסער אונ איז צוגעלאָפנ צו סענדערלענ זענ, וואָס טוט זיכ מיט אימ אַזוינס.

אינדרויסנ האָט אָנגעהויבנ צו שאַריענ אפ טאָג, אונ אומעטום איז געווענ שטיל, מע האָט נאָר געהערט א כראָפּענ פונ שלאָפנדיקע

מענטשן אין דעם גאנצן שטוב. איטלעכער האט געבראפעט אף זײַן שטייגער: דער אף א קאָל פון א באנדורע, יענער אף טרומייט, איינער האָט עס געמאכט שטיל בעקיצער, דער אנדערער האָט עס געצויגן העכער, העכער אף דרײַ גאָרן, דערנאָך אויסגעלאָזט מיט א דריי, מיט א בייזער, ווי איינער פרעגט א שטארקע קאשע, און צוגעפויקט מיט די באקן. איניינעם איז עס געווען א נאָזן־קאָנצערט, אין וועלכן די נעזער האבן געטרײַ געארבעט אף אלע קיילים און צוגעשפּילט לעקאָוועד די בארימטע דנעפּראָוויצער וואנצן, בעשאַס זיי האָבן געשמאק געגעסן די שלאָפנדיקע און געטרונקען זייער בלוט — יידיש בלוט!

דנעפּראָוויץ האָט א לאנגע צײַט געפּאשעט אירע וואנצן, אירע מענטשנפרעסער דאָרט אין דער שרעקלעכער פּאָדוועריע, אין דער וויסטער אָפּגעזונדערטער יידישע אכסאניע. ווו א וואנץ אין עפּעס א קווארטאל איז אלץ אהינצו געקראָכן און געזויגן, געצאַפּט יידיש בלוט...

קומענדיק קיין דנעפּראָוויץ, איז שוין א ייד מוכן־אומזומען געווען, אז ס'וועט אים קאָסטן א ביסל בלוט, און אָן אזא כאבאר איז גאָר קיין סוואָרע נישט זיך אויסצודרייען. בײַם שוין, בײַם, דו, „דנעפּראָוועץ", שטינק שוין, שטינק, דו, וואנצעלע, שרײַב שוין, שרײַב דײַנע בלוטיקע צייכנס, און טראָג זיך, גיי דיך צו אלדי שווארצע יאָר!

— וואָס שרײַסטו אזוי, סענדערל? — האָט ביניאָמין אים געפרעגט, צוגייענדיק צו זײַן געלעגער. — אוואדע א וואנץ האָט דיך געמוזט שטארק א בים טאָן? א שרעק, וויפל דאָ איז וואנצן. זיי האָבן א גאנצע נאכט מיך נישט געלאָזט אן אויג צוטאָן. ערשט נישט לאנג, וואָס איך בין אנשלאָפן געוואָרן.

— אײַ, אײַ, גיכער, לאָמיר גיכער אַנטלױפֿן! — האָט סענדערל געשריגן נאָך אַלץ פֿאַרדולט.

— גאָט איז מיט דיר, סענדערל! װאָס רעדסטו? מײלע, מאַ־ראַש, אַז אַ װאַנץ גיט אַ ביס? דערױף איז זי דאָך אַ װאַנץ און דו ביסט אַ מענטש...

סענדערל האָט אָקעגן אַ פּאָר מינוט אָנגעקוקט בנימינען װי צע־מישט, דערנאָך זיך אױסגעריבן די אױגן און געזאָגט מיט אַ זיפֿץ:

— אױ, עס האָט מיר זיך געכאַלעמט זײער אַ שרעקלעכער כאַ־לעם! האַלװײַ דערפֿון זאָל זיך גאָרנישט אױסלאָזן.

— עט, מאַלע װאָס אַ מענטשן כאַלעמט זיך אַמאָל, — האָט בני־אָמין געמאַכט. — מיר האָט זיך הײַנט אױך געכאַלעמט, עפּעס אַ פּי־פּערנאָטער קומט צו מיר געשװינד צו, קוקט מיך שטאַרק אָן און זאָגט צו מיר: איר זײַנט עס, רעב בניאָמין פֿון טונעיאַדעװקע? קומט, זײַט מױכל, מיט מיר אַהין, אַהין, אַלעקסאַנדער מוקדען שטײט דאָרט מיט זײַן כאַיל און כאַלעשט מיט אײַך זיך צו באַקענען. איך גיב מיך אַ לאָז, דער פּיפּערנאָטער לױפֿט פֿאָרױס, איך נאָך אים. „איר לױפֿט, אָן אײַנאָרע, געשװינד, װי אַ פֿײַל אױסן בױגן, איך קען אײַך גאָר נישט אָניאָגן", האָב איך עמעצן שרײַענדיק הינטער מיר. איך קער מיך אום און דערזע אַלעקסאַנדער מוקדען. אַדױני מעלעך! שרײַ איך, כאַפּ אים בײַ דער האַנט, קװעטש און קװעטש, עס פֿאַרגײט מיר אָבער פּלוצ־לים אין דער נאָז עפּעס אַ מין שרעקלעכער געשטאַנק, טאַקע נאָר צום כאַלעשן. איך כאַפּ מיך אױף און פֿיל אין דער האַנט אַ צעקװעטשטע װאַנץ... טפֿו זאָל עס װערן! אָט שפּײַ, כלעבן, דרײַ מאָל אױס, סענדערל, און פֿאַרגעס דײַן כאַלעם. װאָס האָט דיר אָזעלכעס גע־כאַלעמט?

— טפֿו, טפֿו, טפֿו! — האָט סענדערל ביטמימעס דרײַ מאָל אױס־געשפּיגן און דערצײלט זײַן כאַלעם:

— מיר האָט זיך געכאָלעמט, ווי איך גיי מיר גלאַט אַזוי אַפּ דער גאַס, און פאַרגיי מיר העט-ווײַט. פּלוצלים גיט מען מיך פון הינטן א כאַפּ און מע וואַרפט מיך אין א זאַק אַרײַן, מע טראָגט מיך אַזוי אין דעם זאַק, מע טראָגט מיך, טראָגט, ביז מע האָט מיך ערגעץ עפּעס פאַרטראָגן. איך פיל ווי עמעצער בינדט דעם זאַק אויף און דערלאַנגט מיר א פּאַטש, טאַקע וואָס א פּאַטש הייסט, אַז צוויי ציין זײַנען מיר אַרויסגעפאַלן. דאָס האָסטו דיר ערשט אַן אַדערופ, הער איך ווי מע זאָגט, אינגאַנצן וועל איך דיר סילעקן שפּעטער. איך גיב א בליק, מײַן ווײַב אין א ספּאָדעק שטייט מיר אַקעגן שטאַרק אין כּעס, די אויגן ברענען איר ווי א העליש פײַער און פונעם מויל זעצט איר אַרויס א שוים. „וואַרט נאָר א ביסל, וואַרט, טאַכשיט מײַנער, זאָגט זי מיט א בייזן געלעכטער, איך וועל גיין נעמען די קאָטשערע און דיר ווײַזן, וואָס פאַר א גאָט מיר האָבן”. ווי זי גייט נעמען די קאָטשערע, אַז מײַנער כאַפּט די פיס אַפּ די פּלייצעס און אַוועק, אַוועק. איך לויף, איך לויף און קום צו לויפן אין עפּעס א קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינצטער, גליטשיק, נישטאָ קיין נעפעש. איך לייג מיך אין א ווינקל, מאַך צו די אויגן און שלאָף. ווי איך שלאָף, קומט דער זיידע רעב סענדערל, אָלעוואַשאָלעם, צו מיר צו גיין, זייער אומעטיק, מיט פאַרוויינטע אויגן, און זאָגט: „סענדערל מײַן קינד, שלאָף נישט! ווי איז דיר ליב, סענדערל, שטיי אויף, סענדערל, און לויף פונדאַנען אַוועק! אַוועק, סענדערל, וואָהין די אויגן טראָגן, דו ביסט אין א סאַקאָנע!” איך וויל אויפשטיין, אָבער איך קען מיך נישט רירן, גלײַך ווי מע האַלט מיך צו. איך נעם מיך צום קאָפּ און טאַפּ אַפּ מיר אָן עפּעס א קאָפּקע. העע-הע, איך בין גאָר נישט סענדערל, איך בין, מעכילע, גאָר א ייִדענע, אָן א סימען באָרד, טראָג עפּעס א מין יופּע און מײַן בויך, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, טוט מיר שרעקלעך וויי! „נישקאָשע, רופט איינער עפּעס זיך

אָנ, בא אנ ערשטלינג גייט עס טאָמעד א ביסל שווער צו". אוי, פּעטער, פּעטער! שרײַ איכ אינ איינ אָטעמ, ס'איז גאָר ניט פאר מײַנע קויכעס, אָט, אָט פאל איכ כאלאָשעס. „א קולאק אינ דער פּאָטיליצע איז דערצו זייער א גוטע סגולע, דערמיט קענ איכ דיכ מינטערנ", זאָגט דער פּעטער, אונ לאָזט מיר טאקע אראָפּ עטלעכע קולאקעס. „נא דיר פאר פרזער, פאר אצינד, אי פאר שפּעטער" — מאכט ער דערבײַ, דרייט זיכ אויס אונ ווערט פארשווונדנ. איכ ליג אינ איינע צאָרעס, ליג אונ ליג, ביז גאָט העלפט מיר, איכ גיב מיכ א ריס מיט גוואלד אונ שטיי אופ. איכ לויפ צו גיכ צו דער טיר, זי איז פארשפּארט, איכ קלאפּ, קלאפּ אונ קלאפּ,— אומזיסט די מי. פּלוצלימ שפּרינגט די טיר זיכ אופ, אונ ווי איכ שטעל ארויס א פוס, כאפּנ מיכ גאזלאָנימ אונ פירנ מיכ אוועק עפּעס אינ א הייל. דאָרט נעמענ זיי ארויס א כאלעפ אונ ווילנ מיכ קוילענ. ווי זיי האלטנ דעמ כאלעפ מיר אפנ האלדז, שרײַ איכ: גוואלד! לאָזט מיכ כאָטש אָפּזאָגנ ווידע! אָט דאָס האָסטו דיר, ביניאָמינ, מײַנ כאָלעמ. האלעווײַ, ער זאָל זײַנ צו גוטנ.

— שפּײַ אויס, סענדערל, נאָכ דרײַ מאָל, — האָט ביניאָמינ אימ אנ אייצע געגעבנ, — אונ שלאָג דיר דײַנ כאָלעמ פונעמ קאָפּ ארויס. איבעריקנס, אויב דו ווילסט, שטיי אופ, ס'איז שוינ טאָג, אונ זאָג עטלעכע קאפּיטל טילימ.

סענדערל איז מיט א זיפצ אראָפּ פונ זײַנ געלעגער, האָט אָפּגעגאָסנ נעגלוואסער, אָנגעטאָנ זײַנ כאלאטל אונ ארויסבאקומענ זײַנ טילימ איוורע־טײַטש. עס האָט זיכ אופגעמישט דאָס צענטע קאפּיטל, בא וועלכעס ער האָט געהאלטנ, אונ ער האָט מיט אנ אומעטיקנ ניגנ אָנגעהויבנ:

וואָס שטייסטו, גאָט, פונווײַטנ,
פארבאָרגסט זיכ אינ שלעכטע צײַטנ?

זײַנ ניגנדל איז געוואָרנ טרויעריקער און רירנדיקער ווײַטער א ביסל בא די דאָזיקע פסוקימ:

ער זיצט אינ ערגעצ א פארטײַעט אָרט,
אינ שטילנ טייט ער דעמ ערלעכנ דאָרט.
די אויגנ דרייענ אימ זיכ הינ אי צוריק,
אפנ אָרעמענ האָבנ זיי א שטארקנ קוק,
ווי א לייב אינ זײַנ נאָרע לויערט אויכ ער,
ער לויערט צו כאפנ דעמ אָרעמענ אהער.
דערלאנגט דעמ אָרעמענ שוינ טאקע א כאפ
אבי מיט זײַנ נעצ א צי גאָר — א קלאפ.

אז סענדערל האָט אָפגעזאָגט טילימ, איז שוינ געוואָרנ רעכט טאָג. אלע מענטשנ אינ שטוב זײַנענ שוינ אופגעשטאנענ. א גרויסער סאמאָוואר, ווי א קעסל, האָט שטארק געקאָכט אפנ טיש, און דער אוילעמ האָט געטרונקענ טיי. ביניאָמינענ און סענדערלענ האָט מענ אויכ געגעבנ צו גלעזלעכ ווארמעס. זיי האָבנ א ביסל זיכ דערפרישט און פריילעכער געוואָרנ.

די שטוב, וואָס פריִער א ביסל איז זי געווענ א ספאלניע, דערנאָכ א טשײַנע, איז פלוצלימ געוואָרנ א קלײַזל. עס האָבנ זיכ פארקאטשעט ארבל, זיכ אנטפלעקט נאקעטע ייִדישע אָרעמס: רויכיקע, גלאטע, דארע, פעטע, שווארצע, ווײַסע, טונקעלע, פונ אלערליי קאָלירנ און געשטאלטנ. איטלעכער איז ארײַנ אינ טאלעס-און-טפילנ און געגעבנ א דאוונ.

אונדזערע צוויי ייִדנ האָבנ געדאוונט געשמאק, זיכ געפיִעסטעט, געקרימט, געמאכט ביינדלעכ און פיסקעלעכ, ווי עמעס צעבראָכענע ייִדנ. זיי האָבנ אוועקגעטײַנעט מיטנ ריבוינעשעלוילעמ אלצ: טאטע-

ניו! פאָטערוניו! און שיִעס געמאַכט אינ דאַוונען מער פונ אַלע אַנדערע. נאָכנ דאַוונען האָבנ זיי גענומען צו קעלישקעלעכ שליש, אַ זופּ געטאָנ פריִער, זיכ פאַסמאַקעוועט, און אַפ דער נאָז זײַנענ אַרויסגעטראָטנ רויטגלאַנצנדיקע ווײַמפּערלעכ. דערנאָכ האָבנ זיי געמאַכט צום גאַנצנ אוילעמ: לעכאַיִמ, לעכאַיִמ! און צוגעווינטשעוועט: דער אייבערשטער זאָל שוינ ראַכמאָנעס האָבנ אַפנ גאַנצנ קלאַל ייִסראָעל, נעבעכ! האָבנ פאַרגלאָצט דערבײַ די אויגנ, געטאָנ אַ שטילנ זיפצ און אַרײַנגעגאָסנ אינ זיכ דאָס קעלישקל. אַ סימענ, דאָס זײַנענ געווענ נישט קיינ פּראָסטע ייִדנ, נאָר פרומע, קאָשערע, שיינע ייִדנ.

איינער פונ די דאָזיקע שיינע ייִדנ איז דערווײַל אַוועקגעגאַנגענ אינ דער שטאָט און האָט זיכ דאָרט פאַרזאַמט אַקעגנ אַ פּאָר שאָ. אַז ער איז צוריק געקומענ, האָט דער כאַווער זײַנער אים אַרײַנגעקוקט אינ פּאָנעמ, וואָס האָט באַשײַמפּערלעכ געלויכטנ, און ביידע זײַנענ געווענ זייער צופרידנ. זיי האָבנ געהייסנ גרייטנ צום טיש, זיכ געגאַנגענ וואַשנ און איבערגעקוקט פריִער די קוואָרט, ווי דער שטייגער איז פונ שיינע ייִדנ, האָבנ געבעטנ אונדזערע פאַרשוינענ, זאָלנ אויכ זיכ וואַשנ און מויכל זײַנ זעצנ זיכ מיט זיי אינייִנעמ עפּעס איבערצובײַסנ. באַם טיש זײַנענ זיי געווענ לוסטיק, האָבנ געלויבט די באַלעבאָסטע פאַר אירע גוטע מײַכאָלימ און מעשונע פונ איר האַנאָע געהאַט. זיי האָבנ זיכ אַרײַנגעלאָזט אינ אַ שמועס, גערעדט מיקויִעכ דעמ קלאַל ייִדנ, ווי ס׳איז שוינ טאַקע צײַט, זיי זאָלנ, נעבעכ, אויפגעריכט ווערנ. פאַרוואָס קומט אַזאַ פאָלק, אַזאַ טײַער פאָלק זאָל, נעבעכ, אַזוי פאַרשוואַרצט ווערנ? זיי האָבנ זיכ צעלאָזט אינ די שוואָכימ פונ די קנעסעס-ייִסראָעל, געלויבט אינ טאָג אַרײַנ דאָס ייִדיש קעפּל.

— וואָס קענענ דענ ייִדנ נישט? אַלע כאָכמעס פונ דער וועלט,

ווי דער טעלעגראַפ, אײַזנבאַנ און נאָכ אַזעלכע זאַכעכישנ, געפינט מענ נאָכ גאַנצ לאַנג בא ייִדנ. נאָר דאָס אַלצדינג אָבער איז נאָכ פונ די קלײניקײַטנ, דער איקער איז גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס פּינטעלע, דאָס פּינטעלע, אָט וואָס דער איקער איז!..

זײ האָבנ זיכ אַרופגעכאַפּט אַפ די אַפּיקאָרסימ, אַפ די הײַנטיקע מאָדנע געלערנטע, פאַרשאָלטנ זײ דאָס געבײנ, געשפּיגנ קלעק אַפ זײ אינגאַנצנ און אַפ די שקאָלעס, וואָס מע לערנט דאָרט טרײפ־פּאָסל אָנ א היטל.

— באַלד וועט טאַקע זײַנ א פּײרעק מישנײַעס א רענדל, און א פּראָשעניע אָנשרײַבנ — א גילדנ. אױ, איז הײַנט א וועלט, א שײנע וועלט, כלעבנ!..

אַזױ האָבנ זײ אַלצ גערעדט און זײַנענ איבערגעגאַנגענ דערפונ אַפ א שמועס מיקויעכ דער נעסיִע פונ אונדזערע פאַרשוינענ.

— מיר ווינטשנ אײַכ, — האָבנ זײ געזאָגט, — האַשעמ־יִסבאָרעכ זאָל כעסעד טאָנ און מעמאַלע זײַנ דאָס אַלצדינג, וואָס מיר באַגערנ אינ אײַכ צו זענ.

בינׅיאָמינ איז געווענ אַפ דעמ זיבעטנ הימל פונ אַזאַ בראָכע. דערצו איז ער נאָכ געווענ, ווי זאָגט מענ עפּעס, א ביסל פאַר־לעקט. ער האָט געעפנט א מויל און גערעדט פאַר פײַער אי פאַר וואַסער.

— ווײסט איר וואָס, רעב בינׅיאָמינ, רעב סענדערל? — האָבנ די ייִדנ געזאָגט צעצויגנ, נאָכ דעמ, אַז זײ האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונעמ טיש. — מיר וועלנ זיכ נויהעג זײַנ בעפּאַשטעס, ווי פּראָסטע ייִדנ, אַזױ ווי אונדזערע עלטערנ האָבנ זיכ נויהעג געווענ, נאָכ א וועג וועלנ מיר זיכ אַלע גײנ אינ מערכעצ אַרײַנ, צעפּאַרענ די בײנער. איר וועט זיכ מעגנ דאָרט אָפּשערנ אָדער אָפּגאָלנ, איר וועט, כלעבנ, ווערנ גאָר אַנדערע מענטשנ. און נאָכנ מערכעצ וועלנ מיר זיכ נעמענ צו אונדזע-

רע אסאָקים. אזוי טאקע, בענעמאָנעס, אזוי וועט בעפּאשטעס טאקע זײַנ גוט. ס'איז עפשער א ביסל נישט הײַנטמאָדיש, בא די אפּיקאָר-סים מעג זיכ א מערכעצ אויסקומענ עפּעס נישט שיינ, נאָר מיר זײַנענ אָבער נישט קיינ געבולבעטע, אָט לאָמיר זיכ נויהעג זײַנ ווי אונדזערע ויידעס פארצײַטנ!

פונ א מערכעצ זאָגט זיכ א ייִד קיינמאָל נישט אָפּ. דאָס, וואָס א שענק פאר די פּויערימ, א טײַכל פאר גענדז אונ קאטשקעס, דאָס איז אינ הונדערט גראדנ נאָכ מער די באָד פאר א ייִדנ. דעמ טאמ, וואָס א ייִד פילט אינ א באָד, קענ עס קיינ אומע=וועלאָשנ גאָר נישט פילנ. די באָד האָט בא אימ א גרויס שײַכעס מיט זײַנ רעליגיע, מיט זײַנע אינוויינײַקסטע געפילנ אונ מיט זײַנ סעמיינעמ לעבנ. קיינ ייִדישע נע-שאָמע רירט זיכ נישט פונעמ הימל ארײַנצוקריכנ ערגעצ אינ א בויכ, מע קענ זי נישט נעמענ, אײַנבעטנ דורכ קיינ שומ זאכ, סײַדנ נאָר דורכ א באָד. דאָ איז די גלאַוונע אגענטסטווע, די צענטראַלנע קאָנ-טאָר צווישנ דעמ הימל מיט דער ערד. איידער א ייִד ווערט נאָכ גע-בוירנ, איידער נאָכ עס ווארפט זיכ אינ אימ אנ אײַוועַר, ווייסט מענ שוינ פונ אימ אינ דער דאָזיקער קאָנטאָר פונעמ בעדער מיט דער בע-דערקע ביז דער טוקערקע אונ דער ביטלמאכערנ. די נעשאָמע=יעסיירע שאבעס אונ יאָמטעוו פילט אינ זיכ נישט אזוי א ייִד, ווענ ער שווענקט זיכ פריִער נישט אָפּ אינ באָד. אָנ דעמ איז ער עפּעס אלטגעבאקנ, נישט פריש. קוקט אָנ א ייִדנ פרײַטיק, קומענדיק פונעמ מערכעצ, ער בליט, ער איז ייִנגער מיט עטלעכע יאָר, דער ייִדישער פונק ברענט אינ אימ אונ לײַכט ארויס פונ זײַנע אויגנ, אלע זײַנע געפילנ זײַנענ עפּעס שארפער, פרישער, דער רייעכ פונ די געפילטע פיש אי פונ דעמ אײַנ-געפּרעגלטנ צימעס פארגייענ אימ ווי קטוירעס אינ דער נאָז. זי שמעקט, שמאָרעט אונ איז מעקאבל טײַנעג. עס זינגט זיכ אימ עפּעס אפּנ הארצ, ער גיט קאָנצערט אינ טראָפּ, קנאקט ווי א סאָלאָוויי שיר-הא-

שירימ, צעפּעסטעט זיכ דאָרט ווי א קינד, צעפלאקערט זיכ, צעהיצט זיכ אונ איז האלב אפ יענעמ אוילעמ...

אינ באָד קומט א ייִד ווי אינ א פּאָטערלאנד, ווי אינ א פרײַער מעדינע, וווּ איטלעכער האָט א גלײַכע דייע, וווּ עס שטייט פאר אימ פרײַ צו דערגרייכנ גלײַכ מיט אנדערע א הויכע שטופע — ארופקריכנ אפ דער אייבערשטער באנק, דערמינטערנ זײַנ פארומערטע נעשאָמע, כאָטש אפ א שאָ אויסגלײַכנ זײַנע ביינער אונ אראָפּ-ווארפנ פונ זיכ זײַנ פעקל דײַגעס אונ יעסורימ. אָט וואָס א באָד איז בא ייִדנ!

דעריבער איז דער פלאנ פונ אינ מערכעצ גיינ אונדזערע פאר-שוינענ געווענ שטארק לערעצנ. זיי האָבנ נישט געמאכט קיינ גרויסע האכאָנעס אונ אינ עטלעכע מינוט ארומ זײַנענ זיי שוינ געגאנגענ מיט די צוויי שיינע ייִדנ.

אונדזערע פארשוינענ האָבנ זיכ פירגעשטעלט א באָד, ווי געוויינט-לעכ א מערכעצ איז אינ די ייִדישע שטעטלעכ, עפּעס א מינ ביניענ, שווארצ, פארשמירט פונ דרויסנ, באַרגאראָפּ ערגעצ אינ א העק, מיט א שווערנ צוטריט אהינצו אפ שמאָלע צעבראָכענע קלאדקעס. אונ אז די ייִדנ זײַנענ צוגעקומענ צו א שיינעמ דרײַגאָרנדיקנ מויער, סאמע אינ דער מיט גאס, אונ געזאָגט: „אָט דאָס איז די באָד”, האָבנ זיי פאַריסנ די אויגנ אונ געקוקט שרעקלעכ פארוווּנדערט.

— איר זײַנט נאָכ טאקע גאָר עמעטע פריצנ,— האָבנ די ייִדנ פונ זיי געשפּאסט,— קומט, זײַט מויכל, ארײַנ אינעווייניק, וועט איר נאָכ עפּעס שענערס זענ.

ארײַנקומענדיק אינ דער פערעדניע, האָט אונדזערע פארשוינענ פארשײַנט אינ די אויגנ דער געמאָלטער פּאָל מיט די אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס. עס האָט זיי זיכ אויסגעדאכט, אז זיי זײַנענ אינ דעמ פארצויבערטנ שלאָס, וואָס אינ „באָווע-מײַסע” אונ אינ „טויזנט מיט

איינ נאכט". באלד וועלנ פרינצעסנס, באסמאלקעס זיי מעקאבל־פאַר־געמ זײַנ, זיי וועלנ זיכ דאָ וויל טאָנ אונ לעבנ אפ וואָס די וועלט שטייט. נאָר אָנשטאָט די באסמאלקעס איז צוגעגאנגענ צו זיי א סאָלדאט מיט אייבעלעב אונ האָט שיינ־פּײַנ זיי געלאָזט בעטנ זיכ אויסצוטאָנ.

— טוט זיכ, זײַט מויכל, אויס, — האָבנ די שיינע יידנ צו זיי געזאָגט, — מיר וועלנ דערווײַל ארײַנגיינ אהינ באצאָלנ באָד־געלט. נישקאָשע, איר וועט דאָ האָבנ א גוט שוויצבעדל.

אז אונדזערע פארשוינענ האָבנ זיכ אויסגעטאָנ, האָבנ זיי פארכומענ זייער פּעקל זאכנ, ווי דער שטייגער איז, אויסצופרודזענ עס. קיינ טוץ העמדער האָט אינ זייער גארדעראָבע זיכ נישט געפונענ. זיי האָבנ אוועקגעטראָגנ א העמד עטלעכע וואָכנ. עס פארשטייט זיכ, אז עס האָט זיי, נעבעכ, געביסנ, אונ דאָס פרודזענ איז זיי געווענ טאקע נייטיק אינ לעבנ ארײַנ. נאָר דער סאָלדאט האָט בא זיי אוועקגענומענ די זאכנ אונ זיי ארײַנגעפירט אינ א כיידער ארײַנ. דער כיידער איז געווענ אויסגעמעבלט מיט בענקלעכ, ארומ א גרויסנ טיש זײַנענ דאָרט אפ שטולנ געזעסנ מענטשנ פּײַנ אָנגעטאָנ. אונדזערע פארשוינענ האָבנ זיכ ארומגעקוקט אינ אלע זײַטנ. זיי איז שטארק קאָשע געווענ, ווו גיסט מענ דאָ אפנ שטיינ, אונ ווו וועלנ זיי דאָ שוויצנ?

— צי טוט זשידאָווסקי באניא? — האָט סענדערל א פרעג געטאָנ נאָכ דעמ, אז ביניאָמינ האָט אימ א שטורכ געגעבנ אונ אימ געהייסנ נישט מאכנ דאָ קיינ פיל שיעס אונ פרעגנ.

איינער פונ די לײַט, וואָס ארומ טיש, איז צוגעגאנגענ, האָט אָנגעקוקט אונדזערע נאקעטע פארשויגענ, וואָס זײַנענ, נעבעכ, געווענ דאר, אויסגעדייווערט, אָנ א לויט פלייש, נאָר הויט אונ ביינ, אונ געמאכט מיט זיי עפּעס א שמועס אפ מאָסקוויטעריש.

— הא, וואָס זאָגט ער דאָ עפּעס, סענדערל? — האָט בינימין געפרעגט.

— איך זאָל דאָס אָנהייבן פאַרשטיין א וואָרט! — האָט סענדערל געענטפערט און געמאַכט מיט די אַקסלען. — נאָט אָבער, מישטיינס־געזאָגט, א לאָשן! עפּעס זאָגט ער אַלץ: בילעט, בילעט.

— א, א, נארעלע, — האָט בינימין זיך אָנגערופן, — וואָס פאַר־שטייסטו דאָ נישט, נאַרעלע? דאָס איז דער בעדער, ער פאָדערט בא אונדז א בילעט, וואָרעם אין אזא באָד מוז מען גיין אפ בילעטן. זאָג אים, אז די יידן האָבן שוין דאָך דאָ פריִער באַצאָלט פאַר אונדזערע בילעטן.

— יאק זשע, פּאַני, טייע זשידקי אָווזשע דאַלי טוטעשקא זא...

זא...— האָט סענדערל א רעד געגעבן און איז פּלוצלים געבליבן ווי דערוואָרגן, נישט געקענט אויספירן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— זא בילעט, פּאַני, סטוּטש, זשידקי, לעהאַוודל, פּאַני, זאַפּלאַ־טיל! — איז בינימין אַרויס אפ זיין לאָשן און האָט דערקלערט די זאַך גאַנץ קלאָר, קורץ און שאַרף.

דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז פריִער צוגעגאַנגען צו אונדזערע פּאַרשוינען, האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און מע האָט זיי באַלד אַריינגעפירט ווייטער אין א ביידער, וואָס דאָרט איז מען, קעפּי זייער מיינונג, מעכוּייעוו געווען, אָפּנעמען, צו שוויצן געשמאַק...

אַז מע האָט בינימינען און סענדערלען שפּעטער א ביסל מיט א צייט אַרויסגעפירט אפ דער גאַס, איז שווער געווען זיי צו דערקענען, אזוי פאַרענדערט זיינען זיי, נעבעך, געוואָרן: אָפּגעגאָלט פון פּאָרנט, אָן בערד, אָן פּייעס, די אויגן פאַרדרייט, נאָר גלעזערנע, אפ דעם שטערן קאַלטע גרויסע טראָפּן שווייס, א וואַלקן, א כמאַרע אפן

גאַנצן פּנים, איינגעגנורעט, איינגעהויקערט, מיט אַ דראָזש איבער דעם גאַנצן לייב, און אַרום זיי סאָלדאַטן.

אױפֿן הימל האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע פֿינצטערע כמאַרע. אַ בליץ האָט מיטאַמאָל באַלויכטן די דאָזיקע קאָמפּאַניע. באַלד דערויף האָט אַ דונער געגעבן שרעקלעך שטאַרק, אַז אַלע זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן. עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעמווינט, רעדלעך שטויב האָבן זיך געטראָגן ווי די רוחות, פֿאַרכאַפּט אויפֿן וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעך און שטיקלעך פּאַפּיר. אַלע איינינעם האָבן געטאַנצט עפּעס אַ משוגענעם טאַנץ און זיך געדרייט, געדרייט אַלץ אין דער הייך אַרויף, אַרויף... די טשערעדע פֿונעם פֿעלד איז געלאָפֿן אומרויִק מיט אַ געשריי און אַ רעוווען ווי אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף וואָלטן זי נאָכגעיאָגט. עס האָט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט, גלייך ווי דער איבערשטער איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט געוואָרן אויף דער זינדיקער ערד און אויף אַלצדינג, וואָס דאָ גייט פֿאָר. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ, געבליצט מיט זיינע צאָרנדיקע אויגן, געהילכט און געשריגן: אוי, אוי! מיט זיין דונערדיקן קול. עס האָט צום לעצט אַ זעץ געטאָן משוגענע אַ שרעקלעכער דונער, פֿון הימל האָט אַראָפּגעקאַפּעט, ווי טרערן, גרויסע טראָפּנס רעגן, וואָס אין זיי האָבן זיך אויסגעמישט טראָפּן נויט-שווייס און בלוטיקע טרערן פֿון אונדזערע בידנע, אומגליקלעכע פֿאַרשווינער...

אַך, בינימינ און סענדערל האָבן גאָר ניט געוווסט, אַז נישט דאַפֿקע אין דער מידבער איז אַ סאַקאָנע צו רייזן מאַכמעס די ווילדע שלעק, עגדעשן, פֿיפּערנאָטערן און כייעס-ראָעס, וואָס דאָרט, נאָר דאָ, אין די מעקוימעס, דאָ איז ערשט די גרעסטע סאַקאָנע! יענע צייט, ווען אונדזערע פֿאַרשווינער האָבן געוואַנדערעוועט, איז געווען די שווערע, פֿינצטערע, ביטערע צייט — די צייט, ווען איין ייִד האָט געזוכט צו דערטאַפּן דעם אַנדערן און

ווי א לייב אינ זײַנ נאָרע געלויערט האָט אויכ ער,
געלויערט צו כאַפּנ דעם בעזפּאַספּאָרטנע אהער

אונ אים אָפּגעבנ פאר א פּוימענע, א קאָרבנ פאר זײַנע, אָדער פאר יענעמס קינדער! אכ, אונדזערע פּארשוינענ, נעבעכ, האָבנ נישט געוווּסט, אז זיי געפינענ זיכ שוינ טאקע אינ דער מידבער, צווישנ ווילדע באשעפעניש אי כײַעס=ראָעס, אונ די צוויי שיינע, קאָשערע יידנ זײַנענ גאָר פּיפּערנאָטערנ!

9*

דאָס דרײַצנטע קאַפּיטל

זעלנער זײַנענ נעבעכ, אונדזערע ניסימ געוואָרנ

איטלעכער קענ זיכ מעשאער זײַנ די שלעכטע לאגע פונ אונדזערע בידנע פּאַרשוינענ, ווי פינצטער אונ ביטער זיי איז, נעבעכ, געווענ. מיר פאַרשפּאָרנ עס צו שילדערנ.

די ערשטע צײַט זײַנענ זיי געווענ ווי צעמישט אונ האָבנ לאַכלוטנ נישט פאַרשטאַנענ, וואָס מיט זיי טוט זיכ אַזוינס. אַלצ־דינג איז פאַר זיי געווענ פרעמד, אי די סבאָרנע, אי די סאָלדאַטנ, אי דער לאָשנ, אונ די אַלע זאַכנ, וואָס מע האָט זיי געהייסנ טאָנ. דער שינעל איז אָפּ זיי געהאַנגענ, ווי אַ טאָרבע, ער האָט אויסגעזענ טאַקע

נאָר ווי א יופּע, און דאָס היטל, מישטיינסגעזאָגט, איז געלעגנ אפ זייער קאָפּ נאָר ווי א קאָפּקע. אָנקוקנדיק זיי, האָט זיך געדאַכט, עפּעס איז עס אײַנגאַנצנ נאָר אנ אָנשטעל, עפּעס האָבנ צוויי ייִדנ זיך פאַרשטעלט און מאַכנ בויזעק פונ די אַלע זעלנער, קרימענ זיי זיך נאָך און ווײַזנ פאַר איטלעכנ גאַנצ פרײַ, ווי נאַריש, מישטיינסגעזאָגט, זיי אַלע זײַנענ מיט זייער אַלצ־מיט־אַנאַנדער. אַז־אָך־און־וויי צום ביקס, נעבעך, וואָס ער איז אַרײַנגעפאַלנ צו אונדזערע פּאַרשוינענ. באַ זיי אינ די הענט האָט ער גאָר ניט געהאַט דאָס פּנים, אַקוראַט ווי א קאָטשערע אינ די הענט פונ א מאַנצבל, וואָס פּאָרעט זיך אינ קיך באַם פּריפּעטשעק. באַ דער אוטשעניע פלעגנ זיי אָפּאַרבעטנ אַזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעך און די פיסלעך, אַז ס'איז געווענ נאָר א ריינע קאָמעדיע.

אינ קלעפּ, פאַרשטייט זיך, זײַנענ זיי ניט זשעדנע געווענ, נאָר ווו איז דענ, זאָגט מענ, אינ דער וועלט עפּעס א צאָרע, וואָס דער מענטש זאָל מיט איר נישט געוווינט ווערנ? נישט נאָר דער מענטש, אַפילע אַנדערע באַשעפעניש ווערנ אויך געוווינט. באַדאַרפ מענ מער פרײַ, ווי א פויגל איז, פונדעסטוועגנ, אַז מע פאַנגט אים און מע זעצט אים אַרײַנ אינ א שטײַגעלע, געוווינט ער זיך צוביסלעך, הייבט אָנ צו פּיקנ זערנע מיט אַפּעטיט, שפּרינגט און זינגט פריילעכע לידער, גלײַך ווי די גאַנצע וועלט מיט אירע פעלדער און וועלדער איז פאַר אים דאָ אינ דעם ענגנ שטײַגעלע. אונדזער סענדערל האָט ווײַטער־ווײַטער טאָקע אָנגעהויבנ מיט זײַנ לאַגע זיך צוגעוווינענ, פלעגט זיך גוט צוקוקנ צום מושטיר פונ די זעלנער און פּרוווּנ נאָכמאַכנ זייערע אַלע שטוקעס אפ זײַנ שטייגער. ס'איז געווענ א פרייד צוצוזענ, ווי סענדערל פלעגט אָפּט פאַר זיך אַליינ איבערכאַזערנ דעם מושטיר, זיך אויסציִענ גלײַך ווי א סטרונקע, פאַרײַסנ דאָס קעפּל, אָנבלאָזנ די פּיסקלעך ווי א גיבער, הייבנ פיסלעך און גיינ א מאַרש, נאָר טאַקע

ווי אנ אַנגעבלאָזענער אינדיק, פלעגט זיכ דרייענ, דרייענ, אונ לעסאָפ פארפלאָנטענ די פיסלעכ אונ פאלנ. נאָר אקעגנ זשע ביניאָמינ אַבער,— ער האָט מיט אזעלכע זאכנ בעשומויפנ נישט געקענט זיכ געוווינענ, ער איז געווענ בעטעווע איינער פונ יענע מינע פייגל, וואָס הייסנ וואנדער־פייגל, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס זייער טעווע איז אלע יאָר סאָפ זומער אוועקצופליענ אונ איבערווינטערנ דאָרט אינ די וויַטע ווארעמע מעקוימעס. די טעווע צו וואנדערווענ מאָנט אזא מינ פויגל אזוי שטארק, אז בעת מע האלט אימ דענסטמאָל געפאנגענ אינ א שטיַיגל, איז אימ נישט ניכע דאָס לעבנ. ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראפעט זיכ אפ די גליַיכע ווענט אונ זוכט ערגעצ עפעס א שפאלט אנטרונענ צו ווערנ. די נעסיִע אהינ אינ יענע וויַטע מעקוימעס, וואָס האָט ווי א זלידנע זיכ איַינגעגעסנ אינ ביניאָמינס קאָפ, וואָס איז אימ געוואָרנ א צווייטע נאטור, וואָס צוליב איר האָט ער אוועקגעוואָרפנ וויַיב אונ קינדער, — די דאָזיקע נעסיִע האָט אימ נישט געלאָזט רוענ קיינ רעגע, האָט אימ געבויערט, געפיקט דעמ קאָפ, זי האָט אינ אימ געבורטשעט אונ אלצ געשריגנ: ביניאָמינ, גיי וויַיטער! גיי וויַיטער, וויַיטער! דערוויַיל איז אוועקגעגאנגענ אזוי דער ווינטער, אונ אונדזער ביניאָמינ, נעבעכ, האָט זיכ שטארק געמוטשעט.

איינמאָל אינ א שיינעמ טאָג נאָכ פייסעכ, אז סענדערל האָט בייַנוי-לעביינ-אצמוי זיכ געמושטירט, איז ביניאָמינ צו אימ צוגעגאנגענ מיט אזא שמועס:

— כלעבנ, סענדערל, דו ביסט א יִנגל! דו שפילסט זיכ אונ מאכסט עפעס אזעלכע קונצנ, ווי א קונדעס. וואָס קענ דערפונ, איכ בעט דיר, דער טאכלעס זיַינ? פארגעס נאָר נישט, אז דו ביסט, באָרעכאשעמ, א באוויַיבטער, דערצו נאָכ אויכ עפעס א יִיד. היַינט, צו וואָס פארנעמסטו זיכ מיט אזעלכע זאכענישנ אונ לייגסט דערינענ דעמ

נאנצן קאָפּ דײַנעם אַרײַן? לעמפּ־נאַפּקע־מינע, צי מיט דער לינקער צי מיט דער רעכטער פוס קרוגאַם, ווי זיי רופן עס דאָרט עפּעס, וואָס מאַכט עס אויס?

— ווייס איך? — האָט סענדערל געענטפערט. — מע הייסט קרוגאַם, זאָל זײַן קרוגאַם, וואָס פאַר אַ דאגע איך האָב.

— און אונדזער נסיעה, זאָג נאָר, האָסטו שוין פאַרגעסן? גוואַלד, אונדזער נסיעה, אונדזער נסיעה אַהין... ליגדענוואָרעם, מויל־אייזל, פּיפּערנאָטער! — האָט בנימין גערעדט צעקאָכט.

— מאַרש, מאַרש, מאַרש! — האָט סענדערל געמאַכט און געהויבן פיסלעך.

— אַז־אָך־און־ווי צו דיר, סענדערל, און צו דײַן מאַרש! פע, מעגסט זיך, כלעבן, שעמען! זאָג מיר נאָר בעסער, קונדעס אײנער, ווען מיר מאַכן אונדזער נסיעה?

— פונמײַנטוועגן, אָך! — האָט סענדערל געענטפערט. — אַבי מע וועט אונדז נאָר לאָזן.

— וואָס טויגן מיר זיי, און וואָס באַדאַרפן זיי אונדז האָבן? — האָט בנימין זיך אָנגערופן. — אַדרבא, סענדערל, זאָג אַליין, בײַ דײַן ייִדישקייט, אַז בעת דער סוינע זאָל, כאַסוועשאָלעם, קומען, וועלן דען אַזעלכע צוויי אירע, ווי מיר, זיך קענען שטעלן אים אַקעגן? און אַז דו וועסט אים טויזנט מאָל זאָגן: גיי דיר אַוועק, עלע ניט מאַך איך פוי־פוי! וועט ער דען דיך הערן? פאַרקערט, ער וועט דיך נאָר אָנכאַפּן, און דײַן גליק וועט זײַן, אַז דו וועסט לעבעדיק פון זײַנע הענט אַרויס. גלייב מיר, כלעבן, ווי איך זע, זײַנען מיר דאָ אײנגאַנצן אַוועק, זיי וואָלטן געגן געווען אונדזערע פּאַטער צו ווערן. איך האָב אַליין געהערט, ווי דער עלטסטער האָט זיך אײנמאָל אויסגערעדט, אַז מיר זײַנען טאַקע נאָר אַן אָנשיקעניש. ווען עס זאָל אין אים גע־ווענדט זײַן, וואָלט ער אונדז שוין לאַנג אַרויסגעטריבן צו אַלדי שוואַר־

צע יאָר. און בעעמעס טאקע, וואָס טויגנ מיר זיי? איכ זאָג דיר, סענ־דערל, בעפיירעש, אז דאָס איז גאָר לעכאטכילע געווענ א קרומע זאכ, נישט קיינ גלײַכער שידעכ, מיר טויגנ זיי נישט און זיי טויגנ אונדז נישט. די יִידנ, וואָס האָבנ אונדז אינ זייערע הענט ארײַנגעגעבנ, האָבנ זיכער געמוזט זיי דערציילנ אפ אונדז, אז מיר זײַנענ ווילדע גיבוירימ און קענענ טאכסיסיי־מילכאָמע, טאקע וואָס קענענ הייסט. מיילע, וואָס זײַנענ מיר שולדיק, אז די יִידנ האָבנ זיי אָפּגענארט? לעמײַ, אונדז האָבנ די יִידנ אויכ מיִעס אָפּגענארט. מיר זײַנענ דאָכ נאָר מיט דער דייע אהער געקומענ, עפּעס צוזויפצומאכנ און לאָזנ זיכ ווײַטער אינ וועג ארײַנ. פונ טאכסיסיי־מילכאָמע איז קלאל קיינ מעדובער נישט געווענ, איכ וועל שווערנ אפילע אינ טאלעס און קיטל, אז דערפונ האָט מענ אפילע נישט מאזקיר געווענ. גלאט כאפּעניש־גילטעניש איז דאָכ פּאָשעט שוינ קיינ יוישער נישט, הערט דאָכ שוינ טאקע אופ אלצי־דיקנ! — קורצ, זיי זײַנענ ניט שולדיק, וואָס מע האָט אונדז אָפּגע־נארט, און מיר זײַנענ אויכ ניט שולדיק, וואָס מע האָט זיי אָפּגענארט. שולדיק זײַנענ דאָ נאָר די יִידנ, די ליגנער, די קאָלבויניקעס, וואָס האָבנ בײדע צדאָדימ אָפּגעליגנערט. די יִידנ, סענדערל, די יִידנ — זיי אליינ זײַנענ דאָ טאקע איינגאנצנ שולדיק, קיינעמ באדארפ מענ אינ דער זאכ ניט באשולדיקנ, נאָר די יִידנ, די יִידנ און נאָכאמאָל די יִידנ!..

— מיילע, וואָס ווילסטו, בִּיניאָמינ, זאָלנ מיר טאָנ? — האָט סענ־דערל געפרעגט.

— איכ וויל, — האָט בִּיניאָמינ געענטפערט, — מיר זאָלנ זיכ לאָזנ ווײַטער אפ אונדזער נעסִיע. אויס קאלע און ווײַטער א מויד! מיר דאכט זיכ, אז קיינער וועט אונדז דאָס נישט פארווערנ, הענ אל־פּידינ וועהענ אלפּייוישער טאָר קיינער נישט אונדז פארהאלטנ. אײַ וואָס, דו האָסט מוירע, טאָמער וועט מענ אונדז פּאָרט נישט לאָזנ,

איז דערצו א פּראָסטע טרופּע, מיר זאָלן פונדאַנען שטילערהייט אוועק־גיין. וועמעס איסעק איז דאָס בא אונדז צו וויסן? געזעגענען באַ־ראַרפן מיר מיט קיינעם נישט.

— איך מיין אויך אזוי, אז געזעגענען זיך איז אַן איבעריקע זאַך, — האָט סענדערל געמאַכט, — לעהיי, אז מיר זײַנען פאַראיאָרג אוועקגעגאַנגען פון דער היים און קיינעם, נישט אפילע ווײַב און קינ־דער, נישט געזאָגט כאָטש נאָ... טעבי!

פון דעם דאָזיקן שמועס אָן האָבן אונדזערע פאַרשווינען אָנגע־הויבן טראַכטן ווידער פון זייער נעסיִע און זיך אַלץ מעיאַשעוו געווען ווי צו מאַכן פּלייטע. אין ביניאָמינען האָבן זיך שטאַרק צעשפּילט די געבליטן, ער איז געווען שרעקלעך אומרויִק און אַרומגעפּאַדעט צע־קאָכט ווי א הון, וואָס וויל, אין וועסנע, זיך זעצן אָפּ אייער. ער איז געווען אזוי פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען, אז ער האָט נישט געהערט, נישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך. איז פאַרבײַ אים דורכגעגאַנגען עפּעס אַן עלטסטער, האָט ער מאַכמעס צעטראָגנקײַט נישט אַראָפּגענו־מען דאָס היטל; ער האָט געכאַפּט א פּאַטש אָדער א זעץ אין דער פּאָטיליצע, האָט ער אפילע זיך נישט פאַרקרימט, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען; האָט מען יצו אים גערעדט עפּעס אין איניאַנע־האַמושטיר, איז אים נישט אַרײַן אפילע אין דער לינקער פּייע. ער האָט געהערט דאָס אוקעדוימע אזעלכע זאַכן אקוראַט ווי אין טשערנאָוויץ די מעגילע. ער האָט אינזינען געהאַט נישט מער ווי די נעסיִע, און דער קאָפּ זײַ־נער איז געפלויגן ווײַט, ווײַט!

איינמאָל שפּעט בא דער נאַכט, אז אַלע זעלנער אין דער קאַזאַרמע האָבן געשמאַק געשלאָפן, איז ביניאָמין אָפּ די שפּיץ פינגער צוגעגאַנ־גען צו סענדערלס געלעגער.

— סענדערל, דו ביסט פאַרטיק? — האָט ביניאָמין שטילערהייט געפרעגט.

סענדערל האָט א שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אָנגענומען ביני־אָמינען פאר דער פּאָלע און זיינען ביידע שאַ-קיטש ארויסגעגאנגען אפן הויף.

אינדרויסן האָט געבלאָזן א ווארעם ווינטל, שטיקער שווארצע אי ברוין־בלויע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן אין דער הייך, און זיך געצויגן איינע נאָך די אנדערע, גלייך ווי טויזנטער טשומאקעס גייען דאָרט מיט אָנגעלאָדענע פורן סכוירעס, און יאָגן זיך, באצייטנס אָנצו־קומען אין הימל אף דעם יאריד. די לעוואָנע איז ווי א פּריקאשטשיק אויך געגאנגען מיט דעם דאָזיקן מעשונע־לאנגן צוג, פלעגט אף א מינוט נאָר ארויסשטעקן דעם קאָפּ, א קוק טאָן, וואָס טוט זיך אינ־דרויסן, דערנאָך ווייטער אף א היפּשע צייט זיך באהאלטן, און געלעגן איינגענורעט דאָרט ערגעץ אונטער א וואָלקנדיקן לאנטוך, שווארץ אָפּ־געשמירט, ווי מיט סמאָלע.

אונדזערע פארשוינען האָבן אין דער פינצטער זיך געלאָזט גיין איבער דעם הויף, און שטילערהייט צוגעגאנגען צום פּלויט. זיי זיינען ארופגעקראָכן אף א בארג מיט האָלץ, און פון דאָרט איז זיי שוין גרינג געווען ארופצוקלעטערן אפן פּלויט. פלוצלים האָט סענדערל זיך א כאַפּ געטאָן און געיאָגט ביניאָמינען אין אויער ארײַן:

— אך, ביניאָמין, איך האָב פארגעסן די טאָרבע! זאָל איך מיך אומקערן נעמען די טאָרבע?

— כאָלילע! — האָט ביניאָמין געמאכט.— אומקערן זיך איז א מיעסע זאך. אז גאָט העלפט א מענטשן, העלפט ער אים אויך אף א טאָרבע!

— עס קומט מיר איצט פיר, — האָט סענדערל געזאָגט, — וואָס דער זיידע רעב סענדערל, אָלעוואשאָלעם, האָט מיך געוואָרנט אין כאָלעם: שטיי אוף, סענדערל, האָט ער געזאָגט, און לויף פונדאנען אוועק וווהין די אויגן טראָגן! האלעווײַ זאָל זכוס אונדז אצינד

ביישטיין. ער איז געווען טאקע מיטן פולן מויל א ייד, נאָר אַן שום מעלאָכים, די באָבע, אַלעהאשאָלעם, פלעגט אלץ דערציילן...

נאָר איידער סענדערל האָט זיך גענומען צו דערציילן, וואָס זיין באָבע פלעגט אלץ דערציילן פון זיין זיידן, האָט זיך געלאָזט הערן א קאָל פון א זעלנער, וואָס איז דאָרט אין דער זייט געשטאנען אפ דער וואַך.

אונדזערע פארשוינען האָבן זיך צוגעטוליעט צום פלויט, איינגע-האלטן דעם אָטעם, געלעגן שטיל, קיין ריר זיך נישט צו טאָן, און אויסגעזען ווי צוויי גרויסע אלטע שמאטעס. שפעטער א ביסל, אז ס'איז ווידער געוואָרן רויק-שטיל, האָבן די דאָזיקע שמאטעס ארויס-געוויזן א סימען פון לעבן און פאמעלעך זיך אראָפּגעלאָזט פונעם פלויט. זיי זיינען געקראָכן אפ די הענט און אפ די פיס און זיך גע-רוקט פאמעלעך אלץ ווייטער, ווייטער, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפן אויסצומיידן דעם זעלנער, וואָס אפ דער וואַך, און ארויסצוקריכן אין א געסל. אונדזערע פארשוינען האָבן זיך אופגעשטעלט אפ די פיס, געשטאנען א ביסל צו כאפן דעם אָטעם, און זיך אָנגעקוקט פרייל‍עך מיט פייערדיקע אויגן.

— די באָבע, אַלעהאשאָלעם, פלעגט אלץ דערציילן,— האָט סענ-דערל אָנגעהויבן צו ריידן,— ווי דער זיידע רעב סענדערל, אַלעווא-שאָלעם, פלעגט בעכאיאָוו אלץ דענקען צו פאָרן קיין ערעציזראָעל. פאָרן טוים האָט ער זיך אופגעזעצט און געזאָגט מיט די ווערטער: אויב איך האָב נישט זוכע געווען בא גאָט פאָרן קיין ערעציזראָעל, בין איך באָטועך, אז איינער פון מיינע קינדער וועט דאָרט זיין. דאָס הארץ מיינע זאָגט מיר איצט, אז דאָס האָט ער געמיינט מיך. האלעווײַ פון מיין מויל אין גאָטס אויערן ארײַן!

נאָר פון סענדערלס מויל אָבער איז גאָר אין אנדערע אויערן ארײַן! קוים וואָס סענדערל האָט ארויסגערעדט דעם וואונטש זײַנעם,

האָט פּלוצלים איינער אַף מאָסקווימערש זיי א פרעג געגעבן: ווער איז דאָ? און אז ער האָט נישט באקומען קיין ענטפער, איז ער געשווינד צוגעגאנגען און ווייטער געפרעגט.

די לעוואַנע האָט, צום שלימאַזל, ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער א פינצטערן שטיק כמארע און באלויכטן אונדזערע בידנע פארשוינען, וואָס זיינען געשטאַנען אַן לאָשן, טויט ווי די וואנט, און דעם עלטסטן זייערן, וואָס האָט זיך שרעקלעך געבייזערט, געמאכט מיט די הענט און זיי, נעבעך, געגעבן אין טאטן און אין דער מאמען אריין.

אין עטלעכע מינוט ארום זיינען אונדזערע פארשוינען געזעסן ווי ארעסטאנטן דאָרט אַף דער הויפּטוואכטע!

ס'איז גאָר נישטאָ אזעלכע ווערטער צו באשרייבן די שרעקלעכע יעסורים, וואָס אונדזערע פארשוינען האָבן געפילט, זיצנדיק אין געפענקעניש. זיי זיינען, נעבעך, אראָפּ שטארק פונעם פּאָנעם און געוואָרן פּאַשעט אוים מענטשן. סענדערל כאָטש פלעגט נאָך שלאָפן און שלאָפנדיק האָט ער ווייניקסטנס עטלעכע שאָ נישט געפילט די ביטערע צאָרעס. ער פלעגט נאָך אמאָל האָבן א גוטן כאָלעם. דער זיידע רעב סענדערל האָט עפּעס אָנגעהויבן עפּעטערס זיך צו זען און געטריבן מיט אים שפּאַס. ער פלעגט קיינמאָל נישט קומען ליידיק: אמאָל איז ער געקומען מיט א פּיילנבויגן, מיט א שווערדל אָדער מיט האָמען-קלעפּל, פלעגט א קניפּ געבן דעם אייניקל באַם בעקעלע און זאָגן מיט א שמייכעלע: נא דיר, קונדעסל, משאַטשקעלעכו! שפּיל זיך, שקאָצ, דערמיט, מאַכ פּוי, פּיפּ, פּאָפּ, סענדערל!.. און אמאָל איז ער געקומען מיט א הריידל, זיך געזעצט שפּילן מיט זיין ליבהאָרצעדיקן סענדערוניען. סענדערל האָט געדרייט, געדרייט, געדרייט, געמאכט „ג" און געוווּנען באַם זיידן א גראָשן... גוט איז דעם מענטשן אי א גוטער כאָלעם. די וועלט אינגאנצן איז דען נישט א כאָלעם? — בינאָמין אָבער האָט

דאָס אויב נישט געהאט, עס האָט פונ אים זיכ אָפּגעטאָנ דער שלאָפּ. ער איז געווענ מעשונע צעטראָגנ, אונ דאָס בלוט האָט אינ אים געקאָכט ווי א קעסל. ער האָט געזענ דורכ דעמ פענצטער, די זונ שײַנט גאָר מעכײַע, דאָס גרינע גראָז וואקסט אונ שפּראָצט, ביימער צוויטענ ווונדער־שיינ, מענטשנ גייענ, לויפנ אהינ אונ אהער, אונ פייגל פליִענ פרײַ אינ הימל. אצינד איז די רעכטע צײַט צו וואנדרעווענ, נאָר ער זיצט אָבער פארשפּארט אונ קענ זיכ נישט לאָזנ אפ זײַנ נעסיִע. ער פלעגט אזש אונטערשפּרינגענ פאר גרויס אגמעסנעפעש, זיכ באפּנ באמ קאָפּ, ארומלויפנ צעדולט אונ שרײַענ, ריידנ מיט גאל: גוואלד! וואָס האָב איכ זיי געטאָנ? גוואלד, גוואלד! וואָס האָבנ זיי צו מיר?..

דאָס פערצנטע קאפּיטל

אויס קאלע—ווײַטער א מויד!

אינ דער וואַיענער קאנצעליאריע זײַנענ שפּעטער מיט עט-
לעכע טעג, נאָכ דער מײַסע מיט אונדזערע פּארשוינענ,
געזעסנ א סאכ אָפיצערנ אינ דער פּאָלנער פאַרמע, צווישנ
זיי דער יענעראל מיטנ פּאָלקאָווניק. אינ דער זײַט לעבנ
דער טיר זײַנענ געשטאנענ צוויי זעלנער מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ אונ
האָבנ אויסגעזענ ווי א מויז, וואָס מע נעמט ארויס פונ א לאדישקע זוי-
ערמילכ. די אָפיצערנ האָבנ געקוקט אפ די זעלנער, זיי באטראכט פונ

קאָפּ ביז די פיס, דערנאָך צווישן זיך עפּעס גערעדט און א ביסל אונ־טערגעשמייכלט.

— הערסטו, סענדערל, — האָט איינער זעלנער שטילערהייט גע־זאָגט, בעשאַס די אָפיצערן האָבן צווישן זיך געשמועסט, — איך זאָל וויסן, מײַן טויט זאָל דאָ אפילע זײַן, מוז איך זיי ארויסזאָגן דעם גאַנצן עמעס. איך בין שטאַרק אָנגעלאָדן.

— פונמײַנטוועגן, בינ'אָמין, זאָג דיר זיי דעם עמעס, — האָט דער אנדערער זעלנער זיך אָנגערופן, — אויב דו ווילסט אזוי, זאָל זײַן אזוי, וואָס פאַר א דײַגע איך האָב.

— איר זײַנט עם די לײַט, וואָס האָבן שפּעט בא דער נאַכט זיך ארויסגעגאַנוועט פון דער קאַזאַרמע? — האָט דער יענעראַל געפרעגט שטרענג. — איר ווייסט, וואָס קומט פאַר אזא שולד?

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! — איז בינ'אָמין אפּ גאָטס באַראָט ארויס מיט א שפּראַכע, האַלב יידיש, פּאָלאָווינע רײַסיש, און אנידערגעלייגט א שמועסל, אז כײַקל דער זאַיקע, דער באַלדאַברענ פון טונעיאַדעווקע, האָט געמעגט, כלעבן, זיך באַגראָבן נײַן איילן אין דער ערד.

דער יענעראַל האָט אוועקגעקערט דעם קאָפּ מיט א געלעכטער, א מאַך געגעבן מיט דער האַנט, און דער פּאָלקאָווניק האָט אָגשטאָט אים אָנגעהויבן צו ריידן.

— איר האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט, אײַך קומט מיעס צו באַ־שטראָפן פאַר אזא שולד.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט בינ'אָמין אויסגעשאָסן אפּ א קאָל, — כאַפּן מענטשן אינמיטן העלן טאָג און פאַרקויפן זיי ווי הינער אפן מאַרק, דאָס מעג מען, און אז זיי, נעבעך, ווילן ניצל ווערן, דאָס רופט מען אָן א שולד! אויב אזוי, איז דאָך טאַקע העפקער א וועלט, און איך פאַרשטיי שוין, אָסער, נישט, וואָס הייסט אזוינס מעגן און נישט מעגן! אדעראַבע, לאָמיר פרעגן דאָ טאַקע מענטשן, זאָלן זיי

זאָגנ, ווער איז שולדיק. אשטייגער, ווי וואָלט געווענ, אז מע זאָל אײַכ כאַפּנ ערגעצ אפנ וועג אונ מיט גוואלד ארײַנשטופּנ אינ זאק ארײַנ, כו, וואָלט איר, כאָלילע, שולדיק געווענ, ווענ איר וואָלט מיט אמצויס-קויעכ פונעמ זאק ארויס? איכ זאָג אײַכ בעפּיירעש, דאָס איז געווענ לעכאטכילע א גענויטע זאכ, א געגנאַרעוײַ. שולדיק זײַנענ דאָ נאָר די יידנ, מי־יעדייע, וואָס זיי האָבנ נאָכ אָנגערעדט. מיר זײַנענ אײַכ מוי=סער־מוידאָע — זאָג, סענדערל, זאָג! וואָס שטייסטו ווי א גוילעמ? גיי ארויס מיט דעמ עמעס אפּ גאָטס באַראָט, גאָר אָנ מוירע, אונ זאָג מיט מיר אינאיינעמ: — מיר זײַנענ אײַכ מויסער-מוידאָע, אז פונ טאַכסיסיי-מילכאָמע האָבנ מיר נישט געוווסט, מיר ווייסנ נישט אונ מיר ווילנ נישט וויסנ. מיר זײַנענ, באַרעכאשעמ, באַוווײַבטע, האָבנ אינזינענ עפּעס גאָר אנדערש, אונ מיט אזעלכע זאכענישנ קענענ מיר לאַכלוטנ זיכ נישט אָפּגעבנ. זיי גייענ אונדז אפילע גאָר אינ קאָפּ נישט. הײַנט, מיילע, וואָס טויגנ מיר אײַכ? מיר דאַכט זיכ, אז איר באַדאַרפט אליינ וועלנ אונדזערער פּאָטער צו ווערנ.

אונ בעעמעס איז ביניאָמינ טאַקע זייער געראַכט געווענ. מענ איז נאָכ לאַנג טאַקע גערנ געווענ זייערער פּאָטער צו ווערנ. אז די עלטסטע האָבנ זיכ געווענ צוגעקוקט צו אונדזערע פּאַרשוינענ, צו זייער הילעכ, צו זייערע פּאַסטעמקעס, צו זייער שמועס, אונ צו זייערע מארשנ, האָבנ זיי שוינ זיכ אָנגעשטויסנ, מיט וועלכע נעפּאַשעס זיי האָבנ צו טאָנ, אונ פלעגנ נישט איינ מאָל זיכ האַלטנ בא די זײַטנ לאַכנדיק. דער קיווונ פונ דער איצטיקער סאָבראַניע אָפּיצערנ איז געווענ, צו נעמענ אונדזערע פאַרשוינענ אפנ פאַרהער אונ פּרוווּנ זענ, מיט וועמענ זיי האָבנ אָנ אייסעק. ביניאָמינ מיט סענדערלענ האָבנ דאָ זיכ פאַרהערט אונ, באַרעכאשעמ, שטאַרק אויסגענומענ, נאָכ מער ווי געווינטשנ, אזוי אז די אלע אָפּיצערנ האָבנ עפּעס מעשונע האַנאָע געהאַט פאַר גע-לעכטער.

— נו, דאָקטער? — האָט דער יענעראַל געמאַכט צו איינ אָפיצער, וואָס האָט זיכ אַרײַנגעלאָזט אינ אַ שמועס אונ מיט אונדזערע פֿאַר־שוינענ זיכ שטאַרק אָפּגעגעבנ.

דער דאָקטער האָט אַנידערגעלייגט אַ פֿינגער אפנ שטערנ אונ גע־מאַכט שאָקלענדיק מיטנ קאָפּ, גלײַכ ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָ פֿעלט אַ קלעפּקע!

דער שפּיצ איז געווענ, נאָכ דעמ, אַז די אָפּיצערנ האָבנ צווישנ זיכ גערעדט אונ עפּעס געשריבנ, האָט מענ געהייסנ אָפּלאָזנ אונדזערע פֿאַרשוינענ פֿרײַ פֿונעמ דינסט.

— גייט אײַכ, — האָט מענ צו זיי געזאָגט, — גייט אײַכ געזונ־טערהייט!

ביניאָמינ האָט זיכ זייער שיינ געזעגנט מיט אַ פֿאַרבייג, אונ זיכ געלאָזט אַוועקגיינ.

סענדערל האָט ווי אַ זעלנער געהויבנ פֿיסלעכ אונ געגאַנגענ נאָכ אימ מיט אַ מאַרש.

1878—1876

פישקע דער קרומער

מײַן ליבן, טײַערן פרײַנט מענאַשע מאַר־
גאָלים ברענגט דעם דאָזיקן סייפער בע־
מאַטאָנע פונעם גאַנצן האַרצן

דער מעכאַבער.

טײַערער פרײַנט!

טרויעריק איז מײַן ניגן אין דער קאַפּעלע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין מײַנע ביכורים ליגט אויסגע־דריקט א ייִד מיט די ביינער, וואָס ווען ער זינגט אפילע אַמאָל א פרייליכס, דאַכט זיך גאָר אויס פונדערווײַטנס, עפּעס קלאָגט ער, פאַרגייט זיך וויינענדיק. אין זײַנע זמירעס הערט זיך עפּעס אַן אומעטיקער שטייגער פון אייכעס. לאַכט ער, שטייען אים אין די אויגן טרערן, וויל ער א ביסל לוסטיק זײַן, רײַסט זיך אים דערבײַ טיף פונעם האַרצן א ביטערער זיפץ — און טאָמעד אַלץ אוי ווײ, ווײ־געשריגן!..

איך רייד מיר, כאָלילע, נישט אײַן מיט גאַדלעס, אַז איך בין א סאָלאָוויי אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אין איין זאַך אָבער

בינ איכ אינ אימ יאָ שטאַרק געראָטנ. דער דאָזיקער מאַרעשכווירעדי־קער מעשוירער פונ די פייגל שפּילט זײַנע ניגונימ אונ צעגיסט זיכ אינ אומעטיקע שטייגער דאַפקע נאָר אינ וועסנע־צײַט, ווענ די גאַנצע וועלט איז ווי נײַ־געבוירנ, ווענ עס בליט, עס שמעקט מעכײַע אומעטומ, עס שײַנט, עס לויכט אונ איטלעכנ איז פריילעכ אפנ הארצנ.

מיר בײדע, מײַנע פרײַנט, האָבנ אָנגעהויבנ אונדזער אַרבעט אינ דער יידישער ליטעראַטור פּונקט אינ דער וועסנע־צײַט פונעמ יידישנ לעבנ דאָ בא אונדז אינ לאַנד. פונעמ זעכציקסטנ יאָר אינ אונדזער צײַט הייבמ זיכ פאַר יידנ אָנ גאָר א נײַ לעבנ — א לעבנ שוינ מיט א גרינגער געמיט, פול מיט גוטע האָפענונגענ אפ שפּעטער. דענסטמאָל זײַנענ מיר געווענ בײדע נאָכ זייער יונג אונ האָבנ מיט א ברענ זיכ א נעמ געטאָנ צו דער פּענ, געאַרבעט געשמאַק, איטלעכער אפ זײַנ גאַנג, דער אוילעמ האָט פונ אײַער שרײַבנ געלעקט די פינ־גער, גאָר אָנגעקוואָלנ הערנדיק, ווי אַזוי איר רעדט צוקער־זיס איבער פיל וויכטיקע זאַכנ אינ דעמ יידישנ לעבנ; ווי אַזוי איר זײַנט אפ יידנ א מייליצ־יוישער אונ לערנט זיי מיט גוטנ, גאַנצ פרײַנטלעכ, צו קענ־ענ זיכ אַליינ, צו וויסנ פונ זייער לעבנ צו זאָגנ, א פּאָנעמ צו האָבנ אונ זײַנ לײַטנ גלײַכ. עס האָבנ אײַכ אויס דעמ מויל זיכ געשאָטנ פּערל, וואָס פינקלענ, לויכטנ אונ וועלנ אייביק זײַנ א צירונג אינ דער יידישער ליטעראַטור. איכ, פונ מײַנ זײַט, האָב אינ יענער פריילעכער וועסנע־צײַט מיר אויכ אונטערגעברומט, געשריבנ, געשפּילט אפ מײַנ שטייגער. אינ מײַנ שפּילנ האָט געוויינטלעכ איינ סטרונע געברומט טרויעריק אונ געמאַכט אפ די צוהערער א שטיקל מאַרעשכוירע. א טייל האָבנ מיכ געהערט גערנ מיט א פאַרקלעמט הארצ, ווידער א טייל האָבנ זיכ געקרימט, מעשונע זיכ געקראַצט, נישט צופרידנ געווענ, וואָס איכ ריר זיי אָנ בא דער לעבער אונ דערמאָנ זיי נישט קיינ פריילעכע

זאכנ. נאָר, ווי די מײַסע איז, — איכ האָב מיר געשפּילט און געטאָנ מײַנס.

יענע שיינע וועסנע־צײַט איז אוועק. אַז אָכ־און־וויי איז דעמ יִדנס לעבנ! און מיר איז פאר צאָרעס פארגאנגענ דער כיישעק צו שרײַבנ. עס האָט מיר א צײַט לאנג אָפּגענומענ דאָס לאָשנ.

און ווענ איכ נעמ אצינד אפיר מײַנ פארדארטע, פארטריקנטע פּענ און גיי ווידער מיט דער שפּראכע ארויס, האָב איכ עס צו פארדאנקענ אײַכ, נאָר אײַכ, וואָס אינ אײַער געזעלשאפט איז מיר צוגעקומענ א שטיק געזונט. אײַערע קלוגע רייד, אײַער ארבעטנ שטענדיק פאר אונדזער פאָלק האָבנ מיכ דערפרישט און מיר צוגעגעבנ כיישעק צו נעמענ זיכ אויכ פאר עפּעס אנ ארבעט. פונ הייליקנ פײַער, וואָס ברענט טאָמעד אינ אײַער יִדיש הארצ, האָט זיכ פארטראָגנ א פונק צו מיר אינ מײַנ הארצ, עס האָט זיכ אָנגעצונדנ און ברענט אצינד ווי אמאָל אינ די יונגע יאָרנ.

יאָ, מיר ביידע האָבנ אָנגעהויבנ אונדזער ארבעט אינ דער ליטעראטור גלײַכ אינ איינ צײַט, נאָר דאָס מאזל אונדזערס איז ניט גלײַכ. איר זײַט דאָרט ארופ אויבנ, אינ די הויכע פענצטער; איר האנדלט דאָרט מיט בריליאנטנ און דימענטנ פונ דער יִדישער היסטאָריע; איר שטעלט ארויס די שענסטע צירונג פונ אונדזער פאָלק פארצײַטנס, דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע אינ זײַנ לעבנ. איר האָט איבערגעהאט אייסאָקימ מיט הילעל, ראבי מייער, ראבי אקיווא, און מיט נאָכ אנדערע גרויסע לײַט, מעיוכאָסימ פונ הויכנ סאָרט מענטשנ. מיר, אקעגנ, איז באשערט געווענ זיכ ארומצופּלאָזנ אפנ נידעריקנ טרעפּל פונ יִדישנ לעבנ אונטנ אינ די קעלערס. מײַנ „יעש־בעקאָנ" איז: *שמאטעס און פוילע סכוירע*. איכ האָב נאָר שטענדיק צו טאָנ מיט עוויוינימ, קאפּצאָנימ, אומגליקלעכע נעבעכ; אויכ מיט מענטשעלעב דראבעס, פּאָקוסניקעס אוקעדוימע אזעלכע מינע נעפאשעס, קליי-

ניטשקע, נידעריקע פֿאַרשוינען. מיר באַלעמט זיך נאָר בעטלערס. פֿאַר מײַנע אויגן שוועבט טאָמער א טאָרבע — די אַלטע, גרויסע ייִדישע טאָרבע הענגט מיר טאָמער, ווי יענעם מאַרעשבויערניק א לונג־און־לעבער אפ דער נאָז. וווהין איך זאָל מיך נישט קערן און ווענדן, זע איך פֿאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אפֿיר די טאָרבע!..

אוי, אַלע די טאָרבע, די ייִדישע טאָרבע!

יאָ, טײַערער פֿרײַנט, דורך אײַך האָב איך באַקומען ווידער א ברען צום שרײַבן — און אָט האָט איר אײַך הײַנט, באַאוווינויסיינו־האָראָבים, טאַקע ווידער א טאָרבע: א פּישקע דעם קרומען, מישטיינס־געזאָגט, מיט וועלכן איך טרעט אַרויס פֿאַר דעם עולם, נאָך אזא לאַנגער צײַט שטילשווײַגן. איך ווייס, אז מײַן פּישקע דער קרומער איז עפּעס נישט אזא מאַטאָנע אַפּ אָפּצודאַנקען אײַך מיט אים פֿאַר אײַער פֿרײַנטשאַפֿט. נאָר ווײַסנדיק בײַ מיר אײַער גוט האַרץ, אײַער צוגעלאָזטקײַט צו מענטשן, פֿאַרהאָף איך, אז איר וועט מײַן אָרעמען פּישקען אופֿנעמען מיט א „באָרוך־האַבאָ״. זייער מעגלעך גאָר, איר זאָלט אים נאָך אַרײַנבעטן אין זאַל אַרײַן, אים באַקענען מיט אײַער הויזגעזינד און מיט אײַערע געסט דאָרט. פּישקע וועט זיך בײַ אײַך אָפּלייגן מיט דער טאָרבע, אײַך דערציילן מײַסעס, און איר וועט פֿון זיי האַנאָע האָבן. און פֿאָרשטעלנדיק זיך אזוינס, שמייכלט פֿאַר פֿרייד און דאַנק אײַך פֿון גאַנצן האַרצן

דער מעכאבער.

1

קוימ גיט א שײַנ די ליכטיקע זונ און זומער-לעב אינ דעמ לאנד, מענטשנ ווערנ ווי נײַ געבוירנ און דאָס הארצ פרייט זיכ זיי, קוקנדיק אפ גאָטס וועלט דער שיינער, — דענסטמאָל הייבט בא ייִדנ זיכ אָנ די רעכ-טע אומעטיקע צײַט, צו קלאָגנ און פארגיסנ טרערנ. עס גייט דאָס גאנ-צע צעטל טרויער: טאנייסימ, פײַניקנ זיכ, יאָמער און געוויינ פונ ספי-רע — ביז העט אינ די גרויסע בלאָטעס און נאסע אָסיענדיקע קעלט. דענסטמאָל שטעלט זיכ פאר מיר, מענדל מויכער-ספאָרימ, דער גרוי-

סער יאריד, איך ארבעט, פאָר באשטענדיק ארום, צו פארזאָרגן ייִדי־שע קינדער אין אלע שטעטלעך מיט די אלע נייטיקע מאטעריאלן צום וויינען — מיט קינעס, מיט סליכעס, ווײַבערשע טכינעס, מײַנע־לאָשנס, שויפרעס און מאכזיירים. האקלאל, ייִדן קלאָגן, פארוויינען דעם זומער — און איך מאך דערווײַל געשעפטן. נישט דאָס בין איך אויסן.

אונטערוועגנס איינמאָל, שיוואָ־אָסאָר־בעטאמוז, גאנצפרי, זיצ איך מיר אף דער קעלניע פון מײַן ביידל אין טאלעס־און־טפילן מיט דער בײַטש אין דער האנט, גאנץ ייִדישלעך. די אויגן זײַנען מיר צוגע־מאכט, ביכדיי נישט אָנצוקוקן באַם דאווגען די ליכטיקע וועלט. מײַ־סע־סאָטן אָבער איז זי, די נאטור, ווי הייסט מען עס, געווען ווונדער־שיין, גאָר א בילד. און עס האָט מיך געצויגן, עפּעס ווי א קישעף, א קוק צו טאָן. איך האָב א היפּשע צײַט מיך געראנגלט מיט מיר אליין. דער יעיצערטאָוו זאָגט: „פע!.. מע טאָר נישט!" דער יעיצערהאָרע אקעגן טאָרעט: „נישקאָשע! האָב האנאָע, כארעלע!" און עפנט מיר דערבײַ טאקע אוף איין אויג. עס טוט מיר א שײַן, נאָר ווי אפצעלאָ־כעס, עפּעס א בילד־שיינע פּאנאָראמע: פעלדער, געשפּרענקלט מיט בליענדע רעטשקע, ווײַס ווי שניי, נעבן געלב־גילדענע ראצעמאָרענע פּאסן פון ווייץ און מאט־גרינלעכע, הויך־געוואקסענע קוקורוזעס. א שיינער גרינער טאָל, באדעקט פון ביידע זײַטן מיט וועלדלעך נים־ביימער. אונטן פליִיצט א טײַכל, ריין, קלאָר ווי קרישטאָל, און וועלכן עס טוקן זיך די שטראלן פון דער זון און באלייגן עס מיט פינקלדיקע גילדענע פליטערלעך. די שאָפ און די קי אף דער פּאשע דאָרט זעען פונדערווײַטנס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פּינטעלעך. — „פע, פע!"— מוסערט מיך דער יעיצערטאָוו מיט יענע ווערטער פון עם פּירעק: „א ייִד אונטערוועגנס, אז ער איז מאפסיק דאָס לערנען און זאָגט: „ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאָס פעלד" — איז גלײַך

ווי ער טוט זיך אליינ א מײַסע אָנ". — דער יעיצערהאָרע אָבער פארטראָגט מיר אונטער דער נאָז מעכײַעדיקע רייכעס פונ סטערטעס היי, געווירצ אונ קרײַטעכצער, וואָס צעגייענ זיך אינ אלע אייוורים. ער צעגיסט זיך אינ קונציקע ניגונים פונ אלערליי שפּיל-פייגעלעך, וואָס קיצלענ בא דער נעשאָמע. ער לאָזט מיך פילנ אפ מײַנ פּאָנעמ א וואַרעמ ווינטעלע, וואָס גרײַזלט מיר די פייעס, שושקעט מיר אינ די אויערנ: קוק, האָב האנאָע אונ זײַ א מענטש, דו נארישער ייִד איינער! — איך בעבע, מרוקע מיר, מישטיינסגעזאָגט, אליינ ניט רעכט צו הערנ, וואָס איך בעבע. עפּעס טראָגט מיר דער מויעך, עס פּיקט מיר אינ קאָפּ אונ עס טראַכט זיך זידלערײַענ: געפייגערטע נעפּאַשעס... אָנ לײַב, אָנ לעבנ... נעשאָמעס פארוקטע אינ טשאָלנט... אָנ רייעך, אָנ טאמ... דראפּאטשעס צעשאָטענע... פארדארטע אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס!.. איך צעשאָקל מיך מיט געמאכטער קאוואָנע, ביכדיי עס זאָל זיך נישט טראכטנ, אונ דערהער גראָד, ווי דאָס מויל לאָזט פונ זיך אליינ אויס יענע שטיקל דאווענע מיט די ווערטער: „המחזיר נשמות לפגרים מתים", דאָס הייסט אפ קאָרבנמינכע-טײַטש: דער דאָ קערט אומ די נעשאָמעס צו די טויטע פּגאָרימ.

הא, וואָס? אקעגנ וועמענ? — טו איך מיך א כאפּ, פארשעמט פונ מײַנע אייגענע מיִעסע געדאנקענ. אונ ביכדיי צו פארגלעטנ מײַנ פעלער אקעגנ דעמ ריבוינעשעלוילעמ, מאך איך קלאָמפּערשט א מינע, ווי נישט זיי מיינ איך, דאָס פערדל מיינ איך... דערלאנג דעמ שלימאזלניק מײַנעמ א שמיצל מיט דער בײַטש, מאכנדיק דערבײַ: א-א-א, פּעגירע איינע!..

א שיינער אײַנפאל אפילע! נאָר הײַנטיקס מאָל האָט עס וויניק געווירקט. עס האָט מיך שטארק געקרענקט, פארוואָס גראָד הײַנט זאָל מיר גאָר אײַנפאלנ אזעלכע געדאנקענ, — הײַנט, ווענ ווייינענ אונ קלאָגנ באדארפ מענ אפ דעמ גרויסנ כורבנ, אפ די גרויסע צאָרעס,

וואָס די קינדער יִסראָעל האָט געטראָפנ: — די קאָמאַנדע פונ נעווי־
כאַדנעצאַר מעלעכ באָוועל איז אַרײַנ אינ יערושאָלאימ אונ פונ איר אַ
טעל געמאַכט... איכ מאַכ אַ ראַכמאָנעס־פּאָנעמ אונ זאָג די סליכעס
צומ הײַנטיקנ שווערנ טאָג אַפ אַ וויינענדיק קאָל, וואָס איז געגאַנגענ
אַלצ העכער אונ טרויערדיקער אינ דעמ פּיזמענ דאָרט, בײַ יענע ביטע־
רע ווערטער:

„והשפיפון מצפון — אונ דער פּיפּערנאָטער, דער טאָטער פונ
צאָפנ־זײַט, כשבולת שטפני — האָט מיכ ווי אַ שטראָמ וואַסער פאַר־
טראָגנ ווײַט, והציד — אונ דער יעגער, דער טויט־שלעגער, שלח יד —
טוט אַ לאַפּ, אַ כאַפּ, והצפיר והשעיר — אויכ די ציג, אויכ דער
צאַפּ”...

אַ ייִד אַבי ער שרײַט זיכ אַ ביסל אויס מיט אַ פּיזמענ, רעדט זיכ
אָנ ווי אַ פּויק אונ זאָגט אָפּ אַ סליכע, דאַכט זיכ אימ, ער האָט שוינ
אַלצדינג אָפּגעטאָנ אונ איז, ווי אַנ אָפּגעשמיסנ קינד נאָכנ אויסוויי־
נענ זיכ, ווײַטער זיכ גאַנצ צופרידנ. איכ זיצ מיר אָנגעלענט אַפ דער
קעלניע, גלעט מיר דאָס בערדל, שוינ מיט אַ גרינגנ געמיט, גלײַכ ווי
איינער רעדט: „מײַנס האָב איכ געטאָנ, גענוג יויצע געווענ, אַציגנד.
גאָטעניו, איז נאָר געווענדט אינ דיר. וויַז זיכ, טאַטע־פּאָטער, רחומ
צדיק”. „גיי שוינ, גיי, זײַ מויכל!”, מאַכ איכ צומ פערדל מיט גוטנ,
איבערבעטנדיק עס אינ הארצנ פאַר דעמ צונעמעניש „פּעגירע” פרי־
ער. מײַנ שלימאַזלניק טוט זיכ אַ קני אַפ די פעדערשטע פיס, אַ בוק
מיטנ קאָפּ צו דער ערד אונ קרעכצט, עפּעס אַזוי ווי גערעדט: „אַדויני
פּאָרעצ, אונ וואָס איז עפּעס מיקויעכ עסנ?” — קלוג, כלעבנ, ווי דער
טאָג! זאָג איכ, געבנדיק אימ בעשאַסמײַסע אַ צייכנ, אַז ער מעג אופ־
שטיינ, זיכ שטעלנ אַפ די פיס. נישט אומזיסט שטייט אינ די קינעס:
„ציון, בך כל בהמה ועוף חכמו”, דאָס הייסט: בײַ דיר, קנעסעס־
יִסראָעל, זײַנענ אַלע בעהיימעס קלוג... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. פונ

דער דאָזיקער מעמרע בינ איכ טראַכטנדיק ווײַטער ארופ אפ די קנע-סעס-יִסראָעל, זיכ פארטיפט אינ די געדאַנקענ מיקויעכ זייער כאָכמע, זייער פירונג, זייערע פײַנע-בעריעס אונ מיקויעכ זייער לאַגע, נעבעכ. דער קאָפּ טאָלאַבעדעט זיכ מיר אהינ, אהער. עס דאַכט זיכ מיר עפּעס דער פּיפּערנאָטער, נעוווּכאַדנעצאַר מיט דער קאָמאַנדע, א שרעקלעכע מילכאָמע, א קלאָפּערײַ, א געשלעגערײַ, די קאָמאַנדע ברעכט ווענט, זעצט אויס טירנ, שויבנ. ייִדנ, א טייל מיט פּעקלעכ סכוירע אונ אל-טע כפייצימ, טוענ זיכ אָנ א קויעכ, שרײַענ גוואַלד אונ לויפנ... איכ כאַפּ א שטעקנ, לאָז מיכ — אונ בוכ אפ דער ערד, אויסצײַענדיק זיכ ווי גרויס איכ בינ!

אפּאָנעמ, אינ דאַוונענ האָב איכ, זאָל נישט אויסגערעדט זײַנ, געכאַפּט א דרעמל. מײַנ בײַדל, טו איכ א בליק, איז ארײַנ אינ קא-ליוזשע, וואָס אפ דעמ באַלעגאָלישנ לאָשנ הייסט עס א „טינטערל“. אינ דעמ הינטערשטנ רעדל איז פארטשעפּעט אנ אקס פונ עפּעס אנ אנדער בײַדל. דאָס פערדל מײַנס שטייט אינ געהאַקטע וווּנדנ מיט איינ פוס איבער דער האָלאָבלע, פארדרייט אינ די לייצנ אונ סאָפּעט ווי א גאַנדז. פונ יענער זײַט בײַדל שיטנ זיכ טויטע קלאָלעס, אפ ייִדיש, מיט א קײַכנ אונ הוסטנ איניינעמ. א ייִד! טראַכט איכ מיר, איז אָנ סאקאָ-נעס — אונ טו מיכ א לאָז אינ איינ קאָס אפ יענער זײַט וואָגנ. דאָרט אונטערנ וואָגנ ליגט פארפּלאָנטערט אינ טאַלעס-אונ-טפילנ א ייִד, די בײַטש פארדרייט מיט די רעצועס, צאַפּלט אונ ארבעט מיט אלע קויכעס זיכ אויסצודרייענ. איכ שרײַ: סטײַטש! ער — סטײַטש, סטײַטש! איכ באַטל צו אימ אויס אלע כאַלוימעס, ער באַטלט צו מיר, נישט אָנצוקוקנ איינער דעמ אנדערנס פּאָנעמ. איכ פילדער: ווי שלאָפט עס אינ דאַוונענ א ייִד! ער צוריק: ווי פּאָפט עס א ייִד! איכ גיב אימ אינ טאַטנ, ער מיט א צוגאָב אינ דער מאַמענ ארײַנ. איכ שמײַס זײַנ פערדל, ער, אויסבלאָנטענדיק זיכ, לויפט אונ שמײַסט מײַנ פערדל,

ביידע פערדלעך שטעלן זיך דיבאָם, און מיר, שטאַרק אָנגעצונדן, לאָזן איינער צו דעם אַנדערן זיך צו העננדום־פּעגדום, ווי די הענער, מיט דער דרייע אָנצונעמען זיך פאַר די פּייעס. אַקעגן אַ רעגע שטייען מיר שטיל, שאַרף אָנקוקנדיק איינער דעם אַנדערן. עס האָט געמוזט זיך אויסזען מעשונע-ווילד, האָבן דעם זיבעטן כיין: צוויי ייִדישע גיבורים אין טאַלעס־און־טפֿילן שטייען אָנגעדרודלט, גרייט צו באַווייזן זייער גבורה און זיך פּאַטשן אַפֿן פרייען פעלד ווי אין אַ בעסמעדרעש, לעהאַוודל... אַזעלכעס האָט מען בעעמעס געמעגט אַף כידושים גיין זען. מיר שטייען, קוקן, און אָט באַדאַרף שוין פליִען הייסע פּעטש. פּלוצלים שפּרינגען מיר איינער פונעם אַנדערן אַף עטלעכע טריט אָפּ און לאָזן ביידע שטאַרק פאַרוווּנדערט אין איין קאָל אַרויס: „אוי, רעב אַלטער!"... „אוי-אוי, רעב מענדעלע!"

אַלטער יאַקנעהאָז איז אַ יאָדערדיק ייִדל, אַ געשפּיקעוועטער, מיט אַ דיק בייַכל. זיין פּאָנעם איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציק געלע האָר, פון וועלכע ס'איז דאָ געננוג אַף פּייעס, אַף אַ באָרד און אַף וואָנצעס אי פאַר זיך אי פאַר נאָך עטלעכע ייִדן צו באַטיילן. אין דעם יאַם האָר ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, פליישיקע נאָז, וואָס איז דאָס ראָוו יאָר פאַרלייגט, אָן אַ שום היסמאַנעס. נאָר ווען עס מאַכט זיך אין איר אַמאָל עפּעס אַ פאַרענדערונג, אונטער אַ פּאָר־פּייסעך אַשטייגער, בעשאַס עס לאָזט אומעטום, עס גייט די קריזע און דער באַלעבאָס אירער נעמט זי אין דער אַרבעט מיט אַלע פינף פינגער,— דענסטמאָל בלאָזט זי הילכנדיקע טקיעס, ווי אַ שופער. דענסטמאָל קלינגט מיט איר גאַנצ טונעיאַדעווקע. איינייגעם מיט די אינדיקעס דאָרט גיט זי דענסט-מאָל קאָנצערט. אַלע אין שטעטל בלייבן פאַרגאַפט, און עס שיטן זיך איר שמעק־טאַבעקע פון אַלע זייטן מיט ווינטשעוואַניעס יאַקנעהאָזן אָן אַ צאָל: אַסים, אַסים! — איבערהויפּט אין די ייִדישע שטעטלעך צעשפּילן זיך די נעז אין יענער צייט. מיסטאַמע שמעקט דאָך עס

מיט עפּעס אונ עס האָט א טאמ... דאָס איז שוינ דאָרט אזוי געשטעלט, ווי פּארשע „יִסרוי“ ציגלענ זיכ די ציגנ. נישט דאָס בינ איכ אויסנ. אלטער יאקנעהאָז איז א טונעיאָדעווקער מויכער-ספאָרימ, מײַנער א באקאנטער פונ אלטע יאָרנ. ער איז א מענטשל פאר זיכ, נישט שטארק איבערגעשפּיצט, נישט קיינ גרויסער באלדאבערענ, שטענדיק אָנגעבלאָזנ, ווי ברויגעז אפ דער וועלט. האגאמ ער איז בעטעווע נישט קיינ שלעכטער מענטש.

נאָכ דעמ ברייטנ שאָלעמ-אלייכעמ פונ ביידע צדאָדימ, נעמענ מיר זיכ איינער דעמ אנדערנ אויסצופאָרשנ, דאָס הייסט בא אונדז יִדנ געוויינטלעכ: א טאפּ טאָנ אינ וואָגנ, אָדער א שמעק טאָנ, וואָס הערט זיכ.

— וווּהינ פאָרט עס א יִד? — גיב איכ אלטערנ א טאפּ.

— וווּהינ עס פאָרט א יִד? עט...— ענטפערט אלטער צוריק מיט א פרעג, ווי דער שטייגער איז פונ יִדנ, נייִשט צו ענטפערנ גלײַכ, אָפּצופּאטערנ יענעמ מיט „עט“ אונ אָנצושטויסנ זיכ אפנ ווונק — די אלע באָכמעס, וואָס אינ דער מעלאָכע אָנשמעקנ, א טאפּ טאָנ שטעקנ...— א יִד פאָרט! אינ דער ערד מיט דעמ קאָפּ פאָרט ער... אונ רעב מענדעלע פאָרט עס וווּהינ? — טוט ער מיכ צוריק א טאפּ.

— אהינ... וווּהינ געוויינלעכ איכ פאָר אינ דער צײַט.

— איכ שטויס מיכ שוינ אָנ וווּהינ. אהינ, קיינ גלופּסק, וווּהינ איכ פאָר אויכ אצינד,— מאכט אלטער מיט אזא מינע עפּעס, ווי עס ארט אימ, צומ פּידיענ זאָל עס כאָלילע נישט שאטנ.— נאָר פארוואָס, רעב מענדעלע, איז בא אײַכ הײַנט עפּעס מינ-האצאד, מיט א הינטערוועגעלע, אונ פאָרט נישט אהינ מיטנ גלײַכנ שליאכ?

— הײַנטיקס מאָל איז מיר גראָד אזוי אויסגעקומענ, ס'איז רעכט. שוינ טאקע א לאנגע צײַט בינ איכ אפ דעמ וועג נישט געוועג. אונ בא אײַכ, רעב אלטער, פארוואָס איז דאָס עפּעס הינטנ-ארומ? — טו איכ א שמעק,— פונוואנענ קומט עס א יִד?

— פונוואנענ א ייִד קומט! פונ אלדי שווארצע יאָר!.. פונ דעמ שיינעמ יאריד. נאט אײַכ א יארמעלינעצ! אײַנגעזונקענ זאָל זי ווערנ!

אונ דערווײַל, ווי אלטער מײַנער שילט, פלוכט יארמעלינעצ מיט דעמ יאריד דאָרט, פּאָרנ אָנ אקעגנ גויִשע פורלעכ מיט א געשריי, פארוואָס דער וועג איז פארשטעלט. דערנאָכ, ווי זיי האָבנ דערזענ, צוקומענדיק, מיכ אונ אלטערנ, ביידע אינ טאלייסימ מיט גרויסע שעל־ראָשנ אפנ קאָפּ אונ לאנגע ברייטע רעצועס, צעשרײַענ זיי זיכ שוינ גראָבלעכ, מיט געשפּעט:

— באטשיטי, יאקיִ פּאני־בעריי, צאטצי, ע־ע!.. טראסצא וואשי מאטערי, דײַטע דאראָגי! היי, כודקאָ, זשידקי, לאבסארדאקי!..

איכ מיט מײַנ אלטערנ טוענ מיר געשווינד זיכ א נעמ צו די בײַדלעכ מיט אימפּעט. א פּאָר פונ די פּויערימ, כאָטשע נישט פונ ייִדישע קינדער, נאָר עמעס מוז מענ זאָגנ, האָבנ געהאט אזויפיל יוישער צו העלפנ אונדז אינ דער נויט. אונ ביזכוס זייער שטופּ טאקע איז מײַנ בײַדל באלד ארויס פונעמ טינטערל. זיסט וואָלטנ מיר זיכ אוועקגעבאָרעט גאָט ווייס וויפל, אונ נאָכ געקענט מיעס צערײַסנ אונדזערע טאלייסימ. מיט די אייסעווס אינייִנעמ איז שוינ אויסגעקומענ גאָר עפּעס אנדערש: זיי האָבנ געשטופּט אפנ רעכטנ עמעס טאקע, „והידים ידי עשו”, באלד צו דערקענענ געווענ אייסעווס הענט, אונ בא אונדז, לעהאוודל, איז נאָר געווענ „הקול קול יעקב”, דאָס הייסט מיר האָבנ זיכ נאָר געקוועטשט, זיכ געמאכט, ווי מיר שטופּנ קלאָמפּערשט... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. וויבאלד נאָר דער וועג איז געוואָרנ פרײַ, זײַנענ די גראָבע כאמולעס זיכ געפּאָרנ זייער וועגס, אויסדרייענדיק די פּארצעס צו אונדז, אלצ געלאכט, געשפּעט, וואָס מיר גייענ אָנגעטאָנ, ווי גאלאָכימ, לעהאוודל, נעבנ די פערד אינ וועג אונ דינענ דעמ בוירע מיט דער בײַטש אינ דער האנט... א טייל האָבנ, טײַטנדיק אפ אונדז מיט אנ עק פּאָלע, ווי א „כאזער־אויערל”, געשריגנ: „זשיד כאלאמיי!”

אלטערנ האָט עס נישט אזוי געארט. אויכ מיר לײַט! — מאכט ער מיט א קנײַטשל,— פאר װעמענ, מישטיינסגעזאָגט, מע האָט זיכ דאָ צו שעמענ... מיכ אָבער האָט דאָס שפּעטנ זייערס יאָ געארט. גוואלד, ריבוינעשעלוילעמ! פאר װאָס? פאר װאָס? פאר װאָס?..

— אלמעכטיקער גאָט! — זאָג איכ מיט א געבעט אפ טכינע-לאָשנ.— עפנ דײַנע אויגנ אונ טו לוגנ פונ דײַנ הארבעריג, דאָס איז דער הימל, װי דײַנע פאָרכטצומע יידעלעכ זײַנענ צו שפּאָט אונ צו שאנד נײַערט װעגנ דעמ קאָװעד פונ דײַנ ליבנ נאָמענס װעגנ, װײַל זיי פאָרכטנ דײַנ פאָרכט, זיי אכפּערנ דײַנע געבאָט האָפּעדיק מיט װאָרהאפּטיקײַט. דערומ װעלגער אפ אונדז דײַנ בארעמהארציקײַט, אונ לאָמיר טאָנ געפינענ לײַטזעליקײַט אונ כיינ אינ דײַנע אויגנ אונ אינ די אויגנ פונ אלע מענטשנ. באשירעמ דײַנע האָפּעדיקע געליבטע שאָפּ, דײַנ ראכמאָנעס זאָל טאָנ ברומענ אפ דײַנע פארשטאנדיקע פאָרכטער. טו אויכ באגיטיקנ מײַנ מאזל פאר מײַנ לויבונג אונ באַשײַנונג הײַנט דײַנ נאָמענ באשײַמפּערלעכ מיט אכפּערקײַט. טו צושיקנ מיר, דײַנ קנעכט מענדל, דער זונ פונ זײַנ דינסט גנענדל, אונ קאָליסראָעל עפּעס פּארנאָסע, א גוט געשעפטל מיט נאכעס-רועכ, אָמיינ!..

2

פ ישט לאנג שוינ געמאכט, קריכנ מיר ארופ אפ די בײַדלעכ — אונ הײַדא װײַטער אינ װעג ארײַנ. איכ פאָר פאָרויס, אונ אלטער הינטער מיר אפ א בײַדל פונ אלטע צעריסענע ראָגאָזשעס, פיר רעדלעכ נישט קיינ גלײַכע, געקרעמפּעװעטע מיט שטריקלעכ, אונ א קרעמפּעלעצ צװישנ די פלעקלעכ. די אויסגע-

סמילעוועטע קלעצלעכ ווארפנ זיכ אינ אלע זײטנ אפ די אקסנ, סקריפענ, קוואקענ אונ קענענ קיינ ארט זיכ נישט געפינענ. דאס ביידל איינגאנצנ איז זיכ מאטריעכ צו שלעפנ א הויכע, זייער א דארע שקאפע מיט א קרעציקנ, אנגעביסענעמ רוקנ, גאלע אייטער, גרויסע אויערנ אינ א קאלטענעוואטער גריווע, פארפלאנטעט מיט היי אונ קלאטשע, וואס קריכנ ארויס פונעמ אלטנ כאמעט.

פונעמ דאוונענ איז מיר איבערגעבליבנ נאר די שטיקלעכ דרויב צומ לעצט, פונ וועלכע מע מאכט, געוויינטלעכ, עפעס נישט אזא פייערעש. אפגעפאטערט דעמ דאוונענ, הייבט זיכ אנ גאר א נײער אייסעק מיט דעמ יעיצערהארע. נעמ, טארעט ער, כעמ א ביסל בראנפנ! דערקוויק דאס הארצ. — „אי... אי!", ווער איכ מיכ אפ מיט א קנייטשעלע, „שיווא-אסאר-בעטאמוז, אינ אזא טאנעס!" — „עט!", באקומ איכ אנ ענטפער, „א שײכעס א ביסל צווישנ א יידל הײנט אונ נעוואכאדנעצארנ פארצײטנ!.. גרעסערע צארעס איז דא, אונ פונדעסטוועגנ — גארנישט. זײ נישט קיינ נאר. דו ביסט, נעבעכ, אלט, שלאפ, נישקאשע!" — איכ גיב א מאכ מיט דער האנט איבערנ פאנעמ, ווי אפצוטרײבנ א פליג א זלידנע, אונ כאפ דערהוײל א קליינ קוקעלע אפנ רענצעלע דארט אינ ביידל, ווו עס געפינט זיכ בא מיר טאמער א גוט ביסל ספירט, רעטשענע קיכלעכ, קארנלעקעכ, קנאבל, ציבעלע אונ שעאר-יעראקעס. די סמאהע גייט איבער די ליפנ, דאס הארצ כאלעשט, דער מאגנ בורטשעט: גוואלד, א ביסל בראנפנ! גוואלד, עפעס פארבײסנ! — איכ קער געשווינד אוועק דעמ קאפ אינ דער זײט אונ קוק, באטראכט אלצדינג אינ פעלד ארומ מיר, ביכדיי צו פארשלאגנ דעמ בייזנ געדאנק.

דער הימל איז בלוי, לויטער, אנ א פיצל וואלקנ. די זונ בראט, סמאלעט, עס ווייעט נישט קיינ ווינטעלע, מע פילט נישט קיינ ליפטעלע, די טוווע אפ די פעלדער, די ביימער אינ די וועלדער שטייענ

שטיל, ווי צוגעקוועטשט, קיין שאָקל אפילע זיך נישט צו טאָן. קי אָפּ די פּאשע ליגן מיד, אויסגעשטרעקט די העלדזער, שאָקלען צווישן די אויערן, קײַען און מאלעגיירען. אנדערע גראָבן אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שארן מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרײַען פאר גרויס היץ. דער בוהײַ פארבײַסט דעם עק, לויפט גאלאָפּ, ווארפנדיק דעם קאָפּ אין אלע זײַטן, שטעלט פלוצלים זיך אנידער, אָנגעבויגן דעם שטערן הארט צו דער ערד, שמעקט, פּאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט ארויס א ברומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פיס. נעבן אן אלטער, אויסגעקרימטער און האלב-פארדארטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטן אין דער העלפט אמאָל פון א דונער, שטייען פערד, איינער אפן אנדערן פארלייגט די קעפּ, צו מאכן כאָטש עפּעס א שאָטן, און שמײַסן מיט די ווידלען, פּאָטער צו ווערן ווי ס'איז פון די בייזע פליגן. — אפּ א צווײַגל אין דער הייך וויגט זיך א סאָראָקע. אויסזעענדיק פונדערווײַטנס, ווי אָנגעטאָן א ווײַס טאלעסל מיט פאסן טכיילעס פּאָרנט, און דאוונט שאָקלענדיק זיך. זי בוקט זיך, פאלט טאכנון מיטן קעפּל, שפרינגט א ביסל אונטער, א קלייני קראקעלע געבנדיק א פּאָר מאָל. בלײַבט דערנאָך ווײַטער שטיין אָן לאָשן, שטרעקט אויס דאָס העלדזל און קוקט, גלאט אזוי, אין דער וועלט ארײַן, מיט פארשלאָפענע אייגעלעך. — אפּ דעם גאנצן וועג איז שא-שטיל, מע זאָל דאָס הערן ערגעץ א שאָרך, א פּיפּס, מע זאָל דאָס זען פליענדיק ערגעץ א פויגל, נאָר קאָמארן, מיקן טראָגן ווי די רוכעס זיך אין דער לופט ארום, פליען טאנצנדיק פארבײַ די אויערן, טוען א גרילץ, א זזשע, אײַנרא־מענדיק עפּעס א סאָד, און באלד טאקע מארש ווײַטער. נאָר צווישן היי, צווישן טוועס דאָרט שמוצערן די גרילן, זומזען, צימבלען און גייען מיט די טאצן...

ס'איז הייס, ס'איז שטיל, וואונדערלעך שיין. שא! גאָטס באַשעפעניש רוען...

איך ליג מיר פאַר גרויס היץ פאַשעט צעלייגט אַפ דעם וואָגן אין העמד, מעבילע, מיט דעם טאַלעסקאַטן, אונטערגעהויבן אפן שפּיץ קאָפּ דאָס געשטעפּטע פעלפּענע היטל און אראָפּגעלאָזן ביז די פּיאַטעס מײַנע אונטערגענייטע ברעסלער וואָלענע זאָקן, וואָס איך טראָג, באַוווינויסיינו-האָראַבים, אין זומער אפילע, און האָב מעשונע שטאַרק געשוויצט. איך וואָלט דערפון גאַנץ האַנאָע געהאַט אפילע, ווען די זון זאָל מיר נישט געווען זײַן גלײַך אקעגן פּאָנעם, מאַכמעס איך האָב ליב צו שוויצן, און קען שאָענלאַנג אוועקליגן אין באָד העט־העט אַפ דער אייבערשטער באַנק, בעשאַס דער גרעסטער היץ. מײַן טאַטע, זאָל זיך מיען, האָט מיך פון קינדווײַז־אופ דערצו געוווינט. ער איז געווען א הייסער, געבראָטענער, א ברענענדיקער פײַערדיקער ייִד. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו פּאַרען, צו שוויצן און דער־מיט אָפּגענומען די וועלט, זיך שטאַרק באַליבט געמאַכט באַם יידישן אוילעם. עס האָט געשטעקט דערײַנען דאָס פּינטעלע יידישקײַט מיט דעם ברען, און מע האָט אַפ אים געקוקט ווי אַפ א שיינעם, בעגאָטישן ייִדן, געמאַכט מיט דערעכערעץ: „יאָ, אין שמײַסן־זיך איז ער א לאַמדן־מופלעג, ער פאַרשטייט דעם איניען מערכעץ. ער קען, ער קען שוויצן גאָר א כאַריפעס".

שוויצן איז א ייִדישע זאַך. נישטאָ קיין שאַבעס, קיין יאָמטעוו, וואָס א ייִד זאָל פריִער נישט גוט שוויצן. ווער אונטער אלע פעלקער פון די שיווים אומעס שוויצט נאָך אַפ דער וועלט מער ווי ייִדן?.. נישט דאָס בין איך אויסן.

און בעשאַס שוויצן, אײַ ווילט זיך עס קוויקן! עס טריקנט מיר אין האַלדז, עס ברענט מיך א טרונק, איך שטאַרב עסן. דער יעיצער־האָרע נעמט מיך ווײַטער אָן, שטאַרקער ווי פריִער, רעכנט מיר אויס דאָס גאַנצע צעטל ייִדישע מײַכאָלים: א געבראָטענע לעדוויצע מיט קאַשע, א ראָסלפלײַשל, א לאָקשנקוגל מיט א גאַנעוו — און אָנגע־

פֿילט העלדזל אײַנוויינִיק — פֿאַרפֿעלעכ אײַנגעפּרעגלט מיט גריוון. איכ בינ טויט מיט אַלע אייוורים, דער אַפּעטיט איז א שרעק, אונ ער — אַלצ טאַקע ווײַטער: כרעמזל, פּראַקעס, פּיטשע מיט לעבערלעכ-פֿענעצלעכ, רעטעכ מיט ציבעלע, א קראַפּ פֿונ אינדיק אינ א פּאַסטערנאַקצימעס. אונ פּלוצלימ, איכ געדענק ניט וויאַזוי, וואַקסט פֿאַר מײַנע אויגנ ווי פֿונ דער ערד אויס דאָס רענצעלע... „לעכאַיִמ, נאַרעלע!“— רעדט אויס מיר דער רועב.— „גענוג זיכ נאַריש געמאַכט, דו לעקיש אײנער!“ — די האַנט מײַנע שטרעקט זיכ עפּעס, ווי אַליינ פֿונ זיכ, אויס, עפֿנט אופֿ דאָס רענצעלע אונ גיט א כאַפּ דאָס פֿלעשל געשווינד. איכ קוק מיכ אַרומ, ווי א גאַנעוו, אינ אַלע זײַטנ, אונ מײַנ קוק באַגעגנט זיכ מיט דעמ בליק פֿונ פֿערדל, וואָס האָט, קראַצנדיק זיכ אינ דעמ שפּיצ האָלאָבלע, אויסגעדרייט דעמ קאָפּ צומ בײַדל אונ קוקט אפֿ מיר עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזנ, גלײַכ ווי עס וואָלט גערעדט מיט פֿאַריבל: „נאַ, זע! א הינטערשטער פֿוס איז מיר שטאַרק געשוואָלנ, פֿאַרבונדנ מיט שמאַטעס, עס רינט מיר נאָכ אָנ אויג, עס יאַטרעט זיכ מיר דער האַלדז, דאָס מויל זאָל מיר אָפּנעמענ, אויב איכ ווייס דעמ טאַמ פֿונ א האָבער. פֿונדעסטוועגנ — וואָס זאָל איכ טאָנ? — שלעפּ איכ מיכ הונגעריק, קראַנק, צעבראָכנ, נישט אויסצושפּאַנענ זיכ, כאַלילע, פֿונ דער אַווידע“... דאָס פֿלעשל גליטשט זיכ פֿונ די הענט מיר אַרויס, צוריק אינ זײַנ רו אַרײַנ. איכ שטופּ דאָס רענצעלע פֿונ מיר אַוועק ווײַט זייער פֿאַרשעמט, מאַכנדיק דערבײַ מיט א קרעכצ טיפֿ פֿונעמ האַרצנ: אָט פֿונ וועמענ באַדאַרפֿ א ייִד זיכ א מוסער נעמענ, בא וועמענ זיכ לערנענ סייכל! מלפֿנו מבהמות ארץ: ער לערנט אונדז פֿונ די בעהיימעס אינ דער וועלט... ניינ, פֿערדל מײַנס! איכ גיי אויכ אינ יאָכ אונ שפּאַנ מיכ פֿונ דער אַווידע נישט אויס... נישקאָשע, רעב פֿערדל, דער רועב וועט אונדז ביידע נישט נעמענ! אדם ובהמה, א מענטש א בעהיימע תושיע ה׳, העלפֿט גאָט!.. נישט דאָס בינ איכ אויס.

א ייִד, אבי ער האָט איינ מאָל געגעבנ א בראָכ די מיִעסע טײַווע פונ עסנ, מאכט אימ שוינ די אכילע אזוי נישט אויס, אונ קענ דאָס גאנצע לעבנ זײַנס אָפּקומענ קימאט מיט גאָרנישט. אַי הײַנט נאָכ, אינ אונדזערע צײַטנ, געפינענ זיכ זייער פיל ייִדנ, בא וועלכע ס'איז דאָ נאָר א סימענ פונ מאָגנס, טאקע עטוואָס, ווי א קעזאָיִם. אונ ס'איז דאָ א גרויסע האָפּענונג, אז מיט דער צײַט — די טאקסע, באלעטוי־ווע אונ דעסגלײַכנ לאָזנ נאָר נישט פארשטערט ווערנ — וועלנ זיי פונעמ עסנ אלצ מער־מער זיכ אָפּגעוווינענ, ביז עס וועט קומענ דער־צו, אז בא ייִדנ אינ די שפּעטערדיקע דורעס וועט, כוץ מערידנ, אפי־לע אויכ קיינ סימענ פונ קיינ מאָגנ ניט זײַנ. ייִדנ וועלנ דענסטמאָל אינ דער וועלט זייער א שיינ פּאָנעמ האָבנ...

מיט דעמ דאָזיקנ שמועס אצינד בינ איכ אויסנ, אז נאָכנ אוועק־שטופּנ דאָס רענצעלע פונ מיר, בינ איכ געוואָרנ עפּעס שטארקער אונ מיכ שוינ געפילט גאָר קיינ מײַסע נישט. איכ האָב מיר געטראכט פונ מיסכער אונ אונטערגעברומלט עפּעס א טישעבאָוודיק ניגנדל. שוינ, דאכט זיכ, גאָר גוט. טראָגט דער רועכ אָנ א יונגע אָרלטע, א מעכוערעס, מיט א טעפּל פּיליניצעס, דאָס בעסטע לאקעטקע מײַנס. אנ אנדערער אפּ מײַנ אָרט, פונ יענע גוטע לײַט, וואָלט עס גע־נומענ אפּ זײַנע קוילימ: דאָס איז דער יעיצערהאָרע אליינ אינ דעמ געשטאלט פונ אנ אישע געקומענ מיט אנ אויסרייד... נאָר, לוי האָיאָ! איכ בינ א באלנ געווענ אונ זיכ גוט צוגעקוקט, — פּאָשעט, אנ אָרלטע אָנ כאָכמעס! אונ בעטנדיק מיכ אוועקצוקויפנ בא איר די פּיליניצעס איניינעמ מיט דעמ טעפּל פאר צענ גראָשנ, רוקט זי עס מיר אונטער גלײַכ אונטער דער נאָז. דער רייעכ איז מיר פארגאנגענ שטארק אינ דער נאָז, עס וועסערט מיר דאָס מויל, עס קלעמט מיר דאָס הארצ, טונקל ווערט מיר אינ די אויגנ. עס גלוסט זיכ מיר א שרעק! אונ מאכ־מעס מוירע, איכ וועל מיכ נישט קענענ אײַנהאלטנ, כאָפּ איכ אונ

שפרינג אראפ אפ דער ערד שטארק צעקאכט, ווי איינער ראטעוועט זיכ אינ א סרייפע,— אז איכ האב נישט צעבראכנ רוק־און־לענד, איז גאר גרויסע ניסימ! — אונ לאז ארויס נישט מיט מײַנ קאל א געשריי: רעב אלטער! — די קאוואנע מײַנע איז דערמיט געווענ, אלטער זאל זײַנ א שוימער.

אפנ וואגנ אינ דער לענג ליגט ראקומ, מעבילע, מײַנ רעב אלטער, אונטערגעשפארט דעמ קאפ מיטביידע הענט, רויט ווי א צוויק, צעבראשטעט, מיט דעמ רויט־פארוואקסענעמ הארצנ אינ דרויסנ, פארברענט, פארבראטנ, אונ נויט־שוויים באשלאגט אימ, אז דאס הארצ, סאנע־צ׳ענ, האט געריסנ, קוקנדיק אפ אימ.

— הא־א? — מאכט אלטער, דערהערנדיק מײַנ געשריי, עפעס אפ קײַש, נישט רירנדיק זיכ פונ ארט,— וואס איז?

יענע מיט דעמ טעפל פיליניצעס, גיב איכ א בליק, איז שוינ נישטא, ווי אויסגעטריקנט געווארנ. איכ מאכ מיר אנ אויסרייד אונ טו א פרעג אלטערנ:

— וויפל, מיינט איר, זאל אציגד האלטנ א זייגער?

— א זייגער אצינד וויפל זאל האלטנ? — ענטפערט אלטער מיט א פארדומפט קאל.— ווייס איכ? צו די ערשטע שטערנ וועלנ די אויגנ אויסקריכנ געװוג וואורטנדיק, נו, מיילע... א, שטארק הייס!

— א געשמאקע היצ, א־א־א! — רופ איכ מיכ אנ, גייענדיק צופוס נעבנ אלטערס בײַדל.— איר שוויצט, רעב אלטער? איכ מיינ, שוינ צײַט צו פאסיענ. אונדזערע אדלער זײַנענ נעבעכ, מיד, קוימ וואס זיי שלעפנ זיכ. צומ טראקט אפ גלופסק איז נאכ דא א פאר ווערסטלעכ, עפשער נאכ מיט א שמיצל. ניט ווײַט פונדאנענ, דארט ווו עס הייבט זיכ אנ צ׳ענ א וואלד העט־העט ביז צומ שליאכ, זע איכ אינ דער זײַט, לינקס, זייער א גוט ארט צו פיטערנ.

אין עטלעכע רעגע ארום האָבן מיר אראָפּגענומען זיך אין דער זײַט פונעם וועג און צוגעקומען צו יענעם אָרט, וווּ ס'איז געווען וואלד, שיינע פעלדער, א געמויזעכץ און אלע גוטע זאכן. מיר האָבן אויסגעשפּאנט אונדזערע לייבן, געלאָזט זיי פרײַ פּיטערן זיך דאָרט באם ברעג וואלד, און אליין האָבן מיר זיך אונטערגעלעגט אונטער א בוים.

3

אלטער יאקנעהאָז האָט קוים געאָטעמט פאר היץ, אנגסטן האָבן אים באשלאָגן. ער האָט געזיפצט, געקרעכצט, אזוי אז עס האָט מיך פארוואָר באם הארצן אָנגעכאפּט. און ביכדיי אים צו מינטערן א ביסל, אויך טאקע צו ריידן, צו פארברענגען א ביסל די צײַט, לאָז איך מיך ארײַן מיט אים אין א שמועס אזוי:

— אפּאָנעם, רעב אלטער, אײַך איז געשמאק הייס?

— בע! — ענטפערט אלטער גאנץ בעקיצער, עפּעס ווי אָנגעברויגעזט רוקנדיק זיך אונטער דעם בוים, וווּ עס איז נישט געווען אזא גרויסע באהעלטעניש פון דער זון, וואָס עס האָט ארײַנגעשײַנט דורך די צווײַגן.

— פע, נישט גוט פון דעם טאָנעס, וואָס איר קרעכצט אזוי? — מינטער איך מײַן אלטערן, פעסט כא זיך אָפּגעמאכט, מײַן טויט זאָל דאָ זײַן, מוז איך ארויסבאקומען בא אים א וואָרט.

— בע! — מאכט אלטער, און ווײַטער טאקע א רוק אונטערן בוים.

מיט „בע" אליין אָבער האָב איך נישט געוואָלט מיך באגיינגן. אײַ, טראכט איך, דו ביסט א געבראָטענער אקשן! נישקאָשע, דו וועסט

בא מיר ריידנ, היצ, שוויים אינ דער זײַט,— עס מוז זיכ אָנהייבנ פונ געשעפט. דאָס בעסטע, איינציקע מיטל ריידנדיק צו מאכנ א ייִדנ. א ייִד, בעשאס דער גסיסע אפילע, קוים דערהערט ער נאָר עפּעס גע-שעפט, ווערט ער לעבעדיק און דער מאלכאמאָוועס אפילע קענ דענסטמאָל צו אים אויכ נישט צוטרעטנ. דעמ ערגסטנ סוינע מײַנעמ ווינטש איכ נישט ארײַנקומענ צו א סויכער, בעשאס עס דאכט זיכ אים נאָר געשעפט. ער איז מעוואטל דענסטמאָל איטלעכנ, אפילע דעמ בעסטנ פרײַנט, אנ אייגענעמ ברודער, מיט דעמ בליק... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. איכ ווענד מיכ צו אלטערנ מיט אזא שמועס.

— מיר וועלנ, דאכט זיכ, רעב אלטער, מאכנ א געשעפטל, גוט, כלעבנ, וואָס מיר האָבנ זיכ דאָ הײַנט באגעגנט. אײַ, האָב איכ עס הײַנט מיט מיר א מינ סכוירע, גינגאָלד!

דאָס מיטל מײַנס האָט געווירקט. אלטער איז ווי איבערגעביטנ גע-וואָרנ. ער הייבט זיכ א ביסל אונטער און קוקט אפ מיר מיט אופגע-שטעלטע אויערנ. איכ גיב אים ווײַטער אײַנ פּיזעמ, אזוי:

— הײַנטיקס מאָל, רעב אלטער, גייט דאָס געשעפט צווישנ אונדז אפ מעזומענ געלט. איר פאָרט דאָכ פונ יארמעלינעצער יאריד און מוזט, אָנ אײַנאָרע, האָבנ פולע קעשענעס.

— פולע קעשענעס, יאָ! א הארצ פול מיט מאקעס האָב איכ,— זאָגט אלטער שטארק אָנגעברויגעזט. — איכ זאָג אײַכ, רעב מענדל... נאָר נישטמער גאָרנישט, א מענטש אָנ מאזל זאָל נישט געבוירנ ווערנ גלײַכער... אייסאָקימ, עס האָט מיר זיכ געגלוסט נײַע אייסאָ-קימ! אנ אנדערער אפ מײַנ אָרט — הע-הע-הע! בא מיר אָבער איז גאָרנישט, מיט דער פוטער אראָפּ. אזא אומגליק! א ווייטעק נאָר צו דערציילנ. שנײַצ די נאָז און שמיר דאָס פּאָנעמ. נישטמער וואָס, גאָרנישט.

איך האָב גוט אַרויסגעזען, אַז מיט מײַן אַלטערן איז עפּעס נישט גלאַט, ס'איז דאָ אַ צאָרע. אַבי נאָר עס האָט אים זיך געעפֿנט אַ מויל, איז שוין גענוג געווען אַ קליין קוועטשעלע, עס זאָל אים זיך שיטן נײַן מאָס רייד. פֿון מײַן זײַט איז קיין מענ׳ע נישט געווען. איך האָב געטאָן אַ גוטן קוועטש, און מײַן אַלטער האָט זיך צעוויגט, אָנגעהויבן צו דערציילן זײַן אומגליק אַף זײַן שטייגער אַזוי:

— מיילע, קום איך מיר צו פֿאָרן אַף יאַרמעלינעצער יאַריד. קורמענדיק אַפֿן יאַריד, שטעל איך מיך מיט מײַן בײַדל אַף דעם פּלאַץ, פֿאַרשטייט איר מיך, און צעפּאַק מיר דאָס ביסל סכוירע. מיילע בעקיצער,— גאָרנישט. שטיי איך מיר און קוק אַרויס אַף לייזעכץ. געטראָגן אַפֿן יאַריד האָבן מיך די צאָרעס. איך בין הײַנט, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, מ׳עס אין דער קלעם. דער דרוקער מאָנט געלט. מיילע, דאָס איז גאָרנישט — מאָנט ער. ער וויל אָבער, פֿאַרשטייט איר, מער נישט געבן קיין סכוירע!.. מײַן עלטערע בסולע איז שוין אין די יאָרן. אַ בסולע, פֿאַרשטייט איר, באַדאַרף כאַסענע האָבן. מיילע, גיי זשע דריי דעם קאָפּ, זוך אַ כאָסן. כאַסאַנים זײַנען דאָ, אָבער אַ כאָסן, דאָס הייסט, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ כאָסן! איז נישטאָ... מײַן ווײַב באַדאַרף זיך צו די צאָרעס פֿאַרגלוסטן האָבן אַ יִנגל, און נאָך ווען — פֿאַר פּייסעך. איר פֿאַרשטייט, וואָס הייסט אַ ווײַב האָט אַ יִנגל? אַ כאַסענע, כאַסענע הייסט עס! נישטמער, גאָרנישט.

— נעמט נישט פֿאַר אומגוט,— זאָג איך צו אַלטערן,— וואָס איך פֿאַל אײַך אַרײַן אין די רייד. לעמײַ האָט איר אַף דער עלטער גענומען אַ יונג ווײַב, זי זאָל אײַך אַזויפֿיל קינדלען?

— גאָט איז מיט אײַך! — מאַכט אַלטער פֿאַרוווּנדערט.— איך האָב דאָך געמוזט נעמען אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַרײַן. וואָס וויל דען אַ ייִד מיט דעם כאַסענע האָבן? גאָרנישט! אַ ייִד וויל, נעבעך, האָבן אַ גוטע באַלעבאָסטע...

— לעמײַ זשע, רעב אלטער,—טו איכ א פרעג,—האָט איר געגעט אײַער ערשט װײַב אונ איר פארװיסט דאָס לעבנ? זי איז דאָכ געװענ א גוטע באַלעבאָסטע!

—בע! — מאכט אלטער, פארקנײטשנדיק זיכ מיט א פינצטער פּאָנעם.

— קײנ אקאָרע, געלויבט האשעמיִסבאָרעכ, איז אײַער ערשט װײַב אויכ נישט געװענ,— לאָז איכ אלטערנ מײַנעמ אלצ נישט אָפּ.— װוּהינ זײַנענ הינגעקומענ די קינדער, נעבעכ? הא, װאָס?

— בע!..— בעקעט אלטער אָנ לאָשנ, א קראצ געבנדיק זיכ אינ דער פּײע, א מאכ מיט דער האנט אונ א זיפצ טיפ פונעמ הארצנ.

„בע" איז בא אונדז, ייִדנ, א טײַער װאָרט, װאָס האָט זײער פיל טײַטשנ אונ איז א טערעצ אפ אלע קאשעס. „בע" קענ מענ געברויכנ אלע צײַט אינ א שמועס אונ עס זאָל טאָמעד פּאסנ. א ייִד קענ מיט „בע" זיכ טאָמעד אויסדרײענ, װענ ער איז, נעבעכ, אינ דער קלעמ אונ שטײט שמאָל. מיט „בע" סילעקט א שװינדלער, אנ אָנזעצער, אז די באַלעבויװעס טרעטנ צו מיט שטארקע טײַנעס. „בע" שטײט א ייִדנ בײַ אינ דער נויט, װענ עס באַװײַזט זיכ, אז ער איז, נעבעכ, א ליגנער. מיט „בע" קענ מענ אָפּענטפערנ יענעמ, װאָס דולט אָנ א קאָפּ צװײ שאָ, נישט צו הערנ, נישט צו פארשטײנ אפילע אײנ װאָרט פונעמ גאנצנ שמועס. מיט „בע" קומט אָפּ א שײנער, צעבראָכענער ייִד, װענ ער דערלאנגט שטילערהײט א ביס; א שײנע-מוירײנע — װענ ער טוט אָפּ א מיִעסע מײַסע; א דימענטיק מענטשל, אָנ כאָכמעס,— װענ עס לאָזט זיכ גאָר אויס, ער איז געמעלאָכעט, האָט פול פלײ אינ דער נאָז. האקלאל, „בע" האָט אלערלײ טײַמימ, מעשונע װילדע פּײרושימ, װי אשטײגער: רופ מיכ קנאקניסל, לאָד מיכ צומ אונעסאנע-טויקעפ, מע-הײבעטײסע, קוימעמיִעס, געסמאהע דיר פארפול, אונ נאָכ טײַטשנ

אָנ א צאָל. דאָס ייִדישע קעפּל שטויסט זיכ טאָמער אָנ, וווּהינ דאָס וואָרט „בע'' צילט, אונ פאַרשטייט דעמ רעכטנ פּשאַט דערפונ, ווי עס פּאַסט צומ איניענ.

אַלטערס לעצטער „בע'' איז געווענ א ביטערס, מיט גרינע ווע־רעמ. אינ אימ איז געלעגנ עפּעס ווי כאַראָטע, א באַנקרטאָנ, א באַשול־דיקונג זיכ אַליינ. עס האָט אימ זיכער געמוזט ליגנ אויפנ האַרצנ ווי א שטיינ זײַנ מיִעסע באַנעמונג אַקעגנ דעמ ערשטנ ווײַב אונ די קינדער פונ איר. ער האָט געמוזט אינ איטלעכס אומגליק, וואָס אימ טרעפט, זענ א שטראָף פונ גאָט פאַר זײַנע זינד. דאָס האָט באַשײַמפּערלעכ אַרויסגעוויזנ זײַנ ביטערער זיפצ אונ דאָס מאַכ־געבנ מיט דער האַנט. אויכ דער קראַצ אינ פּייע דערבײַ האָט אַזויפיל געהייסנ: „פאַרבײַס די ליפּנ אונ שטומ!.. אינ דער ערד מיטנ קאָפּ!''

איכ האָב מיכ אינ האַרצנ שטאַרק באַשולדיקט, לעמײַ האָב איכ אויפ־גערירט אַלטערס אַלטע ווונדנ. דאָס איז טאַקע די מײַסע מיט א ייִדנ, אַרײַנצומישנ זיכ אינ יענעמס היימישע זאַכנ אונ אַרײַנצוקריכנ מיט שײַלעס יענעמ אינ דער נעשאָמע אַרײַנ, בעשאַס זי טוט ווי אונ וואָרגט זיכ, נעבעכ, מיט די צאָרעס שטילערהייט פאַר זיכ אַליינ. אַכוצ דעמ האָט מיכ טאַקע געערגערט, וואָס די מי מײַנע איז אינגאַנצנ פאַר־לוירנ. אַלטער האָט זיכ שוינ אַזוי פײַנ צעוויגט אונ גערעדט מעכײַע, דאָס ציינגל האָט געקלאַפּט ווי א זייגער, פּלוצלימ באַדאַרפ איכ אָנ־רירנ אינוויייניק א רעדל אונ דער אומרו איז געבליבנ שטיינ! אי־בעראַנײַס מײַנע מיטל, איבעראַנײַס פּיזעמ רעב אַלטערנ. איכ האָב נישט געקאַרגט, ווײַטער אײַנגעגעבנ אַלטערנ רייד־מיטל מיט דער פולער מאָס, צוגעפּאַסט צו אימ א גוט שליסעלע, אָנגעדרייט אימ מיט קונצנ — אונ דער אומרו, דאָס ציינגל זײַנס, האָט ווידער זיכ צעשאָקלט.

4

מיילע, שטיי איך מיר אזוי נעבן מײַן בײַדל,— האָט אלטער וווײַטער אָנגעהויבן צו דערציילן מיט זײַן לאָשן.— בעקיצער, ווי איך שטיי מיר דאָ, קוק איך און באטראכט מיר דעם יאריד. א יאריד—א יאריד, עס קאָכט! דער אוילעם איז גרויס. ייִדן מאכן געשעפטן, שטארק פארטראָגן, פּאָשעט, זיי לעבן. א ייִדעלע אפ א יאריד איז א פישעלע אין וואסער. דאָרט, פארשטייט איר מיך, לעבט עס. יאנקעוו אָווינוס בראָכע טאקע: וידגו — און זיי זאָלן זיך פישלען, בקרב הארץ — אפ דער וועלט.— עמעס, רעב מענדעלע? שטייט טאקע אזוי געשריבן, ווי ייִדן זאָגן: „אפן הימל א יאריד”? הייסט עס, אפּאָנעם, די אוילעמהאבע פאר ייִדן איז א יאריד!.. מיילע, שטייט, נישט שטייט; ייִדן יארידעווען; לויפן, האנדלען, שטייען נישט אײַן אפ איין אָרט. צווישן די סאָכרים זע איך בערל טעלעצע, אמאָל א באהעלפער, דערנאָך א מעשאָרעס, הײַנט רעב בער, שטייט מיט א גרויסע קלייט, פלאמט אפן יאריד. בעקיצער, גאָרנישט. ס'איז א טאראראם, א קאָכעניש. דאָרט, זע איך, לויפט א ייִדל, א צווייטער, א דריטער. אויך פּאָרלעך, פארשוויצט שטארק, דאָס מיצל אפן שפּיץ קאָפּ, דאָ א טאָפּ, דאָרט א טאָפּ, א מאך אהין, א מאך אהער, א דריי מיטן גראָבן פינגער און א קנײַ דאָס שפּיצל בערדל,— געפאלן, אפּאָנעם, אפ א האמציאָע. עס לויפן גאָר אָן א נעשאָמע מעקלער, שאדכאָנים, טאנדעטניקעס, מאכליארקעס, קורעלאפּניצעס, ייִדענעס מיט קוישן, ייִדן מיט טאָרבעס, מיט פינף פינגער, באלעבעסלעך מיט שטעקלעך, באלעבאטים מיט בײַכלעך. איטלעכן פלאמט דאָס פּאָנעם, נישטאָ קיין צײַט, א רענדל א מינוט. מיילע, בעקיצער, גאָרנישט, עס האָט אויסגעזען, אָט כאפּן זיי דאָס גליק. אײַ־אײַ, בין איך עס מעקאַ־נע, ווי איטלעכן גייט דאָס מאזל! איטלעכער פאַרדינט, שעפּט גאָלד,

און איכ, שלימאזל, וואָס? שטיי ווי א לײמענער גױלעמ, פארלײנט
די הענט נעבנ מײַנ צעריסנ בײַדל, באהאנגענ פונ בײדע זײַטנ מיט
ציצעס, קאמײעלעכ, און אינווײניק — שמאָכטעס, פעקלעכ ספאָרימ.
א קאטאָװעס, כלעבנ, טכינעס סאָרע באס-טױיוומ! סאָרע באס-טױיוומ
אינגאנצנ איז ווערט א הרײַער... גיי לעב, צעפיר זיכ מיט איר די הענט,
מאכ כאסענע א מײדל! איכ שילט אינ הארצנ זי, דאָס בײַדל, די דארע
שקאפע מײַנע, האלעווײַ וואָלטנ זײ אפ דער וועלט נישט געווענ! גע-
נוג, מע באדארפ פרווונ דאָס מאזל אויכ עפּעס טאָנ. ארבעטנ. הא-
שעמיזסבאָרעכ קענ עפשער ראכמאָנעס האָבנ, וואָס דענ? בעקיצער, עס
פארײַסט זיכ מיר דאָס היטל, עס פארקאטשענ מיר זיכ די ארבל, מײַנע
פיס גײענ צו, ווי פונ זיכ אלײנ, צו א וואָגנ, און באלד טאקע קײַ איכ
מיר א שטרויעלע, וואָס איז פונעמ וואָגנ פארקראָכנ מיר גלײַכ אינ
מויל ארײַנ. מײלע, קײַ איכ מיר דאָס שטרויעלע, און דער מויעכ מײַ-
נער ארבעט. א קנײטשעלע, אהער, אהינ, און באלד טאקע א קלאפּ
מיטנ פינגער אינ שטערנ: ס'איז דאָ! א שײנ געשעפטל, — א שידעכ
צווישנ צוויי סאָכרימ, לײַטישע מענטשנ, וואָס שטײענ מיט קלײטנ
אפנ יאריד. פארשטײט איר מיכ, ווער? אײנער איז רעב עליאָקימ, רעב
עליאָקימ שאראָגראָדער! דער אנדערער — רעב געצל גרײדינגער. פאר-
בײג איכ מיר מײַנ אײסעק, אינ דער ערד מיטנ קאָפּ דאָס בײַדל, מיט
דער שקאפע, מיט דעמ דרוקער אינײנעמ! טו מיכ א געשמאקנ נעמ
צומ נײַעמ אײסעקל. לעמאזל, עס ירירט זיכ!.. א האָפענונג, עס וועט
פאָרנ. בעקיצער, איכ טרײַב אָנ, עס רוקט זיכ. מײַנער ווײסט נישט
מער, ווי קאלענדרעווענ, לויפנ פונ רעב געצלענ צו רעב עליאָקימענ,
פונ רעב עליאָקימ צו רעב געצלענ. איכ לויפ שוינ, באָרעכאשעמ,
לײַטנ גלײַכ, שטארק באשעפטיקט, נישט ערגער פונ אלע יידנ. איכ
האָרעווע, אקער מיט דער נאָז די ערד, עס מוז ווערנ! — און דאָ טאקע,
אפ דעמ יאריד. וואָס דענ? איז דענ דאָ נאָכ א בעסער אָרט ווי אפנ

יאריד? בעקיצער, אין כאפעניש, אין איילעניש, די מעכותאָנים קוקן זיך אָן, איינער דעם אנדערן געפעלט, ביידע באקומען כיישעק, ווילן שטארק. נו, וואָס זשע באדארף מען נאָך? אז ביידע מעכותאָנים צאַפּלען, ברענען, האָבן כיישעק און זיינען פארטיק!.. איך ווער גרעבער ווי לענגער פאר סימכע. דאָס פארדינסט איז בא מיר גלייך ווי אין קע־שענע. איך קלער שוין אפילע, וויפל נאדן מיין בסולע צו געבן. דיריליך אף איינשיטן האָב איך אף דעם סמאָך געהאנדלט נאָך פריער, שוין געהאלטן אפילע אין קויפן בא א טאנדעטניק א געניצט סאמעטן מענ־טעלע. העמדער, דאָס איז שוין די לעצטע דייגע, ווי גאָט וועט געבן... מיילע, בעקיצער — גאָרנישט! נאָר הערט א מייסע, וואָס קען זיך פארלויפן. אז ס'איז נישטאָ קיין מאזל, זאָל מען בעסער נישט גע־בוירן ווערן. — אז עס האלט שוין בא טעפּ־ברעכן און מע דערמאָנט זיך גראָד ארום כאָסן־קאלע, לאָזט זיך גאָר אויס... וואָס מיינט איר? — א ווייטעק, כלעבן, צו דערציילן. — לאָזט זיך גאָר אויס בוי־דעם! ניין, בוידעם איז נאָך א הונט, א גאָרנישט. עס לאָזט זיך אויס קאפויר. הערט נאָר דאָס אומגליק, דעם שטראָף פון גאָט! ביידע מעכו־טאָנים האָבן — וואָס מיינט איר, האָבן זיי? ביידע האָבן — באָכערים...

— סטייטש, רעב אלטער! — שיס איך אויס מיט א געלעכטער. — איך בעט אייך איבער, ווי אן אייגענע מוטער: ווי פאלט איר אויס צו טאָן אזא שטוסערייַ: ריידן א שידעך, איידער איר ווייסט, ווער פון די מעכותאָנים האָט א בסולע און ווער א באָכערל?

— אוואדע, פשיטע! — גיט זיך אלטער א קרימ שטארק מיט פאַר־דראָס. — איך האָב נאָך, כלעבן, אזויפיל סייכל ווי אנדערע און בא־דארף מיך בא קיינעם נישט לערנען. כלעבן, איז ער דען א ייִד און ווייסט דען נישט, וויאַזוי עס ווערן שידוכים?.. דאכט זיך, רעב מענ־דעלע, איר ווייסט זייער גוט דעם ייִדישן איינפיר, דעם גאנצן שטייגער אין דעם מעשאדעך-זיך-זיין און כאסענע האָבן בא אונדז, ייִדן,

וואָס זשע כידעשט איר זיכ אזוי אפ דעמ אומגליק מײַנעמ, וואָס האָט זייער גרינג געקענט מיט איטלעכנ זיכ מאכנ? — איכ האָב זייער וויל געוווּסט, אז בא רעב עליאָקימענ איז מעכויעוו זײַנ א בסולע, אונ נאָכ וואָס פאר א בסולע! אזא שטיק גאָלד זאָל איכ האָבנ! איכ האָב זי מיט א יאָר פריִער געזענ אליינ מיט מײַנע אויגנ, אזוי זאָל איכ זענ פיל גוטס. נישטמער, גאָרנישט, אז קיינ מאזל איז נישטאָ, העלפט ניט קיינ כאָכמעס. באדארפ די שיינע בסולע קיינ צײַט נישט האָבנ אונ אפ צעשפּרינגעניש כאסענע האָבנ. עפּעס אנ אויסכאפּעניש אפ איר געקומענ, ווי אינ דער בעהאָלע. איכ זאָל דאָס אָנהייבנ כאָטשע עפּעס צו וויסנ. וויסנ זאָל איכ אזוי פונ מײַנ דאלעס! הײַנט פרעג איכ אײַכ, אדעראבע, געדענקט זשע, אז איכ קומ דאָ וועגנ דעמ שידעכ, אונ זאָג גאנצ ייִדישלעכ, ווי געוויינטלעכ: „רעב עליאָקימ! איכ וויל אײַכ מעשאדעכ זײַנ מיט רעב געצלענ". וועמענ האָב איכ פונ מײַנ זײַט געקענט מיינענ? מיסטאמע רעב עליאָקימס בסולע. זי, עס פארשטייט זיכ, מיט רעב געצלס באָכערל. ארויסריידנ עס בעפיירעש איז נאָר א געלעכטער, אנ איבעריקע זאכ, וואָרעמ די קאשע איז דאָכ: פּשיטע! וואָס לאָזט מיכ הערנ? עס פארשטייט זיכ, אז נעמענ נעמענ זיכ נישט צוויי זכאָרימ, ווי דענ זשע? א זאָכער מיט א נעקייווע, ווי דער שטייגער איז. דאכט זיכ, פונ מײַנ זײַט האָב איכ געהאנדלט, ווי עס געהער צו זײַנ. קיינער, בא מײַנ ייִדישקײַט, וואָלט בעסער נישט געהאנדלט. בעקיצער, איכ האָב גערעדט ריינ, שארפ, דעמ רעכטנ איקער: מיקויעכ נאדנ, מיקויעכ קעסט. דערבײַ מוזט איר נישט פארגעסנ, אז אפ א יאריד, אונ דערצו נאָכ מיט סאָכרימ, קענ מענ גאָר נישט ריידנ איבעריקע רייד, בײַזאכנ, נאָר געציילטע ווערטער, דעמ איקער, דאָס געשעפט אליינ: נישטאָ קיינ צײַט. מיילע, האָט איר אײַכ אנ ענטפער פונ מײַנ זײַט. הײַנט לאָמיר גיינ צו רעב עליאָקימענ. רעב עליאָקימ ווידער פונ זײַנ זײַט, הערנדיק, ווי איכ רייד אימ א שידעכ מיט רעב

געצלענ, האָט זיכער דערונטער געמיינט זײַנ באָכער, אנדערש קענ עס דאָך גאָר נישט זײַנ. אימ אַליינ רעדט מענ מיט רעב געצלענ? ווי שיקט זיך עס? און אײַנפאַלנ א בסולע — האָט אימ אויך נישט געקענט, אז ער ווייסט בא זיך זייער גוט, ער האָט כאסענע צו מאכנ א באָכער, נישט קיינ בסולע. מיילע, קומט אויס, ביידע זײַנענ גערעכט. נישטמער, גאָרנישט. הײַנט פארשטייט איר שוינ?

— בע!... — מאך איך, קוים אײַנהאלטנדיק זיך פאר געלעכטער און אָנטועגדיק זיך א קויעך אָנצונעמענ אנ ערנסט פּאָנעם.

— נו, געלויבט איז גאָט, אבי איר פארשטייט! — זאָגט אלטער, א טײַט געבנדיק אפ מיר מיטנ גראָבנ פינגער און מאכנדיק דערבײַ צעצויגנ „אָ"!.. — גלײַך ווי איך האָב מיט מײַנ „בע" געטראָפנ פּונקט אינ קאָרב.

און דעמ עמעס מוז איך זאָגנ, איז מיר אלטערס דערקלערונג ארײַנ טאקע דערנאָך אינ קאָפּ. טא, פארוואָס ניט? אפ דעמ ייִדישנ גאנג, ווי עס ווערנ געשלאָסנ שידוכימ בא אונדז, — פארוואָס זאָל זיך טאקע אזוינס נישט מאכנ? — עס כאפּט זיך מיר פונעמ מויל ארויס נאָכאמאָל „בע", א קוק געבנדיק אפ אלטערנ עפּעס גאָר פרײַנטלעך.

— איאָ! — מאכט אלטער, ווײַטער א טײַט געבנדיק מיטנ פינ-גער, — איאָ, איר פארשטייט! נישטמער, גאָרנישט. איר זײַנט נאָך נישט פארטיק. עס האָט נאָך געצאנקט אינ מיר עפּעס א האָפענונג. נעמ איך מיך צו אנ אייסעקל, לאָז איך עס אזוי גיך נישט אָפּ.

— רעב אלטער, גאָט איז מיט אײַך! וואָס רעדט איר? — שפּרינג איך אזש אונטער פאר גרויס וווּנדער און מיינ זיכער, אלטער איז אינ טאמעז פאר גרויס היצ מעשוגע געוואָרנ. — וואָס פאר א האָפענונג, רעב אלטער, האָט געקענט איבערבלײַבנ, נאָך דעמ, אז עס האָט זיך ארויסבאוויזנ צוויי באסאנימ?

— לאָזט זיך דינען! — נעמט מיך איין אַלטער. — לאָזט זיך דינען, רעב מענדעלע! ס'איז רעכט. עס האָט זיך נאָך געשלאָגן בא מיר אַן אָדער. גאָט גיט די רעפוע פאַר דער מאַקע. פאַרשטייט איר מיך, עס האָט געטאַנצט אין קאָן טעלעצע. נאָך גאָר אַפן אָנהייב איז מיר איינגעפאַלן טעלעצע. דאָרט זיינען שוין דאָ מיידלעך זיבעריע, איר מעגט מיר גלייבן. עס האָט מיר טכילעס זיך געדרייט אין קאָפּ מיטאַמאָל: עליאָקים, געצל, טעלעצע. פון זיי האָט מען באַדאַרפט אויסקלייבן אַ פּאָר. האָב איך באַדאַרפט גראָד בלייבן בא רעב עליאָקימען, און טעלעצע דערווייל אַוועקשטעלן אין דער זייט. מיילע, אַז דאָס אומגליק האָט מיך דאָ אַזוי געטראָפן, וואָס זשע טוט מען? באַדאַרף מען אַרויספירן אַפן פּלאַץ טעלעצע, געהויכט, געקרוינט, שוין מיט דער גאַנצער מוירוינע: רעב בערישל! בעקיצער, איך פאַרטרייב דעם פעלער בא די פּרזעדיקע ביידע צדאָדים. שולדיק־שמולדיק, זיי אַ ביסל, איך אַ ביסל, און אַ ביסל אויך דאָס מאַזל אונדזערס, מיסטאָמע איז נישט געווען מין האַשגאָמאָים, נישט באַשערט, פאַרשטייט איר מיך... עס הייבט זיך אָן דער גרויסער מיזמער: רעב בערישל איז, אָן איינאָרע, אַ גוויר, אַ דימענט, אַ באַלצדאָקע, אַ גאַבע אין פיל כעוורעס. סטייטש, רעב בערישל! דעם טיטל „כאָכעם“ רעכן איך נישט, ווייל עס פאַרשטייט זיך אַליין, עס ליגט שוין אין דעם נאָמען גוויר. מיילע, גאָרנישט. דער פונק האָפענונג האָט אין מיר זיך אַלץ ווייטער מער צעברענט. גם זו לטובה, טראַכט איך, וואָס עס זיינען ווי בוימל אַפן וואַסער אַרופגעשווומען צוויי באָכערים, אַצינד איז דאָ פאַר זיי ביידע טאַקע צוויי בסולעס, גלייך ווי אָנגעמאָסטן. רעב בערישל וועט מיר צורעכט מאַכן אַלצדינג, און עס וועט, אימירצעשעם, זיין גוט. אַהער — אַהין, בעקיצער, איך אַרבעט אַפ אַלע קיילים. איך האָב ווייטער דאָס לויפעניש. דאַכט זיך, אין פלוג, גאָר נישקאָשעדיק, עס האַלט אַפ אַ שטיקל שטייגער. נישטמער, גאָרנישט. באַדאַרף זיך איינמיטנדרינען

אויסלאָזן דער יאַריד. אַן איבערקערעניש, אַלע צעפּאָרן זיך, צעלויפן זיך, אויס געשעפטן, — און פּאַרפּאַלן מײַן מי, אַזויפיל מי!

— הײַנט פאַרשטייט איר? — ווענדט זיך אַלטער צו מיר מיט אַ ניגון פון געוויין, אויסשטרעקנדיק ביידע הענט, ווי ער קלאָגט זיך, גיסט אויס זײַן שווער־ביטער האַרץ און פאַרלאַנגט פון מיר עפּעס אַ הילף. — פאַרשטייט איר שוין? אַז ס'איז ניטאָ קיין מאַזל, דאָס פּיצעלע מאַזל, העלפן נישט אַלע כאָכמעס. אוי, אַ צאָרן פון גאָט איז שוין פון אַ צײַט אַף מיר אויסגעגאָסן געוואָרן, אַ שטראָף פאַר מײַנע זינד. — „אַף מע־זומענע געלט" זאָגט איר? אַן איבעריקן גראָשן האָב איך דען אין קע־שענע, אַז אָך און וויי און ווינד איז מיר!

— אײַ, ווי אין באָד! — צעהיץ איך מיך אַף אַ קאָל און טו מיך אַ געשמאַקן רוק.

אַלטער שטעלט אַף מיר אויס אַ פּאָר אויגן, שאָקלט מיט דעם קאָפּ, שטאַרק אויפגעבראַכט, מאַכנדיק דערבײַ ווי אין דער וועלט אַרײַן:

— אַ גאַנעוו אַ ביסל פון אַ ייִדן! אַ מענטש ווערט, סאָנע־צוּען, צעזעצט, די גאַל שפּרינגט אים פאַר צאָרעס, רעדט, און ער — גאָר נישט! האָט איך זינען זײַן נעפּעשל. אַ קאַטאָוועס, ס'איז הייס ווי אין באָד! וועט צעשמאָלצן ווערן... איך פאַרשטיי, נישקאָשע, ייִדישע אָנ־שטעלן, דאָס וויל אַ ייִד אַ כאַפּ טאָן זיך צוריק, אַרויסזעענדיק, אַז בײַ יענעם איז קיין מעזומאָנים נישטאָ, קיין געשעפטן מיט אים וועט ער נישט מאַכן.

— כלעבן... — רוף איך מיך אָן, אַ צי געבנדיק אַלטערן פאַר דער באָרד, קעמינהעג ייִד. — וואָס פעלט אײַך אײַנן, רעב אַלטער, אַזעלכס צו טראַכטן? איך מיין גאָר עפּעס אַנדערש. אײַער סאַפּ מײַסע אַצינד אַף דעם יאַריד האָט מיר דערמאָנט אין זייער אַ שיינער מײַסע אַמאָל אין באָד, וואָס ליגט מיר אַדהאַיאָם אין טאַם, און קען עס נישט פאַר־געסן. אויב די אייגענע מײַסע, עס זאָל דאָס פעלן אַ האָר. נאָר דאָרט

איז עס געווען בעקיצער, און זיך אויסגעלאָזט מיטן קנאק. מע מעג עס הערן. אָ, איר שוויצט, רעב אלטער! רוקט זיך, זייט מויכל, א קאפעלע אהין, וועל איך מיר ליגן אָט אזוי מיט דעם רוקן צו דער זון און דערציילן.

אלטער ווישט מיטן עק ארבל פונעם העמד אָפ דעם שוויים פון זיין פּאָנעם, נעמט פון דער בוזעם-קעשענע ארויס זיין פּאָרצעלייענע פיפקעלע מיט עפּעס א יעפייפיע אויסגעמאָלט הערופ, מאכט אויס מיט א דרעטל, וואָס הענגט אפ א קייטעלע באם טאָמבאקאָוון דעקל פון דעם ליולקעלע, דאָס קורצע ציבעכל, פון וועלכעס דאָס דינע אויסגעבויגענע מונדשטיקל, ווי אויך דער אונטערשטער טייל, זיינען גרוי־שווארצלעכעביינדעלעך, און דאָס מיטל־שטיקל א ווייכס, אויסגעהעפט ארום מיט זאמד־פּאטשערקעס; פאררייכערט דערנאָך דאָס פיפקעלע, טוט דערביי א קליין קוקעלע אפ דער יעפייפיע און ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אונטער דעם בוים. איך הוסט מיך אויס, טו מיך א רוק און הייב אָן מיין מעשה אזוי:

5

אין דער גלופּסקער געמויערטער באָד האלט זיך זינט א לאנגער צייט אופּ א באָכער — פישקע דער קרומער. ווער פישקע איז, פונוואנען ער איז — דאָס איז נישט מיר, נישט קיינעם איינגעפאלן צו וויסן. גאָרנישט! עס דרייט זיך ארום א באשעפעניש, א פישקע, ווי אלע אנדערע פארוואָרלאָזטע נעפאשעס, זיינע גלייכן, וואָס גיבן זיך א ווייז בא אונדז, יידישע קינדער, עפּעס פון דער העלער הויט, ווי די שוועמלעך, פארטיק מיטאמאָל, מיט די אלע ביינדלעך. מע זאָל עס געווען אָנהייבן זען, ווי זיי האָבן ביסלעכווייז

געשפּראָצט, באַטש האָבנ פונ זיי פריִער עפּעס א סימענ!.. עס זיצנ
זיכ ערגעצ אינ לעבער קאַפּצאָנימ, קינדלענ זיכ שטילערהייט — וועמעס
מעס אייסעק איז עס? — פּרובּפּערנ זיכ אונ מערנ. ס'איז אַנ אײַנאַ-
רע א גרויס גערעטעניש. דאָס קליינוואַרג גיט זיכ א הייב אפ די
פיסלעכ, אונ פּלוצלימ שפּרינגענ ארויס אינ דער וועלט פרישצאַפּל-
דיקע קליינע יִדעלעכ: פישקעלעכ, בײַקעלעכ, באַזמלעכ, יאָסעלעכ, נאַ-
קעטע, באָרוועסע, מיט לײַבסערדאקלעכ, פּלאָנטענ זיכ אומעטומ פאר
די פיס, אפ די גאסנ, אינ די הײַזער אונ די קלײַזלעכ. קיינ שטארק
גרויסנ פארשויִנ קענ מענ פישקענ נישט אָנרופנ. ער האָט א גרויסנ
פּלאטשיקנ קאָפּ, א ברייט גרויס מויל מיט געלע קרומע ציינ, רעדט
שטשיפּיליאווע, קענ נישט קיינ „רייש“ שארפ ארויסזאָגנ אונ הינקט
שטארק אפ א פוס. פישקע איז שוינ געווענ אינ די יאָרנ, פונזײַנטוועגנ
האָט ער שוינ געקענט לאנג באסענע האָבנ אונ מעזאקע זײַנ גלופּסק
מיט עטלעכע קינדערלעכ; נאָר אפ זײַנ פינצטער מאזל, האָט מענ אינ
אימ זיכ פארגעסנ, אונ ער איז, ווי א פוילער מינ אינ אונדזער ספּאָ-
רימ-האנדל, געוואָרנ א לעגער-סכוירע. מע האָט אינ אימ זיכ פארגעסנ
אפילע בעשאס דעמ רעקרוטנ-נעמענ פאר כאָליערע-כאסאנימ, דאָס
הייסט בעשאס גלופּסקער קאָהאָל האָט געכאפּט אינ דער בעהאָלע
וויסטע קאליקעס, דראבעס, שלעפּערס אונ זיי כאסענע געמאכט אפ
דעמ הייליקנ אָרט צווישנ די קוואָרימ, מיט אבי־אָט מיידלעכ, ביכדיי
דורכ דעמ זאָל די שלאפקײַט אופהערנ. אָנשטאָט אימ האָט קאָהאָל
דאָס ערשטע מאָל מעכאבעד געווענ מיט באסענע־האָבנ דעמ בארימטנ
קאליקע יאָנטלענ, וואָס רוקט זיכ אפ זײַנ געזעס מיט צוויי קליינע היל-
צערנע בענקעלעכ אינ די הענט. מע האָט אימ געפּאָרט מיט דער אָרע-
מער יִדענע, די מעפורסעמעס, וואָס האָט גרויסע ציינ ווי לאָפּעטעס
אָנ אנ אונטערשטער ליפּ. די כאָליערע האָט זיכ פאר זיי שטארק דער-
שראָקנ, אונ נאָכדעמ, אז זי האָט פאר שרעק מאזיק געווענ אינ גלופּסק

א סאכ מענטשנ, האָט זי געכאפט די פיס אפ די פלייצעס אונ איז אנט־
לאָפנ... דאָס צווייטע מאָל האָט מענ אויסגעקליבנ נאָכעמצע דעמ
שטאָט-משוגענע, דעמ גרויסנ לעקיש. לעקיש האָט אפ דעמ בעסוילעמ,
פאר א גאנצער איידע שיינע־יידנ, צוגעדעקט דעמ קאָפ פונ יענער
מויד, וואָס איר קאָפ איז פונ קינדווייז אָנ באדעקט, איכ בעט איב
מעכילע, מיט א קרויג אונ אפ וועלכער עס גייט אינ דער שטאָט א רומ
א קלאנג, אז זי איז אָנ אנדרויגענעס. דער אוילעמ, זאָגט מענ, האָט
אפ זייער כאסענע זיכ גאנצ שטארק מעסאמייעכ געווענ, מע האָט זיכ
וויל געטאָנ אונ עפעס גאָר א יאמ בראנפנ צווישנ די מאצייוועס אויס־
געטרונקענ. אָט, האָט מענ געזאָגט, נישקאָשע! לאָזנ זיכ פרוכפערנ,
לאָזנ יידישע קינדער, דער כאָליערע אפ צעשפרינגעניש, זיכ מערנ,
לאָזנ אָרעמע קאליקעס, נעבעכ, אויכ האנאָע האָבנ... נישט דאָס בינ
איכ אויסנ. האקלאל, פישקענ האָט קאָהאָל פארגעסנ. אפ גלופסק איז
געקומענ ווייטער א כאָליערע, אונ פישקענ האָט עס פאָרט נישט גע־
האָלפנ. ער איז געבליבנ א באָכער ווי פריער. אפילע די מומע אָנ א
נאָז, וואָס איר שטייגער איז צו העצקענ זיכ אינמיטנ דער גאס, בע־
שאָס איר קלעזמערל סקריפעט אפ עפעס א מינ פידעלע, צוזינגענדיק
דערצו אפנ בייקעלכנ, נעמט צונויפ אפ א טעלערל נעדאָוועס, ביכדיי
צוויי מייסימ זאָלנ גיינ טאנצנ, קאליקעס, קאפצאָנימ, אָרעמע מייד־
לעכ זאָלנ, כאָלילע, נישט פארזיצנ — אפילע די גוטע, בארעמהארצע־
דיקע מומעניו האָט אינ פישקענ זיכ גאָר פארגעסנ אונ אימ געלאָזט
אומגיינ אָנ א ווייב. ס'איז אווארע, נעבעכ, א גרויס ראכמאָנעס, א
צארבאלעכייימ, נאָר מיסטאמע איז זיינ מאזל שוינ געווענ אזוינס. —
פישקעס גאנג איז געווענ געוויינטלעכ באָרוועס, אָנ א קאפאָטע, נאָר
אינ א גראָב געלאטעט העמד, מיט א לאנגנ פארשמאָלצעוועטנ ארבע־
קאנפעס, אונ טאכטוינימ פונ גראָבע לייוונט מיט א סאכ פאלדנ. זיינ
ארבעט איז געווענ צו גיינ רופנ אפ דער גאס: „באלעבאטימ, אינ באָד

אריַינ!״ פּריַיטיק; און „וויַיבערלעכ, אינ באָד אריַינ!״ מיטוואָכ. זומער, ווענ עס פלעגט זיכ אָנהייבנ וויַיזנ גאָרטנוואַרג, האָט אינ דער יידישער גאַס זיכ געלאָזט הערנ זיַינ קאָל ווי פונ א שליַיענ: „יידעלעכ, אהער! יונגער קנאָבל, יידעלעכ!״. אינ באָד פלעגט ער היטנ דאָס אָנטאָנ, אונטערגעטראָגנ א שעפעלע וואַסער, אריַינלאָזנ א קוויטיק העמד אינ דעם ארבל אריַינ, מיט א קנופּ אינוויינִיק, ווי א מיַיסטער, דערלאַנגט א קויל פיַיער, וואַרפנדיק עס פונ איינ האַנט אינ דער אַנדערער, צו פאַרייכערנ א ציגאַר־טיטונ, און כאַפּנ דערפאַר מיטאמאָל א האַרטנ צווייער אָדער א דריַיער. פישקע האָט זיכ שוינ גערעכנט דערמיט פאַר א שטיקל קלייקוידעש און געהאַט דאָס רעכט אַפ געוויסע זאכנ, ווי אשטייגער: ארומגיינ איינעם מיט דעם פעקל שמיַיסער, באָד־ליַיט, איבער די הײַזער, נאָכ פּורים־געלט, כאַנעקע־געלט, קומענ מיט דער קאָמפּאַניע אַפ א לעקאַכ־און־בראַנפּנ, אַפ א קרישמע־לייענ, אַפ א ברים בא באַלעבאַטים אינ באָד, און כאַפּנ א קויסע מיט א שטיקל האָניק־לעקעכ, און ארומגיינ פּייסעכ מיט א טאָרבע צונויפנעמענ בא די באַלעבאַטים שטיקלעכ מאַצע. — איכ האָב פישקענ זייער גוט געקענט, פלעג ליב האָבנ אריַינצולאָזנ זיכ מיט אים אינ א שמועס און אָנקוועלנ אמאָל פונ זיַינע ווערטער. ער איז גאָר נישט געווענ אזא מיעסער שויטע, ווי ער האָט אויסגעזענ. וואָרעמ ווענ איכ בינ נאָר אינ גלופּסק, איז בא מיר די ערשטע זאכ פונ אלע מעלאָכעס זיכ אראָפּצוכאַפּנ אינ דער געמויערטער באָד, אויסצופּרודענ די זאכנ, די זאָקנ און צו פאַרענ די ביינער אַפ דער אייבערשטער באַנק. זאָגט איַיכ, וואָס איר ווילט, דאָס איז דער בעסטער טיַינעג בא מיר. וואָס קענ, דאַכט זיכ, בעסער זיַינ פונ שוויצנ? איכ זאָג איַיכ בעפּיירעש נאָכאמאָל: אצינד־אָ אפילע וואָלט איכ אויכ שטאַרק האַנאָע געהאַט פונעמ ביסל שוויס, ווענ די זונ זאָל מיר נישט זיַינ אקעגנ פּאָנעמ.

— רוקט זיכ נאָר, רעב אלטער! רוקט זיכ, זיַיט מויכל, וויַיטער

אַ ביסל! אָ, איר האָט איצט, אַן אײַנאָרע, גאָר דעם גוטן שוויים. טוט זיך נאָר, זײַט מויכל, אַ רוק, אָט אַזוי, אַזוי...

— נו, אַן עק, אַ סאָף זאָל עס האָבן! — מאַכט אַלטער אָנגעברויגעזט. — איך ליג שוין, דאַכט זיך, גוט. ציט נישט, איך בעט אײַך, באַ דער נעשאָמע און מאַכט עס בעקיצער.

— האָט צײַט, רעב אַלטער. דער טאָג איז נאָך גרויס, — רופּ איך מיך אָן און הייב אָן ווײַטער צו דערציילן.

— ...אַז איך בין געוועזן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין גלופּסק און פֿונדערווײַטנס אַפּ דער גאַס דערזען פּישקען, בין איך פּאַשעט אויס דער הויט געשפּרונגען פֿאַר גרויס וווּנדער. פּישקע מײַנער, זע איך, גייט מיט די קרומע פֿיס, אָנגעטאָן ווי אַ שטשאָגעל אין אַ שפּאָגל-נײַע טשערקאַסענע קאַפּאָטע, מיט נײַע שיך און זאָקן. אַפֿן קאָפּ אַ גרויס פּליסן היטל, און אַפֿן האַרץ בלישטשעט אים, ערשט נײַ פֿון דער גאָרל, אַ לײַבצודעק פֿון האַרט אָנגעקראָכמעלטן ציץ מיט גרויסע רויטע קוויטן. וואָס קען עס באַטײַטן? טראַכט איך באַ מיר. זאָל זײַן עפּשער, קאַהאָל האָט אים אויסגעקליבן פֿאַרט פֿאַר אַ כאָליערע-כאָסן? נאָר אַפּ גלופּסק אָבער איז אין יענעם יאָר קיין כאָליערע נישט געקומען. נישט דעריבער, ווײַל מע האָט עפּשער אויסגערייניקט דעם טײַך, צוגענומען די בערגלעך איפּעשדיקע בלאָטע און די געפּייגערטע קעץ פֿון די גאַסן, אָדער באַלעבאַטים האָבן געמאַכט אַ האַסלע, אָפּצעלאָכעס דעם גאַנצן אַלטן מינהעג, ווײַטער נישט אויסצושיטן דעם מיסט, אויסצוגיסן די פּאָמעניצעס אונטער דער נאָז, פֿאַר די הײַזער? כאָליִע! ווי קען מען אַפּ אַזאַ ייִדישער קעהילע אַזוינס גאָר טראַכטן! נאָר וואָס דען? ס'איז גלאַט געוועזן נאָר ריינע ניסים... ייִדן האָבן אַפֿילע דענסטמאָל זיך געקלאָגט אַפּ די בײַכער, צוביסלעכווײַז אויך אונטערגעשטאָרבן. נאָר דאָס איז געוועזן גלאַט אַזוי, אַן איבערגאַנג. מע האָט עס צוגעשריבן די גרינע אוגערקעס. דער אָרעמער אוילעם האָט מיט

א הייסנ הונגער זיכ צוגעכאפט צום יונגנ גאָרטנוואַרג אונ... ס׳איז, געלויבט גאָט, מיט כעסעד... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. דערווײַל, ווי איכ טראַכט דאָ אונ וווּנדער מיכ אַזוי, איז פישקע פארשווּוּנדנ געוואָרנ. גראָד בינ איכ, נישט הײַנט געדאַכט, דענסטמאָל געפאַלנ אַפ די קריזשעס, געליטנ שטעכעניש, ישוינ טאַקע א לאַנגע צײַט נישט געלאָזט צו דער אָדער, נישט געשטעלט קיינ באַנקעס, אַכוץ נאָר אַקעגנ א צענ פיאַווקעלעכ אינ דער גאַנצער צײַט פונ עטלעכע כאַדאָשימ. נו, האָב איכ מיר פירגענומענ, מאָרגנ, בעלי־נעדער, גיי איכ באַצײַטנס אינ באָד, וועל דאָרטנ צוברענגענ גוטע עטלעכע שאָ, אונ שוינ אָנ־שמעקנ דאָרט אַלצדינג... נישט דאַפקע וועגנ פישקענ אַליינ, ווי אויכ טאַקע וועגנ אַנדערע וויכטיקע זאַכנ: מיקויעכ פאָליטיקע, פּאָטשטנ אונ אַלצדינג, וואָס קאָכט זיכ, פּאַרלויפט זיכ אַפ דער וועלט אונ אינ דער שטאָט. דאָס איינציקע שטיקל אָרט פאַר יידנ אַפ צו שמעקנ, אַרויס־צוגעבנ, וואָס עס בורטשעט איכווייניק אינ זיכ, אונ כאַפנ צוריק עפּעס א לעק פונ אַנדערע. דאָרט, אינ דער באָד, ווערט מענ געוווּיר פונ זייער פיל סוידעס, דאָרט ווערט אָפּגעמאַכט זייער פיל געשעפטנ, אונ עס רודעוועט זיכ מער נאָכ ווי אַפ א יאַריד. מע באַדאַרפ אַהינ קומענ אינ א פרײַטיק, זעט מענ שיינס: אינ אייג ווינקל זיצנ רויפימ מיט דעמ קליפּערצײַג, אַרומ זיי יידנ א סאַכ. איינ רויפע גאָלט קעפּ, דער אַנדערער רויפע מיט א בריטווע צעקאַרדאַשעט פּלייצעס, שטעלט באַנקעס דעמ, כאַפּט אַראָפּ געשטעלטע באַנקעס בא יענעמ, אונ יידיש בלוט גיסט זיכ טײַכנווײַז אַפ דעמ פּאָל, אונטער מענטשנ, פאַרמישט אינייינעמ מיט בלעטלעכ פונ בעזעמער אונ אָפּגעגאָלטע האָר. דעמ רוי־פעס ברענענדיק ליכטל שמעלצט זיכ מיט א צעפלאָכטענעמ קנויט, שפּריצט, בריזגעט מיט א בייזער, מיט א פלאַמ־פײַער פונ א מיסע־מעשונע־קאָליר... — אַפ די ווענט, אַפ דער סטעליע נעבנ אויוונ הענ־גענ, ווי אינ דעמ גרעסטנ מאַגאַזינ, אַלערליי קליידער: העמדער, זאָקנ,

קאַלאַמינע ליַיבצודעקנ, אַלע סאָרטנ טאַכטוינימ, קאַפּטנס, קאַפּאָטעס, אויכ קיַילעכדיקע פּעלצענע היטלענ.— פונ דער אייבערשטער באַנק לאָזנ זיכ הערנ שרעקלעכע קוילעס. א טייל ייִדנ ליגנ דאָרט אָנ קוי־בעס, זיפצנ אונ קרעכצנ; א טייל זיַינענ געוואָפנט מיט בעזעמלעכ אונ שריַיענ: „גוואַלד, ייִדישע קינדער! גוואַלד, האָט ראַכמאָנעס! גוואַלד! גוואַלד, פּאַרע!..” אינ באָד ווערט קאַלט, אַלע שריַיענ, אונ איינער שטרעקט נישט אויס א האַנט אופצוגיסנ אַפנ שטיינ, ביז צומ סאָפ געפינט זיכ עפּעס א וויַיסער-בעוורעניק אונ מאַכט אָנ אַזא היצ ווי אינ געהענעמ, אַפ דערשטיקט צו ווערנ. צוויי אויסגעוויקטע ייִדנ שלאָגנ זיכ דאָרט פאַר א ראַשקעלע, אויסריַיסנדיק איינער פונעמ אַנ־דערנס הענט מיט זידלעריַי — א שרעק! א דאַרער מעלאַמעד, וואָס בלאָנקעט זיכ דאָ אַרומ אָנ געציַיג, לייגט זיכ אַריַינ אינ שאָלעמ, מאַכט א פשאָרע — אונ אַלע דריַי טונקענ זייערע פאַרשמאָלצעוועטע פּאַ־טשיילכנס אונ וואַשנ זיכ פונ איינ ראַשקעלע. אויבנאָנ, אינ א קופּ־קעלע, זיצנ מעיובאָסימ, נעגידימ, ליַיטישע מענטשנ אונ שמועסנ איי־סעק, פונ טאָג־זאַכנ: מיקויעכ די טאַקסע, מיקויעכ היַינטיקע אַזעס־פּענעמער, מיקויעכ דעמ נאַבאָר, מיקויעכ די וויבאָרעס אַפ גלאַסנעס, אַפ א ראָוו, מיקויעכ אַכצנ־אונ־דריַיצנ אונ מיקויעכ דעמ ניַיעמ פּאָליצ־מייסטער. צו זיי שאַרט זיכ צו, ווי א קעצעלע, עפּעס א שיינער־ייִד אונ מאַכט א שמועס מיקויעכ דער טאַלמעטוירע, מיקויעכ די ניַיע גזיירעס, מיקויעכ באַטאָזמ אינ שטאָט, אונ ראַמט דערביַי איטלעכנ איַינ סוי־דעס אינ אויער... פּלוצלימ קומט צו איינער א ווילער-יונג, וואָס שאַרפט די ציינ אַפ גלאַסנע, אונ פאַרבעט מיט א כניפּע־שמייכעלע אַפ דער אייבערשטער באַנק דעמ גרעסטנ יאַכסנ אונ באַלדייע, ווייַלכנ ער וויל א ביסל אויספּאַרענ טשאַקנדיק מיט זיַינ קאָוועד אַליינ. דער שיינער־ייִד, וואָס האָט אויכ א קוק אַפ עפּעס א היסמאַנעס אונ וויל אָפּלעקנ א ביינ, פאַלט דעסגליַיכנ אַפ דער אייגענער האַמצאָע, טוט

זיכ א בייג מיט א כניפעלע אונ פארבעט אויכ א יאכסנ צומ טאנצ. אלע קריכנ ארופ אויבנ אפ דער באנק, די בעזעמלעכ הייבנ זיכ, אונ די געשעפטנ זײַנענ אָפּגעמאכט... ביזכוס די מעיוכאָסימ ווערט אינ באָד געשמאק הייס. קליינ אונ גרויס, יונג אונ אלט כאפּנ זיכ צו די קיילימ. דער אוילעמ קרעכצט, אויקעט, פּאַסמאקעוועט זיכ אפ אלערליי קוילעס,— אונ דענסטמאָל קריכט מײַנער ארופ העט-העט הויכ אינ א ווינקעלע, ב ע י ע כ י ד ע ס, פאר זיכ אליינ, אונ טוט זיכ א נעמ פּארענ די ביינער אפ וואָס די וועלט שטייט.

— אוי, רעב אלטער, א רוק! כאָטש א קליינ רוקעלע, אהינ, אהינ א ביסל קיינ צאָפנ-זײַט...

אלטער קוקט מיכ אָנ עפּעס ווי אָנ אָנשיקעניש, מאכנדיק מיט די אקסלענ: נא, נא!

— האָט צײַט א ביסל,—נעמ איכ אימ אײַנ,— וואָס איז אזוי דאָס כאפּעניש? באלד, באלד. לאָמיכ נאָר א קאפּעלע זיכ אָפּרוענ.

6

אלטער האָט זיכ עפּעס צו שטארק געפּאָרעט מיט דעמ מונד-שטיקל, וואָס איז געווענ מעמ פארלייגט. דערנאָכ האָט ער עס אָפּגעדרייט פונ ציבעכל, שילטנדיק עס מיט פּאר-דראָס, אײַנגעזעצט אָנשטאָט אימ א געגדזנ-פּענדל, פּארייכערט אפּ-דאָסנײַ זײַנ פּיפּקעלע — פּופּ-פּופּ-פּופּ — אונ ארויסגעלאָזט ווי פונ א קוימענ א גאנצנ וואָלקנ רויכ. איכ האָב א ביסל אויסגעגלײַכט די אל-טע ביינער אונ ווײַטער אָנגעהויבנ צו דערציילנ.

אפ מאָרגנ בינ איכ געקומענ אינ באָד באצײַטנס, א סאכ פרײַער, איידער דער אוילעמ איז זיכ ביסלעכווײַז צונויפגעקומענ. בערל דער

שמײַסער איז געזעסן אין הויז אפּ א באַנק צװישן ראַשקעלעך, אױפּגעשטעלט װי א טורעם אײנער אין די אַנדערע, און געבונדן בעזעמלעך, איבערקוקנדיק די בלעטלעך מיט אַזאַ ערנסט פּנים, װי א ייִדענע קלײַבט אַרבעס. נישט װײַט פון אים שטײט נעבן אױװן איציק דער היטער, א ייִד מיט א גרױסער באָרד, װאָס איז אין דעם ברױט א יאָר דרײַסיק, טומ נישט מער, װי קוקן מיט צונױפגעלײגטע הענט אפּ די פּעקלעך זאַכן, צװױנטשעװענע איטלעכן באַם אַרױסגײן פון מערכעצ: „צו רעפוע!” און ציט דערפון דאָס שטיקל פּאַרנאָסע. ער גענעצט אפּ א קאָל, אױסצױענדיק דערבײַ די הענט אין דער הײך, מאַכט א כעזשבן, װיפל דאָס װײַב בעט אפּ שאַבעס, שמועסט איבער מיט בערלען פון די הײַנטיקע שײנע פּאַרדינסטן, שפּעט אױס איטלעכן פון די באַלעבאַטים באַזונדער, מאַכט אַלע אױסצודרײען: דער איז אַזױנער, יענער — אַזױנער, נישטאָ די מענטשן, װאָס אַמאָל, גאָר נישט דאָס מערכעצ, װאָס פריִער. װײניקער פון א זעקסער האָט דער קאָרגסטער אפילע נישט געװוסט. און הײַנט... — טוט ער א שפּײַ און לאָזט אױס: הײַנט מעגן זײ אַלע די קאַפּאָרע װערן!

בערל און איציק האָבן מיר געמאַכט א גרױסן „באָרוך־האַבאָ”. שױן טאַקע א היפּשע צײַט, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען, און איך בין בא זײ געװוען זײער אַן אָנגעלײגטער גאַסט. מיר האָבן זיך צעשמועסט װעגן פיל זאַכן, און כ׳בין אין דער מיט שמועס אַרופגעקומען אפּ פישקען. װו, פרעג איך, איז אונדזער פישקע?

— פישקע! — מאַכט בערל, א טרעסע געבנדיק דאָס בעזעמל. — הע־הע! פישקע איז א מענטש, א באַלעבעסל, איבערגליקלעך.

— פישקע! — זאָגט איציק, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — פישקע איז הײַנט א פּאָרעצ, אױסער זײַן שאָדן, געזאָגט געװאָרן אפּ א סאַך!.. נו, פישקע! ער האָט זיך גאָר קײנמאָל אַזױ גוט נישט געװונטשן.

אָט וואָס בערל דער שמייסער האָט מיר לעסאָפ דערציילט.

— ...א דאָנערשטיק פארנאכט אייבמאָל, אײַנהייצנדיק אינ אלע אויוונס אונ זיכ שטארק אָנגעמאָרדעוועט פונ דער ארבעט, לייג איכ מיכ מיט כעוורע אינ באָד אפ די בענק, א ביסל דעמ אָטעמ צו כאפּנ. כוץ אונדז זײַנענ דאָרט געלעגנ אויסגעצויגנ נאָכ עטלעכע ייִדנ, באטלאָנים, וואָס האלטנ זיכ דאָ אופּ. ווי מיר ליגנ זיכ דאָ אזוי רויִק, רייבערנ אונ שמועסנ זיכ אזוי גאנצ פריילעכ, מיטאמאָל הערנ מיר, ווי מע פּאָרט עפּעס צו, גלײַכ צו דער באָד. נו, צוגעפּאָרנ — צוגעפּאָרנ! וואָס מאכט עס אויס? איידער מיר קוקנ זיכ ארומ, קומענ ארײַנ דרײַ אײַזערנע, געזונטע פּארשוינענ, אלע אינ איינ קאָל: „גוט-נאָוונט, ייִדנ! ווו איז פּישקע? גיט אהער פּישקענ!..” דאָ האָב איכ מיכ שוינ טאקע א ביסל ווי דערשראָקנ: וואָס הייסט עס פאר א לאָשנ, עפּעס גאָר אינ אייג אָטעמ: „גיט אהער פּישקענ”. באלד אָבער האָב איכ זיכ צוריק מעיאשעוו געווענ, וואָס איז דאָ אזוי דער שרעק? קיינ גאנעוו, כאָלילע, איז פּישקע ניט, עפּעס געשעפטנ גרויסע מאכט פּישקע אויכ ניט, אונ ווענ אפילע די פּארשוינענ זײַנענ כאפּערס, וואָס זשע הערט זיי פּישקע? אקוראט ווי דאָס מילכעדיקע קלינגל. מיט זײַנע מײַלעס איז פּישקע, באָרעכאשעמ, באוואָרנט פאר א רעקרוט.

— פּישקענ באדארפט איר? — רופּ איכ מיכ אָנ באהארצט. — ער איז אציגנד נישטאָ. נאָר זאָגט מיר, פעטערס, צו וואָס טויג אײַכ פּישקע? איכ וויל עס ווייסנ.

די ייִדנ קוקנ זיכ איבער א ווײַלע צווישנ זיכ, דערנאָכ טרעט איינער פונ זיי ארויס אונ מאכט צו מיר: מעהייכעטייסע, מיר וועלנ אײַכ זאָגנ. פארוואָס נישט? מע האָט, כאָלילע, דערמיט זיכ נישט צו שעמענ: דאָס איז א ייִדישע זאכ. די מײַסע דערפונ איז אזוי:

די בלינדע יעסוימע קענט איר דאָכ, די בלינדע יעסוימע, וואָס זיצט שוינ פונ גאנצ לאנג נעבנ דער טויטער שול, באמ אלטנ בעסוי-

לעמ, און בעט נערװוּעס מיט דעמ באַקאַנטן לידל, וואָס איינער פונ די בעריעס האָט אפ איר געמאַכט. די דאָזיקע בלינדע יעסוימע איז הײַנטיקס יאָר געבליבנ אנ אלמאָנע. זי האָט זיך געװאָלט גיכ צו פאַר-קנאַסנ מיט עפּעס א טרעגער, זיך מיסכײַעוו געווענ אימ אויסצוקליידנ באַלעבאַטיש און געבנ אימ זײַנ באַדערפעניש, דערצו נאָכ א ביסל געלט. הײַנט האָט געזאָלט זײַנ די כופּע. מע האָט אָנגעגרייט זייער א גוטע װעטשערע: בראַנפנ, בולקעס, פיש און טאָפּ־געבראָטנס. א גיל-דענע יויך מיט אויפּעס, ווי דער שטייגער איז בא ייִדישע קינדער. דאָס אלצדינג קאָסט געלט. אז מענ איז אינגאַנצנ פאַרטיק געוואָרנ, די קאַלע אויסגעפּוצט, אויסגעשלייערט, שײַנט, לויכט, ווי א ייִדישע טאָכטער, איז מענ געגאַנגענ צו דעמ כאָסנ, נעמענ אימ צו דער כופּע. דער טאַכשיט אָבער, הערט נאָר, איז גאָר נישטאָ אינ דער היימ! מע וואַרט א שאָ, נישטאָ. מע וואַרט נאָכ א שאָ, ער קומט נישט. ער איז ווי אויסגעטריקנט געוואָרנ! וואָס לאָזט זיך צומ סאָפ אויס? דער באָ-כער, ברענענ זאָל ער, האָט כאַראָטע! באַשער זײַנ באָבע, וואָס איז אזויפיל יאָר שוינ א קעכנע בא אונדזער גוויר, לאָז געזונט זײַנ, וויינט, ליאַרעמט, פּילדערט, שרײַט אפ דעמ שידעכ, ס'איז איר נישט לעקאָ-ווער. זי דינט פאָרט אזא צײַט באַמ היגנ גוויר, איז אויסגעקאָכט מיט א סאַכ באַלעבאַטימ אינ דער שטאָט, וואָס גייענ צומ גוויר אפ דער הינטערשטער טיר דורכ דער קיכ. זי קענ מאַכנ א גוטנ קוגל מיט כאַנ-ציעס קאַבאָלע, און צו אירע כרעמזלעכ איז קיינ גלײַכנ נישטאָ. עפּעס א קאַטאָוועס, א קעכנע אינ דעמ גווירס געזינד, וואָס האָט אינ יאָטקע די גרעסטע דייע, וואָס דער שאַמעס פונ דער שול ברענגט איר, מיט זײַנ קאָוועד אליינ, דעמ עסרעג בענטשנ, וואָס דער אונטער־כאַזנ אינ דעמ קלײַזל לייענט איר פּורימ די מעגילע אינ דער קיכ און ריקלע די זאָ-גערנ טרינקט בא איר א גלעזל ציקאָריע ראָשעשאָנע נאָכ אויסנעמע-ניש. פאַרוואָס זשע זאָל הײַנט דאָס אייניקל איר אפ דער עלטער דאָס

פּאָנעמ פאַרשוואַרצנ און צעשטערבענ איר דעמ גאַנצנ יובעס? ניינ, באַטש האַקט אימ און בראָקט אימ. שרײַ בײַוועקיײַעמ, עס העלפּט נישט. ער וויל נישט דעמ שירעכ, וויל נישט די קאַלע. רופּט מיכ, זאָגט ער, קנאַקניסל און לאָדט מיכ צומ אונסאַנע־טויקעפּ. — מיר אַלע זײַנענ געבליבנ ווי אַפּ דער מילכעדיקער באַנק. עס טוט אָבער קיינעמ נישט אַזוי באַנק דער כאָסנ, ווי די וועטשערע. וואָס טוט מענ מיט דער וועטשערע, מיט אַזעלכע פּיש און געבראָטנס? מיר, מיסאַסקימ, האָבנ אַ גאַנצנ טאָג זיכ אָנגעמאָרדעוועט, אַרומגעלאָפּנ, געטאָנ, געאַרבעט, אונדז קומט נאָכ אויכ פּונעמ שאַדכאָנעס. אַנ אַוויירע, כלעבנ, אַזויפיל מי, אונדזער מי, אונדזער אַרבעט. מיר האָבנ געטראַכט, געטראַכט, געקלערט, געקלערט, און אונדז איז אײַנגעפאַלנ: פּישקע! לאָז ער, כלעבנ, אַרויספירנ איטלעכנ פונ דער נויט. לאָז פּישקע, כלעבנ, זײַנ דער כאָסנ. וואָס מאַכט עס אויס? וואָס קענ עס אימ אַרנ? מיר זײַנענ דאָס אַצינד געקומענ נעמענ אימ באַלד טאַקע צו דער כופּע, אָנשטאָט דעמ טרעגער.

אינ דעמ, ווי די יידנ טײַנענ דאָ אַזוי, קומט אָנ פּישקע. מיר האָבנ אימ געטאָנ אַ נעמ, געכאַפּט די קאָשערע מעציע, נישט צו מאַכנ מיט אימ קיינ פיל האַסבאָרעס, קיינ לאַנגע שײַלעס: גיי, באָכער, מיט די קראַנקע פּיס, געניג זיכ געפּאַסעט! גיי, באָכער, אונטער דער כופּע! — מע האָט אַלצדינג אָפּגעמאַכט גאַנצ געשווינד, נאָכ איידער פּישקע האָט צײַט געהאַט אַפילע זיכ אַרומצוקוקנ. כעוורע האָט געהאַט אַ גוטע וועטשערע, געגעסנ, געטרונקענ אַפּ וואָס די וועלט שטייט און צוגעווינטשעוועט דעמ נײַעמ פּאָרפאָלק.

פּישקע גייט עס הײַנט אינ דער טשערקאַסענער קאַפּאָטע, וואָס אינ איר האָט געזאָלט גיינ דער טרעגער, און איז גאָר דער ווילער־יונג. זײַנ אַרבעט איז הײַנט — אַרויסצופירנ אַלע פרימאָרגנ זײַנ ווײַב, די בלינדע יעסוימע, אַפּ איר אָרט, נעבנ אַלטנ בעסוילעמ, און טכילעס־האַלײַלע אָוועקצופירנ זי פונ דאָרט צוריק אַהיימ. מיטנ עסנ און טרינ-

קענ האָט פּישקע נישט וואָס צו זאָרגנ. זײַנ װײַב איז אנ אײשעס־כײַעל, האָט א שטענדיקע גוטע פּארנאָסע אינ די הענט. דאָס פּאָרל האָט זיכ ליב, אײנער דעמ אנדערנ האָט נישט, כאָלילע, אויסצוזעצנ קײנ כעסרוינעס...

— אָט דאָס, רעב אלטער, האָט מיר דערצײלט בערל דער שמײַסער. זעט איר שוינ, — רופ איכ מיכ אָנ, — וואָס אפ דער וועלט קענ זיכ טרעפנ. ווּאזוי מע פּאָרט בא אונדז, ייִדעלעכ, הינקעדיקע מיט בלינדע, ווּאזוי מע שטעלט כופּעס, מאכט זיוווגימ. צוליב וואָס? די טוערס זאָלנ זיכ זאט אָנעסנ, אָנטרינקענ. אזוי איז באמ געמײנעמ אוילעמ, בא די אָרעמע, אונ אזוי אויכ בא די נעגידימ. דאָרט ווערנ אויכ זײער אָפט געשלאָסנ אזעלכע מינע שידוכימ, וואָס נישט געשטויגנ. עס פארשטײט זיכ, צוליב אנ אנדער מינ וועטשערע, מיט אנ אנדער כײנ... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. זאָרגט, כלעבנ, נישט, רעב אלטער! אויב אײַכ איז נישט געראָטנ פּאָרנ מיט א באָכער א זאָכער, דערפאר וועט אײַכ געראָטנ, אימירצעשעמ, צונויפירנ עפּעס אנ אנדער מינ שידעכ. פאלט נאָר בא אײַכ ניט אראָפּ. נישקאָשע, כלעבנ! איכ זע, איר טויגט, איר האָט געכאפּט דעמ סטרי באלד טאקע, גאָר לאָמדיש. פארקערט, אדעראבע, אָנגעהויבנ אײַער נײַ געשעפט האָט איר גאנצ גוט, ווי א לאנד-שאדכנ טאקע. אײַ וואָס, דער באָכער... נו, בע, כלעבנ! דערפאר אָבער, אז איר וועט ערגעצ שוינ אָנשמעקנ א מויד, וועט עס שוינ גײנ ווי א מיזמער. א בלינדע, א שטומע, א קרומע: גײ, טאָכטער, גײ מיט מאזל אונטער דער כופּע! דער דרוקער מאָנט געלט, די שקאפּע באדארפ עסנ, די בסולע מײַנע מוז כאסענע האָבנ, מײַנ װײַב איז געלעגנ געוואָרנ, לעמאזל, מיט א ייִנגל, גײ זשע, טאָכטער, גײ, רוק זיכ אונטער דער כופּע!..

רוקט זיכ נאָר, אינ מאכשאָוועסנ, רעב אלטער, ווײַטער א ביסל. אָ, איר שוויצט, אָנ אײַנאָרע, ווי א ביבער. שוויצט, שוויצט געזונטערהײט!

7

פיילע בעקיצער, ווי די מיַיסע איז, דערוויַיל איז שאָפל! — מאכט אלטער, ווי אליינ צו זיכ, מיט א קרעכצ, באטריבט, פארומערט, אונ גרויסע טראָפּנ שוויים טרעטנ אימ ארויס אפנ פּאָנעם. ער הייבט אופ די אויגנ, דערלאנגט אפ מיר א בליק, עפּעס מיט אזא רירנדיק קנייטשעלע, מיט אזא ראכמאָנעס־פּענעמל, ווי א זויגנדיק קינד קוקט אפ דער מאמע, בעשאס עס לעכצט נאָכ דער ברוסט. אלטער, נעבעכ, האָט געמיינט פּארנאָסע, עס האָט אימ געצויגנ צו מאכנ מיט מיר עפּעס א געשעפטל. וואָרעמ ווי ליגנ עס צוויי יידנ מיט בערד, אינמיטנ העלנ טאָג, גלאט אזוי אָנ אייסעק?! ווענ צוויי יידנ זאָלנ, אשטייגער, פארוואָרפנ ווערנ ערגעצ אינ א העק, אפ א וויספּע, ווו כוצ זיי איז נישטאָ קיינ לעבעדיק באשעפעניש, — איז גאנצ זיכער, אז איינער וועט מיט דער צייַט מאכנ עפּעס א קלייטל, דער אנדערער — אויכ עפּעס א שטיקל געשעפט. ביידע צווישנ זיכ וועלנ האנדלענ, איינער דעמ אנדערנ באָרגנ, געבנ אינ קאָמיסיע אונ איינער פונעמ אנדערנ ציענ דאָס שטיקל פּארנאָסע. אלטער האָט באלד טאקע א פרעג געטאָנ: „וואָס געפינט זיכ בא מאלאָסוי הייַנט עפּעס אינ בייַדל?" עס האָט אזויפיל געהייסנ, ווי: מאמע, טיטע!.. צעפּאקט אייַכ, רעב מענדל, אונ ארויס מיט דער סכוירע!

איינ ברייִרע! מע טאָר זיכ ניט פוילנ. איכ נעמ אפיר מייַנ פּעקל סכוירע, אלטער זייַנ פּעקל, אונ נעמענ זיכ קנעלנ, געשמאק צומ איי־סעק. מיר סטעכעווענ, בייַטנ, איכ גיב אלטערנ אינ כילעפ ארייַנ בע־ריישע ביכלעכ מיט קורצע שורעלעכ אונ „הא, אהאָ! וויי געשריגנ!" — וואָס איכ וויל זיי פּאָטער ווערנ. ער איז אָבער אויכ קיינ נאר נישט אונ וויל זיי אפילע אינ די הענט ארייַנ נישט נעמענ.

— פוילע סכוירע! — זאָגט אלטער, פארקרימענדיק זיכ. — שמאָכ־

טעמ פונ עפּעס פארשימלטע באנק-קוועטשערס, אָרעמע באלאוויירעס! ווייס איכ, וואָס זיי האָבנ דאָרט עפּעס אָנגעמאכט! פאר וועמענ? קיינער פונעמ אוילעמ פארשטייט דאָרט נישט אפילע קיינ וואָרט. עפּעס טערקיש, מישטיינס־געזאָגט, ל אָ ש נ!.. איינמאָל שווינ געטאָנ א גאָרישקייט, פּירנ מיט זיכ אזא לעגער-סכוירע. פּע, כלעבנ! גיט אהער, רעב מענדעלע, עפּעס רעכטס!

איכ לייג ארויס רומל, איינ מינ נאָכ דעמ אנדערנ. מייַנ אלטער קווענקלט זיכ אלצ, זעצט אויס כעסרוינעס. צו איינ מינ אָבער באקומט ער שטארק כיישעק אונ איז צו אימ ווי צוגעזאָגט געוואָרנ. ס'איז בעעמעס געווענ גאָר אנטיק. די בלעטלעכ פונ קאָלאמינע קאָלירנ, אונ נישט פונ איינ גרויס. די אויסיִעס א ביסל מעטושטעש, פונ אלערליי שריפּט: ראשע, דימענט, פּערל, פּראָקימ, גרויס אונ קליינ וועליש. דאָס אויסשטעלעכצ גאָר א וואונדער, שמאָלע פּאסיקלעכ אָנגעדרוקט מיט קליינע אויסיִעלעכ באַ די זייַטנ, א ברייטער פּאס מיט גרעסערע שריפּט אינווייניק, אינ דער מיט, אונטנ א בויכ מיט פּיצעלעכ אויסיִעס, אָנגעזעצט ווי מאָנ, אונ צווישנ די אלע שטיקלעכ ציִענ זיכ אינ דער לענג, אינ דער ברייט סטעזשקעלעכ, ווי וויַיסע שמאָלע בענדלעכ, די אלע גוטע מייַלעס, וואָס ייִדנ אינ אונדזער ווינקל האָבנ ליב. פּארווענדטע בלעטלעכ איז אינ פּיל שטעלנ אויכ געווענ. דאָס איז דאָכ ערשט די גאנצע כאריפּעס: אדעראבע, לאָז א ייִד ברעכנ דעמ קאָפּ, פּאלנ אפּ דעמ סייכל אונ געפינענ. גלאט אזוי, פּראָסט, ווי עס געהער צו זייַנ, קענ דאָכ אפילע א גראָבער־יונג אויכ אָנטאפּנ... פונ גרייַזנ רעדט מענ שווינ נישט, דאָס מוז שווינ דאָכ זייַנ. אונ וועמענ גייענ זיי אָנ? א ייִד האָט א קעפּל אונ איז נישקאָשע נישט קראנק זיכ אָנצושטויסנ, וואָס מע מיינט. נאָר א לאָשנ, א לאָשנ איז עס דאָרט געווענ... קונציק וויל, גאָר נישט צומ פארשטיינ! אקוראט אינ דעמ ייִדישנ גוסט. אָצ קוויצייצ איז דאָכ עפּעס אויכ גענוג גוט, הארבלעכ, מעכייַע, נאָר אָצ-

קויציייצ-לאָשנ שרייַבנ באַ אונדז הייַנט געווייַנטלעכ אויכ פיל אַנ־דערע, מע קענ פאָרט, ווי עס איז, זיי אייַנבייַסנ, ט ר ע פ נ, וואָס זיי מיינענ. מיילע, וואָס זשע איז דאָס אזא כשיוועס? וואָס זשע לאָזנ זיי מיכ דאָ הערנ? גוט, עמעס גוט איז באַ יידנ נאָר אזוינס, וואָס ברעכט דעמ מויעכ אונ אומעגלעכ צו פארשטיינ, אז מע פארשטייט עס נישט, מיסטאָמע מוז דאָכ דערינענ עפּעס שטעקנ... נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

מייַנ אלטער כאַפּט דעמ דאָזיקנ מינ סכוירע מיט ביידע הענט, אונ מע זעט, ווי עס קומט אימ צו א שטיק געזונט. דערנאָכ בייַטנ מיר טכינעס — אפ באָווע־מייַסעס, מייַנעלאָשנס — אפ „טויזנט־אונ־אייַנ־נאכט", שיר־האמייַלעסנ — אפ קאמייעלעכ; סטעכעווענ א מייע זשי־טאָמירער סליכעס — אפ בערשעטער טאלעסקאָטנס, ווילנער קינעס — אפ שויפערס, כאנעקע־לעמפּלעכ — אפ וואָלפ־צייַנדלעכ, שאבעסדיקע מעשענע לייַכטער — אפ האוודאָלעס אונ קינדערשע בלימשקענע יארמלקעלעכ. ביידע צדאָדימ האָבנ דערווייַל פונעמ גאנצנ מאסע־מאטנ קיינ גראָשנ אינ די אויגנ נישט געזענ אונ געבליבנ שטארק צופרידנ גלאט פונעמ האנדל אליינ. מע האָט דאָכ געטאָנ, געהאנדלט, געמאכט געשעפטנ, נישט געזעסנ ליידיק. אלטערס מאָרעשכוירע איז ווי א רויכ פארשווונדנ געוואָרנ. ס'איז אימ געווענ צו דערקענענ אינ דעמ פּאָ־נעמ, אז יארמעלינעצער יאריד מיט זייַנ פינצטער מאזל איז אימ פונעמ זינענ ארויסגעגאנגענ. ער רעכנט עפּעס שטילערהייט פאר זיכ אפ די פינגער, האלטנדיק דעמ לינקנ אויער אָנגעבויגנ, גלייַכ ווי אינ קאָפּ באַ אימ כעזשבנט א בוכהאלטער, צו וועלכנ ער האָרכט זיכ גוט צו, אונ, אפּאָנעמ, דער כעזשבנ ווייַזט אפ א פארדינסטל, אימירצע־שעמ, ווייַל דאָס מויל שפּאלט זיכ אימ אינ דער גאנצער ברייט, אונ פונ צווישנ זייַנע געדיכטע וואָנצעס בליצט ארויס א זיס שמייכעלע.

דערווייַל איז געוואָרנ מינכע־צייַט. א געשמאַק ווינטעלע הייבט אָנ צו בלאָזנ, אונ אפנ הימל ווייַזנ זיכ שטיקלעכ וואָלקנ, אפ וועלכע מע

האָט, ווי אַפ טײַערע געסט, שוינ א לאַנגע צײַט אַרויסגעקוקט. די ביימער הייבנ פּאַמעלעכ אָנ זיכ צו שאָקלענ, איינער צום אַנדערנ אײַנגעבויגנ דעמ קאָפּ, אונ פירנ צווישנ זיכ א שמועס אַפ זייער לאָשנ. נאָכ דעמ, אַז זיי האָבנ אַזוי לאַנג געשוויגנ שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אופגעוועקט די שלאָפּעדיקע טווע, אַלע זאַנגענ כאַפּנ זיכ, ווי יונגע קינדער, אופ מיט א קאָל אונ צעקושנ זיכ גאָר פרײַנטלעכ. גאָנצ באַשעפעניש רירט זיכ אומעטום: אַפנ פעלד, אינ וואַלד אונ אינ דער לופט. איינס נאָכ דאָס אַנדערע טרעטנ שפּילפייגלעכ אַרויס, אַפ צווײַגלעכ, ביימלעכ, נידעריק אונ גאַנצ הויכ, פּוצנ זיכ די פעדערלעכ, א וויש מיט דעמ שנעבעלע, א טרעסע, א שאָקל — אונ הייבנ אָנ די זיסע זמירעס צו זינגענ, צו שווישטשענ. באַבעטשקעס, רײַכ געקליידט, אינ אַטלעס, סאַמעט, מאָדע־אַנטיק, מיט טײַערע צירונג כאַפּנ א טענצל, שוועבנדיק אינ דער לופט, הייבנ זיכ, דרייענ זיכ אונ מאַכנ כיינ. צוויי בושלעס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע, רויטע פיס שטייענ אַפנ גראָז, פאַרײַסנדיק די קעפּ אינ דער הייכ, אונ קוקנ מיט גאַדלעס. עפּעס א קונדעס א פויגל שטיפּט, פליט פונ איינ בוימ צומ אַנדערנ, מאַכט: „קוקו, קוקו!" ווי ער שפּילט זיכ אינ באַהעלטעניש. אימ ענטפערט אָפּ פונ צווישנ ווייצ אונ קאָרנ אַנ אַנדער מינ פויגל עפּעס: „פיק-בער-וויק, פיק-בער-וויק!"— ווי גערעדט: איביק ווּעסטו מיכ דאָ נישט כאַפּנ, כאָטש שיט מיר אָנ זאַלצ אַפנ עק. פּאַקט זיכ, רעב קאָרעוו, ווײַטער, אונ אַוועק, אַוועק!.. נישט ווײַט אינ א וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעלאָזט זיכ אַפ זײַנ העלדזעלע, מאַכט זיסע שטייגער אונ שפּילט גאָר מעכײַע. איטלעכער, וואָס קענ נאָר עפּעגענ א מויל, האַלט דעמ וועלט-באַרימטנ כאָזנ אונטער. זשאַבעס אפילע פונ די טײַכלעכ ערגעצ טערעליקענ, אפילע פליגנ, בינענ האָבנ נישט געשוויגנ, אונ דער זשוק, דער שייגעצ, דער אָנכאַפּער, האָט פליִענדיק אויכ געזשושעט. דאָס איז געווענ אַזאַ קאָנצערט, וועלכנ מע האָט געמעגט אַפ בילעטנ

גיין הערן... די גאַנצע וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיק געוואָרן און באַקומען אַ פרייִלעכן פּנים. אַ פרייד, אַ פאַרגעניגן צו הערן, צו זען, צו שמעקן די זיסע ריחות פון אַלע זײַטן.

— רעב אַלטער, ס׳איז גוט! רעב אַלטער, ס׳איז שיין! עס ציט עפּעס בײַ דער נשמה, עס רעדט עפּעס צום האַרצן: גאָטס וועלטל איז שיין, גאָטס וועלטל לעבט! עס ציט און גלוסט זיך אַרײַנוואַרפן זיך עפּעס אַהין, אַהין מיט הענט און מיט פיס...

— רעב מענדעלע, בע... רעב מענדעלע, עט... פע! — טוט אַלטער אָפּ מיר זיך אַ קרים. — שווײַג צײַט בעסער מיך צו דאַוונען. פאַרגעסט בעסער נישט פון אײַערע אַלע זאַכן צו זאָגן „אנײַנו".

איך פאַרבינד די זאַקן, גאַרטל אַרום מיט אַ פּאַסעק די קאַפּאָטע און הייב אָן זאָגן „קטורעס" אויף אַ בײַקאָל, גאַנץ לוסטיק. מײַן אַלטער, זאָל לעבן, צעלאָזט זיך באַלד טאַקע נאָך מיר אויף דער גראָבער סטרונע, אויף דער געמבע, און מיר ביידע גיבן אָפּ אַ שוואַך זײַן ליבן נאָמען, בעשאַס אַלע קרײַטעכצער און בלעטלעך אויף די פעלדער, אַלע בײַמעס און אויפעס אין די וועלדער לויבן גאָט, זאָגן שירה.

נאָך באַם אָנהייב „פּיטום הקטורת", אַז אַלטער איז אַרויס מיט דעם גאַנצן אַפּטייקל קרײַטעכצער און געווירצן: החלבנה — טײַוולש-קויט, והלבונה — לויטערע ווײַרעך, הצפורן — אַ וואָרצל, גלאַט ווי אַ נאָגל, אינגבער און שטענגלעך זאַפרען... — האָט ער אַרויסדערטאַפּט פון אונטער דער קעלניע דאָס באַלעגאָלישע טריפּ־געווירץ, אַ קליין פּעסעלע „מאַזניצע" מיט סמאָלע. מיט דעם דאַוונען איז ער פאַרטיק געוואָרן גיך, און בעשאַס איך האָב נאָך געהאַלטן אין דער מיט, האָט ער שוין געשמירט די רעדער.

— הײַנט נישט, רעב מענדעלע, מאַכט עס בעקיצער, — טרײַבט מיך אַלטער אונטער, — נעמט זיך איר דאָ צו אײַער וואָגן, און איך

וועל דערוויַל א גיי טאָנ נאָכ די פערדלעכ. צײַט צו פאָרנ! ביז נאכט קענענ מיר גאנצ וויַטלעכ איַנפאָרנ.

אלטער גייט באלד טאקע אוועק, אונ איכ נעמ מיכ צו דעמ וואָגנ, טאָנ אימ זיַנ רעכט. איכ איַל מיכ נישט, שמיר די רעדער באלעבאַ־טיש. איכ קארג נישט קיינ טריפ־געווירצ, באטראכט מיר די אקסנ, איטלעכס פיצעלע באזונדער. דאָס האָט געדויערט א היפּשע צײַט — אונ מיַנ אלטער קומט נישט. די פערדלעכ האָבנ געמוזט פארגייג וויַטלעכ א ביסל אינ וואלד אונ זיכ גוט אונטערגעפּאסעט. אזוי דענק איכ מיר אונ טו א קוק אפ דער זונ, וואָס האלט נאָענט באמ אונטער־גיינ. איכ שטיי מיר אזוי אוועק וויַטער א היפּשע צײַט. די זונ האָט זיכ שוינ געזעצט. אירע לעצטע שטראלנ קריכנ ביסלעכוויַז אראָפּ פונ די ביימער, אפ וועלכע זיי האָבנ ערשט אזוי פריילעכ־לויכטנדיק זיכ געשפּילט, זאָגנ דעמ וואלד: א גוטע־נאכט...

עס באפאלט מיכ עפּעס א מוירע. עפּשער איז אלטערנ נישט גוט געוואָרנ? א קאטאָוועס נאָכ אזויפיל שוויים, נאָכ אזא לאנגנ טאָג פאסטנ! עפּשער איז ער דאָרט ערגעצ כאלאָשעס געבליבנ, אָדער עפּ־שער איז אימ דאָרט עמעצער באפאלנ? ס׳איז דאָכ א וואלד, א פאר־לעגנ אָרט, אינ דער זיַט וועג! מע טאָר אזוי די זאכ נישט לאָזנ, מע מוז גיינ זענ.

איכ מאכ מיר הארצ אונ גיי אינ וואלד אריַנ. איכ גיי אונ זוכ. אנ אווײַרע אָבער די מי,— אלטער אונ די פערד זיַנענ אזוי ווי אינ וואסער אריַנגעפאלנ. איכ בינ שוינ פארגאנגענ טיפלעכ אונ קומ לע־סאָפּ צו עפּעס א לאנגנ, שמאָלנ טאָל, וואָס האקט פאר מיר איבער דעמ וואלד אינ צוויי טייל. דער טאָל איז באוואקסנ מיט טשערעט אונ מינע ביימלעכ שטעכעדיקע ווי דערנער, אונ ציט זיכ מיט אייג זיַט צומ שליאכ, מיט דער אנדערער — ערגעצ אנדערש, העט־וויַט צו אלדי שווארצע יאָר. דער וואלד שטייט אונ שלאָפט, איבערגעדעקט פונ אויבנ

עפּעס מיט א טונקעלנ פּאָרהאַנג. ארומ אונ ארומ איז שטיל. נאָר צײַטנווײַז הערט מענ, ווי צוויי הויכגעוויקסיקע ביימלעכ, נאָענטע שכײנימ, שושקענ זיכ מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ צווישנ זיכ, אײנער דעמ אנדערנ א קיצל געבנדיק הינטערווײַלעכס מיט די צווײַגנ; אָדער ווי א פּאָר בלעטלעכ ערגעצ פּלאַטערנ, באַרירנ זיכ, גלײַכ ווי עס גרימט זײ עפּעס אונ לאָזט זײ נישט רוענ. דאָס רעדט דער וואַלד פונ שלאָפ. דאָס כאָלעמט זיכ אימ נעכטיקער טאָג מיט אלע לײד אונ פרײד אינ אימ. דער שאָרכ פונ די דאַרע ריטלעכ דאָרט — דאָס קומענ אימ צו כאָלעמ בײמער, נעבעכ, וועלכע מע האָט פאַר דער צײַט אויסגעהאקט. דער קלאַפּ באַמ אראָפּפאַלנ עפּעס פונ דער הייכ — דאָס באַטײַט א נעסט מיט יונגע אומשולדיקע פייגעלעכ, וואָס דער שפּאַרבער, דער זשוליק, האָט פּלוצלימ צעשטערט. אונ דאָס טאַקע פּלאַטערנ די בלעטלעכ דאָרט אפ דער טויטער מוטער מיט אירע דערהאַרגעטע קינדער, וואָס קומענ איצינד אימ צו כאָלעמ... עפּעס א גאַנצער וואָלקנ מאָרע-שכוירע רוקט זיכ אָנ אפ דעמ וואַלד אונ אויכ אפ דער נעשאָמע מײַנער. דער קויעכ-האַמעדאַמע, דער פּאָקוסניק, דער וועלט-באַרימטער ליגנער, מעקלערט אויס מיט שווינדל עפּעס א מינ שוטפּעס-געשעפטל, א קאָמיסיע צווישנ מיר אונ דעמ טאָל, וועלכנ איכ שטײ אונ קוק אָנ. איכ באַקומ פונ אימ א טראַנספּאָרט מעשונע-שרעקלעכע בילדער, אונ פונ מײַנ קאָפּ-פאַבריק גײענ די אײגענע סכוירע, איבערגעמאַכט אפ אנ אנדער שטײגער, מיט נאָכ פיל ווילדע זאַכנ, אהינ צוריק. אינ אײנ טראַנספּאָרט קומט מיר פונ דאָרטנ אָנ א מעס, א דערהאַרגעטער אלטער יאַקנעהאָז, אונ בײנער פונ אונדזערע פערד, צוויי פּעגירעס. בא מיר אינ קאָפּ ווערט עס קונציק אויסגעאַרבעט מיט טויזנטער פאַרפּוצונגענ אונ באַלד טאַקע, גיכ, פלינק טראַנספּאָרטירט צוריק מיט א גאַזלענ א רויטנ, א געזונטנ אונ א וואָלפ מיט א קאַרק אונ שרעקלעכע צײנ א צוגאָב דערצו.

און ווי איכ האָלט שוינ אפ אראָפּצוגיינ אינ דעמ טאָל, שטעלט מיכ פּלוצלימ אָפּ א געדאַנק אַזוי: די ביידלעכ שטייענ דאָרט אפנ פעלד העפקער, פונעמ גאַנצנ ביסל פאַרמעגנ אונדזערס קענ, כאָלילע, נישט בלייבנ קיינ זייכער. עס וואָלט נישט געשאַדט פרִיער א קוק צו טאָנ. גאָר זייער מעגלעכ, עפּשער, אַז אַלטער האָט שוינ לאַנג זיכ צוריק־געקערט מיט די פערד און באַומרויִקט זיכ אַצינד וועגנ מיר. דער דאָ־זיקער געדאַנק לייגט זיכ מיר אפנ מויעכ, און ווער בא מיר עפּעס שטאַרקער. די האָפענונג ווערט אַלצ גרעסער, גרעסער, אַזוי, ביז זי צעשרייסט די געדיכטע וואָלקנס מאַרעשכויירע און עס לייטערט מיר זיכ א ביסל אויס אפנ האַרצנ.

איכ לאָז מיכ גיינ געשווינד צוריק.

8

נאָט האָט געהאָלפנ, איכ בינ געקומענ בעשאָלעמ און נישט אויסגעבראָכנ קיינ פוס בא איטלעכעמ מאָל פאַלנ אפנ וועג, אינ אייִלעניש אָנשלאָגנדיק זיכ אינ א בוימ. דאָס אופשטיינ א געפאַלענעמ אינ וואַלד איז, כאָלילע, נישט מִעס אַזוי ווי אינ שטאָט, ווו מענטשנ שטייענ און לאַכנ. דעריבער פלעג איכ איט־לעכעמ מאָל מיכ גאַנצ פיינ אופהייבנ פונ דער ערד מיט גרויס האַנאָע און געלויבט גאָט, וואָס כאָטש מיט כעסעד. און אַז דער כעסעד פונ נאָט איז יאָ אַזוי גרויס מיט מיר, האָב איכ שוינ געהאַט דאָס רעכט צו טראַכטנ, מיסטאָמע וועל איכ, קומענדיק, אויכ זויכע זיינ צו טרעפנ מיינ אַלטערנ מיט די פערד. נאָר אַזויפיל גנאָד פונ זיינ ליבנ נאָמענ האָב איכ נישט פאַרדינט.

אַלטער איז נישטאָ!

איכ בלײַב שטײַנ ווי אָפּגעבריט. זײַער נישט גוט אפנ האַרצנ! גאָט ווײסט, וואָס מיט אלטערנ איז געשענ, ווו זײַנ געבײַנ איז אהינגעקומענ. דאָ האָט דאָס פּינצטערע מאָזל זײַנס זיכ טאקע געמיט. אזוי גלאט איז די זאכ זיכער נישט. הײַנט איז אויב די שײַלע מיט מיר, וואָס טוט מענ? וואָס קענ פונ מיר ווערנ? דער כעזשבנ מײַנער איז געווענ: אָפּזעצנ אינ גלופּסק מײַנע זאכענישענ, אָנעמענ דאָרט ווי מעגלעכ מער קינעס אפ צו באטײלנ די אלע שטעטלעכ ארומ אונ ארומ, ווי דער שטײגער מײַנער איז טאָמעד. ס'איז שוינ די „דרײַ וואָכנ". די צײַט איז קורצ, א שאָ טאָר מענ ניט פארלירנ. בעזִמ, כאָלילע, איכ פארהײַע מיכ דאָ אינ וועג, בלײַבנ יִדנ אינ די שטעטלעכ אָנ קינעס. א קאטאַוועס עפּעס, יִדנ אָנ קינעס!.. איכ קענ מיר פאָרשטעלנ דעמ גוטנ טישעבאָוו: יִדנ האָבנ זיכ שוינ אָפּגעפּארטיקט מיט די מילכיקע לאָקשנ, ארײַנגעלײגט אינ בויכ דאָס הארטע איי אײַנגעטונקט אינ אש, זיצנ שוינ בארויגעז, אָנגעלאָדנ אפ דער ערד נאָר אינ זאָקנ מיט אויסגעטרעטענע פּיאטעס, פליי בײַסנ, קונדייסימ האלטנ די בערלעכ גרייט צומ ווארפנ, מע ווארט נאָר הערנ אנ אָנהייב, עפּעס א גוט וואָרט, אונ פּלוצלימ — נישטאָ קיינ קינעס! מענדעלע איז צו אלדי שווארצע יאָר פארפאלנ געוואָרנ, נישט געבראכט קיינ קינעס!.. צעַנ יִדנ אפ איינ קינע. ס'איז א שטופּעניש, א קוועטשעניש, א פארמישעניש מיט די פליי, א פארפּלאָנטעניש מיט די האָר: בערד, פּייעס פול אָנגעזעצט מיט בערלעכ. עס גיט זיכ נאָכ אייער, לאָקשנ, וואָס קריכנ פונעמ האלדז, איינעמ דעמ אנדערנ אונטער דער נאָז... פונ די ווײַבער איז די יעסורימ נאָכ נישט אזוי גרויס, זיי כעמענ וואָס ס'איז, אבי געדרוקטס, א טכינע, א בענטשערל, די דינימ פונעמ טרייבערנ, א האגאָדע — אלציינס! — וואָס מאכט עס אויס? — ווײנענ, יאָמערנ איבער דעמ הויכ אפ א קאָל. אונ וואָס באדארפ מענ דענ מער ווי פארגיסנ טרערנ?

אוי, א מיעסע לאגע. נישט פרייליך ארום און ארום, ביטער אפן הארצן... נישט דאָס בין איך אויסן.

אָפּהענטיק פונדעסטוועגן טאָר מען ניט זיין. מע מוז עפּעס טאָן, נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט. מע מוז וויטער טאקע גיין זוכן. איך טו א קוק אף די שטערן און דערמאָן מיך, שוין צייט אָנצובייסן. איך נעם מיך צום רענצעלע, שמועס איבער פאר צאָרעס מיט דעם פלעשל בראנפן: בול־בול־בול — גלייך אין מויל אריין. כאָפּ אין איי־לעניש עטוואָס פארבייסן. טאקע נאָר פון יויצע וועגן. געזעגן מיך מיט דעם פלעשל, נאָכאמאָל בול־בול־בול, און לאָז מיך גיין אליץ טאקע געשווינד.

איך בין ווידער אין וואלד, ווידער נעבן טאָל, און באלד טאקע בין איך שוין אין דעם טאָל. נאָר לאָמיר נישט זאָגן קיין ליגן. איך בין דאָרט נישט אליין, אפן הארצן איז מיר אויך נישט אזוי שלעכט ווי פריער. איך גיי אינצווייען, שמועס מיר מיקויעך מיין איצטיקן אייסעק — און גאנץ נישקאָשעדיק, גאָר נישט אומעטיק. אפּאָנעם, בעשאָס נעמענדיק זיך אין איילעניש צום פלעשל נאָך אזויפיל פּיין און יעסורים, האָב איך איבערגעכאפּט די מאָס, אן איבעריקן זופּ געטאָן אפן ניכטערן מאָגן, און געגעסן האָב איך קימאט גאָרנישט, — ס'איז מיר אין האלדז נישט געקראָכן, מיך געוואָרגן מיט דעם ביסן. דער דאָזיקער איבעריקער זופּ איז מיר בייגעשטאנען אין די נויטן, ווי א טאטע. ער האָט מיר אונטערגעגעבן מוט און מיך שטארק באַ־רעדעוודיק געמאכט אף מיין שפּאציר, נישט היינט געדאכט! אזוי איז שוין דער שטייגער מיינער טאָמעד פון אן איבעריקן לעך מאשקע, פּורים אָדער סימכעסטוירע אמאָל, שיט זיך פון מיר רייד ווי פון א לעבעדיקן זאק. איך רייד צו דער וואנט און שמייכל מיר דערביי זייער זיס, בין גוט און ווייך, כאָטש צוצולייגן מיך צו א געשוויר. דענסטמאָל צעציט זיך מיין גוף וויטלעך, עפּעס איז ער גרינג, שיטער

ווי לעמעשקע. עס באָמבלען זיכ ארומ אימ פונ אלע זײַטנ עפּעס כא־
לאָקימלעכ מענדעלע, נישט רעכט צו פּילנ, ווו איז דאָס וויכטיקסטע
מיטלסטע פּינטעלע, בא וואָס אָנצונעמענ. עס ווערט דענסטמאָל פונ
מיר, דאכט זיכ, גאָר צוויי מענדעלעכ. איינער קריכט קיינ יעהופּעצ,
דער אנדערער קיינ בויבעריק, די בעשוטפּעסע פיס ווערנ מעשוגע,
נישט צו וויסנ וועמענ צו פאָלגנ. איינער פרעגט, דער אנדערער ענט־
פערט. די רייד מײַנע קומענ מיר, ווי פונ דער זײַט א ווידערקאָל, צוריק
טאקע אינ מײַנע אויערנ ארײַנ, עפּעס גאָר ניט מײַנ שטימע, א קאָל ווי
פונ א פּוסטער פאס. דעמ קאָפּ אינגאנצנ, פונדעסטוועגנ, פארליר איכ
נישט, עפּעס בלײַבט מיר נאָכ איבער א שטיקל זייכער ווי אינ כאָלעמ.

— גוטנ־אָוונט! — וויטע איכ מיכ מיט א פארבייג. — ווהינ עס
גייט מענ באנאכט דאָ? — עט... טיפּשימ, פערדישע קעפּ! — ענט־
פערט צוריק אָפּ א מענדעלע מיט א גוט, זיס שמייכעלע. — זיי צו
ווערנ פארפאלנ זיכ פארגלוסט זיי. א געלעכטער, כלעבנ! — א גרוב,
רעב מענדעלע! היט אײַכ די ביינער, — יאָ, ווי איכ בינ א ייד, א גרוב!
איכ געפאלנ בינ שוינ אפילע, דאָס צוואנציקסטע, דאכט זיכ, מאָל. —
שטייט זשע, זײַט מויכל, אופּ! נישט קיינ דערעכערעצ עפּעס זיכ צע־
לייגנ אזוי. — א שיינעמ דאנק, רעב קאָרעוו. איכ מיט דער בײַטש טאָפּ
ווײַטער שוינ... א געלעכטער, כלעבנ, ביימלעכ גייענ! געזונטערהייט!..
קומט בעקומפּאניע. פע, דראפּעט נישט!.. אײַ, ווײַטער א דראפּ! פע,
פע, אויגנ ארויסגענומענ שיר מיר. טפו! — שפּײַט, רעב מענדעלע,
אפּ זיי! זיי באלד פּאָטער ווערט מענ זיי. אפּ א סטעזשקעלע ארויס
דאָ גייט, זײַט מויכל, אפּנ פרײַענ פעלד. — גוט, בינ שוינ דאָ! אײַ,
א לעוואָנע, א באקדייזשע, א שיינע אדעסער לעוואָנע! א נאָז מיט
אויגנ!.. שא, מעקאדעש זײַנ די לעוואָנע! שאָלעמ־אליכעמ? — אליי־
כעמ־שאָלעמ! — שאָלעמ־אליכעמ? — אליכעמ־שאָלעמ! אזוי ווי איכ
אקעגנ דיר שפּרינג און אָנרירנ דיכ נישט קענ איכ... שפּרינגט זשע,

פעטער! — האָץ, האָץ, האָץ! אזוי מיך אָנרירן זאָלן מײַנע סאָנים נישט... וואָס זיי צו אונדז האָבן, וואָס? — צעכליפּע איך מיך פּלוצלים — וואָס איך שולדיק, אז איך לעב, איך, און וויל עסן, איך? נאַ, א לײַב, מישטיינסגעזאָגט, א שפּענדל! שטענדיק קרענק, ווייטעקן... אויך געהאַט א מאַמע, מיך געגלעט, געקושט האָט זי... ווי מיר, איך בין א יאָסעם, א יאָסעם! — צעוויין איך מיך נאָך שטארקער. — שאַ, שאַ! — ענטפּערט זיך צוריק מיט א טרייסט, — וואָס קען מען טאָן? ווי שעמט זיך עס נישט אַן אלטער ייִד מיט א באָרד, א באַוויַבטער, א מעטופּל מיט קינדער צו וויינען אין דרויסן פאר דער לעוואָנע! שאַ, נישט קיין דערעכערעץ, בלעבן! שאַ, דער רועך וועט אײַך נישט נעמען, נישקאָשע, היט זיך בעסער! אָט איז א פּלויט. — יאָ, ווי איך בין א ייִד, טאַקע א פּלויט! שוין א גוטן זעץ געטאָן מיך אפילע. וואָס טוט מען? — מע נעמט און קריכט אריבער. אָט אזוי, אזוי. — א שיינעם דאנק! איך שטיי שוין מיט ביידע פיס אין גאָרטן. באָרובּהאַבאָ, מעבוטן! זײַט זיך מאטרײַעך ווײַטער! — האָט קיין צאָרעס נישט, איך גיי. וואָס פאר א גערעטעניש! באָב, ארבעס אָנגעזעצט, אוגערקעס גאָר אָן א צאָל! — מאכט בראָכע, פּעטער, לאָזט זיך נישט בעטן! — יאשער-קויעך! אוגערקעס גאָר א דערקוויקעניש! געשמאַק מעכײַע!.. הא, א קלאַפּ! וואָס באטײַט דער קלאַפּ? פונוואנען דער קלאַפּ?

דער קלאַפּ איז געווען פון א געזונטן אָרל, וואָס האָט הינטן־אַרום מיך געטאָן א כאַפּ און מיר גוט געגעבן אָנצוהערעניש, אז אין א פרעמדן גאָרטן איז נישט שיין צו קריכן. דער קלאַפּ האָט באטײַט, אז פרעמדע אוגערקעס נעמען באַנאַכט טאָר מען נישט. פון די קלעפּ, און מעגלעך עפּשער אויך טאַקע פון די פרישע אוגערקעס, האָב איך קימאַט אינגאנצן מיך אויסגעניכטערט. איך בין געשטאַנען א ווײַלע פאַרדולט, ווי אופכאַפּנדיק זיך פון שלאָף. דאָס ערשטע וואָרט מײַנס, עס פארשטייט זיך, איז געווען: גוואַלד!.. באלד דערויף בין איך מיך

מעיאשעוו: לאָמיכ, קלאָמפערשט, מאכנ זיכ נישט ווינסדיק, אונ גיכ אַ פרעג דעמ אָרל מיט גוטנ, אפ זייער גראָב לאָשנ. „צי ני באטשילי, טשויעש, טוטעמשקי זשידקא אימ קינאמי? קאזשי-נאָ, טשילאָווי-טשעו!“ — דער אָרל אָבער טוט זײַנ זאכ, וויל נישט הערנ, שלעפט מיכ באמ ארבל, דערלאנגט מיר אמאָל אויכ א שטופ פונ הינטנ — אינ איינ קאָל: קומ, קומ! עס העלפט נישט, איכ גיי, מע קענ קיינ כאָזער נישט זײַנ. אונ מיר קומענ אזוי צו, ביידע, עפעס נעבנ א שטוב, באַ וועלכער עס שטייט א געשפאנט ברימשקעלע מיט פיר גוטע פערד, — אונ עס לײַכט פונ די פענצטער.

באמ ארײַנקומענ אינ שטוב טוט דער אָרל מיכ א שטופ פאָרויס, אונ אליינ שטעלט ער זיכ נעבנ דער טיר — אָנ א היטל. איינ ברייירע, איכ נעמ אויכ אראָפ דאָס היטל, קראצ מיכ אינ קאָפ אונ קוק ווי א נעכטיקער.

באַ א טיש זיצט א שרײַבערל אונ שרײַבט, סקריפענדיק מיט דער פענ, וואָס בעט זיכ איטלעכע רעגע אינ טינטערל ארײַנ, אפצונעצנ א ביסל דאָס מײַלכנ אירס, נאָכדעמ ווי זי ברעכט מיעס אָנ אפנ פא-פיר. דאָס שרײַבערל האָט מיט איר דאָס לויפעניש, קרימט זיכ אונ זידלט זי באַ איטלעכנ טונק. מע זעט, ביידע פײַניקנ זיכ נעבעכ, ביידע זײַנענ נישט צופרידנ: זי מיט זײַנ שווערער האנט, מיט זײַנע מיעסע גרײַזנ, אונ ער — מיט אירע כאלאָשעסדיקע קלעקנ. ער — איר א קוועטש, אונ זי — אימ א קלעק... אינמיטנ שטוב שטייט א רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפ, עפעס א מינ מענטש מיט א בויכ אונ אנ אָנגעבלאָזנ פאָנעמ, גלאנצט מיט די קליינע אויגנ, אונ בעשאס עס פארוואָרפט זיכ אימ דאָס שווארצאפעלע, קוקט ארויס דאָס ווײַסלכנ פונ אויג פארלאָפנ מיט בלוט. ער דרייט די לאנגע וואָנצעס אונ רעדט אפנ גוידער, בייזערנדיק זיכ, צו צוויי פארשוינענ מיט אָנגעבויגענע קעפ אינ דער זײַט פונ דער טיר: איינער א הויכער מיט א געזונטנ

קארק, אונטערגעגאָלט דער האלדז, און א זילבערנ רײפעלע אינ לעפל פונעמ לינקנ אויער; דער אנדערער — א דארער מיט א שפּיצאסטע בערדל, אפנ הארצנ א בלעכ, האלט א לאנגנ שטעקנ מיט בײדע הענט, בלינצלט מיט די אײגעלעכ און בוקט זיכ איטלעכע רעגע. דער רויטער קאָלנער בײזערט זיכ אפנ ערשטנ פונ די צװײ פּארשױנענ, שרײַט: אינ קײטנ! קײנ סיביר אזא סטאראָסטע!.. און אפנ צװײטנ: פּאסנ װעל איכ פונ דיר שינדנ, דו, סאָטסקע, אזױנער און אזױנער, אינ דײַנ מאמענ!..

איכ בינ טױט מיט אלע מײַנע אײװרימ. עס װארפט מיט מיר װי אינ א קאדאָכעס. עס רױשט מיר אינ קאָפּ, קלינגט אינ די אויערנ. איכ הער נישט און זע נישט, װאָס ארומ מיר טוט זיכ. איכ האָב נישט רעכט געהערט אפילע די טײַנעס פונ מײַנ אָרל, בעשאס קלאָגנדיק זיכ אפ מיר. נאָר אז דער רױטער קאָלנער האָט א היק געטאָנ אפ מיר מיט דעמ הארבנ װאָרט אפ יעװאָניש, האָב איכ מיכ באלד אופגעכאפּט און שױנ גוט געהערט. פאר די אויגנ מײַנע שװעבט א קולאק, און עס הערנ זיכ שרעקלעכע װערטער: גאנעװ, קאָנטראבאנדשטשיק, טרײפע-סכױרע, בײַטלשנײַדער, קײטנ, טיורמא, קנוטעס, סיביר!.. ער זוכט זיכ פּלוצלימ צו מײַנע פּײעס, און נאָכקרימענדיק מיכ, שטארק אינ כאס, כאפּט ער אינ אימפּעט פונעמ טיש א שער און שערט מיר אָפּ אינגאנצנ אײנ פּײע! — איכ באװאש מיכ מיט טרערנ, קוקנדיק אפ דער ערד מײַנ פּײע. מײַנ גרױ-אלטע פּײע, װאָס איז געװאקסנ מיט מיר פונ קינדהײַט-אופ ביז אינ מײַנע אלטע יאָרנ; װאָס האָט איבערגעהאט מיט מיר פרײד און לײד גענוג אינ מײַנ לעבנ. די מאמע האָט זי אינ דער יוגנט געגלעט, געצװאָגנ, גאָר נישט געקענט זאט אָנקוקנ זיכ אפ די שװארצע, שײנע גרײַזעלעכ אירע. זי איז געװענ א צירונג מײַנ פּאָנעמ אינ מײַנע גוטע טעג, װענ איכ בינ געװענ פריש און שטארק. זי איז פרי פאר דער צײַט גרױ געװאָרנ, פאר צאָרעס, נע-

בעכ, — און איר גרויקײַט האָט מיר, כאָלילע, נישט געמאכט קיין בו־
שע! ביידע האָבנ מיר זיכ פרי געעלטערט פאר פוראָניעס, נויט, עלנט,
גריזאָטע, אומזיסטע פײַנטשאפט און רעדיפעס איג דער וועלט! ווע־
מענ, כאָלילע, האָט זי געשאדט? ווען, כאָלילע, האָבנ מײַנע גרויע
האָר עפעס שלעכטס געטאָנ? — עס וויינט אינ מיר דאָס הארצ, שרײַט
גוואלד, שטיל, נישט ארויסצוברענגענ אפ די ליפנ קיינ וואָרט. איכ
קוק שווײַגנדיק, ווי א שעפעלע באַם באשוירנ עס, און פונ די אויגנ
קאפ, קאפ, טרערנ ווי די באָב... מײַנ הויל געבליבענע באַק האָט מיר
שטארק געפלאמט, דאָס פאָנעם האָט געמוזט מיר זיכ פארענדערנ —
א שרעק! עס האָט געמוזט זײַנ א ראכמאָנעס מיכ אָנצוקוקנ דענסט־
מאָל, ווײַל באלד דערופ האָט דעמ רויטנ קאָלנער עפעס ווי אָפגענו־
מענ דאָס לאָשנ, שוינ גערעדט מיט גוטנ, ארופלייגנדיק ביידע הענט
מיר אפ די אקסלענ. אונטער דעמ מעשעגעם קנעפל, אפאָנעם, האָט
זיכ גערירט א מענטשלעב הארצ. מײַנע גרויע האָר און מײַנ גאנצ
אויסזעג האָבנ אימ באוויזנ מײַנ אָרנטלעכקײַט, און, ווי איבערבעטנ־
דיק מיכ, פאלט ער מיט א בייזער אָנ אפ מײַנ אָרל, וואָס פאר עפעס
אנ אוגערקע שלעפט ער אנ אלטנ מענטשנ, נעבעכ, — טוט א היק, און
טרײַבט אימ ארויס. ער אליינ נעמט דאָס היטל, דרייט זיכ א ביסל
ארומ, זאָגנדיק דעמ, יענעמ א וואָרט, גייט דערנאָכ ארויס, און באלד
הערט זיכ, ווי דאָס בריטשקעלע פאָרט אוועק.

די אלע מענטשנ אינ שטוב ווערנ לעבעדיק. דאָס שרײַבערל טוט
א וואָרפ די פענ, אָפשיקנדיק זי צו אלדי רוכעס. דער סטאראָסטע און
דער סאָטסקע גלײַכנ זיכ אויס, אופהייבנדיק די קעפ, איטלעכער גיט
א מאכ מיט דער האנט צו דער גאס צו, און די אויגנ זייערע ריידנ:
יעוואָרעבכאָ! פאר געזונטערהייט, און לאָז מענ דיכ נישט אָנקוקנ!..
דער סטאראָסטע כאפט דעמ אָטעמ, פאָרט ארײַנ מיט אלע פינפ פינ־

גער צו זיכ אינ די האָר פונעמ קאָפּ, טוט אימ א גוטנ שאָקל אונ מאַכט דערבײַ: נו, א סטאַנאָוואָי!..

די גויִמ האָבנ מיר געראָטנ, נאָכ דעמ, אז איכ האָב זיי דערציילט וועגנ מײַנ אומגליק, צו גיינ צו דער קרעטשמע באַמ דאָרפ, נישט ווײַט פונדאַנענ. דאָרט באַדאַרפ זײַנ אַצינד אַנ אוילעמ מענטשנ, צוריק פאָרנדיק פונעמ מאַרק-טאָג. מעגלעכ, בא זיי וועל איכ עפּעס מיכ דערגיינ. איכ הייב אופ מײַנ פּיִע, באַהאַלט זי אינ קעשענע, בינד אונטער די באַק מיט א פאַטשיילכנ, זאָג א גוטע-נאַכט, אונ גיי אַוועק.

9

די קרעטשמע איז געווענ באַלאַגערט אינ דרויסנ מיט פורלעכ אונ וועגעלעכ אַלערליי. א טייל ליידיקע, נאָר מיט א ביסל שטרוי, א טייל פאַרנומענע מיט מינע זאַכנ אונ כפּייצימ, סײַ נישט קיינ פאַרקויפטע, סײַ געקויפטע דאָרט אפנ מאַרק. אפ איינ פורל ליגט אינ א זאַק א כאַזער, אַרויסגעשטעקט פונ א לאָכ זײַנ שיינ פּיסקל, אונ מאַכט לעבער אינ קאָפּ, שרײַענדיק מעשונע אפ א גרילצנדיק קאָל. הינטער א וואָגנ, אָנגעלייגט מיט נײַע לאַפּטיעס, מיט נײַע ליימענע טעפּ, טעפּלעכ אונ מאַקרעטעס, שטייט צוגעבונדנ א רויט-געפּלעקטע קו מיט איינ האָרנ אונ רײַסט זיכ מיט אַלע קויכעס זיכ צו באַפרײַענ, גיכער קומענ צו אירע אַלטע באַווערטעס אינ שטאַל מיט דער פּסורע: נישקאָשע, מענ איז אירער נאָכ נישט פּאָטער געוואָרנ, געלויבט דער שאָר-האַבאָר, מע זעט זיכ געזונט!.. א פּאָר גרויע, ברייטבײַכיקע, פּײַנע אָקסנ שטייענ געשפּאַנט אינ דעמ יאָכ, מאַכנ אַזוי ערנסט מיט דעמ מויל אונ מאַלעגיירענ געשמאַק, קיינ מינוט, באַלילע, נישט מאַפסיק צו זײַנ, גלײַכ ווי זיי זײַנענ פאַרטיפט אינ א וויכטיקער זאַכ אונ טוענ מיט זייערע אָקסענע קעפּ אופ

עפּעס א גרויסן סײַכל. דעם ארענדאַרס ציג שטייט דערווײַל אפן וואָגן, שטעקט הינטערווײַלעכס ארײַן דעם קאָפּ אין א זעקעלע דאָרט, נעמט באַלד אים ארויס מיט א פול מויל, פירקעט, דרייענדיק דאָס עקל, קײַט, מאַכט מיט די באַקן, טרעסעט דאָס בערדל גיך, געשווינד, ארומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן. אן אַלטער, אויסגעדאַרטער דאָרפס-הונט, לעבט אף דער עלטער פון קיצווע, אָן א שטעלע, מיט א הינקעדיק פיסל און א קאָלטן באַמבלענדיק זיך אים אפן עק, שאַרט זיך צו כאַענט צום וואָגן, קוקט מיט דערעכערעצ, קומט דערנאָך צו נעענטער אף עטלעכע טריט, שמעקט, זוכט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּעס א טרוקן, אָפּגעלעקט ביינדל, לויפט מיט דער מעציע אָפּ א ביסל ווײַטער, שטרעקט זיך אויס אף דער ערד און נעמט זיך קנאַקן דעם ביין, האַלטנדיק דערבײַ דעם קאָפּ אין דער זײַט אף די פּאָדערשטע לאַפּעס. דאָס פערדל דאָרט אין יענעם וואָגן, נימעס ווערנדיק אים א לאַנגע צײַט צו שטיין אף איין אָרט, גאָרנישט צו טאָן, נאָר דרעמלען, מאַכן מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אויערן, איז זיך מעיאַשעוו אָפּצושטעקן א וויזיט א פּאָר אײַנגעשפּאַנטע אָקסלעך, וואָס טוען זיך ווויל איבער א זעקל פּאָלאָווע, און זײַנען זייער אוירעך אף וועטשערע. נאָר באַם גיין פאַרהאַקט זיך די אַקס פון זײַן וואָגן אין א רעדל פון אן אַנדער פורל, שיר אומצוואַרפן עס. יענץ פערדל דאָרט, ארויסשפּרינגענדיק פון די האָלאָבליעס, טרעט אָן אן אַנדער פערד אפן פוס, עס טוט א הירזשע און שטעלט זיך דיבאָם. די ציג דערשרעקט זיך, טוט גיכער א שפּרונג, און טרעט אָן דעם דאָרפס-הונט אפן ווידל. ער שפּרינגט דערשראָקן אוועק אף דרײַ פיס, הײַלנדיק אף א קוויטש מיט א צענגאָרנדיקן שאַלשעלעס.

מיט גרויס מי שלאָג איך מיך דורך צווישן די אַלע פורלעך, גוט צוקוקנדיק זיך, טאָמער איז דאָ דאָס, וואָס איך זוך, און לאָז מיך ארײַנגיין אין קרעטשמע.

דאָס אַלצדינג, וואָס אינווייניק אינ קרעטשמע טוט זיכ, דערפיל איכ בײַסלעכווײַז, איינס נאָכ דאָס אַנדערע קעסיידער, נישט אַפ איינ מאָל. דעמ ערשטנ קיבעד דאָרט האָט מײַנ נאָז. באַלד באַמ אַרײַנקומענ, נאָכ אַפ דער שוועל, טוט מיר א זעצ א שאַרפ ביטערער צאַפּנשטינקענדיקער רייעכ פונ בראַנפנ, מאַכאָרקע אונ מענטשנ-שווייס אינייינעמ. אַז די נאָז ניסט אָפּ איר „מאַ-טויווו" פונ אַזאַ באָרוכ-האַבאָ מיט א הילכ, צעגיסנדיק זיכ אינ שטייגער, — גייענ צומ סמיק די אויערנ. א ראַש, א געפּילדער פונ אויסגעמישטע אינייינעמ דינע, גראָבע, הייזעריקע, צערעפּעטע אונ כריפּעדיקע קוילעס קײַקלענ זיכ אַרײַנ אינ זיי מיט א גרילצנ, — נאָר טויב צו ווערנ! אַז די נאָז מיט די אויערנ האָבנ שוינ זייערס אָפּגענומענ, געהאַט זייער ערלעכ אויסקומעניש, זײַנענ שטאַרק אינ דער אַרבעט, נעבעכ, די אויגנ. נאָכדעמ ווי זיי בלאָנקענ זיכ פּרוּער אַרומ אינ דער טונקלעניש צווישנ א געדיכטנ אוילעמ מענטשנ צונויפגעשמאָלצנ אינייינעמ, נישט צו האָבנ א פּיצל סימענ פונ עפּעס א זאַכ, דערזעענ זיי פונדערווײַטנס אַפ א לאַנגנ הילצערנעמ טיש א כיילעוודיק ליכטל אינ א לײמענ לײַכטערל, וואָס ברענט מיט א רויטנ שטעכעדיקנ פלאַמ, אַרומגערינגלט מיט געל-גרינ-בלוי-גרויע רעדער, ווי רעגנבויגנס, פונ דער הייסער פּאַרע אונ זײַלנ רויכ, וואָס שלעפּנ זיכ איבער דער שטוב אַרומ. ערשט דערנאָכ הייבנ אָנ אַרויסצושווימענ פונעמ טונקעלנ טומאַנ קעסיידער: נעז, בערד, בערדלעכ, טשופּרינעס, גאַנצע פּענעמער אונ צורעס פונ מאַנצבלענ אונ נעקייוועס. עס שווימענ אַרויס העדלעכ מענטשנ. א טייל האַלטנ זיכ אַפ די פּיס, ערשט נאָכנ פערטנ, פינפטנ טרונק בראַנפנ. אינ דער זײַט האַלדזנ זיכ צוויי שיקורימלעכ, זידלענ זיכ פאַר גרויס ליבשאַפט מיט מיִעסע ווערטער. נעבנ זיי שטייט א פּלוינעסטע, באָרוועס, אינ א קורצ קליידל, מיט א געשטיקט העמד אויסגעשניטנ ווײַט, אונ האָט האַנאָע, פּאַטשט איינעמ, דעמ אַנדערנ אַפּנ רוקנ מיט גוטנ,

מאכנדיק דערביי: געגוג, אהיים, אהיים! דאָס שיקערע פאַרפאָלק אָבער שמעלצן זיך נאָך מער פאר ליבשאפט, נעמען זיך שטיפער ארום — און פאלן. ווידער א טייל זיצן אפ לאנגע בענק נעבן פלעשלעך מאשקע מיט פארבייסן. צוויי באלעגופן טרינקען איינער צום אנדערן לעבאָים און זיינען ביידע, ווי מע זאָגט, בעגילופן. איינער א שטאַרקער ליבהאָבער פונעם ביטערן טראָפּן, און וואָס דאָ איז שטענדיק זיין מאָקעם-מענוכע, וויטעט זיך פונדערווייטנס, רייכעדנדיק זיין ליולקעלע, דאָס מיט די דאָזיקע צוויי לייט, דאָס מיט יענעם, דאָס מיט אן אנדערן, און ווינטשעוועט צו: לעבאָים, לעבאָים! כאָטש מע קוקט זיך אפילע אפ אים נישט אום. און גאָר צולעצט שווימט ארויס אין דעם געשטאלט פון א יידענע, א רירנדיקע, א זשוואווע, מיט אָפּגעבלאַקעוועטע פעלענע מושקעס און עפּעס א מין טיכל אפן קאָפּ, דעם שענקערס ווייב מיט איר קאָווער אליין, — נעבן פעסלעך, פלעשער, קעלישקעלעך, גלעזלעך, קרענצלעך בייגל, געקאָכטע אייער, דאַרע פישלעך און שטיקלעך פארהארטעוועטע לעבער. דאָס מויל מאכט איר זיך קיין רעגע נישט צו, די הענט אירע רוען אויך נישט פונעם טייַנען, ריידן מיט איטלעכן באזונדער, פון געבן און נעמען גרייט געלט מעזומען אָדער מאשקאָנעס, אָדער מיט א קריידל אָנשרייבן אפ דעמס, אפ יענעמס כעזשבן פּאַסקעלעך און רינגעלעך.

איך דריי מיך ארום ווי א גער צווישן דעם דאָזיקן גאנצן אוילעם, פּרוּוו ריידן מיט דעם, מיט יענעם, — און דער שפּיץ איז אלטערס ווערטל טאַקע: מיילע בעקיצער, גאָרנישט.

אין קרעטשמע ווערט שיטערער, דער אוילעם הייבט אָן זיך צעפאָרן, און איך לאָז מיך צוגיין צו דער באלעבאָסטע, האלטנדיק די בייטש אונטערן אָרעם אקעגן אירע אויגן. דאָס טו איך בעקיוון, מיט אן אויבערהאסבאָרע, ווייל קרעטשמערקעס ביכלאל האָבן ליב באלעגאָלעס, קויפן זיי אונטער מיט בראנפן, מיט עסן און מיט נאָך עפּעס,

ביכדיי זיי זאָלנ פאַרפאָרנ צו זיי מיט פאַרשווינענ. די בײַטש איז מיר געווענ א מייליצ און מיר געגעבנ כיינ און לײַטזעליקײַט אינ דער באַלעבאָסטעס אויגנ. עס הייבט זיך צווישנ אונדז אָנ אזא שמועס:

— גוט-נאָוונט! — גוט-יאָר! — ווו איז דאָס אײַער מאנ? — וואָס טויג אײַך מײַנ מאנ? — גלאט אזוי זיך. — זאָגט, עפשער וועל איך טויגנ? — טא... מעהייבעטייסע! — אהער, אהינ, מיר צעשמועסנ זיך ברייטלעך. איך דערצייל איר דאָס אומגליקל, וועלכעס מיך האָט דאָ געטראָפנ, מײַנ איצטיקע מיעסע לאגע. זי טרייסט מיך מיט א זיפצ, אונטערשפּארנדיק דעמ קאָפּ מיט דער האנט און צוויי פינגער אפ דער באַק, מאכט אלצ: „א מיעסע, א מיעסע!“ — און ווײַטער א זיפצ. — איך טו איר צוליב, דערצייל אלצדינג: ווער איך ביג, ווי איך הייס, מיט וואָס איך האנדל. און זי, פונ איר זײַט, באשיט מיך מיט רייד, זאָגט מיר ארויס איטלעכס פיצעלע, וואָס בא איר אונטערנ נאָגל, פונ איר מאנ דעמ שלימאזלניק, פונ די קינדער און פאַרנאָסע... עס ווערט צווישנ אונדז א נאָענטע באקאנטשאפט. מיר רעכענענ זיך אויס, אז מיר זײַנענ גאָר בײדע שטיקלעך קרויווים. זי הייסט כאיע־טרײַנע, נאָך מײַנס א קאלטער מומע פונ דער באָבעס צאד. א סימכע, א פרייד! זי פרעגט מיך אויס אפ מײַנ ווײַב, אפ די קינדער, אפ איטלעכנ בא מיר באזונדער, און אז דער מאנ איז דערופ אָנגעקומענ, זאָגט זי אים אָנ די בסורע גיך אינ איינ אָטעמ: מיר האָבנ א גאסט... א טײַערנ גאסט, רעב מענדעלע מויכער־ספאָרימ... מײַנער א קאָרעוו! און לאָזט אויס מיט גאדלעס צומ מאנ, אָנעמענדיק זיך מיט בײדע הענט בא די זײַטנ:

— הא, מיינסט עפשער, פונ א שמאל האָסטו מיך ארויסגענו־מענ! נישקאָשע, איך וועל, באָרעכאשעמ, פאר אנדערע נישט מע־חויעש ווערנ. מעגסט זיך, כלעבנ, איבערנעמענ מיט מײַנ מישפּאָכע!

טא, ריבוינעשעלוילעמ! — טראכט איכ מיר. — לאָז זײַנ אזוי: שאָול האָט געזוכט אייזלענ, אונ געפונענ די מעלוכע, איכ זוכ פערד — אונ געפונענ א כאיע־טרײַנע...

כאיע־טרײַנעס מאנ איז געווענ א ייִד מיט א לאנגע נאָז. דאָס שיטערע בערדל, די פייעס אונ די ברעמענ — העל־בלאָנד ווי פלאקס. בעשאס שווײַגנ קײַט ער די צונג, אונ איידער ער קלײַבט זיכ צו ריידנ, באלעקט ער זיכ פרוּער, אזוי אז אימ אָנקוקנדיק דענסטמאָל, פארשטייט מענ, וואָס טײַטש ל ע ק י ש. באמ אָפּשטעקנ מיר א שאָלעמ־אלייכעמ מורמלט ער עפּעס גאָר אָנ ווערטער, אונ פונעמ גאנצנ באנעמענ זײַנעמ דערקענ איכ באלד, אז ער ליגט אונטערנ ווײַבס פּאנטאָפל, האָט פאר איר דאָס נײַניאָריקע קאדאָכעס. ווי עס האָט שפּעטער מיט דער צײַט זיכ ארויסגעוויזנ, הייסט ער אינ דער סוויווע: כאזמ־כאָנע כאיע־טרײַנעס, אונ כאיע־טרײַנע אליינ הייסט: כאיע־טרײַנע קאָזאק.

— ווו האָסטו עס ביז איצינד געהינעט? — נעמט כאיע־טרײַנע דעמ מאנ אפנ ציהונדער, — וווהינ האָט עס דיכ, שלימאזל, דער שווארציאָר געטראָגנ? האָסטו געהערט? הענ א ביסל!.. מע זאָל אוועקוואַרפנ א שטוב מיט דעמ באלעבאטישקײַט אונ גאָרנישט... נישקאָשע, רעב מענדעלע איז אנ אייגענער, פאר אימ מעג מענ זאָגנ, וואָס פאר א שלאק דו ביסט, א שלאק פונ זײַנ ליבנ נאָמענ. קוקט אימ אָנ, שטייט ווי א לײַמענער גוילעמ אונ קײַט די צונג...

— דו האָסט דאָכ מיכ אליינ, האָסטו מיכ געשיקט צו גאוורילענ נאָכ א זאק קארטאָפליעס, מיכ געשיקט! — פארענטפערט זיכ כאזמ־כאָנע, באלעקנדיק זיכ פרוּער מיט דער צונג.

— אונ דער רעבע, דער שיינער רעבע איז קראנק געווענ ברענגענ צו טראָגנ דעמ זאק קארטאָפליעס! עסנ, נישקאָשע, קענ ער פאר צענ.

— דער רעבע איז דאָכ געגאנגענ, דער רעבע, אָפּפירנ די פּע־
ריסטע קו מיט דעמ קעלבל אינ פעלד אָפּפירנ,— גיט כאַיִמ-כאָנע
דעמ ווײַב צו פאַרשטיינ.

— אָט שווײַג שוינ, שווײַג, קײַ דיר בעסער די צונג. — מאַכט
כאַיע-טרײַנע, קוקנדיק בייז אויפנ מאַנ. דערנאָכ ווענדט זי זיכ צו מיר
מיט א גאנצנ שמועס, וואָס זי האָט פונ איטלעכנ אויסצושטיינ. ווענ
נישט זי, וואָלט די גאנצע שטוב שוינ לאנג האָרנעמ=קאָרנעמ איבער־
געקערט געוואָרנ, — און מישט אלצ ארײַנ אינ די רייד: „נישקאָשע,
פאַר אײַכ מעג מענ, ווי פאַר א טאַטנ, איר זײַט דאָכ אנ אייגענער, רעב
מענדעלע!“

איכ לייג מיכ ארײַנ אינ שאָלעמ און פאַריכט בא כאַיע־טרײַנענ
דעמ מאַנס דאָליע. פונ שאָלעמ ווענ זאָג איכ א ביסל א ליגנ, בא־
שולדיק ביכלאַל אלע מענער, מיכ דערונטער אויכ א ביסל, און כאַפּע,
לויב אינ טאָג ארײַנ די אלע ווײַבער, באַזונדערס כאַיע־טרײַנענ. כאָ־
לילע ווענ נישט זיי, וואָלט די וועלט קיינ וועלט נישט געווענ. כאַיע־
טרײַנע איז געוואָרנ ווייכער.

— געזונט זאָלט איר זײַנ, רעב מענדעלע! — זאָגט זי מיט א
שײַנענדיק פּנעמל און מאַכט באַלד טאַקע צומ מאַנ מיט גוטנ:

— גענוג צו קײַענ די צונג, נעמ בעסער, כאַיִמ=כאָנע, וויש איבער
דאָ די קעלישקעלעכ און די טעלער, פונ וועלכע אייסעוו האָט גע־
פרעסנ. — רעב מענדעלע מוז אוואדע גוט הונגעריק זײַנ, — טוט זי א
זאָג צו מיר, אויפהייבנדיק זיכ פונעמ געזעס אירס באַמ שענקל, —
איכ פיל עס אינ מיר אליינ טאַקע. אינ א מאַרק־טאָג פאַרשפּעטיקנ מיר
זיכ טאָמער מיט דער וועטשערע. נישטאָ, נימער ערגער, קיינ צײַט.
קומט, זײַט מויכל, מיר בעטנ זייער שיינ צו אונדז אינ שטוב.

גלײַכ פונעמ שענקל קומט מענ ארײַנ אינ א פינצטער אלקערל,
ווו אקעגנ איז אָפּנ א טיר נאָכ אינ אנ אלקער און לינקס אינ דער זײַט

פֿירט אַ טיר אינ אַ היפּשנ כיידער, — אַ נידעריקער, אָנ אַ דיל, מיט קליינע פֿענצטערלעכ. די שויבלעכ זײַנענ אַ טייל צעשפּאָלטנ, אַ טייל געלאַטעט פֿונ צונויפֿגעקלעפּטע שטיקלעכ אונ אַ טייל אינגאַנצנ אויסגעשלאָגנ; נאָר ערגעץ אינ אַ ווינקל שטעקט אַנ איבערגעבליבענע שטיקל גלאָז, ווי דער איינ־איינציקער צאָנ בײַ אַ זקיינע, וואָס בײַ נאָר עפּעס אַ ווינטל שאָקלט זיכ עס, שטיל געבעבעט: זים־זים־זים... זייער אומעטיק. אינ איינ עק שטוב, צו דער גאַס צו, שטייט אַ טיש, נעבנ אים, בײַ די ווענט — לאַנגע, שמאָלע בענק, נישט געפֿאַרבט. אינ דעם אַנדערנ עק אַקעגנ שטייט אַ בעט מיט אַ סאַכ בעבעכעס, אָנ אוײַנאָ-רע: מיט קישנס, גרויסע, מיטעלע, קליינע, קליינינטשקע, אַ הויכער טורעם ביז אינ דער סטעליע. אונ בײַ דער זײַט אויוונ דאָרט ציִרט זיכ אַ ברייטע באַנק, וואָס דינט באַנאַכט פֿאַר אַ בעט צו שלאָפֿנ. אַרום די ווענט אינ דער הייכ הענגענ פּאָרטרעטנ, באַדעקט מיט שפּינוועבס, מיט געפּייגערטע פֿליגנ, אויסגעטריקנטע אייער פֿונ פֿרײַסנ אונ פֿליגנ־קויט. פֿונעם קויט אַפֿ די דאָזיקע פּאָרטרעטלעכ קוקנ אַרויס עפּעס געשטאַלטנ: אַ „מיזרעכ” מיט קראַליקלעכ, מיט מעשונע־ווילדע כײַע־לעכ, האַלב ציג — האַלב הירש, האַלב לייב — האַלב אייזל, האַלב לעמפּערט אונ האַלב פּיפּערנאָטער. אַ הויכער האָמאָנ, געקליידט ווי אַנ אונטער־אָפֿיצער, הענגט אַפֿ אַ טליִע, וואָס גרייכט אים קוים ביז צום אַקסל, אַזוי אַז גיכער הענגט די טליִע אַפֿ אים. דערבײַ שטייט מאָר־דעכײַ אינ אַ שטרײַמל, אַ ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע, מיט אַ גאַרטל, אויבנ אַ טיוליק, אינ שיכ אונ זעקעלעכ מיט פּייקעלעכ, טאַקע נאָר „מאָנדרוש”. אַרום אים „באַבערדלטע, באַנאָזנדיקע” ייִדנ מיט קויסעס אינ די הענט אונ מאַכנ: „לעכאַיִם, רעבע מאָרדכע!” צו זערעשנ מיטנ טאָפּ האָבנ זיכ זייער מיִעס צוגעכאַפּט די פֿליגנ, האָבנ פֿונ איר, נע־בעכ, איבערגעלאָזט נאָר אַ האַלבנ קאָפּ מיט אַ שטיקל פֿעדערכיילעכ. נאַפּאָלעאָנ, נעבעכ, איז אויכ אַרײַנגעפֿאַלנ אַהינצו אינ ייִדישע הענט.

אַז אָכ־און־ווי איז צו אים, וואָס פאַר א פּאָנעמ ער האָט געהאַט! ער איז געהאַנגענ צווישנ פּויטיפערס ווײַב, עפּעס א פאַרזעעניש, א מיִעס־קײַט, וואָס מאַכט כיינ, שלעפּנדיק יויסעפ־האַצאַדיק בא די פּאָלעס, — אונ צווישנ א שמאָלנ, פאַרשמאָלצעוועטנ, שטאַרק־אָנגעבויגענעמ שפּיגל, הינטער וועלכנ עס האָט געשטעקט א פאַרדאַרטער לולעוו אונ אַלטע אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס.

אינ שטוב דרייט זיכ אַרומ א דיקע, א ברייטע, א האָרעפּאַשנע מויד, מיט א פּאָר באַקנ ווי די פּאַמפּעשקעס; אפנ קאָפּ זייער ווייניק האָר אונ צוויי קלײנע צעפּעלעכ פונ הינטנ. די הענט האַלט זי ביז די עלנבויגנס שטײַפ צו בײדע זײַטנ, די אָרעמ אויסגעשטרעקט גלײַכ פאָרנט, ווי צוויי האָלאַבליעס, צווישנ וועלכע זי רוקט זיכ, שליטלט זיכ, נישט צו הייבנ קיינ פיס, אַרויסשיקנדיק דעמ קאָפּ א ביסל פריִער פאַר איר, רוקט זיכ גיכ, טראָגנדיק אינ די הענט א טישטעכ מיט טעלער, אונ גרייט צומ טיש. כאַיע־טרײַנע רוימט איר עפּעס אינ אויער אײַנ, זי קערט אויס די האָלאַבליעס, דער קאָפּ לאָזט זיכ פאָרויס, זי אַליינ מיט די פיסעלעכ באַלד טאַקע נאָכ אימ אונ ווערט גיכ אַנטרונענ פונ דער שטוב. אינ א ווינקעלע קריגנ זיכ א שטיק פיר קינדער, מיידלעכ מיט יִינגלעכ, רײַסנ זיכ עפּעס איבער א קליינ הינטעלע, א מאָפּסיק, וואָס פּישטשעט, נישט צו הערנ, צו זענ, וואָס היִנטער זיי טוט זיכ אינ שטוב. כאַיע־טרײַנע באַפאַלט זיי פּלוצלימ, טוט שטילערהייט א קניפּ דעמ, א צופּ יענעמ, כאַפּט דאָס פּיצל הינטעלע אונ וואַרפט עס אַרויס. די קינדער שטעקנ זיכ אונטער די נעז אָפּ פײַגנ אונ צעלויפנ זיכ אינ די ווינקעלעכ. באַלד קומט אָנ כאַיִמ־כאָנע מיט א גרויסע לאַדיש סמעטענע. דאָס ווײַב נעמט עס בא אימ צו, פאָרעט זיכ דערמיט א ביסל דאָרט פאַר זיכ אונ הייסט זיכ אונדז וואַשנ.

א באָכערל אָנ א קאַפּאָטקע, באָרוועס, אינ א לײַבסערדאַקל מיט הייזלעכ, לויפט אַרײַנ מיט א סימכע: דער רעבע האָט געכאַפּט אינ

שטאָל א וואָראָבייטשיקל. אַלע קינדער בלײַבנ פאַרגאַפט מיט אויסגעצויגענע פּענעמער פאַר גרויס וווּנדער, און איידער זיי זײַנענ צו־זיך געקומענ, קומט אַרײַנ א יונגערמאַנטשיק עפּעס מיט א געשוואָלענער נאָז און גראָבע ליפּנ, וואַשט זיך גיכער איבער דער פּאָמעניצע, זעצט זיך דערנאָך צומ טיש און רוקט אַרײַנ אינ מויל א גרויס שטיק ברויט, אַלצ אינ כאַפּעניש, איינ אײַלעניש, נישט צו שענקענ קיינעמ א קוק, גלײַך ווי אויס מוירע, ער זאָל, כאָלילע, נישט פאַרשפּעטיקנ, מע זאָל אָנ אימ נישט אָפּעסנ. דערווײַל רוקט זיך אַרײַנ יענע ברייטע מויד מיט די פּאַמפּעשקעס, אויסגעפּוצט שאַבעסדיק, און זעצט זיך אויך צומ טיש. כאַיע-טרײַנע מאַכט צו מיר, ווײַזנדיק מיט א פינגער אַפּ דער מויד: דאָס איז מײַנ עלטערע טאָכטער, באַסיע-גרונע. דער אוילעמ עסט, פּרוּער עפּעס מיט דערעכערעצ: א שעפּ מיט דעמ לעפל און א לייג אַנידער, דערנאָך הייבט עס אָנ גיינ לעבעדיק, ראַשיק. א צענ לעפל אַרבעטנ געשמאַק אינ איינ שיסל און פליִענ פונ דאָרט געשווינד אינ צענ מײַלער, וואָס זופּנ, איטלעכס אַפּ זײַנ שטייגער. ס׳איז א כאַפּעניש, א בעהאָלע, א זופּערײַ: וווּפּ-הופּ, הופּ-פּופּ! מײַנע נײַגעפונענע קרויווימ טרײַבנ מיך אַלצ אונטער: עסט, לאָזט זיך נישט בעטנ. און איך: וו-ווּיפּ-פּ-פּיפּ! אַפּ מײַנ נוסעך. דער יונגערמאַנטשיק מיט דער געשוואָלענער נאָז פוילט זיך נישט, אַרבעט פאַר צענ און גרונטעוועט זיך ביז דעמ פויגל, וואָס קומט לעסאָף אַרויס, אויסגעמאָלט אינווייניק אַפּנ דעק פונעמ שיסל. אָפּגעפּאַרטיקט זיך פונ דער אַרבעט מיט א זיפּצ טיפ פונעמ בויך, שטעלט ער אויס א פּאָר גלעזערנע אויגנ, און קוקט אַפּנ אוילעמ, טוט פּלוצלימ א שטרעק די האַנט, אונטערהייבנדיק זיך א ביסל פונעמ אָרט, גלײַך צו מיר, מאַכנדיק דערבײַ: שאָלעמ-אַלייכעמ! איר זײַט מיר עפּעס קענטלעך... מאַ שמייכעמ? — איך זאָג אימ מײַנ נאָמענ. ער שפּרינגט אַזש אונטער פאַר גרויס וווּנדער.

— רעב מענדעלע!.. רעב מענדעלע מויכער־ספאָרים!! פּישש!.. א קאַטאָוועס עפּעס! ווער קענ נישט רעב מענדעלענ? איכ האָב געהאַט אמאָל די זכיע, אינ גלופּסק נאָכ, קויפנ בא איַיכ א בענטשערל.

— רעב מענדעלע איז מײַנער א קאָרעוו, — זאָגט כאיע־טרײַנע מיט גאַדלעס, שמעלצנדיק זיכ פאַר פרייד, אונ אָנווײַזנדיק מיר אפנ יונגנמאַנטשיק, מאַכט זי: דאָס איז אונדזער רעבע. — אנו, הוישיעקעלע, — ווענדט זי זיכ צום באָכערל אָנ דעם קאַפּאָטקעלע, — רעב מענדעלע וועט דיכ פאַרהערנ. שעמ דיכ נישט, נישקאָשע, דער פעטער וועט דיכ נישט אופעסנ.

הוישיעקעלע האַלט א פינגער אינ דער נאָז, קוקט אינ דער זײַט, אָנבלאָזנדיק זיכ, פאַרציט דעם אקסל אונ מאַכט: איכ סעמ מיכ, סעמ מיכ...

— וויפל איז אַלט אײַער הוישיעקעלע, זאָל לעבנ? — פרעג איכ די מאַמענ.

— מײַנ הוישיעקעלע, זאָל לעבנ, איז אינ ווערנע געוואָרנ באַר־מיצווע — ענטפערט די גליקלעכע מאַמע.

— נו, הוישיעקעלע, — נעמ איכ דעם באָכערל אָנ פאַרנ בעקעלע, — זאָג, שעמ דיכ נישט, וואָס גייט הײַנט פאַר א סעדרע?

— זאָג, זאָג! — טרײַבט מענ הוישיעקעלענ אָנ פונ אַלע זײַטנ. — ער שטעלט אויס א פּאָר אויגנ אונ שווײַגט.

— ב... ב... ב... — מאַכט דער רעבע מיט די גראָבע ליפּנ.

— ב־ב... בוהײַ! — לאָזט הוישיעקעלע אויס אפ א קאָל, קוקנדיק צום רעבנ.

— נו, באָלאָק, באָלאָק... — זאָג איכ אונטער אונ גיב ווײַטער הוישיעקעלענ א פרעג, — וואָס האָט אזוינס באָלאָק געשיקט זאָגנ?

דער רעבע לעקט דעם פינגער, קעדיי דער טאַלמיד זאָל זיכ דערמיט אָנשטויסנ.

— לעקן. — טוט הוישיעקעלע א געשריי מיט אימפעט.

— ווער, ווער? — טרייבט הוישיעקעלע אונטער דער רעבע, און עס ווערט אים גרינגער אפן הארצן, מיינענדיק, אז ער האלט שוין מיט דעם טאלמיד זיינעם אפ א שטיקל דרערעב — ווער, הא?

— דער רעבע! — שרייט הוישיעקעלע אויס אפ א קאָל.

— דו פארשטאָפּטע קאָפּ איינער! — צעהיצט זיך דער רעבע מיט קאס. — ווער, זאָגט באָלאָק, וועט לעקן?

— די יידן...— טוט הוישיעקעלע גיך א זאָג אפ א קוויטשיק קעלבן.

— יאָ, די יידן, די יידן... הוישיעקעלע! — זאָג איך, א גלעט געבנדיק אים דאס בעקעלע. — זייער וויל, דו קענסט.

די מאמע איז גאָר איבערגליקלעך, האלט די הענט אפן בויך און קוועלט: אז וויל איז, כלעבן, דעם בויך, וואָס האט אזא טאכשיט געבוירן. דער טאטע קייט די צונג און האָט שטארק האנאָע.

נאָך דער וועטשערע שמועסט מיט מיר באיע־טריינע איבער וועגן מיין אייסעק אזוי: אין א פּאָר שאָ ארום באהארפ אָנקומען מיין יאנקאָ מיט די פערד. דענסטמאָל, רעב מענדעלע, זעצט איר אייך אופ רייטנ־דיק אפ איינעם, מיין מאן אפ דעם אנדערן פערד, און פאָרט פארנע־מענ די ביידלעך מיט די סכוירע דערוויילע אהער. און ווייטער וועלן מיר שוין זען. לעסאטע לייגט זיך א ביסל צו, אָט האָט איר אייך א בעט מיט איבערבעטן.

— א שיינעם דאנק! — רופ איך מיך אָן. — אין די בעבעכעס, אז איך וועל ארייננפאלן, וועט שווער זיין דערנאָך ארויסצובאקומען מיך פון דאָרט. גאָט וויים, וויפל איך קען דאָרט אָפּשלאָפן, און דאָ איז די צייט טייער. אן אנדערש מאָל, אימירצעשעם, אז איך וועל קומען צו אייך מיט מיין ווייב און די קינדער צוגאסט, דענסטמאָל, זעט איר, געזעגן איך מיך מיט אייך אלע און ווארפ מיך, אפ גאטס

באראָט, ארײַנ טיפ אינ דעמ טהאָמ בעבעבעס אפ א לאנגער, לאנגער צײַט.

— מיר בעטנ, מיר בעטנ! — מאכט כאיע־טרײַנע מיט כיינ. — זעט זשע, — מיט אלע קינדער טאקע. נעמט אויכ מיט יאכנע־סאָסענ. זאָגט זשע זיכ נישט אָפּ כאָטש נעמענ א קישעלע אהינ אינ אלקערל.

— שלאָפט געזונט! — געזעגנט זי זיכ מיט מיר. — נישקאָשע, מײַנער װעט אײַכ גאנצפרי, קילכויכ האשויר, אופװעקנ.

10

כאיע־טרײַנע איז טאקע א קאָשערע יידענע, א גוטע, נאָר װאנצנ האָט זי געהאט אינ שטוב רעשאָימ, זייער בייזע. זיי זײַנענ מיר באפאלנ, װיבאלד איכ האָב מיכ געלייגט אפנ טאפּטשאנ אינ אלקערל, אונ די מילכאָמע צװישנ אונדז האָט זיכ אָנגעהויבנ. ביידע צדאָדימ האָבנ זיכ פאראקשנט, גע־ארבעט אינ אייסעק: זיי — מיטנ מויל, איכ — מיט די הענט. זיי קריכנ, איכ שפּרינג אונטער. זיי מיט טײַנעס: „דער טאפּטשאנ איז אונדזערער, דערעכערעצ זשע, רעב ייד, אונ לאָזט זיכ בײַסנ” — איכ זיפצ, פארבײַס די ליפּנ, קראצ מיכ מיט אלע קויכעס: זיי א ביס — איכ א קראצ; זיי אפ מיר — איכ אפנ קישנ. אראָפּ, צו אלדי שװארצע יאָר, דאָס קישנ! דאָס הינקעדיקע בענקל אפ דרײַ פּיסלעכ פאלט אומ; דאָס לײמענע קריגל מיט נעגלװאסער — טראכ־טראכ! טאראקאנעס אפנ דיל לויפנ, דראפּענ, הארמידערנ. פעדערנ פונ דעמ צעריסענעמ קישנ פליענ אינ דער נאָז, אינ די אויגנ ארײַנ. דער טאפּטשאנ אונטער מיר ריפּעט־סקריפּעט. א טאראראמ, א גערודער! איכ בינ דול, צע־מישט, צאפּל מיט אלע גלידער אונ װארפ מיכ פונ איינ זײַט אפ דער

אנדערער. עס הערט נישט אופ צו בײסנ. עס שטינקט וואנצנ. — ני־
מעס ווערנדיק מיר די גאנצע מײסע, בלײבט בא מיר אויקער צו זײנ.
איכ פארלאָז מײנ געלעגער, שפרינג אראָפּ גלײכ צומ פענצטער, צו
אָטעמענ א ביסל פרײ, אונ טו א קוק אינ דרויסנ אפ גאָטס
וועלט.

אפנ בלויענ הימל שטיל, רויק גייט די גילדענע לעוואָנע. איר
שײנענדיק פּאָנעמ איז זייער ערנסט, עפּעס שטארק פארטראכט. שא
ארומ אונ ארומ... איר פארטראכטקײט ווארפט אפ מיר אָנ א זיסע מאָ־
רעשכווירע, זי רעדט עפּעס צו מײנ הארצ, די נעשאָמע מײנע נעמט זי
מיר ארויס מיט איר איטלעכנ בליק. זי רופט אינ מיר ארויס א יאמ
געפילנ, אונ עס טראכט זיכ, טראכט זיכ עפּעס גאָר פונ זיכ אליינ.
עס טראכט זיכ פונ דעמ ביטערנ לעבנ פול קרענקונג, אלערליי לײדנ
מיט באליידיקונג, פול פּלאָגנ, אָנשיקענישנ, אלטע אויכ נײע, אונ צע־
פּיעסטע מיכ פאר איר ווי א שלאָפ קינד, נעבעכ, פאר דער מוטער:
אוי, מאמע, עס טוט וויי!.. אוי, ווערט מענ עס פארשווארצט, קומט
מענ עס אָפּ... קארג קאָפּדרייעניש, בויכווייטעק, — איז מענ נאָכ
גרויס אינ די אויגנ. קארג אייגענע מאקעס אונ ווונדנ, — האָט מענ
נאָכ אויסצושטײנ געבראָטענע לייד. קוימ-קוימ, וואָס מע זשיפּעט, —
פארגינט מענ נאָכ נישט דאָס שטיקל געפּלאָגטע לעבנ. אוי, מאמע,
עס שמארצט, אוי, עס טוט וויי!.. די לעוואָנע קוקט אפ מיר מיט איר
ליכטיקער צורע אלצ ערנסט, פארטראכט, אונ, דאכט זיכ, זי נעמט
מיכ אײנ: „שא, בידנע קינד, שא! וואָס זאָל מענ טאָנ?“... דאָס הארצ
וויינט אינ מיר נאָכ מער, הייסע טרערנ טרעטנ מיר ארויס אינ די
אויגנ, איכ שפּאר אָנ דעמ קאָפּ אפ מײנ אָרעמ, די זײט מיט דער אָפּ־
געשווירענער פּייע דער לעוואָנע אקעגנ, נא, זאָל זי זענ, זאָל זי כאָטש
זענ!.. עפּעס עפנט זיכ אינ מיר א קוואל פונ געפילנ, צופּנ מיכ באמ
הארצנ, פארפלייצנ מיר די געדאנקענ. די אויגנ, אָנגעקוואָלענע ווי די

באנקעס, קוקנ אינ דער וועלט ארײַנ מיט א רירנדיק געבעט: גוואלד, העלפט, האָט ראכמאָנעס! עס טוט וויי, וויי, וויי... אזוי כאפּט זיכ אופ פונעמ שלאָפ בא דער נאכט א קראנק קינד, נעבעכ, יאָמערט פונעמ הארצנ פאר זיכ אליינ, קוקט מיט די אויגעלעכ, בעטנדיק ראכמימ.— נישטאָ קיינער! קיינער הערט נישט! אלע שלאָפנ, שאַ!.. א הינטל נאָר שטייט אפ דער גאס וואכ, דער ווײַדל צווישנ די פיס. דער קאָפּ פאריסנ הויכ, אונ בילט מיט א קאלטער לעבער אקעגנ דער לעוואָנע. זי גייט איר וועג רויק, פארטראכט, פונ א הונטס בילנ זיכ גאָר נישט צו מאכנ...

אפנ הארצנ ווערט מיר גרינגער. עפּעס וואַרעמט מיכ אינווייניק א געפיל פונ האָפענונג אונ טרייסט אָנ ווערטער,— אזא געפיל, וואָס א ייִד פילט, אז ער ווײנט זיכ אויס פאר גאָט אפ זײַנע צאָרעס; אזא געפיל, וואָס מאכט דעמ מענטשנ וויכ ווי טייג, גוט אָנ א ברעג, גרייט איטלעכנ אוועקצוגעבנ די נעשאָמע, ארומצונעמענ די גאנצע וועלט אונ זי א קוש צו טאָנ פאר גרויס ליבשאפט.

אונ זיי, די וועגצעלעכ, זײַנענ דענ נישט גאָטס באשעפעניש? וואָס זײַנענ זיי שולדיק, אז זיי שטינקענ, נעבעכ? וואָס זאָלנ זיי טאָנ, אז עס ליגט שוינ אזוי אינ דער טעווע זייערער צו בײַסנ? טוענ עס נישט פאָר שלעכטס, פאר סינע אונ צעלאָכעס, נאָר פאר דעמ שטיקל פּארנאָסע: זיי ווילנ, נעבעכ, טרינקענ, אָנזעטיקנ זיכ מיט יענעמס בלוט. מיילע, לאָז שוינ מײַנס איבערגיינ. עפּעס דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ איז מיר דענ וואנצנ? אונ וועלכער ייִד האָט דענ נישט פונ זיי צו זינגענ אונ צו זאָגנ?..

איכ גיי אוועק פונ דעמ פענצטער, אונ זאָגנדיק: „אינ דײַנ האנט טו איכ מײַנ זעל באהאלטנ”, גיב איכ מיכ א וואָרפ אפנ טאפטשאַנ אונ — גאָרנישט, איכ שלאָפ. כאלוימעס האָב איכ פײַנט צו דערציילנ. נארישקײַטנ!

דאָס אופשטיינ אפ מאָרגנ גאנצפרי האָט מיר געקאָסט גרויס מי. עס האָט מיר ווי געטאָנ איטלעכס איבער. נאָר די נויט האָט מיכ געצוואונגענ אונ מיט מיר א טראָג געטאָנ פונ מײַנ געלעגער. א ייִד לעבט מיט אימפעט. די נויט טרײַבט אימ צו לויפנ, ארומצויאָגנ, צו טאָנ, צו ארבעטנ. לאָז נאָר שוואכ ווערנ א קאפעלע דער אימפעט, בלײַבט ער ליגנ ווי א דערהארגעטער. יאָמטעוו דערפילט א ייִד זײַנע ווייטעקנ, דענסטמאָל האָט ער געוויינטלעכ צײַט קראנק צו זײַנ.

די נויט האָט מיכ פונ מײַנ געלעגער אופגעהויבנ. די נויט האָט מיכ אפ די פיס געהאלטנ, די נויט האָט מיכ רײַטנדיק אפ א פערד אופגעזעצט, די נויט האָט מיר אינ קארק געגעבנ, אונ איכ האָב מיכ געריירט פונעמ אָרט איניינעמ מיט כאימ־כאָנע, כאיע־טרײַנעס מאנ. הארב איז בא א ייִדנ נאָר דאָס ערשטע ריר, דערנאָכ, אבי א קוועטש די ספרונזשינקע, גייט עס שוינ ווי אפ פוטער, ער קריכט שוינ אפילע וווהינ מע באדארפ נישט, וווהינ מע האָט אימ קלאָל נישט געבעטנ. ער דראפעט זיכ אפילע אפ די גלײַכע ווענט. איכ קומ באלד צו מײַנע קרעפטנ, בינ פריש אונ שטארק אפדאָסנײַ.

אז דער אוילעמ זאָגט: „א ייִדישע נעשאָמע קענ מענ נישט שאצנ", — מיסטאמע איז רעכט. גאָר אינ אָנהייב האָב איכ גערעכנט, כאיע־טרײַנע פרייט זיכ דאָ מיט מיר אזוי פאָשעט, וואָס זי האָט דערטאפט פלוצלימ א קאָרעוו, אונ נאָכ אזעלכנ, וואָס רײַבט זיכ ארומ ספאָרימ! דאָס רײַבנ זיכ אליינ ארומ עפעס א זאכ האָט שוינ א גרויסנ ווערט בא ייִדנ. א ייִד, פונ די שיינע באלעבאטימ אפילע, ווענ עס קומט אימ אויס צו האָבנ אנ אייסעק אינ די פריסוטסטוועס, הייבט אָנ צומ ערשטנ פונ סטאָראָזש — ער רײַבט זיכ דאָכ פאָרט ארומ די אדוינימ דאָרט — שמועסט מיט אימ איבער, אונ גייט אוועק צופרידנ. לעסאטע, טראכט ער, איז גענוג. דער סטאָראָזש איז נישט קיינ שלעכטער מענטש. — דער שאמעס, וואָס רײַבט זיכ ארומ א ייִדישער שקאָ-

לע, הייסט בא א טייל פונ יידישנ אוילעמ: דער אינספעקטאָר; דער יידישער בריווטרעגער — פאָטשטאַר; דער ייד פונ דער פאָטשט, — אַזויפיל קימאַט ווי פאָטשטמייסטער. קורצ, ווי מע זאָגט טאַקע: „דעמ ראָווס שיקסע קענ פאַסקענענ שײַלעס"... בא דער וועטשערע, אָנקוקנ־דיק די דיקע, ברייטע מויד, וואָס שוינ צייט איר אונטער דער כופע, איז מיר שוינ אַרײַנ אינ נאָז, אַז כאיע-טרײַנעס פרייד באַטײַט, איכ קענ איר צוזיצקומענ צו א שידעכ... אונ, האַכט זיכ, גאָר אַפ מיר גופע האָט זי אַנ אויג. דעריבער טאַקע האָט די מויד אַזוי שאַבעסדיק זיכ אויסגעפוצט... דאָס איז מיר דערנאָכ קלערער געוואָרנ פונ כאַיִמ־כאַ־נעס רייד, פאָרנדיק מיט מיר אַפנ וועג. עפעס האָט ער צופיל אויס-געפרעגט מיכ וועגנ מײַנ באָכערל מיט אַזאַ שמועס:

— אַזוי! איז אײַער באָכערל שוינ געוואָרנ, אײַער באָכערל, באַר־מיצווע — אונ נאָכ נישט קיינ כאָסנ, נישט! איכ אינ זײַנע יאָרנ האָב שוינ כאַסענע געהאַט, אינ זײַנע יאָרנ. — מײַנ כאיע־טרײַנע לאָזט מיכ די נעכט ניט שלאָפנ: גוואַלד, א באָכערל! וואָס ליגסטו, גאַזלענ, אַזוי?.. גוואַלד, א כאָסנ! — די בסולע מײַנע האָט איר דאָכ געזענ, די בסולע, א גוטע באַלעבאָסטע. עפשער טאַקע שוינ צייט איר כאַ־סענע צו מאַכנ, שוינ צייט עפשער? — וואָס זאָגט איר, רעב מענדל? עפעס זעט איר דאָכ א ייד א לאַמדנ, שוינ צייט? מײַנע האָט מיט מיר הײַנטיקע נאַכט איבערגעשמועסט... איר זעט בא איר שטאַרק כאָשעוו, זעט איר. אַלצ קומט אומגעריכט. באַדאַרפ זיכ גראָד מאַכנ א מײַסע, אונ איר האָט פאַרבלאָנדזעט צו אונדז... זייער אָנגעלייגט, כלעבנ. איז אײַער באָכערל שוינ, זאָגט איר, באַרמיצווע, אײַער באָכערל?

אינ דעמ, ווי מיר שמועסנ דאָ אַזוי, קומענ מיר צומ אָרט פונ די ביידלעכ. פריער באַטראַכט איכ גוט מײַנ ביידל אינ איטלעכס ווינ־קעלע. באָרעכאַשעמ, אַלצדינג דאָ אינגאַנצנ, — אונ לאָז מיכ צוגיינ דערנאָכ צו אַלטערס ביידל. האַכט זיכ, אויכ נישט גערירט, עס שטייט

אפ זײַנ אָרט. נאָר קוימ נעמ איכ מיכ צומ לאַנטוכ, מיט װעלכנ דאָס בײַדל איז איבערגעדעקט, אונ טו א טאַפּ, בינ איכ פֿאַרצאַפּלט געװאָרנ: עס רירט זיכ עפּעס אונטער אימ... איכ שפּרינג אָפּ שטאַרק דערשראָקנ אפ צענ איילנ אינ דער זײַט. דאָס לאַנטוכ הייבט זיכ דערװײַל אופ, אונ איכ דערזע פֿאַר מײַנע אויגנ זיצנדיק אפנ װאָגנ מיט א פֿאַרבונדענעמ קאָפּ — אַלטער יאַקנעהאָז...

11

דאָס מיט אַלטערנ איז פֿירגעגאַנגענ, װו ער איז הינגעקומענ, פֿונװאַנענ ער האָט פּלוצלימ זיכ גענומענ אונ פֿאַרװאָס דער קאָפּ איז אימ פֿאַרבונדנ — די דאָזיקע שײַלעס דערקלערט אונדז באַלד אַלטער מיט זײַנ קאַשער מויל אַליינ אַזוי:

— מיילע, גיי איכ מיר נאָכ די פֿערדלעכ. בעקיצער נישטאָ קיינ פֿערדלעכ! נישטמער, טראַכט איכ מיר, גאָרנישט. אפּאָנעמ, זיי זײַנענ פֿאַרגאַנגענ װײַטלעכ. גראָז אינ װאַלד איז זייער גוטע, שאָטנ אויכ דאָ. פֿאַרװאָס נישט? א מענטש, לעהאַװדל, זוכט אויכ, װו גוט איז. מיילע, גיי איכ מיר װײַטער, װײַטער, פֿאַרשטייט איר מיכ. — מע הערט נישט, מע זעט נישט. װאָס טוט מענ דאָ? ס'איז דאָכ עפּעס שאָפֿל! פּלוצלימ האַכט זיכ מיר אינ װאַלד עפּעס א שאָרכ אפ יענער זײַט פֿונ א טאָל. מײַנער — באַלד טאַקע אַראָפּ, אַרופֿ, אַהינ, אַהינ, בעקיצער גאָרנישט. דערװײַל װערט שפּעטלעכ, ס'איז שוינ טונקל, עפּעס גאָר נישט קיינ גוטער מאַסעמאַטנ!.. האַכט זיכ מיר װידער א שאָרכ, איכ — װײַטער אַהינ, דריי מיכ, זוכ — אונ װײַטער גאָרנישט. עס פֿאַרדריסט מיר שוינ, פֿאַרשטייט איר מיכ, װאָס איז דאָס פֿאַר א גאַנג? בעקיצער, װידער א שאָרכ אונ עפּעס װי טריט. — אָט האָסטו

זיי, די שיינע לײַט! א קרענק זיי אין די ביינער! — פלוצ איך שטאַרק
אופגעבראַכט און דערשלאָג מיך אהין, ערגעץ אין א העק, צווישן גע־
דיכטע צווײַגן. אהא, ס'איז דאָ, דערטאַפּט!.. וואָס? צו אלדי שוואַרצע
יאָר, — עפּעס א רויטע קו... א קו, וואָס, ווי געוויינטלעך, זיך פון דער
טשערעדע אָפּגעריסן און פארגאנגען אין וואַלד. אצינד וואָס? איך
ווייס גאָר ניט, ווו איך בין. נישטמער, שטיינן איז קיין טאבלעס נישט.
מיילע, גיי איך מיר אין צאָרעס, אף גאָטס בארזאָט, און פארגיי מיר
צו א פײַערל, וואָס האַלט באַם אויסגיין. האָלאָוועשקעס רייכערן זיך,
ס'איז נאָך דאָ אין זיי א פונק. דאָס גראָז ארום און ארום אויסגע־
טרעטן, עס וואַלגערן זיך ברעקלעך ברויט, שאָלעכץ פון אייער, פון
אוגערקעס, ציבעלעס און קנאָבל, אויך צעריסענע שמאַטעס און שמאַ-
טקעלעך. דאָ איז, אפּאַנעם, געווען א היפּשע קאָמפּאַניע, און ווי עס
זעט אויס, א כאָפּטע ציגײַנער. גאָר עפּעס נישט קיין גוטער אייסעק!
ציגײַנער האָבן ליב צו לאַקכענען. פלוצלים דאַכט זיך פון גאַנץ ווײַט
עפּעס א קאָל. עפּשער רופט עס דאָרט רעב מענדעלע? גייט מיר איבער
א געדאַנק, און איך לאָז מיך גיין געשווינדער. דאָס קאָל: דאָ הערט
עס אוף, דאָ לאָזט עס זיך ווידער הערן, און וואָס נעענטער — ווערט
עס אלץ שרעקלעכער, ווי איינער שרײַט גוואַלד... עפּעס גאָר א שרעק,
כלעבן! נישטמער, גאָרנישט. איך טו מיר מײַנס און גיי. עס העלפט
נישט, כאָר קוק מיך גוט ארום און היט די ביינער. בעקיצער, אקעגן
מיר וואַקסט אויס פונדערווײַטנס עפּעס א קרעטשמעלע, א כורוועלע
אף הינערשע פיסלעך. עפּעס איז מיר עס נישט געפעלן. איך באַהאַלט
מיך א ביסל אין דער זײַט צווישן צווײַגן. גראָד טאַפּ איך דאָרט אָן
עפּעס א דרענגל. נעם עס אין דער האַנט, פארשטייט איר מיך, לעיע-
סער ביטאָכן. זיץ שטיל און קוק מיר, וואָס וועט דאָ זײַן. עס קומט מיר
אין קאָפּ ארײַן שרעקלעכע זאכן, מײַסעס מיט גאַזלאָנים און גלופּ-
סקער גאנאָווים. פלוצלים ווײַטער א געשריי, א ביטער געשריי, ווי

פון איינעם, וואָס איז אין א גרויסער סאקאָנע, און, דאכט זיך, דאָס ביטערע געשריי איז פון כורוועלע. עס כאפט מיך אָן באַם האַרצן. עס טראָגט מיך אונטער פונעם אָרט, און איידער מיך צו באַטראַכטן, שטיי איך שוין נעבן קרעטשמעלע, אליין נישט רעכט צו געדענקען, וואָרום האָב איך מיך דאָ גענומען. עפּעס געפּיקט האָט מיר אַלץ אין קאָפּ: אַן אייגענער, אַן אייגענער! א קאַשע אָפּ א מײַסע! עפּשער איז זאָר רעב מענדעלע אין א סאקאָנע. איך ווייס דען, אַפּאָנעם, ווו איך בין? ס'איז טאקע א מוירע, נישטמער, גאָרנישט! מײַן טויט זאָל דאָ זײַן, מוז איך מיך דערגיין, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס. עפּעס בין איך דאָך א שטיקל אַקשן אויך. בעקיצער, איך גיי מיר פאמעלעכן און האָרך מיך גוט צו. עפּעס הערט זיך א פאַרדומפּט קאָל. איך קום צו נעבן א צעשאָטענעם טויער, קוים וואָס ער האַלט זיך פאר אַלטקײַט. מײַנער — פוץ אַרײַן אינווייניק אין א גרוים הויז! גיי אָפּ די שפּיץ פינגער, זוך, נישטער אין דער פינצטער, שא, שטיל. איך נעם אַרוים פון דער קעשענע א פּעקעלע מיט עטלעכע שוועבעלעך, רײַב, רײַב מיט א ציטערדיקע האַנט, — אומזיסט, עס וויל נישט ברענען. דאָס לעצטע צינדט זיך לעסאָף אָן, און באַלד טאַקע לאָזט זיך הערן א געשריי גאָר אין אייגן אָטעם, ערגעץ פון דער זײַט דאָרט. דאָס שוועבעלע פאַרלעשט זיך, און גאָרנישט. איך טאַפּ אין דער פינצטער, קריך ערגעץ אַרײַן, און שלאָג מיך אָפּ עמעצן עפּעס אָן. די האָר שטעלן מיר זיך קאַפּויר, פרעגט מיך בעכיירעם, אָפּ וואָס פאר א וועלט איך בין. בעקיצער, בא דער שײַן פון דער אופגייענדיקער לעוואָנע, דורך א קליין אויסגעשלאָגן פענצטערל, אין א פאַרשימלט כיידערל אָן א טיר, דערזע איך, ליגט איינער געבונדן, ווי א שאָף, מיט הענט און מיט פיס, איז, נעבעך, טויט, בלייך ווי די וואַנט, קוים-קוים וואָס ער זשיפּעט. — גאָט האָט אײַך געבראַכט אהער, — זאָגט דער אומגליקלעכער פאַרשוין. — בינדט מיך גיכער אוף, וואָרעם איך בין פאַרבײַ. די שטריק

האָט מיר זיך אײַנגעשניטנ אינ דעמ לײַב, אונ עס ברענט מיך א טרונק...— ווער האָט אײַך אזוי געפּעגטעט? — טו איך א פרעג, נעמ באַלד ארויס מײַנ מעסער אונ שנײַד אופ די שטריק.— אינ זײַנ טאַטנס טאַטנ אַרײַנגעפּלויגנ! — שילט דער פאַרשוינ, אויסגלײַכנדיק די ביינער.— אזא מאַמזער, נאָטקע גאַנעוו! — וואָס, א גאַנעוו? — רופ איך מיך אָנ, שאַרפ אָנקוקנדיק דעמ פאַרשוינ.— יאָ, יאָ, אַלצדינג אינ דער קאָרט! ערשט הײַנט נאָך האָט ער געגאַנוועט א פּאָר פערד.— איך שפּרינג אזש אונטער הערנדיק אזוינס. בעקיצער, איך הייב אָנ באַלד טאַקע דעמ פאַרשוינ אויסצופרעגנ, זאָג סימאָנימ,— אונ עס קומט אַלצדינג קלאָר ארויס ווי בוימל אפנ וואַסער. בא יענע פײַערל אינ דעמ וואַלד זײַנענ דאָס געזעסנ א גאַנצע באַפּטע שלעפּערס, פײַנע־לײַט, איינער פונ די שיינע נעפּאַשעס האָט זיך געלאָזט שפּאַצירנ דאָרט אונ צוגענומענ אונדזערע פערדלעך. איך דערגיי מיך דעמ וועג, אפ וועלכנ די שלעפּערס האָבנ זיך געלאָזט פאָרנ, אונ עס בלײַבט בא מיר, באַלד אָנ שיִעס, נאָך די גאַנאָווימ זיך צו לאָזנ. דער פאַרשוינ פּרוווט מיך אָפּהאַלטנ, לייגט מיר שטיינער אפנ האַרצנ: ער האָט מוירע, דער מאַמזער זײַנער איז א רוציייעך, מיט אימ פאָרנ נאָך בוידנ פאַרשוי־נענ, אַלע קימאַט אזעלכע ווי ער. מיך אָבער האָט עס נישט געלאָזט רוענ. בלײַבנ אָנ א פערד קענ איך נישט.— ניינ, ניינ! איך מוז זיי דעריאָגנ, עס מעג זיך זײַנ, וואָס עס וויל. לאָזנ שפּײַענ זיך אינ דער קאַשע קענ איך נישט. א רעגע איז אצינד טײַער: בלײַבט איר דאָ, רוט זיך אויס, בא מײַנ צוריקקומענ מיט די פערד, אימירצעשעמ, נעמ איך אײַך אונ מיר פאָרנ ביידע פונדאַנענ אוועק,— אזוי זאָג איך דעמ פאַרשוינ, צו וועלכנ עס ציט מיר עפּעס שטאַרק דאָס האַרצ, נעמ די פיס אפ די פּלייצעס — אונ לאָז מיך געשווינד אינ וועג אַרײַנ.

דאָס אַלטע וויסטע קרעטשמעלע שטייט אַרײַנגערוקט א ביסל אינ וואַלד, בא דעמ שליאַך, וווּ עס טיילנ זיך וועגנ אינ פאַרשיידענע

זײַטן. לינקס פֿאָרט מען קיין גלופּסק, קיין וואָלין, און רעכטס — אין שטעט פֿון פּאָדאָלער גובערניע. איך נעם מיך רעכטס. בעקיצער, איך גיי נישט, נאָר איך לויף. אין קאָפּ בין איך — אַ שרעק. איך וואָלט צערײַסן דעם גאַנצן װאָגן, ווי אַ הערינג. עס פֿעלט מיר מער נישט צו די גוטע אייזאָקימס. בלײַבן זיצן אין פֿעלד אָן אַ פֿערד, אָן אַ גראָשן געלט. נישטמער, גאָרנישט. מײַנע פֿיס הייבן אָן זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעם גיכן גאַנג, דער מאָגן וויל נישט וויסן פֿון קיין שום זאַך און מאָנט עסן. אַ קלייניקייט עפּעס אַזאַ גרויסן טאָג אָפּצופּאַסטן. שלעכט! עס עסט מיך דער געדאַנק: פֿאַרפֿאַלן די מי, אומזיסט דאָס לויפֿן! זיי, די שיינע נעפּאַשעס, זײַנען אַוועק אַ היפּשע צײַט פֿריִער פֿון מיר, און וואָס גאַך? זיי פֿאָרן, אַקעגן זשע איך גיי צופֿוס. עס שטאַרקט מיך נאָר איין האָפֿענונג: טאָמער וועט אָנלויפֿן עפּעס אַ פֿורל. אַ גליק נאָך, וואָס די לעוואָנע שײַנט און מע קען כאָטש זען ווי אין העלן טאָג. בעקיצער, איך גיי, שוין נישט אַזוי געשווינד מיט אימפּעט, ווי פֿריִער, אָבער איך גיי, נעם מיר אַרויס די אויגן קוקנדיק. נישטאָ קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש. נישטמער, גאָרנישט, איך טו מיר מײַנס, אַלץ ווײַטער, ווײַטער. נעם איך מיך צו עפּעס אַ זאַך, פֿאַרשטייט איר מיך, לאָז איך עס אַזוי גיך נישט אָפּ. בעקיצער, דאַכט זיך, אַ קלאַפּן פֿון רעדער... אין דער ערד מיטן קאָפּ! אַ צעשפּרינגעניש פֿאָרט מען נאָך מיר אַקעגן, נישט אין דער זײַט, וווהין איך באַדאַרף. אײַ, אַ מאַזל, מײַן פֿינצטער מאַזל! — איך ווענד מיך צו איין פֿורל, צו דער אַנדערער. אַלע זײַנען שיקער־לאָט. אַצינד, פֿאַרשטייט איר מיך, ווער איך שוין גאָר מיִעס אין קאָפּ. אָבער ווי נאָך אין קאָפּ... און טו מיך אַ לאָז ווײַטער מיט אימפּעט. איך בין שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשע שטרעקע וועג, ס'איז שוין טאַקע גוט שפּעט. אין מיר איז נאָך דאָ אַלץ אַ האָפֿענונג, עס וועט מיך אָניאָגן אַ פֿורל. און פֿונדערווײַטנס דאַכט זיך טאַקע עפּעס פֿורלעך, נאָר אין דער ערד מיטן קאָפּ! ווידער טאַקע מיר

אקעגנ... ניינ! טראַכט איכ, הײַנטיקס מאָל לאָז איכ עס אַזוי נישט אָפּ. דאָס לעצטע, וואָס בא מיר געפינט זיכ, גיב איכ אַוועק, אַבי מע זאָל מיכ אונטערפירנ. איכ טרײַב מיכ אונטער, גיי מיט קוראַזש, נאָר די פורלעכ דאָרט רירנ זיכ, דאַכט זיכ, נישט. שטייענ עפּעס אַפּ איינ אָרט.

א האַרצווייטיק נאָר, א צעשפּרינגעניש! נישטמער, גאָרנישט, בעקיצער, צוקומענדיק נעענטער, דערזע איכ, דאָס זײַנענ בײַדלעכ. עס פאַלט מיר באַלד אײַנ, עפּשער זײַנענ עס די פײַנע־לײַט. איכ האַלט אײַנ דעמ גאַנג, גיי מיר שטיל, פּאַמעלעכנ אונ טראַכט, וואָס טוט מענ? בא דער זײַט וועג ציט זיכ א וועלדעלע, — מײַנער אַרײַנ אַהינ, באַהאַלט מיכ צווישנ ביימער, פונוואַנענ איכ קוק אַרויס אונ באַטראַכט די בײַדלעכ אקעגנ. יאָ, דאָס זײַנענ מיט די אַלע סימאָנימ זיי, זיי! איינ בײַדל ליגט אָנגעבויגנ צו דער ערד, אַרומ אימ א גאַנצ פּעקל: מאַנצבלענ, ווײַבער, יונג אונ אַלט, קינד־אונ־קייט, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. דער האַקט, יענער קלאַפּט, איינער גיט אייצעס, דער אַנדערער פלוכט, זידלט, ווײַבער קוויטשענ, אונ קינדער שרײַענ, פּישטשענ. ס'איז א געשילטערײַ, א געבייזערײַ, א פּאַטשערײַ, א כאָכלערײַ מיט א געוויינ אונ א געלעכטער איינעמ. צווישנ דעמ ראַש הערנ זיכ קוילעס: שולדיק איז דאָס נײַע פערדל, פאַרברענט זאָל עס ווערנ! אַזאַ פּליאַגע! דעמ גאַנצנ וועג האָט עס געצויגנ אַלצ אינ דער זײַט, אַפּ צעלאָכעס אַלצ אינ דער זײַט... עפּעס א פאַרשלעפּטע קרענק, פּייגערנ זאָל עס! פּײַוועשקעס קאָשערע מעציע, א כאָליערע אַפּ אימ! — פּיסקאַטשעס, שטינק־פּעסלעכ, קוליעס שטרוי אָנ הענט, אָנ אויגנ, גאָרנישט, — נאָר פּרעסנ, דריכנענ! — זידלט זיכ איינער, א רויטער יונגאַטש מיט ברייטע פּלייצעס, אונ ווײַזט דערבײַ איטלעכנ א קולאַק. איכ זוכ מיט די אויגנ אונ דערזע: אינ די אָבעדריקעס מיט שלייעס שטייט אָפּגעשפּאַנט בא דעמ הינטערשטנ בײַדל אײַער פערדל, רעב

מענדעלע! מע האָט אים, אַפּאַנעם, מעכאַבעד געווען גיין אָפּן דראַנ־זשיק. — איי, כאָכעם מײַנער! — מאַכ איכ פאַר פרייד. — דו האָסט זיי אָנגעמאַכט אַ גוטע כאַסענע, ניִשקאָשע... ווו זשע איז ערגעץ מײַנ שלימאַזלניצע? מײַנ שקאַפּע, זע איכ, שטייט צוגעבונדנ הינטער דעם דאָזיקנ בײַדל טאַקע. איכ באַטראַכט מײַנ דרעניגל, נעם אַרויס מײַנ מעסער און לאָז מיכ אַזוי שטילערהייט, ווי אַ קעצעלע, צום בײַדל, בעשאַס די כאָפּטע איז שטאַרק באַשעפטיקט דאָרט מיט דער אַקס, שנײַד געשווינד איבער די שטריק, כאַפּ מיכ אַרופ רײַטנדיק און פאָר מיט ביידע סוסים אָנ אַ זײַ=געזונט אַוועק. מיילע, גאָרנישט! באַדאַרפ גאָר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, איינער פונ דער כאָפּטע דערזענ, מאַכט אַ געפּילדער, און עס ווערט אַ קאָכעניש. דער רויטער יונגאַטש, זע איכ, יאָגט הענדום-פּענדום, און אָט־אָט דעריאָגט ער מיכ. מײַנער שמײַסט, טרײַבט די פערד. זיי לאָזנ זיכ הײַנטיקס מאָל נישט בעטנ און לויפנ ווי ווײַט נאָר זיי קענענ. דער רויטער איז שוינ ווײַטלעכ אַ ביסל הינטער מיר. באַדאַרפ מײַנ שקאַפּע זיכ פאַרפּלאָנטענ אינ די שלייעס פונ אײַער פערדל, וועלכע איכ האָב אינ אײַלעניש נישט אַראָפּ־גענומענ. זי פאַלט, און עס ווערט אַנ איקעוו. דערווײַל יאָגט אָנ דער רויטער יונגאַטש, אָנגעצונדנ ווי אַ גאַזלענ, און וואַרפט זיכ אָפּ מיר ווי אַ כײַע־ראָע. מיר ראַנגלענ זיכ מיט אַלע קויכעס, שטומ, נישט צו ריידנ קיינ וואָרט פאַר גרויס קאַס. מיר ווילנ איינער דעם אַנדערנ אומ־וואַרפנ און פאַלנ ביידע, אַרומנעמענדיק זיכ שטײַפ, אַזוי אַז די ביי־נער קנאַקנ. בעקיצער, מיר אַרבעטנ געשמאַק: אָט בינ איכ פונ אויבנ, דער רויטער אונטנ, קוועטש, אַזש דער רועכ נעמט אים; פּלוצלים בײַטנ זיכ די יאָצרעס: ער פונ אויבנ און איכ אונטנ. נישטמער, גאָר־נישט. איכ דערלאַנג אים, פאַרשטייט איר מיכ, אינ דער זיבעטער ריפּ, אינ דער דיכ. ער שפּרינגט אונטער און בלײַבט ליגנ שטיל, ווי טויט. מיילע, גאָרנישט! דאָס איז געווענ נאָר אַנ אָנשטעל. איכ לאָז אים אָפּ,

אונ דאָס טאקע האָט ער געמיינט. ער באָברעט זיכ דערוויַל שטיל אונ באקומט ארויס באַ זיכ פונ דער קעשענע א מעסער.— עהע, אזא באַ-כער ביסטו! — טו איכ א געשריי, גיב אימ א זעצ איבער דער האנט, אזוי אז דאָס מעסער פאלט אימ ארויס אונ פארפליט וויַט. ער נעמט זיכ צונויפ מיט אלע קרעפטנ, גיט זיכ א וואָרפ אפ מיר פלינק ווי א קאצ, דראפעט מיר דעמ האלדז אונ אָט-אָט שטעקט ער מיר אריַנ די פינגער אינ גאָרגל. פלוצלימ הערט זיכ פונדערוויַטנס א גלעקל. דאָס מאכט אפ אימ א מוירע. ער איז דאָכ פאָרט א גאנעוו.— איַער טרייפנ מאזל,— ברומט ער ווי א בער,— וואָס דאָס גלעקל! נאט איַכ זשע א מאטאָנע... ער טוט מיכ א טראכ אינ קאָפ אונ ווערט פארשווונדנ. איכ שטיי באלד אופ, כאפ מיכ ווידער ארופ רײַטנדיק אונ פאָר מיר מיַנ וועג. שפעטער ערשט דערפיל איכ דעמ ווייטעק. טו מיכ א טאפ,— בע, אפנ שטערנ איז מיר א בײַל! נישטמער, גאָרנישט. מיַנס האָב איכ אויסגעפירט. די פערדלעכ, פארשטייט איר מיכ, זיַנענ בא מיר.

— בענטשט גוימל, וואָס ס'האָט זיכ אזוי אויסגעלאָזט! — רופ איכ מיכ אָנ אונ נעמ אלטערנ ארומ פאר פרייד.

— נישקאָשע! — מאכט אלטער.— לאָז דער רויטער האָרט אויב בענטשנ גוימל, וואָס א מעסלעס האָב איכ גאָרנישט אינ מויל געהאט אונ בינ געווענ שטארק מיד. אָבער אונדזערע סוסימ זיַנענ דאָ.

— ווו זיַנענ זיי, די לייבנ אונדזערע? — פרעג איכ, ארומקוקנ-דיק זיכ אינ אלע זיַטנ.

— האָט צײַט א ביסל, רעב מענדעלע,— ענטפערט אלטער, — דער פארשוינ, מיט וועלכנ איכ בינ צוריקגעקומענ, האָט געפירט די לייבנ אָנטרינקענ דאָרט אראָפ נידעריקער, ווו ס'איז דאָ א טײַכל אונ גוטע גראָז. זײַט רויִק, נישקאָשע. ער גיט אפ זיי גוט אכטונג. איכ בינ אויכ נישט לאנג געקומענ. מיד, צעבראָכנ, לוי-אלייכעמ, טו איכ מיכ

אַ וואָרפ אינ בײַדל און דעק מיכ איבער מיט דעמ לאַנטוכ, כאַפּנ אַ דרעמל. נאָר קוים וואָס איכ מאַכ צו איינ אויג, קומט איר אָנ, רעב מענדעלע, און געלויבט איז גאָט, וואָס מע זעט זיכ געזונט... וואָס גייט איר עס עפּעס פאַרבונדנ, רעב מענדעלע? הא, די צייג?

— איר, רעב אַלטער, — זאָג איכ, — איר זײַט געקומענ פאַרבונדנ דעמ קאָפּ, מיט אַ בײַל, איכ פאַרבונדנ, אָנ אַ פּייע, איר מיט אַ פּאַר־שוינ, און איכ מיט רעב באַומ־כאָנע, באַיע־טרײַנעס מאַנ, — שטעל איכ אימ צומ צווייטנ מאָל פאָר שוינ מיט דעמ גאַנצנ טיטל.

אַלטער שטעלט אויס די אויגנ, קוקט אַפּ מיר מיט אַ פרעג.

— וואָס הייסט? — מאַכ איכ שטאַרק פאַרוואונדערט. — איר קענט נישט באַיע־טרײַנענ?

— מײַלע, באַיע־טרײַנע איז באַיע־טרײַנע, — מאַכט אַלטער פאַר־וואונדערט צוריק. — אָבער די פּייע! וואָס געהער זיכ עס אָנ מיט אײַער פּייע?...

— אַ קרויווע, מײַנ ווײַב געהער זיכ אָנ אַ קרויווע... — רופט זיכ באַומ־כאָנע אָנ טאַמעוואַטע.

און ווי מיר שמועסנ זיכ דאָ אַזוי, זיצנדיק אַפּנ גראָז, ווײַזנ זיכ פונדערווײַטנס אונדזערע לייבנ, העצקענדיק זיכ, קלאָמפּערשט ווי זיי לויפנ. עפּעס האָט זיי אינ מײַנע אויגנ דאָס פּאָנעמ זיכ געענדערט פונ נעכטנ אָנ. זיי פאַרײַסנ די קעפּ מיט גײַווע, גלײַכ ווי גערעדט: לאַכ דיר, לאַכ, פונדעסטוועגנ האָט זיכ אַפּ אונדז געפונענ אַ באַלנ, געהאַט שטאַרק ביישעק און אונדז אַוועקגעגאַנווועט. נישקאָשע, מיט אַ שמאַ־טע אַפּנ פּוס, מיט אַ רינענדיק אויג, פונדעסטוועגנ, אַז מע באַדאַרפּ גיינ אַפּנ דראָנזשיק, גייט מענ, און אַנ אַקס אַז מע באַדאַרפּ צע־ברעכנ, — קענענ מיר אויכ נישט ערגער פונ אַנדערע. אַז אָכ־און־וויי איז אונדז נאָר, וואָס מיר זײַענ ייִדישע. איר, רעב ייִדנ, זײַט זיכ נאָר מיסכײַעוו אײַערע פערד קעסט, און געבנ גיט איר זיי מאַ-

קעמ...— איכ דערלאנג מײַנ פערדל, בעשאס צוקומענדיק צו מיר, א קלײנ זעצעלע איבער דער מאָרדע מיט א שמײכעלע: דו שקאָצ אײנער!

באַלד דערופ קומט אויכ צו אַלטערס פאַרשוינ. איכ טו א בליק אונ לאָז ארויס אפ א קאָל, א פאַטש געבנדיק בײדע הענט:

— פישקע! מע זאָל געווענ דערמאָנענ מאָשינעכנ, וואָלט ער געקו-מענ.

— יענער פישקע? פונ וועלכנ איר האָט מיר דערצײלט? — פרעגט אַלטער זײער פאַרווונדערט.

— יאָ. יענער, דער פונ דער באָד.— נו, שאָלעמ-אַלײכעמ, פישקע!

— איכ האָב אײַכ, רעב מענדעלע, אויכעט דערקענט,— זאָגט פיש־קע, אָפּשטעקנדיק מיר צוריק א שאָלעמ־אַלײכעמ.

— אײַער פישקענ קומט א דאַנק,— מאַכט אַלטער צו מיר.— ווענ נישט ער, וואָלטנ מיר אונדזערע פערדלעכ געזענ ווי אונדזערע אויערנ.

— ווענ נישט רעב אַלטער,— מאַכט פישקע אויכ צו מיר,— וואָלט פישקע א מיסע־מעשונע אײַנגענומענ.

— איכ האָב שוינ געהערט, געהערט, — רופ איכ מיכ אָנ. — זאָג בעסער, פישקע, פונוואַנענ האָסטו זיכ אַהער גענומענ?

— ס'איז א לאַנגע מײַסע,— ענטפערט פישקע, אַוועקדרײענדיק דעמ קאָפּ אינ דער זײַט.

איכ שטײ א רעגע אונ באַטראַכט פישקענ. ער איז, נעבעכ, נאַקעט אונ באָרוועס, מיט געשוואָלענע, פאַרבלוטיקטע פיס, פאַרברענט פונ דער זונ, אונ דאַר ווי א צוימ־שטעקל, נאָר הויט אונ בײנ. דאָס האַרצ האָט געריסנ, קוקנדיק אַפ אימ. ער האָט געמוזט, נעבעכ, גענוג צאָרעס אויסשטײנ. איכ נעמ אימ בא דער האַנט אונ זאָג:

— דײַנ מײַסע, פישקע, וועלנ מיר שפּעטער הערנ. עס וועט נאָכ זײַנ צײַט. אַצינד רו זיכ א ביסל אויס דאָ מיט אונדז.

12

פאַר א ייִדישן באַל־לאָשן וואָלט געווען גענוג מאַטעריאַל אַף אָנצושרײַבן א שיינעם פּיזמון פון אונדז אַלע, דענסט-מאָל אין יענעם שיינעם פרימאָרגן. ס׳איז דאָ צום פּיזמון פיר באַווײַבטע ייִדן, ווי זיי ליגן זיך צעשפּיליעט אַפן גרי-נעם גראָז, האָבן האַנאָע און שווײַגן. אויך א זון מיט שטראַלן, הימל, נאַטור, טוי־טראָפּן, שפּילפייגעלעך און פערדלעך, איינס שענער פונעם אַנדערן. דערצו וואָלט ער דאָך געמעגט געבן א גמילעסכעסעד עפּעס פון זײַנס אויך: א טשערעדע שאָף, וואָס פּיטערן זיך אַפן געמויזעכץ, א קלאָר רינענדיק וועסערל, ווי „אינדן טוען צעברעכן זייער דאָרשט", און אונדז — פײַפעלעך אין מויל, אַף וועלכע מיר שפּילן און שאַלן, ווי די פּאַסטעכער, א לויב־ליד דער געליבטער קאַלע אין שיר־האַשי-רים. טאָרבעס איז דאָ בא אונדז, באָרעכאַשעם, אייגענע, נישט צו באַדאַרפן זײַנס. בא אים בלײַב עס... נאָר אָבער — אַד קאָן! ביזדאַנען! ווײַטער, רעב ייִד, רוקט זיך נישט! צו מיר אין דער נעשאָמע אַרײַנקריכן, אַרײַנלייגן דאָרט אײַערע כאָכמעלעך, פוילע פּשעטלעך — דאָס איז נישט פאַר אײַך. דערוף איז שוין דאָ פאַר אײַך אַנדערע ערטער... מײַנע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין.

פּאָשעט איז פּאָשעט. איך ליג מיר בעקומפּאַניע צעלייגט, קוק מיט א פּאָר אָפענע אויגן און האָב זיך מעשונע האַנאָע. וואָס? גאָרנישט. עפּעס איז מיר גוט אַפן האַרצן גלאַט אַזוי אָן ווערטער. דאָס צוטרימ-קען מײַנס דערבײַ איז אויך נישט מיט א קאַוואָנע צו געבן קאָנצערט אָדער צו שאַרפן די קוילע, נאָר גלאַט אַזוי זיך א טרים־ברים, ברימ-טרים... אַזוי געוויינטלעך טרימקעט א ייִד אָן ווערטער, אָן א שום גע-

דאנק, ווענ די דײַגעס־האפּארנאָסע לאָזנ אימ א ביסל נאָכ. אזוי גע־ווײנטלעכ טרימקענ קאָמפּאניעס ייִדנ, איטלעכער פאַר זיכ, אפ זײַנ שטייגער, בעשאס זיי שפּאצירנ זיכ יאָמטעוו אָדער שאבעס נאָכנ קוגל אינ די כאלאטלעכ, דרייענדיק דערבײַ א טייל — די קוטאסנ, די שפּיצנ בערדלעכ, אונ א טייל פאַרלייגט די הענט אהינטנ.

כאַימ־כאָנע מײַנער טרימקעט אויכ מיט א שײַנענדיק פּאָנעמ. דערנאָכ גיט ער זיכ פּלוצלימ א שטעל אופ, נעמט זיכ באַמ בערדל, באַלעקט זיכ אונ מאכט צו מיר אזוי:

— נו, רעב מענדעלע! שוינ צײַט, מיינ איכ, צײַט פאָרנ. הא?

— איר ווילט שוינ פאָרנ אהיימ? — רופ איכ מיכ אָנ אונ שטיי אויכ אופ. — נו, פאָרט געזונטערהייט!

— וואָס הייסט? — קוקט כאַימ-כאָנע אפ מיר שטארק פאַרוווּנ־דערט. — אונ איר, רעב מענדעלע, איר ועט דענ מיט מיר נישט פאָרנ? עפּעס האָט מענ דאָכ גערעדט, עפּעס...

— ווי קענ איכ, — ענטפער איכ, ווײַזנדיק אפ די אלע לײַט מײַנע.

— מיר בעטנ, מיר בעטנ! — מאכט כאַימ־כאָנע. — לאָזנ זיי אויכ פאָרנ. מײַנ כאיע־טרײַנע מאכט הײַנט וואַרעניקעס. עס וועט פאַר איט־לעכנ גענוג זײַנ וואָס צו עסנ, וואַרעניקעס.

— א שיינעמ דאנק! — פאַרבייג איכ מיכ. — נישטאָ קיינ צײַט. מע מוז אינ זינענ האָבנ עפּעס פּאַרנאָסע. גריסט אײַער ווײַב גאָר פרײַנטלעכ.

— גאָט איז מיט אײַכ, רעב מענדעלע! מײַנ ווײַב וועט מיכ הארג... — כאַימ-כאָנע האָט געוואָלט זאָגנ „הארגענענ", נאָר ער האָט זיכ פאַרכאַפּט אונ אויסגעלאָזט שטארק צעטראָגנ: — וועט מיכ אינ שטוב נישט ארײַנלאָזנ, מײַנ ווײַב, אָנ אײַכ. מײַנע האָט מיט מיר הײַנטיקע נאכט איבערגעשמועסט דעמ אייסעק... פאַרשטייט איר מיכ?

זי ריכט זיך דאָ אַזוי אַף אײַך, באַסיע־גרונע מײַנע אויך... פֿאַרשטייט איר?

— איך פֿאַרשטיי, פֿאַרשטיי. עס מוז אָבער געדולד זײַן אַ ביסל. מײַן ווײַב וועט מיך אויך האַרג... איך שטוב נישט אַרײַנלאָזן, מיין איך, ווען איך זאָל מיט איר נישט איבערשמועסן דאָס אייסעק. פֿאַרשטייט איר מיך? וואָס קען מען טאָן, רעב כאַזמ־כאָנע?

כאַזמ־כאָנע איז געבליבן שטיין ווי אויסגעפּאַטשט. מע האָט געזען, ווי עס טריפֿט אים דאָס בלוט. דאָס פּאָנעם האָט אים זיך פֿאַרענדערט.

— טוט מיר די טויווע, קוממ! — מאַכט ער מיט אַ געבעט.— ווען נישט, גיט זשע מיר באַטש אַ בריוועלע צו כאַיע־טרײַנען, אַ געשריפֿטס. מיר אַליין וועט זי נישט גלייבן. מיך באַשולדיקן, וועט זי מיך, אַז איך בין אַ שלימ־שלימ... וועט... וועט... פֿאַרשטייט איר מיך? שרײַבט איר אָן עטלעכע ווערטער, דער רעבע וועט עס איר איבערלייענען. איך בעט אײַך.

איין ברייררע: מע מוז ראַטעווען אַ נעפֿעש. ס'איז אַפּילע אַ גרויסער יוישער אַזאַ מאַן גוט מעקײַעמ־פּסאַק צו זײַן. נאָר לאָז ער כאַפּן אַ פּאַטש נישט דורך מיר. איך נעם פֿונעם רענצעלע מײַנעם אין בײַדל אַרויס אַ בלײַפֿען, רײַס אָפּ פֿון אַ סידער דאָס אייבערשטע לײדיקע בלעטל, שפּאַר מיך צו צו דער קעלניע און שרײַב די דאָזיקע ווערטער:

„להנגידה המפורסמת ושאר־בשרי, הצנועה מרת חיה־טרײַנע, זאָל לעבן און געזונט זײַן, אָמיין.

הנה, זײַט וויסן, אַז געלויבט האַשעמ־יִסבאָרעך, איך בין בעקאַוו האַבריִע, געזונט אַף אַלע אייווורימ. גאָט באָרוכ־הו זאָל נישט אָפּטאָן דעמ כעסעד זײַנעמ פֿון אונדז אויך אַף ווײַטער, מיר זאָלן הערן אײַ־

גיכנ יעשועס ווענעכאָמעס איינער פונעם אנדערנ אינ גרויס נאכעס, אוישער אונ קאָוועד מיט א גרינג געמיט, אָמיינ סעלאָ... אייערע קינדערלעכ, זאָלנ מיריכ יאָמימ ווועשאָנימ זיינ, גריס איכ גאָר פריינטלעכ, אוביפראט לבתכם הכלה הבתולה מרת כאסיע־גרונע־לעב, בעט איכ לעמאנאשעמ צו גריסנ גאָר פריינטלעכ.

ווייטער בינ איכ אייכ מוידיע, אז האסכוירע האָב איכ, געלויבט איז זיינ ליבער נאָמענ, געטראָפנ גאנצ, אימ האביידלעכ אפ זייער אָרט. וועהאשיינים, בינ איכ מוידיע, אז האסוסימ האָבנ זיכ אופגעזוכט. רעב אלטער יאקנעהאָז האָט זיי פונ גאנאָווימס הענט מאצל געווענ. דאָ האָבנ זיכ געמיט נאָר זכוס־אָוועס. גרויסע ניסימ איז אונדז באשיימפערלעכ געשענ. מיר זיינענ גאָר אזויפיל נישט ווערט דעמ אייבערשטנס כאסאָדימ. בעלכם נ"י וועט אייכ איבערגעבנ כל דבר שורש,— מע מעג אזוינס אינ די קראָניקעס שרייבנ.

איכ בעט אייכ מעכילע, כאיע־טריינע, ווי אנ אייגענע מוטער, וואָס איכ נעמ מיכ אונטער צו זיינ פאר אייכ א מיילעצ־יוישער אפ אייער בעלכם, וואָס האָט, נעבעכ, גרויס שרעק אונ אגמעסנעפעש דערפונ, וואָס איכ פאָר היומ נישט צו אייכ, לויט דעמ מדובר. האָט אפ אימ ראכמאָנעס, לאָז ער, נעבעכ, נישט האָבנ אָפגעשניטענע יאָרנ אונ באשטראָפט ווערנ דערפאר, וואָס איכ האלט נישט וואָרט אונ קענ נישט, קעפי המדובר, צו אייכ היומ קומענ. אפ אייער בעלכם איז, כלעבנ, א צארבאלעכאימ! ער האָט פאר מיר פאָשעט געכאלעשט, מצדו איינגעלייגט די וועלט, אָפגעלויבט אינ טאָג ארייננ אייכ אוביפראט בתכם הכלה המושלמת, וועלכער איכ גריס גאָר פריינטלעכ. האקלאל, ער האָט מצדו געטאָנ, וואָס א מאנ אונ א געטרייער טאטע באדארפ צו טאָנ... פארשטייט איר מיכ? אונ נאָכאמאָל טאקע פארשטייט איר מיכ? — ער האָט מיר אפילע געצייצט דעמ יעיצערהאָרע מיט ווארעניקעס אונ מיט נאָכ גוטע זאכנ. נאָר פארנאָסע איז בילכער

פונ אלצדינג. מע מוז צוליב דעמ שטיקל פּאַרנאָסע פארבייגנ אפילע ווארעניקעס. ווּעהאשיינים, האָב איכ דאָכ עפּעס א ז ו ג אָ ס י, איר פארשטייט דאָכ, פארשטייט איר מיכ, וואָס איכ מיינ... אינ אזעלכע זאכנ פארשטייט איר?.. וואָס איז דענ א מאנ אָנ א ז ו ג אָ ס ו י? איכ האָפּ צו דעמ, וואָס לעבט אייביק, אז מיר וועלנ בעלי-נעדער זיכ נאָכ זענ אונ אימירצעשעמ אינ פריידנ אָפּעסנ בא אײַכ ווארעניקעס אונ עפּשער נאָכ לעקעכ אויכ... פארשטייט איר מיכ. דערווײַל זאָל בעלכם, נעבעכ, נישט לײַדנ. א צארבאלעכאָומ!..

איכ שיק אײַכ דאָ מיט בעלכם א מאטאָנע: א „תחינה חדשה על הפּרנסה", „טכינעס צו ליכטבענטשנ, צו ראָשכוידעש-בענטשנ", „תחינות אמהות שרה רבקה רחל ולאה", „גאָר א שפּאָגל-נײַע טכינע פאר קאפּאָרעסשלאָגנ", גמ שיק איכ אײַכ דעמ „מעין טהור", וואָס איטלעכע אישע באדארפ דערינענ זײַנ באָקי אונ שטארק היטנ די אלע דינימ דאָרט, ווי זיכ נויהעג צו זײַנ, איר וועט דערפונ גרויס טײַנעג האָבנ. אײַער בתכם הכלה הבתולה וועט דערפונ אויכ מעשונע האנאָע האָבנ.

כאיע-טרײַנע! איכ האָב צו אײַכ א באקאָשע. אז די וואנצנ שלכם האָבנ מיכ, נישט הײַנט געדאכט, נעכטנ געפּײַניקט, האָב איכ אראָפּ-געכאפּט פונ מיר האוואָלענע זאָקנ שלי, די ברעסלער, אונ זיי אינ אײַלעניש בא אײַכ אפּנ טאפּטשאנ פארגעסנ. זוכט זיי, זײַט מויכל, אופּ, אונ לאָז בעלכם זיי טראָגנ געזונט. א מאטאָנע פונ מיר.— זײַט מיר געזונט אונ גריסט נאָכאמאָל אײַערע ליבע קינדערלעכ. גמ אײַער בתכם הכלה-לעב אויכ גאָר פרײַנטלעכ. פארגעסט לעמאנאשעמ אולע-מאנאשעמ נישט מיקויעכ אײַער בעלכם. בעלכם האָט, נעבעכ, א שווער, ביטער געמיט. האבײַטש שלי, וואָס איכ האָב פארגעסנ, בע-האָאלקערל שלכם, גיב איכ בעמאטאָנע דעמ רעבנ, זי וועט אימ צוניצ-קומענ... פונ מיר, וואָס גריסט אײַכ אונ אײַערע קינדערלעכ איטלעכנ

באזונדער און בתכם הכלה־לעב אויכ באזונדער. „הקטון מענדעלע מויכער־ספארימ".

אז איכ האב איבערגעלייענט דעמ דאזיקנ בריוו כאיע־טרייניעס מאנ, איז ער געווענ איבערגעליקלעכ אונ גאר אנגעקוואלנ פונ דעמ זיסנ לאשנ. בא איטלעכנ ווארט האט ער זיכ א פאטש געגעבנ אינ דעמ שטערנ פאר גרויס וווּנדער, ווי א מענטש קענ אזוינס אנשרייבנ, מאד כנדיק דערביי: אוי, מעכייעדיק לאשנ!.. אוי, לאשנ, צוקער־זיס, ווי איכ בינ א ייד!.. מיר האבנ זיכ זייער שיינ געזעגנט, אונ ער איז מיט א גרינג הארצ אוועקגעפארנ.

13

אזוי ווי איכ אונ אלטער זיינענ געווענ ביידע שרעקלעכ מיד אונ צעבראכנ פונ נעכטיקער נאכט, דעריבער איז בא אונדז געבליבנ כאפנ א דרעמל אונ אויסרוענ זיכ א ביסל אקעגנ א פאר שא, דערנאכ וועלנ מיר זיכ לאזנ פריש אינ וועג העט ביז אינ דער נאכט אריינ. פישקע האט אפ זיכ גענומענ אכטונג צו געבנ דערווייל אפ די פערד אונ אנגרייטנ עפעס צו מיטאג. „איכ, — אזוי זאגט ער, — האב די נאכט, נאכ דער מייסע מיט מיר, געשמאק געשלאפנ, ווי נאכ א באד. רעב אלטערנ, בא זיינ צוריק־קערנ זיכ, איז שווערלעכ אנגעקומענ, איידער ער האט מיכ דערוועקט". — אלטער לייגט, אפ מיינ באקאשע, דעמ קאפ זיינעמ אנידער צו מיר אפנ שויס. איכ נעמ א מעסער אונ קוועטש מיט דעמ קלינגל אימ אפ דעמ בייל אפנ שטערנ. דערנאכ גענעצנ מיר, קנאקנ אויס די ביינער, גייענ אונ לייגנ זיכ אינ שאטנ אונטער א בוימ.

ווענ נישט די זונ זאל געווענ פונ דער פוטערפאס ארויסשיקנ אירע ברענענדיקע שטראלנ, וואס האבנ אונדז געבראטנ, וואלטנ מיר געקענט

אזוי ביז נאָכ האלבנ טאָג אָפּשלאָפנ. אופעפענענדיק די אויגנ, דערזעענ מיר נישט ווײַט פונ אונדז ברענט א פרײלעכ פײַערל, בא וועלכנ עס קאָכט זיכ א טעפּל קארטאָפּליעס, צוגעדעמפּט מיט ציבעלע אונ מיט א ײדישער דארע קישקע. מיר נעמענ צו ביסלעכ בראָנפנ אונ זעצנ זיכ באלד עסנ מיט אפּעטיט. מיר לויבנ אָפּ פישקעס קאָכנ איִנ טאָג ארײַנ. עס האָט דעמ ײדישנ טאַמ, דער מאלכעס מעג זײַנע קארטאָפּליעס עסנ. אונ ער קוועלט גאָר אָנ, צווינטשעווענדיק אונדז: עסט געזונט, זאָל אײַכ וויל באקומענ!

— פונוואנענ, פישקע,— טוענ מיר אימ א פרעג,— האָסטו עס אויסגעקראצט א ײדישע דארע קישקע? פונ אונדזערע קארטאָפּליעס אונ ציבעלע האָט דאָכ געקענט זײַנ נאָר פיש-קארטאָפל.

— פונוואנעט, פרעגט איר, א ײדישע דארע קישקע? — ענטפערט פישקע.— פונעמ טאָרבע! ס'איז מיר גראָד געראָטנ מײַנ טאָרבעלע צו באהאלטנ פונ דעמ מאמזער, פארכאַפּט זאָל ער ווערנ!

— דערציילֿ, פישקע,— בעטנ מיר אימ,— וואָס איז אזוינס מיט דיר געשענ?

— עט! — מאכט פישקע מיט א זיפצ.— ס'איז פיל צו דערציילנ, זייער א לאנגע מײַסע.

— דער טאָג איז גרויס, צײַט איז בא אונדז, באָרעכאשעמ, דאָ צו הערנ דײַנ מײַסע. קומט שפּאנענ! — זאָג איכ צו אלטערנ, — מיר וועלנ זיכ פאָרנ, אונ פישקע וועט אונדז אפנ וועג דערציילנ.

אז די בײַדלעכ זײַנענ שוינ געשטאנענ געשפּאנט, פארבעט איכ דעמ אוילעמ צו מיר אפנ וואָגנ. אלטער אָבער פארבעט אונדז צו זיכ.— בא מיר,— זאָגט ער,— איז גערוימער, נישט אזוי אָנגעפּאקט מיט סכוירע.— איכ מאכ א פּשאָרע: לאָז זײַנ א ביסל בא אימ אפנ וואָגנ אונ א ביסל בא מיר.

באַ אלטער יאקנעהאָז אפנ וואָגנ

— נו, הײַדא, פישקע! ארויס מיט דער שפראכע, — בעטנ מיר אימ נאָכדעמ, ווי מיר האָבנ זיכ אויסגעזעצט אפ אונדזערע ערטער אונ געפויעלט באַ אונדזערע פערדלעכ, זיי זאָלנ זיכ רירנ פונעמ אָרט. פישקע אָבער קווענקלט זיכ, האַלט אראָפגעלאָזנ די אויגנ אונ ברעכט די פינגער.

— ווײס איכ?.. איכ שעמ מיכ עפעס, כלעבנ. גלאט נעמ אונ דער־צייל! אז איכ קענ נישט. עפעס פריקרע, כלעבנ.

איכ גיב פישקענ אונטער כיישעק. אלטער פונ זײַנ זײַט שמועסט אימ אײַנ אזוי:

— ס'איז נאָר הארב, נארעלע, דער אָנהייב. אבי נאָר דאָס ערשטע וואָרט, — גייט עס שוינ דערנאָכ ווי א מיזמער. איכ ווײס עס טאקע פונ מיר אליינ. מיילע בעקיצער, וואָס מאכט עס אויס? וועסט אליינ, נארעלע, דערנאָכ זענ, ס'איז גאָרנישט... מיילע, האָסטו, פישקע, כאַ־סענע געהאַט, פארשטייסטו מיכ, מיט דער בלינדער יעסוימע, נו? גאָרנישט. ווייסנ מיר עס שוינ. בעקיצער, וואָס זשע איז ווײַטער?

— ווײַטער? אינ איר טאטנ אונ אינ זײַנ טאטנס־טאטנ א רועכ אריַנגעפלויגנ! — שיסט פישקע אויס מיט אימפעט אינ איינ קאָס, — זיי האָבנ עס מיר אָפגעטאָנעט אפ טערקיש.

— נו, נו, נו! — טרײַבנ מיר אָנ פישקענ, וואָס האָט נאָכ דעמ אימ־פעט זיכ באַלד אָפגעשטעלט. פישקע עפנט ווידער א מויל אונ הייבט אָנ שוינ כיט מיט אזא היץ ווי פריִער:

—...אוי, א שיינע ווײַבעלע!.. נאָכ דער כאסענע האָבנ מיר גאָר נישקאָשעדיק געלעבט. ווי א ייִדיש פאָרפאָלק באדארפ צו לעבנ. איכ האָב, דאכט זיכ, אקעגנ מײַנ ווײַב געגנוג יויצע געווענ. הערט איר, ייִדנ, זאָל מיר אָפדארנ דאָס מויל, אויב איכ זאָג אײַכ א ליגנ! אלע

טאָג אינדערפרי פלעג איכ זי, ווי עס געהער צו זיינ, ארויספירנ אפ איר אָרט, נעבנ דעמ אלטנ בעסוילעמ, וואָס דאָרט איז דער שטייגער אידער געווענ צו זיצנ אפ א ביסל שטרוי אונ בעטנ נעדאָווועס מיט א ניגנ פונ די קינעס, וועלכער עס האָט איטלעכנ געריסט בא דעמ הארצנ. עטלעכע מאָל אינ טאָג פלעג איכ איר צוטראָגנ אהינ: דאָס — א טעפל געקעכצ, דאָס — א הייסע באבקעלע, א זויערע אוגערקע, א קיסליצע. נא, קוויק זיכ! זי זיצט דאָכ די גאנצע צייט אָפּעט אפ איינ אָרט אונ איז שטארק פארטראָגנ אינ דער פארנאָסע. פיל מאָל פלעג איכ מיר גלאָט אזוי קומענ געוואָר ווערנ, וואָס מאכט זי, אויכ אונטערהעלפנ איר א ביסל אינ דעמ פידיענ: ארויסגעבנ איינעמ, דעמ אנדערנ רעשט פונ א דרייער, פונ א זעקסער; דערמאָנענ זי אינ אלטע כוויוועס פונ באלעבאטימ, וואָס האָבנ איר פארהביגייענדיק ניט געסילעקט באלד בימזומאָנימ, נאָר אָפּגעלייגט אפ שפעטער; אָדער אָפּטרייבנ א קו, א ציג, וואָס זיי האָט זיכ געגלוסט, אפ זייער שפאציר אינ די גאסנ, ארויסכאפנ איר פונ אונטער דעמ געזעמס א פול מויל מיט שטרוי. אינ כוידעש עלעל האָב איכ זי געפירט אפנ גרויסנ יאריד, ארויס פונ דער שטאָט, דאָרט אפ דעמ בעסוילעמ. זי האָט עס געמאכט ניט ערגער פונ דעמ איבעריקנ פעקל קלייקוידעש דאָרט: שאמאָסימ, שאמעסטעס, כאזאָנימ, זאָגערנס, מעקאבלימ, טילימ-זאָגערס, גאבעטעס, קנייטלעכלייגערנס, פעלד-מעסטערנס, וויינערנס אונ קלאָגערנס. אָט אזוי האָט זיכ עס געמאָלקנ, יידישע קינדער! ס'איז געווענ, נישקאָשע, פונוואנעט צו לעבנ. נאָר אז ס'איז גוט, וויל מענ נאָכ בעסערס, אז מע האָט ברויט, וויל מענ קוילעטש.

— ווייסטו וואָס? — הייבט מיינ ווייב אָנעט מיר צו זאָגנ. — אזעלכע מענטשנ, ווי איכ אונ דו, אזא פאָרפאָלק, ווי מיר ביידע, וועלנ אפ דער וועלט פארפאלנ, אָסער, נישט ווערנ. אינ אונדזער ברויט זיינענ אונדזערע כעסרוינעס גאָלע מיילעס. בא אנדערע אינ די הענט

אזעלכע זאָלנ אײַנשטײיג, וואָלטנ זײ א גליק געמאכט. מיר בײדע זײַנענ גרויסע שלימאזלניקעס אונ טוענ נישט דאָס, וואָס מע באדארפ. אָט פאָלג, כלעבנ, א ווײַב, א ביסל עלטער, געניטער פונ דיר. נעמ, פישקע, פיר מיכ ארויסעט אפ דער ליכטיקער וועלט, צווישנ לײַט, אינ יענע מעקוימעס ארײַנ, וועסטו זענ, געדענק מײַנע ווערטער, אז מיר וועלנ גײנ אינ גאָלד. דאָ אפ דעמ פלאצ איז שוינ קימאט גאָר נישטאָ וואָס צו טאָנעט. מע זיצט אמאָל אָפּעט א לאנגע צײַט, ביז אײינער דערבארעמט זיכ אונ גיט א גראָשנ. לײַט דערצײילנ עס א ביסל פונ דעמ גרויסנ גליק, וואָס לעקיש, דער כאָליערע־כאָסנ, האָט אינ דער וועלט מיט פערלענ זײַנ ווײַב געמאכט. זײ האָבנ באלד נאָכ דער כאסענע זיכ אוועקגעלאָזט, אונ דאָס מאזל, אָנ אײַנאָרע, גײט זײ! מאָטל מעקאבל האָט מיט זײ אינ קישיניעוו זיכ באגעגנט, ארומגײיענדיק אינ די הײַזער. זײערע טאָרבעס, דערצײילט ער, זײַנענ פול אָנגעשטאָפּט מיט אלעמ גוטנ: מיט שטיקער קוילעטש, גרעסערע, ווי מע גיט דאָ דעמ שאבעס־גאָי, מיט מאמאליגע, מיט גערײיבערט שאָפּנפלײיש, מיט דארע קישקעס אונ קאָדרע. פערלע שײַנט ווי די ליכטיקע זונ. ס'איז איר אינ פּאָנעמ נײשט ארײַנצוקוקנ. זי איז פעט, דיק אונ ברײיט, מיט פיסקעס, גאָר א גראפיניע. גלופּסק וויל זי מער נישט קענענ, מע זאָל איר עס אפילע שענקענ... מענטשנ, וואָס קומענ פונ אדעס, קענענ זיכ גאָר נײשט אָפּווונדערנ פונ דעמ גליק, וואָס יאָנטלענ, דעמ אנדערנ כאָליערע־כאָסנ, האָט געטראָפנ. זײ האָבנ אימ געזענ זיכ רוקנדיק דאָרט אפנ געזעמס צווישנ די קלײטנ, אונ גאָט שיקט אימ צו. ער מאכט עס גאנצ גוט. דער אוילעמ קענ אפ אימ זיכ גאָר ניט זאט אָנקוקנ. אדעס, זאָגנ זײ, האָט דאָכ עפּעס געגוג קאליקעס, ווו ערגעצ אינ דער וועלט א קאליקע — רײַסט זיכ אהינ אָפּעט, אונ מענ איז שוינ מיט אזעלכע געוווינט. נאָר ווי קומענ זײ אלע צו גלופּסקער! אזעלכע, ווי גלופּסק גיט ארויסעט, קענ ענגלאנד אפילע אויכ נישט ארויסגעבנ.

גלופּסק, אַזוי דערציילן מענטשן, קלינגט אין דער וועלט. אַף אַ גלופּסקער ייִדן לויפט מען קוקן, ווי אַף אַ בייז-וווּנדער... אונדז, כלעבן, וועט גאָט אויך נישט פאַרלאָזן. אָט, קאַלזמאַן ס׳איז נאָך זומער, קום, לאָמיר זיך אוועקלאָזן. הײַנט נישט, אַ טאָג, כלעבן, איז אויך אַן אַוועירע.

מײַן ווײַב האָט מיר געמאַכט אַ יעיצערהאָרע, און מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, ייִדן, נישט [צו] פאַרזינדיקן, ס׳איז אונדז געגאַנגען זייער גוט. אין וועלכן דאָרף, אין וועלכער שטאָט מיר זײַנען געקומען, האָבן מיר אויסגענומען. איטלעכער האָט אַף אונדז געקוקט, קיינער האָט אונדז נישט אָפּגעזאָגט. דער הערקדעש איז פאַר אונדז געווען אָפּן אומעטום, הײַזער — וויפל דאָס האַרץ גלוסט, גיי אַהין און נעם, אין קעשענע, אין בוזעם און אין דער טאָרבע. דער שאַמעס פון דער שול פלעגט נעמען עטלעכע גראָשן און אונדז געבן דערפאַר פלעטן אַף שאַבעס טאָמעד אין איין הויף. מײַן ווײַב האָט מיט מיר געלערנט הילכעס-אָרעמאַן. איך בין דערינען געווען נאָך גאָר אַ פּריץ און נישט געוווּסט רעכט די דינים פון אַרומגיין אין די הײַזער. מײַנע אָבער איז אין די זאַכן געווען אַ ווילקענעוודיקע מיט אַלע אָפּשניצלעך. זי האָט מיך אַלץ געלערנט, ווי אַזוי מע באַדאַרף אַרײַנקומען אין אַ שטוב, ווי אַזוי מע באַדאַרף קלאָמפּערשט קרעכצן, הוסטן און וואָס פאַר אַ ראַכמאָנעס-פּאָנעם מע באַדאַרף מאַכן דערצו; ווי אַזוי מע באַדאַרף אַ נעדאָווע בעטן אָדער מאָנען, זיך דינגען און צוטשעפּען זיך ווי אַ זלידנע; ווי אַזוי מע באַדאַרף צווינטשעווען, אָדער שילטן, פלוכן טויטע קלאָלעס. איר מיינט, עפּעס אַזוי גלאַט נעמט מען זיך און מע גייט אין די הײַזער? ניין! דאָס איז אַ גאַנצע טוירע. בײַ ייִדן אַ נאָגיד צו ווערן איז גענוג נאָר מאַזל. אַזעס, פאַרשטאָפּענע אויגן און דעסגלײַכן, דאָס קומט שוין שפּעטער פון זיך אַליין, מעמיילע.

אָבער א ייִדישער אָרעמאַנ צו זײַנ, טאַקע וואָס אָרעמאַנ הייסט, איז מאַזל אַלײנ ווייניק. ער מוז קענענ אונ ווייסנ א סאַך זאַכנ, וואָס זײַ־נענ שטאַרק נייטיק צומ אייסעק. ער באַדאַרפ קענענ די שפּיל אונ אַרײַנ אינ דער גאַרגערעס אַזוי, אַז יענער מוז געבנ, ער זאָל אַפּילע א מיסע-מעשונע אײַנעמענ.

איכ מיט מײַנ ווײַב זײַנענ מיר געווענ פּוס־אָרעמעלײַט.— איר קוקט מיכ עפּעס אָנעט, מײַנע ליבע ייִדנ, ווי אײַכ איז עפּעס שטאַרק קאָשע,— לאָזט זיכ דינענ, זײַט מויכל! אַז איכ האָב שוינ אָנגעהויבנ צו דערצייִלנ, וועל איכ געבנ צו פאַרשטיינ אײַכ, ווי ווײַט איכ קענ, דאָס אויכעט. די אָרעמעלײַט ווערנ, ווי די סאָלדאַטנ, אײַנגעטיילט: אינ פּ י ע ש ע... וואַרט נאָר, וואַרט, עפּעס איז דאָ א פאַרדרייעניש פונ הונדערטער סאָרטנ, א פּלאָנטעניש פונ שווערע נעמענ אונ צונע-מענישנ. אָרעמעלײַט, וואָס דראַלנ, הוילעכנ מיט די ראַגלאַימ... דער שוואַרציאָר זאָל זיי ווייסנ! אָרעמעלײַט ווי מיסט, עפּעס אַזוינע אונ אַזוינע, קאַפּצאָנימ דאָ אונ דאָרט, עוויוינימ, דאַלפּאָנימ מיט אַלע פּיי-רושימ, שלעפּערס אינ דער וועלט, בעטלער, באַטלאָנימ, מעקאַבלימ אונ טעלערלעקער אינ דער שטאָט. אַלערליי, גאָר אָנ א צאָל... וואַרט נאָר, לאָמיר זיכ א ביסל באַטראַכטנ...

פישקענ אָבער האָט דאָס באַטראַכטנ זיכ אויכ נישט געהאָלפנ. ער האָט זיכ פאַרדרייט אינ די גרויסע מאַכנעס אָרעמעלײַט אונ נישט געקענט אַרויס. איכ האָב פונ זײַנע ווערטער פאַרשטאַנענ, אַז די אַלע מינע אָרעמעלײַט באַ אונדז טיילנ זיכ אײַנ אַזוי: פּ י ע ש ע, אָדער פּ ו ס-אָ ר ע מ ע ל ײַ ט, די, וואָס שלעפּנ זיכ צופוס,— אונ ק אָ נ י צ ע, אָדער ב ו י ד-אָ ר ע מ ע ל ײַ ט, די, וואָס שלעפּנ זיכ אַרומ אינ בײַדלעכ. אַכוץ דעמ ווערנ זיי נאָכ אײַנגעטיילט אינ מינימ: ש ט אָ ט-אָ ר ע מ ע־ ל ײַ ט, אַזעלכע, וואָס זײַנענ געבוירנ געוואָרנ ערגעץ אינ א שטאָט, געוויינטלעכ ערגעץ אינ דער ליטע,— אונ פ ע ל ד־אָ ר ע מ ע ל ײַ ט,

די, וואָס ווערן געבוירן פּאַשעט אַפּ דעם פעלד, אין אַ בויד; זייערע עלטערנס עלטערן האָבן פון אייביק אָן זיך ארומגעשלעפּט. די דאָזיקע אָרעמעלײַט זײַנען ייִדישע ציגײַנער. שטענדיק וואנדרעווען זיי פון איין עק וועלט צום אנדערן, זיי ווערן געבוירן און אופגעוואקסן, האָבן באַסענע, פרוכפּערן זיך און שטארבן — אַלץ אונטערוועגנס. זיי זײַנען פרײַע מענטשן, פּאָטער פון אַלע זאכן, פון נעסינעס, טאקסעס און קעדוימע. אויך פּאָטער פונעם דאוונען און פונעם גאנצן ייִדישקײַט. נישטאָ קיין אויבערהאר. — צו דעם טייל שטאָט־אָרעמעלײַט געהערן אַלערליי שטאָטישע קאַפּצאָנים פון די דאָזיקע סאָרטן: קאַפּצאָנים פּאָשעטע, ייִדן, ייִדענעס, מיידלעך און באָכערים, וואָס גייען מיט טאָרבעס אין די הײַזער אַלע ראָשכוידעש, אויך אינמיטן דער וואָך, און נעמען גראָשנס און שטיקלעך ברויט. אַ גרויסער טייל ייִנגלעך און מיידלעך פון די דאָזיקע לויפן אמאָל נאָך איטלעכן אַפּ דער גאַס און רײַסן בא די פּאָלעס, ביז מע מוז זיך פון זיי אויסקויפן מיט עפּעס אַ נעדאָווע. — קאַפּצאָנים קלייקוידעש. דאָס זײַנען מעקאַבלים, באטלאָנים, אין איטלעכן קלײַזל, וואָס זופן מישנײַעס און זאָגן קאַדיש בא אַ בארמיגענע און אפן הייליקן אָרט צו אַ יאָרצײַט. מע מעג צו זיי רעכענען אויך שויפער־בלאָזער, מעזוזעס־איבערקוקער מיט דעם גאנצן קאַפּיטל אזעלכע לײַט. — טוירע־ און מיצווע־קאַפּצאָנים, ווי, אַשטייגער, פּרושים, וואָס ווארפן אוועק ווײַבער און קינדער, באַגראָבן זיך אין קלײַזל ערגעץ אין דער פרעמד און לערנען „ביצה“ אפ דעם אוילעמס רעכענונג. יעשיוועבאָכערים, וואָס גייען ארום שלינג־און־שלאנג, קראַצן זיך אונטערן אויוון און עסן טעג. ייִדן מיט פּאַטשיילכנס אין די הענט, אָדער מיט גאַבאָים, מישטיינסגעזאָגט, וואָס זאמלען נעדאָוועס קלאָמפּערשט אפּ עפּעס אַ מיצווע־זאַך. — באַהאַלטענע קאַפּצאָנים, פון באַלעבאַטים, וואָס נעמען קיצווע און נעדאָוועס שטילערהייט. — האַלבע קאַפּצאָנים, ווי,

אשטייגער, טאלמעטוירע-מעלאמדימ אינ פיל שטעט, וואָס זײַנענ האלב מעלאמדימ, האלב-בעטלער, אונ דעסגלײַכנ אויכ שאמאָסימ, דאיאָנימ, ראבאָנימ. איטלעכער פונ זיי איז האלב דאָס, וואָס ער איז, אונ האלב דאָס, וואָס אלע אנדערע יידנ מיט טאָרבעס זײַנענ. — י אָ מ ט ע ו ו ד י ק ע ק א פּ צ אָ נ י מ, אזעלכע, וואָס קאפּצענענ געוויינטלעכ פּורימ, בעשאס יידנ ביכלאל מאכנ זיכ הארצ אונ לאָזנ זיכ פאר גרויס כעדווע גייג קומפּאניעסווײַז אינ די הײַזער, אָדער אמאָל אויכ אונטער א יאָמטעוו, אונ הייסנ הייסט עס, קלאָמפּערשט, זיי קאפּצענענ פאר אנדערע, נע-בעכ. — ג מ י ל ע ס כ ע ס ע ד-ק א פּ צ אָ נ י מ, אזעלכע, וואָס נעמענ זייער גאנצ לעבנ נעדאָווען אונטער אנ אויסרייד: א גמילעסכעסעד, קלאָמפּערשט, הײַנט, מאָרגנ גיבנ זיי עס מיט א דאנק צוריק אָפּ.

— דערמאָנט מיר, רעב אלטער, — רופ איכ מיכ אָנ נאָכדעמ, אז איכ האָב פישקעס ווערטער גענומענ אפ מײַנע קיילימ אונ געמאכט דעמ דאָזיקנ שטיקל סיידער צווישנ אונדזערע קאפּצאָנימ, — דערמאָנט מיר, איכ בעט אײַכ, עפּשער איז דאָ נאָכ קאפּצאָנימ, וועלכע איכ האָב, כאָלילע, פארגעסנ ארײַנצושטעלנ אינ צעטל.

— מיילע, וואָס מאכט עס אויס? — טוט אלטער א זאָג אונ פאר-קרימט זיכ אפ מיר עפּעס אזוי, ווי איינער מיט א באָרד פארקרימט זיכ אפ א יינגל, ווענ ער מאכט זיכ עפּעס נאריש, — אָ-ווא, ער האָט, כאָ-לילע, פארגעסנ!.. אזא וויכטיקע זאכ דאָס צעטל! אונ אז מע שטייט נישט אינ צעטל, קענ מענ, כאָלילע, קיינ קאפּצנ נישט זײַנ...

— זאָגט עס נישט, רעב אלטער! — שטעל איכ מיכ שטארק אקעגנ. — אונדזערע קאפּצאָנימ זײַנענ בא זיכ שטארק פאריסנ, שרעקלעכ לאָהוט נאָכ א פּיצל קאָוועד. לאָז איינעמ זיכ נאָר דאכטנ עפּעס א מינדסט באליידיקונג, איז ער גרייט צו דערגיינ אײַכ דאָס לעבנ. באהיט זאָל מענ ווערנ פונ א קאפּצנ א שמעלקע!.. שא. זעט איר, אָט האָב איכ מיכ טאקע דערמאָנט, אָנ אײַנאָרע, נאָכ א סאכ

קאַפּצאָנים: אייניקלעך, יערושאַלמים, ערעציִסראָעל-ייִדן, ניסראָפים, שלאָפּע, מערידנדיקע מיט קסאָווים פונ דאָקטוירים, אגונעס, אלערליי מינע אלמאָנעס, מעכאַברים, ניי-מאָדנע מעכאַבערטעס מיט דעמ מאַנס כיבורימ. נישקאָשע, דער רועכ האָט אונדז, רעב אלטער, אויכ נישט געגומען. מע מעג גאַנצ שטאַרק רעכענען מאָכריי-ספאָרים, — אונ אַז ס'איז שוינ יאָ אַזוי, רופט זשע טאַקע אופּ אויכ אונדזערע דרוקער אונ אַלע מינע רעדאַקטאָרס, זיי מיט אלע זייערע ארבעטער, זעצער, באַלע-מאַגיִעס, שרייבער, קאָרעספּאָנדענטנ — יעמוד עם כל הקבצנים!.. איצינד, רעב אלטער, באַדאַרפ מענ די דאָזיקע אלע לייט אויסאָרטירן, איטלעכנ אפּ זיינ אָרט אינ צעטל. דאַכט זיך, קיינעמ נישט פאַרגעסנ. האַ?

— איי, פע, רעב מענדעלע! — מאַכט אלטער אופּגעבראַכט אונ הייבט זיך אָנ צו קראַצנ. — גענוג, כלעבנ, מיט אייערע קאַפּצאָנימ. עס בייסט מיר אזש דאָס לייב, ווי פליי וואָלטנ מיך אָפּגעשיט. פונמיינטוועגנ וואָלט איר עס געקענט מאַכנ בעקיצער: קאָל-ייִסראָעל — אייך קאַפּצנ! אונ גאָרנישט. אָנ עק, א סאָפ זאָל עס האָבנ. לאָזט פישקענ דערציילנ וויטער אונ שלאָגט אים נישט איבער. אונטערזאָגנ א וואָרט, ווענ עס שטעלט זיך פישקענ אינ גאָרגל אונ ער בלייבט ווי דערוואָרגנ, אָדער אויסבעסערנ אימ אמאָל דאָס לאָשנ, דאָס מעהייכעטייסע...

נאָכ גאָר באַמ אָנהייב איז פישקע געווענ דער כאַזנ, וואָס האָט גערדייט דאָס מויל, ארויסגעלאָזט צעהאַקטע, צעבראָקטע ווערטער, אונ איכ זיינ מעשוירערל, וואָס האָט אימ אונטערגעהאָלפנ אינ דער נויט אונ אימ אויס דעמ מויל ארויסגענומענ דאָס וואָרט, מיט וועלכנ ער האָט זיך געוואָרגנ. אָנ מיר וואָלט שווער געווענ פישקענ אליינ רעכט צו פאַרשטיינ. דאָס בינ איכ א באַלנ צו ווייזנ אפּ א פּראָבע שפּעטער א ביסל. אלטער האָט דערביי נישט מער געטאָנ ווי אונטערגע-

שטופּט מיט זײַנע ווערטער: „מיילע בעקיצער", „נישטמער, גאָר-נישט". — ווי איינער, וואָס טרײַבט שאבעס אינ שול אונטער דעמ כאזנ, ער זאָל עס אָפּמאכנ בעקיצער, פילנדיק, אז אינ דער היימ וואַרט אפ אימ דער קידעש, א טשאָלנט מיט א קוגל.

14

עכ מיט מאנ וואַב אָבנ קעגעט צו פישע. ני, קענטי אב מעשאע זאנ, ווי מיט מאנע קיאנקע פיסיעכ פיעגנ מי זעכ שיעפּנ זייע פאמיעכ, קוזכינ ווי די יאקעס..." — אָט אזוי הייבט פישקע אָנ ווײַטער צו דערציילנ מיט זײַנ לאָשנ. וואָס אויסגע-בעסערט מיט מײַנ הילפ מאכט עס: „איכ מיט מײַנ ווײַב האָבנ געהערט צו די פיעשע, דאָס הייסט פוס-אָרעמעלײַט. נו, קענט איר אײַכ מעשאער זײַנ, ווי מיט מײַנע קראנקע פיסלעכ פלעגנ מיר זיכ שלעפּנ זייער פאמעלעכ, קריכנ ווי די ראקעס". — אונ אזוי גייט פישקעס דערציילונג, אויסגעבעסערט ווײַטער:

מײַנ ווײַב האָט אָנגעהויבנ מיכ ביסלעכווײַז צו זידלענ, צו שילטנ, צו זאָגנ שטעכווערטלעכ, צו רופנ מיכ מיט צונעמעניש אונ מיר אופּ-צוּוואַרפנ מײַנע קראנקע פיס. זי איז אקעגנ מיר ארויס מיט טײַנעס, אז זי האָט אינ מיר גאָר אינגאנצנ זיכ אָפּגענארט, פונ אויבנ ביז אראָפּ; אז זי האָט מיכ געמאכט פאר א מענטשנ, זי האָט מיכ אינ דער וועלט צווישנ לײַט ארויסגעפירט, זי האָט מיכ פארזאָרגט מיט פּארנאָסע, געשטעלט אפ א שטייגער, — אונ איכ בינ איר נישט געטרײַ, טו איר אלצ אפ צעפּיקעניש. נאָר דאָס אָבער איז געוועזנ זעלטנ. איכ פלעג מיכ נישט ווּיסנדיק מאכנ, אלצדינג אראָפּשלינגענ, גע-טראכט בא מיר: אזוי איז געוויינטלעכ דער שטייגער פונ א ווײַב, אזוי

באדארפ צו זײַנ. איטלעכנ מאנ איז דאָס ווײַב מעכאבעד מיט א וואָרט און אמאָל טאקע מיט א קלאפּ אויכ. קוים איז איר דער קאס אָפּגעגאנגענ, — איז ווײַטער געוואָרנ א לעבנ, פּישקע — ווײַטער שטארק באַשעוו. זי פלעגט ארופלייגנ איר האנט מיר אפנ אקסל, זאָגנ: „הײַטא, פּישקע!“. מײַנער גייט פאָרויס, זי הינטער מיר, אונ בײדנ איז עפּעס גוט אפנ הארצנ. „אָט אזוי אָבנ מי זיכ געיִקט אונ געקיאָכנ“...

ביז באלטע האָבנ מיר זיכ געשלעפּט עפּעס גאָר א לאנגע צײַט אונ פארשפּעטיקט דעמ גרויסנ יאריד דאָרט, וואָס קלינגט איבּ דער גאנצער וועלט. מײַנ ווײַב איז געווענ אויסער זיכ, שרעקלעכ זיכ געערגערט, גלײַכ ווי זי וואָלט פארלוירנ טארפאט אלאָפּימ טאָלער. איכ טרייסט זי אונ דרינג איר אלצ: „מיילע, וואָס איז דאָ אזוינס, אָבער באלטער הײַזער זײַנען דאָכ, באָרעכאשעמ, פאר אונדז געבליבנ! קארג פאר אונדז אזויפיל הײַזער, אזא שטאָט? נישט צו פארזינדיקנ!“ אונ זי אלצ אינ אײנ קאָל: פארברענט ווער אײנעמ מיט דײַנע הײַזער! וואָס טויג מיר, דו יִמאכשמויניק אײנער, דײַנ שטאָט, אזא בלאָטיקע שטאָט! אָט אזא שטאָט נארײַעסטו עמ מיר, הא? איכ וויל נישט! דו הערסט? איכ וויל נישט אזא שטאָט. אײַנגעזונקענ ווער דאָ אינ דער בלאָטע אונ ווארג זיכ דיר מיט דײַנ שטאָט — מיט דײַנ בלאָטיקער באלטע!

— רעב אלטער, ס'איז דאָ! — לאָז איכ פּלוצלימ ארויס הויכ אפ א קאָל. — איכ האָב מיכ דערמאָנט נאָכ א סאָרט קאפּצאָנימ! קאפּצאָנימ-באנקירנ...

— א גרויסע מעציִע, כלעבנ! — מאכט אלטער, קנאקנדיק מיט דער צונג: „טצע-טצע-צע!“ — פונמײַנטוועגנ מעגנ זיי אפילע נישט געדאכט ווערנ.

— אײנעמ פונ די דאָזיקע לײַט, סימכעלע דער לעבעדיקער, קענ איכ אינ גלופּסק זײער גוט. בא אימ אינ א באזונדער בוכ שטייענ פאר-

שריבן אלע הײַזער אָפּגעטאקסירט, װיפל האכנאָסע באדארף אים דורכן יאָר איטלעכס הויז אײַנברענגען. די הײַזער, זאָגט ער, זײַנען מײַנע, צאָלן מיר צינדז, גאנץ גלופּסק איז מײַן קאנטאָר. זײַן שטייגער איז איטלעכן טאָג צו גיין אין א געװיסן טייל הײַזער. ער קומט ארײַן אין א שטוב לעבעדיק, מיט ברייטקײַט. גיט מען אים באלד די נעדאָווע, איז גוט; װען נישט, זאָגט ער: „א גוטן־טאָג! נישקאָשע, איך װעל פאר־שרײַבן אף אײַך א כויוו" — און לויפט לעבעדיק, געשווינד ארויס. עפשער האָט איר געהערט, רעב אלטער, דערציילנדיק, װי איין גלופּ־סקער קאפּצן האָט זיך מעשאדעך געװען מיט נאָך א קאפּצן פון טע־טעריװקע און האָט געגעבן אין נאדן ארײַן די הײַזער אין גלופּסק? — דאָס איז סימכעלע דער לעבעדיקער. אָדער עפשער האָט איר געהערט אויך, װי אף א מאָלצײַט פאר אָרעמעלײַט בא א גוויר אף א כאסענע איז געקומען א קאפּצן א געבעטענער, נאָכשלעפּנדיק מיט זיך נאָך איי־נעם אן אומגעבעטענעם, און אף דעם פרעג: רעב קאָרעװ, װאָס שלעפּט איר מיט אײַך אן איבעריקן פּארשוין? — ענטפערט ער: „דער דאָזי־קער פּארשוין איז מײַן איידעם, װעלכן איך האָב צוגעזאָגט קעסט" — דאָס איז װײַטער טאקע סימכעלע דער לעבעדיקער. בעקיצער, סימ־כעלע קוקט אף גלופּסק װי אף זײַן שטאָט און זײַנע הײַזער.

— פונמײַנטװעגן מעג אײַער סימכעלע דער לעבעדיקער די קאַ־פּאָרע װערן, — זאָגט אלטער אָפּ זײַנס גאנץ בעקיצער און בעט פיש־קען װײַטער צו דערציילן.

פישקע הייבט אָן אף זײַן שטייגער, איך העלף אים אונטער אף מײַן שטייגער, און די מײַסע דערציילט זיך װײַטער אזוי:

דער װעג אונדזערער איז נישט געװען קיין גלײַכער, פון איין שטאָט צו דער אנדערער, אלץ װײַטער, װײַטער. נאָר װאָס דען? „מי פיעגן קיניכן" אהין און אהער, זיך דרייען אין אלע זײַטן, װי ס'איז אונדז אויסגעקומען. איינמאָל זײַנען מיר מעגולגל געװאָרן עפּעס אין

א שטאָט, וואָס האַלעווײַ דער רועב זאָל מיך געווען כאַפּן פּרײַער, איי־דער איך בין אַהין געקומען! צו דער שטאָט אליין האָב איך נישט אפילע, פאַרקערט, זי האָט אקעגן מיר גענוג יויצע געווען, מיך גע־לאָזט אַרומגיין מיט אַלע קאָװעדן אין די הײַזער, נאָר דאָרט האָב איך מיך באַגעגנט מיט מײַן מאַלכאַמאָװעס, געקוילעט זאָל ער ווערן אָן א מעסער! „א קיענק אים אין די בייניע!“ — אָט ווי אַזוי ס'איז געשען:

אין יענער שטאָט, וווּהין מיר זײַנען געקומען, איז געשטאַנען „קאָניצע“ — פעלד-אָרעמעלײַט מיט בײַדן. ס'איז געווען א מערידע. באַלעבעסלעך פון הײַנטיקער וועלט האָבן דאָרט אופגעטאָן נײַס, אז אָרעמעלײַט, כוץ אַלטע, קראַנקע און ביטערע קאַליקעס, ניט צו געבן גאָרנישט. געזונטע באָכערים, ווײַבער און מײדלעך זײַנען נישט קראַנק צו דינען, צו אַרבעטן און מיט אײגענער מי צו פאַרדינען זייער שטיקל ברויט. דאָס ייִדישע נאַרישע ראַכמאָנעס טוט נאָר אָן גרויסע צאָרעס. דורך דעם, האָבן זיי געזאָגט, האַלטן זיך בא ייִדן פוילע נעפאַשעס אָן א צאָל, ווי וואַנצן, וואָס זויגן יענעמס בלוט און עסן אָפּעט אַנדערע דעם קאָפּ. זיי האָבן בא זיך אײַנגעפירט עפּעס ווי א מין פאַבריקע, ווו מע האָט מעכאַבעד געווען געזונטע אָרעמעלײַט, וואָס זײַנען גע־קומען צוגאַסט, מיט עפּעס א מעלאָכע: צו דרייען שטריק, צו נייען זעק, — און געגעבן זיי דערפאַר עסן. אָרעמעלײַט האָבן אָנגעהויבן זעלטענער זיך אַהין צו ווײַזן. „די קאָניצע“, וועלכע מיר האָבן דאָרט געטראָפן, איז געווען שטאַרק אופגעבראַכט אקעגן דעם דאָזיקן אײַנ־פיר, פלאַם-פײַער. „גוואַלד!“ — האָבן זיי אַלע געשריגן. — ס'איז שוין גאָר קיין וועלט נישט. ווו איז דאָס ייִדישע ראַכמאָנעס? אויס ייִדיש־קײַט, כלעבן!.. איינער, א רויטער, א געזונטער, — א קיענק אים אין די בייניע! — האָט געפירט דאָס רעדל און געשריגן מער פון אַלע: „ס'איז סדאָם, נאָר סדאָם! פאַרוואָס קומט עס, די נעגידים זאָלן זיך

זיצנ ווי די פריצימ רויק, אונ אנדערע זאָלנ אפ זיי האָרעווענ? זייער גוטס איז דענ נישט יענעמס מי, יענעמס פראצע, יענעמס שווייס? אליינ זײַנענ זיי בא זיכ אָפּגעפײַנטע מענטשלעכ, היטנ אָפּעט זייער נעפּעשל אונ ווילנ אלצ, יענער זאָל ארבעטנ. א נאָגיד, וואָס מער דיק, געזונט ער איז, וואָס מער זײַנ בײַכל איז גרעסער, איז ער אלצ מער פּאָרנעמ, מער פײַנע-בעריע. אונדזוער איינער, אקעגנ, מוז מיט זײַנ געזונט זיכ, נעבעכ, באהאלטנ, זיכ שעמענ ווי א גאנעוו. איטלעכער שרײַט אפ די ציינ, פארוואָס גייט אזא געזונטער נישט ארבעטנ! עס וואָלט שוינ רעכט געווענ, כלעבנ, איבערצובײַטנ די יאָצרעס: לאָזנ די נעגידימ פּרוּוונ א ביסל ארבעטנ! וואָס איז, קראנק זײַנענ זיי?" — „גערעכט, פײַוועשקע, גערעכט, מיר זײַנענ אויכ ייִדישע קינדער, אזעלכע שמייליקע ווי זיי!" — האָבנ אלע אינ איינ קאָל אונטערגעבאסעוועט דעמ רויטנ מאמזער אונ ביסלעכווײַז זיכ צעגאנגענ פונעמ העקדעש.

אָוונט-צײַט באדארפ איכ גראָד גיינ אינ א גאס פארבײַ דעמ שולהויפ. אינ דרויסנ איז טונקל, אונ מענטשנ א סאכ, אָנ אײַנאָרע, דרייענ זיכ דאָרט ארומ. מיטאמאָל קומט מיר פונ דער זײַט גאס אָנ צו די אויערנ עפּעס א וויינענדיק קאָל מיט א געבעט, וואָס קענ רירנ אפילע א שטיינ. אָפּשטעלנדיק זיכ, דערזע איכ נישט ווײַט פונ מיר, ווי א צעבראָכענער ייִד האלט אפ ביידע אויסגעשטרעקטע אָרעמ א קישעלע, פונ וועלכנ עס הערט זיכ א פּישטשענ פונ א ברעקל קינד, וואָס פארגייט זיכ, נעבעכ, שרײַענדיק. דער אומגליקלעכער טאטע דרייט זיכ אינ אלע זײַטנ, שאָקלט עס, וויגט עס, נעמט עס אײַנ אפ א וויינענדיק קאָל מיט ביטערע קרעכצנ: „אוי, וויסט איז מיר, פינצטער איז מיר! מײַנ ווײַב שטארבט אונ לאָזט מיר אפ די הענט איבער א פּיצל קינד!.. אוי, וויסט איז דיר, קליינע, בידנע יעסוימעלע, פינצטער איז דיר אָנ א מאמע! א-א-א, שא-שא! וואָס זאָל איכ דיר, נעבעכ, טאָנ?"...

איטלעכער, וואָס גייט פארבײַ, גיט אימ עפּעס אינ דער האנט, א טייל
ווײַבער ווענדנ זיכ צו אימ אויכ מיט א וואָרט, אונ ער אלצ אינ איינ
אָטעמ: „וויסט איז מיר, פינצטער איז דיר!“, שאָקלענדיק אונ ווארפנ-
דיק זיכ מיט דעמ קישעלע אינ אלע זײַטנ. דאָס הארצ האָט מיר גע-
ריסנ פאר ראכמאָנעס אפ דעמ וויסטנ טאטנ אונ אפ דער וויסטער
יעסוימעלע, נעבעכ, נאָכ אינ די וויקעלעכ. איכ נעמ ארויס פונ דער
קעשענע א דרײַער אונ קומ דערמיט צו נאָענט צו דעמ וויסטנ טאטנ.
קוימ שטרעק איכ אויס צו אימ די האנט איבער דעמ קישעלע, דער-
לאנגט ער מיר א שטארקנ קניפּ, מאכנדיק דערבײַ אפ זײַנ ווײנענדיק
קאָל: „אוי, וויסט איז ד י ר?“ מיט א קוועטש אפ דעמ וואָרט „דיר“,
גלײַכ ווי מיכ מיינט ער. איכ כאַפּ מיכ בא דער האנט פאר וויטעק,
שפּרינג אָפּעט דערשראָקנ אינ דער זײַט אונ בלײַב שטיינ עטלעכע
רעגע פארגאפט. דער וויסטער טאטע דרייט זיכ אויס באלד צו מיר,
איכ קוק אימ גוט אָנ אונ בינ פארצאפּלט געוואָרנ... „פאר הײַנט וועט
גענוג זײַנ. קומ! נא, האלט א ביסל דאָס קינד!“ — זאָגט ער, אונ
שטופּט מיר ארײַנ אינ דער האנט דאָס קישעלע. דאָס קליינע יעסוי-
מעלע, זע איכ, איז עפּעס א ליאלקע, אײַנגעוויקלט אינ שמאטעס, אונ
דער וויסטער טאטע איז דער רויטער מאמזער, פּיוועשקע. — „א קיענק
אימ אינ די בייניע!“ ער האָט עס געמאכט ווי א בעריע! געוויינט,
געקרעכצט פאר זיכ אונ געפּישטשעט, זיכ פארגאנגענ אויכ פאר דעמ
קינד... אָט אזוי מוז מענ, — רופט ער זיכ אָנ, — מיט די נארישע
יידישע קינדער האנדלענ. ווילנ זיי נישט געבנ מיט גוטנ — מוז מענ
בא זיי נעמענ מיט קונצנ, אָנ דעמ גייט עס נישט. דער ראָוו, דער
דאיענ, דער שיינער מעקאבל מיט דעמ גאנצנ פּעקל קלייקוידעש —
אלע פארשטעלנ זיכ, מאכנ קונצנ. יענע מיט זייערע האוואיעס, אונ
איכ — וויסט איז מיר! — מיט מײַנ קליינ יעסוימעלע. מעלקט זיכ,
בעהיימעס!.. זאָג, פּישקע, אָמיינ!

אינ יענער צײַט, וואָס מיר האָבנ זיכ אופגעהאלטנ אינ העקדעש, האָט דער רויטער מאמזער אָנגעהויבנ זיכ צוצושארנ צו מײַנ ווײַב מיט גוטע ריידעלעכ. זי איז אים עפּעס שטארק געפעלנ. ער פלעגט זיכ כאפּנ צוטראָגנ איר, אז זי האָט עפּעס באדארפט, אונ ליב געהאט זי צו באדינענ. ביסלעכווײַז האָט ער אלצ צו איר זיכ ארײַנגענארט, ביז ער איז געוואָרנ מיט איר א שמעלקע. ער פלעגט אָפּזיצנ מיט איר שאָענווײַז אונ פּלוידערנ, ארײַנוואַרפנ אינ דעם שמועס גראָבע, נישט קיינ שיינע ווערטלעכ. מײַנע פלעגט פארשטעקנ די אויערנ אונ נישט וועלנ, דאכט זיכ, הערנ. אונ אז ער פלעגט זי אמאָל אינ טאָג ארײַנלויבנ: זי איז א יאָדערדיקע, א פעטע, א לויטערע, א פליישיקע יִדענע, אזעלכע ווי ער האָט ליב, — פלעגט זי אים אָפּזידלענ, א פּאטש טאָנ אפנ רוקנ אונ דערבײַ טאקע לאכנ. איכ פלעג אויכ לאכנ. אמאָל טאקע מיט ווערעמ, נאָר באלד טאקע מיכ באטראכט צוריק: וואָס ארט מיכ א פּלוידערזאק? מאָרגנ-איבערמאָרגנ וועט מענ גאָר זײַנער פּאָטער. מיר צעגייענ זיכ איטלעכער אינ אנ אנדער זײַט, אונ אייביק וועט מענ זײַנ פּארצעפּ-פּאָנעמ נישט אָנקוקנ. אונ ווײַטער, אינ די הײַזער גייט דאָכ מײַנ ווײַב, געלויבט דער אייבערשטער, מיט מיר. אימ, דעמ מאמזער, ווענ ער נעמט זי אָנעט בא דער האנט אונ וויל זי פירנ, שטופּט זי אָפּעט מיט א בייזער: „גייט אײַכ, גייט, פּע! איכ בינ אנ איישעס-איש. האָב, באָרעכאשעמ, מיט וועמענ אינ די הײַזער ארומצוגיינ”.

אפּ מאָרגנ, נאָכ דעמ באגעגעניש מײַנעמ מיט דעמ רויטנ מאמזער, ווי ער האָט זיכ פארשטעלט פאר א וויסטנ טאטנ, בינ איכ מיר געגאנגענ אינ די הײַזער אליינ. מײַנ ווײַב האָט, אופשטייענדיק אינדערפרי, זיכ געקלאָגט: עפּעס איז זי נישט מיט אלעמענ, עפּעס ציט זי זיכ אלצ אונ גענעצט, עס מוז זײַנ א גוט-אויג... — אונ איז דעריבער געבליבנ אינ דער היימ. איכ אליינ בינ אויכ געווענ עפּעס לוי-

אלייכעמדיק, עס האָט מיר עפּעס געשלאָגן ארופ, הײַנט איז מיר טאַקע געווען אומעטיק איינעם אליין צו גיין אָן מײַן ווײַב. ס'איז מיר ווי עפּעס אָפּגעגאנגען. איך ליִקן נישט, אז זינט דער מאמזער האָט זיך צוגעשארט צו מײַן ווײַב און מיט איר געטריבן קאַטאָוועסלעך, איז זי מיר געוואָרן טײַערער. עס האָט מיך אמאָל אפילע פארדראָסן, געברענט ווי א פײַער, נאָר דערבײַ טאַקע — איך ווייס נישט פארוואָס — האָט מיך צו איר עפּעס געצויגן, געצויגן ווי א קישעף. עפּעס איז געווען, ווי זאָל איך אײַך זאָגן, א געשמאַקער שמארץ, ווי פון א בלאָטער בעשאַס קראַצנדיק אים אמאָל אף מײַן לײַב. ס'איז א שמארץ מיט א האַנאָע-האָבן, ביידע זאַכן איינעם... ס'איז געווען א געמעלאָכטע „אין די הײַזער ארומגיין", גאָר נישט דער טאַם, וואָס אַן אַנדערס מאָל. איך האָב עס אָפּגעמאכט בעקיצער, שאַבעס-שטעך, סיור-ביור ומפליא לעשות — און מיך אָפּגעפּארטיקט באַצײַטנס. ארײַנקומענדיק אין העקדעש, האָב איך געטראָפן מײַן ווײַב זיצנדיק מיט דעם מאַמזער און זיך עפּעס געשושקעט. דאָס פּאָנעם האָט איר געפלאַמט, זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעבויגן צום מאַמזער, זיך צוהערנדיק צו זײַנע רייד, און א זיס שמייכל איז איר פון די ליפּן נישט אראָפּ. בײַ מײַן צוקומען צו איר מיט א פרעג: וואָס זי מאַכט? האָט זי זיך געטאָן א כאַפּ, געבליבן אקעגן א רעגע אָן לאָשן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. דערנאָך טאַפּט זי מיך אָנעט, ווי איר שטייגער איז געווען, און מאַכט צו מיר אזוי: „ווייסטו, פישקע, וואָס איך בין קראַנק? דאָס איז נישט קיין גוט-אויג, דאָס איז מיר געקומען פונעם צופּוס-גיין. די רויפּעטע, וואָס גייט ארײַן, האָט מיר געהייסן גיין אין באָד, מעכילע, אויסשמײַסן זיך, לאָזן זיך שטעלן באַנקעס, גוט אויסרײַבן זיך אף דער נאַכט און שוויצן. ניין, פישקע! צופּוס ווײַטער קען איך נישט גיין. רעב פײַוועשקע איז אזוי גוט, אזוי פײַן, און וויל אונדז נעמען מיט זיך אין בויד. וואָס טוט מען, פישקע? וואָס זאָגסטו, האַ?".

דער מאמזער — „א קיענק אים אין די בייניע איאן!“ — האָט אפּ מיר געקוקט עפּעס מיט אזא אייגעלע, מיט אזא שמייכעלע, וואָס האָט מיך געשטאָכן. עס האָט מיך פארקלעמט באַם הארצן. ס׳איז מיר געוועזן צו מוט ווי א יינגל, וועלכן דער רעבע הייסט זיך לייגן אפן בענקל, אים אָפּצושמײַסן. איך האָב געמאכט א היפּשע ווײַלע מיט דער צונג עפּעס אָן ווערטער און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— וואָס שווײַגסטו? וואָס ענטפערסטו נישט? — צעשרײַט זיך אפּ מיר מײַן ווײַב מיט קאַס, — איך ווייס, עס ארט דיך גאָר נישט מײַן געזונט, ווילסט מיך גיכער פּאָטער ווערן, מיך טרײַבן יונגערהייט אין דער ערד ארײַן. וואַרט נאָר, וואַרט, דו, אכבעראָש איינער! גיכער וועסטו אָנלייגן מיט דעם קאָפּ, א מיסע-מעשונע אײַנעמען. הערסטו, פישקע, פּאראפּאָטשקע, די ערד וועסטו פון מיר קײַען! נישט איין האָר אין קאָפּ וועט דיר איבערבלײַבן. די ציינער וועל איך דיר אויסזעצן.

אז מײַן ווײַב האָט געעפנט א מויל, פלעגט מיר אין בויך קאלט ווערן. איך בין געשטאַנען צעקאָכט, דערשלאָגן און דערהארגעט. ווי מיר איז דענסטמאָל געוועזן אפן הארצן — ווייסט נאָר איין גאָט וויל. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ און גע-מאכט צו מײַן ווײַב: „שא, שרײַ נישט, ערגער דיך נישט אזוי. שא, דו וועסט פּאָרן! פּארוואָס נישט?“

— אָט אזוי רייד! — זאָגט מײַן ווײַב שוין ווייכער. — פּארוואָס זשע, אז מע רעדט צו דיר, שטייסטו ווי א ליימענער גוילעם און ענט-פערסט נישט קיין וואָרט? יענער איז אזוי גוט, אזוי פײַן, וויל אונדז מיטנעמען אומזיסט — און ער זאָל דאָס כאָטש זאָגן א דאנק! שעמען מעגסטו זיך אין דײַנע ווײַטע האלדז, דו גראָבער-יונג איינער...

וואָס האָב איך געקענט מאכן? איך האָב געמוזט טאָן דאָס אויך, זאָגן דעם מאמזער א דאנק.

— רעב אלטער, נאָך איינער!.. טו איך א זאָג הויך אפּ א קאָל.

— וואָס איז, רעב מענדעלע, נאָכ א מעציִע? — מאכט אלטער צו מיר מיט א געשפּעט, — נאָכ א פרישנ סאָרט קאפּצאָנים האָט איר געפונענ? גאָט מעג אײַכ, כלעבנ, שוינ באַשערנ בעסערע מעציִעס. גענוג שוינ קאפּצאָנים!

— נײנ, רעב אלטער! איכ מײנ גאָר נאָכ אײנ כאזמ-כאָנע כאיעטרײַנעס, וואָס ציטערט אזוי פארנ ווײַב. אונדזער פישקע, דאכט זיכ מיר, פלעגט פונ זײַנער כאפּנ אמאָל אויכ הײסע פּעטש.

15

פישקע הײבט ווידער אָנ אפ זײַנ שטײגער, איכ ארבעט, העלפ אימ אונטער אפ מײַנ שטײגער, אלטער טרײַבט אונטער אפ זײַנ שטײגער — אונ די מײַסע דערצײלט זיכ ווײַטער אזוי:

אפ דעמ אנדערנ טאָג נאָכ דעמ פריִערדיקנ שמועס האָט זיכ די „קאָניצע“ געדירט אונ ארויסגעטראָטנ פונ סדאָמ, ווי יענע שטאָט האָט בא דער דאָזיקער כאליאסטרע געהײסנ. זי איז ארויס מיט א ראש, א געפּילדער, מיט א שילטנ, פלוכנ פונ א סאכ מײַלער אונ א סקריפערײַ פונ רעדער. עס האָט זיכ געשאָטנ אפ דער שטאָט טויטע קלאָלעס: פארברענט זאָל זי ווערנ! די באלעבאטימ זאָלנ צענ מאָל אינ טאָג פײגערנ פאר הונגער אונ ווי ניסראָפימ אינ דער וועלט זיכ ארומשלעפּנ... — דרײַ בוידנ זײַנענ געווענ פול אָנגעזעצט מיט אלערהאנד פארשויכענ: ייִדנ, ייִדענעס, ווײַבלעכ, מײדלעכ, באָכערימ, גרויס אונ קלײנ. אונ צווישנ זײ אויכ מײַנ ווײַב מיט מיר. מיר זײַנענ, לעמאזל, דערהויכט געוואָרנ: ארײַנגעטראָטנ אינ דינסט אינ דער „קאָניצע“ ארײַנ.

הערט איר, מײנע ליבע יידנ, עס האָט מיר זיכ געעפנט עפּעס גאָר א נײע וועלט, און אינ אָנהייב איז מיר מיט דער כאליאסטרע גאנצ פריילעכ געווענ. איכ פלעג מיכ אָנזענ און אָנהערנ וווּנדערשיינע זאכנ, וואָס גאָר אומעגלעכ אלצדינג מיט איטלעכס פּיצעלע באזונדער איבערצוגעבנ. איכ פלעג הערנ, אשטייגער, ווי מע פלעגט אָפּריכטנ, אָפּשפּעטנ פונ דער גאנצער וועלט און איטלעכנ זיכ נאָכקרימענ; ווי איטלעכער פונ די פײנע-מענטשלעכ פלעגט דערציילנ עפּעס אָפּ גנייווע-לאָשנ זײנע אלע געענג און שפּיצלעכ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָנ. איינער דערציילט, וויאזוי ער האָט זאבאָרעט א קרעל (געגאנוועט א ברויט); דער אנדערער — וויאזוי ער האָט זאלאבערט א קאפּאָרעניצקע (געגאנוועט א הונ); דער דריטער — וויאזוי ער האָט געלאקכנט קלינגערס (אויסגעכאפּט געלט) און אינ די גארגאָלעס ארײנגערוקט, און דער פערטער — וויאזוי ער האָט געבאלדאָוועט א יאָלד (געהארגעט, געשלאָגנ איינעם א באלעבאטיש קינד). נעגידים פלעגט מענ שילטנ אָפּ וואָס די וועלט שטייט, גלאט אזוי זיכ. פאר גאָרנישט. איכ קענ אײכ שווערנ אינ טאלעס און אינ קיטל, אז זיי האָבנ די נעגידים א סאכ מער פײנט, ווי די נעגידים זיי. א נאָגיד האָט בא זיי געהייסנ עפּעס אזויפיל, ווי: פּיאווקע, צעשטאָפּטע קישקע, פארשטאָפּטער קאָפּ און פארשטאָקט הערצעלע, פארשײט בעניאָכידל, קופּערנער שטערנ, און דער שווארציאָר ווייסט זייער טאטנ, וואָס נאָכ פאר א מיִעסע צונעמעניש. ס'איז בא זיי פארעכנט געווענ פאר א מיצווע א נאָגיד אָפּצוטאָנ עפּעס א שפּיצל, וויבאלד נאָר מעגלעכ. זיי פלעגנ אָפּשיקנ צו די נעגידים בויכווייטעק, שטעכעניש, יעסורים, לייד און קאלאמינע קרענק, בעשאס אמאָל עפּעס א צאָרע. מיכ פלעגנ זיי, אינ שפּאס אמאָל, רופנ נ אָ ג י ד, דערפאר וואָס איכ פלעג זייער אָפּט מיכ פאר די נעגידים ארויסשטעלנ און שטארק אָנעמענ זיכ פאר זייער קאָוועד. ווײל אופּהאלטנדיק זיכ פריִער אינ באָד

בינ איכ דאָכ צווישנ נעגידימ דערהצויגנ געוואָרנ, מיט זיי עפעס דאָכ איבערגעהאט אייסאָקימ, ווי אשטייגער: היטנ זיי דאָס אָנטאָנ, צו-טראָגנ זיי דאָס פעקל זאכנ, א שעפעלע וואסער, א קויל פײַער אונ דאָסגלײַכנ נאָכ אזעלכע געשעפטנ. — איכ פלעג הערנ א שמועס פונ באָכערימ מיט מיידלעכ, ווי זיי טרײַבנ קאטאָוועס אונ ריידנ זיכ שי-דוכימ. איינ בויד האָט זיכ מעשאדעכ געווענ מיט דער אנדערער. די קונצ פונ פארשטעלנ זיכ איז בא דער כאליאסטרע געווענ שטארק גע-הויבנ, עס האָט געטויגט צומ אייסעק. ווענ אמאָל איז אויסגעקומענ, האָבנ די שיינע-לײַט זיכ פארשטעלט: איינער פאר א הויקעריקנ, דער אנדערער פאר א הינקעדיקנ, דער פאר א בלינדנ, יענער פאר א גע-ליימטנ, די פאר א שטומע, אונ יענע פאר א קרומע. נאָר עמעצע, נישט געמעלאָכטע קאליקעס, ווי, אשטייגער, איכ אונ מײַנ ווײַב, דאָס האָט בא זיי געהאט גאָר א גרויסנ ווערט. זיי האָבנ אָפט געזאָגט, אז אזעלכע פעלער, ווי אונדזערע, איז פאר אָרעמעלײַט א שאצ, א מאטאָנע פונ זײַנ ליבנ נאָמענ: זיי קענענ זייער פיל אײַנטראָגנ. מײַנ ווײַבס פעלער איז זיי נאָכ בעסער געפעלנ. הײַנט פלעגנ זיי גלאט באָטל ווערנ פאר איר פיסק, וואָס אפ שרויפנ. די האָר האָבנ זיכ גע-שטעלט, אז זי האָט געעפנט א מויל.

דער רויטער מאמזער האָט זיכ שטארק געדרייט ארומ מײַנ ווײַב אונ זיכ פאָשעט געהאנגענ אפ איר. ער האָט זי געקאָשקעט, געקיכלט אונ צוגעטראָגנ איר פונ פייגל-מילכ: געקאָכטע ארבעס, באָב, פלוי-מענ, — וואָס נאָר ער האָט ערגעצ דערטאפט. איכ האָב מיכ אָבער באטראכט: כאפ דיכ דער וואטלמאכער! וואָס קענ עס מיכ ארנ? קיבל זי, קאָשקע זי, וואָס קענסטו דערמיט מיינענ, וואָס?.. גאָרנישט. אז זי איז אנ איישעס-איש! מיילע איז דאָכ אָנ סאקאָנעס... מיינסטו דאָכ, גאנצ זיכער, נאָר איר פעלער, פאָשעט א בלינדע איז גוט, מע קענ מיט איר מאכנ געלט, טאָ האָב זשע, קאָלבויניק איינער, די גאל! מײַנ

װײַב גײט לעסאַטע אינ די הײַזער אַלצ טאַקע מיט מיר. װאָס זשע האָסטו דאָ, טיפּעש אײנער, געפּױעלט מיט דעמ צולאָנטשעג זי צו זיכ, מיט דעמ איזניובענ זיכ צו איר, אַז דער רעכטער איקער־זאַכ — אינ די הײַזער גײנ, גײט זי טאַקע מיט מיר, מיט מיר?..

אונ דעריבער, װײַל איכ האָב אַזױ מיר געטראַכט, האָב איכ שטאַרק באַגערט לערנענ הילכעס־אָרעמאַנ מיט אַלע פּישטשעװוקעס, קעדײ מײַנ פּלױנעסטע דערמיט געפעלנ, אונ געמאַכט דעמ אײסעק שױנ גאָר קײנ מײַסע ניט. איכ האָב מיכ שױנ אױסגעלערנט װי אַרײַנצוקומענ אינ א שטוב. די קונצ באַשטײט דערינ: אַרײַנקומענ זאָל מענ מיט א רוגזע, אָנגעברױגעזט אונ מאָנענ די נעדאָװוע װי א כױװ; מע זאָל קריכנ, אַרופּקריכנ אױבנאָנ אונ פאַרקריכנ אַזש אינ דער ספּאַלניע, אופּצװזוכנ דעמ באַלעבאָס אָדער די באַלעבאָסטע דאָרט. אינ דינגענ זיכ בינ איכ געװענ א מײַסטער, אײנ בעריע אינ דער װעלט. דער גאַנצער סײַכל שטעקט דערינענ: קײנמאָל באַדאַרפ נישט געפעלנ, װיפל מע גיט. גיט מענ א שטיקל ברױט, זאָל מענ בעטנ עפּעס געקעכצ, א ביסל באָרשטש; גיט מענ געלט, זאָל מענ בעטנ א העמד, אַלטע טאַכטױנימ אונ זאָקנ אוקעדױמע. שטענדיק באַדאַרפ מענ זיכ נאָר קרימענ אונ בלאָזנ, קײנמאָל נישט דאַנקענ, נאָר װאָרטשענ אונ אַמאָל אױכ טאַקע שילטנ.

װאָס זשע טוט דער רױטער מאַמזער? „א קיענק אימ אינ די בײניע איאַנ!“ דער רױטער מאַמזער טוט אופ האַסבאָרעס, װי מײַנער פאָטער צו װערנ. ער קלערט בא זיכ גאַנצ זיכער אַזױ: אינ הילכעס־אָרעמאַנ, פּישקע, מעגסטו בא מיר די הרובעס הײצנ. איכ קענ מאַכנ די שפּיל אַכציק טױזנט מאָל בעסער פונ דיר. אונ אַז איכ האָב מיר אַרײַנגענומענ אינ זינענ די פאַרנאָסע מיט דײַנ בלינדער, װעט מיסטאָמע שױנ זײַנ רעכט. נישקאָשע, איכ װעל דיכ, מיט גאָטס הילפ, שױנ פאַרזאָרגנ. — ער האָט צו מיר זיכ גענומענ אונ געמאַכט אױס מיר א

קאָטער. איך בין מיטן אראָפּגעפאלן בא מײַן ווײַב און געהאט בא איר א פּאָנעם ווי כוויזעק. קיין אנדער וואָרט האָב איך פון איר נישט געהערט נאָר ווי: געשוואָלן ווער, לייג אָנעט מיט דעם קאָפּ, ווערעם זאָלן דיך עסן, דו פּרעסער, יונגאטש אײַנער, דו אזוינער, אזוינער און אזוינער! דער מאמזער, — קיין טכיעס-האמייסים זאָל ער ניט אופשטיין! — האָט אַלץ אָפּ מיר געגראָבן און מיר געטאָן צום טויט, ביז איך בין בא איטלעכן געוואָרן צו שאנד און געשפּעט, אלע בוידן האָבן לעסאָפּ מיט מיר געהאט צו טאָן. וואָס א מיגוט — איז איבער מיר געפאלן א האמצאָע, וואָס א רעגע — האָב איך געהייסן מיט אן אנדער צונעמעניש. איטלעכער האָט מיט מיר געטאָן, וואָס זײַן הארץ גלוסט. איך בין געווען דאָס קאפּאָרע-הינדל. האָב איך אמאָל מיך געבייזערט פאר צאָרעס, פלעגט עס איטלעכן אונטערטראָגן. זעט נאָר, האָט מען געמאכט, ווי דער נאָגיד האָט זיך צעיאכמערעט, ער וועט שוין באלד פלאנכענען. האָב איך מיך אמאָל באוואשן מיט טרערן פאר ווייטעק פון די קלעפּ, וועלכע אין מיר איז ארײַן, פלעגט מען זאָגן: וואָס איז מיט דיר דאָ אזוי די סימכע, פּישקע? וואָס האָסטו זיך עפּעס אזוי צעלאכט מיט ציינר? זעט נאָר, אוילעם, ווי פּישקע לאכט! — דערלאנגט אים, יידישע קינדער, — פלעגט זיך הערן דעם מאמזערס קאָל, — דערלאנגט אים, נעבעך, א טעלעמעטשע צווישן די ליטקעס, א רייב איבער די לאָפּעטקעס דאָס איז א רעפוּע צום לאכן. אויב, כאָלילע, עס וועט נישט העלפן, באדארף מען אים גלעטן די האָר, אָנעמען באם אויער און אײַנרוימען אים א סאָד, — דערפון וועט זיך אים שוין שטעלן טרערן אין די אויגן, ווי פון א קעזאיס מאָרער. מע מוז דאָך א יידן ראטעווען. — אמאָל פלעגט מען מיך ארויסוואַרפן פון דער בויד, און אז איך בין מיט די קראנקע פיס געלאָפן נאָך דעם וואָגן, ווי נאָר איך האָב געקענט, און געמאכט מיט די זײַטן, — האָט מען צוגעפליעסקעט, צוגעפּאטשט מיט די הענט

אונ געשריגנ מיט א געלעכטער: בראוואָ, פישקע! אָט אזוי, פישקע, טאנצ א ביסל, טאנצ! קוקט נאָר, אוילעמ, ווי פישקע הייבט פיסלעכ, ווי שיינ, אָנ אַבינאָרע, ער טאנצט! ער מעג אפ אלע כאסענעס טאנצנ. קיינ בייז-אויג זאָל אימ נישט שאטנ. — איינמאָל האָט זיכ אָנגערופנ איינער — אונ אלצ טאקע דער מאמזער, „א קיענק אימ אינ די ביינער איאנ!“ — אוילעמ, פישקע איז גאָר א גלײַכער. ער פארשטעלט זיכ נאָר, דער גאנעוו, פאר א קרומענ, ער מאכט אויס אונדז אלע כויזעק. מע באדארפ אימ פרווונ אויסגלײַכנ. גיט אימ דאָרט א טעלע-פעטשע אינ דער דיכ, וועט איר זענ, ווי ער ציט אויס גלײַכ א „פאָלקע“. — האקלאל, יידנ, מע האָט מיכ געפײַניקט, מע האָט מיר שטארקע יעסורימ אָנגעטאָנ. אוי, פלעג איכ מיכ דערמאָנענ אינ די גוטע גליקלעכע יאָרנ. וואָס איכ בינ מיר געזעסנ ווי א סראָרע אינ באָד אונ געלעבט ווי גאָט אינ פראנקרײַכ! וואָס איז מיר דענ דאָרט אָפגעגאנגענ?

— מײַלע, נעמט מענ אונ מע גײט אָפ, — פאלט אלטער ארײַנ פישקענ אינ די רייד. — דערופ איז דאָכ דאָ בא יידנ א גאָט.

— יאָ, גערעכט! — מאכט פישקע מיט א זיפצ. — האלעווײַ וואָלט איכ עס טאקע פריער געטאָנ, וואָלט אז וויל אונ גוט געווענ מיר אונ עפשער נאָכ עמעצנ... נאָר איכ ווייס נישט, וואָס מיר איז אזוינס געשענ. נאָר א קישעפ האָט מענ מיר אָפגעטאָנ. ס'איז א ווייטעק, א בושע צו זאָגנ, דאָס הארצ האָט מיכ צו מײַנער עפעס געצויגנ... ווי שטארק איכ האָב געליטנ אונ געהאט געבראָטענע לייד, פונדעסטוועגנ האָט מיכ דער רועכ נאָכ איר געכאפט. איכ ווייס נישט, צי איז דאָס געווענ פונ מיר נאָר אנ אקשאָנעס — אז דיר, מאמזער, גלוסט זיכ, ווילסט צווישנ מיר מיט מײַנ ווײַב אָנמאכנ א בייז-לעבנ אונ מיכ פאטערנ, — וויל איכ דיר אפ צעלאָכעס מיכ דאפקע אינ איר האלטנ, אונ נאָכ מער ווי פריער, מיטביידע הענט זיכ האלטנ.

אָדער דאָס איז געווענ, ווי זאָל איכ עס זאָגנ, גלאט אזוי פונ זיכ
אליינ... עפּעס טאקע נאָר א קישעפ. איר געשטאלט האָט מיכ עפּעס
גענומענ. א געזונטע, א דיקע, א יאָדעריקע, א פּאָנעמ אָפּגעגאָסנ;
נישט אזוי שיינ, ווי כיינעוודיק. פיל מאָל פלעגט זיכ מאכנ, אז פאר
גרויסע צאָרעס אונ הארצווייטעק האָב איכ מיר געוואָלט א מײַסע אָנ-
טאָנ, געווונטשנ מיר דעמ טויט מיט איר אינײנעמ. הײַנט, הײַנט,
פלעג איכ בא מיר טראכטנ, מוז עס האָבנ אנ עק. הײַנט זאָג איכ איר:
געט! נאָר קוימ בינ איכ צו איר צוגעקומענ נאָענט אונ זי האָט מיט
מיר געמאכט א רייד, אָדער ארופגעלייגט די האנט מיר אפנ אקסל
אונ געזאָגט: פיר מיכ, פישקע! — האָט מיר אָפּגענומענ דאָס לאָשנ
אונ בינ עפּעס ווי איבערגעביטנ געוואָרנ.

איכ א גוטער שאָ איינמאָל, גייענדיק מיט מײַנ ווײַב אינ די הײַ-
זער, עפּעס מיט א גרינג געמיט, טו איכ איר א זאָג: באסיע, נעשאָמע
מײַנע, וואָס וועט דער טאכלעס זײַנ פונעמ שטענדיקנ ארומשלעפּנ
זיכ? עס פּאסט, כלעבנ, גאָר נישט פאר אונדז. אינ גלופּסק האָבנ
מיר ביידע, באָרעכאשעמ, א שטיקל נאָמענ געהאט. דו מיכ האָסט
ארויסגענומענ דאָרט פונ דער באָד. א קאטאָוועס עפּעס גלופּסקער
געמויערטע באָד, ווו עס וואַרפנ זיכ איבער א וואָכ אזעלכע בערנ,
גרויסע לײַט! דיכ האָט אויכ איטלעכער געקענט אינ אפ דיר קאָוועד
געלייגט. הײַנט זײַנענ מיר נאָוועגאד עפּעס מיט שלעפּערס אינ דער
פרעמד, אונ וואָס פּאָנעמ האָבנ מיר, מישטיינסגעזאָגט? —
ווילסט עפּשער צוריק קיינ גלופּסק? — ענטפערט אָפּעט מײַנ ווײַב
ווי אופגעבראכט. — מעגסט זיכ דיר, פישקע, אהינ צוריק-קערנ, אויב
דיר גלוסט זיכ אזוי. איכ — בעשומויפנ נישט. אינ גלופּסק זײַנענ דאָ
הײַנט גענוג אָרעמעלײַט אָנ מיר. וואָס א טאָג וואקסנ דאָרט אויס
פריש-צאפּלדיקע קאפּצאָנימ. שפּאָגל-נײַע מעקאבלימ. באלעבאטימ
גייענ הײַנט דאָרט איינער צומ אנדערנ אינ די הײַזער ארומ. — פונ-

מײַנטװעגן מעג זײַן אַן אַנדער שטאָט אױכעט, — ענטפֿער איך צוריק, — נעשאָמעניו, קלײַב דיר אױס עפּעס אַ שטאָט, װעלכע דיר געפֿעלט, און לאָמיר זיך דאָרט באַזעצן. אַז מע װײסט, דאָס איז אונדזער שטאָט, דאָס זײַנען אונדזערע הײַזער, אונדזערע באַלעבאַטים, איז עפּעס מאַזל און ברָכע, װי זאָגט מען עפּעס: איטלעכער הונט אַפֿ זײַן מיסט.

— באַלד, פּישקע, באַלד, — מאַכט מײַן װײַב, קלאַפּנדיק מיך מיט איר האַנט איבערן רוקן גאָר פֿרײַנטלעך. — לאָמיר נאָך אַ ביסל פֿאָרן, לעבן, רײַבן זיך אין דער װעלט. ס'איז עפּעס גוט, פֿרײלעך, מעכײַע... האָב צײַט אַ ביסל, פּישקע, מיט דײַן שטאָט, באַלד, באַלד!

איר „באַלד" האָט געדױערט אַ לאַנגע צײַט, און ס'איז נישט געװען קײן עק, קײן סאָף. אין דער צײַט בין איך איבערגעװען אין גענוג שטעט, האָב מיך אָנגעליטן גענוג צאָרעס און פּײַן. אינגאַנצן האָב איך עס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אים, דעם מאַמזער, „אַ קיענק אים אין די בײניע איאַן..."

פּישקע טוט אַ זיפֿץ טיף פֿונעם האַרצן און בלײַבט זיצן שטיל מיט צוגעמאַכטע אױגן. מיר לאָזן אים אַ ביסל צו-זיך צו קומען, דערנאָך הײבט ער װײַטער אָן — און די מײַסע דערצײלט זיך אַזױ:

16

צו דעם צונעמעניש „נאָגיד" האָב איך אין דער לעצטער צײַט באַקומען נאָך אַ נײַעם טיטל „מעקאַבל". דעם דאָזיקן טיטל האָט מיר געגעבן דער מאַמזער — פֿאַרכאַפּט זאָל ער װערן! און אַזױ האָט איטלעכער פֿון דער כאַליאַסטרע מיך גערופֿן: פּ י ש ק ע מ ע ק אַ ב ל. — מעקאַבל איז בײַ זײ אַזאַ מינעם

וואָרט, וואָס באַמ אַרויסברענגענ עס פונעמ מויל שפּײַט מענ זיבנ מאָל אויס. די סינע, וואָס הערשט געוויינטלעכ צווישנ באַלמעלאָכעס, סאָכרימ, קרעמער אונ דערגלײַכנ, וואָס האָבנ איינ ברויט, — איז אַ הוכט אַקעגנ דעמ, ווי זיי, בויד-אָרעמלײַט, האָבנ פײַנט די שטאָטישע קאַפּצאָנימ, אונ ביפראַט נאָכ דאָס גאַנצע קאַפּיטל מעקאַבלימ. אָט די ווערעמדיקע מעקאַבלימ, פוילע מעיוכאָסימ, פאַרשמאָלצעווע שיינע-ייִדנ, — פלעגנ זיי אַלצ זאָגנ מיט גאַל, — זײַנענ ווי די וואַנצנ פול אינ אַלע הײַזער, אונ נישט אויסצוהאַלטנ פונ זיי. מע צעשטאָפּט זיי די קישקעס אַפּ אַלע סימכעס: כאַסענעס, בריסנ אונ קרישמע-לייענענס, רײַסנ פונ טויטע אונ פונ לעבעדיקע, אונ מיר, נעבעכ, רײַסנ קריע, האָרעווענ, פּראַצעווענ אַפנ שטיקל ברויט אונ ווערנ פאַרשוואַרצט... די דאָזיקע אַלע צעקראָכענע נעפּאַשעס, פלאַסקעדריגעס האָבנ זיכ גענומענ דאַוויד-האַמעלעכס טילימל אונ מאַכנ מיט אימ די שפּיל. דאַוויד-האַמעלעכ זאָל געווענ פריער וויסנ, צו וועמענ אינ די הענט זײַנ טילימל וועט אַרײַנפאַלנ, וועלכע פּאַרנאָסעס די פוילע, פאַרשימלטע לאַפּנמיצלעכ מיט אויסגעווייקטע פּענעמלעכ וועלנ דערמיט מאַכנ, וואָלט ער עס, גאַנצ זיכער, נישט געמאַכט.

— ניינ, באַסיע! — האָט דער מאַמזער געמאַכט צו מײַנ ווײַב, — פונ אײַער פּישקענ וועט קיינ לײַט שוינ נישט זײַנ. ניינ, ניינ, נישט קיינ לײַט, איינער פונ אונדזער כעוורע! ער איז אַ מעקאַבל מיט די ביינער, אַ מעקאַבל מיט אַלע כייג-גריבעלעכ. דאָס פּאָרנ אײַערס מיט אימ, דאָס רײַבנ זיכ אינ דער וועלט, וועט אימ קלאָל נישט העלפנ. אינ הילכעס-אָרעמאַנ ווייסט ער נישט מאַי דקאַ אַמרי רביצינ. נישט קיינ מענטש, ווי עס געהער צו זײַנ. איר וועט, נעבעכ, האָבנ פונ אימ אַ פאַרפוילטע גאַל. — אײַ, אַזאַ באַסיע, איכ זאָל האָבנ אַזאַ באַסיע! אַ גליק, ווי איכ בינ אַ ייִד, אַ גליק וואָלט איכ מיט אײַכ געמאַכט!

נאָכ די אַלע מיטל, וועלכע דער מאַמזער האָט געבראַוכט, אָנצומאַכנ צווישנ מיר מיט מײַנ ווײַב א בייז-לעבנ אונ מיכ דערווײַטערנ פונ איר דורכ רעכילעס, וואָס נישט געשטויגנ, נישט געפלויגנ, — איז אים לעסאָפ געראָטנ צו פאַלנ גאָר אפ עפּעס נײַס. ער האָט מיכ פאַרמאַסערט פאַר מײַנ ווײַב, אָנגערעדט אפ מיר שטילערהייט, אז איכ שאַרכנ מיכ עפּעס צו א מיידל פונ א בויד אונ מאַכ מיט איר עפּעס צופיל כיינ... צווישנ דער באַליאַסטרע האָט זיכ געפונענ א האָרבאַטע מיידל, מיט וועלכער איכ האָב, עמעס טאַקע, ליב געהאַט צו שמועסנ זייער אָפט אונ...

— הא, וואָס איז דאָס פאַר א מיידל עפּעס? — פאַל איכ אונ אַלטער פּישקענ אינ די רייד אַרײַנ. — הא, פּישקע, זײַ זיכ מוידע!

— דאָס מיידל איז געוועזנ א ווילד-פרעמדע אינ בויד, אונ זי האָט, נעבעכ, גענוג זיכ אָנגעליטנ, גענוג אָפּגעקומענ אינ אירע יונגע יאָרנ. איכ בינ זיכ מוידע, אז איכ האָב ליב געהאַט טאַקע מיט איר איניינעם צו זיצנ אונ צו שמועסנ. מיר פלעגנ אויסגיסנ איינער דעמ אַנדערנ אונדזער ביטער האַרצ. זי פלעגט אפ מיר ראַכמאָנעס האָבנ אונ נישט איינ מאָל וויינענ אפ מײַנע אונ אפ אירע צאָרעס. אײַ, איר זאָלט וויסנ, וואָס דאָס איז פאַר א מ יי ד ל! אײַ, איר זאָלט וויסנ אירע צאָרעס, נעבעכ!.. — האָט פּישקע אויסגעלאָזט מיט טרערנ אפ די אויגנ.

מיר האָבנ געבעטנ פּישקענ אונדז קלאָר צו מאַכנ, ווער איז דאָס מיידל אונ וואָס מיט איר האָט זיכ אַזעלכס געטראָפנ.

— אַז איר בעט מיכ אַזוי — האָט פּישקע אָנגעהויבנ נאָכ דעמ, אז ער האָט מיט איינ עק אַרבל אויסגעווישט די אויגנ, — אַז אײַכ איז נאָכ נישט נימעס געוואָרנ הערנדיק מיכ, וועל איכ אײַכ צוליב טאָנ אונ דערציילנ, ווי ווײַט גאָר איכ קענ. הערט, זײַט מויכל, אונ האָט קיינ פאַריבל נישט, אויב בא מיר וועט עס אויסקומענ נישט גלאַט.

דאָס מ י י ד ל איז געווענ נאָכ א קינד, אז די מאמע אירע האָט זי געבראכט קיינ גלופסק אינײנעם מיט א קלימעקל זאכנ אונ אלטע בעבעכעם. דאָס קלימעקל האָט זי אָפּגעוואָרפנ דאָרט ערגעצ אינ א שטיבל בא אנ אלטער ייִדענע, א מאכשייפעטע. אפּאָנעם, דאָס איז געווענ א מעקלערנ פונ דינסטנ. די אלטע ייִדענע פלעגט אוועקגיינ מיט דער מוטער, איבערלאָזנ דאָס קינד איינע אליינ אָנ עסנ אונ פארפאלנ ווערנ אפּ א גאנצנ טאָג. אז דאָס קינד האָט איינמאָל געוויינט, געצאפּלט: מאמע, נעם מיכ אויכ מיט זיכ! האָט די אלטע מאכשייפעטע אפּ איר זיכ שטארק געבייזערט, מאכנדיק צו דער מוטער: כאָלילע! מע טאָר פונ איר גאָר נישט וויסנ. עס קענ שאטנ צום אייסעק. אינ עטלעכע טעג ארום האָט די מאמע זי גענומענ אונ גאנצ שטיל זי ארײַנגעפירט לעמאזל אינ א קיכ, ערגעצ אינ א באלעבאטיש הויז. עס האָט נישט געדויערט לאנג, איז זי מיט דער מאמע איבערגעגאנגענ ערגעצ אנדערשוווּ אינ א קיכ, אונ פונ דאָרט ווײַטער אינ א נײַער קיכ, אזוי אז אינ א קורצער צײַט זײַנענ זיי מעגולגל געוואָרנ אינ א היפּש ביסל קיכנ. די מאמע איז מיט איטלעכם מאָל איבערקלײַבנ זיכ אינ א נײַער קיכ געוואָרנ צו איר אלצ ערגער אונ שלעכטער. איר טאטנ האָט זי ווייניק געקענט. פריִער אינ דער הײם איז ער געווענ א זעלטענער גאסט, שטענדיק אונטערוועגנס, אונ דערנאָכ דאָ אינ די קיכנ האָט זי אים קיינמאָל נישט געזענ. זי וואָלט אפילע גאָר פארגעסנ, אויב זי האָט א טאטנ, ווענ די מאמע זאָל אים פופציק מאָל אינ טאָג ניט שילטנ בעשאס זי פלעגט צו איר אויסלאָזנ איר שווער ביטער הארצ. „אנלייגנ זאָל ער מיטנ קאָפּ, דער שיינער טאטע! — פלעגט זי שילטנ, פלוכנ. — דאָס ווײַב האָט ער געפּאטערט נאָכ אזויפיל יאָר מי, בויכווייטעק, וואָס זי האָט געהאט בא אים, אונ איר נאָכ אָנגעהאנגענ — געהאנגענ זאָל ער ווערנ! — א באָמבע, א קינד אפּנ האלדז, וואָס איבער איר קענ זי אפּ קיינ אָרט נישט אײַנזײַנ אונ בא-

דארף זיך מיט איר שטיקן, באהאלטן. וואָרעם ווער וויל עס דען האָבן באַ זיך אַ קעכנע מיט אַ קינד?״ — נישט איין מאָל טאַקע פלעגט די באַלעבאָסטע אין קיך אַרײַנלויפן, ווען דער וואָרעם איז נישט געווען עפּעס אַזוי געראָטן, און פּילדערן, שרײַען. פאַרוואָס האָט גאָט זי געשטראָפט מיט אַזאַ קעכנע, וואָס שעפּט אָפּ דאָס אייבערשטע פון דער יויך און גיט עס איר שיין טעכטערל אָוועק, — כאָטש דאָס טעכטערל, נעבעך, האָט געדאַרט, געקוואַרט און געגעסן קרענק. די מאַמע פלעגט עס פאַרשטופּן, אַזוי ווי טרייפע סכוירע, אָפּן אויוון. אין אַ ווינקעלע דאָרט איז עס דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אויף איין אָרט, אײַנגעהויקערט אינצענטן, און מע האָט נישט געהערט הערן פון איר קיין פּיפּס. עס פלעגט איר די סמאַהע איבערגיין, שמעקנדיק די רייכעס פון געבראָטענע גענדז, געפּרעגלטע לעבערלעך, און זי... שאַ, נישט קיין וואָרט! זי האָט שטילערהייט געליטן, נעבעך, הונגער, ביז מע האָט זיך דערמאָנט אַרײַנצושטופּן איר אין הענטל אַ טרוקן שטיקל ברויט, און אַמאָל אויך אַן אָפּגעלעקט ביינדל, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס איז איבערגעבליבן אויף די טעלער. אַמאָל ווידער האָט מען אין איר זיך גאָר פאַרגעסן, און אַז זי האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און אַ פּיפּס געטאָן, פלעגט זיך ווײַזן אין דער הייך אָפּן אויוון אַ קאָ-טשערע, אַ לאָפּעטע, אָדער אַ שטעקן, אַ פּאָלאָניק און שלאָגן אָפּן קאָפּ, אויף די הענטלעך, אויף די פיסלעך, ווו נאָר עס האָט געטראָפן. און דערבײַ האָט זיך געשאָטן טויטע קללות און כראָמעס אויף איר טאַטן און טאַטנס טאַטן ביז אוורהאָם אָווינו. אַזוי האָט זי פאַר-בראַכט אין קרענק, אין צאָרעס אירע יונגע יאָרן אויף די אויוונס. פונעם שטענדיקן זיצן אויף איין אָרט אײַנגעבויגן, אײַנגעהויקערט איז זי געוואָרן האָרבאַטע, נעבעך.

פונעם אויוון אַראָפּקוקנדיק, פלעגט זי זען עפּעס אַ יונגנמאַן. ער איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער צו דער מאַמען אירער אין קיך. די

מאמע פלעגט זיכ אינ אימ שמעלצנ, אימ האָדעווענ פונעמ ארבל, אָנשטאָפּנ אימ די קעשענעס מיט גוטע זאכנ, אונ נאָכ געבנ אימ אמאָל געלט אויכ. ער פלעגט קומענ אָפט שפּעטלעכ אינ אָוונט אונ בלײַבנ נעכטיקנ אינ קיכ. אמאָל פלעגט די מאמע פארפאלנ ווערנ אפ א לאנגע צײַט, זיכ אויספּוצנדיק פריִער, אָנקוקנדיק זיכ גוט אינ דעמ שפּיגעלע, אונ איבערלאָזנ די קיכ העפקער. אפּאָנעמ, אז דער מאמענ איז אינ זינענ געלעגנ כאסענע צו האָבנ, אונ איז אלצ באשעפּטיקט געווענ מיט דעמ כאָסנ...

איינמאָל אקעגנ אָוונט איז געקומענ עפּעס א מענטש אונ פארנומענ פונ דער קיכ דער מאמעס זאכנ. די מאמע האָט געדאנקט דער באלעבאָסטע פאר דעמ זאלצ אונ ברויט, אראָפּגענומענ מיט מאזל איר נאקעט טעכטערל פונעמ אויווּנ אונ איז מיט איר ארויסגעגאנגענ. זי פירט דאָס טעכטערל אונ פירט, ביז זי פארפירט עס ערגעצ אינ א געסל. „זעצ זיכ דאָ אנידער אונ וואַרט. ייִדנ וועלנ ראכמאָנעס האָבנ“... אזוי האָט די מאמע געזאָגט אונ איז פארשוווּנדנ געוואָרנ.

דאָס פארוואָרפענע קינד זיצט, נעבעכ, אפ דער גאס שטיל אונ האָט מוירע א ריר צו טאָנ זיכ אפילע, אזוי ווי פריִער אפנ אויווּנ. א קאלט אָסיענדיק רעגנדל שפּרענקלט אונ נעצט איר דורכ די ביינער. זי איז געזעסנ אײַנגעניורעט קימאט אינ איינ העמד, געציטערט פאר קעלט, אונ א צאָנ אינ א צאָנ האָט איר געקלאפּט. אז איינער פונ די פארבײַגייענדיקע האָט זי א פרעג געטאָנ: ווער ביסטו, מיידעלע? איז דער ענטפער אירער געווענ: איכ בינ דער מאמעס... די מאמע מיר געהייסנ דאָ זיצנ שטיל... מע טאָר נישט שרײַענ. א קאָטשערע, א לאָפּעטע קומענ אונ שלאָגנ... אזוי איז זי, שלימאזלדיקע, נעבעכ, געזעסנ העט שפּעט אינ דער נאכט, ביז עפּעס א ייִדענע האָט זי פארנארט מיט גוטע רייד אונ אוועקגעפירט צו זיכ אהיימ, ערגעצ אפ די פּיסקעס אינ א קליינ שטיבעלע אפ הינערשע פּיסלעכ.

בא דער יידענע האָט זי זיכ אופגעהאלטנ א היפשע צײַט אונ בא איר קיינ האָניק נישט געלעקט. די יידענע האָט זיכ איר אויסגעגעבנ פאר א מומע אונ איר געהייסנ זי אזוי רופנ. די דאָזיקע מומע איז געווענ א סעדעכע, וואָס איז געשטאַנענ אינ מארק מיט קארטאָפליעס, הייסע באַבקעס, קאָלנידרע-בארעלעכ אונ ערעציזסראָעל-עפּעלעכ. גאנצפרי איז דער שטייגער אירער געווענ אוועקצוגיינ אינ מארק ארײַנ. דאָס הארבאטע מיידעלע איז איבערגעבליבנ מיט א טעכטערל אינ שטוב אונ געוויגט איר קינד, אויכ געהאָלפנ אינ דער באלעבאַטישקײַט, ווי אשטייגער: קלײַבנ אפ דער גאַס דארע שפּענדלעכ אפ אונטערצוהייצנ, קריכנ אונטערנ פּעקעליק נאָכ אייער, וועלכע די הינער האָבנ געלייגט, אויסשקראבענ א טעפּל פונ פארטריקנטער קאשע, פארוואשנ אינ דער פּאָמעניצע דעמ קינדס א פארשמירט העמדל אונ שטיינ אכטונג צו געבנ אפ די איבערגעוואשענע הילצערנע מילכעדיקע לעפל, וואָס טריקענענ זיכ אפ דער פּריזבע, איניינעמ מיט דעמ קינדס קישעלעכ, אקעגנ דער זונ, אונ נאָכ אנדערע אזעלכע מעלאָכעס. פארנאַכט, אז די סעדעכע איז אהיימ געקומענ, האָט זי געשיקט איר קליינ דינסטמיידל אינ די הײַזער ארומצוגיינ אונ צונויפנעמענ עטלעכע שטיקלעכ ברויט. דערפונ האָט זי זיכ דערנערט אליינ אונ נאָכ געגעבנ „דער מומענ" אירער.

זומער פארנאכט איינמאָל, בעשאס ארומגייענדיק אינ די הײַזער אפ איר שטייגער, אינ איינ גראָב העמדל מיט א האלב קליידל, האָט זי זיכ פארשלאָגנ גאנצ ווײַט, אזש באמ עק שטאָט, אונ נישט געטראָפנ דעמ וועג צוריק אהיימ. די זונ האָט שוינ לאנג זיכ געזעצט. אפ דעמ הימל האָט זיכ אָנגערוקט א שווארצער וואָלקנ. עס האָט בימלעכווײַז געבליצט אונ געדונערט. פּלוצלימ קומענ אונטער, פונ דער שטאָט ארויספאָרנדיק, עפּעס בוידנ, פול אָנגעזועצט מיט מענטשנ. — קוקט נאָר! — האָבנ פארשוינענ ארויסגעשריענ פונ איינ בײַדל. —

עפעס דרייט זיכ דא ארומ א האַרבאַטע מיידעלע אונ וויינט, נעבעכ. — אונ באלד טאקע שפרינגט אראפעט איינער א רויטער — טאקע אלצ דער רויטער מאמזער, „א קיענק אימ אינ די ביינער אינ!“ — גיט א פרעג דאס קינד, ווען זי איז. — איכ וויל אהיימ, אהיימ צו דער מומע! — ענטפערט דאס מיידעלע אפ א וויינענדיק קאל. — שא, טאָכטער, וויינ נישט, — זאָגט צו איר דער מאמזער, איכ וועל דיכ אָפּפירנ אהיימ צו דער מומע. ער טוט זי באלד טאקע א כאפ, ווארפט זי אינ א בײַדל אַרײַנ אונ פאָרט מיט איר אוועק.

פונ יענער צײַט אָנעט בלאָנקעט דאס האָרבאַטע מיידל, נעבעכ, זיכ ארומ מיט דער כאליאסטרע בויד-אָרעמעלײַט, וואָס האָבנ פונ איר הויקער געמאכט א פּאַרנאָסע. דער שטייגער איז זייערער געווענ, קומענדיק ערגעצ אינ א שטאָט, אנידערצוזעצנ זי נאקעט אונ באָרוועס אפ דער גאס, ווו מענטשנ גייענ, אונ זי האָט באדארפט כליפּענ, בעטנ נעדאָוועס אפ א וויינענדיק קאָל, מיט א ניגנ, אונ אויכ רײַסנ בא די פּאָלעס. האָט זי אָבער אמאָל נישט געשפּילט די קאָמעדיע טשאקנדיק מיט אלע אָנשטעלנ אונ געמאכט וויניק געלט, פלעגט מענ איר אָפּשפּילנ א גוטע כאסענע: שלאָגנ זי טויט-שלעק, ארויסווארפנ זי בא דער נאכט אינ דרויסנ, ווו זי פלעגט נאקעט, הונגעריק, נעבעכ, שרײַענ אונ וויינענ אפנ רעכטנ עמעס טאקע... זי האָט מיר דערציילט, ווי איינמאָל ווינטער, אינ א שטארקנ פראָסט, האָט מענ זי באנאכט אזוי ארויסגעוואָרפנ אפ דער גאס. דער פראָסט האָט זי א נעמ געטאָנ אונ געמאכט פונ איר א בייגל, געצופּט, געטשיפּעט דאס לײַב ווי מיט קאלטע שפּילקעס. עס האָט איר זיכ גערירט דער שארבנ אפ דעמ מויעכ, טונקל אונ ליכטיק, עפּעס בײדע מיטאמאָל, איז איר געוואָרנ אינ די אויגנ. אָט-אָט עקט זיכ דאס לעבנ. זי קענ שוינ מער נישט אויסהאלטנ אונ הייבט זיכ אָנ בעטנ אינ שטוב ארײַנ מיט א ביטער געוויינ. זי ציטערט, בעט ראכמימ? עפנט, מומע, עפנט, פעטער! —

אזוי האָט זי איטלעכנ פונ דער כאַליאַסטרע גערופנ. זי שרייט: פעטער, איכ וועל שוינ ווייטער דאָרט פאַר מענטשנ גוט שרייענ! זי וויינט: מומעניו, איכ וועל שוינ דאָרט גוט וויינענ! זי בעט: גוואַלד, איכ וועל שוינ ווייטער גוט בעטנ! נאָר שריי צו דער וואַנט, נישטאָ קיינ ענטפער... זי בלייבט ליגנ שטיל, פילט מער נישט קיינ קעלט, קיינ פיינ, עס באַפאַלט זי עפּעס אַ זיסער שלאָפ, עס דאַכט זיכ איר, מע האַלדזט זי, גלעט זי, עפּעס גוט, וואַרעמ, מעכײַע — אונ מע האָט זי אַ טויטע אַוועקגעטראָגנ פונעמ אָרט... זי האָט אַ היפּשע צייט פונ יענער נאַכט געקרענקט. — ווייטער איז דער שטייגער געווענ אַראָפּצולאָזנ זי פונעמ וואָגנ, וויבאַלד מע האָט פונדערווייטנס אַפּנ וועג דערזענ פאַרנדיק עפּעס אַ פּאַרעצ, אָדער סאָכרימ, לייטישע מענטשנ. זי האָט באַדאַרפט מאַכנ די גאַנצע שפּיל, אויסשטרעקנ די האַנט, דרייענ זיכ, לויפנ פאַרביי די פערד, באַ די זייטנ וואָגנ, כליפּענ, בעבענ אונטער דער נאָז מיט אַ ראַכמאָנעס-פּאָנעמ אונ דערטאַפּנ אַ נעדאָווע, — איר טויט זאָל דאָ אַפילע זיינ. אַמאָל פלעגט זי טאַקע כאַפּנ אַ שמיצ מיט דער בייטש פונעמ שמייסער אַפ דער קעלניע, נאָר זי פלעגט עס, נעבעכ, אַראָפּשלינגענ, שאַ, קיטש, אונ געטאָנ טאַקע אירס, ווייל זי האָט זייער גוט געוווסט, אַז אַ בייטש איז אַ גאָרנישט אַקעגנ דעמ, וואָס זי וועט שפּעטער כאַפּנ, אויב, כאָלילע, זי קומט צוריק אינ בויד מיט ליידיקע הענט... וואָס זי, נעבעכ, איז אינ די יונגע יאָרנ צאָרעס אויסגעשטאַנענ, לאָזט זיכ גאָר נישט אַרויסזאָגנ. אויב היינט שטייט זי נאָכ געננוג צאָרעס אויס, אינ געהענעמ באַדאַרפ מענ אַזויפיל נישט אָפּקומענ וויפל זי, נעבעכ, קומט אָפּעט. אָכ, דאָס בלוט קאָכט אינ מיר, ווענ איכ דערמאָנ מיכ אינ איר! אוי וויי, מיינ לעבנ וואָלט איכ פאַר איר געגעבנ אַוועקגעגעבנ, אַבי זי אויסצולייזנ. הערט איר, יידנ, ס'איז נאָכ אַפ דער וועלט גאָר נישטאָ אַזאַ גוטע, שטילע טויב, אַזאַ זיסע טייערע נעשאָמע, ווי זי...

17

פישקעס דערציילונג האָט אָנגעמאכט א שטארקע מאָרעשכוירע אפ אלטערנ מיט מיר. אלטער האָט מיט דער האנט געריבנ דעמ שטערנ, ווי עס האָט אימ עפּעס געביסנ, אונ אלצ געמאכט פאר זיכ: עט, עט!..

— הערט איר, רעב אלטער, — רופ איכ מיכ אָנ מיט א שמייכע- לע, — פישקע, כלעבנ, איז טאקע פארליאפּעט אינ דעמ האָרבאטע מיידל. ס'איז, כלעבנ, עפּעס נישט גלאט.

— לעמײַ זאָל איכ לייקענענ, — האָט פישקע געזאָגט, — איכ האָב זי טאקע אָנגעהויבנ שטארק ליב צו האָבנ אינ הארצנ פאר גרויס ראכ- מאָנעס. עס האָט מיכ עפּעס צו איר געצויגנ, מיר צוגעקומענ לעבנ פונעמ זיצנ אמאָל מיט איר איניינעמ. — וואָס?.. גאָרנישט! גלאט אזוי זיכ — שמועסנ, אָדער שווײַגנדיק אָנקוקנ זיכ איינער דעמ אנ- דערנ. דאָס גוטסקײַט איז איר געלעגנ אפּנ פּאָנעמ. דאָס קוקנ אירס אפ מיר איז געווענ טאקע נאָר, ווי א געטרײַע שוועסטער קוקט אפ איר אומגליקלעכנ ברודער, בעשאס אימ איז, נעבעכ, שלעכט, שטארק נישט-גוט. אונ אז נעמענדיק צומ הארצנ מײַנע צאָרעס, האָט זיכ איר געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ, איז מיר געוואָרנ עפּעס גוט, ווא- רעמ-מעכײַע אינ אלע גלידער. עפּעס האָט מיר זיכ געדאכט, גע- דאכט... איכ ווייס אליינ נישט וואָס. עפּעס האָט מיכ אינווייניק גע- בריט, געגלעט בא דער נעשאָמע: „פישקע, דו ביסט נישט מער אליינ איכ דער וועלט, ביסט נישט מער עלנט ווי א שטיינ". — אונ עס בא- נעצנ מיר זיכ די אויגנ פונ הייסע טראָפּנ טרערנ.

מײַנ ווײַב — א וווּנדער, כלעבנ! — האָט מיכ שוינ עפּעס נישט אזוי געארט. עפּעס איז מיכ שוינ נישט אזוי שטארק אָנגעגאנגענ, ווי זי מאכט כיינ מיט דעמ מאמזער. געקרימט דערופ האָב איכ מיכ נאָכ

טאקע, אָבער דאָס קרימען זיך האָט שוין נישט געהאַט דעם טאַם ווי פריִער. אַז מיר פלעגט אַמאָל אַרופקומען אַפן געדאַנק אַזוי: דו ווילסט, פישקע, דײַן ווײַב זאָל אַ זאָג טאָן: „אַציַנד איז שוין גענוג זיך אַרומגעשלעפּט, קום לאָמיר זיך באַזעצן אין אַ שטאָט?״ — פלעג איך זוכן ווי מיך אויסצודרייען, נישט געבן קיין גלײַכן ענטפער, און זיך פאַרטראַכטן דערבײַ אין א י ר... וואָס וועט זײַן מיט א י ר, מיט דער האָרבאַטער, נעבעך?.. נאָר הערט אָבער אַ מעַסע! אַז איך בין געוואָרן אין האַרצן צו מײַן ווײַב קילער, שוין נישט געצאַפּלט נאָך איר אַזוי ווי פריִער, איז זי, דאַכט זיך, געוואָרן צו מיר הייסער. עס פלעגט אַפ איר אַמאָל אָנקומען אַ שאָ, וואָס זי איז געווען צו מיר גוט, ווייך ווי אַ טייג, און האָט זיך געהאַנגען מיר פּאַשעט אַפן האַלדז. נאָר דערפאַר שפּעטער פלעגט עס מיר באַקום אויספּאַלן. זי פלעגט מיר טאָן אין דער גאַל אַרײַן, מיך פּלאָגן, פּײַניקן נאָך טויזנט מאָל ערגער ווי פריִער, אַזוי אַז דאָס לעבן איז מיר נישט ניכע געווען און האָב מיר געוווּנטשן דעם טויט. איך האָב פון איר געהאַט, טאַקע ווי מע זאָגט, ק א ל ט א ו ן וו א ר ע ם. איך האָב גאָר נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס איז איר געשען? מעשוגע איז זי, צי כּאַסערדייע, וואָס איז מיט איר אַזוינס? נאָר אין אַ קורצער צײַט שפּעטער איז זיך פאַרלאָפן עפּעס אַ זאַך, און דער בלאָטער איז פּלוצלים אויסגעשפּרונגען. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, וואָס ברענט אַזוינס מײַן ווײַב, וואָס די רוגזע אירע באַטײַט. ס׳איז אַ וויטעק, אַ בושע צו דערציילן.

פישקע פאַרטראַכט זיך אַ רעגע. דערנאָך טוט ער זיך עפּעס אַ געשמאַקן קראַץ און הייבט אָן ווײַטער צו דערציילן:

איינמאָל זײַנען מיר אָנגעקומען ערגעץ אין אַ קליין שטעטל און פאַרפאָרן, ווי געוויינטלעך, אַפ אַכסאַניע גלײַך אין העקדעש אַרײַן. איך זאָג אײַך, ייִדן, עפּעס האָב איך דאָך שוין גענוג העקדיישים מיך

אָנגעזענ אינ מײַנ לעבנ אונ ווײס גאַנצ גוט, וואָס אַזעלכע באַטײַטנ, נאָר זײ אַלע זײַנענ גאָלד אַקעגנ דעמ העקדעש פונ יענעמ שטעטל. אַז איכ דערמאָנ מיכ אינ אימ, הייבט אַצינד נאָכ אָנ מיר דאָס גאַנצע לײַב צו בײַסנ אונ איכ מוז מיכ קראַצנ. אינגאַנצנ האָט דער העקדעש אויסגעזענ ווי אַ שטאַרק אַלטע קרעטשמע, אַ כורווע מיט אויסגעקרימטע, נישט קיינ גלײַכע ווענט, מיט עפּעס אַ דעכל, מישטיינסגעזאָגט, ווי אַ צעקנייטשט קאַפּעלישל, פאַריסנ פונ פאָרנט אונ נידעריק אָנגעבויגנ פונ הינטנ, קימאַט ביז דער ערד. מע האָט באַשײַמפּערלעכ געזענ, אַז דער העקדעש, נעבעכ, כאַלעשט, ווײל אײַנפאַלנ אונ ליגנ ווי אַ באַרג מיסט אַפ דער ערד, נאָר דער אוילעמ אינ שטעטל האָט אימ אָפּגעשריגנ, אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלעכ אונ אימ אײַנגעבעטנ צו האַלטנ זיכ אַזוי אַפ ווײַטער ביז הונדערט אונ צוואַנציק יאָר. דורכ קלאָמפּערשט עפּעס אַ טויער איז מענ אַרײַנגעפאָרנ אינ אַ גרויס הויז מיט צעשאָטענע, לעכערדיקע ווענט, דורכ וועלכע עס האָט זיכ אַרײַנגעגאַנוועט אַ שטיקל שײַנ. די ערד דאָרט איז געווענ גריבערדיק, ערטערווײַז איז געשטאַנענ קאַליוזשעס, פאַרשימלטע, פאַרדומפּענע פונ פּאָמעניצעס אונ נאָכ אַזעלכע זאַכנ, אויכ פונעמ רעגנ, וואָס פלעגט טאָמער דורכ דעמ פוילנ שטרויענעמ דאַכ, צעשיטעט ווי אַ רעשעטע, אַהינ אַרײַנקאַפּענ. צעריבענע פאַרפוילטע שטרוי האָבנ זיכ אומעטומ געוואַלגערט, אויסגעמישט מיט אַלערליי מינע שמאַטעס: צעריסענע טאָרבעס, צעהאַקטע ראָגאָזשעס, פאַרדאַרטע ווערכלעכ פונ שיכ, אַלטע פּאָדעשוועס אונ אויסגעדרייטע אָפּצאַסנ מיט פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, שערבלעכ, צעבראָכענע רייפנ, ספּיצעס פונ רעדער, האָר, ביינער, דראַפּאַטשעס, ריטער פונ בעזעמער אונ נאָכ אַזעלכע שמאָכטעס. דאָס דאָזיקע ביסל סכוירע אינײַנעמ האָט געפרייעט אונ געגעבנ „די שמוכט", מעשונעדיקע רייכעס גאָר אַ שרעק. — אינ דער לינקער זײַט הויז האָט זיכ געעפנט מיט אַ בייזער אַ פאַרשמאָלצעוועטע טיר אינ אַ

שטוב אַרײַן מיט קלײנע, שמאָלע, נישט גוט צוגעשטאַנענע פֿענצטער, און אַ טײל שױבן זײַנען אױסגעשלאָגן און פֿאַרקלעפּט מיט צוקער־פּאַפּיר אָדער פֿאַרשטעקט מיט אַ שמאַטע. אַ טײל זײַנען שטאַרק שמוציק, אין די װינקלעך באַדעקט דיק מיט שימל, און װידער אַ טײל זײַנען פֿאַר אַלטקײַט איבערגעצױגן מיט געל־גרינע מעשונע גלאַנציקע קאָלירן, און דער גלאַנץ שטעכט עפּעס די אױגן, גלײַך װי אַ קריץ אַף גלאָז גרילצט װילד אין די אױערן. אַרום די אָפּגעשלאָגענע װענט און נעבן אַ גרױסן אױװן ציִען זיך לאַנגע בענק פֿון ברעטער, װאָס ליגן אַף קלעצלעך און שטיקער האָלץ. העכער אַ ביסל איבער די בענק שטעקן אין די װענט גרױסע און קלײנע פּלעקלעך. פֿון דער שװאַרצער סטעליע הענגען אַראָפּ שטריקלעך מיט פּעטליעס, אין װעלכע עס האַלט זיך בײַ די בײדע עקן אַ לאַנגער שטאַנג. די פּלעקלעך מיט דעם שטאַנג זײַנען פֿאַרהאַנגען מיט פֿאַרדריפּעטע קאַפּטנס און קלײדלעך, מיט אַלערלײ כּפּײצים און טאָרבעס פֿון אָרעמעלײַט, װאָס קומען צו פֿאָרן אין בײַדלעך אָדער קומען זיך צו שלעפּן צופֿוס און שטײען דאָרט אײַן, יונג און אַלט, מאַנצבלען און װײַבער אַלע אינײנעם. דער העקדעש איז אַכוץ דעם נאָך אַ ביקער־כּוילים אױך. דאָרט איז דאָס אָרט אַף צו שטאַרבן פֿאַר קראַנקע מיִעסע קאַפּצאָנים אין דעם שטעטל. דער רױפֿע טוט אַלצדינג, װאָס נאָר מעגלעך: שטעלט באַנקעס, פּיאַװקעס, לאָזט צו דער אָדער און צאַפּט, אַף קאָהעלשע הױצאָעס, קאַפּצאָנים בלוט, ביז די קאָשערע נעשאָמע גײט זײ אױס, און דער העקדעש־מאַן, װאָס איז צוגלײַך דער קװאָרעם־ייִד פֿונעם שטעטל, איז זײ טאַקע באַלד מעקאַבער אומזיסט. דער העקדעש־מאַן מיט זײַן הױזגעזינד זיצט אױך טאַקע דאָרט אין אַ מין אַלקערל, מישטײנסגעזאָגט. כוץ װאָס ער איז אַ העקדעש־מאַן, אַ קװאָרעם־ייִד, אַ שאַמעס אין דער כעװרע־קאַדישע, אַ מאַזשגיעך אין זײַן ביקער־כּוילים, אַ „װאַשטי האַמאַלקע", אָדער אַ „מאָנדרוש" אין פּורים, אַ פֿאַרשטעלטער

בער מיט אנ איבערגעקערטנ פעלצ אינ סימכאסטוירע, א סארווער, אנ אָנשטעלנמאכער, א ווערטל-זאָגער אפ אלע כאסענעס און בריסנ, — האָט ער נאָכ א פארנאָסע דערצו — צו מאכנ כיילעוודיקע ליכטלעכ. די אלע באלעבאטימ און באָטעמעדראָשימ צינענ בא אימ ליכט אינ הויז פונעמ העקדעש, און עס ווערט דענסטמאָל א געשטאנק, אנ אי-פעש ווײַט ארומ און ארומ...

אז אונדזער כאליאסטרע איז אָנגעקומענ אהינ אינ העקדעש, איז ער געווענ אָנגעזעצט גענוג מיט אָרכימ. דער העקדעש-מאנ האָט זיי געטריבנ: גענוג געזעסנ, פאָרט אײַכ געזונטערהייט שוינ ערגעצ אנ-דערש! נאָר אזוי ווי ס'איז געווענ דאָנערשטיק, האָבנ זיי געהאט אנ אויסרייד זיכ אָפּצובעטנ — פארבלײַבנ דאָ ביז נאָכ שאבעס. די ערד, די בענק און דער אויוונ זײַנענ באנאכט באלאגערט געווענ מיט מענטשנ, מע האָט זיכ געשטופּט, געקוועטשט, געקריגט און געשאָלטנ פאר א שטיקל אָרט. קאָניצע און פיעשע האָבנ שטארק געארבעט, איינער דעמ אנדערנ ארויסגעוויזנ די שטארקע סינע און די גווורע זייערע מיט די הענט. אינ דער גרויסער מעהומע, נישט-דאָ-געדאכט, האָט געקרעכצט אינ א ווינקעלע א קראנקער אלטער ייד, וועלכנ מע האָט נעכטנ אפ קוראציע אהער געבראכט, און א פּיצל קינד, וועלכנ מע האָט אינ דעמ שטופּעניש צעגעקלעמט א פיסל, האָט געקוויטשעט, געמאכט לעבער אינ קאָפּ, שרײַענדיק. — ערשט שפּעטער, אז די ביי-זע מעהומע האָט זיכ איבערגענומענ, האָב איכ מיר אָפּגעזוכט ערגעצ א ווינקל און זיכ געלייגט ווי-ס'איז אויסצורוענ א ביסל. נאָר קוימ האָב איכ מיכ געלייגט, זײַנענ מיכ באפאלנ גאנצע כאיאָלעס פרײַסנ, וואנצנ, פליי ווי די בערנ און האָבנ מיכ געוואָלט לעבעדיקערהייט אופעסנ. דאָס לײַב הייבט מיר נאָכ אצינד אָנעט צו בײַסנ און מוז מיכ געשמאק קראצנ נאָר באמ דערמאָנענ זיכ אינ די דאָזיקע מאלאכיי-כאבאָלע. אז איכ האָב א קוק געטאָנ, אז מיט פ ר ײַ ס נ מ י ל כ אָ מ ע

צו האַלטנ איז שווערלעכ, אַ פּרײַס איז אַ באַשעפעניש, וואָס קריכט, אונ זײַנ שוטעפ, די וואַנצ, שטינקט, האָב איכ זיי מויכל געווענ מײַנ שטיקל פּלאַצ, לאָזנ זיי מיט אים זיכ וואַרגנ! אונ בינ אַרויס אינ הויז, דאָרט ווי־ס'איז צוברענגענ די נאַכט. אינ דרויסנ איז געווענ שרעקלעכ פינצטער. אַ קאַלטער, אַ שטאַרקער ווינט האָט געשטורעמט, געהײַלט ווי די הונגעריקע וועלפ, געפּײַפט אונ געבלאָזנ דורכ די שפּאַלטנ אינ די ווענט. שטיקלעכ שטרוי זײַנענ פונעמ דאַכ געפלויגנ אונ האָבנ מיט נאָכ אַנדערע מינע שמאָכטעס ווי די רוכעס אינ הויז אַרומגעטאַנצט. צווישנ האָבנ אַהינ דורכ די לעכער אויכ אַרײַנגעקאַפּעט גרויסע טראָפּנ רעגנ. איכ האָב פאַרוקט מיכ דאָרט אינ אַ ווינקל אונ געלעגנ מיט אַ ביטער געמיט, געציטערט פאַר קעלט. אײַ, די באָד, די באָד!— האָב איכ געזײַקעט אונ געזאָכט.— ווו נעמט מענ מײַנ באָד! דאָרט איז דאָכ פּאָשעט אַ גאַנײדנ — וואַרעמ, אַ דערקוויקעניש. ווי גליקלעכ בינ איכ אינ דעמ דאָזיקנ גאַנײדנ דאָרט אמאָל געווענ. וואָס האָט מיר געפעלט, וואָס איז מיר דאָרט אָפּגעגאַנגענ? מיר איז געווענ אַזוי גוט, אַזוי וווּל.— האָט דער רוועכ באַדאַרפט אַנטראָגנ מײַנ ווײַב, איכ זאָל דורכ איר פאַרטריבנ ווערנ פונעמ גאַנײדנ אונ אַרומוואַגלענ זיכ אינ דער וועלט. אַפּ צאָרעס נאָר זײַנענ די ווײַבער דאָ, טאַקע נאָר אַפּ צאָרעס. וואָס טויגנ זיי? וואָס האָט מענ פונ זיי? קיינ גוטס, כּלעבנ, קומט פונ זיי נישט אַרויס... באַלד אָבער דערמאָנ איכ מיכ אינ דעמ האָרבאַטע מיידל, אונ [האָב] פאַר מיר אַליינ מיכ געשעמט. סטײַטש, זי איז דאָכ אַ גוטע, אַ קאָשערע נעשאָמע, מיט איר איניינעמ איז דאָכ עפּעס אַ טײַנעג. ס'איז עפּעס גלאַט גוט, גרינג, פריילעכ אַפּנ האַרצנ צו זיצנ אונ שמועסנ מיט איר. אַ קאַפּאָרע טויזנט באָדנ פאַר איר מינדסטנ נאָגל. פונ אירס אַ קוק ווערט עפּעס געשמאַק וואַרעמ אינ אַלע גלידער.— שעמ דיכ, פּישקע! — שייגעצ איכ מיכ אַליינ אויס,— זינדיק נישט מיט דײַנע רייד, ווײַבער גיבנ עפּעס צו אַ שטיק געזונט

און לעבן. וווּבער קענען גליקלעכע מאכן און פונעם געהעניעם אפילו מאכן א גאניידן... פון אזעלכע זיסע געדאנקען האָב איך פארגעסן אין אלע מײַנע צאָרעס. דאָס ווינקעלע, וווּ איך האָב מיך צוגעשפּאַרט, איז עפּעס גאָר גוט, מעכטיִע. מיר איז שוין מער נישט קאַלט. איך הייב אָנעט לייענען קרישמע מיט געפיל, די אויגן קלעפּן מיר זיך און ווער באלד אנדרעמלט. פּלוצלים אָבער האָט מיך אופגעוועקט עפּעס א שרעקלעכע געשריי.

— קוקט נאָר אָן דאָס נעפּעש! — האָט עמעצער געשריגן נעבן דער טיר פונעם שטוב און דערלאַנגט פון דאָרט אַ וואָרף מיט דעם גאנצן קויעך אין הויז אַרײַן עפּעס א שווערע זאַך, וואָס איז ווי א שטיין געפאלן אפ דער ערד מיט אַ שטארקן קלאַפּ,— קוקט נאָר אָן די מעצאָצע... אויך מיר אַ מענטש! א קאַטאָוועס, די גראַפיניע פּאָ-טאָצקע!.. און אין הויז ביסטו קראַנק צו ליגן, פארפּאַטשקעטע גראַ-פיניע?

איך האָב באלד אין דעם קאָל דערקענט דעם מאַמזער, — „א קיענק אים אין די בייניע אַיאַן!" — ער האָט נאָך א ביסל געשריגן, געזידלט, אויסגעוואָרפן מיט דער גראַפיניע פּאָטאָצקע, דערבײַ אויסגעשפּיגן און פארמאַכט דערנאָך די טיר מיט א שטארקן קלאַפּ.

א שטיקל לעוואָנע איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן די צעריסענע שטיקער וואָלקן, האָט אַרײַנגעקוקט דורך דעם צעבראָכענעם דאַך אין הויז אַרײַן און באַלויכטן דאָרט עפּעס א מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס איז געלעגן ווי א קלימעק, שטיל, קיין ריר זיך נישט צו טאָן. איך האָב מיך אַ לאָז געטאָן צו, ווער איז עס די מעצאָצע אָדער די גראַ-פיניע פּאָטאָצקע, וואָס ליגט דאָרט אַזוי. איך טו א בליק — און א דו-נער האָט מיך דערשלאָגן! פינצטער איז מיר אין די אויגן, און דער קאָפּ דרייט זיך מיר, אזוי ווי פון דער ערשטער פּארע אַפ דער אייבער-שטער באַנק. מײַן האָרבאַטע מיידל, זי, נעבעך, ליגט עס אַפּן רוקן

טויט אויסגעשטרעקט פונעם שטאַרקנ שלײַדער, וואָס דער מאַמזער האָט מיט איר געטאָנ! איכ נעמ מינטערנ מיט אַלע קויכעס די האָרבאַטע, נעבעכ, אונ אַז גאָט האָט געהאָלפנ, זי האָט זיכ אָנגעהויבנ צו רירנ, האָב איכ זי א כאַפּ געטאָנ אַפ די הענט עפּעס נישט מיט קיינ מענטשלעכנ קויעכ, ווי בעשאַס מע ראַטעוועט אינ א גלופּסקער גרויסער סרייפע. אונ בינ מיט איר גיכ אַוועק אַהינ אינ מײַנ ווינקעלע. איכ וואָלט געמעגט שווערנ, אַז דענסטמאָל בינ איכ געגאַנגענ גאָר גלײַכ, ווי אַלע מענטשנ, אונ האָב אַפילע קיינ הינק נישט געטאָנ. זי האָט פּאַמעלעכ, פּאַמעלעכ אופגעעפנט איינ אויג נאָכנ אַנדערנ אונ א שטילנ זיפצ געטאָנ. איכ האָב פאַר סימכע געמיינט, אַז די וועלט איז מײַנע. ס'איז מיר געווענ צו מוט טאַקע גאָר ווי דעמ בעטלער אינ די געשריבענע מײַסעס, וואָס ווערט פּלוצלימ פונ דער העלער הויט מעגולגל אינ א טײַערנ פּאַלאַצ, זיצט זיכ דאָרט אָנגעלענט אַפ דער גוטער העסעבעט איניינעמ מיט א באַסמאַלקע אונ טוט זיכ ווויל. איכ האָב געשווינד אַראָפּגעוואָרפנ פונ מיר מײַנ קאַפּאָטע אונ אײַנגעוויקלט דערמיט מײַנ באַסמאַלקע, וואָס האָט געציטערט פאַר קעלט.

— אוי! — האָט מײַנ האָרבאַטע, נעבעכ, א זיפצ געטאָנ, אויסגעריבנ די אויגנ אונ געקוקט. עפּעס גלײַכ ווי זי האָט זיכ אַרומגעקוקט, אַפ וואָס פאַר א וועלט זי איז.

— וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי? — טו איכ זי א פרעג. — איכ בינ פישקע. געדאַנקט אונ געלויבט איז גאָט, וואָס דו לעבסט.

— אָכ אונ וויי איז מיר! — זאָגט זי מיט א זיפצ טיפ פונעם האַרצנ. — וואָס טויג מיר, וואָס איכ לעב. איידער אַזא לעבנ איז שוינ בעסער דער טויט. גאָט איז דאָכ א גוטער, א באַרעמהאַרצעדיקער, הײַנט צו וואָס האָט ער אַזעלכע ווי איכ גאָר באַשאַפנ, נאָר אַפ צו לײַדנ אונ צו פּלאָגנ זיכ אינ דער וועלט?

— נארעלע! — מאַב איך צו איר.— מיסטאמע ווייסט גאָט, וואָס ער טוט, מיסטאמע איז דאָך אים ניכע, אז אזעלכע, ווי מיר, זאָלן אויך זײַן אפ דער וועלט. גאָט איז א טאַטע, ער זעט, הערט און ווייסט אַלצדינג. דו מיינסט, נארעלע, ער ווייסט נישט אונדזערע ביידנס צאָרעס? גאָט ווייסט, נישקאָשע! די לעוואָנע זעט, זע נאָר, זע, קוקט פונעם הימל אהער אפילע, אין הויז, אויך אַרײַן. זינדיק נישט, נאַרעלע, מיט די רייד.

זי האָט אויסגעשטעלט אפ מיר א פּאָר פײַערדיקע אויגן, אין וועלכע עס זײַנען געשטאנען גרויסע טראָפּן טרערן און זיך געפינקלט אקעגן דעם שײַן פון דער לעוואָנע, ווי בריליאנטן. אירע אויגן און איר קוק דערנאָכדעם אפ מיר וועל איך אייביק נישט פארגעסן.

אז איך בין אופגעשטאנען אפ מאָרגן גאנצפרי, האָב איך געזען, מײַן האָרבאַטע ליגט אין ווינקעלע, אײַנגעגנורעט אין מײַן קאָפּאָטע און שלאָפט ווי א פייגעלע. דאָס פּאָנעם אירס איז געווען בלייך און אויסגעזען עפּעס אזוי גוט, אזוי ראַכמאָנעסדיק גוט... די ליפּן האָבן צווײַלן געציטערט און זיך אויסגעצויגן עפּעס ווי מיט א געבעט. עפּעס בעט זי, נעבעך, ראַכמים: פּײַניקט מיך נישט! וואָס האָב איך אײַך געטאָן? וואָס האָט איר צו מיר? פארוואָס מיר נישט דאָס לעבן. וואָס האָב איך אײַך געטאָן, וואָס האָב איך אײַך געטאָן?.. און דאָס בעטן אירס רײַסט אויס א שטיק האַרץ. עס האָט מיר זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן — און איך האָב געוויינט.

דער ערשטער, וואָס איז אינדערפרי אין הויז ארײַנגעגאנגען, איז געווען דער מאַמזער,— „א קיענק אים אין די ביינער אַיאַך!"— ער האָט מיט זײַנע געניייווישע אייגעלעך א קוק געטאָן אפ מיר, אפ דער האָרבאַטער און איז מיט א שטעכנדיק געלעכטערל אוועק צוריק אין שטוב ארײַן.

פישקע איז פּלוצלים געבליבן שטיל און אָנגעקוקט דאָס פּנים, גלייך ווי ער האָט זיך געשעמט. וואָס מיין אַלטער האָט אים נישט געבעטן ווייטער צו דערציילן, האָט אַלץ נישט געהאָלפן. — עט... כלעבן! — האָט פישקע געמאַכט, איז רויט געוואָרן, זיך געמינעט און נישט געעפנט קיין מויל. פּישקע, ווי עס האָט אַרויסגעזען, האָט לעסאָף זיך אַליין פאַרשעמט פון זיינע אייגענע רייד. פריער, אַז עס האָט אים דער ערשטער ברי געטאָן, האָט ער זיך צעפלאַקערט, צערעדט ווי איינער פון דער היץ. ער האָט גערעדט מיט פייער און אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ אין אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען גאָר נישט געווען פאַר פישקעס מויעך. די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך אים געגאָסן אַליין, עס האָט אין אים זיך צערעדט די נעשאָמע. ער האָט בעשאַסמײַסע פאַרגעסן אַלצדינג, וואָס אַרום אים טוט זיך, גערעדט, נישט צו הערן קימאַט אַליין, וואָס ער רעדט. ביז ער האָט פּלוצלים זיך אַ כאַפּ געטאָן, עפּעס ווי אַליין זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, זיך עפּעס געוווּנדערט, ווי קומט אַזוינס צו אים... און איז שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן. בא וועלכן פון אונדז מאַכט זיך נישט כאָטש איין מאָל אין לעבן אַזאַ ליכטיקע, גוטע שאָ, וואָס דענסטמאָל עפנט זיך אַ מויל און ריינע, עמעסע מענטשלעכע געפילן גיסן זיך אים אַרויס, ווי אַ שטראָם הייסע זודיקע גאַזן פון אַ פייערשפּייענדיקן באַרג? אַפ בילאָמס אייזל אַפילע איז אויב אָנגעקומען אַ שאָ, אין וועלכער עס האָט פון דער העלער הויט אים זיך געעפנט דאָס מויל, און האָט געהאַלטן אַ שיינע רעדע. ווער שמועסט באַ באַלע-דאַרשנס, לעהאַוודל, מאַכט זיך פיל מאָל, אַז אַזעלכער, וואָס מאַלעגיירעט געוויינטלעך, פלוידערט טאָמעד אָוועק נאַרישקייטן, אַ שרעק צו הערן, — פּלוצלים פאַלט אַפ אים אָן אַמאָל עפּעס אַ באַגייסטערונג,

און ער זאָגט נישט ווילנדיק אַרויס אַ גלײַך וואָרט, וואָס דער גאַנצער אוילעם און ער אַליין מיט זײַן קאָוועד אויך בלײַבן דערנאָך פאַרגאַפט. באַם ערגסטן כאַזן, אַ קאַטשאַן, וואָס גלוסט זיך ברעכן, הערנדיק זײַן טערעלייקען מיט מעשוגענע האַוויַעס, טרעפט זיך אַמאָל, אַז פּלוצלים טוט עס מיט אים אַ טראָג, ער צעיאָגט זיך אין דעם מוסעף מיט אַ ברען און וואַרפט אַרויס אַ „יעקום-פּורקנדל", אַ „טי-קאַנטאָ-שאַבעסל" מיטן קנאַק. טרעט די גוטע שאָ אָפּ, בלײַבט דער אייזל ווײַטער טאַקע אַן אייזל, דער באַל-דראָשע, לעהאַוודל, ווײַטער אַ פּלוידערזאַק און דער כאַזן, מישטיינסגעזאָגט, ווײַטער אַ קאַטשאַן... נישט דאָס בין איך אויסן. צוויי יידן דרייער האָב איך געקענט אין אַ יידישער דרוק, וואָס די גאַנצע אַרבעט זייערע איז באַשטאַנען דערינען, — טאָג ווי נאַכט צו דרייען די ראָד פון דער מאַשינע, שטייענדיק באַ איר אין דער זײַט, איינער קעגן דעם אַנדערן, נאָר אַזוי ווי די אָנגעמאָלטע גוילעמס. דריי און דריי שטענדיק, אָן אַן עק, אַלץ אָפּ איין אָרט, אָפּ איין שטייגער. פּלוצלים האָט עס זיי עפּעס ווי אונטערגעטראָגן און האָבן זיך אַ נעם געטאָן דרייען די ראָד געשמאַק, מיט געפיל, שטאַרק באַגײַסטערט, די אויגן ברענען, פלאַקערן, און זיי דרייען מיט אַזאַ טײַנעג, ווי זיי וואָלטן געווען אָפּן זיבעטן הימל, ווי זיי וואָלטן געדרייט וועלטן, און האָבן מיט איטלעכן דריי אויסגעדריקט עפּעס אַ געדאַנק, עפּעס אַ געפיל, וואָס דרייט זיי אינווייניק. שפּעטער אַ ווײַלע, אַז דער ברען האָט נאָכגעלאָזט, האָבן זיי פאַרוואונדערט איינער דעם אַנדערן מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן אָנגעקוקט, אויסגעשפּיגן, פאַרדרייט די קעפּ איטלעכער אין זײַן זײַט, געדרייט ווי געוויינטלעך, און ווײַטער אַ פּאָנעם געהאַט ווי די ליימענע גוילעמס.

איך קוק אָפּ פישקען, וואָס איז געבליבן אָן לאָשן, און זוך באַ מיר מיטל, ווי אים באַריידעוודיק צו מאַכן. פּלוצלים פאַלט מיר אײַן

רעב לייב סאָרעס גוילעם, ווי ער טוט זיך א שטעל אוף, נאָכדעם אז רעב לייב רוקט אים אריַין הינטן דעם שעם-האמפוירעש, כאפּט זיך און טוט אלצדינג, וואָס מע הייסט. זייער שיין, טראכט איך מיר, באָרוך-האבאָ! נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס בא יענעם גוילעם, אָלעוו-אשאָלעם, האָט געווירקט אין זיַינע צייַטן, ועט הייַנט בא מיַין גוילעם, אים צו לאנגע יאָר, ווירקן פּאָשעט דאָס מיידל...

איך הייב אָן פישקענ אונטערצוגעבן פארע, צו דערוואַרעמען אים מיט א שמועס וועגן זיַין האָרבאטע מיידל. און דערביַי האָב איך טאַקע מיך אליין אויך צעהיצט, גערעדט פונעם הארצן מיט פיַיער און אויסגעלאָזט דעם שמועס אזוי:

— וויפל אומשולדיקע קינדער, נעבעך, קומען עס אפ דער וועלט אזוי אָפּ פאר די זינד פון זייערע עלטערן, וואָס גלוסט זיך זיי נאַרישקיַיטן, דרייען זיך, געטן זיך, און לאָזן איבער די קינדער, זייער פלייש און בלוט, העפקער ווי אפן וואסער! וואָס גייט זיי אָן קינדער! זיי האָבן אין זינען נאָר דאָס נעפעשל, זייער אייגן נעפעשל. איטלעכער פון די שיינע עלטערן האָט וויַיטער כאסענע...

איך בין געבליבן ווי דערוואָרגן אין דער מיט פונעם שמועס. אלטער מיַינער, זע איך, איז צעקאָכט, אויס מענטש. עס טוט מיר באלד טאַקע א קלאפּ אין הארצן: אַיַ, האָב איך עס באנאנגען א מיעסן פעלער, זיך ארויסצוכאפּן פאר אלטערן מיט אזעלכע ווערטער, וואָס זיַינען צוגעפּאסט צו אים און האָבן אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ! עס טוט מיר שרעקלעך באנק, איך שטראָף מיך אין הארצן און זאָג מיר אליין מוסער: גוואלד, מענדל, מענדל, שוין צייַט קומען צום סייכל, נישט ארויסצוזאָגן יענעם דעם עמעס, ווי א יונגל! ביסט דאָך, באָרעכאשעם, שוין א ייד מיט א גרויסער באָרד. שוין צייַט זיַין א מענטש, פארשטיין, וואָס זיך איז נוצלעך און גוט. אַיַ, דיַין צונג, דיַין צונג...

איכ האָב מיר אינ הארצנ א נײדער געגעבנ, ווײַטער מיכ צו היטנ מיט א וואָרט, הערנ, זענ און שווײַגנ! — די גוטע מידע פונ אלע קלוגע, פײַנע לײַט, וואָס איז נײטיק אינ לעבנ. איטלעכנ ווען איכ נאָר לויבנ, באליבט צו מאכנ זיכ דערמיט באַם אוילעמ. עס האָט מיר זיכ פאָרגעשטעלט גאנצע מאכנעס אונדזערע גוטע מענטשעלעכ, פעטערס מיט שײַנענדיקע פּענעמלעכ. זײ דרײענ זיכ אהינ און אהער, כאָווער מיט דעמ, מיט יענעמ, טאנצנ אפ אלע כאסענעס, האָבנ שטענדיק נאָר האַנאָע, קושנ זיכ מיט איטלעכנ, וואָס ער איז פונ אויבנ, צעגײענ פּאָ-שעט פאר פרײד, רײדנדיק מיט יענעמ פונ זײַנ גליק, ווינטשעווענ אימ צו מיט טרערנ אינ די אויגנ און מיט א זיס שמײכעלע אפ די ליפּע-לעכ, צעלײגנ אפ טעלערלעכ יענעמס גוטסקײַט און גיבנ אימ אוילעמ-האַבע מיט דער פולער האַנט; לויפנ אַנזאָגנ פּסוריעס, געפינענ זיכ או-מעטומ, ווו נאָר ערגעצ א קערמישל, א סימכע. טאָמער שײַנענ זײ די אײגעלעכ, דער שטערנ גלאַנצט, די בעקעלעכ פארפארבט, די נאָז פײַכט מיט ווײַמפּערלעכ. זײ זײַנענ צופרידנ, פרײלעכ און קוועלנ גאָר אָנ... און ווײל איז אײַכ, פעטערס! פונ הײַנט אָנ בינ איכ אויכ א פע-טער. עפּעס האָט מיר דער נאָמענ פעטער אָנגעהויבנ צו געפעלנ, אזוי אז עטלעכע מאָל האָב איכ עס פאר מיר איבערגעכאזערט מיט גרויס פארגעניגנ: פעטער! פעטער מענדעלע! פעטער רעב מענדעלע!..

ביכדײ צו פארגלעטנ מײַנ פעלער אקעגנ אלטערנ, הײב איכ אָנ אפ אימ ראכמאָנעס צו האָבנ און אײַנעמענ אימ מיט גוטע רײדעלעכ: רעב אלטער, אײַכ איז, נעבעכ, נישט גוט צו זיצנ, איר שפּארט שוינ, נעבעכ, אָנ באַם עק וואָגנ. עס מוז אײַכ, נעבעכ, ווײ טאָנ די בײנער פונעמ צופיל זיצנ אפ איינ אָרט. קומט, איכ בעט אײַכ, צו מיר אפנ וואָגנ, דאָרט מאכ איכ אײַכ א גוט געלעגער. מיר וועלנ נעמענ צו בימ-לעכ בראַנפנ, זיכ א ביסל דערקוויקנ. — מײַנ אלטער לאָזט זיכ נישט לאַנג בעטנ. מיר קריכנ אלע אראָפּ פונעמ וואָגנ. בינ מעכאַבעד מײַנ

פערדל צו שלעפּן זיך פאָרויס, אלטערס שקאַפּע — אימ פונ הינטנ. מיר צעגייענ זיך א ביסל די פיס, קריכנ ארופ דערנאָך צו מיר, דערענדיקנ דעמ „אשער-יאָצאר", מאכנ לעכאַימ. איך בינ זיס ווי לאַקריצע, ווינטשעווע אלטערנ אָנ אנ עק, מיט טרערנ אינ די אויגנ פאַר גרויס פרייד, גלאַט אזוי זיך, ווי א פעטער. דערוואַרעמ אויך פּישקענ, גיב אימ אונטער היצ, רייצ אימ דעמ יעיצערהאָרע. עס צעשפּילנ אימ זיך די געבליטנ, אונ די מײַסע הייבט זיך אצינד אָנ

בא מענדעלע מויכער-ספאָרימ אפנ וואָגנ

פּישקע הייבט ווידער אָנ אפ זײַנ שטייגער, איך העלפ אימ אונטער, בעסער אוימ אפ מײַנ שטייגער, אלטער האָט קיינ צײַט נישט, טרײַבט אונטער אפ זײַנ שטייגער, אונ די מײַסע דערציילט זיך ווײַטער אזוי:

אפנ אנדערנ טאָג, פרײַטיק, איז אינ בעסמעדרעש דאָרט אינ שטעטל געווענ שרעקלעכ ענג פונ די אָרעמעלײַט, וואָס האָבנ זיך געשטופּט, צונויפגעשטיקט ארומ דעמ שאַמעס. איטלעכער באַזונדער האָט געוואָלט זײַנ דער ערשטער, באקומענ דעמ בעסטנ פלעט אפ שאַבעס צו א נאָגיד אָדער צו א יוסטנ באַלעבאָס, וואָס מאַכט א פעטנ קוגל. העכער פונ אלע איז געשטאַנענ דער פלעט צו דעמ באַל-טאַקסע. נידעריקער פונ אלע שטייענ געווײנטלעכ די פלעטנ צו קלייקוידעש אונ קאַהאָלס-לײַט, ווײַל זיי האָבנ ליב אליינ גוט צו פרעסנ אונ יענעמ גיבנ זיי מאַקעס. די גאַבאָימ פונ כעוורעס קרעכצנ, זיפצנ אפ ײדישע אָרעמעלײַט, נעבעכ, — אונ עסנ גיבנ זיי אפ א שפּיצ מעסער, נאָר אפ צו באַשמירנ די ליפּנ. אָרעמעלײַט האַלטנ פאַר אנ אומגליק צו זיי ארײַנפאַלנ, אונ ווײַכנ זיי ווי אנ איפּעש. באקומט איינער צו זיי א פלעט, לאַכנ די איבעריקע, ווי פונ איינעמ, וואָס באקומט א

בערדע... דער שאמעס פונעמ בעסמעדרעש איז געווענ זייער בייז, ער האָט געשריגנ, אז היינט זײנענ דאָ אָרעמעלײט עפעס מער ווי טאָמעד.— קאפּצאָנים! — האָט ער געשריגנ.— וואָס זײנט איר ווי די היישעריקנ באפאלנ אונדזער שטאָט, נעבעכ! נישט אויסצוהאלטנ, נישטאָ ווו אײַנ אהינצוטאָנ! נאָר א שטראָפ פונ גאָט, אנ אָנשיקעניש! — ער שרײַט, בייזערט זיכ, אונ די אָרעמעלײַט טוענ זייערס, שטופּנ זיכ אונ הערנ נישט קיינ ווערט. אייך קאָל: מיר! גיט מיר, מיר! איטלעכער רוקט דעמ שאמעס אינ האנט ארײַנ עטלעכע גראָשנ. דער שאמעס, וואָס זאָל ער, נעבעכ, טאָנ, נעמט צו, בייזערט זיכ אונ גיט פּלעטנ. איכ מיט דער האָרבאטער זײנענ מיר געשטאנענ אינ דער זײַט פונדערוויטנס. ערשטנס, האָבנ מיר נישט געקענט אונ, צווייטנס, טאקע נישט געהאט די האָזע זיכ צו שטופּנ צווישנ אונדזערע בערנ, מעיוכאָסימ, פײַנע-בעריעס. אומעטום זײנענ דאָ בערנ, אריסטאָקראצנ, אפילע צווישנ קאפּצאָנימ. די אָרעמע אריסטאָקראצנ זײנענ נאָכ טויזנט מאָל ערגער פונ די נעגידישע. דער מאמזער איז געווענ, עס פארשטייט זיכ, איינער פונ די ערשטע. ער האָט באלד באקומענ צוויי גוטע פּלעטנ פאר זיכ אונ פאר מײַנ ווײַב. זי האָט אפילע פארשפּאָרט זיכ צו שטופּנ. ער האָט דעמ שאמעס אָנגעוויזנ אפ איר פונדערוויטנס: קוקט נאָר, זײַט מויכל, אָט דאָרט שטייט זי, מײַנ בלינדע, נעבעכ!.. אז דער אוילעמ איז אוועק, זיכ צעלאָזט איבער דער שטאָט, איטלעכער מיט זײַנ פּלעט צו זײַנ באלעבאָס, ביג איכ מיט מײַנ האָרבאטער צוגעגאנגענ, אפ גאָטס באראָט, צומ שאמעס אונ געבעטנ פאר אונדז פּלעטנ. ער האָט עפּעס מיט א זימ-זויער שמייכעלע אפ אונדז א קוק געגעבנ אונ נישט געענטפערט קיינ וואָרט.— דערבארעמט זיכ, זאָג איכ צו אימ, אפ צוויי נעפאשעס, קאליקעס, נעבעכ. א גאנצע וואָכ קומט אינ אונדזער מויל קיינ לעפל געקעכצ נישט ארײַנ.

— נישטאָ מער קיינ פּלעטנ,— ענטפערט דער שאמעס,— איר

האָט דאָך געזען, וואָס דאָ האָט זיך ערשט געטאָן. נישטאָ שוין וואָהין צו שיקן.

— נאַט אײַך,— זאָג איך, און שטופּ דעם שאַמעס אין דער האַנט א זעקסער,— נעמט, זײַט מויכל, און דערבאַרעמט זיך אַפּ אונדז, זײַט אונדז מעכײַע, איר וועט האָבן א גרויסע מיצווע.

— הער נאָר דו,— רופט זיך אָן דער שאַמעס שוין א ביסל ווייכער,— דײַן געלט באַדאַרפ איך נישט, איין פּלעט געפינט זיך נאָך בא מיר און קען אים איינעם פון אײַך געבן. אויב איר ווילט, וואַרפּט צווישן אײַך גוירל.

— גיט איר, איר גיט! — בעט איך און ווײַז אָן אַפּ דער האָרבאַטער.

— אים גיט, אים! — בעט די האָרבאַטע און ווײַזט אָן אַפּ מיר.— ניין, ניין, איך וועל דעם פּלעט אָסער-כאַזער נישט נעמען!

א היפּשע צײַט איז אוועקגעגאַנגען מיט בעטן און דינגען זיך, איינער דעם אַנדערן האָבן מיר אײַנגערעדט צו נעמען דעם פּלעט, און איטלעכער פון אונדז האָט זיך אָפּגעזאָגט, געשווירן, ער וועט עס בעשומויפן נישט נעמען. דעם שאַמעס האָט די זאַך עפּעס האַנאָע געטאָן. ער האָט געגלעט דאָס בערדל און געקוקט אַפּ אונדז זייער פרײַנטלעך.

— ווייסט איר וואָס?— רופט ער זיך אָן.— נאָך מײַרעוו זאָלט [איר] ביידע שטיין אין פּאָלעש נעבן דער טיר. אַז דער אוילעם וועט גיין פונעם דאַווענען, וועלן זיך מיסטאַמע געפינען יידן, אײַך צו נעמען אַפּ שאַבעס. איך וועל פאַר אײַך אויך בעטן.

אַזוי איז טאַקע געווען. נאָכן דאַווענען פרײַטיק־צונאַכטס, אַז דער אוילעם איז געגאַנגען פון דער שול, האָט דער שאַמעס זיך געווענדט צו צוויי באַלעבאַטים אין פּאָלעש און זיי געבעטן, ווײַזנדיק אַפּ אונדז, צו נעמען אָרכים אַפּ שאַבעס. — איך האָב, כלעבן, שוין קיין האַרץ נישט געהאַט — האָט ער זיך פאַרענטפערט — צו שיקן אײַך הײַנט

פֿלעטנ. איכ לאָז אײַכ נישט אויס קימאט אלע װאָכ. נאָר אויב אײַער גוטער װילנ איז, נעמט אָט די דאָזיקע אָרעמעלײַט.

— אָכ! — האָבנ בײדע זיכ אָנגערופֿנ. — װעלכער ייִד זאָגט זיכ עס אָפּ פֿונ אַנ אוירעכ אפֿ שאבעס? אײנ טאָג אינ דער װאָכ איז דאָ, װאָס אַ ייִד קענ כאַטש אַ ביסל עטעמענ, פֿארװאָס זאָל ער אינ דעמ הײליקנ טאָג אויכ נישט מעכײַע זײַנ נויטבאדערפֿטיקע, נעבעכ, אונ טײלנ זיכ דערמיט, װאָס גאָט האָט געגעבנ? מיר בעטנ אײַכ, שאמעס, אלע װאָכ, אלע װאָכ טאקע זאָלט איר אינ אונדז נישט פֿארגעסנ.

די בײדע באלעבאטימ זײַנענ געגאנגענ פֿאָרויס, ארומ זײ קינדערלעכ, ייִנגלעכ, באָכערימ, אויסגעצװאָגענע אונ אָנגעטאָנ שאבעסדיק. אלע האָבנ געשײַנט אונ געשמועסט צװישנ זיכ פֿרײלעכ. מע האָט געזענ באשײַמפּערלעכ, אז אינ זײ איז דאָ די נעשאָמע-יעסײרע, דעמ ייִדנס צװײטע שאבעסדיקע נעשאָמע. איכ מיט מײַנ האָרבאטער זײַנענ נאָכגעגאנגענ שטיל פֿונ הינטנ אונ בײדע געװעזנ עפּעס צופֿרידנ.

— גוט-שאבעס! — האָט מײַנ באלעבאָס, ארײַנקומענדיק אינ שטוב, געזאָגט פֿרײלעכ דעמ װײַב, װאָס איז געזעסנ אפֿ אַ בענקל, רײנ, קלאָר אָנגעטאָנ אונ געלויכטנ װי אַ פּרינצעסנ. אפֿנ שויס בא איר האָט זיכ געשפּילט אַ קלײנ קינד, נאָר אַ ליאלקע, אונ בא די זײַטנ זײַנענ געשפּרונגענ צװײ שײנע אויסגעפּוצטע מײדעלעכ. — גאָט האָט מיר באשערט אַנ אוירעכ אפֿ שאבעס. זיסט, מײַנ װײַב, װאָלסטו דאָכ מיכ אינ שטוב נישט ארײַנגעלאָזט, — לאָזט ער אויס מיט אַ שמײכעלע אונ נעמט זיכ זאָגנ הויכ אפֿ אַ קאָל „שאָלעמ-אלײכעמ“, גײענדיק איבער דער שטוב אהינ אונ אהער. בא „אשת חיל“ האָט ער זיכ געשטעלט, זינגענדיק מיט אַ ניגנ, אקעגנ דעמ װײַב, גענומענ דאָס קלײנע קינד צו זיכ אפֿ די הענט אונ עס געקושט, געהאלדזט, בעשאס די איבעריקע קלײנע קינדער האָבנ זיכ אימ געהאנגענ פֿונ אלע זײַטנ לעבעדיק-פֿרײלעכ. עס האָט זיכ געדאכט, אז אינ שטוב זײַנענ טאקע

געקומענ די גוטע הייליקע מאלאָכימ פונעמ „שאָלעמ-אלייכעמ“.— איכ דערצייל עס אײַכ דאָ אזוי, ווײַל דענסטמאָל האָט מיר דאָס הארצ עפּעס שטארק געצויגנ אונ געצויגנ צו מײַנ האָרבאטע מיידל...

מײַנ באלעבאָס, ווי עס האָט אויסגעזענ, איז געווענ פונ מיטעלנ שטאנד. די בענטשליכט האָבנ געברענט אינ ריינ אויסגעפּוצטע לײַכטער,— איכ וויים נישט: פונ עמעסנ אָדער פונ ווארשעווער זילבער. דער טיש איז געווענ געגרייט מיט פּארצעלײַענע טעלער, אונ די קווילעטשנ — איבערגעדעקט מיט א געשטיקט טישטעכל. א פלעשל ווײַנ האָט געפינקלט אפנ טיש, פונ וועלכנ איטלעכער האָט קידעש געמאכט. באמ עסנ האָט די באלעבאָסטע מיר געגעבנ אלצדינג גענוג, אונ זיכ אלצ געבעטנ, אונטערגעטריבנ, זיכ נישט צו שעמענ אונ עסנ. ס'איז געווענ גאנצ גוט. נאָר מיר איז א ביסל נישט אײַנגעגאנגענ, אז איכ האָב בא איטלעכמ שטיקל פיש, בא איטלעכנ זופּ לאָקשנ, בא איטלעכנ ביסנ פלייש אונ צימעס מיכ דערמאָנט אינ א י ר. ווער ווייסט, אויב זי, נעבעכ, האָט דאָרט אזא וווילטאָג ווי איכ. נאָכ דעמ עסנ האָט מענ מיכ געבעטנ אפ נאכטלעגער.— לאָז ער בלײַבנ דאָ נעכטיקנ,— האָט די באלעבאָסטע שטילערהייט געזאָגט צו דעמ מאנ.— וווהינ וועט ער גיינ אהינ, אינ דעמ שיינעמ העקדעש, אינ דעמ שטאל. לאָז ער כאָטש א נאכט א ביסל זיכ אויסרוענ.— נאָכ נעכטיקער נאכט, נישט הײַנט געדאכט, איז מיר טאקע שטארק נייטיק געווענ אויסצורוענ זיכ, עפּשער נאָכ נייטיקער פונ עסנ. עס וואָלט געווענ גאָר א דערקוויקעניש צו ליגנ דאָ אינ א ווארעמער שטוב אפ א קישנ אונ אויסגלײַכנ זיכ א ביסל די ביינער. נאָר איכ האָב מיכ אָבער דערמאָנט אינ איר אונ מיט א שיינעמ דאנק זיכ אָפּגעזאָגט פונ נאכטלעגער. זי האָט געגעסנ שאבעס אפ דעמ אייגענעמ הויפ טאקע אינ א שטוב. איכ בינ ארײַנ אהינ נאָכ איר, האָב זי גענומענ אונ מיט איר באלד אוועקגעגאנגענ.

אין דרויסן איז געווען ליכטיק, שיין. די לעוואָנע האָט געשײַנט, און ס'איז געווען מעכטיע גוט צו גיין.

— קום! — האָב איך צו איר געזאָגט, — קום, לאָמיר א ביסל שפּאַצירן. אין העקדעש אַרײַן איז עפּעס נישטאָ אזוי וואָס זיך צו אײַלן.

דערמאָנענדיק זיך אין דעם העקדעש, איז מיר א פראָסט איבער דעם לײַב איבערגעגאנגען. יענער אלטער ייִד, דער קראנקער, וואָס האָט נעכטן דאָרט באנאכט אזוי געקרעכצט, האָט פון מאָרגן פרי געהאט די גסיסע, געפּאָכט מיט דער נעשאָמע און איז נאָך ליכטבענטשן געשטאָרבן. מע האָט אים געלייגט איבער שאבעס אין הויז, דאָרט ווו איך האָב באדארפט נעכטיקן.

מיר זײַנען געגאנגען און פארגאנגען ערגעץ אין א געסל מיט גערטנער און ביימער, וואָס האָבן ארויסגעגעבן געשמאַקע ריחעס. אומעטום איז געווען שטיל, מע האָט נישט געהערט קיין שאָרך, אלע אין שטעטל האָבן, ווי דער שטייגער פון ייִדן פריטיקצונאכטס נאָך דער וועטשערע, שוין לאנג געשלאָפן. מיר האָבן זיך געזעצט אפן גראָז ערגעץ אין א ווינקל, נעבן א פּלויט.

מיר זיצן ביידע, קוקן א היפּשע צײַט און שווײַגן. איטלעכער פון אונדז איז פארטראכט. מײַן האָרבאטע טוט דערנאָך א זיפץ טיף פונעם הארצן און ברומט שטילערהייט פאר זיך זייער טרויעריק דאָס באקאנטע לידל:

...דער טאטע האָט מיך געקוילעט,
די מאמע האָט מיך געגעסן...

איך גיב א בליק, טרערן גיסן איר זיך פון די אויגן. עס פלאמט איר דאָס פּאָנעם, זי קוקט אף מיר און שמייכלט זייער באטריבט. די קויכעס האָט זי מיר ארויסגענומען מיט איר קוק דענסטמאָל אף מיר. עס האָט מיר פארקלעמט דאָס הארץ, געקלאפּט ווי מיט האמערס אין

די שליפֿן. איך ווייס נישט, וואָס טוט זיך אַזוינס מיט מיר, און... צום ערשטן מאָל כאַפּט זיך מיר עפּעס אַליין פֿונעם מויל אַרויס: „נעשאָמע מײַנע!“...— אײַ, פּישקע,—זאָגט זי שטיל און וואַרגט זיך מיט טרערן,— איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. אײַ, שטײ איך עס אַ ביסל פֿון אים אויס.

— פֿון וועמען? — רופֿ איך מיך אָנעט אָנגעצונדן,— פֿון אים? פֿון דעם מאַמזער? „אַ קיענק אים אין די ביינער אַיאַן!..“

— אײַ, דו זאָלסט וויסן, פּישקע, דו זאָלסט וויסן...

איך נעם זי אָנעט בײַ דער האַנט, באַם קאָפּ און בעט זי מיט טרערן אין די אויגן, מיר אויסצוגיסן איר שווער, ביטער האַרץ. זי לייגט אַרויף ביידע הענט אַפֿן פּאָנעם, בייגט זיך אָנעט נאָענט צו מיר און גיט מיר איבער אַפֿ אַ ציטערדיק קאָל, מער אַפֿ דעם צונג, עפּעס אַזוינס, אַז דער רועב מעג טאַקע כאַפּן דעם מאַמזער, ער זאָל קיין טכיעס-האַמייסים נישט אופֿשטיין.

19

פישקע איז ווײַטער געבליבן שטיל, עפּעס שטאַרק צעקאָכט און פֿאַרומערט. און ביכדיי אים באַריידעוודיק צו מאַכן, אַרויס-צודערטאַפּן בײַ אים אַלצדינג, וואָס מיר האָט זיך געגלוסט צו וויסן, הייב איך אים אָן אונטערצוהיצן, אַ ביסל צו רייצן, און טו אַ זאָג אַזוי:

— דו האָסט נאָך גאָר נישט געזאָגט, פּישקע, אויב דײַן האָרבאַטע איז אַ שיין מיידל. וואָס קען, דאַכט זיך, אַ האָרבאַטע מיידל אַזוי געפֿעלן?

— וואָס הייסט,— מאַכט פּישקע שטאַרק אופֿגעבראַכט,— ווער רעדט בײַ אַ ייִדישער טאָכטער פֿון שיינקייט! אַז זי איז שיין, איז זי

פאר זיכ שייכ, וועמענ גייט עס אָנעט? די האָרבאטע איז עמעס טאקע גאָר ניט קיינ מיִעסע, א פּאָנעמ, א קאָפּ מיט האָר — מאָלע כיינ, אויגנ א פּאָר האָט זי נאָר ברילִיאנטנ. נאָר וואָס וואָלט מיכ דענ אלצדינג אָנגעגאנגענ?.. עפּעס א שאָלטיק בינ איכ, אינ זינענ צו האָבנ אזעלכע זאכנ, כאָכצולויפנ שיינע נעקייוועס?.. נארישקייטנ! מיכ האָט געצומענ איר גוטסקייט. איר גוטסקייט, דאָס ראכמאָנעס־האָבנ אירס אפ מיר, ווי א שוועסטער, אונ ווידער צוריק, דאָס ראכמאָנעס־האָבנ מיינס אפ איר, ווי א ברודער אינ דער נויט,— אָט וואָס...

— מיילע, וואָס מאכט עס אויס? — רופט זיכ אלטער אָנ,— ווי זאָגט מענ עפּעס: לאָז זיכ זיינ פונ טייוול, אבי עס זאָל הייסנ פּייוול... בעקיצער, האָט זי דיר איבערגעגעבנ עפּעס אזוינס... נו, פישקע, וואָס זשע איז דאָס עפּעס אזוינס, נו, נו, נו!

אלטער טרייבט אונטער אפ זיינ שטייגער, פישקע הייבט אָנ אפ זיינ שטייגער, איכ העלפ אימ אונטער, בעסער אויס אפ מיינ שטיי־גער, אונ די מייסע דערציילט זיכ ווייטער אזוי:

— קנייפּנ האָב איכ שויכ לאנג באמערקט, ווי דער מאמזער, — „א קיענק אימ אינ די ביינער אינאַנ!“ — פלעגט קנייפּנ אמאָל די האָרבאטע, כעבעכ. איכ האָב געמיינט, דאָס זיינענ זיכ גלאט אזוי קניפּ פונ א ראָשע, וואָס שלאָגט, פּייניקט א מענטשנ, נעבעכ. נאָר ווי עס האָט זיכ פונ איר קלאָגנ זיכ דערנסטמאָל פאר מיר דערוויזנ, זיינענ דאָס געווענ גאָר אנדערע מינע קניפּ. עס האָט געהאט עפּעס גאָר אנ אנדער טאמ... פע! יעיצערהאָרע־קניפּ. דער מאמזער פלעגט זיכ צו איר שטארק טשעפּענ. ער פלעגט זי ניט לאָזנ צורו. האָט ער זי דערטאפּט אמאָל ערגעצ אליינ, איז ער צו איר צוגעשטאנענ מיט זיסע ריידעלעכ אזוי אונ אזוי, גערעדט פאר פּייער, פאר וואסער, צוגעזאָגט גילדענע בערג. אונ אז אימ האָט נישט געהאָלפנ מיט גוטנ, האָט ער אָנגעהויבנ מיט בייזנ, געמאכט א מוירע, ער וועט איר פארביטערנ דאָס לעבנ,

ארויסלאָזן אַפּ איר אַ שלעכטן רוף און איר טאָן צום טויט, און דער־בײַ טאַקע זיך געפּרוּווט אַ כאַפּ טאָן זי מיט גוואַלד. געענדיקט האָט זיך עס געווייַנטלעך דערמיט, וואָס זי פּלעגט זיך אויסרייַסן פֿון זײַנע הענט, אים דערלאַנגען אַמאָל נאָך אַ זעץ אין בויך, אַז דער רועך האָט אים גענומען. ער פּלעגט עס איר באַצאָלן דערנאָך מיט פּראַצענט, זי פּייניקן מיט אַרבעט און אויסרייַסן איר שטיקער פלייש. שפּעטער אַ ביסל האָט דאָס אייגענע טאַקע זיך אָנגעהויבן ווידער אָפּדאַסנײַ, ווײַ־טער מיט גוטן, ווײַטער מיט בייזן. וואָס מער זי האָט אים געוויזן, איז ער אַלץ מער צו איר צוגעשטאַנען, און פֿאַרבײַגייענדיק אַמאָל, פּלעגט ער זי פֿאַר מענטשן אַ טאָרקע טאָן, קלאַמפּערשט אומגערן, אויך דערלאַנגען אַ קניפּ, גלאַט אַזוי זיך.

אַזעלכע מעשׂים מעשׂע מיט איר האָבן זיך געמאַכט זייער אָפּט, וואָס איך וויל זיי פֿאַר דעם מויל נישט ברענגען, כאָר די נעכטיקע איז געווען פּע, פּע, אַ שרעק! נעכטן באַנאַכט נאָך דער בייזער מעהומע אין העקדעש, אַז דער גאַנצער עולם דאָרט האָט שוין געשלאָפֿן און זי, די האָרבאַטע, נעבעך, האָט, אײַנגעהויקערט אין צענטן, נישט ווײַט פֿון דער טיר אין אַ ווינקעלע אויך געדרעמלט,— וועקט זי פּלוצלים אויף עפּעס אַ שושקען איר אין אויער אַרײַן. דאָס איז געווען דער מאַמזער.— דיר, נעבעך, איז שלעכט דאָ צו ליגן,— רעדט ער צו איר מיט ראַכמאָנעס.— קום, איך האָב פֿאַר דיר זייער אַ גוט אָרט, וווּ דו וועסט קענען זיך אַ ביסל אויסרוען, נעבעך. זי דאַנקט אים זייער שיין פֿאַר זײַן גוט האַרץ און בעט אים צו גיין אין זײַן רו אַרײַן. ער הייבט אָנעט זײַנע אָנשטעלן אַזוי און אַזוי. ער גיט איר אויך אָנצו־הערעניש פֿון מיר, אַז ער ווייסט, נישקאָשע, איר מעכוטאָנעשאַפֿט מיט מיר... ער שרעקט זי, אַז קײַען וועט זי פֿון אים די ערד און מיר וועט ער דערגיין דעם עק. דער רועך נעמט אים, דעם מאַמזער, און מאַכט אויס אים אַ כּײַע־ראָע און אַ לעמעלע צוגלײַך אין איין צײַט.

ער איז גוט, ער איז שלעכט, ער ווערט א שייגעץ און... כאפט א טראכ אינ באק, אז די ציינ פאלנ אימ שיר נישט ארויס. עס צעשפילט זיכ אינ אימ די רעציכע, ער טוט זי א נעמ ווי א גאזלענ און גיט זי א שליידער אינ הויז ארײנ. וואס ווייטער איז געווענ, ווייסט איר דאכ שוינ.

נאכ דעמ, וואס די הארבאטע, נעבעכ, האט מיר איבערגעגעבנ דענסטמאל, זיצנדיק מיט מיר אפנ גראז, בינ איכ א היפשע צײט געבליבנ ווי דערשלאגנ, אנ לאשנ. נאר איכווייניק האט עס מיכ גע-צופט, געגעסנ ווי א ווארעמ. עס האט מיכ געגעסנ א ברענענדיק גע-פיל פונ קאס אפ דעמ מאמזער, א הייס זודיק געפיל פונ ראכמאנעס אפ איר נעבעכ, און נאכ עפעס אזעלכס גאר אנ א נאמענ, וואס האט מיכ געצויגנ, געצויגנ... און אנגעכאפט באמ הארצנ. פלוצלימ האט עס מיר געגעבנ א שטארקנ צי, אזוי אז דאס הארצ איז מיר שיר נישט ארויסגעפאלנ. איכ נעמ זי אנ בא דער האנט, וואס איז נאכ געלעגנ אפ איר פאנעמ, און טו א זאג עפעס נישט מיט מײנ קאל:

— נעשאמע מײנע! דאס לעבנ וועל איכ פאר דיר אוועקגעבנ.

— אכ, פישקע! — זאגט זי מיט א זיפצ, טוט זיכ א רוק נענ-טער צו מיר און שפארט אנ דעמ שטערנ מיר אפנ אקסל.

עס ווערט מיר עפעס ליכטיק אינ די אויגנ, ווארעמ-מעכײע אינ אלע מײנע גלידער. איכ רייד און נעמ זי אײנ, ווי א געטרײע שוועס-טער, מיט גוטע ווערטער. טרייסט זי: נישקאשע, גאט וועט העלפנ! און שווער איר, אז אייביק וועל איכ איר זײנ א געטרײער ברודער. זי קוקט מיר ארײנ אינ די אויגנ, טוט דערנאכ א זיפ שמייכעלע און זאגט, ארפלאזנדיק דעמ קאפ:

— איכ ווייס נישט, פארוואס, פישקע! מיר איז אצינד עפעס גוט אפנ הארצנ. עס גלוסט זיכ מיר לעבנ...

א היפּשע צײַט האָבנ מיר אוועקגעשמועסט מיט א גרינג הארצ אונ זיכ געמאכט האָפענונגען, ווי גאָט קענ העלפנ, מיר זאָלנ נאָכ אמאָל אופגעריכט ווערנ, אזוי ווי מיר בײדע ווינטשנ. פּלוצלימ הערט זיכ נישט ווײַט פונ אונדז א ביסל אינ דער זײַט עפּעס א קלאפּנ. איכ קוק מיכ ארומ, לאָז מיכ גײנ פּאמעלעכ עטלעכע טריט הארט נעבנ דעמ פּלויט אינ שאָטנ אונ דערזע אפ יענער זײַט געסל אקעגנ — עפּעס א געשטאלט פונ א מענטשנ, וואָס באָברעט זיכ איבער א קעלער. עפּעס האָט עס מיר אינווייניק געטראָגנ, געשטופּט ווײַטער אפ א פּאָר טריט, גוט צוקוקנדיק זיכ, אונ... „א קיענק אימ אינ די בייניע איאנ!" — דאָס איז געוועננ דער מאמוער. ער דרייט אָפּ דאָס שלעסל אונ ווערט באלד פארשווונדנ אינ קעלער ארײַנ, ארויסצוגאנווענענ אלצדינג, וואָס מע שטעלט געווייַנטלעכ אראָפּ אהינ אפ שאבעס. ווי א בליצ לויפט אינ מיר דורכ א געדאנק: פּישקע! אצינד זײַ זיכ אינ אימ נויקעמ פאר דיר אונ פאר דער האָרבאטער, נעבעכ. אצינד האָסטו צײַט. גיכער מאכ צו די טיר פונעמ קעלער, אונ לאָז ער ליגנ דאָרט געפאנגענ, ווי א בער אינ דער נעצ, ביז מע וועט אימ מאָרגנ דערטאפּנ, אימ ברעכנ א בײנ אונ געבנ זײַנ פּסאק. ערשט דענסטמאָל האָב איכ געפילט דעמ טאמ פונ נויקעמ-זיכ-זײַנ, ווי גוט, ווי געשמאק דאָס איז. עס האָט אינ מיר געקאָכט דאָס בלוט, אונ איכ בינ געווענ דול, ווי א שיקער. צולויפנ צומ קעלער, א נעמ טאָנ די טיר אונ צומאכנ זי מיט א קלאפּ — דאָס האָט נישט געדויערט קיינ סאכ צײַט. — אצינד ליג דאָ באגראָבנ ווי א הונט! — זאָג איכ אליינ צו מיר מיט א לאכעלע, טו א נעמ די קליאמקע אונ וויל פארשטעקנ, — דער סקאָבעל אָבער איז אָפּגעבויגנ אינ דער זײַט. איכ צי, שלעפּ, — אומזיסט! עס שטייט נישט צו. איכ טו מיר אָנ א קויעכ, דערלאנג א צי מיט בײדע הענט, אונ אָט-אָט האלט עס שוינ אפ א שטייגער — פּלוצלימ טוט זיכ אָנ עפנ מיט אימפּעט די טיר פונ א געזונטנ שלעפּ אינווייניק, אונ איכ פלי ארײַנ אינ

קעלער, אַנשלאָגנדיק זיכ מיט דעמ מאַמזער דאָרט אפנ טרעפּל. — אזוי, רעב פּישל! — מאַכט דער מאַמזער נאָכ דעמ, ווי מיר זײַנען געשטאַנענ א ווײַלע איינער אקעגנ דעמ אנדערנ שטיל. — דאָס האָסטו מיט דײַנ קאָוועד אליינ זיכ דאָ געפּאָרעט מיט דער טיר אונ געוואָלט צוליב מיר מעכאלעל-שאַבעס זײַנ! זייער אָנגעלייגט, כלעבנ. קומ, קעצעלע, א ביסל אראָפּ אונטנ, אונ לאָמיר דיכ כאָטש א ביסל מעכאַבעד זײַנ...

ער טוט מיכ א שטופּ פונ די טרעפּ אראָפּ, איכ ברעכ שיר נישט האלדז-אונ-געניק אונ צי מיכ אויס אפ דער ערד. — אצינד, מעקאַבל מײַנער, נא דיר דערווײַל אנ אופגאָב, — דערלאַנגט ער מיר א גוטנ זעץ אינ רוקנ: — וועסט שוינ נישט קראַנק זײַנ צו וואַרטנ א ביסל, ביז איכ וועל פאַרנעמענ צו מיר אינ טאָרבעלע דאָס געבראָטענע הינדל, דעמ פּאָלומעסעק פיש מיט דער שיסל פּעטשע, וואָס איכ האָב אינ אײַלעניש איבער דיר דאָ איבערגעלאָזט. עס האָט נישט געדויערט קיינ רעגע, גיט ער מיר ווײַטער א זעץ:

— צייל, פּישקע! — זאָגט ער. — נישט איינס, נישט צוויי, נישט דרײַ, פיר, פינפ... דאָס האָסטו דיר פאַר מיר. אצינד לייג איכ דיר א קנייטל פאַר דער האַרבאַטער. צייל, פּישקע! נישט נײַנ, נישט צענ... וואָס איז דאָס פאַר א גאנג, ארומשלעפּנ זיכ מיט א מיידל באַנאַכט אינ פאַרבאָרגענע ערטער... — נישט צוועלפ, נישט דרײַצנ... איכ האָב דיכ, נישקאָשע, געזענ פריִער, ארומשפּאַצירנדיק מיט איר אינ הינטערגעסלעכ... נישט זעכצנ, דאַכט זיכ, נישט זיבעצנ... — עס האָט אינ מיר זיכ אָנגעצונדנ דאָס בלוט פונ זײַנע לעצטע ווערטער.

— מאַמזער! — טו איכ א געשריי. — דו ביסט נישט ווערט צו דערמאָנענ איר נאָמענ! — שפּרינג דערבײַ טאַקע געשווינד אופ אונ עס זיכ אינ אים אײַנ מיט די ציינ. ס'איז א מילכאָמע! איכ מיט די ציינ, ער מיט די הענט. ביידע האָבנ זיכ שרעקלעכ פײַנט אונ איינער דעמ אנדערנ וויל מאַכנ דעמ טויט. ער רײַסט מיכ מיט קויעכ פונ זיכ

אוועק, האלט מיך שטײַפ אינ די הענט, קוועטשט מיך א שרעק, אונ טוט מיט מיר דערנאָך א װאָרפ װײַט פונ זיך, ווי מיט א קײַלעכל.

— בענטש גוימל, — זאָגט ער, — װאָס מיט כעסעד, װאָס מיר קומט עפּעס נישט אויס דיך דאָ צו באַלדאָוועדנ. בלײַב דאָ, פּישעלע, זיך אויסרוענ ביז מאָרגנ. אָנשטאָט די געפילטע פיש, װעלנ זיי מאָרגנ האָבנ א לעבעדיק פישעלע... א גוטע-נאכט! װאָס זאָגסטו אָנ עפּעס צום װײַב? זי װעט נאָך הײַנט באקומענ דעם גרוס...

מיט די דאָזיקע װערטער גייט ער אוועק אונ פארמאכט די טיר.

די ערשטע זאך מײַנע, אז איך בינ צו-זיך געקומענ, איז געװענ צוגייג צו דער טיר. איך רײַס זי אונ רײַס — אומזיסט די מי, זי איז גוט פארשטעקט פונ דרויסנ. איך וויים נישט װאָס צו טאָנ. קלאפּנ שטארק האָב איך מוירע, מע זאָל נישט דערהערנ, אונ אזוי בלײַבנ איז אויך שלעכט. איך שטיי, אונ דער קאָפּ דרייט זיך מיר פאר שרעק, פאר קאס, פאר ווייטעק אונ יעסורימ פונ די פרישע קלעפּ. איך גיי אראָפּ פונ די טרעפּ, טו מיך א װאָרפ אפּ דער ערד אונ ליג אינ אײנע צאָרעס. נאָר דער געדאנק, װאָס מאָרגנ װעט דאָ מיט מיר זײַנ, ווי מע װעט מיר מאכנ דעם גוטנ בּאָרוכ-האבאָ אונ זיך צונויפלויפנ אָנקוקנ דעמ גאנעוו; עס װעט הייסנ, מע האָט מיך געכאפּט, מיט טויזנט אויסגעטראכטע מײַסעס דערצו, װער אינ גאָט גלייבט װעט מיך שלאָגנ, אונ עס װעט נישט העלפנ פונ זײַנ זײַט קיינ שום טערעצ, — אָט דער דאָזיקער געדאנק האָט מיר געענבערט איג קאָפּ, ווי מיט אנ עגבער, אונ מיך נישט געלאָזט אײַנליגנ. נאָר אינמיטנדערינענ דאכט זיך מיר, ווי עס דראפּעט זיך עפּעס אפּ מיר. איך שטרעק אויס די האנט אונ כאפּ אָנעט א שטשור, װאָס גליטשט מיר זיך פלינק ארויס פונ צווישנ די פינגער מיט א פּישטש. איך שפּרינג אופ פאר שרעק, עס ווערט מיר נישט גוט, אונ עס באשלאָגט מיך א קאלטער שוויים. האלטנדיק זיך

קוימ אפ די פיס, טאפּ איכ אָנעט אינ דער פינצטער א קאלטע, פײַכטע וואנט, צו וועלכער איכ רוק מיכ צו. איכ שטיי אזוי אָנגעשפּארט אינ דער וואנט אונ טראכט מיט א ביטער הארצ: ריבוינעשעלוילעמ, וואָס איז דאָס פאר א לעבנ? פארוואָס שטראָפסטו מיכ אזוי? וואָלט דענ נישט בעסער געווענ פאר מיר, פאר דער וועלט, אז איכ זאָל גאָר נישט געווענ געבוירנ ווערנ? פארוואָס קומט מיר עס אזוי... אזוי מיכ צו באליידיקנ? — בא דעמ דאָזיקנ געדאנק ברעכט מיר דאָס הארצ אונ איכ באוואש מיכ מיט טרערנ. עס וויינט זיכ מיר אונ עס טראכט זיכ: ריבוינעשעלוילעמ, ווו ביסטו! איכ בלײַב דערנאָכ שטיינ דערשלאָגנ, נישט צו וויסנ, וואָס מיט מיר טוט זיכ, עפּעס ווי א גוילעמ. פּלוצלימ גיט א סקריפּ די טיר, א שמאָלער ליכטיקער פּאס שײַנט ארײַנ מיר פאר די אויגנ, אונ עס הערנ זיכ טריט, ווי עמעצער גייט שטיל אפ די טרעפּלעכ. די האָר שטעלנ זיכ מיר קאפּויר פאר שרעק, אָט-אָט טוט מענ מיכ א כאפּ אונ מע רעכנט זיכ מיט מיר אָפּ ווי מיט א גא-נעוו. אונ ווי איכ שטיי אזוי אינ שרעק אונ ציטערניש, האלטנדיק אראָפּגעלאָזנ דעמ קאָפּ, — הער איכ, ווי מע רופט שטילערהייט מיכ באמ נאָמענ: פּישקע, פּישקע! אונ טאקע באלד דערזע איכ נעבנ מיר ז י, די האָרבאטע. איכ ווער לעבעדיק אונ טו א געשריי פאר גרויס פרייד.

— שא! — מאכט זי, אָנעמענדיק מיכ בא דער האנט, — קומ גיכער אוועק פונדאנענ.

— נעשאָמע, דו האָסט מיכ דערהאלטנ באמ לעבנ! — שרײַ איכ שטארק צעמישט פאר סימכע, אונ — איכ בינ זיכ מוידע, צומ ערשטנ מאָל, אונטנ אינ קעלער — טו איכ איר א קוש.

איכ פרעג זי, וואָרומ זי האָט זיכ אהער גענומענ? זי אָבער בעט מיכ שווײַגנ, דערמאָנט מיר, אז מיר געפינענ זיכ באנאכט אינ א פרעמדנ קעלער.

— קומ גיכער, וועסט וויסנ אלצדינג א ביסל שפּעטער, — אזוי זאָגט זי אונ פירט מיכ בא דער האנט ארויס אפ דער גאַס.

גייענדיק אפנ וועג, האָט זי מיר עס דערקלערט גאָר פּאָשעט אזוי: איכ עטלעכע רעגע ארומ נאָכ מײַנ אוועקגאנג האָט איר עפּעס דאָס הארצ געזאָגט, ס'איז נישט גלאט, מע באדארפ גייכ זענ, ווו איכ בינ. זי קומט צו ביז צומ עק פונעמ פּלויט, קוקט אינ אלע זײַטנ אונ דער־זעט אפ יענער זײַט גאס אקעגנ שטייט עמעצער אײַנגעבויגנ נעבנ א דעכל אונ באָברעט זיכ עפּעס. טראכטנדיק, אז דאָס בינ איכ, לאָזט זי זיכ גייכ ווײַטער, אונ צוקומענדיק נאָענט, האָרכט זי עפּעס ווערטער: „אצינד, רעב פישל, ליג דאָ אינ קרענק ווי א הונט, ס'איז שוינ גוט פארשטעקט, נישקאָשע". עס ווערט איר טונקל אינ די אויגנ, אונ זי בלײַבט שטיינ פארדולט. פּלוצלימ וואקסט פאר איר אופ דער מאמ־זער, טוט זי א קניפּ אונ מאכט דערבײַ מיט א שמייכעלע: „גוט־שא־בעס. סקאָצל קומט, רעבעצנ! א שיינ מיידעלע, נישקאָשע! שלעפּט זיכ באנאכט ארומ איבער די גאַסנ אונ נאָכ קלאָמפּערשט פרומ... אהיימ גיי, כצופּע, הולטײַקע אײנע!" — ער טוט זי א שטופּ מיט דער קני אינ רוקנ, אונ זי מוז מיט אימ גיינ, נישט צו רײדנ קיינ וואָרט. אפנ וועג קוקט ער זיכ אלצ ארומ, איבערלייגנדיק די פול אָנגעשטאָפּטע טאָרבע פונ איינ אקסל אפנ אנדערנ, פארגעסט נישט דערבײַ אויכ צו שפּעטנ אונ צו מאכנ מיט איר זײַנע אָנשטעלנ. זי גייט, נעבעכ, שטארק פארומערט, פארזאָרגט. זי ווייסט, אז איכ געפינ מיכ אינ א שלעכ־טער לאגע, אומעגלעכ מיר צו העלפנ, אז דער מאמזער האלט זי נעבנ זיכ אונ לאָזט פונ איר קיינ אויג נישט אָפּ. פּלוצלימ גיבנ זיכ א ווײַז א קומפּאניע יידנ, וואָס גייענ פונ א בענ־זאָכאָר לעבעדיק־פרײלעכ אונ רײדנ, לאכנ הויכ אפ א קאָל, ווי דער שטייגער פונ יידישע קינדער. מע לאכט עפּעס פונ איינעמ, וואָס האָט זיכ פארגעסנ אונ געטראָגנ דאָס פּאטשיילכנ אומ שאבעס. דער מאמזער נעמט זיכ געשווינד אינ

דער זײַט, דרייט זיך אין אײַלעניש און כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ שמאָל געסל. מײַן האַרבאַטע כאַפּט דערוויַל אויך, אַנטלויפט אין דער אַנ־דערער זײַט און ווערט אַנטרונען.

עס פאַרשטייט זיך, זי לויפט געשווינד, מיך אַרויסצונעמען פון דער קלעם. נאָר שטעלט אײַך פאָר איר האַרצווייטיק, אַז זי פאַרדרייט זיך, לויפנדיק אין געסלעך, און קען נישט טרעפן צום אָרט, וווּ מיר זײַנען פריִער געזעסן! זי ווייסט, אַז איך בין אין אַ גרויסער סאַקאָנע, מע באַדאַרף מיך גיכער באַפרײַען, איין רעגע איז אַצינד טײַער, און דאָ דרייט זי זיך און ווייסט נים צו מיר דעם וועג. אַ היפּשע צײַט האָט אַזוי געדויערט, ביז גאָט האָט געהאָלפן, זי האָט געפונען דעם קעלער און מיך באַפרײַט.

מיר גייען אַזוי ביידע און ריידן מיט אַ פריילעך געמיט. איך איר: נעשאָמע מײַנע! דו ביסט מיר הײַנט בײַגעשטאַנען אין די נויטן. און זי מיר: פּישקע! דו האָסט מיר געדינט ווי אַ ברודער נעכטן, געדענקסטו, דאָרט אין הויז, באַנאַכט, נעכטן... גאָר נישט ווײַט שוין פון העקדעש באַפאַלט אונדז אַ מאָרעשכוירע און עס נעמט אונדז אָפּ דאָס לאָשן. דאָס האַרץ האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר גייען נישט אויף קיין גוטס, עפּעס גלאַט וועט שוין די הײַנטיקע נאַכט אַזוי נישט אָפּלויפן.

איין העלפט טויער פונעם העקדעש איז געווען צוגעמאַכט, די אַנדערע העלפט אַ ביסל אָפן, אַזוי אַז אין דעם הויז האָט פון דער גאַס אַרײַנגעשײַנט אַ ליכט. צוקומענדיק צום טויער, שטעלן מיר זיך אַ ווײַלע אַנידער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, דערנאָך נעם איך מיך צום ערשטן אַרײַנצוגיין שטיל. קוים שטעק איך אַרײַן דעם קאָפּ אין הויז, דערזע איך, קימאַט טאַקע אין דעם טויער, דעם מאַמזער, ווי ער זיצט זיך אָנגעלענט מיט מײַן ווײַב, פרעסן פון דער מאָרבע און טוען זיך וויל. דער מאַמזער שושקעט איר עפּעס אין אויער אַרײַן און ווערט

באַלד ווי אויסגעטריקנט. זי שטייט אויף איין אײנ קאַס און כאַפּט זיך אָפּ מיר אַרויף מיט אַ מויל: דו אַזוינער און אַזוינער, אין דײַן טאַטנס טאַטנס אַרײַן! דו וועסט עס בײַ מיר די גאַנצע נעכט מיט אַזאַ הולטײַקע, אַזאַ דראַבקע אַרומשאַרלאַטאַנעווען? דו מיינסט עפּשער, איך ווייס נישט דײַנע מיִעסע גענג? איך ווייס, נישקאָשע, אַלצדינג שוין לאַנג, און שטיק, נעבעך, אין זיך, האָב אַ פֿאַרפֿוילטע גאַל. אַזוי דאַנקסטו עס מיר אָפּ פֿאַר מײַן גוטסקײַט. וואָס איך האָב דיך אַרויסגעפֿירט אין דער וועלט, געמאַכט פֿון דיר אַ לײַט?! דו מיינסט, קעלעוו שעביקלאָוויטש, דאָס וועט דיר געשענקט ווערן? ניין! איך וועל דיר ווײַזן, יונגאַטש איינער, אין דײַן טאַטנס אַרײַן, מיט דײַן דראַבקע, אין איר טאַטנס מאַמעס און מאַמענס טאַטנס אַרײַן! מיט איר אינאיינעם וועל איך דיר ווײַזן, ווער עלטער איז... נאַ, נאַ! — הייבט זי אָן מיך צו שלאָגן, — נאַ דיר פֿאַר הײַנט, פֿאַר נעכטן און פֿאַר פֿריִער, נאַ, נאַ, נאַ, די קאַפּאָרע זאָלסטו ווערן!

איך רײַס מיך קוים אַ לעבעדיקער פֿון אירע הענט אַרויס און לויף אָפּעט עטלעכע טריט ווײַט אויף דער גאַס. זי שטייט נאָך אַ היפּשע ווײַלע אין דרויסן און שרײַט, דערנאָך גייט זי אַרײַן אין הויז, און שרײַענדיק: — ליג ווי אַ הונט אין דרויסן! — פֿאַרשפּאַרט זי פֿאַר מיר דעם טויער מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ.

איך שטיי מיט דער האָרבאַטער, נעבעך, אין דרויסן, און קוקן אונדז אָן. ביידע זײַנען מיר שטאַרק באַטריבט. אונדז ביידע איז אָנגעזאַלצן אויפֿן האַרצן דערפֿון, וואָס דאָ איז ערשט געשען. די צאָרעס לאָזן אונדז ביידע נישט אײַנשטיין אויף איין אָרט, און מיר לאָזן זיך גיין, וווּהין די אויגן קוקן, איינער מיט דעם אַנדערן נישט צו ריידן קיין וואָרט, ביידע פֿאַרטראַכט. אַז איך בין צו-זיך געקומען, זע איך, מיר געפֿינען זיך אויפֿן שול-הויף. דאָס האַרץ האָט מיר געריסן, קוקנדיק אויף דער האָרבאַטער, נעבעך, ווי זי ווערט עס פֿאַרשוואַרצט. די אַנדערע

נאכט אז זי האָט נישט קיין רו! איך טראכט בא מיר, וואָס טוט מען, ווו ערגעץ געפינט מען איר א נאכטלעגער? און עס פאלט מיר אין זייער א גוט אָרט — די ווײַבערשע שול!

אז גאָט האָט געהאָלפן, מיר זײַנען בעשאָלעם ארויף, נאָך גרויס מי, אפ א צעבראָכן טרעפל, וואָס האָט זיך געוויגט, געשאָקלט אונטער אונדזערע פיס, און אין דער פינצטער אָנגעטאפט אן אָפענע טיר, — פאלן מיר פלוצלים אפ עפעס ווייכס. עס ווערט א גערודער, א שפרינגעניש ארום אונדז, אפ אונדז און איבער אונדז. מיר כאפן קלעפ הינטן, אין די זײַטן, נישט צו וויסן, פונוואנען דאָס איז אונדז געקומען. איך וואַרף מיך אהין-אהער, צאפל מיט הענט און מיט פיס און כאפ אָן א באָרד. פון וועמען מיינט איר? א באָרד פון א ציג!.. דאָס זײַנען געווען ציגן, וואָס האָבן, ווי געוויינטלעך, א כאזאקע צו נעכטיקן אינייינעם מיטן קאָהעלשן צאפ אין דער ווײַבערשער שול.

— ווו ביסטו ערגעץ? — רופ איך מײַן האָרבאטע. — שרעק דיך נישט, דאָ זײַנען, אָן אײַנאָרע, זייער פיל ציגן! נישט קיין אָרעם שטעטל, אפאָנעם. איך זוך אוף, טרײַב ארויס די ציגן, זיי זאָלן הײַנטיקע נאכט מויכל זײַן נעכטיקן אין דרויסן. אליין גיי איך טאקע באלד אויך ארויס, זאָגנדיק איר א גוטע-נאכט, און מאַך גוט צו די טיר.

באם ארונטערגיין פונעם טרעפל שטעלט מיר זיך אקעגן דער צאפ, אָנגעבויגן דעם קאָפ מיט די לאנגע הערנער, שטארק אָנגעדרודלט דערפאר, וואָס איך האָב אזוי מיעס באליידיקט זײַנע ווײַבער. איך ראנגל מיך מיט אים אוועק א צײַט, ער לאָזט מיך נישט אָפ און גייט מיר נאָך פוסטריט, ביז מיר איז געראָטן ארײַנצוכאפן זיך אונטן אין קלײַזל ארײַן.

אין קלײַזל ליגן אפ טיש און אפ בענק אויסגעצויגן מעקאבלים און שלאָפן ווי די פריצים, איבערפײַפנדיק זיך מיט נעז צווישן זיך

אפּ אלערלײ קוילעס. א מעכײַע געווען צו זען, ווי געשמאק, אָנ אײַנאָ-רע, זײ זײַנען געשלאָפן. מעקאבלימ איז טאקע אפּ דער וועלט גוט, — האָב איכ מיר געטראַכט און זײ אינ הארצנ מעקאנע געווען. דאָס זײַנען עפּעס גאָר אנדערע מינע קאפּצאָנימ, נעגידישע... איכ זוכ מיר אויס אנ אָרט אונטערנ אויװנ, טו מיכ א וואָרפ דאָרט אפּ א באנק און ווער באלד אנשלאָפן. נאָר מיר איז אָבער נישט באשערט קיינ גוטס אפּ דער וועלט. עס דויערט נישט לאנג, וועקט מענ מיכ אינ רעכטנ מיטנ שלאָפ: יונגערמאנ, שטייט, זײַט מויכל, אופ! איכ רײַב אויס די אויגנ און דערזע פאר מיר היפּש ידנ מיט ערנסטע פּענעמער. דאָס זײַנען געווען פונ דער כעוורע-טילימ, מענטשנ, וואָס קומענ אלע שאבעס גאנצפרי זאָגנ טילימ, און האָבנ זײער אָרט דאָ אונטערנ אויוונ. אייכ ברײַרע — מע מוז אופּשטיינ. איכ גיס אָפּ נעגלוואסער, זעצ מיכ אנידער, קוים וואָס איכ האלט דעמ קאָפּ, צי מיכ, גענעצ און זאָג טילימ.

20

פאָב דעמ פּסאק, וועלכנ איכ האָב יענעמ פּרײַטיקצונאכטס פונ מײַנ ווײַב געכאפּט, איז שוינ פארענטפערט געוואָרנ אלצדינג, וואָס איר מעשוגענע אופירונג אקעגנ מיר אינ דער לעצטער צײַט באטײַט. עס האָט זי געברענט מײַנ כאווער-זײַנ מיט דעמ האָרבאטע מיידל, וואָס דער מאמזער האָט עס איר איבערגעגעבנ מיט טויזנט אָפּגעטאָקטע ליגנ. ער האָט בא זיכ געקלערט, אז דורכ דעמ וועט מײַנ ווײַב מיכ נישט וועלנ מער קענענ, א שפּײַ טאָנ אפּ מיר און אנ עק. ס'איז אָבער געווענ א פאלשע רעכענונג. אָנשטאָט דעמ, זי זאָל מיט א קאלטער לעבער מיכ לאָזנ לויפנ מײַנ וועג און אפּ אייביק מיט מיר זיכ צעגיינ, האָט גאָר אינ איר געברענט א העליש פײַער. סטײַטש, איר

מאַנ זאָל אַזוינס טאָנ! עפּעס אַ האָרבאַטע מיידל זאָל פּישקענ בעסער געפעלנ פונ איר! דאָס איז דאָכ אַזאַ באַליידיקונג, וואָס שווער אַראָפּ-צושלינגענ. ניינ, מע קענ אַזוינס נישט דערלאָזנ.

— אײַ, די קאַשע איז דאָכ, פאַרוואָס זי... דײַנע, מיינ איכ, מיט דעמ מאַמזער?.. — קענ זיכ אַלטער נישט אײַנהאַלטנ אונ טוט אַ פרעג מיט אַ געמאָרע-ניגנ.

— זײַט איר, דאַכט זיכ, גאַנצ גערעכט, — ענטפערט פּישקע, — נאָר אַפ אַזויפיל האָב איכ אינ דער גלופּסקער באָד מיכ אויסגעלערנט סייכל, צו פאַרשטיינ, אַז דאָס איז קיינ קאַשע ניט. ווו נאָכ ערגעצ ריכט מענ פונ איטלעכנ אָפּ מער ווי אינ דער באָד? אונ ווער? דאַפּקע אַזעלכע, וואָס האָבנ געמעגט, כלעבנ, טאַקע שטומענ. איינער, וואָס האָט קיינ וואָר וואָרט נישט, שפּעט אויס יענעמ, אַז ער איז אַ ליגנער; אַזעלכער, וואָס מע טאָר אימ קיינ גראָשנ נישט געטרויענ, רעדט אָפ יענעמ, ער איז אַ גאַנעוו; אַ קאַרגער, וואָס וועט פאַר אַ פּעניג זיכ די אויגנ אַרויסנעמענ, לאַכט: יענער איז אַ כאַזער! אַ שלעכטער מענטש, וואָס האָט אַ שטיינערנ האַרצ, רופט יענעמ ראָשע, אונ אַזוינער, וואָס פאַר אַ פּיצל קאָוועד איז ער פאַרטיק אָפ אַלצדינג, באַרעדט יענעמ, אַז ער לעכצט נאָכ קאָוועד. בערל דער שמײַסער פלעגט אַמאָל צווישנ זיכ אינ אַ שמועס זיכ אָנכאַפּנ באַמ קאָפּ: אײַ, אײַ! איכ פאַרשטיי נישט, ווי לייגט זיכ עס די צונג אָפּצוריכטנ פונ יענעמ, וויסנדיק זייער גוט באַ זיכ, אַז מענ איז אַליינ אַ גאַנעוו אַ ליגנער, אַ כאַזער, אַ שלעכטער, אַלצדינג, וואָס אינ דער קאָרט!

— הערסטו, כאָכעמ מײַנער! — פלעגט אימ אָפּענטפערנ איציק דער היטער. — דאָס איז טאַקע די גאַנצע צאָרע, וואָס מע ווייסט נישט. זײַנע פליי אינ דער נאָז זעט נישט קיינער, אונ יענעמס אַ שפּרענקעלע איז דעמ אַנדערנ גרויס אינ די אויגנ.

שמערל, אײנער פונ יענע באטלאָנים, װאָס האלטנ זיכ אופ אינ באָד, פלעגט מאכנ מיט א שמײכעלע, אָנעמענדיק זיכ באם בערדל: לאָזט זיכ דינענ, רעב בערל! לאָזט זיכ דינענ, רעב איציק! איר האָט בײדע א טאָעס. דער עמעס דערפונ איז, װי איכ האָב דערקלערט, פּאָשעט אזױ: איטלעכער בא זיכ מײנט, ער מעג, דער אנדערער — טאָר נישט.

— גערעכט, שמערל! — לאָז איכ ארױס אפ א קאָל, אונטער-שפּרינגענדיק פונ מײַנ אָרט, אונ פארטראכט מיכ טאקע באלד. שמערלס װערטער האָבנ אונטערגעגעבנ װײַטער דעמ טײַװל, װאָס ליגט אינװײניק בא איטלעכנ פונ אונדז, זינדיקע מענטשנ. ער כאפּט זיכ אופ אינ מיר מיט א שטעכנדיק געלעכטערל, גראבלט מיר באמ הארצנ, צעטראָגט מיר דעמ מוֹיעכ, אופרירנדיק דאָרט מײַנע אלע געדאנקענ, אונ קראצט אױכ אױס עפּעס אלטע מײַסעס, פארלעגערטע אינ דעמ זיקאָרנ. עס װערט אינ מיר א קאָכעניש, א יאריד פונ אלערלײ מינע געשטאלטנ, װאָס זײַנענ פּלוצלימ װי פונ דער ערד אױסגע-װאקסנ, אונ אָנװײַזנדיק אפ זײ, רעדט אױס מיר דער רוּעכ ארױס שטארק פארקרימענדיק זיכ:

— אָט האָסטו דיר די אלע שײנע-נעפאשעס! זײ אלע מעגנ, מעגנ, מעגנ...

די דאָזיקע שײנע-נעפאשעס דרײענ זיכ אינ דעמ האנדל, אינ שטאָטישע זאכנ, אינ כעװרעס, אינ דעמ ײִדישקײַט אונ אינ דער גאנ-צער פירונג. װײַבער אונ װײַבלעכ אלע סאָרטנ, פונ דער אלטער אונ הײַנטיקער װעלט, זײַנענ אױכ דאָ אפנ יאריד. — שאָלעמ-אלײכעמ, פּארשױנענ! — מאכ איכ אלײנ צו מיר. — גאָט װײסט דעמ עמעס, אז איכ בינ גערנ אײַער פּאָנעמ נישט אָנצוקוקנ אונ דעמ נאָמענ אײַערנ מער פאר דעמ מױל נישט צו ברענגענ. אזױ נימעס-אומאָעס זײַט איר מיר געװאָרנ. נאָר װאָס קענ מענ טאָנ? אז דער שװארציאָר האָט אײַכ

אצינד געבראכט צו טראָגנ. קענ מענ אײַך אזוי נישט אָפּלאָזנ. מע מוז אימ צוליב טאָנ און פונ איטלעכנ באָטש עפּעס דערציילנ.

— וואַרט א ביסל, פּישקע! האָט קיינ פּאַריבל נישט, רעב אל-טער! — רופ איך מיך אָנ. — איך האָב אײַך עפּעס צו דערציילנ, נאָר לאָמיך א ביסל מיך באטראכטנ, — אונ, טראכטנדיק דאָ אזוי, גיב איך א נעמ איינעמ פונ דער גוטער קנופּיע: — קומ צומ סמיק! ער וואַרפט זיך מיט הענט אונ מיט פיס, קרעכצט, שרײַט, ווי דער געפּענטעטער האָנ בעשאס קאַפּאַרעס-שלאָגנ. די איבעריקע לײַט קוקנ מיך אָנ קרומ אונ מאכנ א בייזע מינע, איך זאָל שווײַגנ. נאראָנימ! טראכט איך בא מיר, איך הער אײַך ווי דאָס מילכיקע קלינגל. מיך וועט איר מיט „בו“ אינ אנ איבערגעקערטנ פעלצ נישט איבערשרעקנ. מאלפּעס זײַט איר, נישט קיינ בערנ... דער טײַוול צעהיצט זיך אינ מיר אונ גיט מיר אונטער כיישעק: אזוי, אזוי! נעמ זיי, נעמ זיי צומ סמיק, די אלע שיינע-נעפּאשעס! — הערט, זײַט מויכל, רעב אלטער, א שיינע מײַסע. אינ א יידישער שטאָט ערגעצ זײַנענ די פײַנע-לײַט, וואָס דער שטייגער זייערער איז... — הייב איך אָנ אזוי צו דערציילנ אונ בלײַב אינ דער מיט רייד ווי דערוואָרגנ. די ווײַבער ווינקענ צו מיר מיט א געבעט. גוטער, זיסער רעב מענדעלע, האָט ראכמאָנעס, זאָגט נישט אויס!.. זיי מאכנ כיינ, קוקנ אונ בעטנ מיך מיט ברענענדיקע אייגעלעכ. דער ווײַבערשער כיינ מאכט מיך ווייך ווי א טייג, פונ זייערס א בליק ווער איך צעשמאָלצנ. דערבײַ דערמאָנ איך מיך אינ מײַנ ניידער, אײַנצו-קויפנ זיך אינ דער כעווורע פּעטערס. כאפּט אײַך דער וואטלמאכער! מאכ איך מיט א שמייכעלע אונ ווענדנדיק זיך צו אלטערנ, זעצ איך צו: — זיי מיינ איך, יענע פײַנע-לײַט אינ דער שטאָט דאָרט. עפּעס גלוסט מיר זיך הײַנט נישט דערציילנ מײַנ מײַסע. לאָזנ זיי גיינ צו אלדי שווארצע יאָר!.. האָט קיינ פּאַריבל נישט, רעב אלטער.

— פארקערט... מאכטייסע, פונמײַנטוועגנ מעגנ זײ אויכ, כאָטש באלד, די קאַפּאָרע ווערנ. נאָר וואָס איז דאָס פאר א גאנג, יע-נעמ איבערשלאָגנ, ארײַנפאלנ אימ אינ די רייד מיט מײַסעס, אײַערע מײַסעס!.. — אזוי רופט זיכ אָנ אלטער אונ קוקט מיכ אזוי א ווײַלע אָנ, מאכנדיק מיט די אקסלענ, עפּעס אזוי, גלײַכ ווי גערעדט: א לע-בעדיקער זאק, מישטיינסגעזאָגט, עס שיט זיכ פונ אימ נײַנ מאָס רייד אָנ אנ אופהער. שטארק נייטיק, כלעבנ, זײַנע מײַסעס. טאָמער ווייסט איר צו וואָס?.. אונ א מאכ געבנדיק דערנאָכ אינ דער זײַט א פּאָר מאָל: — פּע, פּע! — טוט ער א טאָרקע פּישקענ: — נו, וואָס? מיילע, בעקיצער, דער שפּיץ?

פּישקע הייבט אָנ אפּ זײַנ שטייגער, איכ גאָב אימ ארבעט אפּ מײַנ שטייגער, אלטער טרײַבט אונטער אפּ זײַנ שטייגער — אונ די מײַסע דערציילט זיכ ווײַטער אזוי:

— די צײַט איז זיכ דערווײַל געגאנגענ, אונ איכ מיט מײַנ ווײַב זײַנענ מיר אלצ וואָס ווײַטער זיכ מער פאנאנדערגעגאנגענ. זי האָט נאָכ שטארקער זיכ איזניובעט מיט דעמ מאמזער, זײַנענ געוואָרנ כא-ווער-לאפּ, גאנצ נאָענטע שמעלקעס, אונ פלעגנ שוינ ביידע, ווי א פּאָ-רעצ מיט א פּריצע, אינ די הײַזער ארומגיינ. מיר האָט עס שוינ מער נישט אזוי אויסגעמאכט, דער קאָפּ איז מיר געווענ שטענדיק פאר-דרייט מיט דער האָרבאטער, נעבעכ, זי איז מיר קיינ רעגע פונעמ זינענ נישט ארויס. גייט אײַכ, האָב איכ געטראכט, פונמײַנטוועגנ כאָטש אינ דער ערד, וואַרגט זיכ ביידע מיט די הײַזער! באמ באגע-גענענ זיכ אמאָל מיט די פּאָר-לײַט, פלעגט דער מאמזער מיכ אָנקוקנ מיט געשפּעט, עפּעס ווי גערעדט: איכ האָב דיר אָנגעפּײַפּט גוט, ניש-קאָשע... איכ האָב געוויינטלעכ אויסגעשפּיגנ אונ בינ מיר געגאנגענ מײַנ וועג, טראכטנדיק בא זיכ: אונ אז דו שלעפּסט זיכ מיט איר ארומ, וואָס העלפט עס דיר? אז זי איז אנ איישעס-איש. הע-הע, גוט

פּאַרטשוואָקעוועט, נישקאָשע! אָבער איך האָב דיר אויך אָנגעפּײַפט, דו מאַמזער אײנער! פּוקע זיך, װער צעזעצט...

מיט מיר האָט אָנגעהויבן אין די הײַזער אַרומצוגײן אַן אַלטיטש־קער, פון עם מאַמזערם פּעקל, א ראָשע־מערושע, א נאַטקע גאַנעוו אַזוי ווי ער. און ער האָט עס געמאַכט מיט מיר גאַנץ גוט. איטלעכער האָט אים געמוזט געבן, אַזאַ ראַכמאָנעס־פּענעמל פֿלעגט ער קענען מאַכן, אָנװײַזנדיק אַלץ מיט א קרעכץ טיף פון עם האַרצן אַף מיר, ביטערע קאַליקע. געהײסן האָט עס עפּעס: א װיסטער טאַטע מיט אַן אומגליקלעכן קינד, נעבעך! — הינק, פּישקע, הינק גוט, טאַכשיט מײַנער! — פֿלעגט ער מאַכן, אונטערשטופּנדיק מיך פון הינטן, באַם אַרײַנקומען אין א שטוב. — פּאַרקרים דאָס פּענעצל און זיפּץ, זיפּץ, דו הונט אײנער. זײ װעלן מיר, נישקאָשע, פּאַר דײַנס א זיפּץ באַצאָלן. — אַפּן װעג גײענדיק, פֿלעגט ער מיך אַלץ לערנען מאַכן די שפּיל, אָפּשפּעטן פון די באַלעבאַטים, א קניפּ, א צופּ טאָן און שילטן מיך דערבײַ: פּאַרכאַפּט זאָלסטו װערן! גאָר אין גוטן מוט. אײנמאָל האָט ער מיר, אין שפּאַס קלאָמפּערשט, געגעבן א באָכענצע אין האַרצן, דאָ אין לעפּעלע, אַזוי אַז איך האָב שיר די ניכפּע נישט באַקומען. די נעדאָװעס פֿלעגט ער געװײנטלעך צו זיך צונעמען, און ס'איז מיר שװער געװען א גראָשן בא אים אויסצורײַסן. — װאָס טויג דיר, פּישקע, געלט? — פֿלעגט ער שפּאַסן, — אַז דו ביסט אַלײן געלט! דו זאָלסט מיר דערלעבן הינקען מיט די פּיסלעך און קרענקען אַף אַלע גלידערלעך, ביז דו װעסט מיטן קעפּעלע אָנלײגן, טאַכשיט מײַנער! — אײנמאָל בין איך צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, עס האָט מיך געצװוּנגען די נויט, און האָב געבעטן בײלעק מיטן האַרבן װאָרט. א קוק געבנדיק, אַז איך מאָן אים דאָ אַזוי, האָט ער געפּנט אַף מיר א מויל: — שטום, קרומער הונט! אומזיסט װעסטו דאָס פּאָרן בא מיר אין בויך, אומזיסט װעל איך דיך, אַזאַ נעװײלע, אַרומפירן

דאָ? טאַרבעס, שייגעצ! איכ וועל דערציילנ דײַנ ווײַב. איכ קענ דיכ
נישט אונ האָב מיט דיר נישט וואָס צו טײַנע. קענענ קענ איכ נאָר דײַנ
ווײַב. זי האָט דיכ מיר איבערגעגעבנ, פונ איר האָב איכ אזא סכוירע
באקומענ, אונ מיט איר וועל איכ שוינ מיסטאמע זיכ אָפּרעכענענ...

שלעכט! אצינד האָב איכ גאנצ קלאָר ארויסגעזעענ, אז איכ בינ
בא דער כאליאסטרע אזוי, ווי א בער בא די ציגײַנער. מע פירט מיכ
ארומ צו מאכנ מיט מיר די קאָפּעקע. מע האָט בא מיר צוגענומענ מײַנ
ווײַב, זי ארײַנגענארט אינ זאק ארײַנ, אונ זי העלפט נאָכ זיי אויכ
אונטערקעגנ מיר, זי גיט מיכ איבער, ווי סכוירע, הולטײַעס, גאנאָ-
ווימ אינ די הענט... שלעכט, בימער, ס'איז שוינ גאָר אויס וועלט.

איכ האָב שוינ ארויסגעזעענ — ס'איז פארפאלנ. צווישנ מיר מיט
מײַנ ווײַב וועט שוינ קיינ לעבנ מער נישט זײַנ. הײַנט צו וואָס, האָב
איכ געטראכט, זאָל איכ מיכ דאָ האלטנ? מע באדארפ אנטלויפנ, ווי
צומ גיכסטנ אנטלויפנ. א טאָג אנ איבעריקער צווישנ אזעלכע גאנאָ-
ווימ איז א זינד פאר גאָט. דאָס זײַנענ דאָכ מענטשנ, וואָס האָבנ
נישט קיינ גאָט אינ הארצנ, וואָס טוענ נישט קיינ האנט אינ קאלטע
וואסער ארײַנ, אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ אינגאנצנ דעמ יאָכ, ווילנ נישט
וויסנ פונ קיינ ארבעט, פונ דײַגעס-האפּארנאָסע אונ זיכ אָפּ אנדערע
אָנגעוואָרפנ. נאָגנ, זויגנ ײדיש בלוט אונ זײַנענ נאָכ זיי דאמ-סאָנימ.
איכ אליינ בינ בא מיר אויכ מיעס אראָפּגעפאלנ, באטראכטנדיק מײַנע
אלע גענג אינ דער גאנצער צײַט צווישנ דעמ דאָזיקנ פּעקל שלעכטע
מענטשנ. גאָר ניט דער אייגענער, וואָס פריער. עס האָט צו מיר זיכ
צוגעקלעפּט פיל נישט קיינ שיינע זאכנ פונ זיי. איינ מיטל פּאָטער צו
ווערנ פונ אזויפיל צאָרעס אונ בייז — איז ארויסצורײַסנ זיכ פונעמ
מיעסנ פּעקל אונ ווײַכנ זיי ווי אנ איפּעש. נאָר וואָס טוט מענ אָבער
מיט א י ר? ווי לאָזט מענ איבער זי, די האָרבאטע מײַנע? מיר איז
פירגעקומענ, ווי איכ שטיי אינ א פארדאָרבנ אָרט, א שרעקלעכע

גרוב, נאָר א געהענעם. אין איין אויער ארײַן שרײַט מיר עפּעס א קאָל: פארשפיל נישט דײַן נעשאָמע, פּישקע, ווי גאָט איז דיר ליב, אנטלויף! און אין דעם אנדערן אויער קלינגט מיר פון דער האָרבא-טער מײַנער א קאָל: פּישקע, פּישקע!.. מע באדארף אויסקלײַבן איינס פון ביידע: אָדער אהין אין דער ליכטיקער וועלט, ריין פון זינד, פון צאָרעס און בייז, אָדער דאָ אין דעם געהענעם, נאָר איינייִנעם מיט איר. איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאר די זינד! — איך בין געבליבן ווײַטער בא דער כא-ליאסטרע...

שפּעטער ערשט אין א צײַט ארום איז מיר אין קאָפּ ארײַן א געדאנק, מיט דער האָרבאטער אינייִנעם אנטרונען צו ווערן פונעם גוטן פּעקל. נאָר דאָס אָבער האָט דאָך אנדערש נישט געקענט זײַן, סײַדן אופגעבונדן צו ווערן פריִער פון מײַן ווײַב. וואָס וועט דער טאכלעס זײַן פון מײַן ארומפירן זיך מיט א מיידל גלאט אזוי? די וועלט וועט מומלען און טראכטן גאָט ווייסט וואָס... איינס רעפוע איז דאָ — געט! נאָר וועט מײַן ווײַב אָבער, טראכט איך בא מיר, וועלן נעמען געט? זי איז דאָך א שלאק, אן אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען. אז איך וועל זאָגן געט, וועט זי, מיר אפּ צעשפּרינגעניש, זאָגן: ניין! די גרעסטע האנאָע, אין דער לעצטער צײַט, איז בא איר געווען מיך צו פּײַניקן און צו טאָן מיר אין דער גאַל ארײַן. פונדעסטוועגן האָט עס מיך נישט אָפּגעשראָקן, און האָב מיר פירגענומען ארום דער זאך צו ארבעטן מיט גוטן אָדער מיט בייזן, עפּשער וועט גאָט ראכמאָנעס האָבן. דערווײַל האָב איך די זאך געהאלטן בא מיר בעסאָד, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

זינט דער מײַסע מיט דעם אלטיטשקן האָב איך פאר גרויס פאר-דראָס מיט קיינעם פון דער כאליאסטרע מער נישט געוואָלט אין די הײַזער ארומגיין. דאָס האָט מיך גענוג צאָרעס געקאָסט, נאָר איך האָב

מיכ אײַנגעשפּאַרט: מײַנ טויט זאָל דאָ זײַנ, ווײַל איכ מער קײנ בער נישט זײַנ באַ די דאָזיקע ציגײַנער. דער מאַמזער מיט זײַנ פּעקל לײַט זײַנענ דערמיט שטאַרק ניט צופרידנ געווענ אונ האָבנ מיר מיט די הענט געוויזנ, ווער עלטער איז. שלאָגנדיק מיכ איינמאָל, רופנ זיי זיכ אָנ: פּאַרוואָס זשע זאָלנ מיר דיכ אומזיסט פירנ, שײנע סכוירע, אַז דו ווילסט נישט אַרבעטנ, ווילסט נישט פאַרדינענ? גיי דיר אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — אַפּילע די רעגע, — ענטפער איכ זיי. — גיט מיר אָפּ מײַנ ווײַב, מײַנ ווײַב! — זיי האָבנ זיכ אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערנ אונ אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער. עס פאַרשטייט זיכ, אַז דאָס, וואָס איכ האָב געזאָגט גיט מיר אָפּ מײַנ ווײַב, איז נאָר געווענ אַנ אויסרייד. אינ האַרצנ האָב איכ גאָר געמיינט: האַלט זיכ מיט איר, מיט אײַער שטיק סכוירע, אונ לאָז זי נעמענ בא מיר געט. עמעס טאַקע, פונ די קלעפּ, וועלכע איכ האָב געכאַפּט פאַר מײַנ אַקשאָנעס, האָט מיר גוט ווי געטאָנ, נאָר דערבײַ האָט מיר האַנאָע געטאָנ, טראַכטנדיק בא זיכ: נישקאָשע! דאָס וועט מיר ניצנ צום אײַסעק. אַז זיי וועלנ זענ, איכ בינ אײַנגעשפּאַרט אונ טויג זיי מער נישט, וועלנ זיי גערנ זײַנ מײַנער פּאָטער צו ווערנ, אונ דאָס וועט מיר דערנאָכ העלפנ צום געט.

21

באַסיע! — גיב איכ אַ זאָג צו מײַנ ווײַב, צושאַרנדיק זיכ צו איר מיט גוטנ איינמאָל, אַז מיר זײַענ געווענ אַליינ, אונ געוואָלט אינ אַ שמועס מיט איר אַ טאַפּ טאָנ וועגנ געט, — וואָס האָסטו, באַסיע, צו מיר?

— ווער די קאַפּאָרע, פּישקע! — באַקום איכ פונ איר אַ קורצ'נ טשוווע.

— אָט האָסטו דיר! — מאכ איכ ווי אָנגעברויגעזט זיכ. — איכ מיט איר אלצ אדראבע-וועאדראבע, און זי אלצ קידער-ווידער: ווער די קאפּאָרע, פּישקע! פאר וואָס?

— באקומ זשע די כיכפּע! — זאָגט זי מיט א קרומ פּאָנעמ, אוועקרוקנדיק זיכ פונ מיר.

— זאָלסט מיר געזונט זײַנ, באסיע! — רופ איכ מיכ אָנעט מיט גוטנ, — ווארפ, כלעבנ, אוועק דײַנע נארישקײַטנ, און לאָמיר לעבנ ווי גאָט האָט געבאָטנ...

— ווער די קאפּאָרע, פּישקעניו, מיט דער הולטײַקע דײַנער אינײנעמ!

א-א, ווער די קאפּארע דו בעסער מיט דעמ מאמזער דײַנעמ! — טראכט איכ בא מיר — און ארויס מיט דער שפּראכע גאנצ רײנ: הער אויס, באסיע! ווי זאָגט מענ עפּעס, א באס-יִסראָעל נײט מענ נישט. ווילסט נישט קײנ לעבנ, איז דאָכ דאָ דערופ בא ײדנ א געט. רויט אָדער טויט!

— אהא, די הולטײַקע גלוסט זיכ אימ! זיכער פּאטערנ דאָס ווײַב און האָצעניו מיט דער דראבקע! א, נישט דערלעבנ זאָלט איר עס! גיכער וועט איר בײדע מיטנ קאָפּ אָנלײגנ. נישקאָשע, עס וועט איר נישט געשענקט ווערנ, דער כצופּע דײַנער. קײַענ וועט זי פונ מיר די ערד, הערסטו, פּישקעלע? אינ טאטנס טאטנס...

מײַנ ווײַב האָט זיכ צעשריגנ אזוי, אז איכ האָב געכאפּט די פּיס אפ די פּלײצעס און אוועק.

מיט מיר איז געשטאנענ שמאָל. שלעכט ארומ און ארומ. איכ אלײנ האָב קײנ האָניק נישט געלעקט, בינ פארשווארצט געוואָרנ, און די האָרבאטע, נעבעכ, האָט אויכ געהאט איר ערלעכ אויסקומעניש. זי האָט געכאָסנ אינ מײַנ זכוס. מײַנ ווײַב האָט זיכ פארהאלטנ צו איר, ווי א באלעבאָסטע, געהאט איבער איר צו שאפנ. נאָר עפּעס נישט

נאָכ איר ווּנטש, האָט זי מיט איר זיכ גוט אָפּגערעכנט, און דער מאמזער פונ זײַנ זײַט האָט איר געמאכט א פינצטערנ פּסאק באזונדער. אז אָכ-און-ווײ איז אונדז בײדע געווענ. אונדזער גאנצע טרײסט איז געווענ, וואָס שפּעט באנאכט, ווענ אלע האָבנ געשלאָפנ, פלעגנ מיר זיכ ארויסגאנווענענ אינ דרויסנ, צו שמועסנ כאָטש א ביסל און אײנער דעמ אנדערנ אויסצוגיסנ דאָס שווערע ביטערע הארצ.

אײנמאָל זיצנ מיר זיכ אזוי בײדע באנאכט נעבנ דער גרויסער שול. דער הימל איז אויסגעשטערנט, און ארומ אונדז איז שטיל. נישטאָ קײנ לעבעדיק באשעפעניש. זי זיצט נעבנ מיר אפ א שטײנ, אײַנגעגניורעט, אײַנגעהויקערט, טרערנ גיסנ איר זיכ פונ די אויגנ, און ברומבלט פאר זיכ שטארק אומעטיק איר באקאנט לידל:

...דער טאטע האָט מיכ געקוילעט,
די מאמע האָט מיכ געגעסנ...

איטלעכס וואָרט אירס שנײַדט מיר דאָס הארצ ווי מיט א מעסער. איכ טרײסט זי, נעמ זי אײַנ מיט גוטע רײד. אָט נאָכ א ביסל וועלנ מיר, אימירצעשעמ, אופגעריכט ווערנ. איכ מאכ איר א גאנצ צעטל פונ אונדזער לעבנ שפּעטער, אז מיר וועלנ מיט דעמ אײבערשטנס הילפ בײדע פונ צאָרעס אויסגעלײזט ווערנ. איכ שטעל איר אנידער פאר די אויגנ אלצדינג לעבעדיק, מאָל איר אויס די גלופּסקער געמויערטע באָד מיט איטלעכס פּיצעלע דאָרט. ווי איכ וועל מיכ אהינ ווײַטער ארײַנדרײענ, און אז גאָט וועט דערהויבנ דאָס מאזל, קענ איכ מיט דער צײַט באקומענ דאָרט א שטעלע פונ א היטער. זי אלײנ קענ עפּשער אויכ מיט דער צײַט האָבנ דאָרט א טועכצ: זײַנ א טוקערנ אָדער עפּעס אנדערש אזוינס. און ווענ נישט, קענ מענ אינ גלופּסק אויכזוכנ אנדערע מינע פּארנאָסעס. פאר אָרעמעלײַט איז גלופּסק ערעציסראָעל,

זי איז, אַנ אײַנאָרע, גרויס, הײַזער זײַנענ דאָ ווי מיסט. די מענטשנ זײַנענ אַנ כאָכמעס, ווייסנ ניט פונ קיינ צערעמאָניעס, איטלעכער טוט זיכ, וואָס ער וויל, אונ ס׳איז רעכט. דאָרט קענענ, אשטייגער, גאנצ שיינע באלעבאטימ זיכ גיינ אָפּגעריסנ, אָפּגעשליסנ, פארדריפּעט ביז דעמ האלדז — אונ גאָרנישט; אָדער אינמיטנ העלנ טאָג זיכ שפּאַצירנ אפ דער גאס אינ עפּעס א פארשמאָלצעוועט כאלאטל, צעכראַסטעט — אונ גאָרנישט. אָדער פארקערט, אָרעמעלײַט קענענ גאָר אמאָל ארויסגיינ אָנגעטאָנ אינ זײַד, אינ סאמעט — אונ אויכ גאָרנישט. דאָרט איז שווער אונטערצושיידנ צווישנ קאפּצאָנימ אונ נעגידימ, נישט אינ דער האלבאָשע, נישט אינ דעמ גאנצנ פירונג. זייער אָפּט מאכט זיכ, אז גאבאָימ אינ אלערליי כעוורעס דאָרט זײַנענ אליינ פאר זיכ גאָר קאפּצאָנימ, צוּענ זיכ דערפונ דאָס שטיקל פּארנאָסע איניי-נעמ מיט די רײַכע, איינער העלפט דעמ אנדערנ, אונ ס׳איז זיכ א גוט לעבנ. אָרעמ איז נישט קיינ שאנד. מע באדארפ נאָר האָבנ מאַזל, ווערט מענ אופגעריכט באלד. וויפל זײַנענ דאָ אזוינע, וואָס ערשט נישט לאנג זײַנענ זיי געווענ קליינ, נידעריק, מעשאָרסימ, קאפּצאָנימ, נעבעכ, אונ פּלוצלימ געוואָרנ לײַט, גאנצע פירער, קאָל-ווערלאָכ אינ דער שטאָט! מעגלעכ גאָר, אז איכ אליינ, ווי דו קוקסט מיכ אָנ, קענ מיט דער צײַט אויכ ווערנ א טוער, א מאכער, אונ עס וועט, אימיר-צעשעמ, זײַנ גוט. מיר וועלנ לעבנ אינ אוישער אונ קאָוועד אונ נאַכעס. לאכ נישט, נעשאָמע מײַנע, איכ בינ גאָר ניט צו ווײַט פארקראָכנ. אינ גלופּסק איז אזעלכס גאָר פונ די געוויינטלעכע זאכנ. מע באדארפ נאָר גלייבנ אינ גאָט, בא, זיכ נישט זײַנ ארויפגעפאלנ אונ זײַנ א ייִד... מיט ביטאָכנ. אכ, גלופּסק, גלופּסק! ווי דערלעבט מענ שוינ זיכ ארויסרײַסנ פונ דעמ מיִעסנ פּעקל אונ גיכער, מאמע, צו דיר!

— אכ, פישקע! איכ האָב שוינ קיינ קויעכ נישט מער אויסהאלטנ, — זאָגט די האָרבאטע מיט א זיפצ טיפ פונעמ הארצנ, אָנ-

שפּאַרנדיק זיכ מיטנ קאָפּ מיר אפנ אקסל, אונ אפּ דעמ פּאָנעמ איז איר געלעגנ עפּעס ווי א געבעט. איכ גלעט זי, טרייסט זי אונ שטארק זי מיט גוטע האָפענונגענ. זי ווערט א ביסל פריילעכער, קוקט מיר גלײַכ אינ די אויגנ אַרײַנ אונ לאַכט. — פּישקע! — זאָגט זי שטיל. — דו ביסט מײַנ אײנציקער אפּ דער גאַנצער וועלט. ביסט מײַנ טאַטע, מײַנ ברודער, מײַנ פרײַנט, מײַנ אַלצדינג. זע, פּישקע, זײַ מיר געטרײַ אונ פארגעס מיכ נישט. שווער מיר דאָ בא דער שול, ווו עס דאַווענענ אַצינד די מײסימ אונ צווישנ וועלכע עס געפינט זיכ עפּשער אויכ מײַנ טאַטע, וועלכנ איכ האָב ווײניק געקענט, אונ איז אַנ אײדעס. שווער מיר, אַז טאָמער וועסטו מיר בלײַבנ געטרײַ...

איכ האָב מיכ אַ נעמ געטאָנ שטארק קנעלנ מיט מײַנ ווײַב וועגנ געט. געארבעט, געערדט אהינ-אהער, ביז צווישנ אונדז איז אָפּגע-מאַכט געוואָרנ אזוי: דאָס ביסל געלט, וועלכעס בא מיר האָט זיכ אָנ-געזאַמלט אינ דער גאַנצער צײַט, וואָס איכ האָב געארבעט פאַר מיר אַליינ, האָב איכ באַדאַרפט איר אינ האַנט אָפּגעבנ טאַקע באַלד, נישט אײַנצולײגנ עס פריִער, ווי דער שטײגער איז. אונ כוץ דעמ האָב איכ נאָכ זיכ מיסכײַעוו געווענ, דעמ גאַנצנ ווינטער, וועלכנ מיר וועלנ דער-לעבנ, מיכ צו לאָזנ, גאָר אָנ שומ טײַנעס, כעווירע זאָל מיט מיר מאַכנ די שפּיל, דאָס הייסט מיכ לאָזנ פירנ אינ די הײַזער, אונ די נעדאָוועס, וועלכע מע וועט מיט מיר מאַכנ, געהערנ צו מײַנ ווײַב פאַר איר קסו-בע. דער מאַמזער האָט מיט א שמײכעלע מיר געבראַכט די בײנער — וועהאַקל סאַריר וועקאיאָמ, אונ געזאָגט מאַזלטאָוו. איכ בינ ווידער גע-וואָרנ א בער, א גוט שטיקל סבוירע. דער אַלטיטשקער איז ווײַטער טאַקע מיט מיר אינ די הײַזער ארומגעגאַנגענ, אונ איכ האָב אַלצ געמוזט הינ-קענ גוט, זיפצנ, קרימענ זיכ, מאַכנ אָנשטעלנ, ווי ער האָט מיר געהייסנ.

נאָכ פּייסעכ זײַנענ מיר געקומענ ערגעצ אינ א שטעטל, אינ בערסאָנער גובערניע, ווו איכ האָב די ערשטע צײַט געארבעט לויט

מײַנ היסכײַוועס. נאָר דערנאָכ האָב איכ געזאָגט: גענוג! לאָז שוינ זײַנ דאָ טאַקע אנ עק. מײַנ ווײַב האָט טכילעס זיכ געקווענקלט, געבעטנ א פּאָר טעג זיכ מעיאשעוו צו זײַנ. צום סאָפ האָט זי געענטפערט: גוט, מאָרגנ נעמט זי געט. ס'איז מיר ליכטיק געוואָרנ אינ די אויגנ, אזוי שטאַרק האָב איכ מיכ דערפרײט. פאַר סימכע האָב איכ נישט געקענט אײַנזיצנ אפ אנ אָרט. עס האָט מיכ עפּעס געצויגנ אינ דרויסנ. איכ האָב א היפּשע צײַט מיר ארומגעשפּאַצירט אינ די גאַסנ, אונ אינ איינ וועג טאַקע מיט כיישעק געגאַנגענ אויכ אינ די הײַזער, טראַכטנדיק בײַ זיכ: וואָס קענ עס שאַטנ? אפ דער הייסער שאָ, באַם אראָפּגייג פונ קעסט, וועט מענ באַדאַרפנ האָבנ עטלעכע גראָשנ. דער אייסעק מײַנער איז געגאַנגענ גוט. אזא „אינ די הײַזער ארומגיינ”, ווי דענסטמאָל, געדענק איכ נישט שוינ פונ א צײַט. עס טרעפט זיכ אזוינס איינ מאָל אינ הונדערט יאָר. אז גאָט וויל העלפנ א מענטשנ, העלפט ער אימ מיט אלעמענ. אינ וועלכער שטוב איכ בינ ארײַנ, בינ איכ ליידיק פונ דאָרט נישט ארויס. דאָס מאַזל האָט מיר דענסטמאָל געשפּילט, אונ האָב באַדאַרפט גראָד טרעפנ אינ א שטוב, וואָס דאָרט איז געווענ א ברים. דער אוילעם איז געווענ שטאַרק פאַרלעקט, לעבעדיק, פריילעכ. מע האָט מיר געגעבנ א גוטנ טרונק בראַנפנ, א גאַנצ קידעש-געלעזל, אויכ א גרויסנ שטיק לעקעכ, א מאַלבעס-ברויטל אונ דערצו נאָכ עפּעס געלט מיט א רויזנ-בולקעלע. איכ האָב מיכ אײַנגעהאַלטנ, נישט צו פאַרזוכנ אפילע קיינ ברעקל, אונ באַהאַלטנ די אלע גוטע זאַכנ ווײַט אינ דעמ בוזעמ, צו ברענגענ עס א מאַטאָנע מײַנ האָרבאַטע מיידל. מע האָט באַדאַרפט זענ, מיט וואָס פאַר א פרייד איכ בינ עס געגאַנגענ דעמ גאַנצנ וועג. אלץ געטראַכט באַ מיר: הײַנט באַנאַכט, אז דער אוילעמ וועט שלאָפנ, וועל איכ איר דאָס געבנ, לאָז זי, נעבעכ, אויכ האַנאָע האָבנ. זי איז, נעבעכ, פאַרוויסט, פאַרוואָגלט, האָט א האַרצ פול מיט מאַקעס. זי האָט, נעבעכ,

נישט געהאַט אינ איר לעבנ קיינ זיסע מינוט. נא, לאָז זי וויסנ, אז פישקע איז א גוטער-ברודער, ער זאָרגט זיכ פאר איר אונ היט זי אָפּעט ווי דאָס שוואַרצאַפּעלע אינ אויג. ער וועט באַדײַ אַליינ נישט עסנ, אונ איר דאָס לעצטע, דעמ בעסטנ ביסנ אוועקגעבנ. עס האָט מיר זיכ געדאַכט, ווי מיר ביידע זיצנ נעבנ דער גרויסער שול אונ האָבנ שטאַרק האַנאָע. זי עסט, קוויקט זיכ מיט דעמ לעקעכ, אונ איכ איר: נעשאָמע מײַנע, לאָז דיר וויל באַקומענ! טראַכטנדיק דערבײַ בא זיכ: א גוטער סימענ! האַלעווײַ אינגיכנ לאָמיר עסנ לעקעכ בא אונדז... איכ זאָג איר אָנעט די פּסורע: מאָרגנ ווער איכ אויסגעלייזט, מײַנ ווײַב נעמט געט, אונ זי שײַנט, קוועלט גאָר אָנ. מיר קלערנ, וואַזוי שטילערהייט ארויסצוכאַפּנ זיכ פונ דער כאַליאַסטרע אונ מאַכנ א פּלייטע. בא אונדז ווערט פאַרטיק וועגנ דעמ א גאַנצער פּלאַנ, אונ ס'איז דאָ א האָפענונג, אז עס וועט, אימירצעשעמ, זײַנ גוט... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקענ בינ איכ מיר געגאַנגענ דעמ גאַנצנ וועג אונ מיר פאָרגעשטעלט גליקנ. אפנ וועג האָב איכ נאָכ באַגעגנט א וואַסער-טרעגער מיט פולע עמער, דאָס איז דאָכ געוויס א גוטער סימענ. נאָר וואָס אָבער לאָזט זיכ אויס?

עס לאָזט זיכ אויס, ווי איז מיר, — א טײַכ. איז א מענטשנ באַשערט אומגליק, העלפנ אימ נישט קיינ גוטע סימאָנימ אויכ, צענ גאָיעס אפילע זאָלנ אימ מיט פולנ איבערגיינ דעמ וועג. אז איכ בינ פאַרנאַכט געקומענ צוריק אינ העקדעש, האָב איכ שוינ דאָרט נישט געטראָפנ די כאַליאַסטרע!.. אינ דער צײַט, וואָס איכ האָב מיר לומ-טיק ארומגעשפּאַצירט אינ דער שטאָט, זײַנענ די שיינע-לײַט דערווײַל אוועקגעפאָרנ, אונ מײַנ ווײַב, אויכ מײַנ האָרבאַטע, נעבעכ, מיט זיי... דאָס איז שוינ געווענ דעמ מאַמזערס מעלאָכע, זײַנס א שפּיצל. — זאָל ער אַזוי וויסנ פונ זײַנ לעבנ צו זאָגנ, ווי איכ האָב דענסטמאָל געוווסט, אפ וואָס פאר א וועלט איכ בינ. זאָל אימ, ריבוינעשעלוילעמ,

אזוי דרייענ אינווייניק אינ בויכ, ווי מיר האט זיכ געדרייט דער קאפּ. כווישעכ אונ פינצטער איז מיר געוואָרנ אינ די אויגנ. פינצטער איז מײַנ וועלט. דאָס איינציקע שטערנדל, וואָס האָט מיר געשײַנט, איז פּלוצלימ פארשווונדנ געוואָרנ. נישטאָ, ווי איז מיר, נישטאָ מײַנ טרייסט! נישטאָ מײַנ האָרבאטע, כעבעכ!.. איכ בינ ווײַטער עלנט ווי א שטיינ, איינער אליינ אינ דער גאנצער וועלט. אונ זי? וווּ איז זי, וואָס טוט, נעבעכ, זי, זי?.. פאר וועמענ וועט זי קענענ כאָטש אמאָל אויסוויינענ, אויסגיסנ איר שווער ביטער הארצ. אוי, ידל! א ווייטעק. ס'איז מיר א ווייטעק טאקע אינצווייענ.

ארויסנעמענדיק שפּעטער פונעמ בוזעמ דאָס שטיקל לעקעכ, וואָס איכ האָב איר עס אָנגעגרייט, איז מיר געוואָרנ א לאָכ אינ הארצ. איכ האָב עס געהאלטנ שטײַפ, אָפּגעגאָסנ עס מיט טרערנ, ווי עפּעס א זאכ, א זייכער, וואָס בלײַבט איבער נאָכנ טויט פונ א געליבט קינד, פונ אנ איינציק קינד. נישט באשערט דיר צו פארזוכנ עס, צו דער־קוויקנ זיכ איינ מאָל אינ דײַנ לעבנ, אומגליקלעכע, בידנע נעשאָמע מײַנע!.. איכ קוק, קוק אפנ שטיקל לעקעכ, קוש עס, וויקל עס דער־נאָכ אײַנ ווי אנ עופ־טאָוו אונ באהאלט עס ווידער אינ בוזעמ, טאפּנ־דיק עס אָפּט אונ צוקוועטשנדיק עס צומ הארצנ... וויים איכ, וואָס מיר איז געשענ...

22

פישקע האָט בא זײַנע לעצטע ווערטער ארופגעלייגט בײדע הענט אפנ פּאָנעמ, זיכ אוועקגעקערט אינ דער זײַט אונ געכליפּעט. מיר האָבנ געפילט זײַנ הארצ אונ אימ געלאָזט צורו. אפ אונדז אליינ איז אויכ אָנגעפאלנ א מאָרעשכוירע, מיר זײַנענ געבליבנ זיצנ שטיל, איטלעכער פארטיפט אינ זײַנע גערדאנ־

קענ. אלטער מײַנער האָט זיכ אלצ געקראצט אינ דער פּייע, געפירט די האנט איבערנ פּאָנעמ, אָנהייבנדיק פונעמ שטערנ אונ אויסלאָזנדיק מיט דער באָרד, וועלכע ער האָט ארומגעכאפּט מיט אלע פינפ פינגער אונ געמאכט דערבײַ: עט, עט!.. מע האָט געזענ, ער איז צעטראָגנ, מיט אימ איז עפּעס נישט גלאט. איכ אלײנ בינ עפּעס געווענ אויכ צעדרייט, פישקעס געשיכטע האָט מיכ געקאָטערט. נאָכ גאנצ לאנג האָב איכ פיל מאָל בא מיר געטראכט: ריבוינעשעלוילעמ! וואָס איז דאָס אזוינס זײַנ פארליאפּעט? עפּעס האָב איכ געהערט, עס טרעפט זיכ אמאָל אזעלכס, נאָר וואָס דאָס איז, האָט מײַנ מויעכ נישט גענומענ. בא אונדז פלעגט מענ אפ אזעלכע זאכנ געוויינטלעכ זאָגנ: ס'איז אנ אָפּגעטאָנענע זאכ, א קישעפ. עפּעס אזא מינ פלעשעלע איז דאָ דערצו, עפּעס א מינ קרײַטעכצ פונ אנ אלטער גאָיע, א מאכשייפּעטע. אונ דאָס, וואָס אלטע מאכשייפעטעס זײַנענ פארטיק אָפּצוטאָנ אזעלכע שפּיצלעכ, אויכ אראָפּצוברענגענ רײַטנדיק אפ א בעזעמ דעמ מאנ, וואָס האָט אוועקגעוואָרפנ דאָס ווײַב, זי געמאכט פאר אנ אגונע, — דאָס איז דאָכ קלאָר ווי דער טאָג! דערופ זײַנענ דאָכ דאָ א סאכ איידעס, קאָשערע ייִדנ מיט בערד... פארליאפּעט זײַנ האָט בא אונדז געהייסנ — עפּעס אזא מינ שלאפקײַט, ווי קאדאָכעס, אשטייגער, א דיבעק, א מאנקאָליע, די ניכפּע, די שלעכטע זאכ, וואָס דערצו איז טאקע נאָר א באלשעמ אָדער, לעהאוודל, דער טאָטער. בא א שמועס דערפונ פלעגט מענ זיבנ מאָל אויסשפּײַענ, אָנעמענדיק זיכ בא די ברעמענ, אונ מאכנ דערבײַ מיט א פארקרימט פּרומ פּענעמל: נישט דאָ געדאכט, נישט פאר קיינ ייִדישע קינדער געדאכט!.. אויכ איז א מיצווע געווענ צו לאכנ אויס יענע פארליאפּעטע, ווי דער שטייגער איז צו לאכנ אויס א מעשוגענעמ. אזא שלאפקײַט אָבער, געדענק איכ, ווענ עס האָט זיכ געמאכט, האָט זיכ עס געמאכט סײַדנ נאָר בא די גרויסע נעגידימ אָדער בא די גרויסע קאפּצאָנימ. אינ

באַלעבאַטישנ גראַד אַקעגנ האָט מענ נישט געוווּסט אַפּילע מיט וואָס מע עסט עס. דאָס איז דאָכ, האָב איכ אָפּט באַ מיר געטראַכט, א וווּנדער, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? אונ וואָס איז דאָס אַזוינס? עס מוז דאָכ האָבנ א טאַם. פונ דער אַלטער גאַיע — איז נאַרישקײטנ, ווי דאָס פלעשעלע — דער טאַם. איכ בינ קיינמאָל דערמיט נישט צופרידנ געוועזנ, האָגאַמ יידנ האָבנ עס געהאַלטנ פונ מיר פאַר א שטיקל אַפּיקאָרסעס: — סטײטש, ווי גלייבט מענ עס נישט אינ קישעפ, אינ דעמ טאָטער, אינ שיידימ! איכ האָב געזוכט באַ מיר, געזוכט א טאַמ, אונ, דאַכט זיכ, געפונענ. גרויסע נעגידימ איז אַפ דער וועלט צו גוט, האָבנ אַלצדינג: עסנ, טרינקענ דאָס טײַערסטע, דאָס בעסטע אָנ זאָרג, אָנ קאָפּדרייעניש, עס גייט זיי אָפּ נאָר קאַדאָכעס — דעריבער ליגט זיי אינ זינענ צו מאַכנ קוצעניו-מוצעניו. ערנסט, אָדער גלאַט אַזוי א שפּילכל? — דאָס איז שוינ זייער סאָד. ווידער זשע די גרויסע קאַפּצאָנימ, פונ דער אַנדערער זײַט, זיי איז אויכ, אַפּ זייער שטייגער, גוט. האָבנ גאָרנישט, קאַדאָכעס וואָס אײַנצושטעלנ, עסנ קעסט באַ דער וועלט אָנ קאָפּהאַרעניש אונ קומענ אָפּנ גרייטנ. ובושע אינ דער זײַט! דעריבער גלוסט זיכ זיי אויכ אַזעלכע מײַסעס. שטענדיקע אייסאָקימ פונ דרייענ זיכ אונ מינע כאַסענעס איז געוויינטלעכ נאָר אינ דעמ הויכנ אונ אינ דעמ נידעריקנ שטאַנד. דער איבעריקער אוילעמ אונדזערער, פונעמ מיטעלנ סאָרט מענטשנ, איז טאָמעד פאַרטראָגנ אינ דייזשע-באָרשטש, אימ דאַרט דער קאָפּ פאַר דעמ שטיקל ברויט, זוכט פאַרנאָסע. באַ אימ איז רײַשיס-כאָכמע — געשעפט. אַלצדינג — געשעפט, כאַסענע האָבנ איז אויכ א געשעפט. ער האַנדלט אײַנ א ווײַב, דינגט זיכ פריִער גוט אויס וועגנ דעמ מעקעב, וועגנ נאַדנ, וועגנ איטלעכס פיצעלע באַזונדער, אַלצדינג פינקטלעכ אויסגערעכנט. אַפּילע א שטרײַמל אונ די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע מוז אויכ שטיינ בעפיירעש אינ די טנאָימ. זײַנענ די טנאָימ דערפילט געוואָרנ, קעפּי

דעם מעדוּבער, קום זשע, קאַלע־לעב, אונטער דער כופּע מיט דעם שאַדכן, מיט דעם באַדכן, מיט דעם גאַנצן פּעקל קלייקוידעש, וואָס לעקן פונעם געשעפט אָפּ אביינדל. זײַ א ווײַב, האָב קינדער, רײַס קריִע און ווער פאַרשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, — אויב דיר גלוסט זיך לעבן, נישט שטאַרבן פאַר דער צײַט. אויב דו ביסט שיין אָדער מיִעס, קלוג אָדער א נאַר, — דאָס איז שוין דײַן אייסעק. פונמײַנטוועגן איז אַלציינס, א פּלוינעסטע איז א פּלוינעסטע, מיר זײַנען נישט קיין פּריצים, האָבן ניט קיין צײַט צוקוקן זיך צו אַזעלכע זאַכן. ייִדן זײַנען מיר, סאָכרים, מעקלער, קרעמער, טאָרעד אין דער פּאַרנאָסע! — זייער פיל זײַנען דאָ פון מײַן גראַד ייִדן, וואָס ריידן קימאַט נישט, עסן נישט בא איין טיש מיט די ווײַבער, קוקן זיי ווייניק אָן. און ס'איז גאַנץ רעכט. ביידע צדאָדים זײַנען צופרידן און ווינטשעווען, ווען עס קומט אויס אַמאָל, האַלעווײַ אַזאַ לעבן אַף אַלע גוטע לײַט און אַף זייערע קינדער געזאָגט געוואָרן! שטאַרבט בא איינעם דאָס ווײַב, באַגראָבט ער זי, זיצט נאָך איר שיווע גאַנץ ייִדישלעך — און האַנדלט באַלד טאַקע אײַן א צווייטע, פריִער נאָך, אַמאָל, פאַר שלוישים, און אַף אַזאַ שטייגער אויך די דריטע, פערטע, די פינפטע... ביז דער אַלטער ייִדענע, וועלכע ער נעמט צום לעצט אין די אַלטע געשענקטע יאָרן, אונטער דעם אויסרייד געווינטלעך, מיט איר אין ערעציִסראָעל אַרײַן צו פאָרן. הייסן הייסט עס בא ייִדן די גאַנצע כאַסענע — מעקײַעם זײַן א מיצווע, ווי גאָט האָט געבאָטן... ווי, אַשטייגער, דעם ייִדנס עסן שאַבעס — איז נישט גלאַט גראָב פרעסן וועגן דער אַכילע, ווײַל א זינדיקער מענטש באַדאַרף עסן, נאָר וואָס דען? עס הייסט מעקײַעם זײַן שאַלוישסודעס. דעסגלײַכן אויך דאָס גלעזעלע ווײַן פייסעך באַם סיידער, טרינקט עס דען א ייִד גלאַט מעשונע גראָב, ווײַל א ביסל ווײַן איז מעכײַע און נאָך די קניידלעך טאַקע גאָר א דערקוויקעניש? כאָלילע!

ער מאכט דערבײַ מיט א פארפרומט פּנעמל: הריני מוכן ומזומן — איך בין מיר גרייט, איך בין מיר ברייט מעקײַעם זײַן די מיצווע קוי-סען: דעם ערשטן, צווייטן, דריטן, פערטן קאָס... אונדזער איינער עסט, טרינקט, האָט באַטענע אַלץ מיט א לשם-יחוד, צוליב קודשאָ-בריך-הו און דער שכינע. — נאָר דאָס אַלצדינג איז אָבער נישט גע-זאָגט געוואָרן אַפּ פישקען. אין זײַן שלעבטער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז דאָס האַרבאַטע מיידל פאר אים געווען א גליק, זײַן טרייסט, זײַן לעבן, זײַן אַלץ-מיט-אַנאַנדער. אז מע טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן פאר א שטרוי. הײַנט וואָס זשע איז פאר א וווּנ-דער, אז פישקע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער האַרבאַטער מיט זײַן גאַנצן לײַב-און-לעבן און איז צו איר צוגעזאָטן געוואָרן? אז עס רירט אָן בא דער נעשאָמע, דענסטמאָל שרײַט דאָס האַרץ, שרײַט, רעדט איינע ווערטער בא אַלע מענטשן גלײַך. דאָס לאָשן פונעם האַרץ איז איין לאָשן פאר גרויס און קליין, פאר דעם געלערנטן און פאר דעם גראָבן מענטשן. וואָס זשע איז פאר א ווונדער, אז פישקעס האַרץ האָט זיך דאָ אויסגעגאָסן אין אַזעלכע הייסע געפילן, ריינע מענטש-לעכע ווערטער? דעריבער טאַקע האָבן זײַנע ווערטער גערירט, מיך צענומען ווי א פידעלע, וואָס רעדט, שפּילט אומעטיקע שטייגער. אַלע באַלע-דאַרשנס און מוסער-ספאָרים אינייִנעם האָבן קיינמאָל מיך אַזוי נישט גערירט, געמאַכט ווייך, גוט און פרום, ווי א קרעכץ פון א צעבראָכן האַרץ, ווי דעם קלעזמערס א שפּיל אַפּן פידעלע.

מיילע, גאַנץ רעכט. איך בין שטאַרק גערירט פון פישקעס דער-ציילונג, בין איך מיר דעריבער פאַרטראַכט, אָבער דו, פערדל מײַנס, פאַרוואָס ביסטו פאַרטראַכט? א גאַנג א ביסל, מישטיינסגעזאָגט, קוים וואָס ער רירט זיך. עס זאָל אים דאָס אָנהייבן אַרן, וואָס אָט באַלד איז טישעבאָוו און מע באַדאַרף זיך אײַלן מיט קינעס אין א סאך

שטעטלעכ. ער גייט גאָר נישט מיט דעמ גלײַכנ וועג, פאַרקריכט אינ דער זײַט נעבנ דער טוווע, שטעלט זיכ צווײַלנ אָפּ אונ שטשיפּעט גראָז. די שיינע שקאַפּע איז ניט בעסער פונ אימ, טוט אימ נאָכ אונ כאַפּט אויכ א קײַ. דאָס אייגענע טאַקע וואָס אינ כיידער, אַז דער רעבע פאַרקוקט זיכ אַמאָל אינ דער זײַט, פאַרוויגט דאָס קינד אָדער אַמפּערט זיכ מיט דער רעבעצנ, — פאַרקוקנ זיכ אויכ די טאַלמידימ אונ פאַלשעווענ אינ דעמ לערנענ. איכ טו די רעפּוע, וואָס דער מעלאַמעד, נעמ די בײַטש אונ טו א ווײַז דעמ שלימאַזל מײַנעמ, זאָגנדיק אימ דערבײַ מוסער. ער שטעלט אופ די אויערנ, שטרעקט אויס דעמ האַלדז, שטעקט אַרויס א שפּיצ צינגל, דריגעט מיט א הינטערשטנ פוס אונ שמײַסט קעגנ מיר מיט דעמ וויידל. — אײַ, דו ביסט אַנ אַזעספּאַנעמ! — רופ איכ מיכ אָנ אונ ביג אימ שוינ טאַקע גוט מעכאַבעד מיט דער בײַטש. ער האָט אפילע נישט געוואָלט לײַדנ, מאַכט א פערדישנ קוימעמיעס, א הייב מיט דעמ הינטנ אונ געהאַט בעדייע אויסצושטרעקנ זיכ אַפ דער ערד. נאָר ער האָט זיכ באַלד מעיאַשעוו געווענ, א צי געטאָנ מיט אימפּעט דעמ וואָגנ אונ אָנגעהויבנ זיכ ווײַטער צו שלעפּנ.

מיר אַלע זײַנענ דערווײַל צו-זיכ געקומענ. אַלטער האָט אונטערגעטריבנ אַפ זײַנ שטייגער, פּישקע הייבט אָנ אַפ זײַנ שטייגער, איכ נאָכ אימ טאַקע אַרבעט, פּאַרטײַטש אַפ מײַנ שטייגער — אונ די מײַסע דערציילט זיכ ווײַטער אַזוי:

— איכ וועל אײַכ דאָ נישט קיינ יאַמ ברײַענ. איינער אַליינ האָב איכ מיכ דערנאָכ אַפ אָדעסער טראַקט געלאָזט, געטראַכט, טאָמער וועל איכ מײַנע לײַט דאָ באַגעגענענ אָדער הערנ עפּעס וועגנ זיי. כאָר אומזיסט די מי, זיי זײַנענ ווי אינ וואַסער אַרײַנ. דאָס לעבנ איז מיר נימעס געוואָרנ פונ שטענדיקנ אַרומשלעפּנ זיכ. איכ האָב געכאַלעשט אויסצורוענ זיכ א ביסל, זיצנ אַפ איינ אָרט, ווי איכ בינ גע-

ווינט געוועג פרוער. גאָט האָט געהאָלפנ, איכ האָב מיכ לעסאָף פאַר-
שלעפּט קיינ אדעם.

די ערשטע פאָר טעג איז אדעם פאר מיר געוועג א טויט. איכ האָב מיכ דאָרט ארומגעדרייט עלנט, פרעמד, אליינ נישט צו וויסנ, וווּ מיכ אהינצוטאָנ. אלצדינג איז פאר מיר געוועג ניי, עפּעס ווילד מעשונע. קיינ העקדעש, ווי אינ אנדערע יידישע שטעט, האָב איכ דאָרט נישט געפונענ, הייזער אפ ארומצוגיינ — אויכ נישטאָ. בא אונדז אינ די יידישע שטעט זיינענ דאָ הייזער, טאקע וואָס הייזער הייסנ, נידעריקע, אָנ כאָכמעס, אָנ קונצנ, מיט די טירנ צו דער גאַס. איינ קליינ שטופּעלע די טיר, קומסטו גלייכ אינ שטוב אריינ, ברויכסט נישט מאכנ קיינ גרויסע צערעמאָניעס: אָט איז דאָס גאנצע באלעבאטישקייט, אלצדינג וואָס נייטיק איז צו עסנ, צום שלאָפנ. באַ-דארפסט א ביסל וואסער, האָסטו עס, באדארפסט די פאָמעניצע, איז זי דאָ, וואש די הענט און זאָג דיר אשער-יאָצאר, וויפל דיינ הארצ גלוסט. אָט איז דער באלעבאָס, די באלעבאָסטע, דאָס הויזגעזינד, זאָג: גאָט-העלפ! שטרעק אויס די האנט, באקומסטו דיר דיינ נעדאָווע, א קוש די מעזוזע, און גיי דיר געזונטערהייט וויטער. — היינט איז טאקע גאָר פונ דרויסנ גרינג צו דערקענענ א יידנס הויז. דאָס בער-געלע מיסט, דאָס רינשטאָקל, די פענצטער, די ווענט, דער דאכ שרייענ: דאָס איז א יידיש הויז! אינ דעם רייעכ אליינ דערקענט איר, אז דאָ זיצט א ייד. אקעגנ זשע דאָרט אינ אדעם זיינענ די הייזער, מישטיינס-געזאָגט, עפּעס ווילד הויכ, אומגעלומפּערט. דער גאנג איז געווייכטלעכ דורכ א טויער אינ א הויפ. דאָרט קריכ אפ טרעפּ, זוכ א טיר, האָסטו שוינ געפונענ א טיר, איז זי גאָר פארשלאָסנ, עפּעס איז זי מיט א גלעקל, מיט גאנצע צאצקעס. דו בלייבסט בא דיר עפּעס אראָפּגעפאלנ, פילסט, אז דו ביסט אָרעמ, נידעריק, האָסט קיינ פּאָנעמ נישט. שטייסט א רעגע דערשלאָגנ, מאכסט דיר דערנאָכ הארצ, נעמסט זיכ מיט

גרויס דערעכערעצ פארנ גלעקל. עס ציטערט דיר אָבער די האַנט. טוסט אַ קליינ צ׳עלע, קימאַט ווי גאָרנישט, שרעקסט זיכ עפּעס אַליינ פונ דײַנ צ׳עלע, גלײַכ ווי דו וואָלסט אַרויס אַקעגנ יענעמ מיט אַ גראָב וואָרט, אימ געשאָלטנ אינ טאַטנ אַרײַנ, און טראָגסט זיכ באַלד טאַקע אָפּ... טאַפּסטו אַמאָל אָנ ערגעצ עפּעס אַנ אַנדער גאַנג, פאַלט אָפּ דיר אָנעט אַ קעכנע, אַ באַדינער — אָדער עס לאָזט זיכ גאָר אויס, דאָ זיצט נישט קיינ ייִד. וואָס הייסט עס! — וווּנדערסטו זיכ שטאַרק. — וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט? וואָס זײַנענ עס פאַר הײַזער? ווו זײַנענ עס אונדזערע אָרעמעלײַט מיט די טאָרבעס? איכ האָב מיכ אַרומגע-בלאָנקעט אינ די גאַסנ, זיכ גוט צוגעקוקט צו אַלצדינג דאָרט, טאָמער וועל איכ זענ עמעצנ מיט אַ טאָרבע, אויסצופרעגנ אימ מיקויעכ דעמ אייסעק, וויאַזוי מע גייט דאָ אינ די הײַזער אַרומ. נאָר ווי אַפּצעלאָ-כעס האָב איכ נישט באַגעגנט קיינעמ. און ווי איכ דריי מיכ דאָ אַזוי אַרומ, באַמערק איכ פונדערווײַטנס עפּעס אַ יונגנמאַנ, געקליידט דײַטש, גייט ווי איינער, וואָס ווייסט נישט דעמ וועג, קוקט אָפּ די הײַזער און וואַרפט זיכ אינ אַלע זײַטנ גאַס. דער דאָזיקער פּאַרשוינ, טראַכט איכ באַ מיר, מוז נישט זײַנ קיינ היגער, מע באַדאַרפ אימ נאָכ-גיינ, זענ, וואָס ער טוט. ער גייט אַרײַנ אינ אַ הויפ, — איכ נאָכ אימ. ער זוכט און לאָזט זיכ דערנאָכ אַרופגיינ אָפּ אַ טרעפּ, מײַנער — אויכ אַרופ. ער גייט אַרײַנ אינוויינעוויק אינ אַ פּאָדער-ביידער — מײַנער שטעלט זיכ אָפּ יענער זײַט נעבנ דער טיר. עס דויערט נישט לאַנג, קומט אַרויס איינער, אַ געגאָלטער, עפּעס גאָר אַ פּאָרעצ, אָפּאָנעמ, דאָס איז דער באַלעבאָס. דער יונגערמאַנ גיט אימ עפּעס אַ ביכל, אַרויסנעמענדיק עס פרִיער פונ אַ קעשענע, ברייט און לאַנג, ווי אַ טאָרבע. דער געגאָלטער טוט אַ בליק אָפּ דעמ שאַר-בלעטל און וואַרפט עס באַלד טאַקע דעמ יונגנמאַנ צוריק, פאַרקרימענדיק זיכ מיט אַ בייזער: לאָזט מיכ צורו מיט אײַערע שמאָכטעס! מיר טויג עס קלאַל

נישט. דער יונגערמאַנ טײַנעט, לויבט זיכ אינ טאָג אַרײַנ, ער האָט געמאַכט עפּעס אַזוינס גאָר אַנטיק. עס העלפט אים אָבער נישט, אונ ער גייט, נעבעכ, בעבושע־וועכאַרפּע אַרויס, מײַנער — אַרײַנ אונ בעט פּאָשעט א נעדאָווע. איכ באַקום באַלד עטלעכע גראָשנ אונ רוק מיכ געשווינד אַרויס מיט א פריילעכ האַרצ. אַצינד, טראַכט איכ מיר, בינ איכ אָפּ דעמ עמעסנ וועג. גאָט שיקט צו דעמ שפּינער זײַנ פּלאַקס, דעמ שענקער זײַנ ביר אונ דעמ אָרעמאַנ — דעמ גער, זײַנ וועגווײַזער. מע באַדאַרפּ אימ פונעמ אויג נישט אָפּלאָזנ. איכ גיי דעמ פּאַרשוינ נאָכ שטילערהייט, ווי א קו א קעלבל. וווּ ער, דאָרט בינ איכ. אימ גייט עס שלימ־שלימאַזל, אומעטומ כאַפּט ער, נעבעכ, זײַנ פּסאַק. דאָ אַזוי: נישט אויסצוהאַלטנ, ווי זיי האָבנ זיכ הײַנט צעלאָזט! אונ דאָרט אַזוי: גייט אײַכ געזונטערהייט, מיר באַדאַרפנ אַזעלכעס נית האָבנ! — דער שפּיצ איז, ער גייט אַוועק צעקאָכט מיט ליידיקע הענט. אונ מיר גייט עס, אָנ אײַנאָרע, גאָר נישט שלעכט. איכ נעמ א גראָשנ, א צווייער, א דרײַער, וויפל מע גיט.

— וואָס איז דאָס, — וווּנדער איכ מיכ, — פאַר א מינ אָרעמאַנ אַזוינער! אינ מײַנ לעבנ האָט מיר אַזעלכעס זיכ קיינמאָל נישט געבאָלעמט. אַפּאָנעמ, דאָ איז אַזאַ מינהעג: — אָרעמעלײַט מיט ביכלעכ. כײַמאָדישע קאַפּצאָנימ, אונ נאָכ אָנגעטאָנ דײַטש! גאַראָנימ! צו וואָס בעטלענ מיט ביכלעכ אונ האָבנ א פּײַג, אַז מע קענ בעטנ נעדאָוועס פּאָשעט אַזוי. איכ בינ זיכ נויהעג ווי אונדזערע זיידעס — גיי מיר אינ די הײַזער פּאָשעט, אָנ כאָכמעס, אונ מאַכ עס בעסער ווי אַנדערע מיט די ביכלעכ. נאָר ווי די מײַסע איז, אויב זיי זײַנענ נאַראָנימ אָדער נישט, דערווײַל האַלט איכ מיכ פעסט אינ מײַנ קאַפּצנ מיט די ביכלעכ, גיי אימ נאָכ שטילערהייט פוסטריט אונ היט מיכ ווי ווײַט נאָר מעגלעכ, ער זאָל מיכ נישט זענ. טכילעס איז דאָס געגאַנגענ גאַנצ גוט, נאָר שפּעטער האָט ער, אַפּאָנעמ, באַמערקט, ווי איכ שלעפּ

זיך אים נאָך, און דאָס איז אים שטאַרק נישט געפעלן. ער האָט אָנגעהויבן זיך אָפּט אַרומצוקוקן, אָפּצושטעלן און געזוכט ווי מיינער פּאַטער צו ווערן. איך האָב מיך געמאַכט טאַם, געקוקט אין דער זייט קלאַמפּערשט, ווי נישט אים מיין איך, און גיי מיר מיין וועג. נאָר אין האַרצן האָב איך געטראַכט: ניין, דו וועסט זיך בא מיר נישט אויסדרייען, ברודער! ווען דו טויגסט נישט קיינעם און דיר אַליין אויך נישט, טויגסטו אָבער מיר. אַ רעבע, ווי אין די הייזער אַרומצוגיין, ביסטו זייער אַ גוטער, כאָבעם מיינער!.. צום לעצט האָט זיך מיט אונדז געמאַכט אין איין שטוב אַזאַ מייסע: דער באַלעבאָס האָט זיך געקליבן עסן מיטאָג, און פּלוצלים קומט אָן מיין קאַפּצן מיט די ביכלעך. עס הייבט זיך אָן אַ טיינענ פון ביידע צדדים: איינער וויל אַריינדרייען, דער אַנדערער וויל זיך אויסדרייען. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, דער באַלעבאָס ווערט שוין גוט אין כּעס, באַלייט מיינעם צו דער טיר אַ ביסל גראָבלעך, דערזעט דאָרט מיך — און שיקט אונדז ביידע אָפּ צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דער בעשוטפעסער פּסאַק אונדזערער האָט שוין מעמיילע געפירט דערצו, מיר זאָלן איינער מיט דעם אַנדערן זיך בעסער דערקענען. באַם אַראָפּגיין פון די טרעפּ קוקט מיך אָן מיין כאַווער עפּעס שטאַרק אָנגעברויגעזט. איך פאַרדריי דעם קאָפּ אין דער זייט און ווייס נישט וואָס צו טאָן. איך וואַרט, ער זאָל גיין פריער. מיר שטייען אַזוי אַוועק עטלעכע מינוט, און ביידן איז נישט גוט. מיין שוטעף טוט מיך דערנאָך אַ פרעג:

— וואָס ווילט איר, רעב ייִד?

— גאָרנישט! — ענטפער איך. — דאָס אייגענע, וואָס איר.

— דאָס אייגענע, וואָס איך! — מאַכט מיין שוטעף, אויסמעסטנדיק מיך מיט אַ קוק פון קאָפּ ביז די פיס זייער פאַרוווּנדערט. — איר זייט אויך אַ מעכאַבער?

איך האָב געמיינט, מעכאַבער איז עפּעס אַ דייטשעס וואָרט און

עס הייסט וואָס באַ אונדז אַף פּראָסט ייִדיש קאַפּצן, זײַנער אַ כּאַ־וו ע ר אין דער פּאַרנאָסע. דעריבער ענטפֿער איך אים אָפּעט באַלד טאַקע אַף טײַטש:

— יאָ, אַ מעכאַבער.

—וואָס האָט איר עפּעס געמאַכט? — טוט ער ווידער אַ פֿרעג.

— איך האָב געמאַכט גאָר נישקאָשעדיק, — ענטפֿער איך, טראַכ־טנדיק באַ מיר: אַף אײַך געזאָגט געוואָרן! — אַ פֿערציק גראָשן האָב איך געמאַכט.

— ווי הייסט איהר * כיבער? — גיט ער מיך נאָכאַמאָל אַ פֿרעג.

ווײַטער טײַטש, טראַכט איך מיר. ער פֿרעגט זיכער: ווי הייסט א י ר, קאַפּצן, כּ א וו ע ר מײַנער.

— פּישקע! — טו איך אַ זאָג קורץ און שאַרף.

— קען איך האָבן דעם קאָוועד מיט פּישקען באַקאַנט צו ווערן? — מאַכט ער עפּעס מיט אַ זיס ביינדעלע.

— אָך, מיט אַלע קאָוועדן, זייער אָנגעלייגט, כּלעבן — זאָג איך, אָנקוקנדיק אים גאָר פֿרײַנטלעך.

— נו, ווו איז ער, דער כיבער?

— אָט בין איך דאָך טאַקע אַליין דאָ פֿאַר אײַערע אויגן, זאָלט איר מיר געזונט זײַן!

— גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — טוט ער אַף מיר אַ געשריי און פּליט אַוועק געשווינד און אין קאַס.

אַז איך בין אַרויס פֿונעם הויף, זע איך, מײַן שוטעף לויפֿט ווי אַ מעשוגענער. ער איז שוין גאַנץ ווײַט, טוט זיך פּלוצלים אַ נעם אין אַ געסעלע און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. איך בין געבליבן שטיין

* א י ה ר (דײַטש) — אײַער. פּישקע באַנעמט דאָס וואָרט „איר” אינעם ייִדישן באַטײַט.

עפּעס ווי אויסגעפּאטשט און וווּנדער מיך, וואָס איז דאָס פאר א מינ נעפעש. גאָר א מעשוגענער טאקע. אָט איז ער גוט, פלוצלים קומט אים אָנ דער שיגאָענ און ווערט אָנגעצונדנ! דאכט זיך, איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט אזוינס. איך האָב אים געענטפערט טײַטש מיט זײַנ לאָשנ. נאט אײַך נײַעס: מעכאבאר, כיבאָרים! בא אונדז אפ יידיש הייסט עס פראָסט — קאפּצנ, טאָרבע. איבעריקנס, כאפּט אים דער וואטל-מאכער!..

23

אינ א קורצער צײַט ארומ האָב איך מיט אדעס מיך שוינ בעסער באקענט, בינ קלאָר געווענ אינ די אלע ווינקעלעך און הינטערגעסלעך, געכאפּט דעמ סטרי און געוווּסט, ווו עס עפנט זיך א טיר. אדעס איז ווי א טאבאקערקעלע מיט א סעקרעט, מע ברויכט צו וויסנ די שפּרונזשינקעלע, ווו צו געבנ א קוועטש, דענסטמאָל עפנט עס זיך גרינג אופ, מע שטעקט ארײַנ די פינגער און נעמט א גוטנ שמעק-טאבאקע. עס האָט זיך פאר מיר געעפנט א קוואל פונ הײַזער, אזעלכע, וואָס פּאסנ צומ אייסעק, מיט אלע גוטע מײַלעס, ווי בא אונדז. אָרעמעלײַט האָב איך שוינ געפונענ, וויפל דאָס הארצ גלוסט, גאנצע מאכנעס פונ אלערליי סאָרטנ: אָרעמעלײַט מיט טאָרבעס, אָרעמעלײַט אָנ טאָרבעס, אזעלכע, וואָס ערגעצ נישטאָ, נאָר אינ אדעס. יערושאלמעס, פרענקענ, טערקישע און פּערסישע יידנ, וואָס פּלאפּלענ לאָשנקוידעש; אלטע יידנ, קאפּצאָנימ מיט ווײַבער, אויך אָנ ווײַבער, וואָס פאָרנ אפ דער עלטער שטארבנ אינ ערעצ-יסראָעל און עסנ דערווײַל דאָרט קעסט, קינדלענ, לעבנ אפ דער וועלטס רעכענונג; אגונעס, יידענעס מיט ספּאזמעס, יידנ געבראָכענע מיט מייכעשנ, וואָס קומענ זיך היילנ אינ דעמ לימאנ. מעקאבלימ אלט-פעטע-

רישע, וואָס רײַבן זיך אַרום פּראָסטע ייִדן אין די באָטעמעדראָשים, און מעקאַבלים פון הינטיקער וועלט מיט געגאָלטע בערד, וואָס רײַבן זיך אַרום די בראָדער פּראַנצויזן אין די קאָפּיינעס און טראַקטירן. עווייִנים אָפּגעפּײַנטע, אויסגעפּוצטע ווי די נעגידים, אַזעלכע טאַקע, וואָס האָבן לאַבלוטן גאַרנישט, און אַזעלכע, וואָס האָבן, דאַכט זיך, הײַזער — און דאָך גרויסע דאַלפאָנים, מיעסע קאַפּצאָנים... וויפל אָרע-מעלײַט איך האָב באַגעגנט פון אונדזער ווינקל, האָבן נישט געקענט געניג אָפּלויבן אַדעס, האַגאַם איך וויים נישט די גליקן זייערע דאָרט. איינער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דער גאַנצער כילעק איז צווישן אַן אָרעמאַן בא אונדז אין די שטעטלעך און אַזעלכע דאָ. דאָרט עסט דער אָרעמאַן דאָס טרוקן שטיקל ברויט פאַרפינצטערט, פאַרזאָרגט, און דאָ עסט ער טאַקע אויך דאָס אייגן שטיקל ברויט, — נאָר אַ קאַטערינקע שפּילט אים דערבײַ צו. אין אַדעס שפּילט די קאַ-טערינקע אַ גרויסע ראָליע. אַפּ דער גאַס — אַ קאַטערינקע, אין די הײַ-זער — אַ קאַטערינקע, אין די טראַקטירן — אַ קאַטערינקע, אין די קאָמעדיעס — אַ קאַטערינקע, אין שול, לעהאַוודל — פּע! — אויך אַ קאַטערינקע. שטענדיק איז אין אַדעס נאָר אַ קאָכעניש, הו-האַ! עס קאַטערינקעט זיך, עס שפּילט, עס זינגט און עס פּײַפט. דאָרט אין אַ טראַקטיר, זעסטו אָפּט, זיצט אַ שיקער און קרעכצט, זינגט „קראַסנאַיאַ דיעוווּשקאַ“, זייערס אַ מין לידל, אַקעגן זיצן פאַרקויסעטע ייִדן, זינ-גען אַ שטיקל פון זמירעס אָדער „אדם יסודו מעפר“ מיט אַ שנײַדערשן מאַרש, לעבעדיק, פרייִלעך.

גייענדיק איינמאָל בא דער זײַט גאַס, פּיל איך הינטן אין דעם רוקן אַ געשמאַקן זעץ. איך נעם עס אָנעט פאַר ליב, זיך דערוים גאָר-נישט צו מאַכן, טראַכטנדיק, איינער פונעם אוילעם האָט אין אײַלע-ניש אומגערן מיך אַ שטופּ געטאָן. באַלד אָבער פּיל איך נאָך אַ זעץ, ווי מיט אַ שטיק האָלץ. איך קוק מיך אום און דערזע — יאָנטל דער

כאָליערע-כאָסנ זיצט אפ דער גאס! מיט איינ בענקעלע אינ דער האנט אָנגעשפּארט אפ דער ערד, אונ דאָס אנדערע בענקעלע האלט ער אופ-געהויבנ אונ קוועלט, שמאָכט פאר פרייד, וואָס ער האָט מיכ באַ-געגנט. איכ האָב מיכ אויכ דערפרייט שטארק מיט יאָנטלענ, מיט וועלכנ איכ האָב אינ גלופּסק זייער גוט געלעבט אונ געווענ בא אים אפ דער כאסענע אפנ הייליקנ אָרט, אינ דער כאָליערע, נישט היינט געדאכט.

— אזוי, פישקע! — זאָגט ער, אָפּגעבנדיק מיר א שאָלעמ-אליי-כעמ, — דו ביסט אויכ דאָ אינ אונדזער אדעס? איאָ, א שיינ שטעטל, מיינ אדעס! — אונ א קוק געבנדיק, אז איכ קנייטש מיכ, מאכ פונ זיינ אדעס עפּעס נישט אזא פיירעש, מאכט ער א ביסל מיט פאר-דראָס, גלייכ ווי איכ וואָלט אים צעשטעכערט די גערעָלדיע אונ אים געטראָפנ אינ קנעפּל.

— הא, דיינ גלופּסק עפּשער איז א שטאָט? א וואָרעמ, וואָס זיצט אינ כריינ, מיינט, קיינ זיסערס פונ דעמ איז גאָר נישטאָ. וואַרט, איכ וועל דיר וויזנ א ביסל מיינ אדעס, וועלנ מיר דערנאָכ הערנ, וואָס דו וועסט דעמסטמאָל זאָגנ.

יאָנטל דערציילט מיר פונ זיינ גרויסקייט אינ אדעס. אלע קוקנ אונ האָבנ האנאָע, ווי ער רוקט זיכ אפנ געזעס. ער איז א שטיקל כאָ-שעוו אינ פיל קלייטנ. מע גיט אים אָפּ זיינ נעדאָווע גאנצ פיינ, נישט צו פארזינדיקנ. עס גייט אים, אָנ איינאָרע, גאנצ גוט. אז איכ האָב אים א פרעג געטאָנ וועגנ זיינ ווייב, האָט ער געענטפערט מיט א שמיי-כעלע:

— א שיינ ווייב, מישטיינסגעזאָגט, האָט מיר גלופּסק געגעבנ! וואָס פאר א גוטס קענ זיינ פונ א כאָליערע-ווייב? די כאָליערע האָט איר פריער געמעגט נעמענ, איידער זי איז צו מיר אָנגעקומענ. דאכט זיכ, עס פעלט איר די אונטערשטע ליפּ, פונדעסטוועגנ ארבעט אינ

איר דאָס מויל, שרײַט, פּילדערט, פּלוידערט, מאָלט ווי א מיל, פּיל בעסער נאָך פון אן אנדערנ מיט צוויי געזונטע ליפּנ.

אקעגנ א ווײַב, טראַכט איך בא מיר, העלפט נישט קיינ מיטל. איז זי א שלאַק, שרײַט זי אפילע אָנביידע, אפילע אויך אָנ איינ ליפּ, אפּילע אָנ א נאָז דערצו, אונ פאַלט אפּ דיר אָנ אפילע בלינדערהייט אָנ אויגנ... איך דערצייל יאָנטלענ אינ קורצנ אויך די געשיכטע מיט מײַנ בלינדער ווײַב, אלצדינג, וואָס איך בינ פונ איר אינ דער לעצטער צײַט אויסגעשטאַנענ.

— נארעלע! — זאָגט יאָנטל, — טו דאָס איינגענע, וואָס איך, א שפּײַ אפּ איר — אונ אנ עק. לאָז זי גיינ צומ רועך.

— וואָס הייסט, יאָנטל, א שפּײַ! גלאַט גיי צומ רועך אָנ א געט! איך בינ דאָך עפּעס א ייִד אונ באַדאַרפ כאסענע האָבנ.

— אזוי, כאסענע האָבנ, — מאַכט יאָנטל, קוקנדיק אפּ מיר מיט א געלעכטער, — טאַקע אנ עמעסער גלופּסקער, כלעבנ! בלײַב נאָר, פּישקע, א ביסל דאָ, אינ אדעס, וועלנ מיר דערנסטמאָל זענ...

פונ יענער צײַט אָנ, זינט מײַנ באגעגעניש מיט יאָנטלענ, פלעגנ מיר זיך אָפּט צונויפקומענ אונ רוקנ זיך ביידע איבער אדעס, ער אפנ געזעס, אונ איך מיט מײַנע קראַנקע פיס. יאָנטלענ איז נאָר געגאַנגענ דערינענ, מיר אלצ ארויסצושטעלנ זײַנ אדעס אונ באַרימענ זיך פאַר מיר מיט די שיינע גאַסנ, שיינע הײַזער אונ נאָך אנדערע זאכנ, גלײַך ווי זיי וואָלטנ געהערט אימ אונ [עס וואָלט] אימ דערפונ א סאַך ארויסגעקומענ. בא איטלעכס מאָל ווײַזנדיק מיר עפּעס, פלעגט ער קוקנ אפּ מיר מיט א שײַנענדיק פּאָנעמ, שמאָכנ פאַר גרויס פאַרגעניגנ, — עפּעס אזוי ווי דורך יענעמס שיינ הויז, יענער שיינער גאַס באַקומט ער א גרעסערנ ווערט אינ מײַנע אויגנ, — אונ אלצ מאַכנ, טאָרקענדיק מיך: נו, פּישקע! א שיינע שטאָט אדעס? עפּשער, הא, אינ דײַנ גלופּסק האָסטו אויך אזוינס?

— הער אויס, יאַנטל! — זאָג איך צו אים איינמאָל, אז ער האָט מיר אָנגעטאָרקעט די זייטן, ווייזנדיק מיר פונדערווייטנס דעם בול-וואר, ווו עס האָבן געשפּאַצירט אַ גרויסער אוילעם מענטשן און צו וועלכן, ווי איך האָב באַמערקט, ער האָט זיך עפּעס געשייעט, נישט גע-האַט קיין מוט צוגיין נאָענט.— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, יאַנטל, אדעס איז אוודע א שיינע שטאָט, נאָר א שאָד, כלעבן, וואָס נישטאָ דאָ קיין מענטשן... אדעראַבע זאָג, קען מען די היגע לייט אָנרופן מענטשן? גייען אזוי אָנגעטאָן, לעבן אזוי מענטשן? קוק, אדעראבע, ווי דאָרט אפּ דיין בולוואר פירן זיך מאַנצבלען אונטער די הענט מיט נעקייוועס. ס'איז דאָך נאָר א בושע! יידן געגאָלטע, נעקייוועס מיט האָר, הינטן שלעפּט זיך זיי נאָך א שטיק קלייד און קערן דערמיט די גאַסן, פאַרנט אויסגעשניטן מיט דער גאַנצער ברוסט אין דרויסן. פע, כאַ-לאָשעס, כלעבן!.. ווי נעמט מען אהער אונדזערע יידן, גלופּסקער יידן, דענסטמאָל, זעסטו, וואָלט עס טאקע געהייסן א שטאָט, געהאַט א פּאָנעם, יידישלעך, מיט שיינע אייַנפירן, ווי עס געהער צו זיין.

יאַנטל האָט שווייגנדיק זיך גערוקט מיט מיר ווייטער, נישט גע-האַט, אפּאָנעם, וואָס מיר צו ענטפערן. אפּן וועג קומען אונדז אקעגן א פּאָר פיינע לייט, פראַנצויזן. יאַנטל שטרעקט אויס די האַנט. איינער פון די לייט שטעלט זיך אָפּ, רעדט מיט אים עפּעס, און גיט אים א נעדאָווע.

— ווייסטו, פישקע, ווער די דאָזיקע זיינען? — מאכט יאַנטל מיט גאַדלעס, און די אייגעלעך שיינען אים פאַר גרויס האַנאָע. — יענער, וואָס האָט מיר געגעבן די נעדאָווע, איז דער עלטסטער מעלאַמעד דאָ בא אונדז אין טאַלמעטוירע, מיינער א באַקאַנטער, דו פאַרשטייסט? איאָ, פישקע, ער האָט שוין א פּאָנעם?

— אזא יאָר זאָלן האָבן אלע מיינע סאָנים! — ענטפער איך אים און טו א שפּיי. — פונעם שיינעם מעלאמעד קען איך מיך שוין אָנ-

שטויסנ, וואָס פאר מינ טאַלמעטוירע, מישטיינסגעזאָגט, מוז דאָ בא אײַכ זײַנ. איכ פרעג דיכ נאָר, יאָנטל, ווי שעמסטו זיכ נישט זאָגנ, אַז אזוינס איז גוט! נײנ, דו ביסט שוינ דאָ קאליע געוואָרנ, יאָנטל! ביסט געוואָרנ אזעלכער, ווי די אלע היגע לײַט... אַ מעלאַמעד אַ ביסל! כלעבנ, גאָר אונדזער טאַלמעטוירע-מעלאַמעד, רעב הערצעלע מאַזיק, לעהאוודל! רעב הערצעלע מאַזיק איז אַ ייִד מיטנ פולנ מויל, פול אינ דער גאַנצער שטאָט און טוט זײַנ זאַכ בישליימעס, גאַנצ פײַנ. אַפ לע-ווײַעס — ער, אַ שידעכ אויספירנ — ער, אַפנ הייליקנ אָרט טילים זאָגנ, אַ פּיירעק מישנײַעס לערנענ — ווײַטער טאַקע ער. גייט ער, ווי דער שטייגער איז, אלע וואָכ אינ די הײַזער, געלט צונויפנעמענ, טראָגט מענ אים די נעדאָווע אקעגנ; לויפט ער סימכעסטוירע מיט די טאַלמעטוירע-ייִנגלעכ צו די נעגידימ מאַכנ אַ „מישעביירעכ‟, גיט מענ אים אומעטום קידעש-מאַכנ מיט דער פולער מאָס. ער שרײַט „צווינ קאָדאָשימ‟, און די ייִנגלעכ — מע-מע! — עס האָט אַ פּאָנעמ. און דײַנ פראַנצויז וואָס? וואָס פאר אַ פּאָנעמ קענ בא אזעלכנ האָבנ זײַנ טילימ-זאָגנ, זײַנ „מישעביירעכ‟? וואָס פאר אַ טאַמ קענ האָבנ זײַנ קידעש-מאַכנ, זײַנ גיינ אַפ אַ לעווײַע, מישטיינסגעזאָגט?..

— האָסטו דאָכ אַ גראָבנ מאָעס, פישקע! — פאלט מיר יאָנטל ארײַנ אינ די רייד.— אַז מײַנער טוט גאָר קיינמאָל נישט אזעלכע זאַכנ! ווייסט פונ אזעלכע זאַכנ אפילע נישט וואָס צו זאָגנ.

— וואָס הייסט, ער טוט נישט אזעלכע זאַכנ? — מאַכ איכ פאַר-וווּנדערט.— ווי געשיקט זיכ עס, אַ טאַלמעטוירע-מעלאַמעד זאָל נישט באַגראָבנ די פײַנע-בעריעס, נישט...

— שאַ, שאַ, פישקע! — שלאָגט מיר איבער יאָנטל די רייד.— ער באַגראָבט זיי, נאָר אַפ אַנ אַנדער שטייגער. נישקאָשע, די פײַנע-בעריעס זײַנענ צופרידנ...

— פע, פע, פע! — שרײַ איכ אינ איינ קאָל און פאַרשטעק די

אויערן, נישט צו הערן. נאָר יאָנטל לאָזט מיך נישט צורו און רעדט איבער מיר טאקע ווײַטער:

— ווייסטו, ווער דער צווייטער איז, וואָס איז מיט דעם מעלאמעד געגאנגען? דאָס איז א גרויסער פײַנע-בעריע, א גאנצער טוער אין שטאָט-זאכן, ווי בא אײַך דאָרט ארן-יאָסל שטילפײַפער.

— פע, פע! — טו איך א געשריי שטארק אופגעבראכט, אזוי אז מענטשן, וואָס זײַנען פארבײַגעגאנגען, האָבן זיך ארומגעקוקט, — אָט אזעלכער הייסט בא דיר, יאָנטל, א פײַנע-בעריע! ווי אונדזער רעב ארן-יאָסל! זאָג כאָטש לעהאוודל. רעב ארן-יאָסל איז א ייִד מיט א באָרד, מיט פייעס, דאָס ייִדישקײַט ליגט אים אפן פּאָנעם, אין די הענט בא אים ליגט ייִדיש געלט, אוילאָמעס-געלט, פון אלע כעוורעס געלט, כאָב און נאָב געלט, מע גלייבט אים אפן נעמאָנעס. מיסטאמע אז ער נעמט, ווייסט ער דאָך, אז ער נעמט און וואָס מיט דעם געלט צו טאָן. מע קען זיך דערינען שוין אפן אים פארלאָזן, דײַן פײַנע-בעריע מוז האָבן א שיין ביסל נעמאָנעס. אף וואָס קוקנדיק קען מען אזעלכע געטרויען? אף זײַן ייִדישקײַט? אף זײַנע אונטערגעשוירענע פייעס?

— אף נעמאָנעס, כלעבן! — שפּארט זיך יאָנטל מיט מיר. — מיט פייעס, אָן פייעס, אלציינס, ווי איך בין א ייִד!

— עט! — מאך איך. — וואָס ווילסטו דאָ מיר אויסדרינגען? מיי-לע, שענק איך דיר שוין דאָס נעמאָנעס, אָבער ווי קען מען אזעלכן מעכאבעד זײַן מיט סאנדעק, מיט מעציצע? א שיין שטיקל מעציצע מוז דאָס זײַן בא דײַן פײַנע-בעריע. פע, כלעבן! נאָר א געלעכטער, אז די וועלט זאָגט: פּערציק ווערסט ארום אדעם ברענט דער געהע-נעם, איז טאקע עמעס.

— פונדעסטוועגן, — מאכט יאָנטל מיט א שטעכווערטל, — איז מיר פיל ליבער דאָ אין געהענעם, ווי אין דײַן גלופּסק אין גאניידן.

יאָנטל איז אינ מײַנע אויגנ אינגאנצנ איבערגעקערט געוואָרנ. ארעס האָט אימ שטארק צעלאָזנ, אונ מיר פלעגנ זיכ שפּארנ זייער אָפט. וואָס בא אימ האָט געהייסנ גוט, איז בא מיר געווענ שלעכט, אונ וואָס בא מיר גוט, איז בא אימ געווענ שלעכט. מיר האָבנ זיכ נישט געקענט אויסגלײַכנ, אשטייגער, וועגנ דער גרויסער שול, וועגנ דעמ כאזנ אונ דעמ ראָוו דאָרט. א כאזנ, מישטיינסגעזאָגט, אינ א טענדעווערענדע דאוונט קאָרכיש! ער אליינ זאָל עס ארבעטנ, ארײַנשטעקנ דעמ פינגער אינ גאָרגל, האלטנדיק זיכ בא דער באק, ווי אונדזער כאזנ רעב ראכמיעל קלאָגמוטער, שרײַענ קוילעס אפ דער געמבע, פונ דער געמבע א כאפּ טאָנ זיכ אינ פּיסטל־געזאנג, ווידער אפ דער גראָבער סטרונע, ברומענ, זעצנ ווערטער ארופ אונ אראָפּ, פארגיינ זיכ אינ שטייגער, צעגיסנ זיכ מיט א זיס וואָלעכל, א בעטלערל פאר דעמ ריבוינעשעלוילעמ: טאטעניו, פּאָטערוניו! אוי וויי איז מיר, וויי! ארײַנלייגנ דאָס גאנצע לעבנ אונ אָפּגיינ מיט שוויס אינ „יעקום־פורקנ”, אינ דעמ „מישעבייריעכ” — אזוי צו ארבעטנ... כאָלילע! ער אליינ שווײַגט מייסטנס, נאָר קוימ רופט ער זיכ אָנ א וואָרט, כאפּנ עס אופ די מעשוירערימ, צעלייגנ עס אפ טעלערלעכ, נעמענ עס אפ די קיילימ אלערליי, אויסגעמישט אינייגעמ קאשע מיט מאָנ — אונ דאָס הייסט בא זיי דאָרט קאָרכיש. ווו א וואָלעכל! ווו א קליוואנער בעטלערל, א פּאָניע! ווו א „יעקום־פורקנ”! די גאנצע ראָליע שפּילט בא זיי אונדזער א שטיקל דרויב, דער „אין כמוך”, מע מאכט פונ אימ א צימעס. אונ וואָס נאָכ — א געלעכטער, כלעבנ! — האלטנדיק די טוירע אפ די הענט, דרייט מענ זיכ דערבײַ ארומ מיט די האקאָפעס. האָט איר געהערט, — שאבעס מיט די האקאָפעס, ווי אינ סימכעסטוירע!.. סטײַטש! וועט איר זיכ ווונדערנ, ווו איז דער ראָוו? ווי דערלאָזט עס אזוינס דאָרט דער ראָוו? נאָר הערסטו, אָט דאָס איז דאָכ טאקע דער גאנצער פּארדראָס, אז דער שיינער ראָוו טאנצט אויכ אינ

קאָנ, רוקט זיכ נאָכ פאָרויס, אויכ אינ א טענדעווערענדע מיט א געפּוצט בערדל אונ האָט א פּאָנעמ, פע!.. דאכט זיכ, גענוג כאלאָשעס? אונ יאָנטלענ איז דאָס גאָר געפעלנ. גוואלד,— שרײַ איכ,— יאָנטל, וואָס איז דיר געשענ? מעשוגע ביסטו, צי כאָסערדייע: ווי קומט אזוינס צו דיר, ווי פארקריכט מענ עס אזוי מיעס? גוואלד, א רועכ אינ דײַנ טאטנ ארײַנ!..— אונ ער קוקט מיכ אָנ, שמאָכט מיט א שײַנענדיק פּענעמל, מאכנדיק דערבײַ נישט מער, ווי: פישקע, ביסט א נאר! פארשטייסט נישט, וואָס גוט איז! — הײַנט גיי, רייד, טײַנע מיט אזעלכנ! אז איכ האָב א קוק געטאָנ, ס'איז פארפאלנ, יאָנטל איז אײַנגעשפּארט, ס'איז מיט אימ גאָרנישט צו מאכנ, האָב איכ מיר געגעבנ דאָס וואָרט, מער וועגנ דעמ ניט צו ריידנ. אונ לאָז זיכ זײַנ אדעמ פונמײַנטוועגנ אפילע מיטנ קאָפּ אראָפּ איבערקערנ, גייט עס מיכ מער ניט אָנ.

— הער אויס! — זאָג איכ איינמאָל צו יאָנטלענ.— שפּארנ זיכ מיט דיר וועגנ אדעסער אײַנפירונגענ וויל איכ שוינ מער נישט, דו ביסט א געבוראָטענער אקשנ, אונ איכ וועל מיט מײַנע ווערטער בא דיר גאָרנישט פּויעלנ. לאָמיר בעסער ריידנ טאָכ-זאכנ. איכ וויל זיכ מיט דיר מעיאשעוו זײַנ וועגנ מיר. וואָס קענ פונ מיר דער טאכלעס זײַנ? דער איניענ אינ די הײַזער ארומצוגיינ האָט זיכ מיר שטארק צוגעגעסנ, ס'איז דאָ הײַנט אָרעמעלײַט גענוג אָנ מיר אויכ, וואָס באפאלנ די הײַזער ווי די היישעריקנ, אונ וועלנ באלד פארפלייצנ די וועלט. די באלעבאטימ בלאָזנ זיכ, שרײַענ: גוואלד, נישט אויסצוהאלטנ! עס וואָלט גוט געווענ צו האָבנ עפּעס א שטיקל פּארנאָסע. ראָט, כלעבנ, צו וואָס זאָל איכ מיכ נעמענ...

— קיינ קאָנטאָרנ מאכנ,— ענטפערט יאָנטל,— מיינ איכ, ווילסטו נישט, קיינ קלייט מיט צעלניק — אויכ נישט. וואָס דענ זשע, אשטייגער?

— לאכ נישט, יאָנטל, — זאָג איכ צו אימ, — רייד ווי א מענטש. עפעס כוץ קאנטאָרנ און צעלניק איז דענ נישטאָ בא יידנ מער קיינ פארנאָסעס?

— אָכ! — מאכט יאָנטל. — ס'איז דאָ, דאָ זייער פיל, ווי, אשטייגער, האלטנ די טאקסע, זײַנ א גאבע אינ בעוורעס, רײַבנ זיכ ארומ מייער-באלאנעס-פושקעס, דרייענ זיכ ארומ שטאָט-זאכנ, ארומ די פײַנע-בעריעס, זײַנ א קאָל-וועלאָכ, א קאָכלעפל און דעסגלײַכנ זייער גוטע פארנאָסעס. נאָר, אקאָטא! אזעלכע זײַנענ נישט פאר דיר. לאָמיר זיכ נעמענ צומ צעטל יידישע פארנאָסעס פונ קליינעמ סאָרט. נו, פישקע, האנדלענ מיט אלטע קליידער, אשטייגער! זייער פיל יידנ דערנערנ זיכ דערפונ גאָר נישקאָשעדיק.

— ניינ! — גיב איכ יאָנטלענ צו פארשטיינ. — אלטע קליידער מוז מענ דאָכ קויפנ, אויסלאטענ, און דערצו דארפ מענ דאָכ געלט, אויכ טאקע פארשטיינ א ביסל די מעלאָכע, און דאָס איז פאר מיר שווערלעכ. מיט גלופסקער טאכטוינימ, אשטייגער, איז נאָכ א האלבע צאָרע, וואָס מאכט עס דענ אויס, אז צעריסנ א ביסל, אזוי אָדער אזוי פארלאטעט; אָבער דאָ מיט די אדעסער איז דאָכ א שרעק! אדעסער טאכטוינימ, מעכילע, זײַנענ מיט גאנצע צערעמאָניעס. דערעכערעצ! עפעס גאָר א מוירע צו זיי זיכ צוצורירנ.

— אויב דו שרעקסט זיכ פאר אדעסער טאכטוינימ, — מאכט יאָנטל, — לאָז זשע זײַנ ציבעלעס, קנאָבל, צוגעלעגערטע לימענעס, מאראנצנ אוקעדוימע. נאָר מוזט אָבער וויסנ, אז דאָ איז די מאָדע זיכ אײַנצושפאנענ אינ א טאטשקע און ארומפירנ עס איבער די גאסנ, שרײַענדיק אפ א קאָל מיט א ניגנ.

— שרײַענ קענ איכ זייער שיינ, — ענטפער איכ, — דערופ בינ איכ א מײַסטער. אָבער אײַנשפאנענ זיכ ווי א פערד און שלעפנ, האָב איכ קיינ קויעכ נישט. הײַנט כוץ דעמ איז דאָכ אויכ ווײַטער די אייגענע

מײַסע: און די מאמטאקימ,— ווו נעמט מען דערצו די קלינגערס, געלט?

— הער אויס, פישקע,— מאכט יאָנטל מיט אנ ערנסט פּאָנעמ,— פאַרנאָסעס אָנ מי, אָנ געלט ארײַנצולייגנ, זײַנעג נאָר יענע, די פריִעדיקע... פונעמ הויכנ סאָרט. ווײַטער ווייס איכ קיינ אנדערע נישט. זאָג, אדעראבע, דו!

— בעסער פונ אלע זאכנ,— זאָג איכ צו יאָנטלענ,— געפעלט מיר א באָד. אינ דער גלופּסקער געמויערטער באָד, ווו איכ האָב מיכ אופגעהאלטנ, איז מענ פונ מיר שטארק צופרידנ געווענ. איכ האָב געטויגט. ווענ נישט די אומגליקלעכע באסענע מײַנע, וואָלט אויס מיר שוינ לאנג דאָרט געוואָרנ א מענטש. איכ וואָלט שוינ אָנגעשפּארט העט ווײַט. אויב דו ביסט יאָ א שטיקל כּאָשעוו אינ אדעס, טו זשע מיר די טויווע, גוטער, זיסער יאָנטעלע, אונ העלפ מיר זיכ ארײַנצודרייענ דאָ ערגעצ אינ א באָד. זײַ א ברודער, יאָנטל, אונ ווײַז מיר דײַנ גרויסקײַט דאָ!

— אצינד, פישקע,— מאכט יאָנטל צו מיר מיט א שמייכעלע,— אצינד וועל איכ דיר מיקויעכ דײַנ באקאָשע גאָרנישט ענטפערנ. גיי, זײַ מויכל, פריִער אונ קוק אליינ אָנעט מיט דײַנע אויגנ די היגע באָדנ. דערנאָכ וועלנ מיר שוינ שמועסנ.

איכ האָב געפאָלגט יאָנטלענ אונ בינ געגאנגענ אינ איינ באָד, אינ דער אנדערער. איז מיר פאָרגעקומענ עפּעס מעשונע-ווילד. האָט איר געהערט א ביסל א באָד! דאָרט איז ליכטיק, ריינ ווי אינ א שטוב. דאָרט שטייענ גוטע באנקבעטלעכ, טאקע גוטע, ווי איכ בינ א ייִד; פּרודענ זיכ דאָרט, זאָל דער אייבערשטער היטנ! מע זעט נישט הענגענ דאָרט קיינ איינ העמד אפילע. ס'איז נאָר א געלעכטער, אפּ נעמאָנעס! — נײנ, טראכט איכ בא מיר, אינ אזא באָד קענ איכ נישט זײַנ. דאָס איז נישט פאר מיר, נישט דאָס, נישט יענצ, נישט דער מײַנעג, וואָס אינ און-

רזער גלופּסקער באָד. דאָרט איז גאָר עפּעס אַנדערש, עס האָט עפּעס טאַקע אַ פּנים. מענטשן האַלטן זיך דאָרט אויף, מע ליגט זיך אין קאָמפּאַניע אויסגעצויגן אויף די בענק; מע שמועסט, מע דערציילט מײַ־סעס, מע רעדט פֿון אַלצדינג, וואָס פֿאַרלויפֿט זיך אין דער וועלט. ס'איז עפּעס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, מעכײַע, כּלעבן. איך בין גע־גאַנגען אין נאָך און נאָך באָדן,— אַלע נישט וואָס בײַ אונדז. עפּעס שמעקט דאָרט נישט דער רייעך, וואָס אין אונדזער געמויערטער באָד! הײַנט זייערע מיקוועס — איז נאָר אַ געלעכטער. אונדזער מיקווע־וואַסער פֿילט מען, עס האָט עפּעס אַן אַנדער טאַם, אַן אַנדער קאָליר און איז עפּעס געדיכטער, ווי אַנדערע וואַסערן. מע פֿילט באַלד, ס'איז י י ד י ש ל ע ך... דאָרט אָבער איז דאָס מיקווע־וואַסער לויטער, גלאַט וואַסער, ווי וואַסער באַדאַרף געוויינטלעך זײַן, וואָס מע קען עס טרינקען...

— נו, פּישקע? — האָט מיך יאָנטל אַ פֿרעג געטאָן דערנאָך מיט אַ שמייכעלע,— האָסטו געזען אַ היגע באָד?

— עט! — האָב איך געענטפֿערט.— נישטאָ פֿון וואָס, מישטיינס־געזאָגט, צו ריידן. בײַ אײַך איז אַלץ ווילד, כּוויזעק אינגאַנצן. דײַן אַדעס איז פֿאַר מיר נישט קיין אָרט...

24

מיט אַדעס בין איך טאַקע נישט צופֿרידן געווען, נאָר איבער דעם ווינטער האָב איך געמוזט דאָרט פֿאַרבלײַבן, וואָרעם ווי לאָזט מען זיך עס ווינטער־צײַט נאַקעט און באָרוועס אין וועג אַרײַן, און דערצו נאָך איינער אַליין אין אַ פֿרעמד ווינקל? ווײַבאַלד אָבער עס האָט אַ וואָרעם געגעבן די ליכטיקע זון און

געשמעקט מיט זומער, האָט עס מיכ עפּעס געטאָרעט, נישט געלאָזט מיכ אײַנזיצנ רויק אפ אײנ אָרט. אמאָל פלעגט פאר מיר דער זומער זײַנ, ווי געווײנטלעכ, זומער. זומער, גאָרנישט! ס'איז ווארעמ, ליכ־טיק, טעג גרויסע, גרינ אומעטום. מײלע, איז גוט, איז נישט קאלט. בעהיימעס גײענ אינ דער טשערעדע, איז דאָ מילכ, א ביסל סמעטע־נע. ס'איז נאָכ דאָ צומ ברויט א גרינע ציבעלע, א קנאָבל, א רעטעכל, פאר א ייִדנ אנ אָרעמאנ א גרויסע זאכ, א גאנצער כעזשבנ. הײַנטיקס מאָל, אקעגנ, האָט פאר מיר דער זומער עפּעס גאָר אנ אנדער פּאָנעמ געהאט. איכ ווײס נישט, ווי זאָל איכ מיכ אויסדריקנ, עפּעס האָט ער גערעדט ווערטער, אונטערגעגעבנ דעמ הארצ עפּעס א כײשעק... מיכ דערמאָנט אלצ אינ א י״ר, אינ מײַנ האָרבאטער. איטלעכס גרעזעלע, איטלעכס גרינ ביימעלע אונ איטלעכס שפּיל פונ א פײגעלע האָט מיר עפּעס דערצײלט, אָפּגעגעבנ א גרוס פונ איר. עס האָט מיר זיכ אלצ געטראכט: אָט אזוי איז זי מיט מיר געזעסנ, אזוי האָט זי געקוקט, אזוי — געלאכט, אונ אזוי אויסגעגאָסנ איר ביטער געמיט. עס האָט מיר זיכ צעשפּילט די געבליטנ, מיכ באפאלנ א זיסע מאָרעשכוירע, אונ עס האָט מיכ עפּעס געצויגנ, געצויגנ ווײַט אהינ, אהינ... וואָס פאר א שײַכעס דאָס אלצדינג קענ האָבנ מיט דעמ זומער, אויב דאָס איז געווענ אינגאנצנ זײַנ ארבעט, אָדער גאָר עפּעס אנדערש, עפּעס אזא מינ שלאפקײַט, א ספּאזמע אזוינע? — דאָס ווײס איכ נישט. איכ ווײס נישט מער, מיט מיר איז געווענ עפּעס נישט גלאט. איכ האָב גע־צאנקט ווי א ליכט, געוואָרנ גאָר נישט דער אײגענער וואָס פריִער.

— פישקע, ביסט קראנק? — האָט יאָנטל, אָנקוקנדיק מיכ, אײנ־מאָל געפרעגט, — ביסט עפּעס שטארק פונעמ פּאָנעמ אראָפּ. וואָס טוט דיר וויי?

— עט, גאָרנישט! — ענטפער איכ, אָנכאפּנדיק זיכ מיט בײדע הענט באמ הארצנ.

— דו פילסט נישט דאָס האַרץ? — מאַכט יאָנטל,— דערצו איז איינ סגולע: א שטיקל ברויט גוט איינגעטונקט אינ זאַלצ אפנ ניכטערנ מאָגנ.

— ס׳איז מיר אָנגעזאַלצנ אפנ האַרצנ גענוג אָנ דעם,— ענטפער איכ מיט א זיפצ.— עפּעס פיל איכ, ווי עס ציט מיכ, ציט, אונ עס לאָזט מיכ ניט אײַנזיצנ.

— איכ פארשטיי שוינ, פארשטיי,— מאַכט יאָנטל מיט א שמייכעלע,— עס ציט דיכ אינ דײַנ גלופּסק, ציט דיכ. אַהינ, וווּ די גנילאָפּיאַטקע בליט, וווּ עס סווישטשעט דער דאַלעס, אונ קנאָבל אונ ציבעלעס גיבנ די שמוכט. שעמ זשע דיכ נישט, פישקע, אונ גיי דיר אַהינ אינ דײַנ רו אַרײַנ.

אינ עטלעכע טעג אַרומ האָב איכ זיכ געזעגנט מיט יאָנטלען אונ מיכ געלאָזט צופוס אינ וועג אַרײַנ...

דער קאָפּ איז מיר געפלויגנ אינ עק וועלט, דאָס האַרצ האָט מיכ געצויגנ צו א י ר. אַלצ געטראַכט, וווּ איז ז י, וווּ געפינט זיכ אַצינד ז י? וואָס מאַכט ז י, ווי לעבט ז י, נעבעכ, אַליינ אָנ מיר? אונ די פיס מײַנע זײַנענ געגאַנגענ, ווי אַליינ פונ זיכ, געגאַנגענ פּאַמעלעכנ אפנ וועג קיינ גלופּסק. איכ בינ געגאַנגענ דורכ דערפער, דורכ שטעט, דעמ גאַנצנ וועג געטראַכט, געזוכט מיט די אויגנ, טאָמער וועל איכ באַגעגענענ זי. איכ בינ זיכ אָנגעגאַנגענ גענוג אונ אויסגעווענ א וועלט יידישע שטעט. וואָס מער נעענטער צו גלופּסק, איז מיר געוואָרנ גרינגער אפנ האַרצנ. איכ האָב זיכ מעכײַע געווענ מיט די יידנ פונ אונדזער ווינקל. זייער לאָשנ, זייער גאַנג, זייער שטייגער לעבנ אונ פירונג איז פאַר מיר געווענ גאָר א דערקוויקעניש, כלעבנ. עפּעס האָב איכ מיכ געפילט היימיש צווישנ מײַנע לײַט, אייגענע מענטשנ. פונ אונדזער ווינקל די יידנ זײַנענ טאַקע מעכײַע! אָנ צערעמאָניעס, אָנ כאָכמעס, הערנ נישט קיינ וועלט, נאַרישע מאָדעס. רייד דיר, שרײַ

דיר הויכ אפ א קאָל, טו דיר פרײַ אלצדינג, פראָסט, ווי גאָט האָט גע-
באָטנ. ווערעם אייסעק איז — שײַנ אָדער מיעס, אויב עס פאסט
אָדער ניט. יענעמ געפעלט נישט? לאָז ער פארמאכנ די אויגנ, פאר-
שטעקנ די אויערנ. געסמאַהע אימ פארפול!.. איכ בינ ביסלעכווײַז גע-
קומענ צו די קרעפטנ, געוואָרנ רויִקער, געטראַכט פונ גלופּסק, פונ
דער געמויערטער באָד, אונ געהאָפט צו האשעמיִסבאָרעכ.

אָט אַזוי בינ איכ מיר אינ א שײנעמ פרימאָרגנ געגאנגענ צווישנ
ווייצ אונ קאָרנ אונ פארגאנגענ ביז צו א גרויסנ געדיכטנ וואלד. איכ
בינ ארײַנ טיפלעכ א ביסל אינ וואלד, אָפּגעלייגט זיכ דאָרט מיט מײַנ
פעקל, אראָפּגעוואָרפנ פונ מיר די קאפּאָטע אונ זיכ אויסגעשטרעקט
אונטער א בוימ צווישנ הויכ גראָז, וואָס האָבנ מיט די גרויסע, ברײ-
טע בלעטער מיכ פארשטעלט ארומ אונ ארומ. מיילע, וואָס איז דאָ
איבערצוטראַכטנ? א וואלד — א וואלד, ווי אלע וועלדער. ביימער זײַ-
נענ זיכ ביימער, גראָז — גראָז, פייגעלעכ — פייגעלעכ, אונ איכ בינ
מיר איכ, אונ מעג מיר טאקע כאַפּנ א דרעמל, זיכ אויסרוענ א ביסל
פונעמ וועג. איכ צי מיכ, גענעצ, פארמאכ די אויגנ אונ — הערט מײַנ
כאָלעמ.

עס דאכט מיר זיכ א שאָרכ, עפּעס ווי טריט, אונ א קנאַקנ פונ
דארע ריטלעכ. איכ שטעל אופ די אויערנ אונ האָרכ מיט צוגעמאכטע
אויגנ. דער שאָרכ ווערט אלצ שטארקער, די טריט אלצ נעענטער.
עפּעס הייבט עס מיכ אָנ צו ארנ, וויל עפענענ די אויגנ, נאָר שווער-
לעכ, איכ ליג ווי א קלאָצ אונ קענ פאר גרויס מידקײַט מיכ נישט
רירנ. די טריט אָבער ווערנ באלד שטילער, איכ בארויִק מיכ, גיב מיכ
איבער דעמ שלאָפ, די געדאנקענ פלאָנטענ זיכ מיר, אונ ס'איז מיר
עפּעס גוט, אזוי גוט... עפּעס הערט זיכ א שטיל אומעטיק ניגנדל.
דאכט זיכ א באקאנטס. דאָס ניגנדל צעגייט זיכ אינ אלע גלידער,
רײַסט אויס א שטיק הארצ, עס גלוסט זיכ וויינענ, אונ דערבײַ פילט

זיך טאקע, ווי עס קומט צו א שטיק געזונט. עפּעס נאָר ווי אפ א באדעקנס פאר דער כופּע. עס וויינט זיך כאָסן־קאלע און עס לאכט זיך,ביידע זאכן אינייינעם, ווי א זון מיט א רעגן צו גלייכער צייט. — פּלוצלים פּיל איך, עפּעס טוט מיך א נעם בא די האָר און עס טוט א געשריי. איך כאפּ מיך געשווינד אוף, צענעמט פאר מיר די גרויסע בלעטער פונעם גראָז — און דערזע א טעפּל מיט שטארק רויטע פּיליניצעס וואלגערנדיק זיך נישט ווייט פון מיר אפ דער ערד. ווייטער א ביסל רוקט זיך עמעצער, ווי א נעקייווע, זיצנדיק אפן גראָז, און קוקט זיך ארום אין איינע שרעק. מיר איז באלד איינגעפאלן, וואָס דאָס באטייט. יענע האָט דאָ, אפּאָנעם, געקליבן פּיליניצעס, פארטיפט אין דעם זוכן, און בעשאסמייסע, אונטערזיינגענדיק עפּעס א לידעלע, האָט זי פּלוצלים אָנגעטאפּט מיין קאָפּ און זיך שטארק איבערגעשראָקן. איך שטיי געשווינד אוף, נעם דאָס טעפּל און גיי איר עס אָפּצוטראָגן, מאכנדיק פונדערווייטנס: נישקאָשע! — גאנץ פריינטלעך. נאָר קוים קום איך צו נאָענט, פאלט מיר פון די הענט דאָס טעפּל ארויס. איך טו א געשריי, בלייב פארמישט — און באלד שטייען מיר ביידע, שטייף האלטנדיק זיך בא די הענט, איך און מיין האָרבאטע.

דאָס איז געווען טאקע וואכנדיק, נישט קיין כאָלעם, איך האָב געקוקט און געזען גאנץ קלאָר. פאר מיר שטייען געזונטע ביימער, אויבן אפ די צווייגן שפּרינגען פייגעלעך, סווישטשען, זינגען און פרייען זיך מיט אונדז אינייינעם. ביידע זיינען מיר איבערגליקלעך, פרייען זיך און לאכן מיט טרערן. ביידע וואונדערן זיך, פרעגן איינער דעם אנדערן, פונוואנען ער האָט פּלוצלים זיך אהער גענומען, און ביידע ריידן, דערציילן, וואָס מיט איטלעכן האָט זיך פּאסירט.

זי דערציילט די גרויסע צאָרעס, וואָס זי, נעבעך, איז אויסגעשטאנען, זינט די כאליאסטרע האָט מיך פאראיאָרן אין שטעטל דאָרט אוועקגעוואָרפן. דאָס איז געווען דעם מאמזערס ארבעט. אים האָט זיך נישט

געגלוסט, מײַן װײַב זאָל נעמען געט, ביכדיי זי זאָל נישט באַלד צו-שטיין צו אים מיט גוואַלד, ער זאָל מיט איר כאַסענע האָבן. אים האָט נאָר געטויגט א בלינדע, אָבער נישט קיין בלינדע װײַב. מאַכן מיט איר כיין און געלט,— דאָס זאָל ער, און זײַן זאָל זי זיך, געזונטער-הייט,— יענעמס. דערבײַ האָט ער געהאַט נאָך א מיין, מיר צו פאַר-וויסטן מײַנע יאָרן, איך זאָל נישט זײַן פרײַ אופגעבונדן. אים איז אויך שטאַרק נישט געפעלן מײַן פרײַנטשאַפט מיט דער האָרבאַטער. דאָס האָט אים שרעקלעך געשטאָכן, און ער האָט פון זײַן זײַט געטאָן א מיטל, די פרײַנטשאַפט זאָל נישט גיין װײַטער... אבי ער איז מײַ-נער פאָטער געוואָרן, האָט ער מײַן װײַב ביסלעכווײַז אין די לאַפּעס אַרײַנגענומען און איר דערנאָך געוויזן, װער עלטער איז, וויסנדיק זייער גוט, אז פון זײַנע הענט איז איר שוין אומעגלעך זיך אויסצו-דרייען. וואָרעם, וואָס קען א בלינדע איינע אליין טאָן? שפּעטער האָט זי אים זיך שטאַרק צוגעגעסן. ער האָט זי איבערגעגעבן דעם אַל-טיטשקן, צו גיין מיט איר אין די הײַזער און מאַכן די קאָמעדיע, ווי אַמאָל מיט מיר. דער מאַמזער האָט איר פאַרצאַפּט דאָס בלוט, זי גע-הארגעט, געשלאָגן, און דער אַלטיטשקער האָט באַזונדער מיט איר געלערנט באַלאָק. זי איז אין א קורצער צײַט געעלטערט געוואָרן, פינצטער ווי די ערד.— דאָס גאַנצע יאָר האָט די כאַליאַסטרע זיך אַרומגעשלעפּט, אין פיל שטעט אויסגעוועגן, און הײַנט פאַרטאָג זיך געשטעלט אויסרוען דאָ אין װאַלד. איר האָט זיך פאַרגלוסט גיין קלײַבן פּיליניצעס און האָט פּלוצלים — אַזוי לאָזט זי אוים מיט א שמייכעלע,— אָנגעטאַפּט א גוטע פּיליניצע, מיך אליין...

איך פון מײַן זײַט דערצייל איר אַלצדינג, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, און ווי איך בין אויך הײַנט אינדערפרי געקומען אהער, נייענדיק אפּן װעג קיין גלופּסק. בא אונדז איז געבליבן, פון הײַנט אָן זיך מער נישט צעשיידן, אײַנוועדנן אלע מיטל, מײַן װײַב זאָל גע-

מענ געט. אויב כאָלילע נישט, וועלנ מיר ביידע פונ דער כאַליאַסטרע אנטרונענ ווערנ, אונ וואַרטנ, וואָס גאָט וועט געבנ. אונ ווי מיר זיצנ זיכ דאָ אזוי, שטאַרק האַנאָע האָבנדיק איינער פונעמ אנדערנ, הערט זיכ אינ וואַלד א קאָל: א-הו!

— דאָס איז א קאָל פונ אונדזערע לײַט, — זאָגט מײַנ האָרבאַטע, — דאָס זוכט מענ מיכ.

אונ שפּעטער א ווײַלע קומט צו א פּאַרשוינ, וועלכנ איכ האָב באַלד דערקענט. דער פּאַרשוינ האָט מיכ עפּעס קרומ אָנגעקוקט אונ געשמייכלט פאַר זיכ מיט א געשפּעט. מיר מאַכנ נישט לאַנג שיעס אונ לאָזנ זיכ גייַנ. דער פּאַרשוינ לויפט פריער, אײַלט זיכ, אפּאָניעמ, אָנצוזאָגנ די גוטע בסורע, אונ מיר אײַלנ זיכ נישט, גייענ פּאַמעלעכ. הינטער א קרעטשמעלע, א כורווע, אפ א היפּשע שטרעקע ווײַטלעכ אינ דעמ וואַלד, זע איכ, שטייענ באַקאַנטע בײַדלעכ. ווײַטער א ביסל, אפ א פרײַענ פּלאַצ, ארומגערינגלט מיט ביימער, ברענט א פײַערל, די שיינע כאַליאַסטרע ארומ, אונ ס'איז פריילעכ. דעמ ערשטנ „שאָלעמ-אליכעמ" שטעקט מיר אָפּ דער מאַמזער מיט ברייטקײַט, הויכ אפ א קאָל: — א, א, א גאַסט, כלעבנ! וואָס מאַכט א ייִד? איכ האָב טאַקע נאָכ אײַכ שויג געבענקט, רעב פישל! — באַלד דערופ לאָזנ זיכ הערנ קוילעמ: — קומט מעקאַבל-פּאָנעמ זײַנ דעמ „נאָגיד"! — אונ פונ אַלע זײַטנ שיטנ זיכ מיר משונע-ווילדע, מעשוגענע „שאָלעמ-אליכעמס", מיט קניפּ אונ קלעפּ הינטנ-ארומ, אזוי אז דאָס היטל איז מיר פונעמ קאָפּ אראָפּגעפאַלנ. אונ ווי איכ דריי מיכ דאָ, זוכ דאָס היטל, צודע-קנדיק דערווײַל דעמ קאָפּ מיטנ עק פּאָלע פונ דער קאַפּאָטע, אונ כאַפּ קלעפּ גאָר א שרעק, — פליט צו מײַנ ווײַב מיט א פרייד אינ איינ קאָל: — ווו איז ער, מײַנער? ווו, ווו? פישקע?.. — איר פרייד האָט מיכ ערגער געשטאָכנ ווי פונ די פרעמדע-לײַט די קניפּ. צומ געט טויג מיר קלאָל נישט אזא פרייד, טראַכט איכ מיר, האָב מיכ בעסער

פײַנט, ווי דער גאַנצער אוילעם דאָ! זי אָבער הענגט זיך אָפּ מיר, אַלץ: פּישקע, מײַן פּישקע! מיר איז שטאַרק נישט-גוט געוואָרן אָנ-קוקנדיק זי, אַ בלינדע, אַ דאַרע, אַ שלאַפּע, אַלטע ייִדענע! ווו איז איר לײַב, איר געזונט, אירע פעטע באַקן און איר פּיסק? איך האָב מיר באַדאַרפט אָנטאָן אַ קויעך אַ פרעג צו געבן זי, פון יויצע וועגן: וואָס מאַכסטו, באָסיע?

— דו ביסט טאַקע געראַכט געווען, פּישקע, זאָגנדיק אַמאָל: „אין גלופּסק האָבן מיר ביידע, באַרעכאַשעם, אַ שײנעם נאָמען געהאַט; איטלעכער האָט מיך געקענט און אָפּ מיר קאָוועד געלייגט" — מאַכט מײַן ווײַב הויך אָפּ אַ קאָל, אַלע זאָלן הערן, אָנעמענדיק דערבײַ אַ שטאָלצע מינע, ווי אַן אָפּגעקומענער נאַגיד, וואָס דערציילט פון זײַן גרויסקײַט אין די פריִערדיקע יאָרן, און געטאָן אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן. — גענוג זײַן נאַוונאַד, אַהיים, אַהיים, צוריק אַהיים פיר מיך, פּישקע, צוריק אין אונדזער שטאָט, צו אונדזערע הײַזער, אונדזערע באַלעבאַטים!

ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן פון אירע רייד. אַזעל-כעס איז מיר גאָר ניט אײַנגעפאַלן צו הערן פון איר, און איך האָב מיך שטאַרק פאַרקרימט. דער מאַמזער האָט זיך אויך מיִעס פאַרקרימט, טראַכטנדיק זיכער, אַז איך וויל דערטאַפּן די סכוירע און בא אים צו-נעמען די פּאַרנאָסע. איך האָב גאָר געטראַכט: אַדעראַבע, באַ דיר בלײַב עס, איך בין דיר זי מויכל פונעם גאַנצן האַרצן. עס האָט אין אים געברענט די רעציכע, די אויגן זײַנען אים פאַרלאָפן מיט בלוט, אָנ-קוקנדיק מיך בייז, דערנאָך האָט ער זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט, געוואָרטשעט און איז אוועקגעגאַנגען שטאַרק אין קאַס.

ווײַבער און מיידלעך פון דער שײנער כאַליאַסטרע האָבן זיך געפּאָ-רעט נעבן דעם פײַער, צוגעשטעלט טעפּלעך, געשאַרט, געראָקט, געבאַקט קאַרטאָפלעס. אַ טייל באַכורים שטייען צו און שפּילן זיך מיט זיי

אונטער, דערלאנגענ א זעצ, א קניפּ, און זאָגנדיק דערבײַ גלײַכווערטלעכ. די ווײַבער זײַנענ קלאָמפּערשט בייז, גרייט אויסצורײַסנ די אויגנ, זידלענ, שילטנ — און קײַכנ טאקע באלד פאר געלעכטער, לאָזנ זיכ כאפּנ ווי א הונ פונעמ האָנ, ווענ ער ווארפט אפּ איר אנ אייגל מיט אראָפּגעלאָזענע, צעשפּרייטע פליגל, און איז מעקאבל בעאהאווע דעמ פּיק, וועלכנ ער טוט איר אינ קעפּל. — ווידער א טייל זײַנענ צעזייט, צעשפּרייט אינ וואלד. איינער ליגט מיט דעמ רוקנ ארופּ און כראָפּעט, דער אנדערער לאטעט עפּעס א קאפּטנ, יענער קראצט זיכ, טאפּט און זוכט עפּעס מיט א שטארק ערנסט פּאָנעמ. נאָכ עטלעכע שלאָגנ זיכ, פּרוּונ, ווער וועמענ וועט בײַקומענ. עס קאָכט זיכ, עס ראַשט זיכ, כעוורע לעבט!.. מײַנ ווײַב האלט מיכ פעסט מיט די הענט, גאָר איינ גופּ, איינ נעשאָמע; רעדט און רעדט פאר פײַער, פאר וואסער, זי קלאָגט זיכ אפּ איר פינצטערנ מאזל, דערציילט איר שווער-ביטער געמיט, וואזוי זי איז עס א ביסל אָפּגעקומענ, און ווינטשט נישט אנדערש, איכ זאָל זי פונדאנענ אוועקפירנ, לעבנ מיט איר אינײינעמ, ווי גאָט האָט געבאָטנ, ביז הונדערט מיט צוואנציק יאָר. איכ ענטפער איר איינ וואָרט אפנ צענטנ, עפּעס אָנ לאָשנ, און זוכ, ווי פונ אירע הענט זיכ אויסצודרייענ. אז איר האָט זיכ שוינ אויסגעלאָזט רייד און מיר זײַנענ שוינ גענוג אפּ איינ אָרט זיכ אָנגעזעסנ, איז מיר לעסאָפּ געראָטנ פונ איר זיכ אויסצורײַסנ, א ביסל פרײַ צו עטעמענ. איכ האָב באלד אויסגעזוכט מײַנ האָרבאטע און מיט איר שטילערהייט אוועק א ביסל אינ דער זײַט. דער שמועס אונדזערער האָט זיכ אָנגעהויבנ דערמיט, אז ס'איז שטארק נישט פריילעכ. פונ געטנ זיכ מיט מײַנער איז גאָר נישט צו דענקענ. זי וועט פארווארפנ מיטנ קאָפּ, נישט וועלנ אפילע הערנ. ווידער זשע דאָ צו בלײַבנ בא דער גוטער קנופיע איז אוואדע נישט גוט. דאָס הייסט פּאָשעט, זיכ פארקויפנ דעמ רועכ, אפּדאָסנײַ ווערנ א בער און טאנצנ אפּ די לאפּקעס. וואָס דענ זשע טומ

מענ? א היפשע צײַט זײַנען מיר אזוי געזעסן, און אונדזער שמועס האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט: אײַן ברײַרע, מע באַדאַרף מאַכן א פּלײַטע! און אזוי ווי די כאַליאַסטרע האָט בעדײַע דאָ צו נעכטיקן, איז פאַר אונדז קיין בעסערע צײַט און קיין בעסער אָרט נישט געווען, ווי אַפּצוטאָן עס טאַקע די הײַנטיקע נאַכט, דאָ אין דעם וואַלד. ווי מיר זיצן און באַטראַכטן גוט דעם פּלאַן, ווײַזט זיך פונדערווײַטנס דער מאַמזער מיט עפּעס א פּאַר פערד.— לאָמיר נישט וואַרטן,— זאָגט מײַן האַרבאַטע,— ביז ער וועט צוקומען נעענטער. עס טויג נישט, ער זאָל אונדז זען זיצנדיק אינײנעם. בעסער לאָמיר באַצײַטנס זיך צעגיין.

זי גייט אוועק אין איין זײַט, און איך אין דער אַנדערער.

דער מאַמזער איז עפּעס ווי שטאַרק באַשעפטיקט געווען, זיך אַלץ געסוידעט מיט דעם אַלטיטשקן, וואָס איז געווען זײַן גאַנצער פליגל-אַדיוטאַנט. איך האָב אויסגעמיטן, מיט דעם מאַמזער זיך נאָענט נישט צו באַגעגענען, און מיך געהאַלטן אַלץ באַזונדער. בעשאַס כעוורע האָט געאַרבעט, געשטיפט, פאַרטראַגן געווען מיט זיך, איז צו מיר צוגע-גאַנגען מײַן האַרבאַטע, מיר אײַנגערוימט אין אויער, אז איידער די זון וועט זיך זעצן, וויל דער מאַמזער זיך רירן מיט דער כאַליאַסטרע אין וועג אַרײַן. די פּאַר פערד, וועלכע ער האָט געבראַכט צו פירן, זײַנען געגאַנוועטע, און ער אײַלט זיך, אַפּאַנעמ, דעריבער אוועק פונ-דאַנען. פון אונדזער פריִערדיקן גאַנצן פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך. איך בין געבליבן שטיין אַפּהענטיק, נישט צו וויסן, וואָס מע טוט. עס האָט מיך פאַרקלעמט באַם האַרצן פאַר גרויס פאַרדראָס, אזוי אז דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט, און מיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. מײַן האַרבאַטע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס ראַכמאָנעס, די אויגן האָבן איר געברענט ווי פײַער. דאָס פּאָנעם האָט איר גע-פלאַמט, און נאָך דעם, אז זי האָט א ווײַלע געטראַכט, זאָגט זי צו מיר מיט א ציטערדיק קאָל:

— פּישקע! זאָלסט שפּעטער א ביסל זיך געפינען אין דעם כור-וועלע, דאָרט אפן בוידעם. דו פארשטייסט?

— איך פארשטיי, פארשטיי, — רופ איך מיך אָן לעבעדיק, אונ-טערשפּרינגענדיק פאר פרייד. — און דו וועסט דערנאָך אהין אונטער-קומען?

— יאָ, שאַ! — מאכט זי און טוט מיטן קאָפּ א שאָקל אַפּ יאָ. — לעמאנאשעם, שטיל! דו הערסט?

מיט מײַן ווײַב האָב איך נישט געהאַלטן פאר אזוי נייטיק זיך צו געזעגענען, האגאם ס'איז אָפּ איר געווען א ראכמאָנעס. נאָר ווער איז איר שולדיק? זי האָט געגעבן דעם ערשטן ריס, און דער ריס צווישן אונדז איז געוואָרן דערנאָך אלץ גרעסער, גרעסער. פארפאַלן, וואָס האָב איך געקענט טאָן? אז גאָר אכוץ אלע אנדערע זאכן, איז מיר אומעגלעך געווען מיט איר אָפּ ווײַטער זיך צו פארבינדן. אומעגלעך מיט איר זיך צונויפגיין, ווי דער הימל מיט דער ערד. איך האָב, עס פארשטייט זיך, פארגעסן דעם „זײַ-געזונט" און שטילערהייט זיך גע-לאָזט גיין צו דעם כורוועלע.

מיט וואָס פאר א הארץ איך בין אין דעם כורוועלע ארײַנגעגאַנ-גען, איז גרינג צו פארשטיין. נאָך אזויפיל פּײַן און געבראָטענע לייד האָט גאָט געוואָלט צונויפירן מיך מיט דער האַרבאטער אין איין ווינקל קרעטשמעלע, וואָס דאָ האָט באַדאַרפט אויסגעשפּילט ווערן אונדזער ביידנס גורל, און פון אצינד אָן אָנהייבן צו פירן א נײַ לעבן. ארופ-קריכן אפן בוידעם איז מיר אָנגעקומען זייער גרינג. וואָרעם דאָס שטיבל איז געווען נידעריק, מיט דער הינטערשטער וואנט, וואָס אין הויז ארײַן, אָנגעבויגן קימאט ביז צו דער ערד. די סטעליע איז גע-ווען ערטערווײַז געלעכערט מיט גרויסע שפּאַלטן, אזוי אז מע האָט געקענט פונעם בוידעם ארײַנקוקן אינווייניק אין דעם שטיבל ארײַן. איך זיץ מיר אין א ווינקעלע און וואַרט. עס טיאָבקעט מיר דאָס

הארצ, קלאפט ווי מיט א האמער, איטלעכע מינוט ציט זיכ מיר ווי א יאָר. איכ האָב מיכ צו צו א מינדסטנ שאָרכ. א מינדסטע באַוועגונג פונ א שטרויעלע ערגעצ — דאַכט זיכ מיר טריט, זי גייט... א מינדסטט בלאָזעלע פונ א ווינטעלע — דאַכט זיכ מיר מײַנ נאָמענ, זי רופט... פלוצלימ קומט מיר צו די אויערנ פונעמ שטיבל אונטנ עפּעס א קאָל. דער געדאַנק, אַז דאָס איז זי, אָט איז זי, באַלד, באַלד וועלנ מיר אויסגעלייזט,— האָט מיכ צעקאָכט, געוואָרפנ פונ היצ אינ קעלט. איכ וויל מיכ אָנרופנ, פאַרכאַפּט מיר אָבער דער אָטעמ, עס דינט מיר נישט דאָס מויל. אינ דער דאָזיקער הייסער רעגע הער איכ טאַקע גאַנצ שאַרפ מײַנ נאָמענ, אונ די אויגנ מײַנע דערזעענ דורכ א שפּאַלט — וועמענ? אוי, דעמ מאַמזער מיט דעמ אַלטיטשקנ!.. זיי שמועסנ צווישנ זיכ אַזוי:

— דו נעמ אַפ דיר דײַנ שטיקל סכוירע,— זאָגט דער מאַמזער.— גיב אַכטונג, די בלינדע מאַכשייפעטע זאָל זיכ נישט אויסגליטשנ. פאַרשטייסט?

— נישקאָשע, — ענטפערט דער אַלטיטשקער,— מײַנס האָב איכ שוינ געטאָנ, איכ האָב נאָר מוירע, זי זאָל נישט פּייגערנ. דער אַלטער שקראַב ליגט אַצינד ווי א טויטע אונ קענ זיכ נישט רירנ, אַזוי האָב איכ איר געבראָכנ די ביינער.

— אונ דעמ הינקעדיקנ פלאַסקעדריגע,— פירט אויס דער מאַמזער,— נעמ איכ אַפ מיר. אָנקוקנ קענ איכ נישט זײַנ פּאַרצעפּ-פּאָנעמ, אַזוי פײַנט האָב איכ אימ. איכ וועל מיכ מיט אימ אָפּרעכענענ, נישקאָשע, איכ האָב נאָכ מיט אימ אַלטע כעזשבוינעס.

ס'איז מיר אַנטפאַלנ דער מאַמעס מילכ, הערנדיק אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער.

— ווי עס זעט אויס,— מאַכט דער אַלטיטשקער,— זײַנענ דײַנע געלאַקכנטע סוסימ ייִדישע. דאַרע, דערשלאָגענע, קאַלטענעוואַטע, מיט

אויסגעקרימטע רוקנס, מיט דינע העלדזלעך, געדרגעלעך און מערידנ, ווי אונדזערע פּאַראַפּאַטשקעס, פײַנע-בעריעס.

— אָפּפּאַלנ זאָל דיר די צונג, דו אַלטער שטורמאַק! — זידלט זיך דער מאַמזער.— גיי בעסער, זוך, שמעק, קעלעוו איינער, דאָ אינ הויז, אפנ בוידעמ, טאָמער וועסטו פּאָציאַפּענ עפּעס אַלטע באַלעגאָלישע זאַכעניש, וואָס קענענ אונדז טויגנ. פאָרט איז דאָך עס אַמאָל געווענ אנ אײַנפאָר-הויז, מישטיינסגעזאָגט.

עס באַשלאָגנ מיך אנגסטנ, מיר איז נישט גוט צומ שטאַרבנ. איינ פוס ציטערט מיר שטאַרק און טוט, נישט ווילנדיק, א זעצ אינ דער סטעליע, די פּאָר שיינע-לײַט פּאַרנײַסנ די אויגנ אַרופ, שטייענדיק א ווײַלע פּאַרגאַפט. דערנאָך לאָזנ אַרויס ביידע אינ איינ קאָל:

—עפּעס שיט זיך פונ דער סטעליע! מע באַדאַרפ טאָנ דאָרט א קוק.

עס פּאַרדרייט מיר זיך דער קאָפּ. עס קלינגט מיר אינ די אויערנ, שווינדלט אינ די אויגנ, און איך שוועב עפּעס אינ לופטנ...

יאָ, טאַקע אינ לופטנ. א פּאָר אײַזערנע הענט טוענ מיך א כאַפּ און שלײַדערנ מיך פונעמ בוידעמ אַראָפּ אפ דער ערד. איך דערהער, ווי מע מאַכט מיר א ברייטנ „באָרוכ-האַבאָ” מיט דעמ גאַנצנ טיטל: סקאָצל קומט, רעב פישל! און דערזע באַלד פאַר מיר דעמ מאַמזער מיט א פּאָנעמ,— א שרעק אָנצוקוקנ, עפּעס נאָר א פּאָנעמ ווי בא א קאַצ, בעשאַס זי קלײַבט זיך צו דערשטיקנ דאָס געכאַפּטע מײַזל. דעמ אַלטיטשקנ האָב איך שוינ נישט געזענ, ער איז, אַפּאָנעמ, אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך אויג אפ אויג מיט דעמ מאַמזער.

— אַנו, נעפעשל,—מאַכט דער מאַמזער,— זאָג ווידע!.. דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָנ דיר אַמאָל, דאָרט אינ קעלער, וועל איך עס דיר טאָנ אַצינד. פײַוועשקע פאַרגעסט נישט, נישקאָשע.

איך פאל אים צו די פיס, וויין, בעט מיך בא אים, ווי בא א גאזלען, מיר צו שענקען דאָס לעבן. עס העלפט נישט. ער נעמט ארויס א מעסער, האלט עס מיר אקעגן די אויגן, מיט גרויס האנאָע צוקוקנדיק, ווי איך צאפל, פלאטער. איך פרווו מיך איינשמועסן אים מיט דעם גאנייד"ן, זאָג אים צו אוילעמהאבע א גאנצע וועלט, שענק אים מיין כיילעק לעוילעמהאבע אויך, אלצדינג, וואָס נאָר מעגלעך. ער שטשירעט אויס אויגן און שוויגט. איך הייב אָנעט צו שרעקן אים מיט דעם געהענעם, מיט גאָטס מישפעט, דער אייבערשטער וועט אים שטראָפן, זיך נויקעם זיין פאר אומשולדיק בלוט. ער פארבייסט די ליפן, טוט א הייב אין דער הייב דאָס מעסער — און אין דער שרעקלעכער רעגע, וואָס אָט-אָט ליגט מיר דער כאלעף אף דעם האלדז, טוט עס אים פלוצלים עפעס א כאפ פון הינטן, גאָר ניט מיט קיין מענטשלעך געשריי: ניין, ניין, וועסט עס נישט טאָן! — ער ווערט שטארק פארמישט און קוקט זיך אין שרעקעניש ארום.

דאָס האָט אים א כאפ געטאָן דאָס הארבאטע מיידל.

— כצופע, ארויס! — דערלאנגט דער מאמזער א געשריי, באלד ווי ער איז צו-זיך געקומען.— ארויס, כצופע! וואָרעם...

— ניין, ניין, פונדאנען גיי איך נישט ארויס! דערהארגעט זאָל איך דאָ ווערן איניינעם מיט אים! — שרייט באהארצט די הארבאטע און פאלט דעם מאמזער אפן האלדז, וויינט מיט ביטערע טרערן, גלעט אים און כאלעשט פאר אים, ער זאָל מיך אָפלאָזן, זאָגט אים צו דאָס אייביקע לעבן און א שטול אין גאניידן. דער מאמזער טוט זי פון זיך א וואָרף, ווי א מיאטשיק. שילט, פלוכט אף וואָס די וועלט שטייט, און אז די רעציכע איז אים א ביסל אָפגעגאנגען, ווענדט ער זיך צו מיר מיט די ווערטער:

— עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך אליין האָב דאָ דיך, מיין טינויפעסל, נישט „נעבאלדאָווערט'', נאָר אויב דיר האָט געשפילט

דאָס טרייפענע מאזל דײַנס, איך זאָל דיך, פארשטונקענע נעפּעשל, נישט צעקוועטשן, ווי א קינע, דאָך אינגאנצן טרוקן ארויס פון מײַנע הענט וועסטו נישט.

ער נעמט א שטריק, מיט וועלכער ער איז געווען ארומגעגארטלט, שטעלט זיך בינדן מיר הענט און פיס, מאכנדיק דערבײַ:

— ליג זשע דאָ שטיל, הונט איינער, קיין פארע זאָל מען פון דיר נישט הערן! ליג ביז די פעגירע דײַנע וועט דאָ אף דיר קומען. נאָר געדענק זשע, פלאסקעדריגע, טאָמער טרעפט זיך דיר א נעס, עפּעס א באָבע דײַנע אין קייווער וועט זיך פאר דיר מיַען, און גייסט פון־דאנען א לעבעדיקער ארויס, זאָלסטו זיך היטן, מיר פאר די אויגן זיך נישט צו ווײַזן, וואָרעם באלד „פלומפל" איך דיך און מאך ביק...

אָפּגעטאָן מיר מײַן רעכט, נעמט ער זיך צו דער האָרבאטער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אף דער ערד, געיאָמערט, געקלאָגט, קוקנדיק אף מיר, און זיך געריסן בא די האָר.

— א, דו כצופע איינע! — בייזערט זיך דער מאמזער, א שטופּ געבנדיק זי, נעבעך, מיטן פוס, — איך ווייס, נישקאָשע, פארשטיי אלצדינג. דאָס איז געווען אן אָפּגערעדטע זאך — א כאסענע אָן קלעזמער. דאָ אפן בוידעם... א שיינע מיידעלע, נישקאָשע, און פאר מיר גיט זי זיך אוים פאר א רעבעצן... פון הײַנט אָן וועסטו שוין בא מיר ווייסן, כצופע איינע!..

ער טוט זי א כאַפּ אין די הענט, און אומקערנדיק זיך צו מיר מיט א זאָג: שא, הונט, געדענק מײַנע ווערטער! ווערט ער מיט איר גע־שווינד אנטרונען.

אין געהענעם קען מען אזויפיל יעסורים נישט לײַדן, וויפל איך האָב איבערגעליטן. איך בין געווען נישט אין געהענעם, נאָר דער גע־הענעם אין מיר. עס האָט אין מיר געקאָכט, געברענט א העליש פײַער.

די האָר זײַנען מיר געשטאַנען קאַפּויר. עפּעס האָב איך געפּילט, זיי שטעכן מיך ווי שפּילקעס, — און דאָ טאָר מען נאָך נישט הויך וויי־נען, נישט טאָן קיין פּיפּס.

שפּעטער אַ ביסל האָבן מיר אין די אויערן זיך פּאַרטראָגן קוי־לעס: אַ סקריפּ פון רעדער, אַ ליאַרעם, אַ געשריי פון מענטשן. דאָס באַטײַט, בעוורע האָט זיך געריכט. די כאַליאַסטרע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, און מיט דעם פּעקל לײַט — מײַן האַרץ, מײַן גוטע, בידנע, אומגליקלעכע האָרבאַטע, נעבעך.

אַ היפּשע לאַנגע צײַט ביז איך געלעגן ווי אַ שטומע שאָף, גע־בונדן אַפּ אַלע פיר, מיט אויגן, ווי די באַנקעס, פון הייסע טרערן. די שטריק האָט מיר זיך אײַנגעשניטן אין לײַב אַרײַן און בײַ אַ מינדסט רירעלע מיך געשניטן ווי אַ מעסער. עס האָט מיך דערצו נאָך גע־ברענט אַ טרונק, — אָט, האָב איך געמיינט, עקט מיר זיך דאָס לעבן. פּאַר גרויס ווייטעק האָב איך דערנאָך אָנגעהויבן שרײַען, טאָמער וועט עמעצער דערהערן. די כאַליאַסטרע האָט, נאָך מײַן רעכענונג, שוין געמוזט אײַנפּאָרן גאַנץ ווײַט. איך שרײַ, אָבער אומזיסט, שרײַ צו דער וואַנט! עס טריקנט מיר אין האַלדז, עס באַשלאָגן מיך אַנגסטן. דאָס שרײַען קומט מיר שוין אָן שווער, איך מוז צווישן אָפּרוען. די לאַגע מײַנע ווערט וואָס ווײַטער — ערגער. נישטאָ שוין קיין קויעך צו שרײַען. די נעשאָמע הענגט מיר אָפּן שפּיץ נאָז, דער מאַלכאַמאָוועס, פּיל איך, איז נאָך איר געקומען, מע באַדאַרף שטאַרבן, יונגערהייט פון דער וועלט גיין. איך טו מיר אָן אַ קויעך, נעם זיך צונויפּ מיט אַלע קרעפטן און טראַכט, לאָמיך כאָטש טאָן דאָס לעצטע געשריי — לאָז הילכן די טקיִע־געדוילע פון מײַן אומגליקלעכן לעבן...

נאָר גאָט אָבער האָט אײַך, רעב אַלטער, געבראַכט, איר זײַט מיר בײַגעשטאַנען אין דער נויט און מיך דערהאַלטן באַם לעבן.

25

אז פישקע האָט געענדיקט זײַנ אומעטיקע מײַסע, איז צוגעפאלנ די נאכט אונ אונדזערע פערדלעכ האָבנ זיכ פארשלעפט צומ גרינעמ בארג, וואָס פאר גלופּסק.

דער גלופּסקער גרינער בארג איז באקאנט קימאט דער גאנצער וועלט. נאָכ פונ גאנצ אלטע צײַטנ טראָגט זיכ וועגנ אימ ארומ צווישנ דעמ אוילעמ א לידל, וואָס קינד-אונ-קייט קענענ עס, וואָס אלע מאמעס אונ אמעס נעמענ דערמיט אײַנ אונ פארוויגנ ברעקלעכ קינדער. מײַנ מאמע, זאָל האָבנ א ליכטיקנ גאניידנ, פלעגט מיר קינדווײַז אויכ אלצ זינגענ דאָס לידל:

אפ דעמ גרינעמ בארג,
אפ דעמ הויכנ גראָז,
שטייענ א פּאָר דײַטשנ
מיט די לאנגע בײַטשנ.
הויכע מאנענ זײַנענ זיי,
קורצע קליידער טראָגנ זיי,
אָווינו מעלעכ...

דאָס לידל פלעגט מיר זייער געפעלנ, פיל בעסער פונ אלע לידלעכ. עפּעס איז מיר דער גרינער בארג אזוי וואונדער-שיינ פאָרגעקומענ אינ מײַנ קינדעריש קעפּל! עס האָט מיר זיכ געדאכט, ער איז נישט גלאט גראָב פונ ערד, ווי די פּראָסטע בערגלעכ ארומ מײַנ שטעטל, ניינ! ער איז עפּעס, ווי זאָגט מענ עס, גאָר „קעצאפּיכים”... ווי דער הארהאזייסימ, דער בארג לעוואָנוינ, פונ ערעציסראָעל-ערד. — אונ די דײַטשנ דאָרט, זיי זײַנענ מיר פאָרגעקומענ עפּעס גאָר מעשונע-ווילד, איכ בעט זיי מעכילע, עפּעס אזעלכע מינע באשעפעניש, מינע בע-

היימעס אזעלכע, אקסנ, שויר-האבארנ... זיי שמייסנ מיט די לאנגע בייטשנ אונ לאזנ צו גלופסק נישט צוטרעטנ, ווי דער סאמבאטיענ — צו די רויטע יידעלעכ. אריינ אינ גלופסק — מוז מענ כאפנ א שמיץ! אונ אלע דארט האבנ א פאנעמ פונ אפגעשמיסענע... שפעטער, אז איכ בינ ארויס פונ די קינדערשע שיכלעכ אונ אויסגעוועגנ א וועלט, אינ גלופסק אויכ, האב איכ שוינ געזענ אלצדינג מיט אנדערע אויגנ אונ פארשטאנענ ווי עס געהער צו זיינ דעמ פשאט פונעמ לידל. דער גרינער בארג — איז פשעט טאקע א בארג, נישט אזוי גרינ ווי בלאטיק, זייער גריבערדיק. אונ די דייטשנ, הויכע מאנענ דארט, — זיינענ געזאגט געווארנ אקעגנ יענע מאנענ מיט לאנגע הענט אונ קלעפיקע פינגער, וואס לאקכענענ אונ שניידנ אפ קלימקעס. געוויינטלעכ איז דער שטייגער, דאס ערשטע מאל ארייננצופארנ קיינ גלופסק אנ א קלימעק. דערנאכ, אז מענ איז שוינ גוט אנגעלערנט, לאזט עס עטלעכע ווערסט פאר גלופסק עפעס נישט רוענ. די אויגנ כאפנ, ווי פונ זיכ אליינ, א קוק הינטערנ ביידל, די הענט — א טאפ דאס קלימעקל, די בוזעמ-קעשענע, צושפיליענדיק די קאפאטע אפ אלע קנעפלעכ. איכ בינ אויסנ דערמיט, אז דערגרייכנדיק דעמ גרינעמ בארג, האבנ אלע אונדזערע אייוורימ, די נאז אויכ, געפילט פונדערווייטנס ג ל ו פ ס ק. אונ ערשט שפעטער א ווײלע, אז מיר האבנ אינ אלע זייטנ זיכ גוט ארומגעקוקט, א טאפ געטאנ אינ וואגנ, האב איכ מיכ דערמאנט אינ פישקענ אונ געזענ, ווי ער זיצט, נעבעכ, פארומערט, שטארק באטריבט.

איכ נעמ מיכ טרייסטנ פישקענ, שטארקנ אימ מיט גוטע רייד, מאכנדיק זיכ דערבײ קלאמפערשט פריילעכ, אונ לאז אויס מײנע טרייסט-ווערטער מיט דער אנדערער העלפט פונעמ פריערדיקנ באקאנטנ לידל:

...אווינו מעלעכ —
דאס הארצ איז מיר פריילעכ,

פריילעך וועלן מיר זײַן,
טרינקען וועלן מיר ווײַן,
קרעפּלעך וועלן מיר עסן —
און אונדזער ליבן גאָט
קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— זאָרג נישט, פּישקע! אונדזער ליבן גאָט באַדאַרף מען קיינ-מאָל נישט פאַרגעסן. ער קען העלפן.

— איך פרעג אײַך נישט מער, רעב מענדעלע! — מאַכט פּישקע מיט א ביטער געמיט, — צו וואָס האָט עס גאָט באַדאַרפט מיך מיט איר ווידער צונויפירן, ביכדיי באַלד טאַקע אונדז צעשיידן? עס זאָל אונדז פּלוצלים אַ שײַן טאָג דאָס מאַזל, ביכדיי באַלד טאַקע זאָל אונדז נאָך ערגער פינצטער ווערן אין די אויגן?.. ס'איז עפּעס נאָר ווי א צע-לאָכעס! און גוואַלד, ריבוינעשעלוילעם, אקעגן וועמען? אקעגן צוויי אומגליקלעכע, ביטערע קאַליקעס, וואָס איידער אזא וויסט לעבן אין יעסורים, אין ווייטעק, וואָלט פאַר זיי פיל גלײַכער געווען גאָר ניט געבוירן צו ווערן...

איך מאַך א פרום פּענעמל, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, זאָג איך: טע-טע-טיי! — וואָס האָט אזויפיל געהייסן: מע טאָר נישט ריידן אַזוינס!.. געזאָגט האָב איך עס, נישט ווײַל דאָס איז בײַ מיר געווען א גוטער ענטפער אַף דער קאַשע, נאָר גלאַט אַזוי, ווײַל דער שטייגער אין דער וועלט איז שוין אזוי, אַז איינער פרעגט פאַר צאָרעס שטאַרקע קאַשעס, מוז דער אנדערער זאָגן מוסער, אָפּשלאָגן אים כאָטש מיט טע-טע-טיי. אָפּזאָגנדיק דעם מוסער, פון יויצע-וועגן, עפן איך באַלד א מויל און רייד ווערטער פּאָשעט, ווי א מענטש, אזוי:

— זאָג נאָר, פּישקע, ווי דאָס מיידל הייסט? ביז אהער האָסטו זי אַלץ גערופן די האָרבאַטע, מײַן האָרבאַטע, אצינד וויל איך וויסן, ווי זי הייסט.

— אקעגנ וואָס, רעב מענדעלע? — רופט זיכ אָנ פּישקע, אָנקוקנדיק מיכ פאַרוווּנדערט. — אקעגנ וואָס, איכ בעט איַיכ, ווילט איר עס אזוי וויסנ? צו וואָס אומזיסט אויסגעבנ א מיידלס נאָמענ?

— פאַרשטייסטו, נארעלע, — ענטפער איכ, — דאָס קענ אמאָל צוניצקומענ. אַפ מיַינע נעסיעס קענ זיכ מאכנ, איכ זאָל עפּעס נאָכשמעקנ, אויספאָרשנ. לאָמיכ וויסנ איר נאָמענ. נישקאָשע! זייער מעגלעכ, דו פאַרשטייסט? אז דיַינ שאָדנ זאָל זיכ נאָכ אופזוכנ, איכ זאָל זיַינ דער שעליעכ.

— *בײלע* הייסט זי, — כאַפּט זיכ פּישקע זאָגנ מיט א קאָל, — זי הייסט ביילע!

פלוצלים הערט זיכ עפּעס א שטארקער קרעכצ מיט א קלאַפּ, ווי עס האָט זיכ עפּעס אָפּגעריסנ. איכ קוק מיכ דערשראָקנ אום און דערזע: מיַינ אלטער ליגט אויסגעצויגנ אַפנ וואָגנ, זיפצט און איז בלייכ ווי די וואנט.

— וואָס איז איַיכ, רעב אלטער? — טו איכ אים א פרעג. — איר ווילט עפּשער נעמענ א ביסל בראנפנ! איַיכ איז נישט גוט?

— בע!.. — ענטפערט אלטער, שטארקט זיכ און זעצט זיכ ווידער אוף.

— זאָג מיר, פּישקע, — הייב איכ וויַיטער אָנ נאָכ דעם, אז איכ האָב מיכ בארוקט וועגנ אלטערנ, — ווייסטו נישט, ווי די מאמע אירע האָט געהייסנ און פונוואנענ זי איז?

— יאָ, — ענטפערט פּישקע, — מיַינ האָרבאטע האָט מיר דערציילט, אז איר מאמע פלעגט מענ רופנ *עלקע*. זי געדענקט, ווי דורכנ שלאָפ, אז די מאמע האָט זיכ געגעט מיט איר מאנ אינ *טונעיאדעווקע*. זי פלעגט עס זייער אָפט דערמאָנענ און אויסלאָזנ איר שווער-ביטער הארצ צו איר וויסט טעכטערל, נעבעכ.

— מיט איר מאנ אינ טונעיאדעווקע! — מאכ איכ פאַרוווּנדערט. — ווער זאָל דאָס דאָרט זיַינ איר מאנ, דער ראָשע-מערושע מיט

א שטײנערנ האַרצ, װאָס האָט דערװײַטערט זײַנ קינד, זי געמאַכט אַזױ אומגליקלעכ? האַ, טאָמער װײסט איר, רעב אַלטער, װיאַזױ זאָל ער דאָרט באַ אײַכ אינ שטעטל הײסנ?

אַלטער איז געזעסנ װי אַ טױטער, אױסגעגלאָצט אַ פּאָר אױגנ, געקוקט עפּעס מעשונע־װילד מיט אַנ אָפֿנ מױל, אַזױ אַז ס׳איז מיר אַנטפֿאַלנ דאָס געזונט.

— ער האָט געהײסנ... — רײַבט פֿישקע דעמ שטערנ און װיל זיכ דערמאָנענ דעמ נאָמענ, — ער האָט, האָט, דאַכט זיכ, געהײסנ... װאַרט אַ ביסל...

— אַלטער הײסט ער!.. — טוט אַלטער אַ געשרײ און פֿאַלט אַני־דער אָפֿנ װאָגנ.

— יאָ, טאַקע אַזױ, אַזױ! — זאָגט פֿישקע, קוקנדיק אָפֿ אַלטערנ, נישט אָנהײבנ צו פֿאַרשטײנ, װאָס זײַנ געשרײ באַטײַט. — דאַכט זיכ נאָכ, עפּעס אױכ אַ צונעמעניש, יאַקנעהאָז. די מאַמע פֿלעגט באַמ טעכ־טערל שטיקער פֿלײש אױסרײַסנ, רופֿנ זי דערבײַ יאַקנעהאָזעכע, יאַקנע־האָזס טעכטערל, װענ זי פֿלעגט האָבנ גרױסע צאָרעס, װענ מע האָט זי אָפּגעשאַפֿט פֿונעמ אָרט.

איכ אָבער האָב מיכ שױנ אָנגעשטױסנ, װאָס די גאַנצע מײַסע באַ־טײַט, און בינ געבליבנ עפּעס װי מע גיסט אײנעמ אָפּ מיט אַנ אָקרעפּ.

אַלטער כליפּעט און שלאָגט זיכ מיט דעמ קולאַק אינ האַרצנ, מאַכנדיק דערבײַ:

— אָמנמ כאָטאָסי! איכ האָב איר פֿאַרװיסט דאָס לעבנ. זי, נע־בעכ, איז טאַקע גערעכט:

„דער טאַטע האָט זי געקױלעט“...

א שטראָפֿ פֿונ גאָט איז דערפֿאַר פֿונ אַ צײַט אָפּ מיר אָנגעשיקט געװאָרנ. װוּהינ איכ קער מיכ און װענד מיכ, גײט עס מיר נאָר שלימ־שלימאַזל...

איך הייב אָן פאַר ראַכמאָנעס צו טרייסטן מײַן אַלטערן, רייד אים אויס דאָס האַרץ און פאַרגלעט א ביסל זײַנע זינד: ער איז דאָך נישט מער ווי באַסאָרוועדאָם, פלייש און בלוט. דער יעיצערהאָרע איז בא אונדז, זינדיקע מענטשן, זייער גרויס. גאַנץ גרויסע צאַדיקים אַפילע זײַנען אין אַזעלכע זאַכן... געכאַפּט, און קענען אין דעם איניען פון כאַסענע-האָבן מיט דעם יעיצערהאָרע גאָרנישט מאַכן. זייער פיל פון אונדזערע עלטערן, צאַדיקים, זײַנען געווען לאַפּנמיצלעך, געלעגן אונטער דעם ווײַבס פאַנטאָפל, געטאָן איר ווילן און צעטריבן אַפילע אייגענע קינדער פון אַן אַנדער ווײַב, אויב נאָר זי האָט גע-הייסן...

פישקען זעט די גאַנצע זאַך אויס עפּעס מעשונע. ער זיצט פאַר-וווּנדערט מיט א פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן, קוקט ווילד עפּעס אַפּ אַלטערן, אַפּ מיר און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

דערווײַל ווערט שטאָק-נאַכט. די שטערן פינקלען, ווינקען צו אונדז פונעם הימל מיט זייערע שײַנענדיקע ליכטיקע פּענעמלעך, גלײַך ווי זיי מישן זיך אַרײַן אין אונדזער שמועס, ווילן עפּעס זאָגן, און באַם עק הימל הייבט אָן, ווי פון דער ערד, אַרויסצוגיין א גרויסע לעוואָנע, רויט ווי פײַער. דאַכט זיך, זי קוקט גלײַך גאָר אַפּ אונדז. אַלע דאָרט אויבן קוקן, דאַכט זיך, ווילן זען דעם שפּיץ, מיט וואָס די דאָזיקע מײַסע וועט זיך אויסלאָזן... מײַן אַלטער זעצט זיך געשווינד אוף, הייבט אוף זײַנע אויגן צום הימל און רעדט מיט האַרץ:

— איך שווער בא דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז איך וועל נישט קומען אַהיים צום ווײַב און קינדער, נישט כאַסענע מאַכן מײַן בסולע, ביז איך זוך נישט אוף מײַן פאַרוואָגלט קינד! הימל און ערד זײַנען איידעס! איך פאָר טאַקע באַלד, און ווײ, ווײ דאָרט דעם, וואָס וועט זיך מיר אַקעגנשטעלן...

פישקע פאַלט אַרופּ אַלטערן אַפן האַרצן, האַלדזט אים, קושט א

היפּשע ווײַלע אָנ ווערטער, אונ איז שטארק צעמישט. דערנאָכ שיסט ער אויס אפּ א וויינענדיק קאָל מיט א געבעט:

— גוואַלד, ראַטעוועט, ראַטעוועט זי...

מײַנ אַלטער שפּרינגט געשווינד אַראָפּ אפּ דער ערד, קריכט אַרופּ צו זיכ אפּנ וואָגנ, אונ, געזעגנענדיק זיכ מיט אונדז פונדערווײַטנס, דרייט ער אויס דעמ דישל, טוט א שמיצ די שקאַפּע אונ פאָרט זײַנ וועגס. איכ מיט פישקענ קוקנ מיר אים א היפּשע צײַט פונ הינטנ נאָכ, נישט צו ריידנ קיינ וואָרט. דערנאָכ גיב איכ א בליק צומ הימל, — די לעוואָנע אונ שטערנ גייענ זיכ זייער גאַנג, גאָר נישט דאָס פּאָנעמ וואָס פריִער, שטאַרק הויכ, האָפערדיק, ווײַט, ווײַט פונ אונדז, מענ-טשעלעכ. עס ווערט עפּעס אומעטיק — נישט פריילעכ אפּנ האַרצנ...

איכ טו א שמיצ מײַנ אָדלער, ער זאָל מויכל זײַנ זיכ שלעפּנ א ביסל גיכער, — אונ שפּעטלעכ באַנאַכט פאָרט מײַנ בײַדל איבער די גריבערדיקע גאַסנ פונ גלופּסק מיט א קלאַפּערײַ, א געשריי, אָנ-זאָגנדיק דעמ אוילעמ, הנה, זײַט וויסנ, נאָכ צוויי פרישע ייִדנ זײַנענ אָנגעקומענ קיינ גלופּסק!..

1888

מא שמייכעם?

„מא שמייכעם? דאָס איז די ערשטע שאַלע, וואָס א ייִד פרעגט דעם אנדערנ, גאָר א ווילד-פרעמדנ, ווייבאלד ער באגעגנט זיכ מיט אימ אונ שטעקט אימ אָפּ א שאָלעמ-אלייכעמ. קיינעמ גייט בעשאַסמאַיסע גאָר אָפּ דער מאכשאָווע נישט ארופּ, אז מע זאָל זיכ קענענ אָנרופנ אשטייגער: „וואָס איז אַיכ, רעב קאָרעוו, אזוי דאָ געלעגנ צו וויסנ, ווי איכ הייס? מיר ווילנ דענ איינער מיט דעמ אנדערנ זיכ מעשאדעכ זאַינ? איכ הייס, ווי מע האָט מיכ א נאָמענ געגעבנ, אונ לאָזט מיכ געמאכ". אדעראבע, די שאַלע „מא שמייכעמ" איז א גאנצ נאטירלעכע זאכ. עס ליגט אזוי אינ דער טעווע, אקוראט ווי א טאפּ צו טאָנ יענעמס נאַיע קאפּאָטע מיט א פרעג: וואָס קאָסט אָנ ארשינ; ווי צו בעטנ א פּאפּיראָס בעשאס יענער עפנט אופ זאַינ טאַיסטערל מיט טיטונ; ווי ארײַנצושטעקנ די פינגער אינ יענעמס פּושקעלע אונ נעמענ א שמעק טאבעקע; ווי ארײַנצוקריכנ מיט א פּוס אינ יענעמס ביטל, אײַנטונ-

---

א קאפּיטל פונעם בוכ „דאָס קליינע מענטשעלע".

קענ דאָרט דאָס פארשמאָלצעוועטע פאטשיילכנ אונ רײַבנ דערמיט דאָס לײַב; ווי צוצוגיינ ווי צוויי מענטשנ שמועסנ צווישנ זיכ, צולייגנ אנ אויער אונ הערנ זייער שמועס; אָדער ווי א פרעג צו טאָנ איינעמ פּלוצלימ פונ דער העלער הויט מיקויעכ זײַנע געשעפטנ אונ אָנוואַרפנ זיכ אפ יענעמ מיט אייצעס, כאָטש יענער האָט גאָר אינ זיי קלאָל זיכ נישט גענייטיקט אונ קענ אָנ זיי זיכ אויכ באגיינ. אזעלכע אונ קעדוימע נאָכ אזעלכע זאכנ זײַנענ גאנצ געוויינטלעכ. אזוי איז דער סיידער-האָוילעמ פונ אייביקע צײַטנ, אונ אָנצורופנ זיכ אקעגנ דעמ וואָלט אויסגעקומענ עפּעס טאקע ריינ מעשונע, עפּעס מעשונע-ווילד, גאָר שעלוי-קעדערעכ-האטעווע. נישט נאָר אפ דער-וועלט, אפילע אויכ דאָרט, אפ יענער-וועלט, איז בא ייִדנ אײַנגעערדט, אז טייקעפ באמ ארײַנשטעקנ אהינ א פוס איז דעמ מאלעכ-האדוימעס ערשטע שײַלע: „מא שמייכעמ, רעב קאָרעוו?“ דער מאלעכ, וואָס האָט זיכ געראנגלט מיט יאנקעוו-אָווינו, ער אפילע האָט נישט מעשאנע געווענ פונ דעמ סיידער-האָוילעמ אונ אימ באלד טאקע א פרעג געטאָנ, ווי ער הייסט? הײַנט אפשיטע שוינ א מענטש, א באָסאָרוועדאָמ. איכ ווייס זייער גוט, אז בא מײַנ ערשטנ ארויספאָר אינ דער ייִדישער ליטעראטור מיט מײַנע מײַסעס וועט געווים דעמ אוילעמס ערשטע שײַלע זײַנ: מא שמייכעמ, פעטער?

מ ע נ ד ע ל ע הייס איכ! אזוי, ראבויסימ, האָט מענ מיכ א נאָמענ געגעבנ נאָכ מײַנעמ אנ עלטערזיידנ פונ דער מאמעס צאד, רעב מענדעלע מאָסקווער, זיכרוינוי-ליווראָכע. מאָסקווער האָט ער אינ זײַנע צײַטנ געהייסנ דעריבער, ווײַל ער איז אמאָל געווענ אינ מאָסקווע אײַנצוהאנדלענ דאָרט רוסישע סכוירע. דאָס האָט אימ פארשאפנ אינ זײַנ ווינקל א נאָמענ אונ גרויס קאָוועד. אלע האָבנ אימ געהאלטנ פאר א געניטנ, וועלטלעכנ מענטשנ, אז מע פלעגט בעשאס עפּעס א

נויט און בײַ אַ פּראַשעניע-אָנשרײַבן מיט אים פֿריִער זיך מעיאַשעוו זײַן, נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

דערמיט אָבער בין איך נאָך נישט יוצא. נאָך דער דאָזיקער ערשטער שײַלע הייבן בײַ ייִדן ערשט אָן זיך צו שיטן נאָך אַלערלײַ שײַלעס, ווי אַשטייגער: פֿונוואַנען איז אַ ייִד? זײַנט איר אַ באַווײַבטער? האָט איר קינדער? מיט וואָס איז אײַער האַנדל? און וווּהין פֿאָרט איר? אוקעדוימע נאָך און נאָך אַזעלכע מינע שײַלעס, וואָס אַזוי איז שוין אָנגענומען געוואָרן בעכלל טפֿוצעס ייִסראָעל זיי צו פֿרעגן, אויב מע וויל אַ פּנים האָבן פֿאַר לײַט, אַז מע איז אַ אויסגעריבענער מענטש, נישט קיין באַנק-קוועטשער, און וואָס מע מוז אַלפּי מענטשלעכקײַט דערויף ענטפֿערן אַזוי ווי אַ „גוט-יאָר!“ אויף אײנעמס אַ „גוט-שאַבעס!“ אָדער „גוט-יאָמטעוו!“. איך וויל מיט אַ וועלט נישט אײַנרײַסן און בין בערייט אויף די דאָזיקע שײַלעס אויך צו ענטפֿערן קורץ און גיך ווי נאָר מעגלעך.

אַליין בין איך אַ געבירטיקער פֿון צוויאַטשיטש, אַ קלײנ שטעטל אין טעטערעווקער גובערניע, באַרימט מיט אירע גוטע בעהיימעס און נאָך מער מיט דעם צוויאַטשער, לעהאַוודל, וואָס מיט אים קלינגט די וועלט. נישט דאָס בין איך אויסן. אין מײַן פּאַספּאָרט שטייט איך אַלט 52 יאָר, נאָר באַשטימט וויפֿל איך בין אַלט קען איך אײַך נישט זאָגן, מײַן טאַטע מיט דער מאַמען, אַלײהעם-האַשאָלעם, זײַנען שטאַרק מעבולבל געווען אין דער רעכענונג פֿון מײַנע יאָרן. נאָך זיי ביידע בין איך געבליבן געוואָרן צום ערשטן ליכטל בעשאַס דער גרויסער סרייפֿע פֿון די קלײטן. נאָר נאָך דעם טאַטנס בעזשבנ איז דאָס געווען בעשאַס די גרויסע קרירעס זײַנען פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין אונדזער ווינקל, פֿונקט אין דער צײַט, ווען דער אַ ל ט ע ר, זיכרוינוי-ליוורעכע, איז ניסטאַלעק געוואָרן. און די מאַמע פֿלעגט אויסווײַזן, אַז דאָס איז גאָר געווען מיט אַ יאָר צוויי נאָך דער ער-

שטער בעהאָלע, נישט הײַנט געדאַכט. א סימענ אפילע, דענסטמאָל האָט זיכ באַ אונדז געקעלבט די רויטע קו, אונ זויס-כאַנעקע האָט זי פאַר א האַלב שטעטל געמאַכט מילכיקע וואַרעניקעס, וואָס מע האָט פונ זיי געלעקט די פינגער אונ ליגנ באַ טייל אַלטע יידנ נאָכ אי הײַנט אינ טאַמ. נישט דאָס אָבער בינ איכ אויסנ. די פּרימעטעס מײַנע אינ מײַנ פּאַספּאָרט זײַנענ אזוי: די וווקס — א מיטעלע; האָר, ברע-מענ — גרוי; אויגנ — קאַרע, די נאָז, דער מויל — מיטלמעסיק, א באָרד — א גרויע, דאָס פּאָנעמ — א ריינס; אָסאָביע פּרימעטעס — נישטאָ. דאָס הייסט אינגאַנצנ פּראָסט גאָרנישט, א מענטש ווי גע-ווײַנטלעכ דאָסראָוו מענטשנ, נישט קײַנ קאָטער, קײנ בעהיימע, כאָ-לילע. אײַ די קאַשע איז, גלאַט א פּאַספּאָרט גאָר אָנ פּרימעטעס וואָלט דאָכ אויכ דאָס אײגענע באַוויזנ, אז מענ איז א מענטש? וואָרעמ, ווו האָבנ דענ בעהיימעס פּאַספּאָרטנ? דער טערעצ איז אָבער, אז קאַשעס פרעגנ איז קיינ סייכל נישט. הערסטו, דער גאַנצער סייכל איז דאָכ טאַקע — אָט נאַט אײַכ פּרימעטעס אונ ווייסט פּאָרט נישט, וואָס פאַר א פּאָנעמ איכ האָב... אונ בעעמעס טאַקע, לאָמיר זיכ נישט נאַרנ, וואָס וועט אײַכ אַרויסקומענ, אז איר וועט שוינ וויסנ, אשטייגער, אז מײַנ שטערנ איז א הויכער מיט א סאַכ קנייטשנ, אז מײַנע נאָזלעכער זײַנענ זייער גרויסע אונ עפּעס מעשונע, אז איכ קוק — מאַכ איכ דערבײַ צו א ביסל די אויגנ, ווי א קורצזיכטיקער, אונ אז איכ פאַרצי די ליפּנ — זעט עפּעס אויס, ווי איכ שמייכל מיט א שטעכנדיק גע-לעכטערל? גלייבט מיר, מײַנ װײַב אפילע פאַר אונדזער כאַסענע האָבנ אזעלכע קלייניקײַטנ אויכ קלאַל נישט אינטערעסירט. מע האָט איר געזאָגט: מאַזלטאָוו, קאַלע, דו האָסט א כאָסנ! אונ גענוג. וועמעס אײסעק דענ איז דאָס יענעמס א נאָז, יענעמס א פּאָנעמ? וואָס מאַכט עס אויס אונ וועמענ גייט עס אָנ? מײלע, ווייסט איר דאָכ, אגעוו, שוינ, ראַבויסײַ, אז איכ בינ א באַווײַבטער, קינדער, פאַרשטייט זיכ

דאָכ בעמיילע, אַז איכ האָב אונ, אָנ אײנאָרע, נאָכ פיל, וואָרעמ, ווי האָט איר א באווײַבטנ יידנ, ער זאָל נישט האָבנ לעבאָלאָפאָכעס א האלב מוצ קינדערלעכ? ביפראט נאָכ אנ אָרעמאנ. האנדלענ האנדל איכ מיט רומל, דאָס הייסט מיט כומאָשימ, מאכזוירימ, סידורימ, סליכעס, טכינעס אוקעדוימע אזעלכע מינע ספאָרימ. דערבײַ געפינט זיכ בא מיר אלערליי מײַסעס — אונ א ביסל פונ הײַנטיקע מינע ביכלעכ. איכ האָב איבערגעהאט אינ מײַנ לעבנ א סאכ מינע פאר־נאָסעס: באלד באמ אראָפגיינ פונ קעסט בינ איכ געוואָרנ א כאלפנ, דערנאָכ א פסאָמימ-קרעמערל, א שענקער, א מויכער-טוועניק, א מעקלער אונ א מעלאמעד. איכ האָב מיכ געוואָרפנ, ווי דער שטייגער איז פונ יידנ, אפ אלע זײַטנ, אונ בינ געווענ, לוי-אלייכעמ, א גרוי־סער עווייענ. ווי זאָגט מענ עפעס — א סאכ מעלאָכעס אונ ווייניק בראָכעס. ביז לעסאָף האָב איכ מיכ גענומענ צו ספאָרימ אונ בינ דער־פונ שוינ א צײַט מיט יאָרנ, באָרעכאשעמ, זייער שוינ זיכ מעפאר־נעס. כוצ רומל, פיר איכ נאָכ מיט מיר בערשעטער טאלייסימ, טא־לעסקאָטנס, קאָפלשמוינעדיקע ציצעס, רעצועס, שויפרעס, הייעלעכ, מעזוזעלעכ, וואָלפציינדלעכ, קאמייעלעכ, קינדערשע בליטשקענע שי־כעלעכ אונ יארמלקעלעכ, אונ אמאָל אויכ מעש אונ קופערווארג. ווי־ארומ מעש אונ קופערווארג קומט צו ספאָרימ, ווייס איכ אליינ נישט, נאָר אזוי איז שוינ בא אונדז אײַנגעפירט מיקאמע-וועקאמע שאָנימ, פונקט ווי א יידישער מעכאבער מוז אמאָל אויכ זײַנ אי א שאדכנ, א פוילישער שאמעס אינ א קלויז מוז דערבײַ דאָרט האלטנ א קליינ שענקל, ווי א סבאָרשטשיק מוז אמאָל אפ א סימכע בא די פײַנע־בעריעס קאָכנ פיש אונ זײַנ א סארווער, ווי עפעס א קלייקוידעש מוז דאָסראָוו זיכ אָפגעבנ מיט פלאָטקעס, פארקאָכנ אמאָל א קאשע, אונ ווי א ליאד גווירל מוז האָבנ כיילעק אינ דער טאקסע... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. יאָרנלאנג בינ איכ אינ אונטערוועגנס, איכ פאָר ארומ אינ

גאַנצ פוילנ און בינ דאָרט פול אינ אַלע שטעט און שטעטלעכ. מע קענ מיכ, באַרעכאַשעמ, אומעטומ ווי א בייזנ שילינגער. איר וועט מיכ דאָרט טרעפנ שטייענדיק מיט מייַנ בייַדל דאַסראָזו לעבנ בעסמעד־רעש. מייַנ פערדל שטייט אויסגעדרייט מיט דעמ פּאָנעמ צומ וואָגנ און עסט, אויב ער האָט נאָר, סיטשקע פונ אַנ אויסגעשפּרייטנ לאַנטוכ, וואָס איז צוגעבונדנ פונ איינ זייַט צו די קאָזלעס און פונ דער אַנדערער זייַט צו ביידע אינ דער הייכ אופגעשטעלטע האָלאָבליעס. יידישע קינדערלעכ פאַרגאַנוועננ זיכ שטילערהייט און רייַסנ געשמאַק סטרונעס פונ זייַנ עק, נעבעכ, און ער, שלימאַזל, שטייט זיכ גאַנצ רויִק, עס זאָל דאָס אימ אָנהייבנ צו אַרנ. ער לאָזט אַמאָל דערבייַ אַראָפּהענגענ די אונטערשטע ליפּ, און עס דאַכט זיכ גאָר דענסטמאָל, ער לאַכט עפּעס מיט ציינ, נאָר ווי, לעהאַוודל, א מענטש. אַז מאַכט זיכ אַמאָל, ער האָט נישט וואָס צו עסנ, שטייט ער זיכ פאַרטראַכט מיט אופּגעשטעלטע אויערנ און קוקט אינ בייַדל אַפּ די ספּאָרימ עפּעס אַזוי, אַז מע וואָלט געמעגט שווערנ, ער פאַרשטייט דערינענ זייער גוט מיט זייַנ פערדישנ מויעכ און נעמט עס אָפּ זייַנע קיילימ עפּשער נאָכ פיל בעסער, ווי אַנ אַנדער באַהעלפער, מעכילע. נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

דאַכט זיכ, איכ האָב שוינ מייַנס יויצע געוועננ, אַלצדינג אייַכ אָפּגעזאָגט, און מעג שוינ אָנהייבנ מייַנ סיפּער־האַמייַסע. איבעריקנס בינ איכ דאָכ נישט מער ווי א מענטש, עפּשער האָב איכ עפּעס פאַרגעסנ, מעגט איר מיר זיכער גלייבנ, אַפּ מייַנ וואָרט, אַז וויבאַלד איכ וועל מיכ נאָר דערמאָנענ, וועל איכ עס גאַנצ געוויס צושטעלנ אינ איינע פונ מייַנע מייַסעס, וואָס איכ האָב בעדייע מיט גאָטס קויעכ איינע נאָכ דער אַנדערער אָפּצודרוקנ. און ווייַטער, אויב עמעצער וועט קיינ צייַט ניט האָבנ און טאָקע באַלד וועלנ וויסנ קאָל־שוירעש־דאָוואָר, איטלעכעס פּיצעלע, מעג ער זיכ מאַטריִעכ זייַנ צו מיר צו שרייַבנ און וועט באַקומענ פונ מיר אינגיכנ א קלאָרע טשוווע. מייַנ אַדרעס איז: מענ־

דעליו יודעלאָוויטשו מויכערו ספּאָרעמו אווו צוויאַטשיטשו. דעם טיטל גאָספּאָדינו יעווריִיו באדארפ מענ נישט שרײַבנ. מע וועט אזוי אויכ וויסנ.

שאט, שאט, ראבויסים! איקער שאָכאכטי, גוט, כלעבנ, וואָס איכ האָב מיכ באצײַטנס ארומגעקוקט. דער מינהעג פונ אונדזערע יידישע מעכאברים איז, ווי איטלעכנ איז באקאנט, ארײַנצושטעלנ זייערע ווײַבער, די צנועס, אינ זייערע בעפיירעש ספּאָרים מיט די נעמענ אָדער מיט א האמצאָעלע דורכ ראָשעטייוועס אונ אָפּצולויבנ אינ טאָג ארײַנ זייער גוטסקײַט אונ פרומקײַט. בעבײַנ וועט איר דאָכ אוואדע וועלנ וויסנ לעכאָלאָפּאָכעס ווי מײַנ ווײַב הייסט, אונ וועט טאקע זײַנ זייער גערעכט.

שאט, זי הייסט יענטע!

אָנמערקונגען און דערקלערונגען

מאַסאָעס ביניאָמינ האשלישי

קיצער מאַסאָעס ביניאָמינ האשלישי — א פארקיר-צונג (געמיינט: א קורצ געפּאסטע איבעראַרבעטונג) פונ ביניאָמינ דעמ דריטנס רײַזעס.

לויט דער פאָרמ, אינ פּראָט פונ געבוי אימיטירט דאָ מענדעלע בינ-יאָמינ פונ טודעלאַס „מסעות“: צוערשט גייענ קלוימערשט ציטאַטנ פונ ביניאָמינ דעמ דריטנס באַשרײַבונג גופא אינ ערשטער פּערזאָנ (זיי הייבנ זיכ געוויינלעכ אָנ אינ העברייִש), און נאָכדעמ קומט א פּאַראַפראַז פונ ביניאָמינס רײַזע-פּאַסירונגענ אינ דריטער פּערזאָנ.

נעסיע — רײַזע. אונטער די האָרע-כווישעכ — הינטער די פינצטערע בערג. די דאָזיקע לעגענדארישע בערג ווערנ דערמאָנט אינ די מיטלאַלטערלעכע יִדישע רײַזע-באַשרײַבונגענ. כידושים — וווּנדער. שיווים לעשוינעס — זיבעציק שפּראַכנ; געמיינט: אפ אַלע שפּראַכנ פונ דער וועלט. לויט דער יִדישער פאָרעלטערטער פאָרשטעלונג זײַנענ אפ דער וועלט פאַראַנ נאָר זיבעציק שפּראַכנ.

האקדאָמאס מענדעלע מויכער-ספאָרימ

האקדאָמאס — פאָרוואָרט. דער סטיל פונעמ פאָרוואָרט אימיטירט פאַראָדיסטיש די טראַדיציאָנעלע „האקדאָמעס“ צו די העברייִשע ספאָרימ אונ אלט-ייִדישע ביכער. דער **בוירע** — דער באַשעפער (גאָט). **גאלגאלימ** — דאָ: הימל-קערפערס, שטערנ, פלאַנעטנ. **מיקאָלשעקייג** — אוואַדע, שוינ אָפּגערעדט, וואָר שמועסט. **לעכאָלאפּאָכעס** — וויניקסטנס. **א מייע קיטעס** — הונדערט גרופּעס. **ענטפּערנ קוימעמיעס** — דאָ געמיינט: אָנזעצנ. **א פּיזמענ** — דאָ געמיינט: עפּעס אָנריידנ אַפּ עמעצנ, מאַסערנ.

קוינע-שעמ געוועג — באַרימט געוואָרנ, געמאַכט זיכ א נאָמענ. **ארצוים-האמיזראָכ** — די מיזרעכ-לענדער. **קלייזייענ** — וואָפּנ, געווער. **מאסיג זייַנ** — באַגרייַפנ. **בעכאָל-האָויפאנימ** — דאָ געמיינט: יעדנפאַלס.

בינიאָמינ דער ערשטער — בינიאָמינ רויפע פונ טודעלא, געלעבט אינ XII יאָרהונדערט אינ שפּאַניע.

בינიאָמינ דער צווייטער — א רומענישער ייִד, א וועלט-רייַזנדער (1818—1864). זייַנ אייגנטלעכער נאָמענ איז געווענ יאָסעפ-איזראַעל.

מאפליג צו זייַנ — אויסצייכענענ, באַזונדערס רימענ. **קנויפּיע** — כאָפּטע, קליקע. **מעקאבלימ** — געמיינט: אָרעמעלייַט, שלעפּער. **פּאָסעק** — א פראַזע פונ דער ביבל. **פּע-עכאָד** — אייַנמוטיק, איינשטימיק.

קעפּי — נאָכ, לויט. **לוי-אלייכעמ** — ניט פאַר אייַכ געדאַכט. **פּאָטראַוועס** — געריכטנ. **האקאָטנ** — דער קלײנער.

דאָס ערשטע קאַפּיטל

ניסגאדאלטי — אויפגעהאָדעוועט געוואָרנ. **האצנועמ מאָראס זעלדע טיכיע** — די פרומע פרוי זעלדע זאָל לעבנ.

באַלע-האמצאָעס — ווײַצלינגענ, מענטשנ מיט אײַנפאַלנ. **דער טויגער** — געמיינט: טערקײַ; **קירע** — געמיינט: עסטרײַכ.

גזיירעס — געמיינט: רעפּרעסיעס פונ דער צארישער מעלוכע, גע-װענדט קעגנ דער יידישער באַפעלקערונג. **רױטע יידלעכ** — די לעגענדארישע יידישע שװאָטימ, װאָס לעבנ קלױמערשט הינטער די „האָרע-כױשעכ". **ראזבירײַעט** — געמיינט: באטראכט, בא-האנדלט. **באטאַגטע** — באיאָרנטע. זײַנען **מאפקיר** — לאָזנ אפּ העפקער. **בישליימעס** — פולקומ, געמיינט: געװיסנהאפטיק. **לע-שעמ-שאָמאַימ** — פונ גאָטס װעגנ. **העלער** — אנ אלטע דײַטשי-שע אונ עסטרײַכישע קלײנע מאטבייע, געמיינט: א גראָשנ. **װעהאקל שאָריר װעקאיאָמ** — א טראַפּארעט פונ א באשטעטיקונג אינ די פּראָטאָקאָלנ פונ די אמאָליקע קאָהאָל-פּארזאמלונגענ, ראבאָנישע אופרופנ, צירקוליארנ. לױט זײַנ באדײַטונג ענלעכ צומ רוסישנ: «быть посему», «и тому (написанному) верить». **קאָל מאלכע** — אלע קיניגנ. **בעגילופנ** — דאָ געמיינט: שטארק אופגעלייגט. **קאנ** — 150.

באלע-ביטאָכנס — אָפּטימיסטנ, מענטשנ מיט גרױסער האָפע-נונג. **איז זיכ מעפארנעס** — שפײַזט זיכ. **ביטמימעס** — נאַיװ, טאמעװאטע.

האשעמיסבאָרעכ — גאָט. **באָרעכאשעמ** — גאָט צו דאנקענ. **א קײלע** — דאָ געמיינט: אנ אינסטרומענט. **א קאָל-נעגינע** — א שטימ צומ זינגענ. **מוסאָפימ** — די צוגאָב-טפילעס פאר שאבעס אונ יאָמטעװ. **יאָמימ-נױראָימ** — ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפּער. **אינ דער סװיװע** — געמיינט: אינ א יישעװ אױסער דער שטאָט. **א שטאָט** — דאָ: א שטענדיק אייגנ אָרט אינ שול. **ראכמאָנימ בנײ ראכמאָנימ** — דערבארעמדיקע, קינדער פונ דערבארעמדיקע.

שװאכ — א לױב, א קאָמפּלימענט. **האלבאָשע** — קלײ-דונג. **כאמישעאָסער** — געמיינט: דער 15-טער טאָג פונ כױדעש שװאט, װענ, לױט דער יידישער רעליגיעזער טראדיציע, פלעגט מענ עסנ באָקסער אונ אנדערע פּײרעס. **קױמעמיעס** — האָפּערדיק. **אלפּי מיקרע** — לױט א צופאל. **יארדנ** — דער הױפּט-טײַכ פונ פּאלעסטינע. **מעאָרעס-האמאכפּילאָ** — לױט דער ביבלישער לעגענדע, די הײל, װו עס זײַנענ באגראָבנ געװאָרנ די „אורפּאָטערס" פונ די יידנ. **קױסל-מאראָװי** — די מערעװדיקע

וואנט. רעשטן פון א וואנט אין יערושאָלאיִם. לויט דער ייִדישער טראדיציע, איז דאָס די מײַרעוו-וואנט פונעם אמאָליקן בּיים-האמיקדעש. כאמיי-טעוואריע (ריכטיקער: כאמיי טיבעריא) — די וואַרעמבעדער פון טיבעריע (אין פּאלעסטינע). האר-האזייסים — „אײלבערטן-בארג", ניט ווײַט פון יערושאָלאיִם.

בעיאָד ראָמאָ — געמיינט: שטרענג. אד מאָסײַ? — ביז-וואנען? דער סאר שעל יישמאָעל — דער מאלעך, דער הימל-שער שיצער פון ייִשמאָעל (פון די מוסולמענער). שוילעט זײַנ-הערשן, האָבן די מאכט.

אסערעס-האשוואָטימ — די צען שוואָטים, וואָס האָבן אין אוראלטער צײַט באוווינט דאָס קיניגרײַך ייִסראָעל און זײַנען פאר-טריבן געוואָרן פון פּאלעסטינע אין יאָר 719 פאר אונדזער ערע, ווען דאָס דאָזיקע קיניגרײַך איז כאָרעוו געוואָרן. וועגן דעם, ווו די דאָזיקע צען שוואָטימ געפינען זיך, זײַנען געשאפן געוואָרן אָן א שיר לע-גענדעס.

„בני-מוישע" — א לעגענדארישער ייִדישער שײוועט, וואָס ווױנט קלוימערשט „הינטער די האָרע-כוישעך". עלדאָד האדאָני — א ייִדישער רײַזנדער פון IX יאָרהונדערט, אן אוואנטוריסט.

א האָדעסל — א ריטועלע פּסאָמימ-פּושקעלע, געווײנלעך א זילבערנס. טישבוירעס — ברוכצאָל. אזא האדראס-פּאָנעמ — אזא שײנ אויסזען. מומכע — ספּעציאליסט. קעפי האשמוע — לויט די קלאנגען. כארטומע מיצראיִמ — די קישעפמאכער פון עגיפּטן.

דאכקעס — ענגשאפט, נויט. נילקעד — געפאנגען. מעצורעפ לאָזע — צוגעגעבן דערצו.

א ניצוץ — א פונק. מעסוגל געווען — פײַיִק געווען.

ראבע-באר-באר-כאָנע — אײנער פון די טאלמוד-געלערנטע פון סאָפ III יאָרהונדערט. וועגן זײַנע רײַזעס ווערן אין טאלמוד גע-בראכט פאנטאסטישע דערציילונגען. „שוואָכע-יערושאָלאיִמ" — א העברעיִש ביכל וועגן דער שטאָט יערושאָלאיִמ. דער אוטאָר — יאקאָוו באָרוך. דערשינען אין יאָר 1785. הויסאָפעס — צוגאָבן.

„צייל-אוילאָמ" — דאָס קאָסמאָגראפישע ווערק „L'image du monde" פון נאָסוען, וואָס מאטיסיאָהו דע לא קראָטי האָט איבער-

געאַרבעט אַפּ העברעיִש. איז ער **קוילעל** — אַנטהאַלט ער. אַלע שעוואַ-כאָכמעס — אַלע זיבן וויסנשאַפֿטן, געמיינט: די גאַנצע וויסנשאַפֿט ביכלאַל. **כידושים-וועניפֿלאָעס** — ווונדער איבער ווונדער. **גוימער** געווען — באַשלאָסן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

אַ קאָדעש — אַ הייליקער, אַ מאַרטירער. **אַן אַגונע** — אַ פֿרוי, וואָס איר מאַן האָט זי פֿאַרלאָזן און איר ניט געגעבן קיין גט. **באַל-פּאַכדן** — אַ שרעקעדיקער. **איימאַס-מאָוועס** — טויט-שרעק. **גערופֿעט** — געהאָפּט. **טאַכטויִנים** — אונטערהויזן. **פֿעלפּענע** — זייַד-סאַמעטענע, וועלוועטענע. **דער ליוויאָסן** — אַ פֿאַנטאַסטישער ריזן-פֿיש.

האַנהאָגע — אויפֿירונג. **אַ פּליע** — אַ ווונדער. **אַ קייַמע-לאָן** — געמיינט: אַן אָנגענומענע אַקסיאָמע. **זעלט עס** — וואָלט עס. **טייקו** — אין טאַלמוד אַ פֿאָרמולע פֿון איבערגיין צו אַן אַנדער איניען, ווען עס ווערט געשטעלט אַ פֿראַגע און עס ווערט אַפּ איר קיין ענטפֿער ניט געגעבן. **באַלדאָווער** — געמיינט: שעד, טייַוול.

געבליבן מוסקעם — געבליבן באַשטימט. **בוידעק זייַן** — אויספֿאָרשן, דאָ: איבערקוקן, רעווידירן. **לאָכיין** — דעריבער. **אַלפּי דערעכ-האַטעווע** — נאָכן נאַטירלעכן גאַנג. **די טאַקסע** (קאָראָבקע) — אַ קאָהעלשער שטייַער-אָפּצאָל אַפּ פֿלייש באַם צאַריזם. די דאָזיקע שטייַער-אינסטיטוציע איז געווען איינס פֿון די שווערסטע עקספּלואַטאַציע-מיטלען אין די הענט פֿונעם קאָהעל און די גווירים קעגן דער יידישער אָרעמשאַפֿט.

טכום-שאַבעס — דער שטעכ, וואָס אַ רעליגיעזער ייד האַלט פֿאַר דערלויבט צו גיין אום שאַבעס (אויסער דעם יישעוו). **אַלעק-סאַנדער מוקדען** — אַלעקסאַנדער, קיניג פֿון מאַקעדאָניע, אין גריכנלאַנד, 356—323 פֿאַר אונדזער ערע. **פּיפּערנאָטער, לינ-דענוואָרעם** — פֿאַנטאַסטישע, אויסטערלישע כייַעס. **מעשול-אַכעסן** — געמיינט: אָנשיקענישן.

סאָנע-צ׳ענ — א שאָוויניסטישע רעדנסארט, א באוואָרעניש, ווענ א רעליגיעזער יִיד רעדט וועגנ א מעגלעכנ אומגליק. כייעס-ראָעס — בייזע כייעס. ווילדע אומעס — ווילדע פעלקער. זיכ מעיאעש געווענ — געקומענ אינ פארצווייפלונג. ביסטו מע-נאצייעכ — באזיגסטו. א קיילע שליימע — א פולקומע זאכ.

דאָברי דיענ — גוט-מאָרגנ!

שעאָר-יעראָקעס — די איבעריקע קרייטעכצער. ניט געווענ לעראָצנ — ניט געפעלנ. א שאלשעלעס — א באשטימטע נאָטע פונ דעמ רעטשיטאטיוו, מיט וועלכנ מע פלעגט לייענענ די ביבל אינ שול. בעזמ — אויב. אומעס-האָוילעמ — געמיינט: ניט-יִידנ. די מייסע פונ יויסעפ האצאדיק מיט זלי-כענ — די ביבלישע דערציילונג וועגנ דעמ, ווי פויטיפערס פרוי האָט געפרווט פארפירנ יויסעפנ. די שפעטערדיקע יִידישע לעגענדע רופט אָנ פויטיפערס פרוי מיטנ נאָמענ זליכע.

נו, זשידקאָ, א שטשאָ, טראָשקע ליפשע? — נו, יִידל, וואָס, עטוואָס בעסער? טראָשקע טעבע ליפשע? — איז דיר עטוואָס בעסער? בינשימע אכאס — אינ איינ אָטעמ. ליפשע, ראק ריבי מאָ׳, איי, איי, איי — בעסער, נאָר די פיס מיינע, איי, איי, איי. ראק — נאָר, „ריבי“ באטייט פיש. ביניאָמינ אונטערשיידט ניט צווישנ „ש“ אונ „ס“ אונ אזויארומ טייטשט ער פיס — ריבי. איזוווידקי טי, זשידקאָ? — פונוואנענ ביסטו, יִידל? מאהעפאכפאשטאָ — צוויי באשטימטע טענער פונ דער טראדיציאָנעלער גאמע פונעמ רעטשיטאטיוו, מיט וועלכנ מע פלעגט לייענענ די ביבל. יא ניאָמקא, ביניאָמקא אווו טונעיאדעווקו — איכ בינ ניאָמקע אינ טונעיאדעווקע. טי איז טונעיאדעווקי? קאזשי זשע, שטשאָ טי וויטאראשטשיל נא מעני אָטשי אי גליאדיש יאק שאליאָני? אליע מאָזשע טי טאקי אי שאליאָני? טראסצא טוואָי מאטערי! — דו ביסט פונ טונעיאדעווקע? זאָג זשע, וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אפ מיר די אויגנ אונ קוקסט, ווי א מעשוגענער? אונ עפשער ביסטו טאקע מעשוגע? א רועכ אינ דיינ מאמענ אריינ! יא טעבי לעכאטכילע קאזאטע, יא ניאָמקע טאמ אווו טונעיאדעווקו! — איכ האָב דיר

לעאכטכילע געזאָגט, איכ בינ גיאָמקע, דאָרטנ אינ טונעיאדעווקע. א וו טונעיאדעווקי זשינקא טעבי דאמ טשארקע שליש אי שאבאשקאָווע בולקע, אי דאָברע דאָנקויעט טעבי — אינ טונעיאדעווקע וועט דיר (מײַנ) ווײַב געבנ א קעלישעק בראנפנ אונ שאבעסדיקע כאלע אונ וועט דיכ גוט באדאנקענ. דאָברע, זשידקאָ — גוט, ייִדל. שײַלעס — פראגנ.

טשויעש, סקילקע כאָטשעש זא פיווענ? זא ציבולי? — הערסט, וויפל ווילסטו פארנ האָנ? פאר די ציבעלעס? מאָזשע מאיעש קארטאָפלי, יאיִצי? — עפשער האָסטו קארטאָפל, אייער? בעסויכ האבאָיִמ — צווישנ די אָנקומענדיקע. טשויעש, מאָזשע טי באטשיל נא דאָראָגי זשידקאָ? או נאס יעדינ זשידקאָ, ביניאָמקא, ווטשאָרא פראָפאל יאק אויו וואָדו — הערסטו, עפשער האָסטו געזענ אפנ וועג א ייִדנ? בא אונדז איז איינער א ייִד, ביניאָמקע, נעכטנ פארפאלנ געוואָרנ ווי אינ וואסער. אוספייעט — באוויזנ.

ראטונעק — רעטונג. טאכבולעס — מיטלענ. גענעזנ ווערנ — אויסגעהיילט ווערנ. גוימל בענטשנ — זאָגנ אינ שול די בראָכע, וואָס איז באשטימט פאר די, וועלכע ראטעווענ זיכ פונ א טויט-געפאר.

דאָס דריטע קאפיטל

גויווער געוועזנ — בײַגעקומענ. א כאקרענ — געמיינט: א פילאָסאָפ. מיט יעשועס אונ נעכאָמעס — מיט הילפ אונ טרייסט.

איישעס-כײַעל — א פרוי א בעריע. א נאס אפטייקל — געמיינט: א שענק. נאָכנ קעסט אראָפגייענדיק — נאָכנ אופהערנ עסנ קעסט באמ שווער. איז זיכ מעהאנע — האָט פונ דעמ האנאָע, קוויקט זיכ. ייִטער — דער רעשט, וואָס בלײַבט בא א שנײַדער פונ דעמ באשטעלערס צײַג. זיכ מיסכײַעוו געוועזנ — זיכ אונטערגענומענ. סילעקנ דעמ מויסער — דעקנ דעמ רעשט.

בישטיקע — אינ דער שטיל, בעסאָר. הינדיאָ — אינדיע.
סאמבאטיענ — א לעגענדארישער טײַכ, וואָס זעקס טעג אינ וואָכ האלט ער קלוימערשט אינ אײנ ארויסווארפנ פונ זיכ שטײנער אונ שאבעס רוט ער. קעצאפּיכים — ווי א קוכנ. די קאָמענטאטאָרנ פונ דער ביבל האָבנ ניט געוווּסט די עטימאָלאָגיע פונעמ וואָרט, אונ דאָס וואָרט איז אזויארומ פארעכנט געוואָרנ אלס אנ עקזאָטיש.
האמצאָע — אײַנפאל. א פּאָקאָרנער — א געהאָרכזאמער.

מוידע זײַנ — אָנערקענענ. בערעלעכ — בוזיקעס אָדער שישקעס פלעגנ שטיפעריש ווארפנ טישעבאָוו די יינגלעכ, ווענ די דערוואקסענע האָבנ געזאָגט „קינעס". קישעלעכ — מיט קישעלעכ פלעגט מענ זיכ באוווארפנ הוישײַנעראבע באנאכט, קעדיי ניט לאָזנ אײַנשלאָפנ, ווענ מע זאָגט דעמ „טיקנ". טיקנ — א ריי ספּעציעלע אויסצוגנ פונ דער ביבל פאר דער נאכט פונ הוישײַנעראבע (אונ פאר דער ערשטער נאכט פונ שוועס).

קאפּאָרע-הינדל — א סינאָנימ פאר אָפּקומענ לײדנ פאר פרעמדע זינד. דאָצנ — ווילנ. מעוואטל זײַנ — פארניכטנ, צונישט מאכנ. קונדייסימ — פארשײַטע יינגלעכ. טארבעס — געמיינט: דערעכערעצ, אָפּשײַ.

מעקאבל בעאהאווע זײַנ — אָנעמענ פאר ליב. שויעל-בעייצע זײַנ — פרעגנ אנ אייצע. כעלקאס-האלאָשנ — גלאטיק צינגל. לימדינאס-האיאמ — אינ א לאנד, וואָס געפינט זיכ אפ דער אנדערער זײַט יאמ.

מיט היסלײַוועס — מיט ענטוזיאזמ.

א טרופּע — געמיינט: א מיטל. יישמעיילימ — געמיינט: מאכמעדאנער. דער נאָגיד — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: דער האר, פירשט פונ די דאָרטיקע יידנ. איז זיכ אויסעק — פארנעמט זיכ.

קראכימ — ריזיקע שטעט. די אומעס — געמיינט: די ניט-יידישע פעלקער. א ברית — א בונד. דער קויפער אל-טורעכ — ווארשײַנלעכ, דער פירער פונ א מוסולמענישנ שטאמ. בנײ רייכאָוו — א שטאמ, וואָס ווערט עטלעכע מאָל דערמאָנט אינ דער ביבל. אינ דער נאָכביבלשער ליטעראטור איז ארומ דעמ שטאמ געשאפנ געוואָרנ פיל לעגענדעס. א מישנע-לעמעלעכ — א וויצע-

קיניג. טקיעסקאפ — א האנט־שלאָג, צו באצייכענען, אז ס׳איז עפּעס אָפּגערעדט געוואָרן.

דו ביסט מוסקעם? — דו שטימסט איַין?

יערכע — וויַיסע זעמל. אין דער האסכאָלע — אין אָנהייב. מעקיַיעם־פּסאק זיַין — געמיינט: אָפּטאָן זיַין רעכט, אָפּשמיַיסן.

דאָס פערטע קאפּיטל

א כאָקל — דער רעליגיעזער סייפער „כאָק לעיִסראָעל״.

שאלן — טרומייטערן. אין גאָטס שליכעס — לויט גאָטס אופטראָג. די לעפצן — די ליפּן. מעלעכ־עליוין — איינער פון די הימנען, וואָס גייען אריַין אין דער ליטורגיע פון ראָשע־שאָנע און יאָמקיפּער. קיסע־האקאָוועד — גאָטס טראָן.

געלוגט — אויסגעקוקט. א אינד — א סארנע. געזעלן — כאוועֶר, געהילפֿ.

דאָס פינפטע קאפּיטל

איז נישט בעיעכוילעס — קאָן ניט.

ביז דעם עלעפ האשווי! — ביז דעם זיבעטן טויזנט, געמיינט: ביז עס וועט ווערן זיבן טויזנט יאָר לויט דער טראדיציאָנעלער יִדישער צײַט־רעכענונג.

ווי א קאזאיעס — ווי אן איילבערט די גרייס. א פערטל־דיקן סייפער — א סייפער געדרוקט אין קווארטאָ (אין א קליינעם פאָרמאט). א מאכזערל — א בוך, וואָס אנטהאלט די ליטורגיע פאר די פארשיידענע יאָמטויוים. אקדאָמעס — א רעליגיעזער הימן פארן יאָמטעוו שוועס, אָנגעשריבן אף אראמיש. פארפאסט האָט אים מייער שאץ אין XI יאָרהונדערט, און ניט עלדאָר האדאָני, ווי בינאָמין מיינט. מאפסיק געווען — איבערגעריסן.

קאָלי זשיד ספּיוואיע, קאָלי ווינ גאָלאָדני — ווען זינגט א ייד, ווען ער איז הונגעריק. מעפוירעש זיַין — דער־

קלערנ. אינ אלע ראמאכ אייוורימ — געמיינט: אינ אלע גלידער. אונטערגעלענט זייער הארצ — איבערגעביסנ.

א קאָראָבקעלע — דאָס זעלבע, וואָס טאקסע. א קלייקוידעשל — א גײַסטלעכער. א כעווערעלע — א (רעליגיעזע אָדער צדאָקע-) געזעלשאפט. מעכאבערישער — אווטאָרשער. א זיווועג מינ האשאָמאַימ — געמיינט: באשערטע פּאָר. אינ גאשמיעס — אינ מאטעריעלע זאכנ. אינ רוכניעס — אינ גײַסטיקע זאכנ. א גרויסער קיוונ — א וויכטיקער מיינ. טארגעמ — בוכשטעבלעכ: איבערזעצונג. געוויינלעכ האָט מענ אינ זינענ די קאנאָניזירטע איבערזעצונג פונ דער ביבל אפ אראמיש, דאָ: די אראמישע שפּראכ. כוצ לאָארעצ — געמיינט: ניט אינ ערעציסראָעל. מיט דײַטש — געמיינט: מיט יידיש.

בעהאכנאָע — אונטערטעניק. ביטאָכנ — געמיינט: דאָס פארלאָזנ זיכ. קעהײַ לישנאָ — געמיינט: מיט די ווערטער. דאָברי דיענ! קאזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאָראָגי אפ ערעציסראָעל? — גוט-מאָרגנ! זאָג נאָר, מענטש, ווו איז דער וועג אפ ערעציסראָעל? שטשאָ?.. יאקי סרול? ני באטשיל יא סרוליא — וואָס?.. וואָס פאר סראָעל? איכ האָב סראָעלנ ניט געזענ... ני, ני! עטאָ ווי סרול, א וויג, לעהאוודל, ערעציסראָעל קאזאטע ווינ — נײַנ, נײַנ, דאָס זאָגט איר „סראָעל“, ער, לעהאוודל, זאָגט „ערעציסראָעל“ ער. אפ עררעציסראָעל קודי דאָראָגי? — אפ ערעציסראָעל ווו איז דער וועג? א פּיעס וואס, זשידקי, זנאיעט, שטשאָ ווי מאָראָטשעטע מעני גאָלאָווי, עטאָ דאָראָגי דאָ פּיעווקי, א וואָני עלעסלאָעל! עלעסלאָעל! — ווייסט אײַכ, יידנ, דער הונט, וואָס איר דולט מיר דעמ קאָפּ. דאָס איז דער וועג קיינ פּיעווקי, אונ זיי — עלעסלאָעל, עלעסלאָעל!

מעצאער געווענ — פארשאפט צאר. הילעכ — גאנג. מאשמייכעמ? — ווי איז אײַער נאָמענ? א מעשאמעש — א באדינער.

אפ וועלכן אוילעם — אפ וועלכער וועלט. טקיע-גדוילע — א לאנג אויסגעצויגענער טאָן באם שויפער-בלאָזן. שום — טומל. פּאַמסענע — פּאָנסאָווע, רויטע. אסיפע — פארזאמלונג.

אפ מישקוילעם — געמיינט: קוים זיי האלטן זיי אפ ניט איינצופאלן. ליכוויד — לעקאָוועד. ולכבוד כל המסובים בכאן — און לעקאָוועד אלע אָנוועזנדיקע.

מעגאלע זיין — אויסזאָגן.

א כידעש-ניפלע — געמיינט: א גרויסער וווּנדער. ראבויסיי — מיינע הערן. אזא פּיירעש צו מאכן — געמיינט: צו מאכן אָזא וועזן.

פון דער טווילע — פונעם אָפּטונקען זיך.

דאָס זעקסטע קאפּיטל

לייל טווילע — באָד-נאכט. גארגערעס — גאָרגל. טיטוס הארָשע — דער רוימישער קייסער טיטוס (39—81 פון אונדזער ערע). אין יאָר 70 האָט ער כאָרעוו געמאכט די שטאָט ירושאָלאיִם. א טאלמודישע לעגענדע דערציילט, אז גאָט האָט אים באשטראָפט: א מוק האָט זיך ארײַנגעקליבן צו אים אין מויעך און איז אים דערגאנגען די יאָרן.

אפּשיטע שוין — שוין אָפּגערעדט. לוי יאאלע וועלוי יאָוווי — געמיינט: דאָס זאָל ניט טרעפן. שוימער-אומאצל זײַן — אויסהיטן. קסאווייאד — מאנוסקריפּט. א זיכערע שמירע — א זיכערע באוואָרעניש.

סידי דאָמא דאני ריפּײַסא — זיץ אין דער היים און רוק זיך ניט. לעהאוודל — ניט צוצוגלײַכן, א רעדנסארט. געמאָרע — טאלמוד. פאר סענדערלען איז דאָס דער העכסטער אויטאָריטעט.

פון אָט דער געמאָרע — געמיינט: פון אָט דעם ווערטל.

דראָלן — שפּאנען. אָן שום מעלאָכעס — געמיינט: אָן קונצן. מאקדימ געווען — פארלאָפן דעם וועג.

טאק (ת״ק) מאָל טאק — 500 מאָל 500.

יורדיקעס, קאטשעניוקעס, מאָטשעניוקעס, פּיסקעס, יארנ און פּאָדאָלנ — נעמענ פונ פּאָרשטעט אינ א ריי שטעט, ווו ייִדנ האָבנ געוווינט. קעכויל האיאָמ — ווי דער זאמד פונ יאמ. כקירע-ספּאָרימ — פילאָסאָפישע ביכער, ביכער וועגנ אבסטראקטע זאכנ.

צענ טעפּ אָרעמקײַט — ס׳איז דער טאלמודישער אויס-דרוק: „אסאָרא קאבינ״, וואָס ווערט געוויינלעכ איבערגעזעצט „צענ מאָס״. „טאָפּ״ — איז אויכ אנ אלטע מאָס פונ קערנער און פליסי-קײַטנ. כי מלאה האָרצ חמס — ווײַל די ערד איז פול גע-וואָרנ מיט רויב. מאסביר זײַנ — דערקלערנ. דאָר האפּלאָ-גע — די צײַט, ווענ מע האָט געבויט דעמ באָוועל-טורעמ, לויט דער ביבלישער לעגענדע. באאווינויס יינו-האָראבימ — איבער אונדזערע גרויסע זינד. מאכנ זיכ א שעמ — געמיינט: מאכנ זיכ א נאָמענ, שטעלנ זיכ א דענקמאָל. פּארטשיק — א פורמאנ מיט א פּאָר פערד. מאזיק געווענ — געשעדיקט.

דאָס זיבעטע קאפּיטל

מומע וויטע — געמיינט: די ענגלישע קיניגנ וויקטאָריע (1819—1908). האסבאָרעס — דאָ געמיינט: קונצנ.

פּאשטנ — א מענטש, וואָס דערקלערט דערשײַנונגענ לויטנ פּראָסטנ געזונטנ סייכל. א גוילעמ — א האָמונקולוס, א מענטש, קינסטלעכ געמאכט דורכ מאגישער קונסט. מאָפּסימ — ווונדער. מיסנאגעד — געמיינט: אָפּאָנענט, קעגנער. די מומע ראָ-סיע — רוסלאנד. ראציעס — אייגנטלעכ: לאנגע נודנע רייד, ארגומענטאציעס, דאָ געמיינט: ביולעטענענ.

נויסע-כיינ געווענ — אויסגענומענ. אינ א סעסיע — אפ א זיצונג. נישט אפ דעמ אוילעמ — ניט אפ דער וועלט. לעגאמרע — דורכויס, אבסאָליוט. מעפּאלפּל געווענ — דעבא-טירט.

יויסיפונ — א מיטלאַלטערלעכע איבעראַרבעטונג פונ יאָסעפ פלאַוויוסעס געשיכטלעכע ווערק. דער „יויסיפונ" איז פול מיט לעגענ־דאַרישנ מאַטעריאַל. געטיטשעט — געטײַטלט. יעוואָנים — גריכיש. בניי אווראָהאָמ יִצכאָק וועיאַקאָוו — גע־מיינט: די ייִדנ. יעש־אוימרים — בוכשטעבלעכ: עס זײַנענ פאַראַנ אַזוינע, וואָס זאָגנ; געמיינט: (ס'איז פאַראַנ) א שטאַנדפּונקט, א מיינונג. „דאָס לאַנד פונעמ פריסטער יאָנ" (פונעמ פּרעסביטער יאַאָנ) — אינ די מיטלאַלטערלעכע לעגענדעס פיגורירט א פּרעסביטער, וואָס קיניגט איבער א מעכטיק קריסטלעכ קיניג־רײַכ ערגעצ־ווו אינ מיטל־אַזיע. ס'איז א קריסטלעכע אַנאַלאָגיע צו דער ייִדישער לעגענדע וועגנ די צענ שוואָטימ הינטער די האָרע־כוישעכ.

די מאַלכיִעס — געמיינט: די קיניגרײַכנ אָדער די קיניגלע־כע פּערזאָנענ. ניצמאַכ — אַרויסשפּראָצנ, אַרויסוואַקסנ. טאַרו־מעס — געמיינט: אומצופרידנקײַט.

אָקרענטנ — יאַמ־שיפנ. דער פעטער ייִשמאָעל — געמיינט: טערקײַ.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

טאָרעד — פאַרנומענ.
געלאָבט — געקוויקט.
אַניִוועס — באַשיידנקײַט.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

נוילעד געוואָרנ — געבאָרנ געוואָרנ. מאַמצי געוועננ — דערפונדנ. מאַכנ א מאָלע — זאָגנ די טפילע נאָכ געשטאָרבענע. כאַטע־פּאָקרישקע — געמיינט: פאַרדעקט, פאַריבל. זיי האָבנ בעקאַבאָלע פונ... — זיי האָבנ עס איבערדערציילט פונ...
מאַניפאַרגע־לאָשנ — גאַנאָווימ־שפּראַכ. די עטימאָלאָגיע פונ

דעמ ראָזיקנ וואָרט, וואָס מענדעלע גיט, איז, פארשטייט זיכ, ניט מער ווי אנ איראָניע, א כויזעק פונ באשטימטע פאָלקס-עטימאָלאָגיעס. כאָכמעס-האיאד — כיראָמאנטיע. בא מענדעלענ הייסט עס „האנט-וויסנשאפט": „קוקנ יענעמ אינ דער האנט ארײַנ", ד.ה.ווארטנ אפ נעדאָוועס. שעלוי-קעדערעכ-האטעווע — אומנאטירלעכ. יאקבי — קלוימערשט. ערעווראוו — געמיש (פונ פעלקער). געזע קאפטוירימ — דער שטאמ קאפטוירימ (ווערט דערמאָנט אינ דער ביבל). פּאראָדע — ראסע. מאכריע זײַנ — אנטשיידנ (וועלכע מיינונג איז ריכטיקער). מאטיסיאָהו דעלעקארטי (ריכטיקער: דע לא קראָטי) — א יִדישער געלערנטער פונ פּוילנ, גע-לעבט אינ XVI יאָרהונדערט. ער האָט עס איבערגעארבעט גאָסוענס קאָסמאָגראפיש ווערק „L'image du monde" אפ העברעיִש אונ האָט עס א נאָמענ געגעבנ „צייל-אוילאָמ".

צאָרפאס — געמיינט: פראנקרײַכ. אפ א פּאָפּאס — גע-מיינט: אפ איבערבײַסנ אונ אָפּרוענ.

קאָהעלשע היצטארכעס — געזעלשאפטלעכע באדערפע-ניש. באלשעמ — א באלנעס. א וואנדערנדיקער כאסידישער רעבע, וואָס טוט אופ „ניסימ, היילט קראנקע" אאוו. קיינ טאָטער — געמיינט: קיינ זגאכער. אינ די קליינע אויסיעלעכ — גע-מיינט: אינ די ביכער (באזונדערס אינ די העברעיִשע). האסקאָ-מעס — אפּראָבירונגענ, רעקאָמענדיר-בריוו.

יִמאכשמוינִיק — געמיינט: פארשאָלטענער.

ניצל צו ווערנ — געראטעוועט ווערנ.

דאָס צענטע קאפּיטל

טעליגעס — וועגענער.

מיטשניטשקע — מעל-פארקויפערנ. א מאראָכע — גע-מיינט: א גליק.

ניסגאלע געוואָרנ — אנטדעקט געוואָרנ. וסטרענציענ — באגעגענענ.

ליסקעס — שופּנ. ראשקע — א שעפּליק. אינ מערכעצ — אינ באָד. סוכעזשילעס פונ לעבער — געמיינט: דער גאל־קאנאל.

פּאראסאָנענ — פּאראסאָלנ, שירעמס. טאמציס — קווינטעסענצ.

ניט סוימעכ זײַנ — ניט פארלאָזנ זיכ. רויפימ — פעלדשערס. א שמורעניק — דער, וואָס עסט נאָר מאצע־שמורע — פונ ווייצ, ספּעציעל געהיטע אפ מאצע. גראָספּעציר — גרויסוויזיר. ראספּאלאָשעט — איבערגעשראָקנ אונ גענומענ לויפנ אינ ווילדנ גאלאָפּ. זיכ מעיאכעס — געמיינט: נעמט זיכ איבער.

אגאדעטע — געמיינט: א לעגענדע. מאכמעס קאמע טײַמימ — איבער א סאכ סיבעס. הייבנ האקאָפעס — געמיינט: נעמענ סכוירע אפ באָרג. אויקער זײַנ — אנטלויפנ.

כויקרע־קאדמוינ!עס — אלטערטומ־פאָרשער, ארכעאָלאָגנ. א מושקאטקויל — א מושקאט־נוס. ניט שאָווע־בעשאָווע — ניט הויזנ, שטימענ. געסמאהע דיר פארפול! — א רעדנסארט, וואָס באטײַט: „ס'גייט מיר ניט אָנ דײַנ מיינונג וועגנ דעמ". איז מעראמעז — גיט אנ אָנצוהערעניש. היידנ — געצנדינער. ניט שעכיעכ — ניט פאראנ. איניאָנע־האקעהילע — די איניאָנימ פונ דער קעהילע.

קיטעס — דאָ געמיינט: קליקעס, פארטייענ. וואכלאקלאקער — אנ איראָנישע וואָרטבילדונג פונעמ העברעיִשנ „וואכאלאקלאקוימ" — אונ גלאט־גלאטשיק. קוימעמ!עס־זאָגער — דאָ: אָנזעצערס. איניאָנע־האמיסכער — האנדל־איניאָנימ. צוואקאנער — געמיינט: צוויאקעס. איניאָנע־האָעמונע — גלויבנזאכנ. גלופּאָ־טרוסאָ־בעזיאזיקאָ־קאפּצאנער — נארישפּאכדאָניש־שפּראכלאָז־אָרעמע. ניכנע — אונטערטעניק. קסיוועטע אויסיעס — ייִדישע קוואדראטע פונ דער האנט געשריבענע אויסיעס. פּשאָטימ — דערקלערונגענ. מאריש־אוילעמ געווענ — אופגערודערט די וועלט. ראָשעטייוועס — אברעוויאטור, פארקירצונג־איניציאלנ. יעהודיי אויפיר (אָדער איגדי!אָ)

שעבאָו לעקאנ (אָדער לק׳ק [לקהילה קדושה]) גלופּסק וועניסיאשוו אל נעהאר פּיאטיגנילעווקע — די ייִדנ פונ אויפיר (אָדער אינדיע), וואָס זײַנענ געקומענ אהער (אָדער אינ דער הייליקער געמיינדע) גלופּסק אונ האָבנ זיכ באזעצט אפנ טײַכ פּיאטיגנילעווקע. שײַענ זיכ — האָבנ מוירע.

אזא שמירע — אזא וואכ. געביטנ — באפעלנ. דראָנ — דערינ, אינ דעם.

טאכבולעס — מיטלענ, אויבערשפּיצלעכ.

דאָס עלפטע קאפּיטל

ניווהעל-אונישטוימעמ (ווענישטוימעמ) געוואָרנ — געוואָרנ דערשראָקנ אונ איבעראשט. גאנ יידנ-האטאכטנ — דער אונטערשטער גאניידנ, דער גאניידנ אפ דער-וועלט. שויר-האבאָר — בוכשטעבלעכ: דער ווילדער אָקס, דער אור-בופלאקס. א לעגענדארישע כײַע אינ דער ייִדישער מיטאָלאָגיע.

בעיאָמאָוו — אינ זײַנ צײַט. עבראָ — א טײַכ אינ שפּאניע.

ויספּעס — אינדזלענ. מאס — צינז, אָפּצאָל.

וינ טשערוואָני זשידקי, וינ פּיטאיע — ער פרעגט זיכ נאָכ אפ די רויטע ייִדעלעכ, פרעגט ער זיכ נאָכ. איז טשערוואָני זשידקוו יא זנא ליבקו, שמולקו. באָגאטיע זשידקי — פונ די רויטע ייִדעלעכ קענ איכ לייבקענ, שמולקענ. רײַכע ייִדנ.

ני לייבקאָ, ני, ני! וינ טשערוואָני זשידקי פּיטאיע, טאמאָטשקא... — ניט לייבקענ, ניינ, ניינ! ער פרעגט וועגנ די רויטע ייִדעלעכ, דאָרטנ... העט-העט ויסאָקאָ — העט-העט הויכ. א מיקצעס — א ביסעלע.

די סודע שעל-ליוויאָסנ — דער מאָלצײַט פונעמ מיטאָלאָגישנ אור-וואלפיש, וואָס איז, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג, אָנגעברייט פאר יעדנ פרומענ ייִדנ אפ יענער-וועלט. בעלי-נעדער —

אייגנטלעכ: אָנ א נײדער. א צושפּרוך — א באוואָרעניש, ווענ א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגנ צוקונפט-פּלענער. אנ אויבער-האסבאָרעלע — א שפּיצל.

עס וועט אָפּלויפנ — עס וועט אראָפּגיינ. מאמטאָקים — זיסקײַטנ. דאָ געמיינט: געלט.

גדולעס — דאָ געמיינט: גליקנ. צוגעפּילעוועט — צוגעזענ, באדינט, האווירט. קרישמע — דאָ: א טפילע פארנ שלאָפ.

דאָס צוועלפטע קאפּיטל

וידע — דאָ: די טפילעס, וואָס רעליגיעזע מענטשנ זאָגנ פארנ טויט. פּאָדוועריע — אנ אײַנפאָר-הויז.

מוכנ-אומזומענ געווענ — געווענ גרייט.

אדוני מעלעכ! — הער קיניג! א קאָפּקע — קופּקע, א ווײַבעריש קאָפּ-הײַבל.

שיעס געמאכט — געצויגנ לאנג.

קנעסעס-יִסראָעל — געמיינט: דאָס ייִדישע פאָלק. א פּירעק-מישנאיעס — א קאפּיטל פונ דער מישנע (מישנע — דער גרונט-טייל פונעם טאלמוד). א פּראָשעניע — א שריפטלעכע באקאָשע, געווענדט צו א באאמטנ. מעמאלע זײַנ — געמיינט: אויספילנ, פארווירקלעכנ.

זיכ נויהעג זײַנ בעפּאשטעס — זיכ אופירנ פּאָשעט, פּראָסט. קיינ אומע-וועלאָשנ — קיינ פאָלק אונ שפּראכ. מיט זײַנ סעמיינעם לעבנ — מיט זײַנ פאמיליענ-לעבנ. גלאוונע אגענטסטווע — הויפּט-אגענטור. די נעשאָמע-יעסירע — די צוגאָב-נעשאָמע, וואָס א רעליגיעזער ייִד באקומט קלוימערשט שאבעס אונ יאָמטעוו. קטוירעס — פארשיידענע געווירצנ, וואָס לויט דער ביבלישער באשרײַבונג פלעגנ געריכערט ווערנ אינ בייסהאמיקדעש. מעקאבל טײַנעג — באקומט האנאָע, האָט פארגעניגנ.

שטארק לעראָצנ — שטארק צומ מוט, צומ הארצנ. האכאָנעס — צוגרייטונג. אייבעלעכ — מעדאלנ.

פּרודזענ — לאָזנ אויספּאַרענ דאָס אָנטאָנ אונ אַזויאַרום אויסרייניקנ פונ אומפלייט. צי טוט זשידאָווסקי באַניאַ? — דאָ איז די ייִדישע באָד? אַפּ מאָסקוויטעריש — אַפּ רוסיש.

יאַק זשע, פּאַני, טייע זשידקי אָוזשע דאַלי מוטעטשקאָ זאַ... — סטײַטש, הער, יענע ייִדנ האָבנ שוינ געגעבנ דאָ פאַר... זאַ בילעט, פּאַני, סטײַטש זשידקי, לעהאַוודל פּאַני, זאַפּלאַטיל! — פאַרנ בילעט, הער, סטײַטש, האָבנ די ייִדנ, לעהאַוודל, הער, באַצאָלט. אַ דראָזש — אַ ציטער.

אַ פּוימענע — אַ געכאַפּטער, איינער, וואָס מע האָט אים קעגנ געזעצ אונ רעכט געכאַפּט אונ אָפּגעגעבנ אינ רעקרוטנ.

דאָס דרײַצנטע קאַפּיטל

סבאָרנע — זאַמלפּונקט. אוטשעניע — די מיליטערישע געניטונגענ. שטוקעם — שטיק.

בעינוי-לעבעינ-אַצמוי — פאַר זיכ אַליינ.

טאַכסיסיי-מילכאָמע — קריגס-טאַקטיק. קיינ מעדובער — קיינ רייד. נישט מאַזקיר געווענ — ניט דערמאָנט. הענ אַלפּידינ וועהענ אַלפּייוישער — סײַ לויטנ געזעצ סײַ לויט דער גערעכטיקײַט. אַ טרופע — געמיינט: אַ מיטל.

איניאָנע-האַמושטיר — איניאָנים פונ מושטירנ.

בעכאַיאָוו — בא זײַנ לעבנ. באָטועכ — זיכער.

מאַכנ אַ „ג“ — אַנ אויסדרוק פונ דער שפּיל אינ כאַנעקע-דריידלעכ. אַז דאָס דריידל פאַלט אַפּנ אָס „ג“, הייסט דאָס געוווּנענ.

וואָיענע קאַנצעליאַריע — מיליטערישע קאַנצעליאַריע. סטראָגע — שטרענג.

באַלדאַברענ — רעדנער. מיט אַמצוים-קויעכ — מיט אָנשטרענגונג פונ די קויכעם. מויסער-מוידאָע זײַנ — מעלדנ. דער קיוונ — דער מיינ.

פישקע דער קרומער

ווידמונג-וואָרט

מענאשע מאַרגאַליס (1837—1912), לויט דער בילדונג א יוריסט. האָט פאַרעפנטלעכט אָפּהאנדלונגען וועגן טאַלמודישן רעכט און אויך היסטאָרישע עטיודן וועגן דער טאַלמודישער עפּאָכע און א ריי טאנאָים. אָפּ די דאָזיקע עטיודן גיט מענדעלע אָנצוהערן אין זײַן ווידמונג-בריוו.

זמירעס — רעליגיִעזע געזאנגען. איכעס — געמיינט: קלאָג-לידער. מעשוירער — א זינגער.

מיליץ-יוישער — פאַרטיידיקער.

יעש-בעקאָן — פאַרמעגן. דראַבעס — טויגעניכטסן, הולטײַעס, זשוליקעס, שווינדלער.

1

ספירע — די צײַט צווישן די רעליגיִעזע יאָמטויווים פּייסעך און שוועס.

קינעס — קלאָג-לידער; דאָ: א בוך קלאָג-לידער, באַשטימט אָפּ צו לייענען טישעבאָוו. סליכעס — א זאַמלונג טפילעס, וואָס רעליגיִעזע יידן זאָגן פאַרטאָג אין די לעצטע טעג פאַר ראָשעשאָנע און אין די טעג צווישן ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער. ווײַבערשע טכינעס — טפילעס אָפּ יידיש, פאַרפאַסט פאַר פרויען. מײַנעלאָשן — א בוך געבעטן און טכינעס צו זאָגן אָפּן בעסוילעם. מאַכזער — געבעט-בוך פאַר אַלע יאָמטויווים פון א גאַנץ יאָר.

שיווע-אָסאָר-בעטאַמוז — דער זיבעצנטער טאָג אין כוידעש טאַמוז; א טאָנעס. מײַסע-סאָטאָן — א שפּיצל פונעם טײַוול, באַטײַט: צום אומגליק. ראַצעמאָרענע — זײַדענע; א מין זײַד, אין פּאַסן. פּיירעק — דאָ געמיינט: דער טאַלמודישער טראַקטאַט „אָוויס". מאַפּסיק — רײַסט איבער.

דראפּאטשעס — אויסגעריבענע ריטלעך-בעזעמער. „אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס" — דער אויסדרוק ווערט באַנוצט אינעם זין פון אָפּגענוצטע זאַכן, וואָס טויגן מער צו גאָרנישט. קאָרבן-מינחה — א סידער, אין וועלכן די טפילעס זײַנען איבערגעזעצט אַפּ יִדיש-טײַטש. דאָ, ווי אין פיל אנדערע ערטער אינעם בוך, פּאַראָדירט מענדעלע דעם דאָזיקן סטיל.

רחום צדיק — דערבארעמדיקער, גערעכטיקער. מעמרע — דאָ: אפאָריזם.

רעצועס — רימענס, וואָס פעסטיקן צו צום קאָפּ און צום לינקן אָרעם די טפילן באַם דאַווענען. היסמאַנעס — דאָ: פונקציע. פּארשע „יִסרוי" — די טוירע; די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל איז אײַנגעטיילט אין אָפּשניטן (פּארשעס, סעדרעס), לויט דער צאָל וואָכן אין יאָר, וואָס ווערן לויט דער ריי נאָך געלייענט שאבעס בײַם דאַווענען. אין יִדישן רעליגיעזן שטייגער ווערן די וואָכן אָנגערופן לויט די פּארשעס. „יִסרוי" ווערט געלייענט אַן ערעך אָנהייב מאַרץ. מויכער-ספאָרים — דאָ: וואַנדערנדיקער ביכער-הענדלער.

פּידיען — לייזונג. מין-האצאד — פון א זײַט. שעל-ראָש — איינע פון די טפילן, וואָס מע טוט אָן בײַסן דאַווענען אַפּן קאָפּ.

באַטשיטי, יאַקי פּאַני-בערי, צאַטצי, ע-ע! טראַס-צאַ וואַשי מאַטערי. דײַטע דאַראָגי! היי, כודקאָ, זשידקי, לאַבסאַרדאַקי — זעט נאָר, ס׳אַרא פּײַנע-בעריעס, צאַצעס, הע-ע-ע! א קאַדאָכעס אין אײַער מוטער, לאָזט דורכפאָרן! היי, גיכער, יִדעלעך, לאַפּסערדאַקעס.

ביזכוס — דאָ: צוליב, אַדאַנק. זיסט-אַניט. אייסעווס — א שאָוויניסטישע באַצייכענונג פון ניט-יִדן.

והידים ידי עשו — און די הענט זײַנען אייסעווס.

הקול קול יעקב — די שטים איז יאַנקעווס. פּארצעס — פאַראַכטונג-אויסדרוק אָנשטאָט: פּנעמער.

טו לוגן פון דײַן האַרבעריג — טו קוקן פון דײַן

ווינאָרט (איבערזעצונג פונעם ביבלישנ זאצ: השקיפה ממעון קדשך) — דער גאנצער אבזאצ איז א פאראָדירטע נאָכמאכונג פונ דער שפראכ פונעם טײַטש-כומעש. פאָרכטצומע — פאָרכטזאמע, פרומע. נײַערט — נאָר. אכפערנ — הויכ שעצנ. נאכעס-רועכ — פארגעניגנ.

2

קרעמפעלעצ — א פארפעסטיקונג-העלצל אינעם געשפאנ. אויסגעסמילעוועטע — באשמירטע מיט סמאָלע. סמאהע — שפײַעכצ.

צווײַלנ — פונ צײַט צו צײַט. טכיילעס — הימל-בלוי. פאלט טאכנונ — בא דער טפילע לייגנ די דאוונער דעמ קאָפ מיטנ פאָנעמ אראָפ אפ דער לינקער האנט, וואָס איז אײַנגעבויגנ אינ עלנבויגנ. דאָס הייסט „פאלנ טאכנונ". אָפגענומענ די וועלט — געוועזנ שטארק בארימט. לאמדנ-מופלעג — א גרויסער געלערנ-טער. גאָר א כאריפעס — זייער שארפ.

שיווים אומעס — זיבעציק פעלקער. געמיינט: אלע פעלקער פונ דער וועלט. א פארעלטערטע פאָרשטעלונג בא די רעליגיעזע יידנ, אז אפ דער וועלט זײַנענ פאראנ נאָר זיבעציק פעלקער.

לעדוויצע — וווּכע רינד-פלייש. כרעמזל — א געבעקס פונ טייג, געפרעגלט אינ האָניק.

פראקעס — א געקעכצ: געהאקט פלייש, אײַנגעוויקלט אינ קרויט-בלעטער.

קראָפ — דער גוידער פונ אנ אינדיק. יאטרעט זיכ — אײַטערט זיכ.

אווידע — ארבעט.

מעכוערעס — בוכשטעבלעכ: מיִעסקײַט. דאָ געמיינט אינעמ פארקערטנ זינ: א שיינע פרוי. פילינצעס — רויטע וואלד-יאַ-גערעס. לאקעטקע — נאשערײַ. לוי האָיאָ — געמיינט: עס הייבט זיכ גאָר ניט אָנ. עס ווערעסעדט — עס לויפט אינ מויל שפײַעכצ.

3

פארוואָר — בעעמעס.

פּיזעמ — מוסקוס־טראָפּנס, וועלכע מע גיט איַין אפ צו מינטערן א טויט־קראנקן.

אקאָרע — א פרוי, וואָס קאָן ניט האָבן קיין קינדער. סילעקן — דעקן, אָפּצאָלן. שיינע־מוירינע — געמיינט: א פּרומאק, א יאכסן. פּיירושימ — אויסטיַיטשונגען, באטיַיטן. לאָד מיך צום אונעסאנע־טויקעפ — א פאָלקס־ווערטל, וואָס באטיַיט: טו, וואָס דו ווילסט, עס וועט דיר גאָרניט העלפן. קוימעמ:עס — דאָ: טו מיר, וואָס דו קאָנסט, איך וויַיז דיר א פיַיג.

4

וידגו — און זיי זאָלן זיך פישלען — א ווערטערשפּיל. דאָס וואָרט וידגו שטאמט פונעם העברייִשן ווערב דגה און באטיַיט: זיי זאָלן זיך מערן, פרוכפּערן; אלטער מיינט, אז דער וואָרצל איז דער העברייִשער סובסטאנטיוו דג — פיש, און ער טיַיטשט עס: זיי זאָלן זיך פישלען.

„אפן הימל א יאריד" — אזא פראזע שטייט אין ערגעץ ניט געשריבן; דאָס איז א פאָלקס־ווערטל, וואָס באטיַיט: אן אויסגעטראכטע זאך, א באָבעמיַיסע.

קאמייעס — אמולעטן. סאָרע באס־טויוימ — א לעגענדארע פּארפאסערן פון וויַיבערשע טכינעס. קאלענדעוועג (פון „קאָליאדעווען") — דאָ: ארומגיין פון איינעם צום אנדערן.

מיט דער גאנצער מוירינע — מיטן גאנצן טיטל.

מינ הא שאָמאַימ — פון הימל. געמיינט: פון גאָט. מיזמער — געזאנג. דאָ געמיינט: לויב־געזאנג.

גמ זו לטובה — דאָס איז אויך צום גוטן. קעמינהעג ייִד — ווי עס פירט זיך בא ייִדן. יעפייפיִע — א שיינע פרוי. זאמדפּאטשערקעס — גלעזערנע קלייניקע פּאטשערקעס.

5

מעזאקע זײַנ — געמיינט: באשענקענ, באגליקנ. **רעקרוטנ־נעמענ** — דאָ געמיינט: „מאָביליזירנ“. **מעפורסעמעס** — בארימטע. **אנדרויגענעס** — הערמאפראָדיט. **א צווייער** — א קאָפקע (צוויי גראָשנ); **א דרײַער** — אָנדערהאלבנ קאָפעקעס. **קרישמע־לייענענ** — מענדעלע רעדט דאָ וועגנ דעמ מינהעג צו קומענ „לייענענ קרישמע” בא דעמ בעט פונ א קימפעטאָרנ.

שטשאָגעל — אנ אויסגעפוצטער. **האסלע** — אויסרופ, אָנזאָג. **וויבאָרעס אפ גלאסנעס** — געמיינט: וואלנ פונ ראטמענער אינ שטאָט־דומע. **באלדייע** — דייע־זאָגער, אווטאָריטעט. **טשאקנדיק** — מיט קנאק, מיט גלאנצ. **היסמאנעס** — דאָ: קאָהעלשע שטעלע. **בעיעכידעס** — איינער אליינ.

6

א זעקסער — זעקס גראָשנ, דרײַ קאָפעקעס.

א טרעסע — א טרייסל. **כאפערס** — אינ ניקאָלײַ I צײַטנ זײַנענ געווענ ספעציעלע קאָהעלשע „כאפערס“ („לאָווצעס“), וואָס פלעגנ כאפנ אָרעמע קינדער אונ אָפגעבנ זיי פאר רעקרוטנ.

אויסנעמעניש — דאָס ארויסנעמענ די סייפערטוירע פונ אָרנקוידעש צומ לייענענ אינ איר דעמ אנטשפרעכיקנ קאפיטל.

שרײַ כײַוועקײַעמ — באטײַט: מעגסט שרײַענ, וויפל דו ווילסט, עס וועט סײַווי ניט העלפנ.

געבליבנ ווי אפ דער מילכעדיקער באנק — באטײַט: געבליבנ מיט גאָרניט. **מיסאסקימ** — טוער, קלאל־טוער.

נישט צומאכנ מיט אימ קיינ פיל האסבאָרעס — ניט ארײַנלאָזנדיק זיכ אינ ברייטע דערקלערונגענ. **טכילעס־האלײַלע** — אָנהייב נאכט; אינ אָוונט. מע... **מאכט זיוווגימ** —

מע פּאָרט צונויף. געכאַפּט דעם סטרי — געכאַפּט דעם שניט. לאָמדיש — ווי א טאַלמודיש געלערנטער. אין מאַכשאָוועסן — פאַרטראַכטערהייט.

7

שאָפל — דאָ: זייער שלעכט. מאַלאָסוי — „זײַן ווערדע", „זײַן קאָוועד"; א פאָרם צו טיטולירן. טיטע — ברוסט (קינדער-שפּראַך). איין ברירע — ניטאָ קיין אנדער אויסוועג. סטעכעווען — בײַטן, טוישן.

כילעף — בײַט.

רומל-ספאָרים — גאַנגבאַרע ביכער אף העברייִש און ייִדיש, וואָס פלעגן אָפט איבערגעדרוקט ווערן.

ראַשע, דימענט, פּערל, פּראָקים, גרוים און קליין וועליש — מינים שריפטן, וואָס צייכענען זיך אויס איינס פונעם אנדערן לויט דער גרייס און פאָרם.

פאַרווענדטע — צעמישטע, פאַרפּלאָנטערטע. אָצ-קויציוצלאָשן — געמיינט: אַן אומפאַרשטענדלעכע, פאַרפּלאָנטערטע שפּראַך. כשיוועס — וויכטיקײַט.

שיר-האַמײַלעסן — אין געגעבענעם קאָנטעקסט: פּאַפּירלעך מיט אָפּגעדרוקטע אנטשפּרעכיקע קאַפּיטלען טילים, וואָס מע פלעגט אָבערגלויביש אופהענגען איבערן געלעגער פון א קימפּעטאָרן, קעדיי ניט צוצולאָזן קיין שיידים צו איר און צום קינד. האַוודאָלעס — געפלאָכטענע וועקסענע ליכט, וואָס ווערן אָנגעצונדן שאַבעסצו-נאַכטס באַם זאָגן די טפילע „האַוודאָלע". בליטשקענע — וואָ-לענע.

אנײַנו — א טפילע. „קטוירעס" — דאָ: א טפילע. שוואַכ — לויב. שירע — א לויב-געזאַנג. הײַעט ניט — פאַרזאַמט ניט, פאַר-ציט ניט.

עס גרימט זיי — עס רעגט אוף, דערצאָרנט. קויעך-האַמע-דאַמע — פאַנטאַזיע.

8

„דרײַ וואָכנ" — דרײַ טרויער-וואָכנ, פונ 17-טנ טאַמוז ביזנ 9-טנ אָוו, פאַרבונדנ מיטנ כורבנ פונ יערושאָלאַיִמ. בעיִמ — אויב, טאָמער. א בענטשעריל — א ביכעלע מיט טפילעס אפ צו זאָגנ נאָכנ עסנ. טרייבערנ — דאָ: אָפּרייניקנ דאָס פלייש פונ די אָדערנ, עס זאָל ווערנ קאָשער.

לעמעשקע — זייער א שיטערע קאַשע. וויטענ זיכ — באַגריסנ זיכ. יאַשער-קויעכ — א דאַנק-פאָרמ, א צווינטשנ געזונט.

„ציני באַטשילי, טשויעש, טוטעטשקי זשידקא אימ קינאַמי? קאַזשי-נאָ טשילאָוויטשעו!" — האָט איר ניט געזענ, הערסטו, א ייִדנ מיט פערד? זאָג נאָר, מענטש! פוראָניעס — אומגליק, גאָטס שטראָפ, אָנשיקעניש. יעוואָרעכעכאָ — ער זאָל דיכ בענטשנ; דאָ אינעמ פאַרקערטנ זינ: כאַפּט דיכ דער טײַוול. סטאַנאָוואָי (סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו) — אנ עלטסטער פאָליציי-אַמט איבער א טייל פונ אנ אויעזד (סטאַנ) אינעמ צאַרישנ רוסלאַנד.

9

קיצווע — א באַשטימטע כווידעשלעכע נעדאָווע. הײַלנדיק — וואָיענדיק.

מאַטויווו — דער אָנהייב פונ א טפילע. דער באַטײַט פונ אָט די ווערטער איז: „ווי גוט". גייענ צומ סמיק די אויערנ — געמיינט: קומט די ריי פאַר די אויערנ. מאָקעמ-מענוכע — רו-אָרט. גער — דאָ געמיינט: א פרעמדער. אויבער-האָסבאָרע — א מיינ, אנ אײַנפאַל. מייליץ — דאָ: פאַרמיטלער.

א קאַלטע מומע — ניט קיינ לײַבלעכע מומע, נאָר א פּעטערס א ווײַב. מעוויִעש ווערנ — פאַרשעמט ווערנ. שאָול האָט געזוכט אייזלענ און געפונענ די מעלוכע — דער אויסדרוק שטאַמט פונ דער ביבלישער לעגענדע וועגנ דעמ, וויאַזוי עס איז געזאַלבט געוואָרנ דער ערשטער ייִדישער קיניג שאָול. געַ-

הינעט — לאנג געזאמט זיך, פארפאלן געוואָרן. פעריסטעקו — א פארשיידנקאָליריקע קו.

האָרנעם־קאָרנעם — איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ. ניִמער ערגער — האלעווײַ זאָל קיינמאָל ערגער ניט זײַן.

א „מיזרעכ" — א בילד מיט פארשיידענע פסוקים, געמאָלטע בײַעס און אָרנאמענטן, וואָס פלעגט הענגען בא רעליגיעזע יידן אפ דער מיזרעכדיקער וואנט. האָמאָן — א פערסאָנאזש פון דעם ביבלישן בוך „מעגילאס־עסטער". די העכסטע רעגירונג־פערזאָן באם פערסישן קיניג אכאשווייראש; האָט געוואָלט אויסראָטן אלע יידן. מאָרדעכײַ — א פערסאָנאזש פון דער זעלביקער מעגילע. דער מאלקע עסטערס א שוועסטערקינד, וואָס האָט זי אופגעצויגן. אדאנק דעם קיניגס ליבע צו עסטערן זײַנען די יידן ארויסגעראטעוועט געוואָרן פונעם אומגליק, האָמאָן איז אופגעהאנגען געוואָרן און מאָרדעכײַ האָט פארנומען זײַן אמט.

טיזליק — אן אויבערבעגער. „מאָנדרוש" — א קלאָון, א וויצן־זאָגער אין די פאָלקסטימלעכע אכאשווייראש־שפּילן, וואָס פלעגן אופגעפירט ווערן פורים. זערעש — האָמאָנס ווײַב. אין די רעליגיעזע קאריקאטור־בילדער ווערט זי געמאָלט מיט א נאכט־טאָפּ. פּויטיפערס ווײַב — לויט דער ביבלישער לעגענדע, דאָס ווײַב פונעם מיצרישן (עגיפּטישן) פירשט פּויטיפאר: זי האָט געוואָלט פארפירן יויסעפן, וואָס איז געווען א דינער בא איר מאן. לולעוו — פּאלמען־צווײַגל, ווערט באנוצט באם דאווענען אינעם רעליגיעזן יאָמטעוו סוקעס.

לאדיש — קרוג.

באָלאָק — א סעדרע פונעם ביבלישן בוך „באמידבאָר". וואָס האָט אזוינס באָלאָק געשיקט זאָגן? — די ביבלישע לעגענדע דערציילט, אז באָלאָק, דער קיניג פון מויאָוו, האָט געשיקט צום נאָווי בילאָם אים בעטן, ער זאָל פארשילטן די יידן, קעדיי ער, באָלאָק, זאָל זיי קאָנען באזיגן אין דער מילכאָמע. די דערציילונג הייבט זיך אָן דערמיט, וואָס „מויאָוו האָט געזאָגט צו די עלטסטע פון מידיאָן, איצט וועט אָט דאָס געזעמל [די בעניי־יִיסראָעל] אויסלעקן אונדזער ארום, פונקט ווי דער אָקס לעקט אויס דאָס גראָז

אין פעלד״. דער אמעראצישער מעלאמעד האט דא אליינ געפלאנטערט.

קילכויכ האשויר — ווי דער אקס לעקט אויס; בא כאיעטרײַנענ דארפ דאס הייסנ: ווי נאר עס וועט אנהייבנ צו טאגנ.

10

אויקער זײַנ — אנטלויפנ. „אינ דײַנ האנט טו איכ מײַנ זעל באהאלטנ״ — א פראזע פונעם קרישמע לייענענ פארנ שלאפנ. פריסוטסטוועס — געמיינט: מעלוכע-אנשטאלטנ. אדוינים — הארנ.

11

פלוכנ — שילטנ. לעיעסער ביטאכנ — פונ גרעסערער זיכערקײַט וועגנ.

שיקער-לאט — באטײַט: טויט-שיקער. אבערדריקעס, שלייעס — טיילנ פונ געשפאנ. גיינ אפנ דראנזשיק — גיינ צוגעשפאנט. איקעוו — אפּהאלט, שטערונג. בײַטנ זיכ די יאצרעס — געמיינט: בײַט זיכ די לאגע.

12

באל-לאשנ — א מענטש מיט א שיינעמ סטיל. פיזמענ — דא: ליד, פאעמע.

שיר-האשירימ — דאס געזאנג פונ די געזאנגענ, איינס פונ די ביבלישע ביכער. א פאעמע, אינ וועלכער עס ווערט באזונגענ די ליבע צווישנ א פאסטעכ מיט א פאסטושקע. די רעליגיעזע טראדיציע האט די דאזיקע וועלטלעכע פאעמע אויסגעטײַטשט אפ א רעליגיעז-אלעגארישנ אויפנ.

אד קאנ — ביזדאנענ; ווײַטער נישט. די קיילע — דא, געמיינט: די שטימע. מעקײַעמ-פסאק זײַנ — דא: ארײַנטיילנ א ביילעק.

להנגידה המפורסמת שאר-בשרי הצנועה מרת חיה-טריינע — צו דער בארימטער נעגידע, מיין קרויווע, דער צנוע-דיקער כאיע-טריינע. א טראדיציאנעלער טיטל פאר א ווענדונג אין א בריוו. דער גאנצער בריוו איז אנגעשריבן אינעם טראדיציאנעלן בריוו-סטיל, מיט א געמישטער העברעיש-יידישער שפראך. הנה — אט. בעקאוו האברע — געזונט. בארוך-הו — געבענטשט איז ער. כעסעד — גנאד. יעשועס ווענעכאמעס — הילף און טרייסט. זאלן מעריכ יאמימ וועשאנימ זיין — זאלן לאנג לעבן. אוביפראט לבתכם הכלה הבתולה מרת — און באזונדערס אייער טאכטער, דער קאלע, דעם פריילן. אימ האביידלעך — מיט די ביידלעך. וועהאשייניס — צווייטנס. האסוסימ — די פערד. בעלכם — אייער מאן. נ"י (נרו יאיר) — זיין ליכט זאל לייכטן. כל דבר שורש — געמיינט: מיט אלע פראטים. היום — היינט. קעפי המדובר — ווי עס איז געווען אפגערעדט. מצדו — פון זיין זייט. אוביפראט בתכם הכלה המושלמת — און באזונדערס אייער טאכטער די קאלע די פולקומע. זוגאסי — מיין פרוי. „תחינה חדשה על הפרנסה"—א נייע טכינע וועגן פארנאסע. „תחינות אמהות שרה רבקה רחל ולאה"—א געבעט, וואס ווערט צוגעשריבן צו די אורמוטערס. גם — אויך. „מעין טהור"—א בוך מיט רעליגיעזע געזעצן וועגן דעם, וויאזוי די פרוי דארף זיך אופירן אין די מענסטרואציע-טעג און ביכלאל אינעם געשלעכטלעכן לעבן. שלכם— אייערע. האוואלענע זאקן שלי — מיינע וואלענע זאקן. הא-ביטש שלי — מיין ביטש. בעהאאלקערל שלכם — אין אייער אלקערל. בתכם — אייער טאכטער. הקטון — קליינער, מינ-דערווערטיקער מענטש. א טראדיציאנעלע אונטערשריפט-פארם אין א בריוו.

13

מעקאבלימ — „בעקאוועדיקע" בעטלער. גאבעטעס — ווייבער, וואס קלייבן נעדאוועס פאר נויטבאדערפטיקע. קנייטלעכ-לייגערנס, פעלד-מעסטערנס — די, וואס מעסטן מיט א פא-

דעמ קוואָרימ פונ „הייליקע“ אפנ בעסאַלמענ. פונ די פּאָדעמ מאַכט מענ קנייטלעכ אינ ליכט, וועלכע מע צינדט אָנ אינ בעסמעדרעש, אונ דאָס דינט אַלס הײלונג פאַר געפּערלעכ קראַנקע (אָנ אָבערגלױ-בונג).

קאָדע — דער פּעטער הינטערשטער טייל פונ א שאָפ.

העקדעש — א קאָהעלש הויז פאַר אָרעמעלײַט, אָרעמע זקיינימ.

א פּלעט — אָנווײַזונג (בילעט) אפ אנ אָרט (בא א באַלעבאָס) צומ עסנ. **הילכעס** — די געזעצנ, געננ. **א פּריצ** — א „גרינער“, א ניט באַהאַוונטער. **ארײַנ אינ דער גאַרגערעם** (האַלדז) — אײַנעסנ זיכ, ארײַנקריכנ אינ דער נעשאָמע. **קאָשע** — שווער צו פאַרשטיינ, ווידערשפּרעכיק. **דראַלנ, הוילעכנ מיט די ראַגלאַימ** — גייענ צופוס.

נעסינעס — געמיינט: געלט-צאָלונגענ פאַר די קלײקוידעש. **מישנײַעס** — דער עלטסטער טייל פונ טאַלמוד. דאָ איז געמיינט דער מינהעג צו לערנענ מישנײַעס ביים יאָרצײַט. **„קאַדיש“** — א לויב-געזאַנג צו גאָט. זאָגנ די טפילע „קאַדיש“ נאָכ א געשטאָרבענעמ זײַנענ מעכוייעו דעמ געשטאָרבענעמס זינ. אויב קיינ זינ זײַנענ ניטאָ, דינגט מענ עמעצנ (א „געדונגענער קאַדיש“).

„ביצה“ — א טאַלמודישער טראַקטאַט. **עסנ טעג** — עסנ אומזיסטע קעסט, יעדנ טאָג אינ דער וואָכ בא אנ אנדער באַלעבאָס. אזוי פלעגנ זיכ שפּײַזנ יעשיוועבאָכערימ. **דאיאָנימ** — געהילפ-ראַבאָנימ. **כעדווע** — פרייד.

אײניקלעכ — שנאָרערס, וואָס גיבנ זיכ אויס פאַר אײניקלעכ פונ באַוווסטע רעבײַמ. **יערושאלמימ** — יערושאָלאַימער יידנ, וואָס פלעגנ ארומפאָרנ אונ זאמלענ געלט פאַר די יערושאָלאַימער יעשיוועס אונ אָרעמעלײַט, אָדער פאַר זיכ. צומאָל פלעגנ זיכ שווינדלער פאַרשטעלנ פאַר „יערושאלמימ“. **קסאָווימ** — געשריפטסנ, צײַגענישנ. **באַלע-מאַגײַעס** — קאָרעטאָרנ. **יעמוד עמ כל הקבצנימ** — געמיינט: צוזאמענ מיט אלע קאַפּצאָנימ. פּאַראָדירט די פאָרמ פונ סימכעסטוירעדיקנ אופרופנ צו דער טוירע א דערוואַקסענעמ מענטשנ מיט אלע יינגלעכ.

14

טארפאט אלאָפימ טאָלער — געמיינט: זייער א גרויסע סומע געלט.

מערידע — בונט. שמייליקע — פאראָדירטע פארקריפלונג פונ „הייליקע".

אײשעס-איש — א מאנס א פרוי. א גוט-אויג — געמיינט פארקערט: אנ איינאָרע, א בייז-אויג. שאבעס-שטעכ — גרויסע, גיבע שטעכ, געמאכט אינ איילעניש, ווענ מע האָט מוירע, אז מע זאָל ניט באוויַזנ פארטיק ווערנ ביז שאבעס. סיור-ביור ומפליא לעשות — געמיינט: אינ דער גיכ, אינ איילעניש.

אכבעראָש — אייגנטלעכ: א מויז.

15

קיטל — א ווײַס, ברייט און לאנג העמד, וואָס פרומע יידנ פלעגנ דאָס אָנטאָנ פייסעכ צומ סיידער, ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער צומ דאוונענ. שאצ — אויצער.

געקאָשקעט — ארויסגעוויזנ גרויס ליבלעכקייט. צולאָנטשענ — צוגעווינענ, צוציענ.

טכיעס-האמייסימ — דאָס צוריק לעבעדיק ווערנ פונ די טויטע לויט די יידישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ. פלאכענענ — וויינענ. טעלעמעטשע — א קלאפּ, א זעצ (גנייוויש לאָשנ).

א קעזאיס מאָרער — א קליינ שטיקל ביטערע קרייטעכצער. א „פּאָלקע" — א פוס, געוויינלעכ פונ אנ אָפּ.

16

רייסנ קריִע — דאָ געמיינט: אקערנ די ערד מיט דער נאָז, אוועקלייגנ די קויכעס. דאָוויד-האמעלעכס טילימל — לויט דער רעליגיעזער טראדיציע, איז דאָס ביבלישע בוכ „טעהילימ" פאר-

פּאַסט פונעם קיניג דאָוויד. לאַפּנמיץ — א היטל מיט צוויי קלאַפּעס באַ די זײַטן פאַר די אויערן.

ווייסט ער נישט מאי דקאמרי רביצין — פּאַראָדירטער פּאַראַפראַז פון דער טאַלמודישער פראַזע: „מאי דקאמרי רבנן" — וואָס די לערער זאָגן. דאָס באַטײַט: ער פאַרשטייט גאָרניט.

כאַראָמעס — וויסטע קלאָלעס.

פּיסקעס — א שטאָט-טייל אין באַרדיטשעוו (באַ מענדעלען: גלופּסק). קאָלנידרע-באַרעלעך — קליינע ווילדע באַרלעך, וואָס ווערן פאַרקויפט דורכגעפוילטע. ערעציסראָעל-עפּעלעך — אַנדערש: גאַניידן-עפּעלעך.

טשאַקנדיק — ווי עס דאַרף צו זײַן, אויסגעצייכנט.

17

ביקער-כוילים — דאָ געמיינט: א שפּיטאָל. מאַזשגיעך — אויפזעער. וואַשטי האַמאַלקע — די קיניגן וואַשטי פון דער ביבלישער „מעגילאַס-עסטער", דעם פּערסישן קיניג אַכאַשווייִרעשס ווײַב. דאָ געמיינט: א פּערסאָנאַזש פון די אַכאַשווייִרעש-שפּילן, אין וועלכע מענער פלעגן שפּילן אויך די פרויען-ראָלן.

מאַלאַכײ-כאַבאָלע — די מאַלאָכים, וואָס פּײַניקן, לויט געוויסע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, דעם מענטשן נאָכן טויט. אויסשײַגעצן — אויסזידלען.

מעגולגל ווערן — דאָ: פּלוצלינג אַרײַנפאַלן ערגעץ-ווו. העסעבעט — א ספּעציעל מיט קישנס אויסגעבעטס זיץ-אָרט, אַף וועלכן דער הויפּט פון דער מישפּאָכע זיצט באַם אָפּריכטן דעם סיידער פּייסעך אין אָוונט.

18

זיך געמינעט — דאָ: געקווענקלט זיך. בילאָמס אייזל — א ביבלישע לעגענדע וועגן דעם, ווי בילאָמס אייזל האָט פּלוצים אָנגעהויבן ריידן.

„יעקום-פורקן" — **„טיקאנטאָ-שאבעס"** — שאבעסדיקע טפילעס.

רעב לייב סאָרעס — א כסידישער רעבע. וועגן אים איז בא די כסידים פאראן א סאך לעגענדעס. איינע פון זיי דערציילט, אז לייב סאָרעס האָט געמאכט א קינסטלעכן מענטשן פון ליים (א גוילעם) און האָט אים לעבעדיק געמאכט, ארײַנלייגנדיק אין אים א צעטעלע מיט גאָטס נאָמען (דעם **שעם-האמפוירעש**). דער גוילעם פלעגט אויספילן אלץ, וואָס לייב סאָרעס האָט אים געהייסן.

א נײַדער געבן — געבן א פײַערלעכן צוזאָג, וואָס האָט רעליגיעזע גילטיקײַט.

באקומען א בערדע — פארשפילן.

אָסער-כאזער — ווי כאזער איז פארווערט; געמיינט: אין קיין פאל נית. **פאָלעש** — פירהויז פון בעסמעדרעש.

שאָלעם-אלייכעם — דאָ: א רעליגיעזער געזאנג, וואָס ווערט געזאָגט פרײַטיקצונאכטס באם קומען פון שול אהיים. **אשת חיל** — דאָ געמיינט: פסוקים פונעם ביבלישן בוך „מישלײ", דאָס איז א לויב-געזאנג דער פרוי (ווערט אויך געזאָגט באלד נאָך די „שאָלעם-אלייכעמס"). **וואַרשעווער זילבער** („פראזשע") — מעש, באדעקט גאלוואניש מיט זילבער.

19

שאָלטיק — אן אויסגעלאסענער. א פוסטעפאסניק. **געוויכן** — אויסגעמיטן.

מעכאלעל-שאבעס זײַן — פארשוועכן דעם שאבעס; טאָן אן ארבעט, וואָס איז פארבאָטן צו טאָן אום שאבעס.

באלדאָווערן (גאנאָווים-שפראך) — טייטן.

בען-זאָכאָר — א זון. דאָ געמיינט: די פײַערונג פונעם געבורט פון א יינגל, וואָס קומט פאָר דעם ערשטן פרײַטיק אפ דער נאכט נאָך זײַן געבוירן. **געטראָגן דאָס פאטשיילכן אום שאבעס** — לויט דער יידישער רעליגיע איז דאָס שטרענג פארבאָטן.

קעלעוו שעביקלאָווימ — געמיינט דער ערגסטער הונט.
כאזאָקע — בילכער-רעכט.

20

א פעניג — א קליינע דײַטשישע מאטבייע. געמיינט: א גראָשנ.
קנופיע — כעוורע, באנדע.
דאמ-סאָנימ — סאָנימ ביז בלוט. מיר איז פאָרגעקו-מענ — ס'האָט זיכ מיר פאָרגעשטעלט.

21

ניכפע — עפילעפסיע, קאָנוווּלסיעס.
קאָל-וועלאָכ — געמיינט: א גאנצער מאכער, רעדלפירער.
די שול, ווּ עס דאווענענ אצינד די מייסימ — אנ אָבערגלויבנ, אז נאָכ האלבער נאכט קומענ די מייסימ אינ די שול אונ דאווענענ דאָרט, ביז דער האָנ קרייט אפ טאָג.
קסובע — א הייראט-קאָנטראקט, וואָס דער מאנ גיט ארויס, לויטנ יידישנ רעליגיעזנ געזעצ, דער פרוי בא דער כאסענע, דאָרט איז אָנגעוויזנ, אז אינ פאל פונ א געט איז ער איר מעכויעוו אויסצאָלנ א געוויסע סומע געלט.
טכילעס — פונ אָנהייב. פארלעקט — שיקערלעכ.

22

געקאָטערט — געמאטערט. מאנקאָליע — פארגרײַזט פונ „מעלאנכאָליע". א באלשעמ — א וווּנדער-טוער.
איז פארטראָגנ אינ דייזשע-באָרשטש — איז פארנו-מענ מיט קריגנ פאר זיכ שפּײַז. רייזשיס-כאָכמע — דאָ באטײַט: פריער פונ אלצ. טאָרעד — פארנומענ. שלוישימ — די ערשטע 30 טעג טרויער נאָכ א געשטאָרבענעמ.
שאָלויש סודעס — דרײַ סודעס, וואָס מע דארפ, לויט

דער רעליגיִעזער טראַדיציע, עסנ שאַבעס. **לשם יחוד** — גמיינט: פונ גאָטס וועגנ. **קודשאָ-בריכ-הו** — גאָט. **שכינע** — גאָטהײַט, גאָטס גײַסט.

קוימעמיִעס — דאָ גמיינט: פראָטעסט, בונט.

23

אדם יסודו מעפר — דער מענטש שטאַמט פונ דער ערד; פונ א טפילע, וואָס מע זאָגט ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפּער. **גערא̇ל-דיע** — גמיינט: יִכעס-בריוו.

כעקיי וועם מיט האָר — פרויענ נאָכ דער כאַסענע פלעגנ, לויטנ רעליגיִעזנ שטייגער, אָפּשערנ זיכ די האָר אונ צודעקנ דעם קאָפּ מיט א טשיפּעק, א שטערנטיכל אָדער גלאַט א טיכל. שפּעטער א ביסל האָט מענ אָנגעהויבנ טראָגנ פּאַריקנ פונ פרעמדע האָר. **בישלי-מעם** — פולקום. **„מישעבייִרעכ"** — א טפילע פאַר עמעצנס ווילזײַנ. **„צוינ קאָדאָשים"** — הייליקע שאָפ, א פראַזע פונ די טפילעם „הוישײַנעם".

אוילאָמעס-געלט — געלט, וואָס עמעצער לאָזט איבער לויט א צוואָע אפ צדאָקע-צוועקנ. **סאַנדעק, מעציצע** — ערנ-פליכטנ באַם דורכפירנ די מילע-פּראָצעדור.

טענדעווערענדע — דאָ גמיינט: א שוואַרצער לאַנגער מאַל-בעש, ווי א פּעלערינקע; ענלעכ אפנ אָנטאָנ פונ די קאַטוילישע גאַלאָ-כימ. **דאַווענען קאָרכיש** — דאַווענענ „רעפאָרמירט" מיט א כאָר, לויטנ נוסעכ פונ א קאָרשול. **קליוואַנער בעטלער** — א געזאַנג-שטייגער אינ כאַזאָנעס. **„אין כמוך"** — א טפילע.

אקאָטא — אוועק!

24

שטורמאַק — טויגעניכטס. **פּאָציאַפּענ** — פּאַקנ, קריגנ.

קינע — לויז. **„פּלומפּלענ"** (גנייוויש לאָשנ) — מאַכנ אומ-באַוועגלעכ; הארגענענ.

טקיִע-געדוילע — דאָ גמיינט: דער לעצטער אקאָרד.

25

קעצאפּיכים — דאָ געמיינט: עפּעס אנ אויסטערלישע, אומ-באוווסטע זאכ.
אמנמ חטאתי — איכ האָב טאקע אפאנעמעסנ געזינדיקט.

מא שמייכעמ?

מא שמייכעמ? — ווי איז אײַער נאָמענ? **זיכ מעשאדעכ זײַנ** — שליסנ א שידעכ, ווערנ מעכוטאָנימ. **ביטל** — א וואנע, א שעפליק. דער **מאלעכ-האדוימע** — דער מאלעכ, וואָס, לויט א פארשפרײַטנ אָבערגלויבנ, באגעגנט אפ יענער-וועלט די נעשאָמעס פונ די געשטאָרבענע. **ניט מעשאנע** געווענ — ניט געענדערט. א **באָסערוועדאָמ** — פלייש אונ בלוט, א מענטש.

בעכאָל טפוצעס יסראָעל — אומעטומ, ווו יִדנ זײַנענ צעשפּרייט. **באנק-קוועטשער** — געמיינט: א יעשיוועבאָכער. דער **צוויאטשער** — געמיינט: דער צוויאטשער רעבע. זײַנענ **מעכולעק** געווענ — געהאט מיינונג-פארשיידנהײַטנ. **צומ ערשטנ ליכטל** — געמיינט: צומ ערשטנ טאָג כאנעקע. **די קריעס** — די פרעסט. **דער אלטער** — געמיינט: א באוווסטער כסידישער רעבע. **זיכרוינוי-ליוורעכע** — געבענטשט זאָל זײַנ זײַנ אָנדענק. **ניסטאלעק** געוואָרנ — געמיינט: געשטאָרבנ. **„זויס-כאנעקע"** — געמיינט: דעמ אכטנ טאָג כאנעקע.

אראָפּגיינ פונ קעסט — אופהערנ עסנ קעסט באמ שווער. א **כאלפנ** — א געלט-בײַטער; פּראָצענטניק. א **פּסאָמימ-קרעמערל** — א באקאליי-קרעמערל. **זיכ מעפארנעס זײַנ** — האָבנ פּארנאָסע. **קאָפּלשמוינעדיקע** — געמיינט: אינ אכטנ געפלאָכטענע. **הייעלעכ** — קינדער-קאמייעס, אמולעטנ, אפ וועלכע אינ צענטער איז געווענ אָנגעשריבנ אָדער אויסגעקריצט (אפ מעטא-לענע) א „ה". מע פלעגט זיי טראָגנ אלס סגולעס אפנ האלדז.

וואָלפ(נ) ציינדלעכ — ביינערנע ציינדלעכ, וואָס מע פלעגט אָנ-טאָנ קליינע קינדער אפנ האלדז; א סגולע קלוימערשט צומ וווקס פונ די ציינ.

מיקאמע-וועקאמע שאָנימ — זײַט אסאכ יאָרנ. **א סבאָר-שטשיק** — אנ אופמאָנער פונ שטײַערנ; זאמלער אפ הויצאָעס פאר די שטאדלאָנימ. **א פײַנע-בעריע** — געוויינלעכ מיינט דאָ מענ-דעלע די קאָהאָלמ-לײַט.

ווי א בייזנ שילינגער — ווי א שלעכטע (פאלשע) מאט-בייע, וואָס יעדער היט זיכ פאר איר. **איקער שאָכאכטי** — דעמ איקער האָב איכ פארגעסנ.

אינהאלט

ה. רעמעניק — אריינפיר־וואָרט 3

מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי

האקדאָמאס מענדעלע מוכער־ספאָרימ 9

דאָס ערשטע קאפיטל. ווער דער ביניאָמינ איז, פונוואנענ ער איז, אונ ווי די נעסיע האָט פלוצלימ צו אימ זיכ גענומענ 14

דאָס צווייטע קאפיטל. ווי ביניאָמינ ווערט א קאָדעש אונ זעלדע אנ אגונע 23

דאָס דריטע קאפיטל. ווי ביניאָמינ סקאָמפאניעט זיכ מיט סענדערל דער יידענע 35

דאָס פערטע קאפיטל. ווי ביניאָמינ מיט סענדערלענ פאר־לאָזנ טוניעיאדעווקע 49

דאָס פינפטע קאפיטל. וואָס מיט אונדזערע פארשוינענ פאסירט זיכ באלד באמ ערשטנ ארויספאָר 56

דאָס זעקסטע קאפיטל. ווי אונדזערע פארשוינענ פאר־שלעפנ זיכ קיינ טעטעריווקע אונ ביניאָמינ כאפט א פאטש . 71

דאָס זיבעטע קאפיטל. ווי צוליב ביניאָמינענ ווערט אנ איבערקערעניש אינ דער פאָליטיק 81

דאָס אכטע קאפיטל. ווי אונדזערע פארשוינענ זיינענ ארומגעגאנגענ איבער די הייזער 89
דאָס ניינטע קאפיטל. ווי זכוס־אָוועס האבנ פאר אונדזערע פארשוינענ זיכ געלייגט 93
דאָס צענטע קאפיטל. הורא, רויטע יידלעכ! . . . 105
דאָס עלפטע קאפיטל. כידושימ וועניפלאָעס אפ דער פיאטיגנילעווקע 118
דאָס צוועלפטע קאפיטל. ווי מע פירט אונדזערע פאר־שוינענ אינ באָד 129
דאָס דרייצנטע קאפיטל. זעלנער זיינענ, נעבעכ, אונדזערע נויסימ געוואָרנ 143
דאָס פערצנטע קאפיטל. אויס קאלע — ווייטער א מויד! 153

פישקע דער קרומער 157

מא שמייכעמ? 379

אָנמערקונגענ אונ דערקלערונגענ — א. פרומקינ . . . 386

Менделе Мойхер-Сфорим
Путешествие Вениамина III
Фишка Хромой

Редакторы
А. Ю. Гонтарь, Л. А. Юдкевич
Художественный редактор **А. В. Лепятский**
Технический редактор **В. С. Гриненко**
Корректор **М. А. Иткович**

*

Сдано в набор 12/XI 1959 г.
Подписано в печать 10/XII 1959 г.
Бумага 70×108 1/32—13,25 печ. л.—18,15 усл.
печ. л. 17,1 уч.-изд.+1 вклейка=17,14 л.
Тираж 30 000. Цена 6 р.

Гослитиздат
Москва, Б-66, Ново-Басманная, 19.

*

Московская типография № 3
«Искра революции»
Мосгорсовнархоза.